STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04663

ERSHTER SHNIT NOKHN SHTUREM

O. Rapoport

Permanent preservation of this book was made possible
by Sheldon L. Baskin
in honor of
Samuel J. & Hadassah Baskin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראַפּאַפּאָרט



ערשטע שניט נאָכן שטורעם

פֿאַרלאַג
„פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור"
פּאַריז 1948

FIRST HARVEST AFTER THE STORM...

by

O. RAPOPORT

(All Rights Reserved)

Copyright
"FRIENDS OF THE JEWISH LITERATURE,"
Melbourne, Australia

Printed by A. Maller, Excelsior Printing Works,
634 Burwood Road, Hawthorn East.

I

תנך-אימפּראָוויזאַציעס

א) וועגן תנ"ך

אויף דער וועלט איז דאָ בלויז איין בוך, וועגן וועלכן מען קאָן (און מען דאַרף) אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע ענציקלאָפּעדיע. און נישט צוליב יראת הכבוד, נישט דערפאַר, ווייל דאָס איז „דאָס בוך פון די ביכער" — דער תנ"ך, נאָר צוליב צוועקמעסיקייט, ווייל דאָס דאָזיקע בוך איז ענציקלאָפּעדיש לויט זיין אינהאַלט און לויט זיין ווירקונג אויף דער קולטור אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. עס איז גענוג אָנצוווייזן דערויף, אַז דער תנ"ך איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף מער ווי טויזנט שפּראַכן און דיאַלעקטן, כדי פאַרצו־שטעלן זיך דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער ווירקונג, וואָס דאָס דאָזיקע בוך האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

און ווירקלעך: ווען מען שטודירט די געשיכטע פון קולטור און די געשיכטע פון דער מענטשהייט באַמערקט מען מיט פאַרוווּנדערונג, אַז כמעט אין יעדן געביט שטויסט מען זיך צונויף מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער ווירקונג פון תנ"ך.

עס וועט נישט זיין קיין איבערטרייבונג צו זאָגן, אַז עס איז נויטיק אַ ספּעציעלע ענציקלאָפּעדיע וועגן דער ביבל — אַן ענציקלאָפּעדיע, וואָס זאָל באַלייכטן די גאַנצע ווירקונג פון דאָזיקן קולטור־ראַדיאַקטיוון בוך. די דאָזיקע ענציקלאָ־פּעדיע וואָלט באַדאַרפט זיין געבויט לויט פאָלגנדיקער סכעמע: ליטעראַטור און די ביבל; באַפרייאונגס־באַוועגונגען פון דער מענטשהייט און די ביבל; סאָציאַלע פראַגע און די ביבל; אוניווערסאַליזם און די ביבל; פילאָזאָפיע פון געשיכטע און

די ביבל א. אז. וו., א. אז. וו. — דערביי וואָלט יעדע אַפּטייּ־
לונג געהאַט אומצייליקע סוב־אָפּטיילונגען: די ענגלישע ליטע־
ראַטור און די ביבל א. אז. וו.

דערווייל אָבער איז אַזאַ ענציקלאָפּעדיע נישטאָ (און אפשר איז דאָ אַזאַ, נאָר מיר איז זי נישט באַקאַנט?), וועל איך זיך באַגנוגענען מיט אַ קליינער נאָטיץ אין גייסט פון אַזאַ נויטווענדיקער ענציקלאָפּעדיע.

* * *

שוין בלויז דאָס, וואָס די ביבל איז איבערגעזעצט אויף העכער טויזנט שפּראַכן, קאָן דינען אַלס באַווייז פאַר איר ריזיקער ווירקונג אויף דער פאָרמירונג פון מענטשלעכן געדאַנק, אויף דער באַפאַרבונג פון די געפילן פון אומצייליקע מיליאָנען מענטשן, פון די ציוויליזירטסטע ביז די פּרימיטיווסטע פעלקער. עס זענען אָבער דאָ מער קאָנקרעטע באַווייזן פון דער גרויסער ווירקונג פון דער ביבל אויף די מוחות און די הערצער פון די מענטשן. דער דאָזיקער באַווייז איז — די וועלט־ליטעראַטור. אָן אַ צאָל שרייבער און פּאָעטן האָבן געשעפּט פון דער ביבל טעמעס, האָבן זיך באַגייסטערט מיט אירע געשטאַלטן. די ביבל — אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע הייליקע ביכער פון דער מענטשהייט — שטעלט נישט פאָר מיט זיך בלויז אַ פורעם פון אַ באַשטימטער רעליגיע, נאָר זי איז אַן אַלזייטיקע ליטעראַטור, אָנגעלאָדן מיט אַזאַ עשירות פון אַלמענטשלעכע סימבאָלן, אַז די אַלוועלטלעכע ליטעראַטור הערט נישט אויף צו שעפּן פון איר באַגייסטערונג.

צי דען קאָן אַ פיינפיליקער קינסטלער פאַרבייגיין פּאַסיוו אַזעלכע סימבאָלן פון מענטשלעכקייט, ווי דאָס אַרויסטרייבן אדמען מיט חוהן פון גן־עדן, ווי די געשיכטע מיט קינען, ווי די געשיכטע מיט שמשונען, ווי די געשיכטע מיט משהן? און אַ סך פון די גרעסטע קינסטלער האָבן געשטרעבט אַרויס־

צוברענגען זייערע אידייען און געפילן דורך די דאָזיקע ריינסטע קריסטאַלן פון מענטשלעכן גורל.

אָבער די ווירקונג פון דער ביבל אויף דער ליטעראַטור קומט צום אויסדרוק נישט נאָר אין יענע פאַלן, ווען דער גרויסער פּאָעט פאַרקערפּערט זיינע געדאַנקען און געפילן אין ביבלישע געשטאַלטן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט מיל־טאָנען („פאַרלוירענער גן־עדן", „שמשון"), און בייראָנען („קין"), נאָר אויך אין יענע פאַלן, ווען די ווירקונג פון דער ביבל איז מער באַהאַלטן, ווי אין פּראָלאָג צו „פאַוסטן", ווו דער גרויסער געטע באַנוצט זיך מיטן אַריינפיר צו „איוב".

הגם די אָפענע ווירקונג פון דער ביבל אין זין פון טע־מאַטיק איז זייער גרויס, דאָך איז די באַהאַלטענע ליטעראַרישע ווירקונג פון דער ביבל נאָך גרעסער. די דאָזיקע ווירקונג קאָן זיין אַזוי באַהאַלטן, אַז עס איז נויטיק שוין גאָר אַ שפּירבאַר אויער, כדי צו באַמערקן די בילדלעכע אָדער סטיליסטישע ווירקונג פון דער ביבל אויף אַן אַ צאָל מחברים, אין וועמעס געדאַנקען און געפילן עס האָט זיך איינגעוואָרצלט, פון די צאַרטסטע קינדישע יאָרן, די ווירקונג פון דער ביבל. דער מענלעכער סטיל פון דער ביבל, איר רייכקייט אין בילדער־סימבאָלן, אירע ליידנשאַפטלעכע אידייען — דאָס אַלץ איז אַריינגעדרונגען אין משך פון יאָרהונדערטער דורך אומצאָליקע אָפענע און געהיימע קאַנאַלן אין די שפּראַכן, אויף וועלכע מען האָט זי איבערזעצט און געלייענט, אין די מוחות און אין די הערצער פון די מענטשן, באַפאַרבנדיק זייער אַרט דענ־קען, זייער אַרט אויסדריקן זיך, זייער פאַרשטיין די וועלט און די מענטשן. אַלע נייע שפּראַכן זענען דורכגעדרונגען מיט ביבלישע אויסדרוקן און מעטאַפאָרעס, און אַ סך באַנוצן זיך מיט זיי, נישט חושד זייענדיק אפילו זייער אָפּשטאַם.

די ביבל איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון פּאָעזיע. אין דעם דאָזיקן פּרט זענען נישטאָ קיין מיינונגס־פאַרשידנ־קייטן צווישן דעם דייטשן קענער פון דער אַלוועלטלעכער פּאָ־

עזיע, הערדערן, וועלכער האָט אָנגעשריבן דאָס בוך „וועגן גייסט פון דער העברעאישער פּאָעזיע”, און צווישן יידן היינע, וועלכער האָט אָנגעשריבן איינעם פון די באַגייסטערטסטע הימנען לכבוד דעם גרויסן בוך — דער ביבל.

* * *

די ביבל האָט געווירקט אויפן לעבן נישט נאָר דורך דער ווירקונג אויף דער ליטעראַטור, נאָר אויך אוממיטלבאַר.

די ביבל האָט באַגייסטערט אַ סך פירער פון די פאַרשידנסטע פרייהייטס־באַוועגונגען פון דער מענטשהייט. פאַר אַ סך מעכטיקע פרייהייטס־באַוועגונגען האָט די ביבל געדינט אַלס אוממיטלבאַר געווער פון קאַמף, דערביי אַלס הויפּט־געווער, וואָס איז זייער ווירקזאַם. עס איז גענוג אָנצווייזן אויף דער ראָל פון דער ביבל אין קאַמף פון פּראָטעסטאַנטיזם קעגן דער קאַטוילישער קירכע. די ביבל איז געווען פאַר ליוטערן דאָס הויפּט־געווער אין זיין קאַמף. דאָס דאָזיקע געווער איז אויף אַזוי ווייט געווען וויכטיק, אַז ער האָט איבערגעזעצט די ביבל אויף דייטש, כדי די פאָלקס־מאַסן זאָלן האָבן אַ צוטריט צום דאָזיקן געווער און זאָלן זיך קאָנען באַנוצן מיט אים. און די ווירקזאַמקייט פון דאָזיקן געווער קאָן מען אָפּשאַצן נישט נאָר לויטן דערפאָלג פון פּראָטעסטאַנטיזם, נאָר אויך לויט דעם, וואָס ווען ליוטער האָט געוואָלט צוימען זיין באַוועגונג, וואָס איז אַוועק אַביסל צו ווייט (די פּויערישע מאַסן האָבן זיך צו שטאַרק דורכגענומען מיט דער ביבל און האָבן גענומען צו ווערטלעך אירע דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע לערעס), האָט ער זיך באַמיט קודם־כל אַרויסהאַקן פון די הענט פון די פאָלקס־מאַסן דעם געפערלעכן געווער — די ביבל. אין זיין בראָשור „קעגן די רויבערישע און מערדערישע פּויערים” שרייבט ער:

”עס העלפט אויך די פּויערים נישט דאָס, וואָס זיי פאַררופן זיך אויף „בראשית” 1 און 2, לויט וועלכע אַלע זאַכן זענען פריי און אויף איין אופן געשאַפן, און אַז מיר זענען

•אַלע גלייך. אין נייעם טעסטאַמענט האָט משה קיין אויטאָ־ריטעט נישט, ווייל דאָ הערשט האַר יעזוס קריסטוס און וואַרפט אונז אונטער מיט לייב און לעבן דעם קייזער און דעם וועלטלעכן רעכט".

אַלע סאָציאַל־באַפרייערישע באַוועגונגען, אַלע באַוועגונגען פאַר באַפרייען די מענטשלעכע פערזענלעכקייט, האָבן גע־שעפּט פון אומפאַרלעשלעכן פלאַם פון סאָציאַלן פּראָטעסט פון די נביאים און פון דעמאָקראַטישן גייסט פון דער גאַנצער ביבל. די ווירקונג פון דער ביבל איז געווען אַ צווייפאַכע: ערשטנס, פאַרמאָגט די ביבל אַ וואָרט, וואָס צינדט אָן, און צווייטנס, דאָס דאָזיקע אָנצינדנדיקע וואָרט איז געהייליקט דורכן גלויבן אין זיין געטלעכן אָפּשטאַם. אפילו אַלע גייסטיקע און סאָציאַלע באַוועגונגען אין אונזער יידיש לעבן זענען פאַר־בונדן מיטן לאָזונג „צוריק צו דער ביבל", צו אירע ווערטער, וועלכע זענען נישט צוגעדעקט מיט אַ דיקער וואַל קאָמענ־טאַרן און לעגענדעס, נאָר נאַקעט אין זייער גאַנצער ליידנ־שאַפטלעכער אוממיטלבאַרקייט.

נישט אומזיסט האָבן אויך אונזערע קאָנסערוואַטאָרן מורא געהאַט פאַר אַן אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט דער ביבל און זי איז כמעט געווען פאַרבאָטן פאַר אַ גרינטלעכן שטודיום. דאָס שטודירן די ביבל איז פאַר אונזערע ערבי־קאָנסערוואַטאָרן געווען גלייכבאַדייטנדיק מיט דער וואַרשיינלעכקייט פון אפיקורסות.

און פון זייער שטאַנדפּונקט זענען זיי געווען פולשטענדיק גערעכט. די ביבל האָט אין זיך אַ סך פון דעם, וואָס היינט האָט באַצייכנט אַלס „גאָטלעסטערנדיקע רעליגיעזיטעט". אין דער ביבל איז דאָ וויניקער הכנעהדיקע רעליגיעזיטעט, ווי פּראָ־טעסטירנדיקע. די נביאים, איוב — דאָס איז דאָך דער ליידנ־שאַפטלעכסטער בונט נישט קעגן רעליגיעזיטעט, נאָר אין נאָמען פון רעליגיעזיטעט. און אָט פאַר דעם דאָזיקן אָנשטעקנדיקן פייער פון רעליגיעזער ליידנשאַפטלעכקייט, פון רעליגיעזן פּראָ־

טעסט, האָבן מורא געהאַט און האָבן מורא אַלע קאָסערוואַ־טיווע כוחות פון אַלע פעלקער, פאַר וועלכע די ביבל איז צוטריטלעך (און פאַר וועמען איז זי נישט צוטריטלעך?).

בכלל, אין דער ספּעציעלער ענציקלאָפּעדיע וועגן דער ביבל וואָלט זיך אויך באַדאַרפט געפינען אַן אָפּטיילונג אונ־טערן נאָמען „די ביבל און דאָס יידישע פאָלק". אין דער דאָזיקער פאַרשידנאַרטיקער אָפּטיילונג וועגן די דריי טויזנט־יאָריקע קאָנגזייטיקע באַציאונגען צווישן שעפער און געשאַפע־נעם (דערביי איז דער שעפער — דאָס יידישע פאָלק — שפּע־טער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שאַפונג פונם געשאַפענעם — פון דער ביבל) וואָלט נישט קיין קליינעם אָרט באַדאַרפט פאַרנעמען דער פאַקט, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז פאַר־פרעמדט געוואָרן פון דער ביבל.

ווי ווייניק יידן פאַרנעמען זיך מיט דער ביבל און ווי ווייניק זיי קענען זי!

עס דאַכט זיך מיר, אַז איינע פון די נויטווענדיקסטע באַ־דינגונגען פאַר דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק באַשטייט אין דעם, אַז יידן זאָלן זיך אויסלערנען לייענען די ביבל אומ־מיטלבאַר, נישט דורך די פאַרשידן־קאָליריקע ברילן פון די טראַדיציאָנעלע אויסטייטשונגען. פאַרן יידישן פאָלק איז נויטיק נישט נאָר דאָס אומקערן זיך צו דער נאַטור, אויס־לערנען זיך איבערצולעבן זי אוממיטלבאַר — פאַר אים איז וויכטיק אויך דאָס אומקערן זיך צו דער ביבל, איבערלעבן זי אוממיטלבאַר, ווייל אויך זי איז נאַטור, סטיכיע, די גייסטיקע סטיכיע פון מענטשן אין איר סאַמע אוממיטלבאַרער און דער־הויבענער דערשיינונג.

די נאָענטקייט און די געוווינהייט האָבן אָפט אַ פאַטאַלע ווירקונג: זיי פאַרטעמפּן די אויפנאַם־פעאיקייט און לאָזן נישט זען דאָס, וואָס אַנדערע זען. עס איז נויטיק אַ גרויסע אָנ־שטרענגונג, כדי גובר צו זיין די דאָזיקע פאַטאַלע ווירקונג פון געוווינהייט און נאָענטקייט.

אויך מיר, יידן, זענען אין אונזער באַציאונג צו דער ביבל געפאַלן אַלס קרבנות פון אונזער נאַענטקייט און געוווינ־הייט: דאָס איז דאָך אונזער ביבל, דאָס איז דאָך אונזער אייגנס, און אַט דאָס שלעפערט איין, פאַרטעמפּט, פאַר־בלענדט. עס איז נויטיק אַ גרויסע אָנשטרענגונג, כדי אויפ־צוּוועקן אונזערע גייסטיקע חושים און איבערלעבן די אויפ־רעגונג פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט — אויפסניי! — מיט דער ביבל.

דער וועג צו אונזער אויפלעבונג ליגט דורך אַ פרישן קאָנטאַקט מיט דער נאַטור און מיט דער ביבל — מיט די דאָזיקע גרונט־יסודות פון דעם פיזישן און גייסטיקן געזונט פון מענטשן.

ב) ביבל־קריטיק

די ביבל־קריטיק איז אַ וויסנשאַפט נישט גאָר קיין יונגע: אירע וואָרצלען זענען שוין אַכט הונדערט יאָר אַלט — זיי גרייכן ביז אברהם אבן־עזראן. און נישט נאָר ביז אים — אַז מען איז גוט באַוואָפנט דערצו — קאָן מען זיי נאָכפאָלגן ביז די חכמי התלמוד.

אָפיציעל איז זי אויך נישט אַזוי יונג — איר אָפיציעלער שטאַם־פאָטער — ברוך שפינאָזאַ — איז געשטאָרבן העכער 250 יאָר צוריק.

אָבער ערשט פאַר די לעצטע הונדערט יאָר האָט זיך די דאָזיקע וויסנשאַפט שטאַרק אַנטוויקלט — ביז היפּערטראָפיע. די וויסנשאַפטלעכע קריטיק פון ביבלישן טעקסט איז אַ זאַך אַ נויטיקע און אַ וויכטיקע. אין געביט פון רעסטאַווּרירן אַ גוט־לעזבאַרן טעקסט, אין געביט פון פאַנאַנדערלייגן דעם טעקסט אויף זיינע אָריגינעלע שיכטן, וועלכע האָבן זיך צוזאַ־מענגעשמאָלצן אין איינעם נאָך אין גרויען אַלטערטום ביי די

פאַרשידענע רעדאַקציעס — אין די דאָזיקע געביטן האָט די ביבל־קריטיק אויפגעטון זייער אַ סך.

אָבער אַמאָל שווימט אויף אַ פראַגע: צי האָט זי נישט אויפגעטון שוין צו פיל?

אין זיין אַרטיקל „די שפּראַך און דער סטיל פון שעקספּירן", שרייבט מ. מ. מאַראָזאָוו:

„שעקספּירס בילדער זענען פאַר אונז שווער מיט זייער פילזייטיקער אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט, וואָס איז אונז ווייט נישט תמיד באַקאַנט. ווען ראָזאַמינדאַ — אין דער קאָמעדיע „ווי אַזוי וועט איך דאָס געפעלן" — זאָגט: „גוטער וויין נויטיקט זיך נישט אין אַ קוסט", איז כדי צו פאַרשטיין די דאָזיקע ווערטער... דאַרף מען וויסן, אַז פאַר די טירן פון די וויין־קראָמען פלעגט מען, אַלס שילד, פאַרזעצן אַ קוסט פון ווילדן וויין".

און אַזעלכע ביישפּילן ברענגט מאַראָזאָוו אַ סך. ער ווייזט אָן דערויף, אַז בלויז צוליב עם־הארצות באַמיען זיך די שעקספּיראָלאָגן אויסצובעסערן אַזעלכע „פאַרגרייזטע" טעקסטן, כדי זיי זאָלן זיך לייענען לאָגיש. ווען מען פאַרקוקט אָבער אין שעקספּירס עפּאָכע, פאַרוואַנדלען זיך אַ סך אומלאָגישע טעקסטן אין בילדער.

אָבער אויב מיר טרעפן זיך מיט אַזעלכע פאַקטן ביי שעקספּירן, וועלכער האָט געלעבט כמעט אין אונזער צייט, אין פאַרגלייך מיט דער אַלטקייט פון דער הייליקער שריפט, טאָ וואָס־זשע זאָלן מיר זאָגן וועגן תנ"ך? צי דען דאַרפן מיר נישט צוימען אונזער לאָגיק, וועלכע ווייס נאָר איר שמאָלן, גלייכן וועג? דאָס, וואָס זעט אויס צו זיין נישט לאָגיש, באַזירט אפשר אויף אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז אונז פרעמד סיי אין איר אויסערלעכער דערשיינונג, סיי אין איר אינערלעכער קלאַוויאַטור.

עס איז לייכט צו זען אפילו פאַר אַ פּשוטן לייענער, וואָס

איז נישט באוואָפנט מיטן גאַנצן כלי־זין פון דער היסטאָריש־פילאָלאָגישער ביבל־קריטיק, אַז אין די פּסוקים 9־10 פון 11־טן קאַפּיטל „קוהלת" האָבן זיך פאַרקליבן נישט אָרגאַנישע שטעלן: „פריי זיך, בחור, אין דיין יוגנט, און לאָז ווויליגיין דיין האַרץ אין דיינע בחורשע טעג, און גיי אין די וועגן פון דיין האַרצן, און נאָך דער זעאונג פון דיינע אויגן; אָבער זיי וויסן, אַז פאַר אַלעם דעם וועט גאָט דיך ברענגען צום משפּט. און טו אָפּ ערגערניש פון דיין האַרצן, און האַלט אָפּ בייז פון דיין לייב, ווייל יינגלשאַפט און יוגנט זענען אַ הויך".

עס איז קלאָר, אַז די דורך מיר אונטערגעשטראָכענע שטעלע איז אַ פרעמד־קערפּער, אַריינגעבראַכט מיט געוואַלט דורך אַ רעדאַקטאָר, וואָס איז געווען מער ייד פאַרן מחבר פון „קוהלת", און די דאָזיקע פּסוקים לעבן אויף, ווי נאָר מען באַזייטיקט דעם פרעמד־קערפּער.

און איך ספק שטאַרק, צי יהואש האָט ריכטיק איבער־געזעצט די לעצטע פאַר ווערטער „וואָרום יינגלשאַפט און די יוגנט זענען אַ הויך". אמת, זיי פּאַסן זיך אַריין אין דער שטימונג פון די צוויי פּסוקים, אָבער גיכער האָבן מיר דאָ ווידער אַ רעדאַקטאָרישע הגהה, „ווייל יינגלשאַפט און יוגנט זענען אייטלקייט".

דאָס איז ביבל־קריטיק, — יהואש גלעטיקט אויס דעם טעקסט, אָנשטאָט אים לאָזן טונקל אָדער אַרויסצוואַרפן די פרעמד־קערפּערס, אָבער ווען די ביבל־קריטיק איז שוין צו גלאַט, ווען זי רעסטאַווירט שוין צו לאָגיש דעם ביבלישן טעקסט, ווער איך פול מיט חשד צו דער דאָזיקער גלאַטיקייט.

די ביבל־קריטיק דאַרף צוגיין קריטיש אויך צו איר קרי־טיק — נישט נאָר צום ביבלישן מסורה־טעקסט.

י. ראַפּאָפּאָרט

ג) דער גורל פון יידישן פאָלק

„און וואָס איך קומט אויפן זינען וועט קיינמאָל נישט זיין: וואָס איר זאָגט: מיר וועלן זיין אַזוי ווי די אומות, אַזוי ווי די משפחות פון די לענדער, צו דינען האָלץ און שטיין. אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר, אויב נישט מיט אַ שטאַרקער האַנט, און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, און מיט אויסגעגאָסענעם גרימצאָרן, וועל איך קיניגן אויף אייך" (יחזקאל, כ', 33-32).

די דאָזיקע ליידנשאַפטלעכע ווערטער פון יחזקאל רופן אַרויס אַ ריי געדאַנקען.

מעגלעך, אַז די פעלקער טראָגן זייער גורל אין זייער פסיכיק, אין זייער כאַראַקטער, אין זייער נאַטור, אַזוי ווי יחידים.

אין יעדן מענטשן (לכל הפחות אין יענע, וואָס טיילן זיך אויס פון דער מאַסע ווי פערזענלעכקייטן) איז דאָ עפּעס אַ דעמאָנישע קראַפט, וואָס רייסט אים פאָרויס אין אַ באַשטימטער ריכטונג — ווי כוואַליעס אַ שפענדל — נישט געקוקט אויף זיין פאַרלאַנג צו זיין אַנדערש, האַנדלען אַנדערש, נעמען אַן אַנדער ריכטונג.

איינער — אַן עראָטישע נאַטור — וועט תמיד באַגעגענען אויף זיין וועג אַ פרוי, וואָס לאָזט אים נישט ווערן אַ סטאַטעק — די פרוי איז זיין גורל; אַ צווייטער קאָן טויזנט מאָל באַשליסן ביי זיך צו זיין איינגעהאַלטן אין זיינע סאָציאַלע ליידנשאַפטן, און דאָך פלאַקערט ער תיכף אויף מיט צאָרן, ווי נאָר ער טרעפט אַן אומגערעכטיקייט — דאָס איז דער טיפּ פון דאָן קיכאָט; אַ דריטער מעג זיך הונדערט מאָל געבן דאָס וואָרט צו ווערן אַ „מענטש" און לעבן ווי אַלע, און דאָך פאַרזינקט ער תמיד אין געדאַנקען וועגן דער וועלט, אָדער ער איז תמיד פאַרנומען מיט פּאָעטישע פּלענער — דאָס איז דער טיפּ פון אַ פּאָעט אָדער פון אַ פילאָזאָף.

מעגלעך, אזוי אויך מיט די פעלקער קומט פאַר דאָס זעלבע.

נישט איינמאָל אין זיין געשיכטע האָט שוין דאָס יידישע פאָלק באשלאָסן צו ווערן גלייך מיט אנדערע פעלקער — און פונדעסטוועגן איז דאָס אים נישט געלונגען. און דער עיקר — צוליב זיין אייגענער שולד. עפּעס אַ מין דעמאָנישע קראַפט שטעלט זיך אין אים אנטקעגן, לאָזט זיך נישט דערשטיקן און רייסט אראָפּ אלע זיינע מיושבדיקע באשלוסן.

מיט וואָסער קראַפט דאָס איז אויסגעדריקט אפילו ביי יחזקאלן, ביי דעם דאָזיקן נביא, וואָס געהערט נישט צו די שטאַרקסטע אין תנ"ך. ער איז מער ראַציאָנאַליסט, כהן, ווי עמאָציאָנאַליסט, נביא, און דאָך — ס'אַרא דעמאָנישקייט אין דעם דאָזיקן אויסברוך: „און מיט אויסגעגאָסענעם צאָרן וועל איך קיניגן אויף אייך". ווער? דער כאַראַקטער־גורל?

טראָגט טאַקע יעדעס פאָלק באמת זיין גורל אין זיך, אין זיין כאַראַקטער, וואָס איז — זיין השגחה פּרטית?

אָדער דאָס יידישע פאָלק האָט צופעליק ארויסגערוקט פון זיין מיטן אַזעלכע עטישע נאַטורן, אַז זיי האָבן מיט געוואַלט אוועקגעפירט דאָס דאָזיקע פאָלק קעגן זיין ווילן, קעגן זיין אינערלעכער נייטראַליטעט מיט אַ ספּעציפישן וועג פון אַ פאָלק — אַ פּערזענלעכקייט, וואָס געפינט זיך אין דער מאַכט פון דעמאָנישער ליידנשאַפט צו הייליקן זיין ערדיש לעבן?

אויב אפילו דאָס דאָזיקע לעצטע איז ריכטיק, איז שוין אויך נישטאָ קיין צוריק: דאָס פאָלק געפינט זיך שוין אין דער מאַכט פון דער דאָזיקער געוווינהייט, וואָס איז געוואָרן זיין צווייטע נאַטור: ער קאָן שוין נישט שלום מאַכן מיטן גורל צו ווערן גלייך מיט אלעמען — ער רייסט זיך צו אַן אידעאַל, וואָס מען האָט אויף אים ארויפגעצוווּנגען מיט אַזאַ מעכטיקן כוח אין פאַרלויף פון יאָר־טויזנטער.

ווען אַ יחיד גייט קעגן זיין גורל־נאַטור — פאַרניכטעט ער זיך מאָראַליש, ער רופט ארויס אין זיך אַ בירגער־קריג, אין

וועלכן אָדער עס זיגט זיין נאַטור און דער מענטש נעמט לעבן אין הסכם מיט איר אָדער די פּערזענלעכקייט ווערט פאַר־ניכטעט.

דאָס זעלבע, מעגלעך, קומט פאָר מיט אַ פאָלק. ווען עס פעלשט אין זיין גורל־נאַטור, אין זיין וועג, צעפלאַקערט זיך אין אים אַ קאַמף, אין וועלכן עס זיגן אָדער די דעמאָנישע כוחות אָדער זיין נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט ווערט צעשטערט.

די גאַנצע יידישע געשיכטע שטעלט פאָר מיט זיך אַ גאַנצע ריי אַזעלכע גייסטיקע צוזאַמענשטויסן. און איצט, ווען דאָס יידישע פאָלק וויל ווידער ווערן ווי אַלע פעלקער, הויבט אין אים אָן רייף צו ווערן אַן אינערלעכער קאַמף, אַ פּסיכישער — און פאַקטישער — בירגער־קריג. און אָדער עס וועט זיגן דער גורל פון דער יידישער געשיכטע, וואָס הערשט איבער אונז מיט „אויסגעגאָסענעם צאָרן", אָדער מיר וועלן פאַרלירן אונזער נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, מיר וועלן פּסיכיש קראַנק ווערן, ווי יעדע פּערזענלעכקייט, ווען עס ווערט צעשטערט איר איינהייט.

אונזער פּסיכיק איז צו שטאַרק פאַרהאַרטעוועט אין פייער פון דער אייביקער שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן דאָס „מלכות שמים" אויף דער ערד, אַז אונזער פאַרלאַנג צו ווערן ווי אַלע פעלקער זאָל אונז קאָנען צעברעכן. יענער, וואָס לעבט ניט אין הסכם מיט זיין „איך" — צעברעכט זיך אַליין.

נישט אומזיסט האָט הערצלס „יידישע מלוכה" אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד דעם „גייסטיקן צענטער" פון אחד העם.

דאָס איז געווען בלויז אַן אָנהויב.

ד) דאָס נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע

עס איז אַלגעמיין באַקאַנט, אַז די יידישע קולטור — אין איר קלאַסישער אַנטוויקלונג אין זעלבשטענדיקייט־פּעריאָד

פון יידישן פאָלק — האָט דורכגעמאַכט איינע פון די פאַנטאַס־טישסטע מעטאַמאָרפאָזעס אין דער וועלט־געשיכטע. אין תנ״ך זענען דאָ שטעלן, וווּ מיר שטויסן זיך אָן אויף שפּורן פון אַזאַ פּרימיטיוון קולטור־צושטאַנד, אַז נאָך זיי גלייבט מען קוים די אייגענע אויגן, ווען מען לייענט די גייסטיקסטע קאַפּיטלען פון די גרויסע נביאים.

פאַראַן אין תנ״ך שטעלן, וואָס אָטעמען מיט אוראַלטקייט, מיטן הייל־פּעריאָד — מיט אַן אוראַלטקייט, וואָס איז כמעט נישט פאַרשטענדלעך אונזערע נשמות: דערמאָנט זיך נאָר, ווי אַזוי גאָט וויל טויטן משהן און מיט וואָס דעם לעצטנס פרוי, צפּורה, ראַטעוועט אים: „און עס איז געווען אונטער־וועגס אין אַ האַרבעריק, האָט אים באַגעגנט גאָט, און האָט אים געוואָלט טויטן. האָט צפּורה גענומען אַ שאַרפן שטיין, און האָט אָפּגעשניטן די פאָרהויט פון איר זון, און האָט צוגע־רירט צו זיינע פיס; און זי האָט געזאָגט: פאַרוואָר, אַ בלוט־חתן ביסטו מיר. און ער האָט אים אָפּגעלאָזט. דעמאָלט האָט זי דאָס געזאָגט „אַ בלוט־חתן״, פון וועגן דער באַשניידונג״ (שמות ד, 24־26). און מיטאַמאָל געפינט איר זיך אין אַ קולטור־אַטמאָספער, וואָס איז נאָך אויך איצט אַ נישט פאַר־ווירקלעכטער טרוים: „און אַ פרעמדן זאָלסטו נישט דריקן, וואָרום איר ווייסט דאָס געמיט פון דעם פרעמדן, ווייל פרעמדע זענט איר געווען אין לאַנד מצרים״ (שמות כג, 9).

און די דאָזיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור האָט איבערגעלאָזן אַזעלכע בולטע שפּורן אין תנ״ך, אַז עס איז גענוג זיך אָוועקזעצן ביים תנ״ך און בלויז בלעטערן אים, כדי צו זען פאַר זיך דעם דאָזיקן לאַנגן וועג פון סאַמע פּרי־מיטיוון גייסטיקן צושטאַנד, ביזן סאַמע דערהויבענעם.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג לאָזט זיך באַמערקן אפילו אין די ביכער פון די נביאים, הגם אַלע געהערן זיי צו דעם פּעריאָד פון פּראָגרעס פון דער יידישער קולטור.

אדרבא, עפנט אויף דעם תנ״ך און לייענט איבער דעם

י. ראַפּאָפּאָרט

פּערטן קאַפּיטל פונם נביא יואל און דעם צווייטן קאַפּיטל פונם נביא ישעיה.

אין די דאָזיקע קאַפּיטלען פון די צוויי נביאים רעדט זיך וועגן לעצטן יום־הדין איבער די פעלקער פון דער ערד אין דעם טאָג, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט זיך אומקערן קיין ציון. אָבער ס'איז אַ אונטערשיד אין די וויזיעס פון די דאָזיקע צוויי נביאים:

„וואָרים זע, אין יענע טעג און אין יענער צייט,
אַז איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון יהודה
און ירושלים,

וועל איך איינזאַמלען אַלע פעלקער,
און איך וועל זיי מאַכן נידערן אין טאָל פון יהושפט,
און איך וועל זיך דאָרטן משפּטן מיט זיי
פאַר מיין פאָלק און מיין ארב ישראל,
וואָס זיי האָבן צעשפּרייט צווישן די פעלקער,
און צעטיילט מיין לאַנד.

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

און די קינדער פון יהודה און די קינדער פון ירושלים
האָט איר פאַרקויפט צו די קינדער פון די יוונים,
כדי זיי צו דערווייטערן פון זייער געמאַרק.
זעט, איך דערוועק זיי פון דעם אָרט
וואָס איר האָט זיי פאַרקויפט דאָרטן,
און איך וועל אומקערן אייער טואונג אויף אייער קאָפּ.
און איך וועל פאַרקויפן אייערע זין און אייערע טעכטער
אין דער האַנט פון די קינדער פון יהודה,
און זיי וועלן זיי פאַרקויפן צו די שבאים, צו אַ וויייטן
פאָלק,

וואָרום גאָט האָט גערעדט.

רופט אויס צווישן די פעלקער,

ערשטער שניט נאָכן שטורעם...

ברייט אָן א מלחמה,
וועקט אויף די גיבורים;
זאָלן געגעגען, זאָלן ארויפגיין
אַלע מענער פון מלחמה.
שמידט אייערע אַקעראייזנס אויף שווערדן,
און אייערע צווייגמעסערס אויף שפּיזן;
דער שלאַפער זאָל זאָגן: א גיבור בין איך".

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

די זון און די לבנה ווערן שווארץ,
און די שטערן נעמען אריין זייער שיין.
און גאָט וועט ברילן פון ציון,
און פון ירושלים וועט ער ארויסלאָזן זיין קול,
און שטורעמען וועלן הימל און ערד;
אָבער גאָט וועט זיין א באשיצונג פאר זיין פאָלק,
און א פעסטונג פאר די קינדער פון ישראל.

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועלן די בערג טריפן זאפט,
און די הייכן וועלן איבערגיין מיט מילך

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

מצרים וועט א וויסטעניש ווערן
און אדום וועט א וויסטער מדבר ווערן,
פאר דעם אומרעכט צו די קינדער פון יהודה,
וואָס זיי האָבן פארגאָסן אומשולדיק בלוט אין זייער לאנד.

אָט דאָס איז די וויזיע פון יואלן. און אָט איז די וויזיע פון ישעיהון:

„און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג,
וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָטס הויז
אויבן אָן פון די בערג,
און דערהויבן איבער די הייכן;
און אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען.
און פיל אומות וועלן גיין און וועלן זאָגן:
קומט, און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון יהוה,
צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב;
און ער וועט אונז לערנען פון זיינע וועגן,
און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן;
וואָרום פון ציון וועט אַרויסגיין אַ תורה,
און גאָטס וואָרט פון ירושלים.
און ער וועט משפּטן צווישן די פעלקער,
און אַנטשיידן איבער פיל אומות;
און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס,
און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס;
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הייבן אַ שווערד,
און מען וועט נישט מער לערנען מלחמה".

ביי יואלן טראָגט די עשאַטאָלאָגיע אַ ריין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער; ביי ישעיהן — אַ ריין־אוניווערסאַלן. ביי יואלן איז די וויזיע דורכגעדרונגען מיט געפילן פון נקמה פאַר די איבערגעלעבטע עוולות; ביי ישעיהן איז זי איבערגעפילט מיט געפילן פון ליבע און מחילה; ביי יואלן טראָגט די וויזיע כמעט דורכאויס אַ מאַטעריעלן כאַראַקטער, ביי ישעיהן — אַ ריין־גייסטיקן.

ווי כדי צו אונטערשטרייכן די אַנטוויקלונגס־ליניע פון נאַציאָנאַלן צום אוניווערסאַלן (אין מוקדם ומאוחר בקולטור־אַנטוויקלונג), פון מאַטעריעלן צום גייסטיקן — איז אין די דאָזיקע אַנטיפּאָדישע קאַפּיטלען אַריינגעפירט איין און דער זעלבער פאַרגלייך, אויסגעדריקט מיט די זעלבע ווערטער, נאָר פאַנאַנדערגעטיילט אין אַן אַנדער סדר.

ערשטער שניט נאָכן שטורעם...

יואל רופט אויף זיין פאָלק:

„כתו אתיכם לחרבות ומזמרותיכם לרמחים...”; און ישעיה נעמט ארום אין זיין וויזיע אַלע פעלקער: „וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות...”

וואָס פאר א גראַנדיעזע אַנטוויקלונגס־ליניע! אויפהויבנדיק זיך פון דער ערד, שפּאַרט זי אַן צום העכסטן הימל.

אמת, מען טאָר נישט פאַרגעסן דערביי דעם אונטערשיד אין די באַדינגונגען, ווען ביידע קאַפּיטלעך זענען געשאַפן געוואָרן. יואל ברענגט ווי אומישנע ישעיהס באַרימטע וויזיע אין אַ געענדערטער פאָרם, כדי שטום אָפּצופרעגן דאָס אוני־ווערסאַלע לטובת דעם ברענענדיק־אַקטועלן, נאַציאָנאַלן. מען קאָן זיך אָבער בכלל נישט פאָרשטעלן, אַז אַן אַנטוויקלונגס־ליניע פון קולטור זאָל זיך ציען גלייך ווי אַ סטרונע, נישט גע־בראָכן, אָן זיגזאַגן. דער עיקר איז דאָ אָבער, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט בכלל געהאַט זייער ווייניק רואיקע צייטן, און ישעיה איז אויך נישט געווען קיין פרידלעכער נביא. און דאָך האָט זיך דאָס יידישע פאָלק דערהויבן צו ישעיהס נוסח.

אין יואלס ווערטער איז דאָ ערדישע קראַפט, מעכטיקע אינסטינקטן פון שנאה און נקמה; נישט נאָר דער נביא שרייט, ווי אַ לייב, נאָר אויך גאָט שרייט, גרייט צום שפרונג אויף די פעלקער־פאַרקנעכטער פון זיין פאָלק.

אָבער ישעיהס וויזיע איז אַזוי שטיל און דורכזיכטיק קלאָר, אַזוי אוניווערסאַל פאַרטרוימט — ווי מען וואָלט אַריינ־געפאַלן גלייך פון שלאַכט־רויש אין אַן אידילישער לאַנדשאַפט.

אָט די פעאיקייט אַרויסצורייסן זיך פון די אָרעמס, פון די פעסט אַרומנעמענדיקע אָרעמס פון דער ערד, פון בלוט, פון נאַציאָנאַלן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, און זען אַזעלכע וויזיעס, איז דער העכסטער פונקט פון דער קולטור־אַנטוויקלונג.

אָבער דער אַנטוויקלונגס־קאַמף פאַר קולטור איז אַ כסדר־דיקער צופלוס און אָפּפלוס — נאָך ישעיהס וויזיע קאָן — און מוז אַמאָל — קומען יואלס.

אָבער אין דער קולטור־געשיכטע פון אַ פאָלק בלייבט אויך דאָ ישעיהס וויזיע דער הויכפּונקט פון זיין אַנטוויקלונג — קיינער קאָן אים שוין מער נישט אויסמעקן.

און איצט, ווען מיר פיבערן ווידער מיט עשאַטאָלאָגישע וויזיעס וועגן צוריקקער קיין ציון, טרוימען איינקע פון אונז די וויזיע פון יואלן, און די אַנדערע — די וויזיע פון ישעיהן.

ה) די עפּאָפּייע פון טויזנט־יאָריקן קריג

אונזער עפּאָפּייע (דער תנ"ך) איז ווי כמעט אַלע עפּאָפּייעס אַן עפּאָפּייע פון קאַמף, פון מלחמות: די מלחמות מיט עמלק, מיט די פלשתים, מיט די מצרים, מיט אשור, מיט בבל.

אָבער ווי בלאַס עס ווערן די דאָזיקע אַלע מלחמות אין פאַרגלייך מיט דער הויפּט־מלחמה, וואָס איז דער רוקנביין פונם תנ"ך: די מלחמה צווישן גאָט און זיין פאָלק.

עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם ביים לייענען אין תנ"ך די געשיכטע פון דאָזיקן קאַמף.

גאָט, וואָס האָט געוואָלט אַרויס פון זיין איינזאַמקייט דורך באַשאַפן די וועלט, איז נאָך איינזאַמער געוואָרן: דער מענטש האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער ערד, און פאַר אים, זיין גאָט, איבערגעלאָזן דעם הימל: „השמים שמים לד' והארץ נתן לבני אדם".

און דער איינזאַמער גאָט האָט געהויערט איבער דער וועלט, ווי אַמאָל זיין גייסט איבערן כאַאָס, און ווי אַ שפּאַרבער אויסגעקוקט זיין רויב, כדי אַריינצושטעקן אין אים זיינע נעגל פון גייסט.

און גאָט האָט אויסגעוויילט זיין קרבן: ער האָט אויסגעוויילט אַן אָרימען פאַרקנעכטעטן שטאַם, כדי ער זאָל אים לייכטער קאָנען פאַרפירן.

וואָס האָט גאָט אַלץ נישט אָנגעווענדט אויף צו פאַרפירן

אים! ער האָט צעהיצט זיין פאַנטאַזיע מיט אויסדערוויילטקייט פון אַמאָל, מיטן בונד, וואָס ער האָט פאַרשניטן מיט זיינע אבות, ער האָט אים געבשופט מיט אַ צוגעזאָגט לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, ער האָט געשיקט צו אים זיינע שליחים, — מיט איין וואָרט, ער האָט געטון אַלץ, וואָס יעדער פאַרפירער טוט: געקיצלט דאָס זעלבסטגעפיל און צוגעזאָגט גליקן.

מען דאַרף זיין גערעכט אפילו צו גאָט און מודה זיין, אַז ער איז נישט געוועזן קיין פּראָפעסיאָנעלער פאַרפירער, — ער האָט פאַרפירט פון ליבע. אין זיין געטלעכער איינזאַמקייט האָט ער זיך געוואָרפן אויף זיין אויסגעוויילטן שטאַם, געגומען אויספאַנטאַזירן זיין צוזאַמענלעבן מיט אים, — ווי אַזוי ער וועט אים אָפּרייסן פון דער ערד, פון דעם מענטשנס גענג, און ער וועט שאַפן פון אים אַ געטלעך פאָלק, וואָס ער, גאָט, וועט קיניגן איבער אים, און דאָס פאָלק וועט אים טריי דינען. „און איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר אויף אייביק", — האָט גאָט געטרוימט וועגן זיין אויסגעטרוימט פאָלק.

און גאָט האָט פאַרפירט דאָס פאָלק ישראל. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע טראַגעדיע פון יעדער גרויסער ליבע, ווען איין צד, דער ליבע־אַגרעסאָר, באַזיגט דעם צווייטן, אָבער דער צווייטער קאָן נישט באַפרידיקן די טרוימען פונם זיגער. אָבער אָנשטאָט צו האָבן טענות צו די אייגענע צו געוואַגטע טרוימען, באַשולדיקט מען דעם צווייטן אין פאַרראַט. מען נעמט אים פּייניקן מיט ליבע־האַס, מיטן דאַזיקן קעגנזייטיקן און דאָך אָפט צוזאַמענגייענדיקן פּאָרל.

* * *

ווען גאָט פלעגט זיך אַמאָל נעמען כעסן אויף זיין ווידערשפעניק פאָלק, פלעגט ער אַנטרינען פון זיין צאָרן אין זיסע דערינערונגען (ווי תמיד — אויסגעטרוימטע!). ווי צאַרט עס ווערט די שטים פונם אל קנא ונוקם, ווען ער פאַרזינקט אין דערינערונגען:

י. ראַפּאָפּאָרט

„איך געדענק דיר די גינציקייט פון דיין יוגנט, די ליבשאַפט פון דיין כלה־צייט; דיין גיין נאָך מיר אין דער מדבר, אין אַ לאַנד נישט געזייט".

דאָס איז דאָך אָבער נישט אמת! ווער איז נאָך אים געגאַנגען מיט ליבע אין מדבר? גאָט האָט דאָך אים געשלעפּט נאָך זיך! דאָס פאָלק ישראל האָט זיך דאָך פאַרשאָלטן דאָס לעבן, וואָס עס האָט זיך געלאָזט איבעררעדן. ווי שלעכט עס האָט שפּעטער געמוזט זיין דאָס צוזאַמענלעבן פון גאָט און זיין פאָלק אינם צוגעזאָגטן לאַנד, אויב די מדבר־צייט האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין אַ חתן־כלה־אידיליע.

דאָס יידישע פאָלק איז געגאַנגען נאָך זיין גאָט מיט כלה־ליבשאַפט? גאָט האָט עס דאָך געשלעפּט מיט געוואַלט, דראָענדיק מיט געוואַלט, איינגעמענדיק אויף מינוטן מיט נסים. אַ ווילדער קאַמף פלאַקערט דאָך אין מדבר צווישן דעם יונגן פּאָר, און דער שליח, דער גרויסער שדכן פון דאָזיקן טראַגישן זיווג, משה רבינו, האָט געברענטע צרות: ביידע צדדים לאָזן אים נישט צורו. דאָס פאָלק האָט חרטה אויפן שידוך מיט גאָט, און גאָט — אויפן שידוך מיטן פאָלק, וועלכן ער וויל אָבער פאַר קיין פאַל נישט פאַרלאָזן.

דאָס פאָלק וויל דאָס יאָ: דער טאַנץ אַרום גאָלדענעם קאַלב איז בלויז געווען די שמחה פון אָפּלאָזן דעם שידוך מיט גאָט.

אויב גאָט זאָגט (אין „מיכה", ו', 2־3): „וואָרום גאָט האָט אַ קריג מיט זיין פאָלק, און מיט ישראל וועט ער אַ וויכוח האָבן", איז דאָס שוין אַ טויזנט־יאָריקער קריג, אָנגעהויבן טאַקע שוין אין דער כלה־צייט (ווי דאָס באַווייזט דער גאַנצער „חומש" וועגן גאַנג אין מדבר) און ווייטער געפירט אין צוגעזאָגטן לאַנד, ווי דאָס באַווייזן אַלע ביכער פון די נביאים ראשונים און נביאים אחרונים.

און עס מאַכט אַזאַ מאָדנעם איינדרוק גאָטס נאַאיווע פראַגע: „מיין פאָלק, וואָס האָב איך דיר געטון? און מיט וואָס האָב איך דיר מיד געמאַכט?" מיט וואָס? מיט דער

לײדנשאַפטלעכער ליבע, וואָס שטעלט אַזעלכע גרויסע פאָדערונגען, מיט אָפּרײסן פון דער ערד, מיט װעלן מאַכן אַ פאָלק פון בשר ודמס פאַר אַ עם קדוש, פאַר אַ הײליק פאָלק, פאַר אַ מלוכה פון כהנים.

דער טױזנט־יאָריקער קריג צװישן גאָט און זײַן פאָלק, איז דער גרעסטער און דער לײדנשאַפטלעכסטער קאַמף אין דער װעלט־געשיכטע.

לײענט מען װעגן די דאָזיקע אומצאָליקע אָפּפאַלונגען פון גאָט און די װידערקערונגען צו גאָט מיט נישט קײן גאָר זואכע חושים, װערט עס אַמאָל איבערדריסיק: װײַטער דאָס זעלבע און אָבער דאָס זעלבע: האָבן די ייִדן געדינט פרעמדע געטער און זיך אַ ריס געטון צו דער ערד, האָט גאָט גענומען צאָרענען און װאָרענען און שטראָפן; האָט דאָס פאָלק געזען, אַז עס װערט געממיתט, האָט עס געשריגן צו גאָט, פאַרניכטעט די געטשן, צוגעזאָגט צו זײַן גוט און פרום, איז געװאָרן שלום־בית אויף אַ קורצע װײַלע. און אַזױ כסדר — װי דער אײביקער אָפּפלוס און צופלוס פון אײביקן ים.

לײענט מען אָבער די דאָזיקע מאָנאָטאָנע באַריכטן װעגן לעבן פונם אױסטערלישסטן פאָרפאָלק אין דער געשיכטע מיט אַן אָפן געמיט, װערט מען פאַרכאַפּט פון דער גראַנדיעזקײט פון דער טראַגעדיע. גאָט האָט זיך אײַנגעביסן אין זײַן קרבן און לאָזט אים נישט אָפּ. עס איז נישט אמת, אַז יעקב האָט געשטריטן מיט גאָט און אים נישט געװאָלט אָפּלאָזן ביז ער װעט אים נישט בענטשן; אמת איז, אַז גאָט האָט געשטריטן מיט יעקבן און אים נישט געװאָלט אָפּלאָזן ביז ער װעט אים נישט האָבן פאַר זיך אינגאַנצן. און דער קאַמף איז נאָך נישט געענדיקט ביז הײַנט.

* * *

און בײדע זענען קרבנות פון אַ גרויסער ליבע: גאָט לײַדט, װײַל דאָס פאָלק איז צו קלײן פאַר זײַן ליבע; און דאָס פאָלק לײַדט, װײַל גאָטס ליבע איז צו גרויס פאַר אים.

י. ראפאפארט

גאָט ווייל קיניגן איבער זיין פאָלק אײנער אַליין, אָבער דעם פאָלק ווילט זיך האָבן אַ קעניג פון פלייש און בלוט.

דער־אַ טויזנט־יאָריקער קאמף צווישן פלייש און גייסט, וואָס כוואַליעט זיך אַהין און אַהער אָן אויפהער, וואָס יעדער לעבעדיקער פונקט אין תנ״ך — פון יציאת מצרים ביז גלות בבל — זאָגט עדות אויף אים, — אָט־אַ־דער טויזנט־יאָריקער קאמף איז דער גרעסטער און טראַגישסטער עפּאָס פון דער מענטשהייט (און עכטער טראַגיזם איז תמיד דערהויבנדיק).

מאָמענטנווייז זענען מיר שטאָלץ מיט גאָטס ליבע צו אונז, אָבער מער נאָך זענען מיר מיד.

אַ ליבע, וואָס פייניקט, ווייל זי פאָדערט און דערוואַרט מער וויפל מען קאָן געבן, איז טראַגיש שיין, אָבער קיין פשוט, רואיק גליק ברענגט זי נישט.

און אמאָל בענקט זיך אַזוי נאָך דעם, — עס בענקט זיך אַזוי נאָך אביסל פשוט גליק...

אמת, מיר האָבן זיך שוין — נאָך אַ טויזנט־יאָריקן קריג — איינגעלעבט מיט אונזער גאָט (מיר זענען שוין ביידע מיד פון טויזנט־יאָריקן קאמף, פון טויזנט־יאָריקן ליבע־האַס), אָבער דאָך טרעפן נאָך אויך היינט מאָמענטן, ווען עס בענקט זיך נאָך אביסל ערדיש מגושמדיק גליק.

און אַזאַ מאָמענט — אין דער געשיכטלעכער אויסמעסטונג — לעבן מיר היינט איבער.

*   *   *

עס הויבט אונז שוין אָן אַזש צו אַרן, וואָס דער גאָט אונזערער לאָזט אונז צופיל צורו אין אונזער אָפּפאַל פון אים: זאָל ער אונז שוין מער נישט ליב האָבן?

עס ווילט זיך אַ סימן פון ליבע! מיר זענען שוין אַזוי געוווינט צו איר...

צו זיין גרויזאַמער, אָבער גרויסער ליבע.

ז) אליהו הנביא

אליהו הנביא איז געווען אַ בעל־מופת. ער האָט אפילו מחיה מתים געווען דעם טויטן זון פון אַן אָרעמער אלמנה. אָבער דער נס, וואָס איז געשען מיט אים אַ דאַנק דער שעפע־רישער פאַנטאַזיע פון יידישן פאָלק, לאָזט ווייט הינטערשטע־ליק אַלע מעשי־נסים פון דאָזיקן שטורמישן נביא, וועמעס טעטיקייט עס איז אין דירעקטן זין פון וואָרט געווען אקציע, און נישט וואָרט־טעטיקייט. דאָס וואָס מיר האָבן שטענדיק אין זינען, ווען מען רעדט וועגן דער טעטיקייט פון די גרויסע נביאים.

אליהו הנביא געהערט נישט צו די דאָזיקע לעצטע, אָבער קיין איינער פון די נביאים איז אזוי נישט דערהויבן געוואָרן דורך דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, ווי ער, אליהו הנביא. אַרויפגע־טראָגן אין הימל אַריין אין אַ פייערדיקן רייטוואָגן, האָט אים דאָס יידישע פאָלק צוריק אַראָפּגעבראַכט אויף דער ערד און אים מחיה מתים געווען צו אומשטערבלעכקייט אויף דער ערד, אינמיטן פון זיין פאָלק.

וואָס באַדייט דער צייטווייליקער תחית המתים פון דער אלמנהס זון אין פאַרגלייך מיטן תחית המתים אין דער אייביקייט אַריין פון אליהו הנביא גופא?

ביי יעדער גליקלעכער באַגעגעניש פלאַמט נאָך אויך היינט אויף יעדער יידישער פאָלקס־מענטש מיט דער פרייד פון אַ כלה: אפשר איז אים באַשערט געווען צו באַגעגענען דעם אומ־שטערבלעכן אליהו הנביא?

* * *

בלויז איין מענטשן פון דער יידישער געשיכטע האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע באַצירט נאָך שענער, ווי אליהו הנביא: דוד המלך. מיר דאַכט זיך אמאָל, אַז אין דאָזיקן פרט האָט דוד המלך קיין שום קאָנקורענט נישט אפילו אין די פאַנטעאָנען פון אַלע איבעריקע פעלקער.

אַ דור נאָך אַ דור האָט די יידישע שעפערישע פאַנטאַזיע אָפּגעגעבן איר גאַנצע קראַפט אויף צו שאַפן אַ געשטאַלט פון איבערערדישער שיינקייט און איבערמענטשלעכער דער־הויבנקייט. די געשטאַלט פון דוד המלך, געשאַפן דורך דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, איז די העכסטע פּאָעטישע שאַפונג, וואָס האָט, אפשר, צו זיך נישט קיין גלייכן נישט אין דער פאָלקס־שאַפונג און נישט אין דער קינסטלערישער שאַפונג פון אַלע צייטן און פעלקער.

וואָס פאַר אַ סובלימירונגס־קראַפט! סאַרא שוווּנג פון דער פאַנטאַזיע! סאַרא האַרמאָניע פון פאַרבן! סאַרא נשמה־מוזיק!

די געשטאַלט פון דוד המלך איז די ראָמאַנטישסטע גע־שטאַלט פון יידישער שאַפונג, און דערין טאַקע ליגט זיין אַנ־דערשדיקייט פון דער אליהו־הנביא־געשטאַלט. די פּאָעטישע געשטאַלט פון דוד המלך איז דער קלימאַקס פון יידישער ראָ־מאַנטישער שאַפונג, אָבער די געשטאַלט פון אליהו הנביא איז דער קלימאַקס פון פּסיכאָלאָגישן שאַפן פון יידישן פאָלקס־זשעני.

די געשטאַלט פון לעגענדאַרן דוד המלך האַרמאָנירט לחלוטין נישט מיט דער געשטאַלט פון היסטאָרישן דוד המלך, ווי אַזוי ער טרעט אַרויס פאַר אונז אויף די זייטלעך פון די היסטאָרישע תנ״ך־ביכער. דער שעפערישער פאָלקס־זשעני האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער גאַנץ פולער געשיכטע פון דוד המלך אַ צוויי־דריי מאָטיוון און — אָפּוואַרפנדיק אַלדאָס איבעריקע — געשאַפן אַ געשטאַלט, וואָס האָט קיין גלייכן נישט צו זיך. און דאָס וואָס דוד המלך פון דער לעגענדע האָט גרינטלעך געקאָנט שטעלן אין שאָטן דעם דוד המלך פון דער געשיכטע אַזוי, אַז די געשיכטע האָט כמעט ווי אויפגעהערט צו עקזיס־טירן אונטערן צודעק פון דער לעגענדע, באַווייזט בלויז די קראַפט פון אונזער פאָלקס־זשעני.

גאַנץ אַנדערש איז דער ענין מיט דער געשטאַלט פון אליהו הנביא: אין דער דאָזיקער געשטאַלט דערגאַנצט די

לעגענדע פּסיכאָלאָגיש די געשיכטע. די לעגענדע מאַכט גע־ניאַלע אויספירן פון דער געשיכטע, פאַרוואַנדלענדיק די שטור־מישע נאַטור פון אליהו הנביא אין קרישטאָל־קלאָרסטן קוואַל פון גוטסקייט און גוטמוטיקייט.

* * *

די סטיכיע פון אונזער נביא איז — שטורעם. אים ברענגט צו טראָגן אָדער עס טראָגט אים אַוועק — דער שטורעם; אפילו אין הימל קומט ער אַריין נישט ווי משה רבינו דורך אַ „מיתת נשיקה”, נאָר אין אַ פייערדיקן רייטוואָגן, געשפּאַנט מיט פייערדיקע פערד — דער שטורעם נעמט אים צו פון דער ערד. און ווי אַן אַלץ־פאַרניכטנדיקער הוראַגאַן פאַלט ער אָן אויף די נביאי הבעל. ער איז נישט אַרויסגע־טראָטן קעגן זיי בלויז מיטן דונער פון וואָרט, נאָר ער האָט זיי פאַרניכטעט מיטן שווערד, ער האָט זיי אויסגעראָטן אַלע, ביז איינעם, אומברחמנותדיק.

אָבער מיט דער דאָזיקער אַקציע האָט דער אינערלעכער שטורעם פון אליהו הנביא דערגרייכט זיין הויכפּונקט, און ער האָט פאַרלוירן זיין קראַפט. נאָך מער, בעת דער דאָזיקער שחיטה האָט אליהו הנביא פאַרוווּנדעט זיין אייגענע נשמה.

„און ער אַליין איז געגאַנגען
אין מדבר אַ טאָג וועגס,
און איז געקומען און האָט
זיך געזעצט אונטער אַ בעזעמבוימל.
און ער האָט געבעטן אויף זיך דעם
טויט, און האָט געזאָגט: גענוג!
אַצינד, גאָט, נעם צו מיין זעל,
וואָרום איך בין נישט בעסער
פון מיינע עלטערן” (מלכים א—י”ט, 4).

עס וואָלט געווען קורצזיכטיק צו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אליהו הנביא האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט דערפאַר,

זוייל עס האָט אים דערדריקט די מורא פאַר דער צוגעזאָגטער נקמה פון דער קעניגין איזבל — דער באַשיצערין פון בעל און זיינע נביאים — און די נויטווענדיקייט זיך אויסצובאַהאַלטן פון איר אין מדבר. דער מדבר איז דאָך געווען זיין געוויינלעכער מקום מקלט — אַן אָרט, ווו עס פלעגט רייפן אין אים די קראַפט צו טאַט, פון וואַנען ער פלעגט אַנטלויפן ווי אַ שטורעם־ווינט; און פאַרן טויט האָט דער דאָזיקער קעמפער אויך נישט מורא געהאַט: זיין גאַנץ לעבן איז דאָך פול געווען מיט סכנה.

אליהו הנביא — די דאָזיקע שטורעמדיקע סטיכיע — און מורא פאַרן טויט בינדן זיך עפּעס נישט. אין מעכטיקן שטראָם פון טעטיקן לעבן, וועלכעס ער האָט געשפּירט אין זיך, איז נישט געווען קיין אָרט פאַרן געפיל פון טויט, וואָס פיניקט שוואַכע און קאָנטעמפּלאַטיווע נאַטורן.

אויב אליהו הנביא האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט, איז אין דעם שולדיק די ווונד, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט זיין נשמה דורך דעם צו שטורמישן אויסגוס פון רעליגיעזן אייפער. די העקאַטאמבעס טויטע קערפּערס ביים טייכל קישון — וואָס זיינע וואַסערן זענען רויט געוואָרן פון בלוט אויך אין די טעג פון דבורה הנביאה — האָבן דערדריקט זיין ענערגיע, זיין זעלבסטזיכערקייט, און אליהו הנביא איז עפּעס ווי אינערלעך פּוסט געוואָרן, האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט, די דאָזיקע מעכטיקע דינאַמאָ איז אָנגעפּלאַצט געוואָרן. אויך איצט, ווי תמיד נאָך אַן אַקציע, גייט ער אַוועק אין מדבר, אָבער צום ערשטן מאָל פילט ער זיך אַלס באַזיגטער זיגער: ער האָט גענומען ספק אין דער גערעכטיקייט פון זיין טאַט, ער האָט גענומען ספק אין דער גערעכטיקייט פון זיין ווילדן אויסברוך.

דער דאָזיקער ספק באַקומט זיין דערהויבנדיקן און דערשיטערנדיקן אויסדרוק אין אַן אינערלעכן דיאַלאָג, וואָס קניפּט

זיך אָן צווישן אליהו הנביא און זיין אינערלעכער געטלעכער שטים.

„ער איז דאָרטן אַריינגעגאַנגען אין דער הייל, און האָט דאָרטן גענעכטיקט. ערשט דאָס וואָרט פון גאָט איז צו אים, און ער האָט צו אים געזאָגט: וואָס טוסטו דאָ אליהו?

האָט ער געזאָגט:
אַנגעמען האָב איך זיך
אָנגענומען פון וועגן יהוה
דעם גאָט פון צבאות;
ווייל פאַרלאָזן דיין בונד די קינדער פון ישראל,
דיינע מזבחות האָבן זיי צעשטערט,
און דיינע נביאים האָבן
זיי געהרגעט מיטן שווערד;
און איך אַליין בין איבערגעבליבן,
און זיי זוכן מיין לעבן צו נעמען" (מלכים א־י"ט, 9-10).

און מען האָט זי טאַקע געפונען, זיין נשמה, און מען האָט אָפּגענומען ביי איר די רו — נישט אומזיסט הערן מיר דאָ אליהו הנביאס בולטן פּרוּוו צו פאַרטיידיקן זיך.

און אָט דאָ האָבן מיר דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט פון דאָזיקן אינערלעכן דיאַלאָג, פון דאָזיקן מאָראַלישן ספקן. מיר זענען אָנווועזנדיק ביי דער געבורט פונם ריינעם, העכסטן גייסט פון נבואה, פון דער ערשטער, מופתדיק־פריי־מיטיווער פאָזע אירער.

„האָט ער געזאָגט: גיי אַרויס,
און זאָלסט זיך שטעלן אויפן באַרג פאַר גאָט,
ערשט גאָט גייט פאַרביי, און אַ גרויסער און שטאַרקער
שטורעם רייסט בערג און ברעכט פעלזן פאַר גאָט —
נישט אין שטורעם איז געווען גאָט;
און נאָך דעם שטורעם אַן ערד־ציטערניש —

י. ראַפּאָפּאָרט

נישט אין דער ערד־ציטערניש איז געווען גאָט;
און נאָך דער ערד־ציטערניש
אַ פייער — נישט אין פייער איז געווען גאָט;
און נאָך דעם פייער אַ קול
פון אַ דינער שטילקייט.
און עס איז געווען, ווי אליהו הנביא האָט דאָס דער־
הערט, אַזוי האָט ער איינגעוויקלט זיין פּנים אין זיין
מאַנטל" (מלכים א—י"ט, 11-13).

אליהו הנביא באַמיט זיך נאָך צו דערשטיקן די דאָזיקע אינערלעכער, שטילע, אָבער דאָך דורכדרינגנדיקע שטים. צום צווייטן מאָל ענטפערט ער אויף דער פראַגע, וואָס ער גופא, אין זיין זעלישער צערודערטקייט, שטעלט זיך: „וואָס טוסטו דאָ אליהו?" ער חזרט איבער, ווי אַ פאַרענטפערונג:

„אַנגעמען האָב איך זיך אָנגענומען
פון וועגן יהוה דעם גאָט
פון צבאות;
ווייל פאַרלאָזן דיין בונד
האָבן די קינדער פון ישראל,
דיינע מזבחות האָבן זיי
צעשטערט,
און דיינע נביאים האָבן
זיי געהרגעט מיט שווערד;
און איך אַליין בין
איבערגעבליבן,
און זיי זוכן מיין לעבן צו
נעמען" (מלכים א־י"ט, 14).

אליהו דערשטיקט אין זיך די שטילע שטימע און גייט צוריק מיט זיין וועג. ער לאָזט זיך אַראָפּ ווי אַ שטורעם־ווינט אויפן קיניג אחאב און וואַרפט אים אין פּנים דעם אומשטערבלעכן געשריי פון עטישער עמפּערונג: „דו האָסט

געמאָרדעט און דו נעמסט נאָך ירושה?" (מלכים א־כ"א, 19־21).
אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געקאָנט אָפּנאַרן דעם פיינהעריקן פאָלקס־זשעני.

אויב מיר, וואָס לייענען די דאָזיקע באַגייסטערטע, דער־שיטערנדיקע שורות, וואָס לאָזן זיך נישט איבערזעצן, קאָנען זיי שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן, טאָ וואָס זשע האָט באַדאַרפט איבערלעבן אליהו הנביא, ווען ער האָט דערהערט אין זיך דעם דאָזיקן שטילן שטורעם, דעם דאָזיקן נשמה־צעשמעטערנ־דיקן געוויי פון שטילן ווינט?

און דער פאָלקס־זשעני האָט מיט זיין שפּעריִשן חוש דערפילט, אַז די דאָזיקע לעקציע פון גאָט איז טיף אַריין אין דער נשמה פון אליהו הנביא, אַז די דאָזיקע לעקציע איז געוואָרן אַן איבערברוך־מאָמענט אין דער נאַטור פון דאָזיקן שטורמישן נביא. און דער דאָזיקער פאָלקס־זשעני האָט גע־געבן לעבן אַ געענדערטן אליהו הנביא, וועלכער האָט צום לעצטן מאָל זיך צונויפגעגאָסן מיט זיין סטיכיע — דעם שטורעם — ביים אַרויפגעטראָגן ווערן „אויפן הימל אין שטורעם".

* * *

אויב אין תנ"ך איז אליהו הנביא אַ קנאי, איז ער אין דער פאָלקס־לעגענדע — אַ טרייסטער. אין קליינעם ווי אין גרויסן. ער וועט ברענגען די בשורה פון משיחס קומען, און ער פאַר־שטעלט זיך פאַר אַ פּויער און לייגט פאַר אַ מציאה אַן אָרעמען יידישן האָרעפּאַשניק, וועלכער האָט נישט אויף שבת. דער ביבלישער לייב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייבעלע פון דער לעגענדע. און דאָך פילן מיר די גאַנצקייט פון דער דאָזיקער פערזענלעכקייט אין איר ערנסטע מעטאַמאָרפאָזעס: ער קאָן בשום אופן נישט פאַרגעסן דעם לעצטן גרויסן שטורעם פון זיין לעבן, ווען דער „קול דממה דקה" האָט זיך צעדונערט אין זיין נשמה; נישט אין דעם פאַרניכטנדיק־שטאַרקן ווינט, נישט אין דער ערד־ציטערניש און אין פייער — גאָט האָט

ער געפונען בלויז אין דער דאָזיקער דערשיטערנדיקער שטיל־
קייט.

און דעריבער האָט נאָך קיינער נישט באַמערקט, אַז אליהו הנביא זאָל זיך צורירן צו די אומצאָליקע וויין־כוסות, וואָס מען שטעלט פאַר אים בעת די פּסח־סדרים. אַנגיסנדיק די דאָזיקע כוסות און ברייט צעעפענענדיק די טירן פאַרן געוווּנטשענעם גאַסט, שרעקן אים די יידן אָפּ דורך זייער דונערדיקער תפילה „שפוך חמתך". אליהו הנביא קאָן נישט אריבערטרעטן אַ שוועל, פון וועלכער עס גיסן זיך אים אַנטקעגן די דאָזיקע מעכטיקע צאָרן־ווערטער.

זיי הערמאָנען אים יענעם מאָמענט, ווען ער האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן, ווי אַ מעכטיקן וואַסערפאַל, און ער דערמאָנט זיך מיט ציטער אויך דאָס, ווי אַזוי עס האָט זיך אין אים פאַנאַנדערגעוואַקסן, ביז אומדערטרעגלעכקייט, דאָס באַוווּסטזיין, אַז גאָט איז נישט אין שטורעם, נאָר אין דער „קול דממה דקה"!

ז) אוריה החתי און דוד המלך

צו די שטעלן אין תנ"ך, וואָס פאַרקלעמען מיר תמיד ביים האַרצן און מאַכן פייכט מיינע אויגן סיי ווען איך לייען זיי, סיי ווען איך דערמאָן זיך אפילו בלויז אין זייער ריטם (מיט וועלכן מיין בלוט נעמט דאַן קרייזן), געהערן אין דער ערשטער ריי דודס הספד־ליד אויף יהונתן זיין פריינט און אוריה החתים ענטפער דודן פאַרוואָס ער גידערט נישט אין זיין שטוב, צו זיין פרוי.

דוד המלכס הספד־ליד, באַזונדערס זיינע בעסטע שטעלן, זענען שלימותדיקע, געוואַלדיקע דיכטונג, וואָס זייער געוואַלט איבערן מענטשלעכן געמיט וועט נישט פאַרמינערט ווערן ביז די לעצטע טעג פון דער מענטשהייט, כל זמן עס וועט זיך גע־

פינען אַ מ ע נ ט ש , וואָס וועט קאָנען פאַרשטיין העברעאיש; און אוריה החתים ענטפער איז אַזוי מענטשלעך־דערהויבן אין זיין פשטותדיקער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — פאַר אים, פאַרן א ו מ ב א ק א נ ט ן מ ע נ ט ש ן אוריה החתי, — אַז די דאָזיקע פשטות ווירקט שטאַרקער, ווי דער העכסט־מדרגהדיקער, קינסט־לערישסטער פאַטאָס.

איך ווייס נישט, צי דוד המלך האָט אויסגעזוכט דעם תהלים, אָבער דעם הספד־ליד אויף יהונתן זיין פריינט — זי־כער. די שורות, וואָס לאָזן זיך גאָר נישט איבערזעצן, זענען אַזוי אומצערייסבאַר צונויפגעבונדן מיט פערזענלעכן גרעניצ־לאָזן צער, אַז נאָר אַ גרויסע פריינטשאַפט, וואָס איז זעלטן, ווי גרויסע ליבע, האָט זיי געקאָנט אויסהויכן־אויסשרייען: „צר לי עליך אחי יהונתן, נעמת לי מאד, נפלאתה אהבתך לי מאהבת נשים”. („מיך קלעמט נאָך דיר, יהונתן מיין ברודער, ליב געווען ביסטו מיר זייער; וווּנדערלעך געווען איז דיין ליבשאַפט צו מיר, מער ווי די ליבשאַפט פון ווייבער”).

דאָס האָט געקאָנט אויסזינגען נאָר אַ גרויסער פריינט, און דוד איז געווען יהונתנס גרעסטער פריינט, ווי דאָס זאָגט עדות די אָפּשייד־סצענע צווישן זיי, וואָס קיין שום דיכטער וואָלט זי נישט געווען ביכולת צוצוטראַכטן, אַזוי איז זי פול מיט דעם זיס־ביטערן טעם פון ווירקלעכקייט, מיט וואַרעמקייט פון לעבן (שמואל א׳, קאַפּיטל כ׳). די אָפּשייד־סצענע און דאָס הספד־ליד זענען אומצערייסבאַר־פאַרבונדן און זיי באַשטעטיקן דודס מחברשאַפט אויפן ליד.

דאָס דאָזיקע ליד זאָגט עדות, אַז דוד איז געווען נישט נאָר דער גרעסטער בויער פון דער יידישער מלוכה, אַ מענטש פון גייסט און געפיל (ווי דאָס זאָגט עדות די סצענע צווישן אים און שאולן אין דער הייל, אויב די מעשה איז ריכטיק, ווייל זי איז צו בוימלדיק פון ביידע זייטן, און זי שליסט זיך נישט איין נישט אינם פריער, נישט אינם שפעטער, ווי דאָס

איז די טבע פון א לעגענדע. זע שמואל א', קאַפּיטל כ"ד), אַ מזרח־טיראַן, וואָס דער פּאַלאַץ זיינער איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט זנות סיי דורך אים, סיי דורך זיינע זין, אַ גרויסער קריגס־העלד און אוואַנטוריסט, וואָס איז געווען אכזריותדיק ווי אַלע גרויסע קריגס־העלדן, — צו דעם אַלעם, זאָגט דאָס הספּד־ליד עדות, איז נאָך דוד געווען אויך אַ גרויסער דיכטער. קאָנט איר ביישטיין דעם צויבער פון אַזעלכע פערזן, ווי:

„הרי בגלבע,
אל טל ואל מטר עליכם...
כי שם נגעל מגן גבורים...
שאול ויהונתן
הנאהבים והנעימים בחייהם
ובמותם לא נפרדו,
מנשרים קלו,
מאריות גברו...
איך נפלו גבורים בתוך המלחמה,
יהונתן על במותיך חלל.
צר לי עליך אחי יהונתן,
נעמת לי מאד,
נפלאתה אהבתך לי
מאהבת נשים"...

(איר בערג פון גלבוע,
נישט טוי און נישט רעגן אויף אייך...
וואָרום דאָרט איז פּאַרמיאוסט געוואָרן דער שילד פון גיבורים...

פון בלוט פון דערשלאָגענע, פון פעטס פון גיבורים,
האָט יהונתנס בויגן זיך צוריק נישט געצויגן,
און די שווערד פון שאולן זיך נישט אומגעקערט ליידיק.
שאול און יהונתן,
די באַליבטע און ליבע אין זייער לעבן,

צומאָל אין זייער טויט האָבן זיי זיך נישט צעשיידט.
פון אָדלערס זענען זיי געווען פלינקער,
פון לייבן זענען זיי געווען שטאַרקער...
ווי זענען די גיבורים אין מלחמה געפאַלן —
יהונתן אויף דיינע הויכן דערשלאָגן.
מיר קלעמט נאָך דיר, יהונתן מיין ברודער,
ליב געווען ביסטו מיר זייער;
וווּנדערלעך געווען איז דיין ליבשאַפט צו מיר,
ער ווי די ליבשאַפט פון ווייבער").

א ווונדערלעכער דיכטער, און אַ מענטש פון גייסט און געפיל, — און ווי נישטיק און געמיין ער איז, ווען ער טרעפט זיך צונויף מיט אוריה החתי.

דאָס איז אַ ווונדערלעכע געשיכטע, אַ געפלעכט פון שאָטן און ליכט, פון שוואַרצסטן שאָטן און העלסטן ליכט.

דוד שיקט נאָך אוריה פון שלאַכטפעלד און פרעגט זיך צביעותדיק נאָך „אויף דעם פריד פון יואבן, און אויף דעם פריד פון פאָלק, און אויף דעם גאַנג פון דער מלחמה", הגם דאָס ליגט אים אין דער לינקער פּאה נישט. אים עגבערט אין קאָפּ די ידיעה פון בת־שבע: „איך בין טראָגעדיק". אים עג־בערט אין קאָפּ בלויז איינס: ווי אַזוי דעקט מען צו דעם ממזר. און ער זאָגט צו אוריהן: „נידער אַראָפּ צו דיין הויז, און וואַש דיינע פיס". ער גיט דעם זעלנער אַן אורלויב, כדי אים צונויפצופירן מיט זיין ווייב בת־שבע. דוד המלך אין אַ קופּלער־ראָלע! און ס'אַרא סיטואַציע: אַ קופּלער צווישן אַ געזעצלעך פּאָרפאָלק!

דוד המלך, דער חכם און דיכטער, אָבער אויך דער נואף, האָט אַלץ אויסגערעכנט, אָבער איין זאַך האָט ער נישט אַריינ־גענומען אין חשבון: די ריינקייט פון מענטשלעכן הארצן. דאָס איז אַ זעלטענער פאַקטאָר אין לעבן, און דעריבער מאַכט

מען געוויינלעך די פאַרשידענע אומריינע קאַלקולאַציעס אָן אים, אָבער אַמאָל האָט מען אַ טעות.

און דוד המלך האָט געהאַט אַ טעות: „אוריה האָט זיך גע־לייגט ביים איינגאַנג פון מלכס הויז מיט אַלע קנעכט פון זיין האַר, און האָט נישט אַראָפּגענידערט צו זיין הויז.

„האָט מען דערציילט דודן אַזוי צו זאָגן: אוריה האָט נישט אַראָפּגענידערט צו זיין הויז. און דוד האָט געזאָגט צו אוריהן: דו קומסט דאָך פון וועג, פאַרוואָס האָסטו נישט אַראָפּגענידערט צו דיין הויז? האָט אוריה געזאָגט צו דודן: דער ארון פון ישראל און יהודה זיצן אין ביידלעך, און מיין האַר יואב און די קנעכט פון מיין האַר לאַגערן אויפן פרייען פעלד, און איך זאָל קומען אין מיין הויז צו עסן און צו טרינקען, און צו ליגן מיט מיין ווייב? אַזוי ווי דו לעבסט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל טון די דאָזיקע זאַך!"

און דאָ ערשט האָט דוד המלך דערגרייכט דעם קלימאַקס. דעם אומפאַרציילעכן קלימאַקס פון זיין זינד. דאָס, וואָס ער האָט שפּעטער געטון אַ טובה גאָט און זיך געשלאָגן על חטא: „איך האָב געזינדיקט צו גאָט", איז גאָרנישט ווערט, (פּונקט ווי עס איז גאָרנישט ווערט דעם נביא נתנס שנעלער מוחל זיין: „גאָט האָט אויך אָפּגעטון דיין זינד"). אויב דוד האָט נישט דערפילט נישט דעם פּאַטש אין פּנים פון אוריה החתים ווערטער, נישט די הייליקע ריינקייט און תמימות פון דאָזיקן מענטשן, איז אוריה אין איין פּרט נישט געווען גערעכט: ער האָט פאַלש געזאָגט צו דודן „אַזוי ווי דיין זעל לעבט"; אַ לע־בעדיקע זעל פון אַ דיכטער וואָלט זיך געווען אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר דער ריינקייט פון אוריה החתי און וואָלט געווען געזאָגט, — מיט מער באַרעכטיקונג ווי צו גאָט — „איך האָב געזינדיקט צו דיר".

אוריה החתי האָט אָבער גערעדט צו דודס טויטער, אין יענעם מאָמענט אָפּגעשטאָרבענער נשמה. און דער דיכטער דוד

האָט נישט קיין ציטער געטון, ער האָט בלויז זיך געקלאַמערט אין זיין געמיינער ראָל: „בלייב דאָ אויך היינט, — האָט דוד געזאָגט צו אוריהן, — און מאָרגן וועל איך דיך אַוועקשיקן".

„איז אוריה געבליבן אין ירושלים יענעם טאָג און אויף מאָרגן. און דוד האָט אים גערופן, און ער האָט געגעסן ביי אים און געטרונקען, און ער האָט אים אָנגעשיכורט".

אפשר, — האָט דער בעל־התהלים געטראַכט, — וועט ער שיכורערהייט גיין שלאָפן מיטן ווייב און צודעקן דעם ממזר.

„אָבער אין אָוונט איז ער (אוריה — י. ר.) ארויסגעגאַנגען זיך לייגן אויף זיין געלעגער מיט די קנעכט פון זיין האַר, און צו זיין הויז האָט ער נישט אַראָפּגענידערט".

אוריה החתים שיכורער גייסט איז געווען וואַכער צו ריינקייט, ווי דוד המלכס אין זיין דעמאָלטיקער ניכטערקייט.

אוריה החתי האָט אונטערגעחתמעט זיין טויט־אורטייל: אויב ער האָט נישט אַראָפּגענידערט צו שלאָפן מיט זיין פרוי, האָט ער געמוזט באַזייטיקט ווערן; דוד המלך האָט אים קאַלט־בלוטיק געשיקט אין טויט אַריין, ווי פריער אין זנות...

אָבער וואָס איז דוד המלכס מאָרד לגבי זיין טויבקייט צו אוריהס גרויסמענטשלעכן ענטפער?

נישט זיין הספד־ליד אויף יהונתן און נישט זיין תהלים (אויב ער האָט אים אויסגעזונגען) קאָנען איבערוועגן די געזונקענע וואָגשאָל פון דודס נשמה אין יענעם מאָמענט, ווען דוד המלך איז געשטאַנען ווי אַ קנעכט פון זיינע נידע־ריקסטע אינסטינקטן פאַר אוריה החתים איבערערדישער ריינ־קייט.

און דערפאַר טאַקע, וואָס דער תנ"ך האָט אונז דערציילט די דאָזיקע געשיכטע פון אוריהס שטייגן און דוד המלכס פאַלן, איז ער דער ספר הספרים, דאָס הייליקע בוך פון דער מענטש־הייט.

י. ראַפּאָפּאָרט

ח) ירמיה

אחד העם האָט אַמאָל געשריבן וועגן דעם, אַז די דערשיינונג פון די נביאים איז אַזוי ווייט פון אונז, אַז מיר קענען זי אפילו נישט באַגרייפן.

מיר דאַכט זיך אָבער, אַז ווען אחד העם האָט אויסגעדריקט דעם דאָזיקן — אין אַלגעמיין גאַנץ ריכטיקן — געדאַנק, האָט ער פאַרגעסן אין ירמיה הנביא. ווען די געשטאַלט פונם דאָזיקן טרויערנדיקן נביא וואָלט אין יענעם מאָמענט דערשינען פאַר אים, וואָלט ער געוועזן גענומען ספקן אין דער אַבסאָלוטער אמתדיקייט פון זיין געדאַנק: איז דאָך אונז ירמיה אַזוי נאָענט, אַז מיר פאַרגעסן אָפט, לייענענדיק אים, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ נביא, וואָס איז נישט צוטריטלעך פאַר אונזער פאַרשטאַנד, און מיר זעען און פילן פאַר זיך אַ מענטשן, אַ פּאָליטישן טוער, אַ סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן קעמפער, אַ דיכטער פון צער און צאָרן, וואָס איז אונז נאָענט, וועמען מיר קענען פאַרשטיין.

נישט אומזיסט האָבן זיך לעצטנס אַזוי פיל פּאָעטן און היסטאָריקער פאַרנומען מיט ירמיהן. אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר האָט סטעפאַן צווייג אָנגעשריבן זיין דראַמע „ירמיה"; פראַנץ ווערפעל האָט אָנגעשריבן זיין הערלעכן ראָמאַן וועגן ירמיה און זיין צייט — „הערט די שטימע"; דער היסטאָריקער יאָסיף קאַסטיין האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן ירמיה הנביא. און דאָס זענען נאָר די גרויסע געשטאַלטיקער פון דער ירמיה־געשטאַלט, פאַראַן אויך קלענערע. די דיכטער און היסטאָריקער באַשעפטיקן זיך אַזוי פיל מיט ירמיהן נישט נאָר דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער נביא פון טרויער, דער דאָזיקער נביא פון דער עפּאָכע פון קאַטאַסטראָפעס איז נאָענט צו אונז, די קינדער פון אַ קאַטאַסטראָפאַלער עפּאָכע; ירמיה איז דער פּאָפּולערסטער נביא ביי

די פּאָעטן און היסטאָריקער אויך נישט דערפּאַר, ווייל זיין ביאָגראַפיע איז די פולסטע צווישן אַלע נביאים, כמעט קלאָר סקיצירט, — ירמיה איז דער באַליבטער העלד פון פּאָעטן און היסטאָריקער דערפאַר, ווייל ער איז זיי פאַרשטענדלעכער פאַר אַלע אַנדערע נביאים, ער איז היינטצייטיקער מיט די פּרטים פון זיין ביאָגראַפיע און אפילו מיט זיין סטיל, וואָס איז אונז נענטער מיט זיינע פּשוט־מענטשלעכע אינטאָנאַציעס פאַר כמעט דער גאַנצער נביאימשער ליטעראַטור.

אויך ביי די אַנדערע נביאים באַגעגענען מיר אייניקע שטעלן (למשל, ביי יחזקאלן, ביי חבקוקן און עמוסן), וואָס דערמאָנען אונז אונזער גרויסע פּובליציסטיק, אונזער פּאָעזיע, — זיי שטעבן נישט אין די אומצוטריטלעכע הויכן, ווי די רעדעס פון די נביאים בכלל. אָבער די דאָזיקע נאָענטקייט פון די געדאַנקען און געפילן (און זייער אויסדרוק) דערגרייכט נישט ביי קיינעם פון די נביאים אַזאַ מדרגה, ווי ביי ירמיהן. ער איז אַזוי מענטשלעך (און נישט איבערמענטשלעך), אַז אפילו די דערשיינונג פון נבואה ווערט ביי אים צוטריטלעכער פאַר אונזער פאַרשטאַנד, און זי דערשיינט שוין נישט פאַר אונז מער אַלס עפּעס איבערנאַטירלעכס, וואָס שטייט מחוץ פון אַלע לעבנס־דערשיינונגען, נאָר גלידערט זיך איין אין דער אַלגעמיינער היסטאָרישער דערשיינונג פון ליטעראַטור, ווי איינער פון אירע מינים.

ווי מענטשלעך און פאַרשטענדלעך איז ירמיה יעדן איינעם, וואָס איז אינטים באַקאַנט מיט דעם פענאָמען פון ליטעראַטור, ווען ער באַקלאָגט זיך (ירמיה כ׳ 7-9): „האָסט מיך איבערגערעדט, גאָט, און איך בין איבערגערעדט געוואָרן, האָסט מיך איבערגעשטאַרקט, און ביסט בייגעקומען; איך בין געוואָרן צום געלעכטער אַ גאַנצן טאָג, איטלעכער טוט שפּעטן פון מיר. וואָרום ווען נאָר איך רעד, טו איך שרייען. „אומרעכט און רויב!” רוף איך אויס. פאַרוואָר, דאָס וואָרט פון גאָט

איז מיר געוואָרן צו שאַנד און צו לעסטערונג אַ גאַנצן טאָג. און איך האָב געוועסט געזאָגט: איך וועל אים נישט דערמאָנען און וועל מער נישט רעדן אין זיין נאָמען; אָבער עס איז אין מיין הארצן ווי אַ ברענענדיק פייער, איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער, און איך מאַטער זיך עס איינצוהאַלטן, אָבער איך קען נישט".

דאָס איז נישט דער איינציקער פאַל, ווען אַ נביא דערשרעקט זיך פאַר זיין גורל, — שוין דער אבי הנביאים, משה רבינו אליין, האָט אים געוואָלט אויסמיידן: צוערשט האָט ער זיך געוואָלט אויסקויפן דורך באַשיידנקייט (שמות ג׳, 11): „ווער בין איך, אַז איך זאָל גיין צו פרעהן, און אַז איך זאָל אַרויסציען די קינדער פון ישראל פון מצרים?", דערנאָך האָט ער זיך אפילו נישט געשעמט (אַ זעלטנקייט ביי אַ בעל־מום) אַרויסצושטעלן זיין מום (שמות ד׳, 10): „איך בין שווער אויפן מויל, און שווער אויף דער צונג". און אַז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, האָט ער שוין געזאָגט כמעט אומהעפלעך (שמות ד׳, 13): „שיק דורך וועמען דו וועסט שיקן". ווי איינער זאָגט: „דריי מיר נישט דעם קאָפּ".

אָבער אין דער גאַנצער דינגעניש צווישן משהן מיט גאָט, איז נישטאָ קיין טיפער פערזענלעכער טאָן, — אַז מען האָט שוין גאָר אַ גוטן אויער שפּירט מען אין זיינע ווערטער עפּעס אַ ווייטן אָנדייט פון אַ פּייכטקייט, פון אַ טרער, וואָס קאָן דאָ אַמאָל געבוירן ווערן. אָבער ווי קומט דאָס צום ספּאַזמאַטישן שלוכצן פון ירמיהו, וואָס טרייסלט אונז אויף שוין אין זיין ערשטן ציטער פאַר זיין גורל (ירמיה א. 6): „ווי, גאָט דו האַר, איך קען דאָך נישט רעדן, וואָרום איך בין אַ יינגל", שוין אָפּגערעדט אין זיין צווייטן ציטער פאַר זיין גורל, ווען מיר זעען פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס ראַנגלט זיך מיט זיין גורל, גייט אָפּ אין בלוט. אויב אין ערשטן שרעק פאַר זיין גורל האָט זיך אים נאָך געדאַכט, אַז עמיץ לייגט אַרויף אויף אים די משא

פון דרויסן (ער איז דאָך נאָך געווען אַ יינגל), ווייס ער שוין שפּעטער, אַז דאָס פייער איז אין זיין הארצן: „און איך מאַטער זיך עם איינצוהאַלטן, אָבער איך קען ניט"...

דאָס פייער, וואָס פאַרצערט אליהו הנביאס קרבן אויפן הר הכרמל, קומט אפשר פון אויבן, אָבער דאָס פייער, וואָס פאַרצערט די ירמיהס, קומט תמיד פון אינעווייניק. דאָס איז דאָס פייער פון דיכטונג, פון רעליגיעזער וויזיע, פון דער געהיימנישפולסטער געווויסן־קראַפט, וואָס איז דאָ אין אַזאַ קליינעם סכום אויף דער וועלט און דאָך איז עס שקול קעגן דער גאַנצער וועלט. אמת, נישט אין פּראַקטישן לעבן; אָבער ווען מען לייענט ירמיהס ווייטאָק, וואָס ער קאָן נישט איינהאַלטן אין זיך זיין פייער, דאַרף מען נישט זיין דווקא קיין אכזריות־דיקער מענטש, כדי צו פילן, ווי גוט עס איז, וואָס אין יענער אַלטער צייט איז געווען מיט איין פּעטן כהן ווייניקער, וואָס איין כהן, אַנשטאָט צו ברענגען קרבנות פון רינדער, האָט זיך אַליין געבראַכט פאַר אַ קרבן אויפן ריינסטן אינערלעכן פייער פון דער רעליגיעז־דיכטערישער סטיכיע.

וואָס איז פאַרבליבן פון אַלע כהנים פון ענתות און ירושלים? דאָך נאָר זייער שאָטן, וואָס צאַפּלט דורך אויפן פאָן פון ירמיהס פאַרצערנדיקן (זעלבסטפאַרצערנדיקן) פייער.

די גאַנצע דערשיינונג פון נבואה איז אין איר וואָרצל אַ דיכטונג־פענאָמען. דערויף זאָגט עדות הן די בילדלעכקייט פון זייער שפּראַך, הן די מוזיק פון זייער שפּראַך, וואָס איז אָפּט — אין די בעסטע שטעלן — נישט ווייניקער פול מיט אינהאַלט, ווי די בילדער און געדאַנקען, הן די עמאָציאָנעלע רייצבאַרקייט פון די נביאים. אפילו זייער עטיק איז אַ רעזולטאַט פון זייערע דיכטערישע נאַטורן, — סאָציאַלע דענקער און רעפאָרמער, סאָציאַלע קעמפער און בונטאַרן נעמען אויף אומגערעכטיקייט און רעאַגירן אויף איר אַנדערש, ווי די נביאים, ביי וועמען דאָס געפיל פאַרבלינעט אַלץ, אַלץ —

זייער וועלט־קלוגשאַפט און זייערע אידייען. בכלל, זייער גאַנצע וועלט־אָנשויאונג איז אַן עמאָציאָנעלע אויף הונדערט פּראָצענט. אויב היינטיקע דיכטונג האָט על־פּי־רוב אָנגעטון אַ צוימל פון סאָציאָלער און אפילו פון עקזאַקטער וויסנשאַפט, האָט ביי די נביאים די רעליגיע און זייער סאָציאַלע לערע געווען דורך און דורך דיכטעריש.

אָבער כמעט ביי קיינעם נישט אין אַזאַ מאָס, ווי ביי ירמיהן. ביי אים אַנטפּלעקט זיך בולטער דאָס דיכטערישע פון דער נבואה, זי הויבט זיך אָן צו קריסטאַליזירן אין אַ מאָדערנער פאָרם; ירמיה דעקט אָפּ אירע סודות. דאָס, וואָס צוקט אויף מאָמענטנווייז ביי אליהו הנביא (די וויזיע מיטן „קול דממה דקה"), אפילו ביים הויף־נביא נתן („אתה האיש!") און ביי חבקוקן, ווי אויך ביי אַנדערע, שוין אָפּגערעדט ביי ישעיהן, איז ביי ירמיהן דער הויפּט־עלעמענט: דאָס דיכטעריש־מענטשלעכע.

* * *

אין ספר ירמיה איז נאָך דאָ זייער אַ סך פון דעם „אומדעפינירבאַרן וואָרט „נביא", פון דעם עלעמענט, וואָס באַוועלטיקט אונז, אָבער ער איז אונז כמעט אומפאַרשטענדלעך, — אַזוי ווייט איז ער פון אונז, ווי אחד העם האָט דאָס ריכטיק אויסגעדריקט. אָבער אין זעלבן ספר ירמיה, און נאָך מער אינם מענטשן ירמיה, איז דאָ אַ סך מער פון אַ מענטשן און פון אַ דיכטער, ווי ביי אַלע אַנדערע נביאים.

ס'אַרא ליריקער ער איז!

ער האָט אָנגעהויבן זיין דיכטונג מיט אַ פּאַלשן טאָן, ווי דאָס טרעפט על־פּי־רוב מיט יונגע דיכטער. אָנשטאָט מיט פול־בלוטיקע ליריש־סימבאָלישע בילדער האָט ער אָנגעהויבן מיט שאָטנדיק־אַלעגאָריש־דידאַקטישע וואָרט־שפּילערייען, וואָס זענען אָנגעצווינגען און נישט איבערצייגנדיק: מיטן „מקל שקד" און מיטן „סיר נפוח".

ווי אנדערש קלינגט ירמיהס דיכטערישע שטים, ווען זי ווערט קרעפטיקער און עכטער, ווען זי הערט אויף צו זוכן וואָרטשפּיל־אַלעגאָריעס און זי נעמט אויסזינגען אירע געפיל־איבערלעבונגען.

ס׳אַראַ שפּראַך ער לייגט אַריין אין מויל פון גאָט, ווען ער לאָזט אים (גאָט!) רעדן צו זיין (ירמיהס!) פאָלק! עס ווילט זיך נישט נוצן קיין איבערזעצונגען, קיין שום איבערזעצונגען!

„זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולתיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה". („איך געדענק דיר די גינציקייט פון דיין יוגנט, די ליבשאַפט פון דיין כלה־צייט; דיין גיין נאָך מיר אין דער מדבר, אין אַ לאַנד נישט געזייט"). ס׳אַראַ צאַרטקייט עס פלאַטערט אין די ווערטער, אין די קלאַנגען, אפילו צווישן די אותיות. די ווערטער זענען אַזוי קנאַפּ, און זיי מאָביליזירן אַזאַ ריזיקן סכום צאַרטקייט, אַז עס איז אַ וווּנדער וואָס שוין צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר, ווי זיי האַלטן איין אין זייער צוציאונגס־פעלד די דאָזיקע צאַרטקייט.

בלויז איינמאָל האָט ירמיה געשלאָגן דעם אייגענעם רע־קאָרד פון אַבסאָלוטן צאַרטקייט־אויסדרוק. דאָס איז די שטעלע, וואָס די יידישע חזנים האָבן זי אַזוי באַרימט געמאַכט: „הבן יקיר לי אפרים, אם ילד שעשועים? כי מדי דברי בו, זכר אזכרנו עוד; על כן המו מעי לו, — רחם ארחמנו נאום יהוה" (ל"א, 19). („איז מיר אַ טייער זון אפרים, צי אַ קינד אַ געצערטלטס? וואָרום ווי נאָר איך רעד פון אים, בענקען בענק איך ווידער נאָך אים; דרום ברומען מיינע אינגעווייד צו אים, — דערבאַרעמען וועל איך אים דערבאַרעמען, זאָגט גאָט").

לידער, וואָס קאָמפּאָניסטן מאַכן מוזיק צו זיי, טראָגן די מוזיק אין זיך, — די קאָמפּאָניסטן באַמיען זיך נאָר אַרויס־צוכשופן זייער אינהאַלט אויף דרויסן, דעשיפרירן זייערע נאָטן. אויב אַזוי פיל יידישע חזנים האָבן אַריינגעלייגט אַזוי פיל האַרץ

אין זייער אויסזינגען דעם „הבן יקיר לי אפרים”, איז דאָס נישט געווען נישט קיין קאַפּריז און נישט קיין בלינדער מזל, — די דאַזיקע שטעלע האָט אין זיך אַזוי פיל ווארעמע מוזיק, אַז עס בעט זיך ממש זי אויסצוזינגען. און וואָס בעסער עס איז די מוזיק פונם „הבן יקיר”, אַלץ מער פילט מען, ווי די ווער־טער ציען און פאָדערן נאָך מער: עס איז נאָך אַלץ נישט אויסגעשעפּט געוואָרן זייער וווּנדערלעכע צאַרטע וואַרעמקייט. איך פיל אָפּטמאָל, ביים זינגען די דאָזיקע ווערטער לויטן נוסח פון מיין ליבסטן יוגנט־חזן, אַז נישט נאָר מיין האַרץ צעגייט ביים געזאַנג, נאָר איך פיל די וואַרעמע פולסירונג פון ירמיהס האַרץ, וואָס איז פאַרבליבן אין די דאָזיקע לירישסטע שטעלן פון זיין דיכטונגס־ספר. אין אַזעלכע מאָמענטן קאָן איך זיך נישט ענטוזיאַזמירן מיט די וויסנשאַפטלעכע וווּנדער פון 20־טן יאָרהונדערט: שוין צוואַנציק יאָר, ווי אַ האַרץ פון אַ הון, קאָנ־סערווירט אין אַזאַ און אַזאַ פליסיקייט, קלאַפּט אָן אויפהער!

וואָס איז דער דאָזיקער מעכאַנישער וווּנדער אין פאַרגלייך מיטן דיכטערישן וווּנדער פון אַ ירמיה, ווען נאָך 2500 יאָר פיל איך ממש פיזיש דעם קלאַפּן פון זיין לעבעדיק אָבער צע־ווייטאָקט־ליבעפול האַרץ אין די ווערטער פון „הבן יקיר לי אפרים”? אַ האַרץ האָט אויסגעשמידט פאַר איר ריטם פון גרענעצלאָזער ליבע אַזאַ וואָרט־און־קלאַנגען צונויפשטעל, אַז עס האָט זיך אַריבערגעראַטעוועט פון טויט אין דאָזיקן דובלי־קירטן דיכטערישן האַרצן און הערט נישט אויף צו לעבן זייט 2500 יאָר!

די מענטשלעכקייט פון אַ דיכטער איז תמיד פּראָפּאָרציאָ־נעל צו דער גרויס פון זיין דיכטונג. יערנפאַלס, אין די מאָ־מענטן, ווען דאָס דיכטערישע ווירקט אין אים. און היות ירמיה איז אין זיין ספר פּערמאַנענט דיכטעריש, איז ער דאָרט אויך פּערמאַנענט מענטשלעך. נישט איבערמענטשלעך, נאָר מענטשלעך.

אַ סך נביאים האָבן פאָראויסגעזאָגט דעם חורבן, אָבער וויפל פון זיי איז אויסגעקומען צוצוזען דעם גרויסן חורבן פון לאַנד און פאָלק מיט די אייגענע אויגן? און ירמיה האָט נישט נאָר איבערגעלעבט דעם חורבן, נאָר מיר זעען, ווי ער לעבט אים איבער.

דונערן וועגן חורבן, וואָס וועט קומען פאַר די זינד פון יהודה, איז איינס, און נביאות זאָגן וועגן חורבן, ווען ער שטייט שוין ביי דער שוועל, מיט איין פוס אויפגעהויבן זי אַריבערצוטרעטן, איז אַ צווייטס.

אָבער דאָס איז נאָך אויך געווען ווייניק פאַר ירמיהס גורל: ער האָט אויפן נביא אַרויפגעלאָדן נאָך אַ גרעסערע לאַסט — צו לעבן נאָכן חורבן, מיטצומאַכן דעם גלות.

און אָט־אָ־דאָ זעען מיר, ווי דער גרויסער נביא ווערט אַ גרויסער מענטש, אָבער מער נישט ווי אַ מענטש.

ער איז מענטשלעך, ווען ער האַלט אין איין פאַרשילטן דעם טאָג פון זיין געבוירן. „ווי מיר, מוטער מיינע, וואָס דו האָסט מיך געבוירן", איז אַן אָפּטער מאָטיוו ביי ירמיהן. היות אַנטלויפן פון זיין דיכטערישן פייער האָט ער נישט געקאָנט, האָט ער אָפּט געטרוימט וועגן אַנטרונען ווערן פון אים דורכן נישט־זיין, דורכן נישט געבוירן ווערן.

דעם געוואַלדיקסטן אויסדרוק פאַרן דאָזיקן פאַרלאַנג געפינען מיר צום סוף פון קאַפּיטל כ׳ פסוקים 14־18:

„פאַרשאָלטן דער טאָג,
„וואָס איך בין אין אים געבוירן געוואָרן!
„דער טאָג וואָס מיין מוטער האָט מיך געבוירן
„זאָל זיין נישט געבענטשט!
„פאַרשאָלטן דער מענטש וואָס האָט מיין פאָטער
„די בשורה געבראַכט אַזוי צו זאָגן:
„אַ יינגל איז דיר געבוירן געוואָרן;
„פרייען דערפרייט האָט ער אים!

„יענער מענטש זאָל זיין ווי די שטעט
„וואָס גאָט האָט איבערגעקערט און נישט דערבאַרעמט;
„און ער זאָל הערן אַ יללה אין דער פרי,
„און אַ געשריי אין מיטן טאָג;
„פאַרוואָס ער (גאָט) האָט מיך נישט געטויט פון טראַכט,
„אַז מיין מוטער זאָל מיין קבר זיין,
„און איר טראַכט אייביק טראָגעדיק.
„נאָך וואָס גאָר בין איך פון טראַכט אַרויס
„צו זען מאַטערניש און קומער,
„און אויסגיין אין שאַנד זאָלן מיינע טעג?"

קאָן דען זיין אַ גרעסערער און מער שרעקלעכער באַוויינען דאָס אייגענע געבוירן ווערן? אָבער היות דאָס שרעקלעכסטע איז דאָך שוין געשען, וואָלט זיך דעם נביא, לכל הפחות, ווען פאַרלאָזן זיין פאָלק, וואָס האָט אים פיינט צוליב זיין ליבע צו אים, וואָס ער מוז אים אָנזאָגן זיין חורבן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אים „אַ קינד אַ געצערטלטס".

„ווער גיט מיר אין מדבר אַ האַרבעריק פאַר וואַנדערער, איך וואָלט פאַרלאָזן מיין פאָלק, און אַוועקגיין פון זיי! וואָרום אַלע זענען זיי נואפים, אַ געזעמל פון פעלשער! און זיי שפּאַנען זייער צונג — זייער בויגן פון ליגן".

דאָס איז נישט יונה הנביאס בעלעטריסטיש־סימבאָלישער אַנטלויפן, מיט זיין ווונדערלעכן מוסר־השכל; דאָ קאָרטשעט זיך פאַר אונז אַ גרויסער דיכטער־מענטש אין זיין געפילס־כף־הקלע: נישט אומזיסט שטייען איינס לעבן צווייטן דער לעצטער פּסוק פון קאַפּיטל ח׳ און דער ערשטער פון קאַפּיטל ט׳. אָט זענען זיי: „ווער מאַכט מיין קאָפּ וואַסער, און מיין אויג אַ קוואַל טרערן, איך וואָלט באַוויינט טאָג און נאַכט די דער־שלאָגענע פון מיין פאָלק!"

„ווער גיט מיר אין מדבר אַ האַרבעריק פאַר וואַנדערער, איך וואָלט פאַרלאָזן מיין פאָלק און אַוועקגיין פון זיי!"

דאָס איז נישט אין סטיל פון א נביא בכלל, בפרט איז דאָס נישט אינם סטיל פון א נביא, וואָס גאָט האָט אים גע־מאַכט „פאַר אַ באַפעסטיקטער שטאָט, און פאַר אַן אייזערנעם זייל, און פאַר קופּערנע מויערן אַקעגן גאַנצן לאַנד". אָבער ווען אין אַזאַ פעסטונג גנבעט זיך אַריין דאָס דיכטעריש־מענטש־לעכע אין אַזאַ סכום, ווי ביי ירמיה הנביא, העלפט אפילו נישט גאָטס אָנזאָג: די קופּערנע מויערן פּלאַצן אונטערן דרוק פון מענטשלעך־דיכטערישער ליבע און מענטשלעך־דיכטערישן האַס: אָט וויל ער באַוויינען זיין פאָלק אָן אויפ־הער און אָט וויל ער אַנטלויפן פון אים; אָט זאָגט ער אים פאָרויס די שווערסטע פאַרדינטע שטראָף, און אָט טרייסט ער אים, אָט שילט ער אים און אָט האַלזט ער אים. ווי אַ גע־טרייע מאַמע, וואָס איז אַ חוץ אַ מאַמע, אויך אַ מענטש, אַ דיכטער־מענטש.

די ליניע איז אייגנטלעך די זעלבע ווי ביי אַלע גרויסע נביאים — דער גוט באַקאַנטער פענאָמען פון ליבע־האָס, פון דער שטראָף־ און גנאָד־סימפאָניע, פון אויפברויז קעגן אומ־רעכט און אויפברויז פון רחמים. אָבער ביי ירמיהן איז דאָס אַזוי דיכטעריש־מענטשלעך, פּערזענלעך צוגעשפּיצט. אי צוליב זיינע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, אי צוליב זייןווירקלעכקייט. ירמיהס מענטשלעך־דיכטערישע טראַגעדיע איז גרעסער אויף אַזוי פיל, אויף וויפל עס איז טראַגישער זיין נביאישער גורל.

אַלע נביאים האָבן געזאָגט דעם אמת אין די אויגן אויך פון די יידישע מלכים, אָבער זאָגן דעם גאַנצן אמת צדקיהון, בעת דער דורכפירונג פון דער געטלעכער עקזעקוציע, דאָס איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון ירמיה, און במילא האָט ער גע־מעגט זאָגן אויף זיך: „איך בין דער מאַן, וואָס האָט אָנגעזען פּיין דורך דער רוט פון זיין צאָרן" („איכה, ג׳ 1).

אָט די שורה אַליין איז גענוג אויף פעסטצושטעלן ירמיהס מחברשאַפט פון מגילת „איכה". אָט די צעבראָכנקייט פון

הארצן, אַט דער טאָן, דורכגעווייקט מיט צער, איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר ירמיהן.

אַלע נביאים זענען געשטאַנען אין קאַמף קעגן זייער פאָלק, קעגן די פירער פון זייער פאָלק; און אין תנ"ך געפינען מיר געװנוג קאָנקרעטע ביישפילן פון דאָזיקן קאַמף און די ליידן, וואָס ער פלעגט ברענגען מיט זיך פאַר די נביאים.

נתן הנביא מיט זיין „אתה האיש!" האָט נאָך גרויס מזל, — דער טיראַן דוד נעמט אויף אַזוי רואיק דעם דאָזיקן היל־כיקן פּאַטש אין פּנים, אַז אָפּטמאָל גלויבט מען נישט, אַז די דאָזיקע ווערטער פון נתן הנביא זענען היסטאָריש.

אַן אָפּקלאַנג פון נביאישן קאַמף מיט דער וועלטלעכער און כהנימשער מאכט געפינען מיר אויך ביי עמוסן, אין קאַפּיטל ז', פּסוק 10 און ווייטער:

„און אמציה דער כהן פון בית־אל האָט געשיקט צו ירבעם דעם מלך פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: עמוס האָט געמאַכט אַ בונט אויף דיר צווישן די קינדער פון ישראל; דאָס לאַנד קען נישט אויסהאַלטן אַלע זיינע רייד. וואָרום עמוס האָט אַזוי געזאָגט:

„דורכן שווערד וועט שטאַרבן ירבעם,
„און ישראל וועט אין גלות אַוועק פון זיין ערד".

„און אמציה האָט געזאָגט צו עמוסן: זעער, גיי אַנטלויף דיר קיין לאַנד יהודה, און עס דאָרטן ברויט, און דאָרטן זאָלסטו נביאות זאָגן. אָבער אין בית־אל זאָלסטו מער ווידער נביאות נישט זאָגן, וואָרום עס איז אַ מלכס הייליקטום, און עס איז אַ הויז פון מלוכה. האָט געענטפערט עמוס און האָט געזאָגט צו אמציהן: נישט קיין נביא בין איך, און נישט קיין זון פון אַ נביא בין איך, נייערט אַ פּאַסטוך פון רינדער בין איך, און אַ צוריכטער פון ווילדע פייגן. און גאָט האָט מיך גענומען פון הינטער די שאָף, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: גיי זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל. און אַצינד הער דאָס וואָרט פון גאָט".

און עס קומט די אמתע נבואה: „דיין ווייב וועט אין שטאָט אַ זונה זיין, און דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן פאַלן דורכן שווערד... און דו וועסט שטאַרבן אויף אומריינער ערד, און ישראל וועט אין גלות אַוועק פון זיין ערד".

די סכעמע איז ריכטיק: אַ קאַמף צווישן דעם נביא פון איין זייט און דעם מלך און כהן — פון דער צווייטער. אָבער עס ווירקט כמעט ווי אידיליש: אמציה זאָגט עמוסן ער זאָל אַנטלויפן, און עמוס חזרט איבער זיין נבואה וועגן ישראל נאָך מיט אַ צוגאָב פאַר אמציהן. דער קאַמף צווישן אליהו הנביא מיט אחאבן און איזבלן ווירקט שוין נישט דער ערך היסטאָריש־רעאַליסטישער, הגם אליהו הנביא איז לעגענדאַ־רישער פאַר עמוסן.

אויך ישעיהס קאַמף מיט די מלכים און זיין פאָלק איז אין דער סכעמע זיכער ריכטיק, אָבער וואָס שייך ישעיהן גופא, איז ער כמעט ווי אומפּערזענלעך. נישט אומזיסט האָט די לעגענדע פאַר אים צוגעטראַכט אַ לעגענדאַרישן טויט: ער באַהאַלט זיך אויס פאַר די רדיפות אין אַן אויסגעהוילטן בוים, און מען זעגט אים איבער אין צווייען צוזאַמען מיטן בוים.

דאָס אַלץ איז נישטאָ ביי ירמיהן: דאָ זעט מען דעם קאַמף צווישן ירמיהן און דעם קעניג, צווישן ירמיהן און די כהנים, צווישן ירמיהן און די פאַלשע נביאים, צווישן ירמיהן און דעם פאָלק אַזוי בולט, — נישט נאָר אין די פּאָליטישע ליניעס, נאָר אין די פערזענלעכע.

דאָס פאַרמשפּטן ירמיהן צום טויט, זיין מענטשלעך פּשוטע און מענטשלעך־דרייסטע רעדע צו די ריכטער, און ירמיהס פריילאַזונג, — אַ באַשטעטיקטער פּראָטאָקאָל וואָלט דאָס נישט געקאָנט צייכענען לעבנסטרייער און רעאַליסטישער.

אָט דער קאַפּיטל כ"ו, ווו דאָס ווערט דערציילט (און וואָס איז ווי אַ לייטמאָטיוו פאַר ירמיהס לעבן און קאַמף), איז אונז אַזוי פאַרשטענדלעך פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, ווי דאָס וואָלט

געטראָפן היינט. דאָס איז שוין נישט קיין אַבסטראַקטער קאַמף, נאָר אַ קאַמף פון אַ קאָנקרעטן מענטשן.

ירמיה זאָגט פאָרויס, אין עמאָציאָנעלן אויפברויז, דעם אונטערגאַנג פון בית־המקדש: „אויב איר וועט נישט צוהערן... צו גיין אין מיין תורה... וועל איך מאַכן דאָס דאָזיקע הויז אַזוי ווי שילו, און די דאָזיקע שטאָט וועל איך מאַכן פאַר אַ קללה ביי אַלע פעלקער פון דער ערד". ער רעדט ווי עמוס, אָבער די רעזולטאַטן זענען אַנדערע: ירמיהן כאַפּט מען, מען פאַרמשפּט אים צום טויט. און ווי אַזוי רעאַגירט ירמיה? נישט מיט קיין נס, נישט מיט קיין איבערמענטשלעכע נביאים־ווערטער, נאָר מיט טיף־מענטשלעכע ווערטער: „אָט בין איך אין אייערע הענט, טוט מיט מיר אַזוי ווי עס איז רעכטפאַרטיק אין אייערע אויגן. אָבער וויסן זאָלט איר וויסן זיין, אַז, אויב איר טויט מיך, ברענגט איר אומשולדיק בלוט אויף אייך, און אויף דער דאָזיקער שטאָט, און אויף אירע באַוווינער, וואָרום גאָט האָט מיך באמת געשיקט צו אייך, צו רעדן אין אייערע אויערן אַלע די דאָזיקע ווערטער".

און ירמיה ווערט באַפרייט, ווייל ווי ירמיהס פאָלק זאָל נישט זינדיק זיין אין ירמיהס אויגן, גלויבן זיי פאָרט אין גאָט און אין זיינע נביאים, — און אָט דער גלויבן, וואָס האָט געראַטעוועט אליהו הנביא, עמוסן און די איבעריקע (אָבער הינטער אַ געדיכטן פאָרהאַנג, מאַכנדיק זייער רעטונג אומפאַרשטענדלעך פאַר אונז), ראַטעוועט אויך ירמיהן. אָבער דאָ ווערט עס אונז פאַרשטענדלעך, ווי פאַרשטענדלעך עס איז אונז גאַנץ ירמיה, ווי פאַרשטענדלעך עס איז זיין מוט און זיין מענטשלעך בעטן אויפן לעבן.

„האָבן די האַרן און דאָס גאַנצע פאָלק געזאָגט צו די כהנים און צו די נביאים: דעם דאָזיקן מאַן קומט נישט טויט־שטראָף, וואָרום אין נאָמען פון יהוה אונזער גאָט האָט ער גערעדט צו אונז".

אַט־אָ־דער גלויבן, וואָס איז געבליבן וואַך אויך אין די אַפּטריניקסטע צייטן, איז דאָס געווען וואָס האָט געמאַכט ירמיהן (און אויך די אַנדערע נביאים) „פאַר אַ באַפעסטיקטער שטאָט, און פאַר אַן אייזערנעם זייל, און פאַר קופּערנע מויערן אַקעגן גאַנצן לאַנד, קעגן די מלכים פון יהודה, קעגן אירע האַרן, קעגן אירע כהנים, און קעגן דעם פאָלק פון לאַנד. און זיי וועלן מלחמה האַלטן אַקעגן דיר, און וועלן דיך נישט בייקומען, וואָרום איך בין מיט דיר, זאָגט גאָט, דיך מציל צו זיין".

נישט אַזוי ער, גאָט אַליין, ווי זיין גלויבן אין אים, וואָס דאָס פאָלק טיילט מיט די ירמיהס.

און עס זענען דעריבער אויך פאַרשטענדלעך די באַציאונגען צווישן צדקיהון און ירמיהון.

צדקיהון איז שווער צו פאָלגן ירמיהס עצה זיך אונטערצוגעבן די בבלים (ווי גרויסאַרטיק פראַנץ ווערפעל האָט איבערגעדיכטעט די דאָזיקע באַציאונגען אין זיין ראָמאַן „הערט די שטימע!"), אָבער ער שיצט זיין פּאָליטישן שונא, ירמיהן, ווייל דער קוואַל, פון וועלכן ירמיה שעפּט, איז נישט פרעמד זיין ייִדישער נשמה הינטערן קעניגלעכן מאַנטל.

ווען מען וואַרפט אַריין ירמיהן אין דעם ליים־גרוב (קאַפּיטל ל"ח), איז דאָס פאַרשטענדלעך: דאָס פאָלק פירט מלחמה און ירמיה פּרעדיקט מלוכה־פאַרראַט: „דער וואָס בלייבט זיצן אין דער דאָזיקער שטאָט, וועט שטאַרבן פון דער שווערד, פון דעם הונגער, און פון דער פּעסט, און דער וואָס גייט אַרויס צו די כשדים, וועט בלייבן לעבן; זיין נפש וועט אים זיין צום געווינס, און ער וועט בלייבן לעבן... איבערגעגעבן וועט איבערגעגעבן ווערן די דאָזיקע שטאָט אין דער האַנט פון דעם חיל פון דעם מלך פון בבל, און ער וועט זי באַצווינגען".

און עס איז פאַרשטענדלעך, וואָס דער קעניג באַגיטיקט ירמיהס אַרעסט: „אַט איז ער אין אייער האַנט; וואָרום דער מלך קאָן מיט אייך גאָרנישט אויספירן". (ס'איז נאָך אַ גרוי־

סער ספק צי יהואש האָט מכון געווען צום זין פון דאָזיקן פּסוק — י. ר.).

אָבער עס איז אויך פאַרשטענדלעך, וואָס ווען ירמיהו ווערט אַרעסטירט, שיקט צדקיהו און נעמט אים צו זיך און פרעגט אים אין פאַרבאָרגעניש: „פאַראַן אַ וואָרט פון גאָט?"

און ירמיה? ער זאָגט: „פאַראַן... אין דער האַנט פון דעם מלך פון בבל וועסטו איבערגעגעבן ווערן..."

פונקט ווי דער מלך איז געבונדן מיט דער מלוכה און ער קאָן און וויל גאָרנישט טון קעגן די הארן, וואָס שטראָפן ירמיהן פאַר מלוכה־פאַרראַט, אַזוי קאָן ירמיה אויך גאָרנישט טון קעגן דעם וואָרט פון גאָט, וואָס ברענט אין אים מיט אַן אומפאַרלעשלעכן פלאַם.

אָבער פונקט ווי די האַרן קאָנען נישט שטערן צדקיהן צו פרעגן אין דער שטיל ירמיהן וועגן אַ וואָרט פון גאָט, אַזוי קאָן גאָטס וואָרט נישט שטערן ירמיהן צו רעדן צו צדקיהן מענטשלעך, אַלצומענטשלעך, נאָכן דערפילן די געטלעכע מי־סיע: „און אַצינד (נאָכן פאַרענדיקן מיט דער נביאות — י. ר.), הער צו, איך בעט דיך, מיין האַר קעניג; זאָל, איך בעט דיך, פאַלן מיין געבעט פאַר דיר און זאָלסט מיר נישט אומקערן אין הויז פון יהונתן דעם שרייבער און לאָמיך נישט שטאַרבן דאָרטן".

און דער מלך פאַרגרינגערט ירמיהן זיין תפיסה.

און דעם צווייטן מאָל, ווען צדקיה ברענגט צו זיך און ראַטעוועט ירמיהן, איז די באַגעגעניש צווישן די צוויי, וואָס די מלוכה צעטיילט זיי, און גאָט פאַרייניקט זיי, נאָך טראַגי־שער און מענטשלעכער.

ווער עס לייענט די באַשרייבונג פונעם גרוב, אין וועלכן ירמיה איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן, און באַזונדערס — ווי אַזוי מען האָט אים פון דאָרט אַרויסגעצויגן דורך אַלטע קאָלדרעס און שמאַטעס אונטער דעם נביאס אָרעמס, דער זעט באַשיינ־

פערלעך דעם גרוב און אַלץ מיט אַנאַנדער: אַזוינס טראַכט מען נישט צו.

און אויך דעם שמועס צווישן די צוויי טראַכט מען נישט אויס אין זיין צאַפּלדיקער מענטשלעכקייט.

„און דער מלך האָט געזאָגט צו ירמיהון: איך וועל דיך פרעגן אַ זאַך; זאָלסט נישט פאַרלייקענען פון מיר אַ וואָרט".

און ירמיה, נאָר וואָס אַרויסגעצויגן פונם ליים־גרוב, ענטפערט: „אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו מיך דאָך טויטן, און אַז איך וועל דיר געבן אַן עצה, וועסטו נישט צוהערן צו מיר".

„האָט דער מלך צדקיה געשוואוירן ירמיהן אין פאַרבאָרגעניש, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אונז באַשאַפן די דאָזיקע זעל, אויב איך וועל דיך טויטן, און אויב איך וועל דיך איבערגעבן אין דער האַנט פון די דאָזיקע לייט, וואָס זוכן דיין לעבן!"

און ירמיה זאָגט אים אַלץ מיט דער לעצטער אָפנקייט. צוויי געפאַנגענע שטייען דאָ איינער קעגן צווייטן (די צוויי סצענעס צווישן ירמיהן און צדקיהן אין די קאַפּיטלעך ל"ז און ל"ח זענען וואַרשיינלעך איין סצענע, אַ צעשפּאָלטענע): איינער איז אַ געפאַנגענער ביי גאָט, דער צווייטער — ביי דער מלוכה, און ביידע מאַכן אַן אָפּמאַך, אַ רירנדיקן אָפּמאַך: דער מלך ראַטעוועט ירמיהן נאָך די האַרבסטע ווערטער, אָבער דער מלך בעט ירמיהן ער זאָל נישט אויסגעבן נישט זיך און נישט אים: „זאָל קיין מענטש נישט וויסן פון די דאָזיקע ווערטער, און וועסט נישט שטאַרבן".

ווי מענטשלעך עס פלעכטן זיך דאָ צונויף די טרייקייט צו דער פליכט און דאָס געבעט אויפן לעבן. דער קאַמף, וואָס ירמיה פירט, און דער אופן ווי ער פירט אים, איז אַזוי נאָענט צו אונז, און במילא אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער נביא וועט קיינמאָל נישט אויפהערן צו זיין אונז פאַרשטענדלעך, — ער שלעפּט אַראָפּ דעם נביא פון די הימלען און שטעלט אים

אַוועק אויף דער ערד, אָבער מיט אַ נשמה, אין וועלכער עס ווינט אויך דער הימל.

ווען עמוס ענטפערט אמציהן, רעדט ער ווי פון אַ וואָלקן אַראָפּ, ווי נישט קיין ערדישע באַשעפעניש: גאָט האָט אים צוגענומען נישט נאָר פון הינטער די שאָף, נאָר אויך פון דער ערד; אָבער ווען ירמיה ענטפערט צדקיהן אָדער די האַרן, רעדט צו זיי — און צו אונז! — אַ מענטש.

מיט אַ געטלעכן פייער אין האַרצן.

* * *

אַלע נביאים האָבן ליב געהאַט זייער פאָלק. און די ליבע קומט צום אויסדרוק אין זייער אומפאַרגעסלעכן צופלוס־ און אָפּפלוס־ריטם פון ליבע און האַס צו אים, פון שטראָף־רייד און טרייסט־רייד.

אָבער ביי קיינעם זענען די דאָזיקע שטראָף־ און טרייסט־רייד אַזוי נישט דורכגעטריפט מיטן אייגענעם בלוט, מיט די אייגענע פשוטע טרערן, ווי ביי ירמיהן.

און דאָס איז נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז דער מענטש־לעכסטער נביא, נאָר אויך דערפאַר, ווייל ער איז דער פּער־זענלעך־טראַגישסטער.

עס איז אָנגענומען, אַז פּאַטריאָטיזם, די ליבע צום פאָ־טערלאַנד, איז אַ געפיל, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט באַזונדערס אין דער נייער צייט, אַז ביי די אַלטע פעלקער איז דאָס געווען, אין בעסטן פאַל, שוואַך אַנטוויקלט.

ווי נישט ריכטיק דאָס איז, קאָן דערפילן יעדער איינער, ווער עס וועט איבערלייענען ביי ירמיהן פאָלגנדיקע שורות (כ"ב, 10):

„איר זאָלט נישט וויינען אויפן טויטן,\
„און נישט באַדויערן אים;\
„וויינען ווינט אויף דעם, וואָס גייט אַוועק,\
„וואָרום ער וועט זיך מער נישט אומקערן און זען\
„דאָס לאַנד פון זיין געבורט".

לייענט מען דעם דאָזיקן פּסוק אין ריטם פון ירמיהס שפּראַך, דערפילט מען די גאַנצע גרענעצלאָזע ליבע פון דעם דאָזיקן נביא פון ערשטן מאַרש אין גרויסן גלות צו זיין פּאַ־טערלאַנד. אין די דאָזיקע ווערטער אויף העברעאיש איז דאָ אי ליבע, אי בענקשאַפט, אי ליידן, אי אַ האַרצרייסנדיקער זיפץ, אי טרערן, וואָס מאַכן פייכט דעם ריטם פון די ווערטער וועגן דעם, אַז טויט איז בעסער, לייכטער פאַרן אייביקן גלות, אין וועלכן עס גייט אַוועק דער קעניג יהואחז (קיין מצרים).

מיר זענען נישט באַקאַנט קיין מער פּשוטע ווערטער וועגן ליבע צום פּאַטערלאַנד, און נישט קיין מער ווירקזאַמע.

און גראַד אים, דעם גרויסן פּאַטריאָט אין בעסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, איז אויסגעקומען נישט נאָר איבערצולעבן זיין פאָלקס גיין אין גלות; נישט נאָר ער האָט אַליין נביאות גע־זאָגט וועגן דעם, נאָר ער האָט אַליין ממש געטריבן דעם קעניג און אַ טייל פון פאָלק אין גלות אַריין. דער פּאַטריאָט אין דער ראָל פון אַ פאָלקס־פאַררעטער! מיר, וועלכע לייענען איצט זיינע ווערטער, פילן אין זיי זיין גאַנצע ליבע צום פאָלק און צום לאַנד; אָבער דאַן, אויף דער הייסער מינוט, ווען דער נביא האָט אין באַלאַגערטן ירושלים געעצהט זיך איבערצוגעבן צו די כשדים, האָט דאָס פאָלק געזען אין אים אַ פאַררעטער, וועלכער שוואַכט אָפּ די הערצער פון די קעמפער, אָט פּונקט ווי מען האָלט היינט אַלס פאַררעטער אַ ד״ר מאַגנוס אָדער אַ בובער, וועלכע פּרעדיקן שלום מיט די אַראַבער.

אים, ירמיהן, האָט מען חושד געווען אין וועלן אַריבער־לויפן צו די כשדים, אין אָפענעם מלוכה־פאַרראַט.

ער, וואָס האָט אַזוי באַוויינט דעם גיין אין גלות, אַז זיינע ווערטער האָבן נאָך היינט אין אונזער מויל דעם טעם פון אַן אָראָפּגעשלונגענער טרער, האָט נאָך צו אַלע זיינע פּיינען געמוזט צוגעבן די פּיין פון שרייבן בריוו צו בלייבן אין גלות, צו שלום מאַכן מיטן לעבן אין גלות, נישט דוחק זיין דעם קץ.

אַלע נביאים זענען געגאַנגען קעגן שטראָם, אָבער ירמיהו, דאַכט זיך אונז, זעען מיר ווי ער שטייט ביז איבערן האַלז אין רייסנדיקן שטראָם פון זיינע געפילן, פון זיין פאָלקס געפילן — און ער קאָרטשעט זיך אין דרייען און גייט דאָך קעגן שטראָם.
אָבער ווי טיף עס איז נישט זיין ליבע צו און זיין מיט־געפיל מיט די אַוועקגעגאַנגענע, — אַליין גייט ער נישט:

ער נעמט אויף זיך ווידער אַמאָל די אומדאַנקבאַרע ראָלע פון אויסערלעכן פאַרראַט.

צוערשט געפינט זיך ירמיה צווישן אַלע אַנדערע געפאַנ־גענע, אַ געשמידטער אין קייטן ווי זיי. אָבער דער שונא ווערט ווייך געשטימט צום נביא, וועלכער האָט אים, לויט זיין באַגריף (און לויטן באַגריף פון דורכשניטלעכן יידן אין באַלאַגערטן ירושלים), געהאָלפן.

„און דער הויפּט פון דעם לייב חיל האָט גענומען ירמיהון, און האָט צו אים געזאָגט: יהוה דיין גאָט האָט אָנגעזאָגט דאָס דאָזיקע בייז אויף דעם דאָזיקן אָרט, און יהוה האָט געבראַכט און געטון אַזוי ווי ער האָט גערעדט; וואָרום איר האָט געזינ־דיקט צו יהוה, און איר האָט נישט צוגעהערט צו זיין קול, דרום איז אייך געשען די דאָזיקע זאַך. (ווי שרעקלעך עס האָט געמוזט זיין ירמיהון צו הערן זיינע ווערטער אין שונאס מויל; דאָס, וואָס האָט באַדאַרפט דינען אַלס וואָרנונג קעגן חורבן, איז געוואָרן אַ באַרעכטיקונג פאַרן חורבן, — און אין שונאס מויל! — י. ר.) און אַצינד, זע, איך האָב דיך היינט לויז געמאַכט פון די קייטן, וואָס אויף דיין האַנט. אויב עס איז גוט אין דיינע אויגן צו קומען מיט מיר קיין בבל, קום, און איך וועל טון מיין אויג אויף דיר; אויב אָבער עס איז שלעכט אין דיינע אויגן צו קומען מיט מיר קיין בבל, לאָז עס. זע, דאָס גאַנצע לאַנד ליגט פאַר דיר; ווו עס איז גוט און ווו עס איז רעכט אין דיינע אויגן אַהין צו גיין, גיי".

ירמיהו איז שווער געווען אָנצונעמען די פרייהייט פון

שונאס האנט (נאָך שווערער, ווי זיינע מתנות), אָבער ער ברענגט אפשר דעם גרעסטן קרבן פון זיין לעבן: ער בלייבט אין לאַנד, ווייל ער וויל אויפהאַלטן דעם מוט פון די גולים מיט זיינע בריוו, און דעם מוט פון די געבליבענע — מיט זיין פערזאָן.

ירמיה האָט אומזיסט געבראַכט דעם קרבן, וואָס איז געוואָרן די גרעסטע מפּלה פון זיין לעבן.

עס איז אים באַשערט געווען צו זען, ווי דאָס פאָלק גופא האָט פאַרניכטעט דאָס לעצטע ביסל פרייהייט, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן, — ווי אַ צעשטערונגס־מאַניע האָט אַרומגע־כאַפּט דאָס שווער־פאַרוואונדעטע פאָלק. און פאַר דעם, וואָס ער איז נישט מיטגעגאַנגען מיטן געזונטן טייל פון די פּליטים, קיין בבל, איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די גייסטיק־קראַנקע פאַרבליבענע קיין מצרים.

ער האָט נאָך געמאַכט אַ לעצטן פּרווו צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך.

איבערגעשראָקן פון זייער אייגענער טאַט — די זינלאָזע, פאַרצווייפלטע הריגה פון גדליה בן אחיקם מיט זיינע מענטשן — ווילן די שארית הפּליטה אַנטלויפן קיין מצרים. זיי פרעגן אָבער — אויף אַ רירנדיקן אופן — ביי ירמיהן גאָטס ראַט:

„זאָל... פאַלן אונזער געבעט פאַר דיר, און זיי מתפּלל צו יהוה דיין גאָט פאַר אונז; פאַר דעם דאָזיקן גאַנצן איבערבלייב, וואָרום מיר זענען פון פיל געבליבן ווינציק, אַזוי ווי דיינע אויגן זעען אונז. און זאָל יהוה דיין גאָט אונז זאָגן דעם וועג, וואָס מיר זאָלן אויף אים גיין, און די זאַך וואָס מיר זאָלן טון".

ווען ירמיה וואָלט נישט געווען באַטויבט פון אַ גאַנצן לעבן קלעפּ, באַזונדערס פונם קלאַפּ פון חורבן ירושלים, וואָלט ער פון די דאָזיקע רייד צו אים געווען געוווסט, אַז נישטאָ קיין רעטונג פאַר די דאָזיקע מענטשן: זיי הייסן אים מתפּלל

זיין צו יהוה זיין גאָט, ווי ער וואָלט שוין בבלל נישט געווען זייערער (און אַזוי איז טאַקע געווען).

ירמיה הערט דאָס נישט און ער ענטפערט זיי אין נאָמען פון „יהוה דעם גאָט פון ישראל":

„אויב בלייבן וועט איר בלייבן אין דעם דאָזיקן לאַנד,
„וועל איך אייך אויפבויען און נישט צעשטערן,
„און וועל אייך איינפלאַנצן און נישט אויסרייסן,
„וואָרום איך האָב חרטה אויף דעם בייז,
וואָס איך האָב אייך געטון".

ווי שרעקלעך איז געווען פאַר ירמיה דעם דיכטער דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן קיין מצרים! ביי אים, אין זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע, האָט זיך דערביי פאַרבונדן דער חורבן פון דער פרייהייט מיטן תחית המתים פון דער אור־קנעכט־שאַפט.

און אין פלאַמיקע ווערטער וואָרנט ער קעגן דעם דאָזיקן אומגליקלעכן געדאַנק: אַנטלויפן פון חורבן אין דער מצרישער קנעכטשאַפט!

„און געשען וועט מיט אַלע מענטשן
„וואָס האָבן געקערט זייער פּנים צו קומען קיין מצרים,
„צו וווינען דאָרטן,
„אַז זיי וועלן שטאַרבן פון דער שווערד,
„פונם הונגער און פון דער פּעסט,
„און פון זיי וועט נישט זיין אַ געבליבענער אָדער
אַנטרונענער..."

היות גאָט האָט נישט געזאָגט דאָס, וואָס איז געווען זייער טיפסטער פאַרלאַנג, האָט מען ירמיהן (צום וויפלטן מאָל?) פאַרגעוואָרפן, אַז ער זאָגט ליגן: „ליגן זאָגסטו! נישט יהוה אונזער גאָט (ווי עס פלאָנטערט זיך ביי זיי אין גאַנצן קאַפּיטל „יהוה דיין גאָט" און „יהוה אונזער גאָט" — י. ר.) האָט דיך געשיקט זאָגן: איר זאָלט נישט קומען קיין מצרים

צו וווינען דאָרט; נייערט ברוך בן־נריה רעדט דיך אָן אויף אונז, כדי אונז איבערצוגעבן אין דער האַנט פון די כשדים, אונז צו טויטן, אָדער אונז צו פאַרטרייבן קיין בבל".

און זיי זענען אוועק קיין מצרים, מיטשלעפנדיק ירמיה הנביא מיט זיך.

* * *

ירמיה צווישן דעם פּליטימשן ערב־רב אין מצרים, — ס'איז געוואַלדיקע טעמע גראָד פאַר היינטיקער צייט, ווען אַזוי פיל קליינע אור־אור־אייניקלעך פון ירמיהן איז אויסגעקומען צו זיצן צווישן אַן ענלעכן ערב־רב אין די פאַרשידענע מצרימס!

ער האָט נאָך געהאַט כוח צו שטראָפן, דער דאָזיקער גע־בוירענער שטראָפער, ווי עס זאָגט עדות די ערשטע העלפט פון קאַפּיטל מ"ד; אָבער דאָס איז שוין נישט געווען די פיין פון שטראָפן פאַרבלאָנדזשעטע אין ירושלים, — דאָס איז געווען די פיין פון שטראָפן אויסגעוואָרצלטע, פרעכע ערב־רב־ניקעס. זיי האָבן שוין נישט פּרובירט אפילו אויסצובאַהאַלטן זייער ווידערשפּעניקייט הינטערן אויסרייד, אַז ירמיה רעדט נישט אין נאָמען פון גאָט, — זיי האָבן אָפן מורד געווען:

„דאָס וואָרט, וואָס דו האָסט גערעדט צו אונז אין נאָמען פון גאָט, הערן מיר דיר נישט צו. נייערט טון וועלן מיר טון איטלעך וואָרט וואָס איז אַרויס פון אונזער מויל, צו רויכערן צו דער מלכה פון הימל, און גיסן צו איר גיס־אָפּפער, אַזוי ווי מיר האָבן געטון, מיר און אונזערע עלטערן, אונזערע מלכים און אונזערע האַרן, אין די שטעט פון יהודה, און אין די גאַסן פון ירושלים; און מיר האָבן געהאַט ברויט צו זעט, און אונז איז געווען גוט, און שלעכטס האָבן מיר נישט אָנגע־זען".

איר האָט אַמאָל געזען לעסער אורים „ירמיה הנביא"? ער ליגט אויף דער נאַקעטער ערד, אונטערן אויסגעשפּרייטן

הימל, און אַלץ אין אים איז טרויער און איינזאַמקייט, דער עיקר איינזאַמקייט. דאָס מוז ער אַזוי ליגן אין מצרים, איינזאַם צווישן זיין פּליטים־פֿאָלק. און ער מוז טראַכטן, ווי גוט עס וואָלט געווען אומצוקומען צוזאַמען מיט זיינע לעבנס־לאַנגע קעגנער — די קעמפער קעגן די כשדים; ווי גוט עס וואָלט געווען צו זיין אַ געשמידטער צווישן די געפאַנגענע פון די כשדים, איידער צווישן די דאָזיקע פרייע, נישט געשמידטע פּליטים, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייער פאָלק און זייער לאַנד נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק.

ווי שרעקלעך עס איז צו זיין און לעבן צווישן געראַטעוועטע פון אַ פאָלקס־שרפה, און זען — מיט גרענעצלאָזן שווידער, — אַז זיי האָבן נישט אַרויסגעראַטעוועט קיין שום ווערטפולס.

אפילו אין די מאָדערנע פּליטימשע מצרימס איז דער נביא פון פּיין, ירמיה דער מענטש, געווען דער נאָענטסטער, דער פאַרשטענדלעכסטער. אויף אים האָט זיך אויסגעגאָסן די גאַנצע תוחכה, וואָס קאָן זיך נאָר אויסגיסן אויף אַ פאָלק ביז סוף כל הדורות.

ט) אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן

דאָס קריסטנטום איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס עס האָט פאַרביטן משה רבינוס „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן" אויף קריסטוסעס „שטעל אונטער די לינקע באַק, ווען מען גיט דיר אַ פּאַטש אין דער רעכטער".

און מיר זענען שטאָלץ מיט דעם, וואָס דאָס אוראַלטע געזעץ פון „אַ צאָן פאַר אַ צאָן" איז ביי אונז שוין פון לאַנג אויסגעטייטשט געוואָרן מילדער — דאָס מיינט מען אַ געלט־אַנטשעדיקונג.

ווען איך קוק זיך צו, ווי עס זעט אויס אין לעבן דאָס

„אונטערשטעלן די לינקע באַק, ווען מען פּאַטשט אין דער רעכטער", און ווען איך לייען זיך אַריין אין דער געזעצגע־בונג פון תורת משה, הויב איך אָן ספקן אין דער צוועק־מעסיקייט פון אונזער מילדערן דעם אוראַלטן „אַ צאָן פאַר אַ צאָן". איך הויב אָן צו פילן, אַז דאָס איז נישט קיין פּוסטע באַרימעריי, ווען משה רופט אָן זיין תורה — „תורת חיים", אַ תורה פאַרן לעבן, אַ תורה וואָס נעמט אין באַטראַכט דאָס לעבן. ווי ווונדערבאַר דאָס איז אויסגעדריקט אין דברים, ל', 11-14: „וואָרום דאָס דאָזיקע געבאָט וואָס איך געביט דיר היינט, דאָס איז נישט פאַרהוילן פון דיר, און דאָס איז נישט צו ווייט. נישט אויפן הימל איז דאָס, אַז דו זאָלסט זאָגן: ווער וועט אונז אַרויפגיין אויפן הימל און עס נעמען פאַר אונז, און עס אונז לאָזן הערן, כדי מיר זאָלן עס טון? און נישט פון יענער זייט ים איז דאָס, אַז דו זאָלסט זאָגן: ווער וועט אונז אַריבערגיין אויף יענער זייט ים, און עס נעמען פאַר אונז, און דאָס אונז לאָזן הערן, כדי מיר זאָלן עס טון? נייערט זייער נאָענט איז דאָס וואָרט צו דיר, אין דיין מויל, און אין דיין האַרצן, עס צו טון".

אָט דאָס דאָזיקע באַפליגלטע וואָרט „לא בשמים היא", וואָס האָט אַזוי שטאַלץ אָפּגעקלונגען אין תלמוד, ווען דער תנא רבי יהושע האָט זיך נישט געלאָזט טעראָריזירן דורכן בת־קול, און אַ זאָג געטון: „לא בשמים היא", — די תורה איז נישט אין הימל און נישט פאַרן הימל, נאָר פאַר דער ערד און אירע — ערדישע — מענטשן און זיי באַשטימען די תורה, ווייל זי דאַרף רעדן צו זייער פאַרשטאַנד און — דער עיקר — צו זייערע אינסטינקטן און געפילן, — אָט דאָס באַפליגלטע וואָרט איז דאָס פּאָן פון יידנטום, און אויפן דאָזיקן פּאָן דאַרף מען אויסנייען מיט גאָלדענע אותיות: „אָן אויג פאַר אָן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן", ווייל דאָס איז די שפּראַך, וואָס דער מענטש פאַרשטייט, ווייל דאָס איז די

קראַפּט, וואָס איז פּעאיק צו צוימען די חיה. צוימען די חיה קאָן מען נאָר, ווען מען קוקט איר גלייך אין די אויגן, און די חיה ווייס, אַז מען ווייס, אַז זי איז אַ חיה, און מען היט איר יעדע באַוועגונג און עס איז גרייט די בייטש — „אַ צאָן פאַר אַ צאָן און אַן אויג פאַר אַן אויג", כדי „די איבעריקע וועלן הערן און וועלן מורא האָבן, און וועלן מער נישט טון די דאָזיקע שלעכטע זאַך צווישן דיר".

ליבע איז זייער אַ שיינע זאַך, אָבער דער מענטש פאַרטראָגט זי אין קליינע דאָזעס, אַלס צוגאָב צו דער שטרענגער געזעץ־דיעטע. הלל הזקן איז אַ זעלטענער אויסנאַם, פראַנץ פון אַסיזי — אויך, און ר' משה לייב סאַסאָווער — אוודאי און אוודאי. די דאָזיקע קאָנט איר לאָזן פריי פון געזעץ — זייער געזעץ איז גרענעצלאָזע ליבע. אָבער וואָס עס ווערט פונם „אונטערשטעלן די לינקע באַק, ווען מען גיט דיר אַ פּאַטש אין דער רעכטער" האָבן מיר געהאַט צייט צו זען אין משך פון צוויי טויזנט יאָר.

אין יעזוסעס לעבן זענען דאָ זייער אַ סך טונקעלע מאָמענטן. איינער פון די טונקלסטע איז זיין קאַמף מיטן שטן, וואָס וויל אים פאַנגען מיט פאַרשיידענע נסיונות. די וועגן פון שטן זענען אַזוי פאַרבאָרגן, ער כאַפּט זיך אַריין — ווו מען דאַרף אים צום ווינציקסטן! — אין אַזעלכע אומגעריכטע מאָמענטן — צי האָט ער אַמאָל נישט באַזיגט יעזוסן דורך דער פאַסטקע פון ליבע, ווען ער האָט געזען, אַז אַלע אַנדערע נסיונות האָבן קיין דערפאָלג נישט? ווו איז פּלוצלונג אַהינגעקומען רבי ישוע, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער איז נישט געקומען ברענגען פרידן אויף דער וועלט, נאָר דאָס שווערד („ובערת הרע מקרבך"!), אַז ער איז נישט געקומען אָפּשאַפן קיין אות פון תורת משה? צי האָט אים דער שטן נישט פאַרפירט דורך ליבע, כדי פריי צו לאָזן די חיה פונם צוים פון געזעץ? און עס גנבעט זיך אַמאָל אַריין אַ ספק: צי איז נישט

ישו געבליבן אין מדבר, באַזיגט דורכן שטן, און דער שטן איז געקומען צו דער וועלט אין דער געשטאַלט פון ישו?

* * *

וויפל מען האָט שוין אַלץ נישט אויסגעלאַכט דעם „אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן"! און דאָך איז אין דאָזיקן געזעץ דאָ טיפע מענטש־קענטניש.

דעם דאָזיקן געזעץ טראָגט דער מענטש אין זיין בלוט און ער דאַרף אים נישט זוכן נישט אין הימל און נישט אויף יענער זייט ים, — ער טראָגט אים אין בלוט, ער איז אים נאָענט, און דעריבער הערשט ער איבער אים. אָבער דעריבער קאָן ער זיך אים אויך אונטערוואַרפן, ווייל ער קען אים און קאָן אים אָנערקענען. „אַ צאָן פאַר אַ צאָן" איז אַ שטרענגער געזעץ, אָבער אַ גערעכטער; ער קאָן טרעפן שווער, אָבער ער דערנידעריקט נישט און ער פירט נישט צו דעגענעראַציע. בעת דאָס „אונטערשטעלן די לינקע באַק, ווען מען גיט דיר אַ פאַטש אין דער רעכטער", בונטעוועט דאָס בלוט, פירט אין פאַל פון דערפאָלג צו דעגענעראַציע און בדרך כלל — צו צביעות: ביי יענעם פאָדערט מען ער זאָל אונטערשטעלן ביידע באַקן, כדי מען זאָל אַן געפאַר קאָנען פאַטשן אין זיי.

און וואָס שייך ליבע, פעלט נישט דער תורת משה קיין ליבע. נישט די לייכטע, צו גאָרנישט פאַרפליכטנדיקע אַב־סטראַקטע ליבע פון קריסטנטום, נאָר די קאָנקרעטע, פעסט אַרומגעצאַמטע ליבע פון יידנטום.

ווי לייכט עס איז ליב צו האָבן די מענטשהייט, די גאַנ־צע וועלט, — און ווי שווער עס איז ליב צו האָבן אַ קאָנקרעטן מענטשן. דעם געבאָט „שטעל אונטער די לינקע באַק, ווען מען שלאָגט דיר אין דער רעכטער", איז לייכט צו פּרעדיקן, און נאָך לייכטער — נישט צו דערפילן, ווייל עס דראָט פאַר דעם גאָרנישט, ס'איז דאָך נאָר אַ פרומער ווונטש, אַן אויגן־גלאָצעניש צום הימל, כדי נישט צו זען, ווי אַזוי די הענט

פּאַטשן אויף רעכטס און אויף לינקס יענעמס באַקן; אָבער דער געבאָט פון נישט אויסהאַקן יענעמס אַן אויג, ווייל דאָס איז אַ זינד, וואָס מוז באַשטראָפט ווערן מיטן פאַרלוסט פון אייגענעם אויג, — דאָס איז ציוויליזירנדיק, דאָס צוימט די געוואַלט.

וואָס טויג דער מענטשהייט אַ רעליגיע פון ליבע, וואָס פאַרגיט יעדן פאַרברעכן, אויב מען באַטריפט אים מיט ליבע־טרערן? מיר איז ליבער — און אין מיינע אויגן איז גרעסער — אַ געזעץ, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרבלענדן די אויגן דורך די אייגענע געזעצן אפילו.

„אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן", אָבער נישט מעכאַניש, נאָר מיט אָפענע אויגן פאַר רעכט און יושר. אויב אַ מענטש האַקט אויס עמיצן אַן אויג נישט ווילנדיק, דאַן שיצט אים דאָס געזעץ קעגן דעם נאַטירלעכן פאַרלאַנג פונם בלוט זיך נוקם צו זיין, — דאָס געזעץ באַשטימט ערי־מקלט פאַר אַזעלכע. אָבער אויך די ערי־מקלט זענען נישט קיין מעכאַניש געזעץ, — אויב אַ מענטש, וואָס באַגייט אַ פאַרברעכן במזיד, אַנטלויפט אַהין, נעמט מען אים פון דאָרט אַרויס מיט געוואַלט.

וואָס טויג אַ ליבע, וואָס איז מעכאַניש: ווערט מען נישט געטובלט אין הייליק וואַסער, איז מען אַ פאַראורטיילטער, אפילו זייענדיק אַ צדיק; ווערט מען געטובלט — ווערט מען ריין פון אַלע זינד, ווי אַ טויב.

איך וויל בעסער אַ שטרענגן געזעץ, וואָס אַנערקענט עולם הבא אויך פאַר אַנדערש גלויבנדיקע, אויב זיי לעבן נאָר לויט די אינערלעכע געזעצן, וואָס די אויסערלעכע געזעצן פון תורת משה באַצוועקן.

תורת משה איז געזעץ, און דאָס קריסטנטום איז — ליבע! נישטאָ קיין מער פאַרדרייטער אורטייל, ווי דער דאָזיקער.

אויב א וואָסער נישט איז רעליגיע דערציט צו קאָנקרעטער ליבע, איז דאָס תורת משה.

ווי שיין עס זענען די ליבע־געבאָטן פון תורת משה! ווי פּסיכאָלאָגיש טיף זיי זענען!

„אז דו וועסט ארויסגיין אין מלחמה אַקעגן דיינע פיינט, און יהוה דיין גאָט וועט זיי געבן אין דיין האַנט, און וועסט פאַנגען פון זיי געפאַנגענע, און וועסט זען צווישן די געפאַנגענע א פרוי שיין אין געשטאַלט, און וועסט זי גלוסטן, און וועסט זי דיר וועלן נעמען פאַר א ווייב, זאָלסטו זי ברענגען אין דיין הויז, און זי זאָל אָפּגאָלן איר קאָפּ, און אָפּשניידן אירע נעגל; און זי זאָל אויסטון פון זיך די קליידונג פון איר געפאַנגענשאַפט, און זיצן אין דיין הויז, און באַוויינען איר פאָטער און איר מוטער א חודש צייט, און דערנאָך זאָלסטו קומען צו איר, און זי באַמאַנען, און זי זאָל דיר ווערן פאַר א ווייב. און עס וועט זיין, אויב זי וועט דיר נישט געפעלן, זאָלסטו זי לאָזן גיין וווהין זי וויל. אָבער פאַרקויפן פאַר געלט זאָלסטו זי נישט פאַרקויפן; טאָרסט נישט באַלעבאַטעווען איבער איר; דערפאַר וואָס דו האָסט זי געפּייניקט".

דעם גאַנצן אימפּאָטענטן ליבע־גאַוואַער פון צוויי טויזנט יאָר קריסטנטום פאַר די דאָזיקע פינף ערשטע פּסוקים פון „כי תצא" (דברים).

ס'אָרא טיפער רעספּעקט פאַרן מענטשן, ס'אָרא טיפע דערציאונגס־קונסט!

מען זאָגט נישט דעם מענטשן, ער זאָל ארויסטרייבן זיין יצר־הרע, — די וויטאַלע קראַפט, — און במילא אים מאַכן אָדער פאַר אַן אומהיילבאַרן צבועק אָדער פאַר אַן אומהיילבארן נעוראַטיקער. מען אָנערקענט די מענטשלעכע תאווה, אָבער מען וואַרפט ארויף אויף איר א צוים פון ליבע און רעספּעקט צום נידעריקסטן אין אַמאָליקער און היינטיקער

געזעלשאַפט: צום קנעכט, צום קריגס־רויב קנעכט.

מען גיט דער שקלאַפין אַ חודש צייט צו באַוויינען איר גורל (איר פאָטער און מוטער); זי זאָל זיך צוגעווינען צו איר גורל. און אויב דער זיגער וויל זי, נאָך דער באַמאַנונג, נישט נעמען אַלס פרוי, מוז ער זי באַפרייען אַן געלט, — ער איז טאַקע דער זיגער, זי געהערט אים, אָבער ער האָט זי געפייניקט, פאַרשעמט, און — אויך פאַר דער ווילקיר פון זיגער איז דאָ אַ גרענעץ.

ווי שיין עס איז די באַציאונג צו דער קריגס־שקלאַפין! און ווי פיין די דערציאונגס־קונסט לגבי דעם פרימיטיוון מענטשן!

און דער געבאָט וועגן אַן אַנטלאָפענעם קנעכט?

„זאָלסט נישט איבערענטפערן אַ קנעכט צו זיין האַר, אַז ער וועט זיך ראַטעווען צו דיר פון זיין האַר. ביי דיר זאָל ער זיצן, אין דיין מיט, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויס־דערוויילן, אין איינעם פון דיינע טויערן, וו אים איז בעסער; זאָלסט אים נישט קריוודען".

די פרומע קריסטן גלויבן, אַז תורת משה איז געווען דער ערשטער דערציאונגס־אַקט פון דער פרימיטיווער מענטש־הייט, און דער נייער טעסטאַמענט האָט פאַרביטן די דאָזיקע פרימיטיווע תורה פאַר אַ פרימיטיוון מענטשן אויף אַ העכערע פאַר אַ העכערן מענטשן.

איך פאַרשטיי אָבער נישט צו וואָס מען האָט באַדאַרפט איבערזעצן אין אַ העכערן קלאַס אַ מענטשהייט, וואָס מען נאָך זיצן — נאָך צוויי טויזנט יאָר העכערן קלאַס! — אין נידעריקערן.

אין נידעריקערן קלאַס הייסט מען טאַקע נישט אָפּשאַפן קיין קנעכטשאַפט, אָבער ווען אַ קנעכט אַנטלויפט פון זיין באַלעבאָס (ווייל אים איז שלעכט ביי יענעם!) טאָר מען אים נישט איבערענטפערן אין די הענט פון זיין פייניקער. עס זע־

נען טאַקע דאָ קנעכט, אָבער קנעכט זענען מענטשן און מען דאַרף זיי באַהאַנדלען מענטשלעך. וויפל קריסטן האָבן איבער־געענטפערט אין די הענט פונם נאַצי־האַר די יידישע קנעכט פון 20־טן יאָרהונדערט? וויפל קריסטן האָבן אומגעקערט אין די קאַלך־אויוונס די אַנטלאָפענע פון טרעבלינקע? וויפל האָבן די אַנטלאָפענע יידן־קנעכט פון 20־טן יאָרהונדערט געלאָזט זיצן ביי זיך? און וויפל האָבן זיי נישט געקריוודעט? וויפל מלוכות, — דעמאָקראַטישע, קריסטלעכע מלוכות, — האָבן די אַנטלאָפענע יידן־קנעכט געלאָזט וווינען „אין דעם אָרט, וואָס זיי וועלן אויסדערוויילן"?

דערמאָנט זיך נאָר דעם אינזל מאַוריציוס, די אַנדערע לאַגערן אין אַזוי פיל קריסטן־לענדער.

אפשר זאָל מען זיי צוריק אַריינזעצן אין נידעריקן דער־ציאונגס־קלאַס, ביז זיי וועלן איינזאַפּן אין זיך די טיפע ליבע צום קאָנקרעטן מענטשן (מעג ער זיין אַ קנעכט!) פון די פּסוקים 16 און 17 פון דברים כ"ג?

און אפשר וואָלטן נאָך די פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער גע־מעגט לערנען און איינחזרן דעם קאַפּיטל כ' פון דברים? ס'רעדט ליבע צום מענטשן, ס'רעדט דרך־ארץ פאַרן יחיד עס ברענט מיט אַ שטילן, גלייכמעסיקן, נישט היסטערישן פלאַם אין דאָזיקן קאַפּיטל, וואָס רעדט וועגן קריג. איר געדענקט? אויב אַ מענטש האָט געבויט אַ ניי הויז און נישט באַוויזן עס צו באַנייען, זאָל ער זיך אומקערן אַהיים, טאָמער שטאַרבט ער אין דער מלחמה און אַן אַנדער מענטש וועט עס באַנייען. דאָס זעלבע מיט אַ וויינגאָרטן און מיט אַ פרוי.

דאָס איז דרך־ארץ פאַרן יחיד, וואָס אים ציט צוריק צו זיין שטיקל מענטשלעך גליק: צו אַ פרוי, צו אַ וויינגאָרטן, צו אַ הויז, וואָס ער האָט געטרוימט וועגן זיי און נישט באַ־וויזן צו געניסן פון זיי. אָבער דאָס איז אויך קלוגשאַפט. פונקט ווי די תורה הייסט צוריקשיקן — נישט אין קרינס־

געריכט, נאָר אהיים — אַ פּחדן (ווייל פּחדנות איז נישט קיין זינד, נאָר אַ שוואַכקייט, אַ קראַנקהייט), כדי „דאָס הארץ פון זיינע ברידער זאָל נישט צעגיין אזוי ווי זיין הארץ". אזוי הייסט די תורה אָפּשיקן אהיים זעלנער, וואָס זייער הארץ איז ערגעץ אַנדערש. דאָס זענען געבאָטן פון אַ תורת חיים, — וואָס קאָן דאָס לעבן.

אין תורת משה פעלט ליבע!

„אז פאַר דיר וועט זיך טרעפן אין וועג אַ נעסט פון אַ פויגל..., מיט פייגעלעך אָדער אייער, און די מוטער זיצט אויף די פייגעלעך אָדער אויף די אייער, זאָלסטו נישט נעמען די מוטער אינאיינעם מיט די קינדער. אוועקלאָזן זאָלסטו אוועקלאָזן די מוטער, און די קינדער זאָלסטו נעמען צו דיר".

אין די דאָזיקע זאַכלעכע שורות איז דאָ אַ ים ליבע און אַ ים דערציאונגס־קונסט: נישט פאָדערן קיין הימלישע ליבע, נאָר זי אריינברענגען צו ביסעלעך אין די פּשוטסטע ערדישע זאַכן, — צומישן צו אַלע מעשים, אפילו צו די אומפּאַר־מיידלעכע עוולות און גראָבקייטן פון לעבן, אביסל חיה־צוימונג, אביסל מענטש־איבונג.

דאָס איז פאַר די פּוילוסעס געווען צו ווייניק מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק, און זיי האָבן צעשטערט דאָס געזעץ אין נאָמען פון אַ פאָרמלאָזער, געשטאַלטלאָזער, געזעצלאָזער ליבע. און היינט? נישט נאָר דעם פויגל מיט די אייער נעמט מען אינאיינעם, נאָר מוטער מיט קינדער האָט מען געפירט אין די גאַז־קאַמערן, און אַ גאַנצע וועלט האָט געקוקט, געשוויגן און זי איז שוין גרייט, — אין איר גרענעצלאָזער ליבע! — מוחל צו זיין, ווייל ביי איר גילט נישט דער הארבער רעפריין צו די הארבע געזעצן „ובערת הרע מקרבך!", — פאַר איר גילט דער ליבע־גאָווער פונם רענעגאַט פּאַולוס, וואָס איז אַלץ מוחל, אויב מען גלויבט אין אים און איז קיין זאַך נישט מוחל, אויב מען גלויבט נישט אין אים.

און איך בין זיכער (איך ווייס עס און כ'פיל עס), אז אינם הארבן „ובערת הרע מקרבך!" איז דאָ מער ליבע צום מענטשן און צום ריינעם מענטשלעכן לעבן, ווי אין דער גאַנצער בארג־פרעדיק, וואָס פאָדערטביים מענטשן גאָרנישט, א חוץ מויל־פלאַפּלעריי.

* * *

עס זענען דאָ אין תורת משה גרויזאַמע געזעצן, למשל: „אַ ממזר זאָל נישט קומען אין דער עדה פון גאָט; צומאָל דער צענטער דור פון אים זאָל נישט קומען אין דער עדה פון גאָט".

אָבער איך וואונדער זיך גיכער אויף די טיף־מענטשלעכע געזעצן, ווי אויף די אוממענטשלעכע.

און חוץ דעם: אין זעלבן קאַפּיטל כ"ג (דברים), ווו מען לאָזט נישט צו צו דער עדה פון גאָט נישט קיין ממזר, נישט קיין עמוני און קיין מואבי ביז צום צענטן דור אפילו, ווערט געזאָגט: „זאָלסט נישט פאראומווירדיקן אַ מצרי, וואָרום דו ביסט געווען אַ פרעמדער אין זיין לאַנד".

אָט די קליינע דאָזעס פון ליבע און מענטשלעכקייט אינם געדיכטן וואַלד פון געזעץ־הארבקייט האָבן הערפירט צו דעם, אַז קעגן דער אכזריות לגבי אַ ממזר האָבן רעוואָלטירט גראָד די טרייסטע דינער פון משהס געזעץ: נישט קיין אַנדערער, ווי דער תלמוד דערלויבט זיך צו פרעגן: אַז די עלטערן האָבן געזינדיקט — איז שולדיק דאָס קינד? און אין זעלבן תלמוד, וואָס איז כולו געזעץ, ווערט געזאָגט, אַז אַ ממזר אַ תלמיד חכם איז חשובער פאַר אַ כהן גדול אַן עם־הארץ.

צו וואָס האָט מען באַדאַרפט דעם העברעון קלאַס פון פרייער ליבע, אויב אין זעלבן אַלטן קלאַס איז מען דערגאַנגען צו אַזאַ רחמימדיקער באַציאונג צום ממזר און צו אַזאַ דרך־ארץ פאַרן מענטשן אין אים?

דאָס קריסטנטום איז געשפּרונגען צום הימל אָדער אין

טרוים, אָדער עס איז געפאַלן אויף דער ערד; דאָס יידנטום האָט גענומען בויען טרעף צום הימל, וואָס זאָלן פאַרבינדן דעם הימל מיט דער ערד, נענטער מאַכן דעם הימל צו דער ערד.

און דער פונדאַמענט פאַר די דאָזיקע טרעף, וואָס פירן לאַנגזאַם אָבער זיכער אַרויף איז נאָך אַלץ דער אַלטער: „אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן".

אַ קלאַפּ פון די חיה, איר שטרענג, מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט, קוקן אין די אויגן און היטן איר יעדע באַוועגונג, און דאַן, ווען זי בלייבט שטיין דערשראָקן, אומדעצידירט אין איר שפרונג, נעמען זי דערציען.

ווי צו אַ מענטשהייט, וואָס צעשטערט דעם דאָזיקן פונדאַמענט און וויל דערציען די מענטשהייט דורך אַ צוימלאָזער ליבע.

י) דער האַס פון תנך

איך האָב ליב דעם האַס פון תנך, אַט יענעם אַלט־טעסטאַמענטלעכן האַס, וועלכן געבעלס האָט אַזוי פיינט געהאַט אין דער לעצטער פאַזע פון זיין בילן, ווען דער שטורעם קעגן בבל, וואָס בושעוועט אין קאַפּיטל י"ג פון ישעיה הנביא, האָט זיך געהאַלטן אין דערנענטערן צו דייטשלאַנד.

„יאָמערט, וואָרום נאָענט איז דער טאָג פון גאָט, ווי אַ בראָך פון אַלמעכטיקן וועט ער קומען. דרום וועלן אַלע הענט שלאַף ווערן, און איטלעך האַרץ פון אַ מענטש וועט צעגיין; יסורים און ווייען וועלן זיי קריגן, ווי אַ געווינערין וועלן זיי זיך דרייען...

„איטלעכער, וואָס ווערט געפונען, וועט דערשטאָכן ווערן און איטלעכער, וואָס ווערט געכאַפּט, וועט פאַלן דורכן שווערד.

און זייערע קליינע קינדער וועלן צעהאַקט ווערן פאַר זייערע אויגן; זייערע הייזער וועלן צערויבט ווערן, און זייערע ווייבער וועלן געשענדט ווערן... און בבל, דאָס שיינדל פון מלוכות, די שטאָלצע פּראַכט פון די כשדים, וועט זיין ווי גאָטס איבערקערעניש פון סדום און עמורה. זי וועט אייביק נישט באַזעצט ווערן, און נישט באַוווינט זיין אויף דור־דורות..."

איך האָב ליב דעם דאָזיקן אַלט־טעסטאַמענטלעכן האַס, וועלכן די געבעלסעס, וואָס לעבן פון האַס, האָבן אַזוי פיינט.

מיטן שאַרפן חוש פון האַס פילן זיי, ווי פאַרשידן עס איז זייער האַס פונם האַס פון די יידישע נביאים. זייער האַס איז דער האַס פון שטאַרקן צום שוואַכן, דער האַס פון אַ רויב־חיה; דער האַס פון די נביאים איז דער האַס פון רעכט קעגן אומרעכט, פונם פאַרצוקטן קעגן פאַרצוקער.

דער הערלעכסטער קאַמף אין דער וועלט איז נישט דער קאַמף צווישן האַס און ליבע, נאָר דער קאַמף צווישן די אויבן באַשריבענע צוויי פאַרשידענע האַסן.

די מיינונג, וואָס דאָס קריסטנטום וויל אַרויפצווינגען אויף דער וועלט (און אויך געוויסע יידן פאַלן אַרונטער אונטער איר סוגעסטיע), אַז דער נייער טעסטאַמענט איז אַ העכערער שטאַפּל פון אַנטוויקלונג, ווייל ער פאַרבייט דעם אַלט־טעסטאַמענטלעכן האַס („אל נקמות ד'") אויף דער ניי־טעסטאַמענטלעכער ליבע, איז נישט ריכטיק. די ליבע פון נייעם טעסטאַמענט האָט נישט פאַרניכטעט און נישט אָפּגעשוואַכט דעם האַס פון פאַרצוקער, נאָר צוגענומען ביים פאַרצוקטן דעם הייליקן קעגנהאַס, וועלכן די פאַרצוקער האָבן אַזוי פיינט, ווייל זיי שפּירן אין אים דעם איינציקן געווער, וואָס קאָן זיי פאַרניכטן.

איך האָב געוואַלטיק ליב די צאַרטע טענער פון ליבע אין תנך: פלוצלונג באַווייזט זיך צווישן די צאָרן־וואָלקנס אַ שטראַל פון וואַרעמער ליבע, און דעם דונער פון צאָרן־שטורעם

פאַרבייטן די צאַרטסטע קלאַנגען פון ליבע און רחמנות, פון מיטלייד און גינציקייט. די דאָזיקע שטעלן ביי ישעיהן און ירמיהן זענען פון איבערערדישער שיינקייט, אָבער נישט זיי איבערצייגן מיך אין דער עטישער דערהויבנקייט פון תנך, פון דער יידישער לערע, — זייער האַס איבערצייגט מיך. זייער האַס צו אומגערעכטיקייט, צום נישט-עטישן עלעמענט אין לעבן איז נישט ווייניקער נישטרמענטשלעך, ווי דעם נוצרים ליבע, דערפאַר אָבער איז ער פון מענלעכן מין (ווי די ליבע — פון ווייבלעכן), און ער לאָזט זיך נישט פאַרגוואַל-טיקן, ווי די ליבע. דער עטישער האַס פון די נביאים ווייס נישט פון קיין קאָמפּראָמיסן: ער איז אַבסאָלוט אין זיינע פאָדערונגען און נאָרמען. צי דאָס איז בבל און אשור, צי דאָס איז ישראל און יהודה, — דער הוראַגאַן פון נביאישן האַס לאָזט זיך אַראָפּ מיט דער זעלבער פאַרניכטנדיקער קראַפט אויף יעדן פון זיי, ווער עס איז נאָר עובר אויף דעם עטישן אַבסאָלוט.

נישט דערפאַר וועלן בבלס קינדער פאַרניכטעט ווערן און בבלס פרויען געשענדט ווערן, ווייל זיי האָבן פאַרניכטעט און געשענדט ישראלס קינדער און פרויען; זיי וועט טרעפן גאָטס בראָך דערפאַר, ווייל זיי האָבן געשענדט פ ר ו י ע ן און גע-טויט ק י נ ד ע ר, אָדער נאָך אומפּערזענלעכער: ווייל זיי זע-נען עובר געווען אויף די אַבסאָלוטע עטישע געזעצן פון „לא תרצח!” און „לא תנאף!”

דער בעסטער באַווייז פאַר דער ריכטיקייט פון די דאָזיקע ווערטער איז דאָס, וואָס פאַרן פאָלק ישראל געפינען זיי נאָך שרעקלעכערע ווערטער, ווי פאַר די פאַרשידענע בבלס.

דער האַס פון די געבעלסעס איז געווענדט קעגן יענעם, קעגן פרעמדן, ווייל ער איז „יענער”, ווייל ער איז אַ „פרעמ-דער”, אפילו ווען זיי ווענדן אָן עטישן קאַמופלאַזש און הענ-גען אַרויס איבער זייער עגאָאיסטישן האַס אַן עטיש שילדל.

דער בעסטער באַווייז: ווען דער קאַמופלאַזש ווערט אָפּגעדעקט און עס באַווייזט זיך די ערווה פון זייער האַס, איז דער דאָזיקער לעצטער נאָך אַלץ געווענדט קעגן יענעם, קעגן פרעמדן, קיינמאָל נישט קעגן זיך.

ווי אַנדערש איז ביי די נביאים: ווען ישראל זינדיקט, רופן זיי טויט און פאַרניכטונג קעגן אים, ווייל זיי דינען קיינעם נישט, נאָר דעם אַבסאָלוטן עטישן געזעץ.

* * *

דער נביאימשער האַס איז עטישער פאַר דעם נוצרים ליבע. אָדער ריכטיקער: די נביאים האָבן געקאָנט אַזוי אומקאָמפּראָמיסלעך האַסן בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן פאַרמאָגט די גרויסע ליבע, די עכטע, די וואַרעמע, די מענלעכע, וואָס פאָדערט אַ סך און באַפּרידיקט זיך נישט מיט ווייניק, — נישט יענע אַבסטראַקטע ליבע, וואָס זאָגט צו אַזוי פיל און האָט פאַר דער סאַמאַריטאַנערין גאָרנישט, — נאָר די קאָנקרעטע ליבע צום מענטשן, ווער ער זאָל נישט זיין, אויב ער איז נאָר מל דאָס האַרץ און נעמט אָן מיט אהבה דעם עטישן יאָך.

ווען גאָט שיקט יונה הנביא קיין נינוה נביאות זאָגן זייער אומקום, און זיי טוען תשובה — צעברעכט גאָט זיין גזר־דין. און דאָס ווערט דערציילט אין זעלבן תנך, וואָס דערציילט וועגן חורבן ירושלים!

און ווען עמוס הנביא רעכנט אויס די פעלקער, וועלכע גאָט וועט באַשטראָפן, רעכנט ער אויס צוזאַמען מיט אדום, עמון און מואב אויך — יהודה.

ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען היינט די וועלט, ווען זי וואָלט אין משך פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר אויסגעשמידט איר כאַראַקטער אינם פייער פון נביאימשן האַס, אָנשטאָט צו אָנאַניזירן אין אַבסטראַקטער ליבע ביז אומהיילבאַרער אימפּאָטענץ.

נאָר דער, וואָס האָט עפּעס באמת פיינט, האָט עפּעס באמת ליב. אויב מען האָט באמת ליב אַ פרוי, מוז מען פיינט האָבן אין איר יעדע זאַך, וואָס צעשטערט די פולקאָמע פאַרשטעלונג וועגן איר; מוז מען פיינט האָבן אַלץ, וואָס פאַר־דאַרבט זי און מאַכט זי קליינלעך און נישטיק.

עס איז נישט ריכטיק, אַז די נביאים האָבן געקאָנט נאָר האָסן און דער נוצרי — נאָר ליב האָבן. קיינער האָט נישט פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע ליבע, ווי די נביאים, — דאָס זעט מען פון זייער האַס.

דער נוצרי איז געווען אַ שוואַכער עפּיגאָן פון מעכטיקן נביאים־שטאַם, — ער האָט נישט געהאַט קיין קראַפט ליב צו האָבן ביז האַס, — פון דער נביאימשער מענלעכער ליבע איז ביי אים פאַרבליבן דער ליבע־נעפּל פון אַ שוואַכער פרוי, וואָס זעט גאָרנישט אין איר ליבע־נעפּל, זי פילט בלויז.

בלויז מאָמענטנוויז וועקט זיך אין אים אויף עפּעס פון די נביאים. אָבער ער פילט עס ווי דורך נעפּל און פטרט עס אָפּ מיט אַ שיינעם, הגם בלאַסן אַפאָריזם: ער איז נישט גע־קומען ברענגען קיין שלום אויף דער וועלט, נאָר דעם שווערד.

אָבער דאָס נביאימשע שווערד איז נישטאָ נישט אין זיינע רייד, נישט אין זיינע געבאָטן, נישט אין זיינע מעשים.

ווי אַנדערש עס וואָלט אויסגעזען די מאָראַלישע לאַגע פון דער מענטשהייט אין 1947, ווען די וועלט וואָלט זיך אַראָפּ־געלאָזן אויף דייטשלאַנד מיטן צאָרן פון ישעיהס דרייצנטן קאַ־פּיטל, און נישט מיט דער ליבע פונם נוצרי, וואָס האָט גאָר־נישט פאַר דער סאַמאַריטאַנערין, אָבער זי פאַרגיט די זינד פון די מערדער — זיינע שכנים.

אָבער כדי אַראָפּצונידערן אויף דייטשלאַנד מיטן שטורעם פון ישעיה הנביאס פאַרניכטנדיקן האַס, דאַרף מען ליב האָבן די עטישע מענטש־פליכט מיט ישעיה הנביאס ליבע.

אָבער די האַסנדיקע ליבע, די אַבסאָלוט־קאָנקרעטע ליבע,

וואָס איז פּעאיק אויף קאָמפּראָמיסלאָזן האַס, פּעלט דער וועלט.

די וועלט האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געניויטיקט אינם אָפּפרישנדיקן, אָפּרייניקנדיקן אַלט־טעסטאַמענטלעכן האַס־שטורעם, ווי איצט, נאָך צוויי טויזנט יאָר הערשאַפט פון נייעם טעסטאַמענט.

נישט אומזיסט האָט געבעלס, אין די לעצטע חדשים פאַר דער מגירה, געפיבערט מיט שרעק פאַרן אַלט־טעסטאַמענטלעכן האַס. ער האָט געוווסט, אַז דער עטישער האַס איז די איינ־ציקע קראַפט, וואָס קאָן פאַרניכטן זיין ענגאַאיסטישן האַס.

ווען ער ווייס ווי ווייניק אַלט־טעסטאַמענטלעכן האַס די פעלקער האָבן, וואָלט ער נישט געווען מיטגענומען אויף יענער וועלט זיינע קינדער.

ער האָט דאָס נישט געוווסט.

ער האָט אַזוי לאַנג געשריגן, אַז די וועלט מוז באַפרייט ווערן פון יידישן גייסט, פון יידישן קריסטנטום, ביז ער האָט אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז דאָס קריסטנטום איז — יידנטום.

ער האָט נביאות געזאָגט, אָבער ער האָט נישט געוווסט וואָס.

די וועלט איז טאַקע קראַנק, טויט קראַנק אויף קריסטנטום, אָבער דאָס דאָזיקע קריסטנטום האָט קיין שייכות נישט צום יידנטום.

ווען דאָס קריסטנטום וואָלט טאַקע געווען — ווי געבעלס האָט געמיינט — יידישער גייסט, וואָלט ער גאָר נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו שרעקן זיך פאַר אים: דער דאָזיקער אַלט־טעסטאַמענטלעכער יידישער גייסט וואָלט שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעריסן מיטן וואָרצל די אַלע ווילד־גראָזן, וועמעס ממזר ער איז געווען.

* * *

איך האָב ליב די זיסע, לירישע טענער פון די נביאימס

ליבע־פּסוקים; די שטורעמדיקע האַס־מוזיק, וועלכע באַגלייט זיי און וועלכע זיי זענען מפסיק אויף אַ רגע, זאָגט אומפּאַר־פעלשט עדות אויף זייער עכטקייט.

און דערפאַר טאַקע האָב איך ליב דעם אַלט־טעסטאַ־מענטלעכן האַס: דורך זיינע פלאַמען שטראַלט די גרויסע, ריינינקנדיקע מענטשלעכע ליבע.

י״א) די קלאַסישע געשיכטע פון קנעכטשאַפט...

אנדערע זעען אין משהן די קלאַסישע געשיכטע פון אַ פאָלקס באַפרייט ווערן פון קנעכטשאַפט; איך זע אין איר די קלאַסישע געשיכטע פון אַ פאָלקס קנעכטשאַפט. און אפשר טאַקע פון דער מענטשהייטס קנעכטשאַפט. ווי אַלץ אין תנך, איז אויך די־אָ געשיכטע געשריבן מיט דער מאַקסימאַלסטער קורצקייט, וואָס אנטהאַלט די מאַקסימאַלסטע פולקייט.

„אַז משה איז אויפגעוואַקסן, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער, און האָט זיך צוגעקוקט צו זייער לאַסט־אַרבעט; און ער האָט געזען אַ מאַן אַ מצרי שלאָגן אַ מאַן אַ ייד, פון זיינע ברידער. און אַז ער האָט געזען, אַז קיין מענטש איז נישטאָ, האָט ער דערשלאָגן דעם מצרי, און האָט אים באַהאַלטן אין זאַמד. און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן צווייטן טאָג, ערשט צוויי מענער יידן ראַנגלען זיך; האָט ער געזאָגט צו דעם אומגערעכטן: פאַרוואָס שלאָגסטו דיין חבר? האָט יענער געזאָגט: ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ מאַן אַ האַר און אַ ריכטער איבער אונז? צי מיינסטו מיך צו הרגענען אַזוי ווי דו האָסט דערהרגעט דעם מצרי?“

כמעט תמיד הויבט אָן דעם רעוואָלט פון די פאַרשקלאַפטע אַ פרייער, וועלכער דערזעט פלוצלונג ווי זיינע ברידער זענען פאַרשקלאַפט. און כמעט תמיד טרעפט ער אָן אויף אַ ווידער־שטאַנד מצד די פאַרשקלאַפטע ברידער זיינע. זיי זענען אַזוי

פאַרנומען מיט שלאָגן איינער דעם צווייטן, אַז זיי האָבן נישט קיין צייט צו שלאָגן דעם באַדריקער. און נישט נאָר קיין צייט האָבן זיי נישט דערצו; און אפילו נישט בלויז דער מאַנגל אין פיזישן מוט שטערט זיי אין דעם, — די אויסערלעכע קנעכט־שאַפט פאַרוואַנדלט זיי אין אינערלעכע קנעכט: „ווער האָט דיר געמאַכט פאַר אַ מאַן אַ האַר און אַ ריכטער איבער אונז?" פון פרעהס אויפזעער זענען זיי גרייט אָנצונעמען אַלץ — זיי זענען דאָך באַשטימט דורך זייער האַר פרעה, ווען זיי אָנערקענען אַלס זייער האַר אינערלעך.

די שווערסטע אויפגאַבע באַשטייט אין קריגן די צושטי־מונג צו דער באַפרייאונג נישט מצד פרעהן, נאָר מצד די יידן. און עס איז אַ זיכערער גרייז אין חומש, ווען ער שרייבט: „איז משה אַנטלאָפן פאַר פרעהן", — פאַר די יידן איז ער אַנטלאָפן.

די לעקציע, וואָס משה האָט באַקומען, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַרויס צו זיינע ברידער און דערזען קנעכט נישט נאָר לויט זייער לאַגע, נאָר אויך לויט זייער נשמה, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין יאָרן אַרום, ווען גאָט האָט דערזען די קינדער פון ישראל אין זייער קנעכטשאַפט און געשיקט משהן זיי אויסצולייזן, בעט זיך משה ביי אים (ביי זיין אינערלעכער שטים, וואָס טרייבט אים ווידער צו זיינע ברידער) מיט אַלע תירוצים, ער זאָל אים לאָזן צורו: ער מאַכט זיך קליין („ווער בין איך, אַז איך זאָל גיין צו פרעהן?"); ער דערמאָנט זיך זיין ערשטע דערפאַרונג, און ער פרעגט מיט בלוטיקן סאַר־קאַזם: „אָט קום איך צו די קינדער פון ישראל, און איך וועל זאָגן צו זיי: דער גאָט פון אייערע עלטערן האָט מיך געשיקט צו אייך, און זיי וועלן זאָגן צו מיר: וואָס איז זיין נאָמען?"

פרעהס נאָמען, ווי איינער זאָגט, קענען זיי, אָבער קומען צו זיי נישט אין פרעהס נאָמען? און אַז דאָס העלפט אויך

נישט, מאַכט ער זיך גאָר פאַר א בעל מום: „איך בין נישט קיין מענטש פון ווערטער... איך בין שווער אויפן מויל, און שווער אויף דער צונג". ווי געפעלט אייך דער אויסרייד פונם זינגער פון „האזינו"?

משה איז צוריקגעגאַנגען צו זיינע ברידער. נישט אומזיסט איז גאָט געגאַנגען צו משהן, ווען „די קינדער פון ישראל האָבן געזיפצט פון דער קנעכטשאַפט" און „זייער געשריי איז אויפגעגאַנגען צו גאָט"; גאָט האָט געוווּסט, אַז דער, וואָס איז שוין איין מאָל אַרויס צו זיינע ברידער, וועט גיין נאָכאַמאָל, ווי שלעכט זיינע דערפאַרונגען מיט זיי זאָלן נישט זיין.

משה איז אפשר געווען דער ערשטער באַפרייער, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין אויפגאַבע דורך די, וועלכע ער האָט געוואָלט באַפרייען, אָבער נישט דער לעצטער. און ער איז אויך נישט געווען דער לעצטער, וואָס האָט זיך אומגעקערט: די בני ישראל האָט ווי געטון זייער פיזישע קנעכטשאַפט; משהן האָט ווי געטון זייער גייסטיקע קנעכטשאַפט. און משה האָט געליטן מער פאַר זיי. זיי האָט געפעלט אַביסל א לייכטערער דרוק, אים — זייער פולע פרייהייט.

משה האָט נישט געוואָלט גיין צו זיינע ברידער, אָבער ער האָט געמוזט, ווייל ער האָט זיך נישט געענדערט אין ווייטן מדין. זיין נשמה האָט געברענט ווי דער סנה, אָן אויפהער, נישט פאַרברענט ווערנדיק אויף אַש.

אָבער אויך זיינע ברידער האָבן זיך נישט געענדערט. ווי נאָר ער איז צוריקגעקומען און גענומען פירן זייער קאַמף, האָבן זיי אין אים גלייך דערזען דעם אומגעבעטענעם בעל־טובה, וואָס טוט רק רעות. „און זיי האָבן געטראָפן משהן און אהרנען... און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: זאָל גאָט אַראָפּקוקן אויף אייך, און משפטן, וואָס איר האָט פאַרמיאוסט אונזער ריח אין די אויגן פון פרעה, און אין די אויגן פון זיינע

קנעכט, צו געבן אַ שווערד אין זייער האַנט אונז צו הרגענען".

ס'איז געווען גרויסן אָרט עם פאַרנעמען אין אונזער געשיכטע די דאָזיקע ווערטער! פּונקט אַזאַ גרויסן, ווי אונזערע פיזישע לײדן. אומעטום, ווו עס נעמט ווירקן אין אונזער געשיכטע משהס גייסט, קומט אים אַנטקעגן דאָס אומשטערבלעכע קלאָגן זיך „פון די (יידישע — י. ר.) אויפזועערס פון די קינדער פון ישראל".

צי דען האָבן די דאָזיקע ווערטער נישט אַנטקעגנגעקלונגען דעם ציוניזם אין אַלע זיינע פאָרמען, פון די מילדסטע ביז די ראַדיקאַלסטע? צי דען זענען זיי נישט אַנטקעגנגעקומען דעם טעריטאָריאַליזם? צי דען זענען זיי נישט אַנטקעגנגעקומען אפילו די געטאָ־קעמפער? אפילו דאָרט, ווו עס איז אַרויס־געטראָגן געוואָרן דער אורטייל פון פולשטענדיקן אומקום, האָט זיך די פאַראורטיילטע אויך געדאַכט, אַז די קעמפער מאַכן ערגער זייער גורל.

און וואָס איז דער וואונדער, וואָס די געטאָ־קעמפער האָבן אָפּט נאָכגעגעבן דער אילוזיע פון די אומגליקלעכע, אַז משה אפילו, שוין נאָכן באַשלאָסענעם צוריקקער, האָט זיך געלאָזט ווייכער מאַכן זיין האַרץ:

„האָט משה זיך צוריקגעקערט צו גאָט, און האָט געזאָגט: גאָט, פאַרוואָס טוסטו שלעכטס דעם דאָזיקן פאָלק? צו וואָס נאָך האָסטו מיך געשיקט? אַז זינט איך בין געקומען צו פרעהן..., באַגייט ער זיך נאָך ערגער מיט דעם דאָזיקן פאָלק..."

און גאָט ענטפערט אים דערויף: „אַצינד וועסטו זען, וואָס איך וועל טון צו פרעהן; וואָרום דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַוועקלאָזן, און דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַרויסטרייבן פון זיין לאַנד".

איך בין שוין פון לאַנג חושד געווען, אַז ביים דערציילן וועגן יציאת מצרים דערציילט דער חומש אַ האַלבן אמת: אַז פרעה פלעגט נאָך יעדער מכה נישט וועלן אַרויסלאָזן די

יידן פון מצרים; ער פאַרשווייגט אָבער דעם צווייטן האַלבן אמת, אז די יידן גופא פלעגן נישט וועלן אַרויסגיין פון מצרים, אויב פּרעה איז געוואָרן אַזוי ווייכהאַרציק, אַז ער וויל זיי שוין אַרויסלאָזן. „אויב פּרעה איז געוואָרן אַזוי גוט, וועט דאָך דאָ אין מצרים זיין דאָס צוגעזאָגטע לאַנד"...

און דערויף איז דער חומש בלויז מרמז: „האָט משה... גערעדט צו די קינדער פון ישראל (וועגן דעם, אַז גאָט וועט זיי אויסלייזן — י. ר.), אָבער זיי האָבן נישט צוגעהערט צו משהן". „פון קורץ געמיט און פון שווערער אַרבעט", גיט צו דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר, כדי צוצודעקן די שאַנדע פון זיינע אבות...

און דעריבער האָט גאָט געמוזט אַזוי שטאַרק פּלאָגן פּרעהן, כדי ער זאָל אַרויסטרייבן די יידן פון זיין לאַנד, — ווייל אַרויסגיין האָבן זיי נישט געוואָלט. און אפילו אַרויסטרייבן איז זיי שווער געווען בלויז אין דער פרייהייט אַריין, — גאָט האָט זיי נאָך אַ חוץ פרייהייט געמוזט צוזאָגן עפּעס ממשות־דיקערס (פאַר קנעכט): „און עס וועט זיין, אַז איר וועט אַרויס־גיין, וועט איר נישט אַרויסגיין מיט ליידיקן; נאָר יעטוועדע פרוי וועט אַנטלייען פון איר שכנטע... זילבערנע זאַכן, און גילדערנע זאַכן, און קליידער..."

גאָט האָט זיך נישקשהדיק אָראָפּגעלאָזן צו זיין פאַר־קנעכטישט פאָלק. און דאָך האָט ער נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר זייער קנעכטישקייט, וואָס איז זיי אַריין אין די ביינער. און ווען „פּרעה האָט אַוועקגעלאָזן דאָס פאָלק, האָט זיי גאָט נישט געפירט אויף דעם וועג פון דעם לאַנד פון די פלשתים, ווייל ער איז געווען נאָענט (יהואש איבערזעצט צו אָפּט ווערט־לעך דאָרט, ווו מען דאַרף נישט; אָבער גראָד דאָ, ווו דאָס איז נויטיק, פאַרלאָזט ער זיין ווערטלעכן איבערזעצונגס־מעטאָד. אויך דאָ איבערזעצט ער אָנשטאָט „ווייל" — „הגם". — י. ר.), וואָרום גאָט האָט געזאָגט: דאָס פאָלק וועט נאָך חרטה האָבן,

אַז זיי ווען דערזען מלחמה, און זיי וועלן זיך אומקערן קיין מצרים".

„אַז זיי וועלן דערזען מלחמה", האָט שוין צוגעגעבן אַ שפּעטערדיקער פאַרשענערער פון דער געשיכטע. אין דער אמתן האָט דאָס פאָלק געוואָלט אומקערן זיך קיין מצרים ביי יעדער געלעגנהייט.

זיי האָבן זיך געוואָלט אומקערן קיין מצרים, ווען זיי האָבן געזען די נאָכיאָגנדיקע מצרים. „צי ווייל קיין קברים זענען נישטאָ אין מצרים, האָסטו אונז אַרויסגענומען צו שטאַרבן אין דער מדבר?... איז דאָס נישט דאָס וואָרט, וואָס מיר האָבן גערעדט צו דיר אין מצרים, אַזוי צו זאָגן: „טו זיך אָפּ פון אונז און לאָמיר דינען מצרים?" וואָרום בעסער פאַר אונז צו דינען הצרים איידער מיר זאָלן שטאַרבן אין דער מדבר".

רייד פון קנעכט, וואָס האָבן נישט פאַרדינט די פרייהייט!

און ווען עס איז שוואַך געווען מיט עסן, האָט זיי גענומען ציען צום פליישטאָפּ פון מצרים: „הלוואי וואָלטן מיר גע־שטאָרבן אין לאַנד מצרים, ווען מיר זענען געזעסן איבערן פלייש, ווען מיר האָבן געגעסן פלייש צו זאַט".

אַלערליי טויטן זענען זיי געווען ניחא, אָבי נישט דער טויט פון פרייהייטס־קאַמף!

און אַז עס איז געקומען דורשט — האָבן זיי ווידער גע־בענקט נאָך דער קנעכטשאַפט און געהאַט טענות צו משהן: „נאָך וואָס גאָר האָסטו אונז אויפגעבראַכט פון מצרים, צו טויטן מיך און מיינע קינדער און מיינע פי דורך דורשט?"

משה האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אויסקויפן פון זיי פאַר דער טובה, וואָס זיי האָבן אים געטון מיטן לאָזן אויסלייזן זיך פון דער מצרישער קנעכטשאַפט... מען האָט זיי באַדאַרפט כסדר אָפּגילטן דערפאַר. און עס איז פאַרשטענדלעך: משה האָט זיי נישט געקאָנט געבן אין מדבר קיין שום זאַך, וואָס זיי האָבן געהאַט אין מצרים; דאָס איינציקע, וואָס ער האָט

זיי געגעבן איז געווען פרייהייט, און גראָד דאָס האָבן זיי נישט באַדאַרפט; פון לאַנגער געוווינהייט צו קנעכטשאַפט, האָבן זיי זיך אָפּגעוווינט דערפון.

און ווי נאָר משה האָט זיך פאַרזאַמט אויפן באַרג סיני, האָבן זיי זיך געאײַלט כאָטש גייסטיק אומצוקערן זיך קיין מצרים, — אויב נישט צו פרעהן, איז צו זײַן גאָט. און אויב עס סטייעט נישט קיין גאָלד אויף אַן אָקס, איז כאָטש אַ קאַלב!

מיר פון פירן צו פרייהייט אַ פאָלק, וואָס האָט דאָס נישט געדאַרפט, — האָט משה באַשלאָסן צוצופירן זיי צום לאַנד, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט אין נאָמען פון גאָט, און אַליין נישט אַרײַנגיין אַהין.

די גאַנצע פערציק יאָר, וואָס ער האָט זיי געפירט איבערן מדבר, בעת די אומצײַליקע צוזאַמענשטויסן מיטן פאָלק, וואָס האָט אים נישט געקאָנט מוחל זײַן דאָס, וואָס ער האָט אים פאַרפירט צו פרייהייט, איז פאַר משהן געווען איין טרייסט: דער טרוים פון אַ פריי פאָלק אין אַ פריי לאַנד, געפירט דורך די הויכע געזעצן, וואָס ער האָט זיי געגעבן. און וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צום דאָזיקן אויסגעטרוימטן לאַנד, וואָס מער ער האָט דערקענט די קנעכטישקייט פון זײַן פאָלק, אַלץ מער האָט ער זיך געשראָקן פאַרן גורל פון זײַן טרוים. צי וועלן די דערפאַרונגען אין צוגעזאָגטן לאַנד נישט זײַן אַ המשך פון די דערפאַרונגען אין מדבר?

און ווען עס איז געקומען די מעשה מיט די מרגלים, און דאָס פאָלק — אויפן שוועל פון צוגעזאָגטן לאַנד! — האָט ווידער געגומען בענקען נאָך מצרים, — אפילו נישט צום לעבן אין מצרים, נאָר צום טויט אין מצרים, — אַבי אין מצרים!... „הלוואי וואָלטן מיר געשטאָרבן אין לאַנד מצרים, אָדער הלוואי וואָלטן מיר געשטאָרבן אין דעם דאָזיקן מדבר! און נאָך וואָס ברענגט אונז גאָט אין דעם דאָזיקן לאַנד, צו

פאַלן דורכן שווערד?... איז נישט בעסער פאַר אונז זיך אומ־צוקערן קיין מצרים?" — האָט משה באַשלאָסן בעסער צו זען דאָס לאַנד פון שפּיץ פונם בארג נבו, און נאָכאַמאָל טרוימען זיין גרויסן טרוים פון אַ פריי פאָלק, וואָס אָנערקענט בלויז דעם איידעלן יאָך פון דער תורה.

און דעריבער ווייס קיינער נישט, ווו זיין קבר איז — אויפן שוועל פונם צוגעזאָגטן לאַנד האָט ער דערפילט אין זיך דאָס רעכט צו דערפילן די לאַנגאָנסטיקע באַדערפעניש — אַנטלויפן, ווי אַמאָל ביים אָנהויב, פון זיין פאָלק.

ער איז ארויף אויפן שפּיץ פונם בארג נבו, געזען דאָס לאַנד און געטרוימט וועגן זיין פאָלק אין דאָזיקן לאַנד — און פאַרקראָכן ערגעץ אין אַ בארג־שפּאַלט און אויסגעהויכט די נשמה „בנשיקה" — טרוימענדיק אומגעשטערט זיין גרויסן טרוים.

ער האָט אַזוי פיל קלוגע זאַכן געטון פאַר זיין פאָלק; די לעצטע קלוגע זאַך האָט ער געטון פאַר זיך.

י"ב) ס'איז אַזוי פּשוט...

וויפל ביכער און ארטיקלען מען האָט שוין געשריבן וועגן די סיבות פונם אַנטיסעמיטיזם! אָבער קיינער האָט נאָך נישט איבערגעשטיגן אין קלאָרקייט די סיבה, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין אונזער תנך.

אין באשית (אין „תולדות", כ"ו, 11־16) ווערט דער־ציילט די אור־געשיכטע פונם אַנטיסעמיטיזם:

„און עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד..., און יצחק איז געגאַנגען צו אבימלך דעם מלך פון די פלשתים, קיין גרר..."

„און אבימלך האָט באַפוילן דעם גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: דער וואָס רירט אָן דעם דאָזיקן מאַן אָדער זיין ווייב, וועט

געטויט ווערן". (שפּעטער האָט מען דאָס גערופן „אַן אייזער־נער בריוו", אַ „שוץ־יודע", אַ „כאַרטיע פון פריייהייט".).

„און יצחק האָט געזייט אין יענעם לאַנד, און האָט גע־קריגן אין יענעם יאָר הונדערט מאָל אַזוי פיל; און גאָט האָט אים געבענטשט. און דער מאַן איז געוואָרן רייך, און איז נאָכאַנאַנד רייכער געוואָרן, ביז ער איז געוואָרן זייער רייך. און ער האָט געהאַט סטאַדעס שאָף, און סטאַדעס רינ־דער, און פיל קנעכט; און די פּלשתים האָבן אים מקנא גע־ווען. און אַלע ברונעמער, וואָס די קנעכט פון זיין פאָטער האָבן געגראָבן אין די טעג פון זיין פאָטער אברהם, האָבן די פּלשתים זיי פאַרשטאָפּט, און זיי אָנגעפילט מיט ערד. און אבימלך האָט געזאָגט צו יצחקן: גיי אַוועק פון אונז, וואָרום ביסט פיל מאַכטיקער פון אונז".

אָט דאָס איז די אייביקע, אומשטערבלעכע סכעמע פונם אַנטיסעמיטיזם.

אין לאַנד פון די פּלשתים זענען זיכער געווען נאָך מענטשן — אַ חוץ יצחקן, — וואָס האָבן געהאַט סטאַדעס שאָף, און רינדער, און קנעכט, און זענען געווען זייער רייך, — אָבער די קנאה האָט זיך געוואָרפן אויפן פרעמדן, אויף יצחקן. און מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטאָפּן די ברונעמער פון זיין פּרנסה (אַמאָל, אין צייטן פון שאָף־צוכט זענען דאָס געווען ברונעמער ממש, היינט זענען דאָס אַנדערע פּרנסה־קוואַלן) און מען האָט אים געהייסן נעמען דעם וועג.

דאָס איז געשען מיט יצחקן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יחיד, און דאָס איז געשען מיט יצחקס קינדער, ווען זיי זענען געוואָרן אַ רבים אין לאַנד מצרים.

צוערשט האָט מען זיי דאָרט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס — מען האָט זיי באַזעצט אין לאַנד גושן, וואָס האָט באַדאַרפט האָבן פיי־ציכטער (ווי שפּעטער פּוילן — אַ מיטל־שטאַנד). יוסף — אַ ייד, נאַטירלעך, טאַקע פון די גושנער —

האָט זיי אַרויסגעפירט פון גרויסע צרות, געמאַכט בליען דאָס לאַנד (וויפל יוספס האָבן מיר געגעבן דער וועלט? שווער איבערצוציילן!). אָבער לאָמיר לאָזן רעדן דעם אומפּאַרגלייכלעכן חומש, וואָס מאַכט עס קירצער און גרינטלעכער:

„און די קינדער פון ישראל האָבן זיך געפּרוכפּערט, און זיך געווידמעמנט און געמערט, און זיי זענען געוואָרן זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי.

„איז אויפגעשטאַנען אַ נייער מלך איבער מצרים, וואָס האָט נישט געקאָנט יוספן (דאָ איז אַ שטיקל גרייז: וואָס האָט נישט געוואָלט געדענקען יוספן — י. ר.) און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָלק: זעט, דאָס פאָלק פון די קינדער פון ישראל איז מערער און שטאַרקער פאַר אונז. (אַ בולטער ליגן: וואָלט טאַקע אַזוי געווען, וואָלט דער מלך פון מצרים געוועז געשוויגן ווי יורקעס הונט און ער וואָלט גאַרנישט געוועז געקאָנט מאַכן — י. ר.). קומט לאָמיר זיך קליגן קעגן אים".

אַ וויטערער באַוויז, אַז שוין אין אַלטן מצרים האָט מען געקאָנט די קונסט פון פּראָפּאַגאַנדע: וואָלטן די בני־ישראל געווען שטאַרקער פאַר זיי, וואָלטן זיי פאַר דער חכמה פון די מצרים זיכער קיין שרעק נישט געהאַט: נאָר ווען זיי זענען שטאַרק קאָנען זיי זיין חכמים קעגן אונז.

און דאָס איבעריקע איז באַקאַנט פון דער געשיכטע פון 20־טן יאָרהונדערט: די אַלטע מצרים האָבן שוין וועגן אַלץ געוווסט: פון צוואַנג־אַרבעט אָן עסן ביז טויטן קליינע קינדער.

י"ג) יעקב און עשיו

„און די יינגלעך זענען אויפגעוואַקסן; און עשיו איז געווען אַ מענטש געניט אין געיעג, אַ פעלד מענטש, און יעקב איז געווען אַ שטילער מענטש, וואָס זיצט אין געצעלטן".
(בראשית, תולדות, כ"ה, 27).

דאָס איז זיכער פאַרשריבן געוואָרן אַ סך שפּעטער, ווי יעקבס און עשיוס געבורט. אָבער ערשטנס, זענען דאָך די פּרטים זיכער גענומען געוואָרן פון אַן אור־אַלטער כאַראַקטע־ריסטיק פון יעקבן און עשיון, און צווייטנס, ווען די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז פאַרשריבן געוואָרן, איז דאָך נאָך יעקב אויך נישט געווען אַזאַ איש תם, אַ געצעלטן־זיצער — איז אויב אַזוי, שטעלט זיך טאַקע די אומהיימלעכע פראַגע: ווי אַזוי איז די חומש־מעשהלע אַזוי פרי (און אַזוי טיף!) אַריינ־געדרונגען אין שפּעטערדיקן גורל פון יעקבן? איז די פּאָעטישע וויזיע געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט ווי היפּנאָטיזירט יעקבן און אים געצווינגען ווי אַ נאַכט־וואַנדלער צו פאַרווירקלעכן די וויזיע? „און יעקב איז געווען אַ שטילער מענטש, וואָס זיצט אין געצעלטן"; „און עשיו איז געווען אַ מענטש גענײט אין געיעג, אַ פעלד מענטש", — ער, עשיו, איז געבליבן נאַטיר־לעך, ער האָט וועגן זיך קיין שום וויזיע נישט געהאַט, ווייל די וויזיע מוז דאָך זיין אַנדערש פאַר דער ווירקלעכקייט, אַנישט איז דאָך דאָס קיין וויזיע נישט.

און הערט נאָר די ווייטערדיקע כאַראַקטעריסטיק פון די צוויי: „דער קול איז דער קול פון יעקבן, אָבער די הענט זענען די הענט פון עשיון". ווען מיר לייענען דעם דאָזיקן זאַץ אין בראשית, תולדות, כ"ז, פּסוק 22, דאַכט זיך אונז אַמאָל, אַז ער איז ווי אַריינגעשטעלט אַהין פון אונזערע מאמרים, וואָרום ער געהערט דאָך צו די פּסוקים אין תנך, וואָס זענען אַממײנסטן פאַרײדישט, פאַרגלותט געוואָרן. „הקול קול יעקב והידים ידי עשיו", — אוי, ווי מיר ווייסן דאָס! ווי אַזוי האָט דאָס אָבער געוווּסט דער אַמאָליקער דיכטער פון דער יעקב־עשיו־מעשה?!

אָבער באַגלייך מיט אומהיימלעכע וואָרהייטן, זענען אין דער יעקב־עשיו־מעשה דאָ אויך אומהיימלעכע נישט־וואָר־הייטן, — די מעשה מיט דער ברכה.

ערשטער שניט נאָכן שטורעם...

דער טאָפּ לינזן, וואָס עשיו האָט באַקומען פון יעקבן, איז טאַקע געווען אַ ממשות, אָבער די בכורה, וואָס ער האָט באַקומען, איז אפילו דעם טאָפּ לינדזן נישט ווערט געווען.

און די ברכה, וואָס יעקב האָט אויסגענאַרט, איז נישט ווערט געווען נישט די אָנשטרענגונג, נישט די שנאה, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן ביי עשיון.

ווי אַ חוזק קלינגט יצחקס ברכה:

„און גאָט זאָל דיר געבן פון דעם טוי פון הימל,
„און פון די פעטקייטן פון דער ערד,
„און פיל תבואה און וויין.
„פעלקער זאָלן דיר דינען,
„און אומות זאָלן זיך בוקן צו דיר.
„זיי אַ האַר איבער דיינע ברידער,
„און די זין פון דיין מוטער זאָלן זיך בוקן צו דיר.
„פאַרשאָלטן די וואָס שילטן דיך,
„און געבענטשט די וואָס בענטשן דיך!"

און ווי כדי נאָך שאַרפער צו אַקצענטירן דעם חוזק, — הערט נאָר די אויסגעבעטענע כמו־ברכה, וואָס יצחק בענטשט עשיון:

„ווייט פון די פעטקייטן פון דער ערד וועט זיין דיין וווינונג,
„און אָן דעם הימלס טוי פון אויבן,
„און אויף דיין שווערד וועסטו לעבן.
„און דיין ברודער וועסטו דינען;
„און עס וועט זיין, אַז דו וועסט זיך אָפּרייסן,
„וועסטו אַראָפּוואַרפן זיין יאָך פון דיין האַלז".

בלויז אין איין פּרט האָט זיך יצחקס ברכה אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק: דאָס איז אַ פּרט אין עשיוס כמו־ברכה:
„און אויף דיין שווערד וועסטו לעבן".

אָבער די דאָזיקע ברכה פאַר עשׂיון, איז יעקבס גרעסטע קללה.

און קיינער פילט נישט אַזוי די ריכטיקייט פון דאָזיקן ברכה־פּערז, ווי יעקבס האַלז...

„און דיין ברודער וועסטו דינען"!

אַזוי האָט געמוזט טרוימען יעקב, ווען ער האָט געטראַכט וועגן עשׂיון, כדי זיך צו קאָמפּענסירן פאַר דער שרעק, וואָס ער האָט פאַר זיין כלומרשטן דינער.

גלייך נאָך דער ברכה — הויבט דער ברודער־האַר אָן צו אַנטלויפן פאַר זיין ברודער דעם קנעכט. און ער לויפט אַזוי פאַר אים פון איין לאַנד אין צווייטן, און דער טוי פון הימל פאַלט־אויף די פעלדער פונם ברודער־קנעכט און די פעטקייטן פון דער ערד פליסן צום ברודער־קנעכט.

אמת, עס טרעפט, אַז יעקב ווערט רייך, און ער האָט „אָקסן און אייזלען, שאָף, און קנעכט, און דינסטן", אָבער ער איז מיט דעם נישט זיכער. ער האַלט דאָס אין איין טיילן אויף טיילן, כדי „אויב עשׂיו וועט קומען אויף איין מחנה, און וועט זי שלאָגן, וועט די איבעריקע מחנה אַנטרונען ווערן".

ער לעבט יעקב, און ווערט אַמאָל אויך רייך, אָבער בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס עס געלינגט אים אַנטרונען צו ווערן. און איינער פון די מיטלען, איז חנפהנען זיין קנעכט פון דער ברכה און זיין האַר אין דער ווירקלעכקייט. עס איז גענוג ער זאָל הערן, אַז עשׂיו גייט אויף אים, שיקט ער אים שוין שלוחים אַנטקעגן און זאָגט זיי אָן: „אַזוי זאָלט איר זאָגן צו מיין האַר, צו עשׂיון... האָב איך געשיקט אָנזאָגן מיין האַר, כדי צו געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן". און ער שיקט כסדר מתנות צו זיין ברודער דעם קנעכט... און ער איז גליקלעך, אַז יענער באַוויליקט אָנצונעמען די מתנות: „אויב... איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, זאָלסטו אָננעמען מיין מתנה פון מיין האַנט,

וואָרום איך האָב געזען דיין פּנים, אזוי ווי מען זעט דעם פּנים פון גאָט, און דו האָסט מיך באַוויליקט".

תמיד, ווען עשיו לעבט אויף זיין שווערד אויפן חשבון פון זיין ברודער, גייט מוטער רחל אַרויס פון איר קבר, — זי קאָן נישט רוען, ווי די אַנדערע אמהות.

שרה און רבקה האָבן געהאַט קליינינקע יעקבשע איבערלעבונגען: די מענער האָבן זיי פאַרלייקנט. אברהם האָט פאַרלייקנט שרהן אין מצרים און יצחק רבקהן אין פּלשתים־לאַנד — אין גרר. אָבער דאָס איז געווען אין זייער לעבן אַ קלייניקער עפּיזאָד, מיט אַ שנעלן העפּי ענד. אָבער מיט רחלען איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. זי האָט דאָך אַליין איבערגעלעבט די ערשטע באַגעגעניש מיט עשיון, מיטן גאַנצן שרעק, וואָס איז פאַרבונדן דערמיט, מיט אַלע דערנידעריקונגען — זי, די געליבטע פרוי פונם ברודער־האַר, האָט זיך געמוזט בוקן פאַרן ברודער־קנעכט, — וואָס זענען פאַרבונדן דערמיט, מיט אַלע חניפות און ליגנס, און תירוצים, וואָס איר געליבטער מאַן האָט אָנגעווענדט, כדי פּטור צו ווערן וואָס שנעלער פון עשיון, כל זמן ער איז נאָך געווען לייטזעליק צו יעקבן... אמת, לאה האָט דאָס אויך איבערגעלעבט, אָבער זי האָט נאָך אפשר הנאה געהאַט זעענדיק די דערנידעריקונג פון איר מאַן יעקב, וואָס האָט זי נישט ליב געהאַט. זי האָט אפשר דערין געזען אַ באַצאָלונג פאַר אירע אייגענע דערנידעריקונגען, פאַרשאַפט דורך אים, דורך איר געליבטן מאַן.

דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן נישט דאַן, ווען די יידן זענען געגאַנגען קיין בבל; ווען די יידן זענען געגאַנגען קיין בבל איז זיי רחל אַרויס אַנטקעגן פון איר קבר, ווייל זי האָט שוין געוווסט דעם טעם פון יידישן גלות, ווּעלכן זי האָט פאַרזוכט נאָך דאַן, ווען יעקב האָט אָנגעהויבן זיין זעלבשטענדיקן וועג אין דער וועלט אַריין...

פאַרוואָס האָט יצחק אבינו יעקבן געבענטשט און עשיון פאַרשאָלטן?

י. ראַפּאָפּאָרט

י״ד) דער פּאַטאָס פון קנעכטשאַפט

מען איז געוווינט צו זאָגן: די גריכן האָבן אַן עפּאָס, די יידן — ליריק; די גריכן האָבן די „אָדיסייע״ און די „איליאַדע״, די יידן — דעם „תהלים״ און „שיר־השירים״.

אַז די יידן האָבן ליריק — בין איך מסכים; אַז די גריכן האָבן אַן עפּאָס, בין איך אויך מסכים, הגם ער איז מיר נישט אַזוי נאָענט צום הארצן, אָבער אַז די יידן האָבן נישט קיין עפּאָס — אויף דעם קאָן איך מיין הסכמה נישט געבן. וואָס איז „שופטים״, שמואל א׳ און ב׳, מלכים א׳ און ב׳, אויב נישט עפּאָס? אמת, דאָס איז אַן עפּאָס אַ פראַגמענטאַרישער, אַן אויסגעמישטער מיט געשיכטע, אַ צעשאָטענער, אָבער אַן עפּאָס, וואָס איז, אין מיינע אויגן, שטאַרקער און מיטרייסנדיקער פאַרן גריכישן.

אויב דער קאַמף פון שאולן און דודן, אויב דער קאַמף פון שמשונען מיט די פּלשתים, אויב די קאַמפן פון גדעונען און פון די אַנדערע שופטים, — אויב דאָס אַלץ איז נישט קיין עפּאָס, קיין גרויסער, פאַרביקער, העראָאישער עפּאָס — ווייס איך נישט, וואָס עפּאָס איז.

פאַראַן אָבער אין די דאָזיקע ספרים — „שופטים״ און „שמואל א׳״ — נאָך אַן עפּאָס, אַ שטילערער און נישט אַזאַ פאַרביקער ווי דער קאַמף צווישן שאולן און דודן, ווי דער קאַמף צווישן שמשונען און די פּלשתים, אָבער אַ נישט ווייניקער דראַמאַטישער און אין זיינע גרויס־היסטאָרישע טענער — אַ טיפערער.

דאָס איז דער קאַמף אין יידישן פאָלק צווישן דער דעמאָקראַטישער שופטים־הערשאַפט און דער אַבסאָלוטיסטישער דינאַסטיע־הערשאַפט.

נאָך גדעונס נצחונות איבער די באַדריקער פון ישראל, די מדינים, האָבן די מענער פון ישראל געזאָגט צו גדעונען:

„געוועלטיק איבער אונז, אי דו, אי דיין זון, אי דיין זונס זון, וואָרום דו האָסט אונז געהאָלפן פון דער האַנט פון מדין" (שופטים ח׳, כ"ב).

מען איז געקומען צו אַ זיגער אויפן שלאַכט־פעלד און מען האָט אים פאַרגעלייגט דאָס, וואָס אַזעלכע זיגער נעמען געוויינלעך אַליין: די קרוין פון אַ דינאַסטיע. אָבער די טראַדיציע פון די שופטים, — וואָס פלעגן שטייגן און זינקען מיט די כוואַליעס פון פאָלקס־נויט און פאָלקס־זיכערקייט מיט דער זעלבער לעבעדיקער געזעצמעסיקייט, ווי דער צופלוס און אָפּפלוס פון ים, — איז נאָך דאַן געווען צו שטאַרק אין יידישן פאָלק, איבער וועלכן עס האָט געקיניגט גאָט און זיינע פאַרטרעטער — די שופטים, און גדעון האָט געגעבן אַן ענטפער, וואָס איז אפשר איינציקאַרטיק אין דער געשיכטע: „נישט איך וועל געוועלטיקן איבער אייך, און נישט מיין זון וועט געוועלטיקן איבער אייך; גאָט וועט געוועלטיקן איבער אייך" (שופטים ח׳, כ"ג).

דאָס איז נישט קיין אינדיווידועלער ענטפער, — דורך גדעונס מויל האָט גערעדט דאָס פאָלק, וואָס האָט געקוקט אויף פּראָפעסיאָנעלער הערשאַפט, ווי אויף אַ פּריווילעגיע פון גאָט, אָבער נישט פון מענטשן. פירערשאַפט איבער אַ שבט האָט מען באַדאַרפט פאַרדינען דורך אינדיווידועלע מעלות, דורך פאַרדינסטן פאַרן כלל, — דאָס האָט נישט געקענט זיין קיין דינאַסטיע־ענין.

גדעון האָט גערעדט אין נאָמען פון פאָלק, — די מענער פון ישראל האָבן גענומען גיין אין פרעמדע דרכים און האָבן פאַרגעלייגט צו פאַרוואַנדלען די פאָלקס־הערשאַפט אין אַ דינאַסטיע.

ס׳אַרא טיפע פאַראַכטונג דאָס פאָלק האָט געפילט צו פּראָפעסיאָנעלע הערשער, איז צו זען פונם וווּנדערבאַרן משל פון קליינעם יותם בן־ירובעל, ווען אַלע מענער פון שכם און

גאַנץ בית־מילוא האָבן געמאַכט פאַר אַ מלך אבימלכן, דעם מערדער פון זיינע זיבעציק ברידער, גרעונס זיבעציק זין.

„געגאַנגען זענען געגאַנגען די ביימער צו זאַלבן אַ מלך איבער זיך, און זיי האָבן געזאָגט צום אייל־בירט־בוים: קיניג איבער אונז. האָט דער אייל־בירט־בוים צו זיי געזאָגט: זאָל איך אויפגעבן מיין פעטקייט, וואָס מיט מיר טוט מען כבוד גאָט און לייט, און גיין זיך וויגן איבער די ביימער? האָבן די ביימער געזאָגט צום פייגן־בוים: קום דו, קיניג איבער אונז. האָט דער פייגן־בוים צו זיי געזאָגט: זאָל איך אויפגעבן מיין זיסקייט און מיין גוטע פרוכט, און גיין זיך וויגן איבער די ביימער? האָבן די ביימער געזאָגט צום וויינשטאָק: קום דו, קיניג איבער אונז. האָט דער וויינשטאָק צו זיי געזאָגט: זאָל איך אויפגעבן מיין וויין, וואָס דערפרייט גאָט און לייט, און גיין זיך וויגן איבער די ביימער? האָבן אַלע ביימער געזאָגט צום דאָרן: קום דו, קיניג איבער אונז. האָט דער דאָרן געזאָגט צו די ביימער: אויב איר ווילט מיך אין דער אמתן זאַלבן פאַר אַ מלך איבער אייך, קומט און שיצט אייך אין מיין שאָטן”...

עס איז קלאָר: דעם דאָזיקן משל — און באַזונדערס דעם נמשל — האָט דער קליינער יותם נישט צוגעטראַכט. דער משל דריקט אויס די מיינונג פון פרייע שבטים וועגן פּראָפעסיאָנעלע מושלים. אַן אַרבעטזאַם, פריי פאָלק קוקט אויף אַ פּראָפעסיאָנעלן מלך, ווי אויף אַ ליידיק־גייער: ווער עס האָט וואָס צו טון, רייסט זיך נישט צום טראָן, — וואָלט דאָס היינטיקע יידישע פאָלק געמעגט פּאַראַפראַזירן יותמס קלאַסישן משל.

אָבער אויב דורך יותמס מויל האָט גערעדט דער אַלט־איינגעוואָרצלטער ישראלישער לעבנס־שטייגער, האָט דורך די מענער, וואָס האָבן פאַרגעלייגט גדעונען אַ דינאַסטיע־טראָן, גערעדט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג, וואָס האָט גענומען ברעכן

די פּאַטריאַרכאַלישע לעבנס־פאָרמען פונם פעדעראַטיוון שבטים־פאָלק.

און אויב גדעונען האָט די דאָזיקע טענדענץ פאַרגעלייגט א טראָן, האָט זי ביי שמואלן גענומען פאָדערן א מלך.

אין שמואל א׳, קאַפּיטל ח׳, באַקומט דער דאָזיקער היסטאָרישער קאַמף א דראַמאַטישן אויסדרוק.

די עלטסטע פון ישראל קומען צום אַלטן שמואל פאָדערן א קעניג: „מאַך אונז א מלך אונז צו משפּטן אַזוי ווי אַלע פעלקער״.

אמת, זיי גיבן אָן א סיבה: „זע, דו ביסט אַלט, און דיינע זין גייען נישט אין דיינע וועגן״. אָבער עלים קינדער זענען אויך נישט געגאַנגען אין עלים וועגן און עלי איז אויך געווען אַלט און דאָך איז קיינער נישט געקומען צום אים בעטן א מלך...

צו שמואלן איז מען יאָ געקומען מיט דעם. און שמואלן איז דאָס שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן. אָבער נאָך מער — דעם יידישן גאָט. „האָט גאָט געזאָגט צו שמואלן: הער צו דעם קול פון דעם פאָלק אין אַלץ, וואָס זיי זאָגן צו דיר; וואָרום נישט דיך האָבן זיי פאַראַכט, נאָר מיך האָבן זיי פאַראַכט פון צו קיניגן איבער זיי... הער צו זייער קול, נאָר וואָרענען זאָלסטו זיי וואָרענען, און זיי דערציילן דעם שטייגער פון דעם מלך, וואָס וועט קיניגן איבער זיי״.

און שמואל האָט זיי געוואָרנט מיט ווערטער, וואָס זענען דער באַרעדעוודיקסטער רעוואָלוציע־לאָזונג אין דער וועלט־געשיכטע. שמואל האָט געוואָרנט מיט ווערטער, וואָס וואָלטן זיך געפּאַסט פאַר א מענטשן מיט א גרויסער דערפאַרונג אויף דעם געביט. האָט ער די דערפאַרונג גענומען פון דער פרעמד, אָדער — האָבן אים שפּעטערדיקע דורות אריינגעלייגט אין

מויל זייערע ווערטער, כדי ער זאָל דאָס זאָגן אויפן שוועל פון דעם יידישן קעניג־פּאַריאַד?

„דאָס וועט זיין דער שטייגער פון דעם מלך, וואָס וועט קיניגן איבער אייך: אייערע זין וועט ער צונעמען און וועט זיי פאַרטון פאַר זיך ביי זיין רייטוואָגן, און ביי זיינע פערד, און זיי וועלן לויפן פאַר זיין רייטוואָגן. און ער וועט זיי זיך מאַכן פאַר הויפּט־לייט פון טויזנט, און הויפּט־לייט פון פופציק, און אויף צו אַקערן זיין אַקער, און צו שניידן זיין שניט, און צו מאַכן זיינע כלי־מלחמה, און די שפּאַנצייג פון זיינע רייט־וועגן. און אייערע טעכטער וועט ער צונעמען פאַר בשמים־מאַ־כערינס, און פאַר קעכינס, און פאַר בעקערינס. און אייערע בעסטע פעלדער און וויין־גערטנער און איילבירט־גערטנער וועט ער צונעמען און אַוועקשענקען צו זיינע הויף־דינער און צו זיינע קנעכט. און אייערע קנעכט און אייערע דינסטן און אייע־רע בעסטע בחורים און אייערע אייזלען וועט ער צונעמען, און פאַרטון פאַר זיין אַרבעט. פון אייערע שאָף וועט ער נעמען מעשר; און איר וועט זיין קנעכט ביי אים. און איר וועט שרייען אין יענעם טאָג פון וועגן אייער מלך, וואָס איר האָט אייך אויסדערוויילט, און גאָט וועט אייך נישט ענטפערן אין יענעם טאָג".

מעגלעך, ווי געזאָגט, אַז מען האָט די דאָזיקע שפּעטערע דערפאַרונג אַריינגעלייגט אין שמואלס מויל אַלס וואָרנונג. אָבער ווען שמואל וואָלט דאָס טאַקע געווען געזאָגט, וואָלט אויך נישט געהאָלפן. דאָס פאָלק ישראל איז אין יענער צייט אַריינגעפאַלן אינם פּאַטאָס פון קנעכטשאַפט, ווי מיר האָבן דאָס איבערגעלעבט און מיר לעבן דאָס נאָך איבער אין אונ־זער היינטיקן דור. און ווען מענטשן פאַלן אַריין אין פּאַטאָס פון קנעכטשאַפט — העלפט נישט קיין שום וואָרנונג.

„אָבער דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט צוהערן צו דעם קול פון שמואלן, און זיי האָבן געזאָגט: ניין, נאָר דווקא אַ

מלך מוז זיין איבער אונז, אז מיר זאָלן אויך זיין אזוי ווי אַלע פעלקער..."

מענטשן פארלירן אמאָל דאָס געדולד צו טראָגן די לאסט פון קנעכטשאפט; אָבער נאָך אָפטער פארלירן זיי דאָס געדולד צו טראָגן די פרייהייט... מיט וויפל ליידנשאפטלעכקייט זיי ווארפן דאָס דאן אראָפּ!

אפילו גאָט אליין האָט דאן מורא מיט זיי אָנצוהויבן און אָנשטאָט צו הייסן שמואלן זאָגן דעם פאָלק, עס זאָל הערן זיין, גאָטס, קול, הייסט ער אים גאָר הערן „צו זייער קול".

ווען מענטשן ווילן אראָפּווארפן די קנעכטשאפט, קאָן זיי גאָט נאָך אפשר העלפן; אָבער ווען זיי ווילן אראָפּווארפן פון זיך דעם יאָך פון פרייהייט, קאָן שוין גאָט אויך נישט העלפן...

ט"ו) די מענטשלעכע געשיכטע — אַ געשיכטע פון פייגנבלעטער

דער גרויסער פרייזער, דער מחבר פונם בארימטן בוך „דער גאָלדענער צווייג", האָט אויך אַ גרויס בוך וועגן די לעגענדעס אין חומש. ער ווייזט דאָרט אויף מיט הונדערטער ביישפּילן, אַז יעדע לעגענדע פון חומש האָט ענלעכע לעגענ־דעס ביי די פרימיטיווסטע פעלקער. ער מוז אָבער אליין מסכים זיין, אַז די ענלעכקייט איז אָפט — כמעט תמיד — ווי די ענ־לעכקייט פון אַ ליימענער געטשקע פון אַ פרימיטיוון מענטשן צו פידיוסעס אַ פיגור.

אָבער די אויסערלעכע קינסטלערישע שיינקייט פון די מער־סטע חומש־לעגענדעס אין פאַרגלייך מיט דער רויקייט פון ענלעכע לעגענדעס ביי אַנדערע פעלקער, איז נאָך נישט דאָס וויכטיקסטע. וויכטיקער נאָך פאַר דעם קינסטלערישן חן איז די סימבאָלישע אויסשטראַלונג פון די חומש־לעגענדעס, —

אַן אויסשטראַלונג, וואָס די בלויז חומרדיקע שוועסטער־לעגענ־דעס, וועלכע פריזער ברענגט, פאַרמאָגן נישט.

אָט די גייסטיקע סימבאָלישקייט פון די חומש־לעגענ־דעס, וואָס פאַרוואַנדלט אים אין אַ סימבאָלן־בוך פון דער מענטשהייט, — אַ בוך, פון וועלכן די מענטשהייט לייענט אַרויס, פילט אַרוים איר היסטאָרישן גורל, — אָט די סימ־באָלישקייט איז דער גרעסטער אוצר, וואָס דער חומש און דער תנך האָבן אַריינגעבראַכט אין דער מענטשלעכער קולטור.

די סימבאָלישקייט פון דעם טורעם פון בבל, פון עץ הדעת און אַזוי ווייטער איז און וועט בלייבן דער גרעסטער וווּנדער פון ספּאָנטאַנעם ליטעראַרישן שאַפן.

* * *

„און גאָט דער האַר האָט אָנגעזאָגט דעם מענטשן, אַזוי צו זאָגן: פון אַלע ביימער פון גאַרטן מעגסטו עסן; אָבער פון דעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס, פון אים זאָלסטו נישט עסן, וואָרום אין דעם טאָג וואָס דו עסט פון אים, וועסטו זיכער שטאַרבן" (בראשית ב׳, ט"ז־י"ז).

איך ווייס נישט, צי די שלאַנג איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר אָדער איינער פון יענע היינטיקע פאַרשווינדלער, וואָס האַלטן בלויז פון דעם, וואָס דאָס אויג קאָן זען און די פינגער קאָנען אָנטאַפּן, — אָבער אַ פאַקט איז, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז ער ווייס בעסער פאַר גאָט. דעם פאַרזאָג, וואָס גאָט האָט פאַרזאָגט אין זיין געטלעכער גוטסקייט, דער מענטש זאָל נישט עסן פונם „עץ הדעת טוב ורע", האָט ער אויסגעטייטשט ווי אַ שלאַנג: „גאָט ווייס, אַז אין דעם טאָג, וואָס איר עסט דערפון, וועלן זיך עפענען אייערע אויגן, און איר וועט זיין אַזוי ווי גאָט צו וויסן גוטס און שלעכטס". און ער האָט געגעבן די גאַראַנטיע: „שטאַרבן וועט איר נישט שטאַרבן" (בראשית ג, ד. ה).

איך מיין, אַז קריכנדיק אויפן בויך, אין הסכם מיט גאָטס קללה, טריאומפירט נאָך די שלאַנג עד היום, וואָס גאָט

האָט זי נישט געקאָנט אָפּנאַרן; והא ראיה, ווי נאָר זי טרעפט אַ מענטשן און זי וויל אים ווידער אַ ביס טון, הויבט זי אויף שטאָלץ דעם קאָפּ, ווי אַ זייל, ווי איינער זאָגט: „נו, ביסט געשטאָרבן פון עסן פון עץ הדעת? אָט פון מיין גיפט שטאַרבט מען!"

אָבער גערעכט איז געווען גאָט: דער מענטש האָט נאָך נישט באַוויזן גוט צו פאַרדייען די פרוכט פון עץ הדעת, און ער האָט שוין אָנגעהויבן פסיכיש אָפּצושטאַרבן יעדע מינוט: פון שרעק, פון חרפה, פון קלעמעניש, פון בלויזן וויסן וואָס גוט און שלעכט...

מיטן מאָמענט, וואָס אדמס און חוהס אויגן האָבן זיך געעפנט, — האָבן זיי פאַרלוירן די רו. זיי האָבן גלייך איינגעזען, אַז זיי זענען נאַקעט און געמוזט נעמען נייען פייגנבלעטער, מיט וועלכע די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט איז פול. אַמאָל דאַכט זיך, אַז דער מענטש טוט גאָרנישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר ער נייט פייגנבלעטער צו פאַרדעקן זיין אומפאַרטיליקבאַרע ערווה, אויף וועלכער עס האָבן זיך געעפנט זיינע אויגן און ער קאָן זי נישט באַזייטיקן.

נישט גאָט האָט אַרויסגעטריבן דעם מענטשן פון גן־עדן, — אדם און חוה האָבן זיך אַליין פון דאָרט אַרויסגעטריבן: וואָס פאַר אַ גן־עדן איז שוין דאָס געווען, אויב זיי האָבן זיך באַדאַרפט נעמען אויסבאַהאַלטן פאַר גאָט, וואָס איז אין יעדן ווינקעלע, אין יעדן ווינט־הויך, פאַר וועלכן זיי האָבן זיך גענומען שעמען?

גאָט האָט רחמנות געהאַט אויפן מענטשן און ער האָט אים געוואָלט פאַרשפּאָרן די גרעסטע פּיין, דעם טויזנטמאָליקן טויט פון וויסן וואָס גוט און שלעכטס און נישט קאָנען זיך העלפן, סיידן מיטן אייביקן נייען פייגנבלעטער.

נישט פון נישט פאַרגינען, אַז דער מענטש זאָל זיין ווי ער, האָט געשטאַמט גאָטס פאַרבאָט צו עסן פון עץ־הדעת, — דער פאַרבאָט האָט געשטאַמט פון רחמנות צום מענטשן:

האָט דאָך גאָט געוווסט ס׳ארא גיפט עס פאַרמאָגט די זיסע פרוכט פון וויסן וועגן גוטס און שלעכטס, און דער קראַפט צו באַזייטיקן דאָס לעצטע, וואָס אפילו גאָט קאָן דאָס נישט...

און אויב דער מענטש האַלט, אַז גאָט האָט אים צוליב נקמה ארויסגעיאָגט פון גן־עדן, איז דאָס פּונקט אַזוי אויבער־פלעכלעך, ווי דער שלאַנגס זיכערייט, אַז „שטאַרבן וועט איר נישט שטאַרבן". אדרבא: גאָט האָט אדם מיט חוהן, וועלכע זענען שוין פסיכיש געווען ארויסגעיאָגט פון גן־עדן, ארויס־געטריבן פון דאָרט אויך פיזיש, כדי עס זאָל נישט געשען מיט זיי דער צווייטער אומגליק: דאָס פאַרזוכן די פרוכט פון עץ החיים.

און גאָט האָט דער האָר האָט געזאָגט: „זע, דער מענטש איז געוואָרן ווי איינער פון אונז צו וויסן גוטס און שלעכטס, און אַצינד קאָן ער נאָך אויסשטרעקן זיין האַנט און נעמען אויך פון דעם בוים פון לעבן, און ער וועט עסן, און וועט לעבן אייביק".

דעם גאָט, וואָס קאָן אַזוי פיל צוזען, האָט געגומען גרוילן פאַר דער פּערספּעקטיוו פון אַ מענטשהייט, וואָס ווייסט טעאָ־רעטיש וועגן גוטס און שלעכטס און לעבט אייביק.

וואָס קאָן זיין אַן אייביק לעבן פאַר אַ מענטשהייט, וואָס האָט באַקומען דעם באַוווסטזיין וועגן איר ערווה און קאָן זי נישט באַזייטיקן און האַלט אין איין נייען פייגנבלעטער אין אומזיסטער אַנשטרענגונג זי צוצודעקן (פון גן־עדן ביז דעם יונאָ־פּאַלאַץ), — אויב נישט קיין אייביקער גיהנום?

אָבער דער מענטש, די דאָזיקע אומדאַנקבאַרע חיה, האָט זיך איינגערעדט, אַז גאָט האָט געהאַנדלט נישט פון רחמנות, נאָר פון קנאה, פון שרעק פאַר קאָנקורענץ...

ט"ז) נישט קיין קוהלתדיקע געדאַנקען וועגן „קוהלת"

ווען צווישן די תנך־ביכער וואָלט נישט געווען דאָס בוך „קוהלת", וואָלט אין דער פולער גאַמע פון דער ביבלס אַל־

מענטשלעכקייט עפּעס געפעלט. און דער פאַקט, וואָס אינם תנך איז דאָ דאָס בוך „קוהלת", די האַזיקע שטימע פון סקעפּטיציזם, וואָס גרענעצט זיך מיט ציניזם, — דער דאָזיקער פאַקט רעדט איבערצייגנדיק פאַר דעם, ווי אוניווערסאַל עס זענען געווען די אוראַלטע קאַנאָניזאַטאָרן פון אונזער קלאַסישער ליטעראַטור. און דאָס איז אַ באַווייז נישט נאָר פאַר זייער אוניווערסאַליזם, נאָר אויך פאַר זייער ליטעראַרישן געשמאַק: זיי האָבן געספּקט, געספּקט, אָבער פאָרט אַריינגענומען, ס'איז זיי אַ שאָד געווען אויסצולאָזן אַ שלימותדיקן אויסדרוק פון איינעם פון די צושטאַנדן פון דער מענטשלעכער נשמה.

אָבער דאָס שטערט נישט צו זאָגן מיט דער גרעסטער זי־בערקייט, אַז קיין איין בוך פון תנך איז נישט פרעמד אַזוי זיין אַלגעמיינעם גייסט, ווי „קוהלת". און נישט דערפאַר, וואָס עס ספקט אין דעם, צי די נשמה פונם מענטשן שטייט העכער פאַר דער נשמה פון דער בהמה; און אויך נישט דערפאַר, וואָס עס ספקט אין דעם, צי דאָס לעבן האָט אַ זינען און צי עס איז דאָ שטראָף פאַר זינד און שכר פאַר אַ גערעכט לעבן, — איז דאָך איובן אויך נישט פרעמד דער דאָזיקער ספק, און בכלל וועט איר אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור נישט געפינען אַזאַ ליידנשאַפטלעכן אויסדרוק פונם צווייפלנדיקן גייסט, ווי ער האָט דאָס געפונען אין דער ביבל.

„קוהלת" איז פרעמד דעם גייסט פון דער ביבל, דעם גייסט פון יידנטום מיט דעם, וואָס אין אים איז נישטאָ קיין ליידנשאַפטלעכקייט, נישטאָ קיין קלימאַקס פון גייסטיקער אי־בערלעבונג און איר אויסדרוק. נישטאָ אין „קוהלת" נישט קיין קאַמף מיט גאָט, נישט קיין שאַרפקייט פון איבערלעבונג, נישטאָ אין אים קיין באַוווסטזיין, וואָס בונטעוועט קעגן זיך גופא, — מיט איין וואָרט, נישטאָ אין קוהלת דאָס, וואָס מאַכט פון דער ביבל אַ בוך פון דער מענטשהייט, דאָס געט־לעכסטע בוך פון מענטשלעכקייט.

די ביבל איז אין אַלץ פולבלוטיק, ליידנשאַפטלעך ביז

א מאקסימום. שולמיתעס ליבע איז שטארקער פארן טויט. איוב קעמפט מיט גאט מיט אזא ליידנשאפטלעכקייט, אז דער רבונו של עולם אליין פילט זיך מער באפרידיקט פון זיין לעס־טערונג, ווי פון די טריי־אונטערטאנישע רעדעס פון איובס פריינד. גאט זעט, אז די עכטע רעליגיעזיטעט איז ביי איובן: כדי אזוי צו לעסטערן, כדי אזוי צו בונטעווען קעגן גאט, דארף מען אים האבן אין אייגענעם הארצן; אבער „קוהלת" ווייס נישט נישט פון דער ליידנשאפטלעכקייט פון איובס גאט־באקעמפונג, נישט פון דער ליידנשאפטלעכקייט פון שולמיתעס ליבע, נישט פון דער ליידנשאפטלעכקייט פונם עטישן באוווסטזיין און פונם עטישן אינסטינקט פון די נביאים. קוהלת איז א גרויער פלעק צווישן די הייסע, ליידנ־שאפטלעכע פארבן פון תנך. קוהלת איז א קלוג בוך, אבער זיין וויטיק איז צוגעדושעט. עס חזרט זיך א סך מאל איבער די פארמולע „הבל הבלים", אבער זי, די דאזיקע פארמולע, איז ווייט פון דער אומבאדינגטקייט פון בודאס „הבל הבלים"; „קוהלת" רעקאמענדירט אפילו צו כאפן דעם דאזיקן „הבל הבלים", כל זמן עס לאזט זיך. פארגלייכט, אדרבא, דעם ערשטן פערז פון פערטן קאפיטל פון „קוהלת" וועגן גורל פון די אונטערדריקטע און בארויבטע, וואס האבן נישט קיין טרייסטער, מיט די דערשיטערנדיקע — אין זייער שטילקייט — פערזן פונם נביא חבקוק (קאפיטל 1, די פערזן 13-17) און איר וועט זען דעם אונטערשיד צווישן אמתן גייסט פון תנך און דעם גייסט, וואס איז אים פרעמד. אין „קוהלת" איז פאר אייך א קלוגער סקעפטיקער, וואס שטעלט פעסט, אז דער גערעכטער ליידט און ער האט נישט ווער עס זאל אים טרייסטן און דעריבער דעקרעטירט ער מיט א שאטן פון א לאנג איינ־געשלאפענעם וויטיק: „הבל הבלים". און היות דער וויטיק פון דער דאזיקער אמאל־אמאל טראגישער פארמולע האט זיך שוין היינט אויך אויסגעוועפט, דעריבער גיט ער ארויס א קאנטער־דעקרעט, אז פארן מענטשן איז נישטא עפעס בע־

סערס, ווי „עסן און טרינקען" (קאַפּיטל 2, פּערז 24). ביי חבקוקן אָבער זעט איר אפילו אין דער שטילסטער מינוט פון נביאישן טעמפּעראַמענט די ברייט־אויפגעריסענע אויגן פון גרענעצלאָזער שטוינונג און גרענעצלאָזן ווייטיק: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז די קלאָרע אויגן פון גאָט זאָלן קאָנען קוקן אויף אומגערעכטיקייט? און אפילו אין דער דאָזיקער סאַמע שטילסטער מינוט פון די נביאים ווייסט איר אויך זיכער, אַז חבקוק וועט קיינמאָל נישט שלום מאַכן דערמיט, אַז זיין פאַרוווּנדערונג וועט קיינמאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שאָטן, נאָר וועט בלייבן אַ לעבעדיקער, אַ שמערצלעך־לעבעדיקער נערוו.

דער תנך מאַכט דעם איינדרוק פון יוגנט מיט זיין איבערגעטריבענער פילבאַרקייט, אָבער קוהלת שמעקט מיט אַלטקייט צוליב דער אַטראָפיע פון זיין לעבעדיקער פילבאַר־קייט. און טאַקע מיט דער דאָזיקער אַטראָפיע פון פילבאַר־קייט איז קוהלת פרעמד דעם גייסט פון תנך, פרעמד דעם גייסט פון יידישן פאָלק, וואָס איז אַזוי אַלט און דאָך יונג מיט זיין פילבאַרקייט, מיט זיינע לעבעדיקע נערוון, וואָס רעאַגירן מיט יוגנטלעכער פרישקייט אויף די אומגערעכטע גענג פון דער וועלט, מיט זיינע ברייט־אויפגעריסענע, פאַר־וווּנדערטע אויגן פון אַ יוגנטלעכן אויף אַ זקנישן פּנים.

כל זמן עס איז לעבעדיק אין אונז דער יוגנטלעכער גייסט פון דער ביבל, די ליידנשאַפטלעכקייט פון די איבערלעבונגען, די אומקאָמפּראָמיסלעכע באַציאונג צום גאַנג פון דער וועלט, — וועלן מיר פילן דאָס קלוגע בוך „קוהלת" אַלס זקניש־פרעמד, אַלס פרעמדן פלעק אויפן בלענדנדיקן בילד פון אונזער הייליקער שריפט.

און כל זמן מיר פילן ווי פרעמדם די גייסטיקע האַלב־קייט פון קוהלת, זיין גייסט פון זקנישקייט, זענען מיר — געטריי אונזער אַלטער יוגנטלעכקייט — נאָך פול מיט לעבנס־כוחות, האָבן מיר נאָך אַ צוקונפט.

י. ראַפּאָפּאָרט

י"ז) ביים לייענען „קוהלת"

איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך האָב נישט ליב דעם ספר קוהלת (צי וואָלט איך אים דען אַזוי אָפט געווען געלייענט נישט האָבנדיק אים ליב?), אָבער ער גייט מיר אויף די נערוון.

מיט וואָס?

מיט זיין אמת.

יאָ, מיט זיין אמת, אַז אַלץ איז „הבל הבלים".

ס'איז נישט אמת, אַז דאָס ווערטפּולסטע און הייליקסטע אויף דער וועלט — דאָס איז דער אמת; עס איז דאָ עפּעס הייליקערעס און מער ווערטפולס — דער הייליקער ליגן: הייליק דערפאַר, ווייל דער וואָס זאָגט דעם ליגן גלייבט אין זיין אמת.

עס זענען דאָ אמתן, וואָס זענען ווי סם־המות; און ס'איז דאָ אַ ליגנט, וואָס פרישט אָפּ, ווי טוי.

דאָס, אַז אַלץ איז „הבל הבלים", זעט אויס צו זיין אמת — אָבער ער איז ווי סם־המות, ער פאַרוויסט די מענטשלעכע נשמה, מאַכט זי ציניש, ד. ה. ער דערפירט זי צו יענעם סאָמע נידעריקן צושטאַנד, נאָר ביי וועלכן זי קאָן שלום מאַכן מיטן אמת פון „הבל הבלים". נישט קיין פאַרצינישטע נשמה קאָן נישט שלום מאַכן מיטן דאָזיקן אמת און — לעבן. דער דאָזיקער אמת קאָן דערפירן די נישט־דעמאָראַלי־זירטע מענטשלעכע נשמה צו משוגעת.

און הגם איך בין אַלץ מער און מער גענייגט מודה צו זיין, אַז דער „הבל הבלים" איז אַן אמת, דאָך ווירקט מיר דער דאָזיקער אמת אויף די נערוון אין זיין צינישער „קוהלת"־פאָרם — אין דער פאָרם פון שלום מאַכן מיטן הבל הבלים און מיט די אויספירן, וואָס פליסן אַרויס פון אים.

פאַרקערט ווידער: דער גלויבן פון די נביאים אין זיג פון דער גערעכטיקייט, אינם עטישן געזעץ פון דער וועלט־געשיכטע, איז, וואַרשיינלעך, אַ ליגן, און ער פאַרשאַפט אַ ברענענדיקן פיין (פאַרוואָס, פאַרוואָס איז דאָס נישט אַזוי?).

אָבער דער דאָזיקער ליגן איז הייליק, ער באַלעבט די מענטש־הייט, ער גיט איר די מעגלעכקייט איבערצוטראָגן איר אומ־אויפהערלעכע גלגולתא. דער דאָזיקער הייליקער ליגן באַרואיקט נישט אַלע — ביי אַנדערע רופט ער אַרויס אַ ליידנ־שאַפטלעכן צאָרן, אַ בונט פון דער נשמה, אָבער דער דאָזיקער צאָרן פאַרוויסטעט נישט די נשמה, נאָר ער נערט זי, ער איז די פאָראויסזעצונג פון גייסטיקער אַנטוויקלונג.

אָבער הגם „קוהלת" ווירקט מיר אויף די נערוון (ער וויל אָפּנעמען, ער נעמט אָפּ די באַלעבנדיקע אילוזיע), פונדעסט־וועגן נעם איך אַרויס פון אים באַלערנדיקע לעקציעס.

אויב עס זענען דאָ קולטורן, פאַר וועלכע עס איז כאַ־ראַקטעריסטיש אַ מאָנאָגאַמיסטישע צילבאַוווסטקייט, פאַר־נעמט צווישן זיי אָן ספק דעם ערשטן אָרט די יידישע קולטור. און דאָך האָט אפילו די דאָזיקע סאַמע מאָנאָגאַמע פון די מאָנאָגאַמישע קולטורן נישט געקאָנט אויף אַזוי ווייט זיך פאַר־שמאָלן, אַז אין אירע ראַמען זאָל נישט קאָנען געפינען קיין אָרט די חכמה פון „קוהלת", וואָס איז פרעמד און פיינטלעך איר גייסט. דאָס לעבן, ווען עס איז לעבעדיק — איז אַזוי פאַרשידנאַרטיק, אַז אפילו אין אירע סאַמע שמאָלע ערטער, איז זי נאָך גענוג ברייט. און אפילו דאַן, ווען די לעבעדיקע קולטור קאַנאָניזירט אירע גייסטיקע רייכטימער, זיך רעכע־נענדיק מיט דעם מאָנאָגאַמען צילבאַוווסטזיין, גייען אַריין אין קאַנאָניזירטן תנך אויך „שיר השירים" און „קוהלת". די יידישע קולטור איז געוואָרן אָפּגעטויט־שמאָל אַ סך שפּע־טער, ווען דער שטאַם, אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען, האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן זיינע פון פריער אָנגעזאַמלטע זאַפטן. די דאָזיקע זאַפטן האָבן נאָך באַלעבט דעם תלמוד, וועלכער אַנטהאַלט אין זיין מכלומרשטער שמאָלקייט די גרענעצלאָזע ברייטקייט פון לעבעדיקן געדאַנק אין אירע קעגנזעצלעכסטע דערשיינונגען, די דאָזיקע זאַפטן האָבן נאָך געווירקט אינם פעריאָד פון אונזער שפּאַנישער קולטור, און די דאָזיקע זאַפטן

האָבן אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן אָפּגעלעבט אין דער לעצטער צייט.

און ווען איך לייען „קוהלת", ווער איך דורכגעדרונגען מיט דער זיכערקייט, אַז די אַלזייטיקע פאַנאַנדערבליאונג פון אונזער קולטור וועט מעגלעך זיין נאָר דאַן, ווען אונזער פאָלקס־שטאַם וועט ווידער לאָזן וואָרצלען אין באָדן. דאָס לעבעדיקע אַנטהאַלט אין זיך תמיד מער ווי דאָס טויטע.

באמת, נישטאָ אין תנך נאָך אַזאַ בוך, וואָס זאָל זיין אַזוי פּרעמד דער לערע פון יודאַאיזם, אָדער נעמענדיק ברייטער די זאַך — דער קולטור פון יודאַאיזם, ווי דאָס בוך „קוהלת".

„דאָס, וואָס איז געווען, וועט אויך ווייטער זיין, און דאָס, וואָס איז געטון געוואָרן, וועט ווייטער געטון ווערן", זאָגט קוהלת, אָפּלייקענענדיק דערמיט דעם סאַמע עיקר פון יודאַאיזם, איבערשניידנדיק דערמיט, אַזוי צו זאָגן, זיין סאַמע לעבעדיקן נערוו — דעם פּראָגרעס פון דער וועלט. אויב דער מענטש און די וועלט פון מענטשן וועלן בלייבן אויף אייביק די זעלבע, ווי זיי זענען באַשאַפן געוואָרן פון ששת ימי בראשית, דאַן איז אין דער וועלט נישטאָ קיין אָרט נישט פאַר דער תורה, נישט פאַרן טרעגער פון דער תורה — דעם פאָלק ישראל, וועמעס אויפגאַבע עס באַשטייט טאַקע אין פאַרפולקאָמען די וועלט, כדי ס'זאָל זיך נישט איבערחזרן דאָס, וואָס איז געווען שלעכט, כדי עס זאָל מער נישט געטון ווערן דאָס, וואָס איז געטון געוואָרן שלעכטס.

דער יעניקער, וועלכער לייקנט אין דער עטישער פאַר־פולקאָמונג פון דער וועלט, לייקנט אין יודאַאיזם. און דאָס טאַקע טוט „קוהלת", וואָס פאַרנעמט אַן אָרט אין קאַנאָ־ניזירטן תנך.

„און איך האָב פיינט באַקומען דאָס לעבן", זאָגט קוהלת.

ווער נאָך, ווי מיר, קינדער פון 20־טן יאָרהונדערט, קאָנען אַזוי מיטפילן דער דאָזיקער דעקלאַראַציע פון שנאה.

אָבער די דאָזיקע דעקלאַראַציע איז נישט אין גייסט פון יודאַ־איזם, וועלכער איז אַן אַבסאָלוטע באַיאָאונג פון לעבן. דער יודאַאיזם און זיין טרעגער — דאָס יידישע פאָלק — זענען די הייסעסטע אָנהענגער פון לעבן: „קלייב אויס דעם וועג פון לעבן", זאָגט אונזער תורה נעבן „קוהלת".

נישט אין איינקלאַנג מיט דער יידישער לערע איז אויך דאָס, וואָס קוהלת ספקט אין דער אַנדערשדיקייט פון דער מענטשלעכער נשמה פון דער נשמה פון חיות. „ווער ווייס צי דער גייסט פונם מענטשן גייט אַרויף אין דער הויך, און צי דער גייסט פון דער חיה גייט אַראָפּ אונטן?"

און שוין לחלוטין אומדערטרעגלעך פאַרן גייסט פון יידנ־טום איז דאָס, וואָס קוהלת גלייבט נישט אין גערעכטיקייט — אין דאָזיקן הויפּטזייל פון דער יידישער וועלט־אַנשוי־אונג. אויף וועלכן עס שפּאַרט זיך אָן די דערהויבנדיקע, הגם נישט זייער קאָמפּליצירטע היסטאָריאָזאָפיע פון די נביאים.

„עס טרעפט — קאָנסטאַטירט מעלאַנכאָליש קוהלת — אַז דער צדיק קומט אום אין זיין גערעכטיקייט, און עס טרעפט, אַז דער רשע לעבט לאַנג אין זיין אומרעכט".

ווי ווייט דאָס איז פון אייזערנעם עטישן געזעץ פון די נביאים, אַז „גערעכטיקייט ברענגט מיט זיך שכר, און אומ־רעכט — שטראָף".

קוהלת גראָבט אונטער אַלע הויפּטזיילן, וואָס האַלטן אונ־טער די געביידע פון יודאַאיזם — די הויפּטזיילן, וועלכע זענען פאַרלייגט געוואָרן אין תנך און זענען אונטערגעשפּאַרט גע־וואָרן אין תלמוד, און דאָך איז ער נישט נאָר פאַראַן אין תנך, נאָר מען לייענט אים אויפן קול יעדן סוכות אין דער שול, געהייליקט דורך אַלטקייט, קאַנאָניזירט דורך דער לעבנס־פולקייט פון אַ פריי־זיך־אַנטוויקלענדיקער קולטור, וואָס האָט נישט קיין מורא פאַר אָפּנייגן און סתירות, ווייל דאָס לעבעדיקע לעבן געפינט זיין גלייכגעוויכט נישט אין טויטער איינאַרטי־

קייט, נאָר אין לעבעדיקער פאַרשידנאַרטיקייט, וואָס איז פאַרויי־ניקט אין אַקט פון ווילן צו איינהייט לויט דער הויפּט־אייגנ־שאַפט פון זיין נאַטור.

קוהלת איז אַ באַווייז, אַז דער יודאַאיזם, דער קלאַסישער יודאַאיזם, איז נישט קיין שמאָלע פאָרמולע, אַז לעבן, וואָס צעשטערט דאָס לעבן און איז פרעמד דעם לעבן; דער יודאַ־איזם קוקט אויפן לעבן מיט אָפענע אויגן און זעט עס נישט נאָר מיט די גאָטספּאַרכטיקע אויגן פון בעל התהלים, נאָר אויך מיט די סקעפּטישע אויגן פון קוהלת און מיטן אַקט פון שעפערישן ווילן אָדער גלויבן שאַפט ער פון דאָזיקן כאָאָס אַ זינפולע איינהייט.

יודאַאיזם, דאָס איז נישט קיין נאַאיווער אַקט פון גלויבן, נאָר חכמה, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע שבע מדורי גיהנום פון וועלט־ און מענטש־קענטעניש.

נישט אומזיסט זאָגט מען געוויינלעך „אונזערע חכמים", און נישט „אונזערע הייליקע".

יודאַאיזם, דאָס איז נישט נאָר אַ גלויבן, נאָר אויך אַ לעבנס־לערע, און מעגלעך, אַז נאָר דאָס לעצטע.

* * *

אַ סך לעקציעס גיט מיר דאָס לייענען „קוהלת". אָבער דאָס דאָזיקע לייענען רופט ביי מיר אַרויס אויך פראַגעס: וואָס וואָלטן געוועזן געזאָגט אונזערע היינטיקע אָפיציעלע היי־טער פון יודאַאיזם, ווען אַ יידישער פּאָעט־פילאָזאָף וואָלט געוועזן געשריבן עפּעס ענלעכס צו קוהלת סיי לויטן סקעפּ־טישן ציניזם, סיי לויט דער סתירה צום יודאַאיזם?

און פונדעסטוועגן האָט די טאָלעראַנטע באַציאונג פון די תנך־קאַנאָניזאַטאָרן צו „קוהלת" לחלוטין נישט געשטערט דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג און קאָנסאָלידאַציע פון דער יודאַאיסטישער לערע אין זיין קלאַסישער ריכטונג. פאַרקערט, קוהלת האָט געמאַכט דעם דאָזיקן פּראָצעס מער לעבעדיק, ער האָט אים צוגעגעבן אַביסל זאַלץ און פעפער.

י״ח) וועלט־שמערץ אין דער ביבל (איוב און קוהלת)

די פעלקער פון מזרח שטייען מיטן פנים צו זייער אינער־לעבער וועלט; פון מערב — צו דער אויסערלעכער. אַז אין דער דאָזיקער קעגנאיבערשטעלונג איז דאָ אַ סך אמת, קאָן מען זען ביים פאַרגלייכן די ביבל מיט האָמערס פּאָעמעס: ווי גענוי עס איז באַשריבן אין דער „איליאַדע" די אויסער־לעכע וועלט, ווי גענוי עס איז באַשריבן דער פּאַנצער פון אַכילעסן, און ווי קורץ עס זענען די באַשרייבנדיקע שטעלן אין תנך.

ביים אַנאַליזירן די מגילה „רות" וועט מיר נאָך אויס־קומען אונטערצושטרייכן די קורצקייט, די געפּרעסטקייט פון דער ביבל, ווען עס קומט צו דער באַשרייבונג פון דער אויסערלעכער וועלט, צו דער פאַבולע, צום דערציילנדיקן עלעמענט. די דאָזיקע וווּנדערלעכע קורצקייט פון דער דער־ציילערישער טייל געפינען מיר אויך אין ספר „איוב".

יעדער פערז פון די ערשטע צוויי דערציילערישע קאַ־פּיטלען פון „איוב" וואָלט סיי ביי אַן אַנטיקן גריך, סיי ביי אַ היינטיקן אייראָפּעאישן שרייבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַנצן קאַפּיטל: די פאַבולע פון די דאָזיקע צוויי קורצע קאַפּיטלען איז דאָך גראַנדיעז — איובס לעבן און דאָס לעבן פון זיין משפחה; די אוידיענץ ביים בורא עולם; גאָטס שמועס מיטן שטן; דער שטן באַקומט די מאַכט איבער איובן; די איבערקערעניש אין איובס לעבן און אַז. וו., און אַז. וו.. אָבער דער העברעאישער פּאָעט רעגיסטרירט, אַזוי צו זאָגן, בלויז די נשמה פון די דאָזיקע אַלע געשעענישן. ער טוט דאָס זייער געשיקט, מיטן דרייסטן פּענזל פון אַ גרויסן קינסטלער. דער־מאָנט זיך נאָר די דינאַמישקייט פון דער סצענע מיט די אַנזאָגער פון די אומגליקן, וואָס בייטן אָפּ איינער דעם צווייטן! אָבער מען קאָן נישט באַמערקן די אומגעדולדיקייט פון

זיין פעדער, דעם פאַרלאַנג צו לאָזן הינטער זיך וואָס שנעלער די דאָזיקע אַלע אויסערלעכע, הגם נויטווענדיקע געשעענישן, כדי צוצורייסן זיך צום סאַמע עיקר פאַר אים — צו איובס אינערלעכע איבערלעבענישן. און ווי נאָר ער געפינט זיך שוין אין זיין סטיכיע, אין דער סטיכיע פון די אינערלעכע, גייסטיקע איבערלעבענישן פון מענטשן, בייט זיין אומגעדול־דיקע פעדער איר כאַראַקטער — זי דריקט באַרעדעוודיק אויס די געפילן און געדאַנקען, חזרט זיי נישט איינמאָל איבער און געפינט פאַר זיי יעדעס מאָל אַ נייעם אויסדרוק, אַ נייע פּאָע־טישע פאַרקערפּערונג.

דאָס זעלבע איז אויך ביי די נביאים: די באַשרייבנדיקע עפּיזאָדן, אפילו די גלענצנדיקסטע, ווי, למשל, די באַשרייבונג פון דער אינוואַזיע פון די צפון־פעלקער ביי ירמיהן, די באַ־שרייבונג פונם היישעריק ביי יואלן, די באַשרייבונג פון דער וויזיע פון משיחס צייטן ביי ישעיהן — אַלע זענען זיי קורץ, געפּרעסט, כמעט עקספּרעסיאָניסטיש — דערפאַר אָבער ווי באַרעדעוודיק זיי זענען דאָרט, וווּ עס האַנדלט זיך וועגן מוסר, ווי באַרעדעוודיק זיי זענען אין זייער ליידנשאַפטלעכן קאַמף פאַר גערעכטיקייט.

* * *

די פּאָעזיע פון דער ביבל — כמעט אינגאַנצן — איז אַ פּאָעזיע פון וועלט־שמערץ. אין תנך זענען אָבער דאָ צוויי ביכער, וואָס טיילן זיך אין דאָזיקן פּרט אויס פון די אַנדערע: „איוב" און „קוהלת". אויב אין די ביכער פון די נביאים געפינען צייטנווייז די געפילן פון וועלט־שמערץ אַן אויס־דרוק אין ליידנשאַפטלעכע אויסגעשרייען, זענען אָבער די ביכער „איוב" און „קוהלת" נישט עפּעס אַנדערש, ווי איין גרויסער געשריי פון וועלט־שמערץ.

דער גאָט פון ישראל האָט תיכף נאָכן באַשאַפן דעם מענטשן אויסגעדריקט זיין וועלט־שמערץ („און גאָט האָט

געזען, אַז עס איז גרויס דאָס שלעכטס פונעם מענטשן אויף דער ערד... און גאָט האָט חרטה באַקומען וואָס ער האָט געשאַפן דעם מענטש אויף דער ערד") און דער מענטש, געשאַפן לויט גאָטס געשטאַלט, חזרט נישט נאָר איבער, אין דער גאַנצער ביבל, דעם דאָזיקן טרויעריקן אמת, נאָר פאַר־ברייטערט אים נאָך: נישט נאָר דער מענטש איז שלעכט, נאָר אויך די וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, און די וועלט־אָרדנונג, וואָס גאָט האָט איינגעשטעלט — נישטאָ אין דער וועלט נישט קיין גליק, נישט קיין גערעכטיקייט. דער מענטש איז שוואַך, ער קאָן נישט ברענגען אויף דער וועלט קיין מבול (סיידן אַ בלוט־מבול אויף זיך אַליין), ווי גאָט האָט געבראַכט אויף דער וועלט, אָבער דערפאַר געפינט ער אין זיך אַמאָל גענוג כוח, כדי צו מאַכן גאָט פאַרוואורפן. און אויב דער וועלט־שמערץ פון דער מערהייט נביאים האָט זיין וואָרצל אינם אמת פון גאָט פון „בראשית", אַז דער מענטש איז אומגערעכט, ליגט דער וואָרצל פון איובס וועלט־שמערץ אינם אמת פונם מענטשן, אַז אויך גאָט איז אומגע־רעכט.

דער דאָזיקער פאַרצווייפלונגס־געשריי קעגן דער אומ־גערעכטיקייט פונם אַלגערעכטן הערט זיך אַמאָל אויך ביי די נביאים, למשל, ביי חבקוק, ווו דער דאָזיקער געשריי האָט באַקומען אַ דערשיטערנדיקע פאַרקערפערונג, וואָס איז געניאַל־מעלאָדיש אין איר דערשיטערנדיקער קראַפט, ווי ראַ־ווינאָס געוויזן אין פינסקיס „אייביקן ייד" ביי דער „הבימה":

„דיינע אויגן זענען צו ריין צו זען שלעכטס, און צוקוקן אומרעכט קענסטו נישט; פאַרוואָס קוקסטו צו די, וואָס פעלשן, שווייגסט ווען דער רשע שלינגט איין דעם וואָס איז גערעכטער פון אים? און האָסט געמאַכט מענטשן ווי די פיש פון ים, ווי ווערים אָן אַ געוועלטיקער איבער זיי; ער ציט זיי אַלע אַרויף מיט אַ ווענטקע, ער שלעפּט זיי אַרויף אין דער נעץ,

און ער זאַמלט זיי איין אין זיין פאַנג־נעץ, דרום פריִיט ער זיך און קוועלט".

אָבער דאָס זענען נאָר פאַראיינצלטע אויסגעשרייען, עלע־גישע און לירישע־פּראָגנדיקע. אין „איוב" אָבער באַקומען זיי זייער גאַנצע קראַפט. דאָס איז שוין נישט קיין אויסגעשריי, נאָר אַ באַשולדיקונג, אַ פאָדערונג פון אַ דין־וחשבון.

צוויי ספרים פון תנך באַשעפטיקן זיך בלויז מיט דער פּראָבלעם פון וועלט־שמערץ — די ספרים איוב און קוהלת.

* * *

דער וועלט־שמערץ פליסט אַרויס פון אַ סך קוועלן. אין אַלגעמיין טיילן זיך די דאָזיקע קוואַלן אויף צוויי מינים: איינער איז אַ סוביעקטיווער, דער צווייטער — אַן אָביעקטיווער, אָדער ריכטיקער: איינער איז אַ פּערזענלעכער, דער צווייטער — אַן אַלגעמיינער. קוהלת געהער צום ערשטן מין, איוב — צום צווייטן. קוהלת טרויערט אויף דעם, וואָס דער מענטש האָט נישט קיין פּערזענלעך גליק און וואָס אויף דער וועלט איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט; און איוב טרויערט אויף דעם, וואָס אויף דער וועלט איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט און דעם מענטשן איז נישט באַשערט קיין פּערזענלעך גליק. פאַר קוהלת איז דאָס פּרימערע — דאָס פּערזענלעכע, און פאַר איובן — דאָס אַלגעמיינע. זאָל זיך נאָר איוב איבער־צייגן, אַז אויף דער וועלט הערשט גערעכטיקייט, און ער וועט זיך באַרואיקן, און ער וועט שלום מאַכן מיט זיין פּערזענלעכער טראַגעדיע, מיט זיין אָרעמקייט, מיט זיין קראַנקהייט, — דאָס פּערזענלעכע אומגליק איז דאָך אַזוי קאָלאָסאַל אין זיינע אויגן בלויז דערפאַר, ווייל דורך אים זעט ער באַשיינפּערלעך און טאַפּט כמעט אָן מיט די פינגער — ביים צורירן זיך צו זיין אַנגעווייטיקטן קערפּער — די אַלוועלטלעכע אומגערעכטיקייט: אין דאָזיקן פּריוואַטן זעט ער בלויז די אָפּשפּיגלונג פונם מענטשלעך־אַלגעמיינעם.

אנדערש איז די זאַך מיט קוהלת: פאַר אים איז נישט געגוג צו איבערצייגן זיך אין דער עקזיסטענץ פון גערעכטי־קייט אויף דער וועלט, — אים פערזענלעך איז נויטיק אומ־שטערבלעכקייט, לכל הפחות לאַנגע יאָרן, געזונט און אַן איי־ביקער לעבנס־יום־טוב. דער וועלט־שמערץ וועגן אַלגעמיינעם איז פאַר אים בלויז אַ צוגאָב צום וועלט־שמערץ וועגן פער־זענלעכן. איוב זעט דורך דעם פריוואַטן דאָס אַלגעמיינע; קוהלת — דורך דעם אַלגעמיינעם דאָס פריוואַטע.

אין דאָזיקן אונטערשיד צווישן זיי וואַרצלט אויך דער אונטערשיד אין זייערע רעאַקציעס. איוב וואָלט קיינמאָל נישט געוועזן געקאָנט קומען צום אויספיר פון קוהלת וועגן דעם, אַז אויב עס איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט, טאָ דאַרף מען גוט עסן און טרינקען, — איוב קאָן נישט קומען צו אַזעלכע מיושבדיקע אויספירן, פונקט ווי ער קאָן נישט רעדן מיט אַזאַ רואיקן טאָן, אין וועלכן דער ווייטאָק האָט זיך שוין לאַנג אָפּ־געזעצט; אין איובן קאָכט אַלץ, איוב וועט זיך קיינמאָל נישט באַרואיקן. גאָט צווינגט אים אַנטשווייגן צו ווערן, אָבער נישט אינערלעך זיך אונטערצוגעבן.

ביידע, סיי איוב און סיי קוהלת, האָבן מורא פאַר גאָט, זיי פילן זייער גאַנצע הילפלאָזיקייט לגבי אים. אָבער ווי פאַרשידן איז זייער האַלטונג לגבי דער דאָזיקער שרעק.

איוב דריקט אויס מיט פּאַרכטיקע ווערטער זיין מורא פאַר גאָט:

„דרום בין איך דערשראָקן פאַר אים; איך באַטראַכט און האָב מורא פאַר אים. און גאָט האָט שלאַף געמאַכט מיין האַרץ, און דער אַלמאַכטיקער האָט מיך איינגשראָקן" (כ"ג, 15־16).

אָבער דער דאָזיקער שרעק שטערט אים נישט זאָגן דאָס, וואָס זיין האַרץ, צעווייכט פון שרעק, פילט: „אָט שריי איך גוואַלט, און ווער נישט געענטפערט, איך רוף, און נישטאָ קיין

גערעכטיקייט" (י"ט, 7); „פאַרוואָס לעבן די רשעים, עלטערן זיך, און זענען שטאַרק אין קראַפט?" (כ"א, 7); „איך וואָלט פאַרגעלייגט פאַר אים דעם משפט, און מיין מויל וואָלט איך אָנגעפילט מיט טענות. איך וואָלט וויסן, וואָס ער וואָלט מיר ענטפערן, און פאַרשטיין, וואָס ער וואָלט מיר זאָגן" (כ"ג, 4־5).

קוהלת דריקט אויס זיין מורא פאַר גאָט פונקט אַזוי געלאַסן, ווי זיין פּראָטעסט קעגן אומגערעכטיקייט: „זאָלסט נישט זיין האַסטיק מיט דיין מויל, און דיין האַרץ זאָל זיך נישט איילן אַרויסצולאָזן אַ וואָרט פאַר גאָט, וואָרום גאָט איז אין הימל און דו ביסט אויף דער ערד; דרום זאָלן דיינע ווערטער זיין ווינציק" (קוהלת ה׳, ו).

איוב שרעקט זיך פאַר גאָט מער ווי קוהלת. דאָס איז צו זען פון זיין אויסגעשריי צו זיינע פריינט: „פאַרוואָס רודפט איר מיך אַזוי ווי גאָט, און קענט זיך נישט אָנזעטיקן מיט מיין פלייש?" (י"ט, 22). אַ געוואַלטיק ליידנשאַפטלעכער אויסגעשריי, געניאַל אין זיין בילדלעכקייט און פּסיכאָלאָגיש ביז גאָר: גאָט איז ביי אים דער סימבאָל פון פאַרפאָלגער, וואָס ווערט קיינמאָל נישט געזעטיקט דורך פּייניקן זיין קרבן. און ער גלויבט אויך אין גאָטס גרויסקייט מער ווי קוהלת; אָבער ער איז נישט אַזוי קלוג און באַרעכנט. ער רעכנט זיך נישט מיט צוועקמעסיקייט, נאָר מיט דער פאָדערונג פון אַבסאָלוטן יושר.

קוהלת באַנעמט זיך לגבי גאָט ווי אַ קלוגער פאָרזיכטיקער דיפּלאָמאַט, וואָס זוכט צו דערגרייכן זיין ציל; איוב באַנעמט זיך לגבי גאָט, ווי אַ ליידנשאַפטלעכער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַן אַלגעמיינעם ציל.

ביידע — סיי איוב, סיי קוהלת, זעען די וועלט אַזוי, ווי זי איז, אָבער זיי לעבן זי איבער אַנדערש. קוהלת — קליגער, איוב — ליידנשאַפטלעכער.

קוהלת מאַכט אַרבעטן דעם מוח; איוב באַוועגט די נשמה.

נישט אומזיסט איז קוהלת אַזוי דורכזיכטיק, לייכט, שפּי־לעוודיק, און איוב פאַרבלאָנדזשעט אין דער געדיכטעניש פון ווערטער, וואָס זענען קלעפּיק פונם בלוט פון זיין אייגענעם הארצן.

אין איובן האָבן מיר פאַר זיך אַ העראָאישן מענטשן, אַ קרוב פון פּראָמעטעאוסן; אין קוהלת האָבן מיר פאַר זיך אַ פּראַטאָטיפּ פון סענעקען, פון מארק אוירעליוסן.

איוב איז נענטער צו דער קולטור פון די צייטן פון מי־טאָלאָגיע; קוהלת — צו דער קולטור פון די צייטן פון ציווי־ליזירטער חכמה.

די שפּראַך פון איוב איז אַרכאַאיש, ער שאַפט פאַר זיך אַליין זיינע נייע בילדער און איז פול מיט זאַפטן פון קומענ־דיקער אַנטוויקלונג; די שפּראַך פון קוהלת איז האַרמאָניש, ער שעפּט פונם אוצר פון פאָלקס־ווערטלעך, ער שאַפט זיי אַליין (זעט עס אויס) לייכט, גראַציעז, און איז פול מיט די זאַפטן פון דער פאַרגאַנגענער אַנטוויקלונג.

איוב — דאָס איז אַ רייכע ירושה פאַר די קומענדיקע דורות; קוהלת — דאָס איז אַ רייכע ירושה פון פאַרגאַנגענע דורות.

איוב — דאָס איז אַ פאַרבאַגינענדיקער שטורעם; קוהלת — אַן עלעגישער זון־פאַרגאַנג.

י״ט) מגילת רות

שבועות לייענט מען די מגילת רות. און הגם צווישן דער אידיליע רות און שבועות איז נישטאָ אַזאַ שטאַרקע לאָגישע און פאַקטישע פאַרבינדונג, ווי צווישן פּורים און מגילת אסתר, דאָך הערשט צווישן זיי די האַרמאָניע פון דער שטימונג, — די שטימונג פון אידילישקייט.

פון אַלע יידישע יום־טובים איז שבועות דער אידיליש־סטער, שטילסטער, אוממיטלבאַרסטער. נישט אומזיסט מעג מען אין שבועות עסן מילכיקס נאָך פליישיקס, נישט אויס־וואַרטנדיק די גאַנצע זעקס שעה. און די עיקרדיקע יום־טוב־דיקע סעודות זענען מילכיקע, אַ זאַך, וואָס איז זיך גאַרנישט פאָרצושטעלן פאַר די איבעריקע שטרענגע יידישע יום־טובים. די אָנשטרענגונג און די עקזאַלטאַציע, וואָס הערשן איבער אַלע יום־טובדיקע מאָמענטן אין יידישן לעבן, לאָזן זיך אויס שבועות אין אַ מער לייכטער יום־טוב־שטימונג. דער עקסטאַז צוליבן באַקומען די תורה ווערט אַריבערגעטראָגן אויף אַן אַנ־דער יום־טוב — שמחת־תורה, אַ זאַך, וואָס איז אויך נישט לאָגיש, אָבער דערפאַר האַרמאָנירט עס מיטן דאָזיקן יום־טוב, אין וועלכן יידן וואַכן די גאַנצע ערשטע נאַכט פון יום־טוב, כדי צו דערווישן דעם מאָמענט, ווען דער הימל שפּאַלט זיך און מען קאָן זיך אויסבעטן אַלץ, אַלץ, וואָס מען וויל נאָר. אמת, קיין איין יידיש קינד איז נאָך נישט געלונגען צו כאַפּן דעם דאָזיקן נישט צו כאַפּנדיקן מאָמענט פון הימל־שפּאַלטונג (אָדער עפּעס וואָס ציט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט אין קריטישן מאָמענט, אָדער מען ווערט פּשוט אַנטשלאָפן), אָבער קיין איין יידיש קינד האָט נאָך נישט איבערגעלעבט קיין טראַגעדיע צוליבן דאָזיקן פּראַקטישן דורכפאַל; פאַרקערט, די זומער־נאַכט, וועלכע מוז פאַרברענגט ווערן אונטערן אָפענעם הימל, און וואָס איז פול מיט פּאָעטישן פלאַטער פון נאָענטן נס, באַגליקט אויף אַ גאַנץ יאָר אַ דאַנק דעם נאָענטן, אינטימען קאָנטאַקט מיט דער נאַטור נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי דאָס קויפן די טראַדיציאָנעלע גרינס.

שבועות איז דער איינציקער יום־טוב, וואָס דערנענטערט דעם יידן צו דער נאַטור נישט סימבאָליש און נישט צוליב אַ רעליגיעזן ציל (ווי דער לולב מיטן אתרוג אין סוכות), נאָר סתם אַזוי. איבערן גרינס פון יום־טוב שבועות מאַכט

מען נישט קיין ברכה, נאָר מען קוקט סתם אויף אים און מען שמעקט עס; שבועות איז דער איינציקער יום־טוב פון די דריי יידישע הויפּט־יום־טובים, ווען דער ייד רייסט זיך אַרויס פון די קייטן פון עקסטאַטישער אָנשטרענגונג, און זיין שטימונג לייטערט זיך אויס, גלעט זיך אויס, אַזוי צו זאָגן, ווערט סתם יום־טובדיק.

און מיטן דאָזיקן יום־טוב האַרמאָנירט זייער גוט מגילת רות.

רות איז דאָס שטילסטע, האַרציקסטע בוך פון גאַנץ תנך אין פּשוטן מענטשלעכן זינען. דער תנך איז דאָס סאַמע ליידנשאַפטלעכסטע, דאָס סאַמע אָנגעשטרענגטע בוך אין דער וועלט. צי דאָס איז די ליבע־ליידנשאַפט פון שיר השירים, צי דאָס איז די גאָט־באַקעמפערישע ליידנשאַפטלעכקייט פונם ספר איוב, צי דאָס איז דאָס סאָציאַל־עטישע דונערן פון די נביאים, צי דער רעליגיעזער עקסטאַז פון תהילים, צי דער העלדישער קאַמף פון די שופטים פאַר פרייהייט און נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג — אויף כמעט יעדן זייטל פון אַלע תנך־ספרים דערגרייכט די אָנשטרענגונג פון עקסטאַז און קאַמף (באַזונדערס פון גייסטיקן קאַמף) דעם קלימאַקס. כמעט דער איינציקער אויסנאַם איז רות. דאָ פאָדערט קיינער נישט ביי גאָט קיין אַבסאָלוטע גערעכטיקייט, ווי איוב: נעמי איז מקבל באהבה איר גורל פון אַן אלמנה און פון אַ פאַרוואָרפענער מוטער; דאָ קעמפט קיינער נישט פאַר פאַרמירן די נשמה פון יידישן פאָלק, ווי דאָס טוען די נביאים; דאָ דענערווירט זיך קיינער נישט נישט פאַר זיין אייגענע, נישט פאַר דער פאָלקס־נשמה אָדער גורל; דאָ ווערט שטיל דערציילט, מיט הייליקער מילדקייט און הייליקער מענטשלעכקייט, עפּעס מענטשלעכעס, אַלצומענטשלעכעס, אָבער מיט אַזאַ האַרציקייט, מיט אַזאַ נאַאיווער אמתדיקייט און אָפנהאַרציקייט, מיט אַזאַ פּרימיטיווער, נישט צוגעפּוצטער מייסטערשאַפט, — אַז דעם

דאָזיקן קליינעם פּערל פון דער וועלט־דיכטונג קאָן מען לייענען און איבערלייענען הונדערטער מאָל.

רות איז דאָס איינציקע ווערק אין אונזער תנך, ווו אין צענטער שטייט דער מענטש, און נאָר דער מענטש, מיט זיינע פריידן און ליידן. אָבער אין דאָזיקן אינדיווידועלן בוך, אין דאָזיקן שטילן און פּאָעטישן טייכל שפּיגלט זיך אָפּ מיט מאַקסימאַלער קלאָרקייט דאָס פּאַטריאַרכאַלע לעבן פון יידישן דאָרף אין דער צייט פון די שופטים אין יענע „צווישנס" צווישן די מלחמות פאַר די גרענעצן, וועגן וועלכע אונזערע ליידנ־שאַפטלעכע, אָנגעשטרענגטע היסטאָריאָגראַפן לאָזן לאַקאָניש פאַלן די פאָרמולע: „און דאָס לאַנד איז געווען רואיק פערציק יאָר".

דאָס בילד פון פּאַטריאַרכאַלישן לעבן און די געפילן פון מענטשלעכער טרייקייט און איבערגעבנקייט — אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון מגילת רות. וואָס שייך דער פאָרם, קאָן מען דרייסט זאָגן, אַז יעדער זאַץ פון דאָזיקן ווערק איז אַ קאָנ־דענסירט קאַפּיטל פון אַ גרויסער פּאָעמע אָדער פון אַ גרויסן ראָמאַן. די באַשרייבונג פון הונגער, וואָס האָט געצוווּנגען אלימלכן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד יהודה און באַזעצן זיך אין מואב, וואָלט אין אַ היינטיקן אָדער אַ וועלכן נישט אַנדער אַלטן ווערק געווען פאַרנומען איין אָדער צוויי גענויע קאַ־פּיטלען, — אָבער ביים יידישן פּאָעט, וועלכער קען די סודות פון העכסטער קאָנדענסאַציע, פאַרנעמט דאָס איין זאַץ. אין פינף זאצן ווערט דערציילט וועגן הונגער אין לאַנד יהודה, וועגן דער עמיגראַציע פון דער פאַמיליע אלימלך אין אַ פרעמד לאַנד, וועגן אלימלכס טויט, וועגן דער חתונה און דעם טויט פון זיינעביידע זין; און אין זעלבן טעמפּ פליסט די ווייטער־דיקע דערציילונג. די דערציילונג פליסט מיט מאַקסימאַלער שנעלקייט און צוזאַמען מיט דעם לאַנגזאַם, פאַרטראַכט און פאַרטיפט. דער מחבר דערלאַנגט אונז, אַזוי צו זאָגן, די

נשמה פון דער געשעעניש, איבערלאָזנדיק פאַר אונזער פאַנ־טאַזיע, פאַר אונזער דורך אים אויפגעוועקטער איינדרוקבאַר־קייט, אַ ברייט פעלד פאַר טעטיקייט. און טאַקע מיט דעם שטעלט רות פאַר מיט זיך אַ שעדעוור: לויט דער קורצקייט — דאַכט זיך אַ טרוקענע דערציילונג, אָבער לויט דער אַנגעלאָדנ־קייט מיט געפיל און לויט די אַרויסגערופענע בילדער — אַ גרויסע דערגרייכונג פון וואָרט־קונסט.

און ס'איז אַזוי גוט, וואָס גראָד אין שבועות, ווען די יידן דאַרפן שטיין פאַרן באַרג סיני, מיט אויגן אויפגעהויבענע צום הימל, און מיט אויערן, וואָס הערן די הימלישע דונערן, וואָס גראָד אין יום־טוב שבועות גייען מיר אַרויס אַביסל פון אונזער אייביקער גייסטיקער אָנגעשטרענגטקייט און מיר פאַר־לירן נישט פון אויג דאָס ערדישסטע בוך פון אַלע תנך־ביכער, וואָס דערציילט אונז מיט אַזאַ האַרציקייט וועגן די סאַמע פּראָס־טע, אָבער גלייכצייטיק אויך וועגן די סאַמע מענטשלעכע געפילן.

ב) תנך־דיכטונג אַלס געשיכטלעכע קוועלן

וועגן דעם, אַז די יידן זענען אַרויס פון מצרים, איז שוין נישטאָ קיין פּלוגתא. דעם חומש איז געקומען צו הילף די אַרכעאָלאָגיע. אָבער וואָס איז מיטן אַריבערגיין דעם ים־סוף און מיט פּרעהס דערטרונקען ווערן אין אים?

כדי צו מאַכן אַ שלום צווישן שכל הישר מיט דער מעשה פונם חומש האָבן זיך באַמיט נישט נאָר היסטאָריקער, נאָר אויך וויסנשאַפטלער: מען האָט על פי חכמת הטבע געוואָלט דערקלערן דעם דאָזיקן נס: מיט אַ שטאַרקן ווינט, וואָס האָט דעם אַפּפלוס מער ווי געוויינלעך פאַרגרעסערט און פאַרלענ־גערט. אָבער קיין היסטאָרישן גבית עדות האָט מען נאָך פאַרן קריעת ים־סוף נישט געפונען.

דערפאַר אָבער אַ בעסערן. יעדנפאַלס פאַר מיר. דאָס איז אַ פּאָעטישער גבית עדות.

איך ווייס נישט, ווי עס איז פאָרגעקומען דער קריעת ים־סוף, און וואָס עס איז דאָרט גענוי פאָרגעקומען. אָבער אַז די מעשה מיטן קריעת ים־סוף איז נישט קיין לעגענדע, זאָגט עדות דאָס מעכטיקע ליד „אז ישיר". אַ געשיכטלעכער באַריכט קאָן פעלשן, אפילו טאָוועלעך פון טעל־על־אַמאַרנע זענען נישט די זיכערסטע עדות ביי מיר; אָבער דערפאַר גלויב איך דיכטונג, אויב דאָס איז עכטע דיכטונג. עכטע דיכטונג קאָן נישט פעלשן. און ווער עס פילט דעם אויפגערעגטן געשעעניש־ריטם פון „אז ישיר" — דער קאָן מער נישט ספקן אין דעם, אַז קריעת ים־סוף איז אַ היסטאָרישער פאַקט, הגם אומבאַקאַנט אין די פּרטים.

צי דאָס ליד „אָז ישיר" איז דערגאַנגען צו אונז אַלס גאַנצקייט — מעג מען שטאַרק מסופק זיין. נישט נאָר פון היס־טאָריש־פילאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, נאָר דער עיקר פון פּאָע־טישן. ביז דאָס ליד איז פאַרשריבן געוואָרן, איז דאָס אַזוי פיל דורות געזונגען געוואָרן! עס איז צו אַלט אויף צו זיין שפּאָגל־ניי־גלאַט. עס פעלן מסתמא שטיקער — עס זענען צוגעקומען שטיקלעך. ווערטער זענען פאַרקריפּלט. אָבער די אַרכאַאישקייט פונם ליד ליגט זיכער נישט נאָר אין זיין אַלט־קייט, נאָר אויך אין זיין עצם געבורט: אַזעלכע פּרימיטיווע דיכטונג־אויסברוכן, אונטער דער ווירקונג פון גרויסע גע־שעענישן, זענען תמיד באַהערשט מער פונם געפיל, וואָס גע־פינט זיך אין צושטאַנד פון אויפרעגונג, ווי פונם אַרכיטעק־טאָנישן חוש, וואָס צוימט — ביים שרייב־טיש — דעם גע־פיל און ברענגט אים אין לאָגישער אָרדנונג. אַזעלכע לידער ווי „אז ישיר" ווערן אין זייערע עיקרדיקע טיילן אויסגעזונגען ספּאָנטאַן, אויף דער הייסער מינוט. אויב מיר געפינען נאָכן ליד די ווערטער (שמות, ט"ו, 20־21): „און מרים די נביאה,

אהרונס שוועסטער, האָט גענומען די פּויק אין איר האַנט, און אַלע ווייבער זענען אַרויסגעגאַנגען נאָך איר מיט פּויקן און מיט טענץ. און מרים האָט געזונגען פאַר זיי: זינגט צו גאָט, וואָרום ער איז הויך דערהויבט; דעם פערד מיט זיין רייטער האָט ער געשליידערט אין ים", הייסט עס נאָך נישט, אַז זיי געהערן צום סוף. גיכער פאַר אַלץ געהערן זיי נישט נאָכן ליד, נאָר פאַרן ליד, ווייל העכסטוואַרשיינלעך איז דאָס ליד פאַרפאַסט געוואָרן דורך מרים הנביאה און אירע חברטעס, וואָס זענען גלייך נאָכן נס ביים ים־סוף אַרויס באַזינגען די געשעעניש, ווי דאָס איז דער מנהג ביי אַ סך פּרימיטיווע פעלקער און אין תנך געפינען מיר דאָס אויך נישט איין מאָל. אין קאַפּיטל י"ח פון שמואל א' ווערט דערציילט, אַז ווען דוד איז געקומען פון שלאָגן די פלשתים, זענען די פרויען פון אַלע יידישע שטעט אַרויס מיט פּויקן אַקעגן שאול המלך און זיי האָבן געזונגען: „הכה שאול באלפיו ודוד ברבבתיו". פּונקט אַזוי איז מרים מיט די פרויען אַרויס מיט פּויקן צו באַזינגען דעם זיג ביים ים־סוף. און ווען מרים האָט געזונגען, לויטן חומש, „שירו ליהוה כי גאה גאה סוס ורכבו רמה בים", האָט זי נישט נאָכגעזונגען משהן, נאָר זי האָט פאַרפאַסט דאָס ליד, וואָס איז אין חומש צוגעשריבן געוואָרן משהן. — נישט זי האָט נאָכגעזונגען, נאָר די בני־ישראל האָבן שפּעטער נאָכגעזונגען און צוגעגעבן. און אפשר אַ סך. אָבער דער קערן פונם ליד. איז אין מרים הנביאהס ווערטער (מרים הנביאהס צוויי שורות זענען פון די עלטעסטע עיקרדיקע פונם לאַנגן „אז ישיר", ווייל אַזאַ ספּאָנטאַנע דיכטונג גייט תיכף צום עיקר, — זי לויבט גאָט און זי דערציילט דעם עיקר וואָס ער האָט געטון, — „לויבט גאָט דערפאַר, ווייל ער האָט דעם פערד און דעם רייטער געשליידערט אין ים אַריין" און זי שילדערט אין צוויי בילדלעכע שורות, ווי דער ים איז טרוקן געוואָרן) און אין אירע ווערטער איז דער קערן פון היסטאָרישן אמת, אַז אויפן

ברעג ים־סוף, ווו פרעה און רייטוועגענער זענען דערטרונקען געוואָרן, איז געשאַפן געוואָרן דער „אז ישיר“, וואָס איז אַ שטיק פּאָעטישע געשיכטע.

ווער, וואָס האָט אַן אויער פאַר דיכטונג, וועט נישט שפּירן דעם רויש פון אַ נאַר וואָס איבערגעלעבטער באַפרייאונג אין די שורות: „אשירה לה׳ כי גאה גאה, סוס ורכבו רמה בים“? איך פיל, ווי דאָס האַרץ פון די זינגער, באַפרייט פונם קאָשמאַר, וואַקסט פון פרייד און דאָס האַרץ שפּאַרט זיך צו זייערע מיילער און שפּרינגט אַריין אין זייערע ווערטער און פאַרכליניעט זיי מיט אָטעם־מאַנגל פון פרייד. און צי פילט איר נישט אין די פערזן: „נשפת ברוחך כסמו ים, צללו כעופרת במים אדירים“ דעם בלאָזן פון ווינט און דעם פאַרזינקען אין ים? מען שפּירט, אַז דאָס, וואָס די דיכטער האָבן געזען און געפילט, איז אין עקסטאַז־מאָמענט אויף אייביק איינגעגלי־ווערט געוואָרן אין די פערזן, וואָס דער איינדרוק האָט מעכ־טיק געשטויסן צו זייער אויסדרוק.

און ווי פּלאַסטיש מען זעט די וואַסער־ווענט! און בכלל, דאָס גאַנצע ליד איז פול מיט באַרוישטקייט און ווירקלעכקייט.

געוויס, דאָס ליד, וואָס איז פאַרבליבן אין זכרון און אינם מויל פון פאָלק, איז מיט דער צייט אַרומגעוואַקסן מיט אויס־טייטשונגען. דאָס בילד, ווי די פעלקער זענען פאַרציטערט געוואָרן, דאַרף דווקא נישט שטאַמען פון מרים הנביאהס ליד אויפן ברעג ים־סוף, גלייך נאָכן זיג; אָבער דער קערן פונם ליד — זיכער יאָ. ער שטאַמט פונם נס ביים ים־סוף און ער־זאָגט עדות אויף אים. נישטאָ קיין לעבעדיקערער עדות, ווי אוראַלטע עכטע דיכטונג.

אַז דאָס איז נישט קיין דיכטערישע פאַנטאַזיע זאָגט עדות אַ צווייט ליד, געזונגען באַלד נאָך אַ צווייטן גרויסן זיג. דבורהס ליד קאָן נישט זיין, אין זיין קערן, אַ פּראָדוקט פון שפּעטער, פון קינסטלערישער שאַפונג אויף אַ היסטאָרישער־

טעמע. וויפל שפּעטערדיקע שיכטן דאָס ליד זאָל נישט האָבן אין זיך, זיין קערן איז נישט נאָר דיכטעריש, נאָר היסטאָריש. דער, וואָס האָט געזונגען די שורות „נחל קישון גרפם, נחל קישון נחל קדומים", האָט געזען, ווי דאָס טייכל קישון האָט אוועקגעשלעפּט די טויטע גופים, און נישט נאָר ער האָט געזען, — אין זיינע שורות מיט די „קופּן", שפּירט מען די פאַרביסענע צייַן פון אַ קעמפער, וואָס האָט געהרגעט. געזען די גופים פון די פיינט אין שטראָם פון קישון און בעת זיין פאַרביסנקייט פון אַ קעמפער האָט אויסגעהאַמערט די אומשטערבלעכע פּאָעטישע שורות לויט זייער ריטם און קלאַנג־פּלאַסטיק, האָט זיין געמיט געגעבן אַ פּלי אין דער הויך — „תדרכי נפשי עוז".

דאָס איז אַזוי פאַרבונדן מיטן סאַמע מאָמענט פון זיג איבער סיסראַן, ווי די ווערטער פונם ליד, וואָס טראָגן אויף זיך ווי מאָך פון אור־אַלטקייט און וואָס עס קלינגט אין זיי די אויפגערודערטקייט פונם דיכטערישן זיצן ביים פייער פון דער געשעעניש גופא: „עד שקמתי דבורה, שקמתי אם בישראל"; ...עורי, עורי דבורה, עורי, עורי דברי שיר".

אַלע קוועלן קאָנען פעלשן, נאָר נישט די קוועלע, וואָס קומט פון אומשולדיק־ריינעם האַרצן, די קוועלע פון ריינער דיכטונג, וואָס פאַרלירט נישט איר פרישקייט, כל זמן עס זענען דאָ מענטשן, וואָס פאַרשטייען איר שפּראַך, וואָס קאָנען אויפנעמען אירע קלאַנגען.

כ"א) דער תנך און זיינע מפרשים

דער תנך ווערט געדרוקט מיט אַ סך פון זיינע מפרשים זייט ביי זייט. אָבער דאָס איז נאָר אַ גראַפישע נויטווענדיקייט. אין דער אמתן זענען די גוטע מפרשים געבליבן נישט מחוץ, ביי דער זייט פונם תנך־טעקסט, נאָר זיי זענען געוואָרן אַ טייל

פון תנך — דער תנך האָט זיי אַריינגעזויגן אין זיך — נישט אָפּצוטיילן.

אומעטום, ווו רש"י האָט שכל־הישרדיק געגעבן אַ לויכט אַריין אָדער ווו דער מדרש האָט דיכטעריש געגעבן אַ בלענד מיט אַ סימבאָלישער פאַרטייטשונג, קאָנט איר שוין אַנדערש נישט זען ווי אַ פאַררש"יטן אָדער פאַרמדרשטן תנך. מיטן תנך קומט פאָר דאָס זעלבע, ווי מיט אַ דראַמע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן דורך אַ געניאַלער טרופּע אָדער מיט אַ בוך, וואָס איז פאַרטייטשט געוואָרן דורך אַ געניאַלן קריטיקער.

דאָס איז אָבער אַ גוטער סימן נישט נאָר פאַר דעם מפרש, נאָר אויך פאַרן תנך. מען דאַרף קאָנען גוט אַריינטייטשן, אָבער מען דאַרף אויך זיין בכוח אויפצונעמען אַזוי פיל אַריינטייטשונגען און נישט ווערן קיין שאָטן, נאָר פאַרקערט — פיל־זיניקער, פילגעשטאַלטיקער, רייכער.

ביים לייענען לעצטנס דעם תנך פיל איך, אַז ער איז באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך אַ גוטן, שעפערישן מפרש — מיט מאַנגערן.

איך קאָן שוין נישט לייענען די געשיכטע מיטן תנכישן דרייעק — וועגן אברהם, שרה און הגר — איך זאָל זיי נישט זען און איבערלעבן אין מאַנגערס פאַרטייטשונג — אינם פּלאַסטישן לבוש פון זיינע חומש־לידער און אין דער ליריש־גראָטעסקער שטימונג פון זיינע חומש־לידער.

בייראָנס „קין" וועט איר אין תנך נישט פילן. ווי אינטערעסאַנט בייראָן זאָל נישט אַרומרעדן קינען, — גיט ער דער געשטאַלט נישט צו קיין איין שטראַל סימבאָלישן גלאַנץ; די קין־געשיכטע אין איר תוך־ווערסיע טיילט אויס פון זיך אַזוי פיל שטאַרקע סימבאָלישע שטראַלן, אַז בייראָנס אַלע רייד בלייבן פאַרטונקלט לגבי זיי; זיי זענען אַבסטראַקט גאַנץ שיין און אפילו שטאַרק, אָבער עס פעלט זיי סימבאָלישע

קאָנקרעטקייט, — זיי האָבן קינען קיין נייע שטריכן נישט צוגעגעבן.

א סך, זייער א סך ווערק אויף ביבלישע טעמעס (דער־ציילערישע, דראמאטישע און לירישע) האט געטראָפן דער זעלבער גורל, ווי בייראָנס „קין": זיי האָבן זיך נישט באַהעפט מיטן תנך, נישט געוואָרן קיין לעבעדיקער טייל פון אים, — זיי זענען געבליבן א פירוש פון דרויסן.

אפילו טאָמאס מאַנס ביבלישער עפּאָס (איך קען נאָר די ערשטע צוויי בענדער) איז אַלץ, וואָס איר ווילט: עפּאָס־דיק־ברייט, קלוג, געלערנט, שיין געשריבן, — אָבער ער איז נישט קיין לעבעדיקער ווייטער וועבן פון תנכישן שטאָף. און היינריך היינעס באַרימטער „בלשאצר"? דאָס זענען שיינע פערזן, אין וועלכע און מיט וועלכע היינע גיט איבער א פּרט פון תנך, — נישט באַרייכערנדיק אין תוך און נישט ענדערנדיק אין תנך די ביבלישע געשעעניש.

מאַנגער אָבער האָט דאָס באוויזן (נאָר אין די „חומש־לידער", נישט אין די „מגילה־לידער" און נישט אין די „רות־לידער").

נישט נאָר איך קאָן נישט לייענען מער וועגן אברהם אבינו, וועגן שרהן און הגרן, נישט פילנדיק אין זיי דעם טעם און דעם אויסזען פון מאַנגעס חומש־לידער, נאָר אפילו אין שטעלן, וועלכע מאַנגער האָט נישט פאַרטייטשט, שפּיר איך אָפט דאָס מאַנגערישע און איך באַגריף דאָן, אַז נישט מאַנגער האָט אַריינגעטייטשט אין תנך, אַז נישט מאַנגער האָט אַריינגעפאַנטאַזירט אין תנך, נאָר מאַנגער האָט פּשוט דערזען א געוויסע אויסשטראַלונג פון תנך, וואָס אַנדערע האָבן נישט דערפילט.

ווען מען לייענט געוויסע שטעלן וועגן יעקב אבינו, — שטעלן, וואָס מאַנגער האָט נישט געשריבן זיין פּירוש צו

זיי, — דאַכט זיך אונז, אַז דער תנך האָט זיי אַרויסגענומען ביי מאַנגערן.

אין מאַנגערס אַ פּאַראָדיע אויף יעקב אבינו פאַר דער יידישער קליינקונסט־בינע אין וואַרשע, נעמט דער לעצטער אַרום דעם חומשל, כדי צו זען וואָס ער האָט צו טון.

אין דער דערציילונג מיט אויסנאַרן די ברכה (מ׳שטיינס געזאָגט), פירט זיך דער ביטרער יעקב (זע די מעשה מיט לבנס שאָף), ווי אַ תם, ריכטיק ער וואָלט אַריינגעקוקט אין מאַנגערס חומש־לידערל, כדי צו זען ווי זיך אויפצופירן אַלס שלימזל, אַלס תם פון דעם פאָלקס־מעשהלע, ווו די מאַמע פירט אָן מיט איר שוטה.

און ווי פירט זיך אויף יצחק? יצחק אבינון געפעלט דווקא דער פעלד־מענטש עשיו, מיט זיינע פרעמדע ווייבער, מיט זיין ווילד לעבן. בכלל, פירט זיך יצחק אויף מגושמדיק, לויטן פירוש מאַנגער: פאַרן בענטשן די קינדער (פאַרן טויט!), פאַסט ער נישט, ווי עס פאַסט פאַר איינעם פון די אבות, נאָר ער באַשטעלט אַ יצר־הרעדיקן מאַלצייט, נישט פון כשרער שחיטה, און ער מאַכט אַ כוסה. בנאמנות, מאַנגער מעג אָנקלאָגן דעם חומש אין פּלאַגיאַט, — דאָס איז דאָך זיין טאָן, זיין מעטאָד — אַריינצופירן אין פרום־פּאַרצייטיקן תנך דאָס היינטצייטיק־מגושמדיקע.

די, וואָס מאַנגערס חומש־לידער זענען פאַר זיי היליקטום־פאַרשוועכונג, דעקן אויף זייער מאַנגל אין קריטישן חוש: מיט אַ פאַר יאָר־צענדליק צוריק האָט דאָך יעדע יידישע קליינשטעטלדיקע פרוי געהאַט אין זיך מער פון די אמהות, ווי אַלע אמהות צוזאַמען גענומען. פון לאהן איז דאָך שוין אָפּגערעדט, — זי האָט זיך דאָך דורך איר טאַטנס שווינדל אַריינגעכאַפּט צווישן זיי; אָבער וואָס איז די גדולה מיט שרהן און רבקהן? און רחלס אמהותשאַפט (און זי איז די איינציקע, וואָס איז אַן אמתע מאַמע צום יידישן פאָלק) איז

דאָך אויך אַ שפּעטערדיקע, אַ מדרשדיקע, וואָס דער תנך האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט אויף אייביק.

ווי ווייניק מענטשן פאַרמאָגן קריטישן חוש. באַווייזט נישט נאָר דאָס, וואָס אַ סך מעשיות אין חומש (וועגן דער באַשאַפונג פונם מענטשן, וועגן הגרן און דעם מלאכם צוזאָג, אַז איר זון וועט זיין אַ גרויס פאָלק) זענען דאָ אין צוויי פאַר־שידענע נוסחאות און קיינער האָט דאָס אַזוי לאַנג נישט באַ־מערקט און אַ סך באַמערקן דאָס נאָך אויך היינט נישט, נאָר נאָך מער דאָס, וואָס מען באַמערקט נישט, אַז די אמהות זע־נען אמהות נישט פון דער תנך־צייט, אַז אַ חוץ אברהמען (טיילווייז) האָבן די אבות ווייניק אבותדיקס אין זיך, אַז היינטיקע אפּיקורסים זענען צדיקים גמורים אין פאַרגלייך מיט די תנך־יידן, אַז נישט מיר זענען אַוועק פון זייער יידיש־קייט, נאָר מיר האָבן זיי פאַריידישט.

אַ גוטער שפּיגל ווייזט יעדן זיין אייגן פּנים; דער תנך איז אַ גוטער שפּיגל, לאָמיר אין אים גוט אַריינקוקן און מיר וועלן אין אים געפינען אונזער פּנים.

מיר וועלן אים דערזען על פּי מדרש מאַנגער: די תנך־יידן זענען מיר, און אונזערע געפילן און האָפנונגען געפינען זיך אויך ביי זיי.

כ"ב) אהיה אשר אהיה...

„האָט גאָט געזאָגט צו משהן: איך וועל זיין דער, וואָס איך וועל זיין". (שמות ג', 14).

דאָס איז איינער פון יענע פּסוקים, וואָס וועלן אייביק בלייבן טונקל, אומפאַרשטענדלעך, אויב מיר וועלן זייער זין זוכן אין זיי, און נישט אין זיך.

פאַר מיר איז דער פּסוק היינט קלאָר, אַ סך קלאָרער, ווי ווען איך האָב געזוכט זיין זין ביי פאַרשידענע מפרשים,

אַלטע און נייע, איך האָב זיין זין געפונען ביי זיך.

„אהיה" האָט מיך געשיקט צו אייך, — „איך וועל זיין" האָט מיך געשיקט צו אייך. דאָס איז דער זעלבער טונקעלער אָבער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, וואָס ווערט נאָך אַלץ געשיקט פון די טיפענישן פון אונזער בלוט אין פאַרשידענע בויגונגען: „איך וועל זיין", „איך וויל זיין", „איך מוז זיין", „מיר מוזן זיין".

„אהיה שלחני אליכם", — „איך וועל זיין" האָט מיך געשיקט צו אייך. ער האָט געשיקט משהן, געטריבן ירמיהן, אַ כאַפּ געטון מולכון, הערצלען און טויזנטער אַנדערע יחידים און די מיליאָניקע מאַסן פון אונזער פאָלק.

דער גרעסטער, ווי דער קלענסטער, פון אונז איז אַ שליח פון זעלבן וועלן זיין, וואָס אַמאָל.

איך געדענק נישט די היסטאָריש־פילאָלאָגישע קוועטשעניש פון די ביבל־קריטיקער, אָבער איך וויל גאָר נישט גיין צו זייער קאָנטראָלירן מיין טייטש. חזר איך איבער זייער טייטש — איז דאָך אוודאי גוט; אלא נישט — בין איך דאָך סיי ווי גערעכט. איך פיל, אַז דאָס איז דער איינציקער ריכטיקער טייטש; נישט אומזיסט זינגט ער אין מיר אַזוי האַרמאָניש: „איך וועל זיין". „איך וועל זיין" האָט געשיקט משהן און ער שיקט אויך מיך. ווייל דער גאָט פון אונזערע אבות, „איך וועל זיין", איז דער זעלבער פאַרן גרעסטן און קלענסטן פון אונז, פאַרן ערשטן דור און פאַרן לעצטן.

„אהיה אשר אהיה" — „איך וועל זיין דער, וואָס איך וועל זיין", — מיט אַנדערע ווערטער: איך, אייער גאָט, וועל זיין דער, וואָס איר וועט מאַכן פון מיר: איך וועל זיין דער גאָט פון משהס „אז ישיר", וואָס טריאומפירט: „מרכבות פרעה וחילו ירה בים... ירדו במצולות כמו אבן"; איך וועל זיין דער גאָט פון „מדרש", וואָס מאַכט גאָט טרויערן אויף פרעהן: „מיינע באַשעפעניש טרינקען זיך אין ים און איר

זאָגט שירה?"; איך וועל זיין דער גאָט פון ווילנער גאון, פון בעש"ט, פון פרץ, פון א. ד. גאָרדאָן, איך וועל זיין, ווייל איך וועל זיין דער זעלבער גאָט פון אייערע עלטערן אויך אין אַלע געשטאַלטן, וואָס איר וועט מיר געבן, ווייל מיין עכטער נאָמען איז „דער, וואָס וועט זיין".

כ"ג) דער דור הפלגה

„און די גאַנצע ערד איז געווען איין שפּראַך און איינע ווערטער... און זיי האָבן געזאָגט: קומט לאָמיר אונז בויען אַ שטאָט, און אַ טורעם מיט זיין שפּיץ אין הימל, און לאָמיר אונז מאַכן אַ נאָמען, כדי מיר זאָלן נישט צעשפּרייט ווערן אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד. האָט גאָט אַראָפּגעני־דערט צו זען די שטאָט און דעם טורעם, וואָס די מענטשן־קינדער האָבן געבויט. און גאָט האָט געזאָגט: זע, זיי זענען איין פאָלק, און איין שפּראַך איז ביי זיי אַלעמען, און דאָס איז ערשט אַן אָנהויב פון זייער טון, און אַצינד וועט פון זיי נישט פאַרמיטן ווערן אַלץ, וואָס זיי טראַכטן צו טון. קומט לאָמיר אַראָפּנידערן און צעמישן זייער שפּראַך, אַז זיי זאָלן נישט פאַרשטיין איינער דעם אַנדערנס שפּראַך, און גאָט האָט זיי צעשפּרייט פון דאָרטן אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד, און זיי האָבן אויפגעהערט בויען די שטאָט..."

ווען מען וועט אין אַ „תנך־ענציקלאָפּעדיע", אין דער אָפּטיילונג „דער תנך און די ליטעראַטור", נעמען אויסרעכענען אַלע ווערק, וואָס האָבן זייערע אידייען אָדער סימבאָלן גע־שעפּט פון תנך, וועט מען מוזן צורעכענען צו זיי אויך הענריק איבסענס „בוימייסטער סאָלנעס". מער נישט, דער תנך, לויט זיין טבע, האָט דאָס געמאַכט קירצער פאַרן מייסטער־אַרכי־טעקט פון דער מאָדערנער דראַמע: „קומט לאָמיר אונז בויען אַ שטאָט און אַ טורעם מיט זיין שפּיץ אין הימל"...

און אויב מען רעדט שוין וועגן אַרכיטעקטור על־פּי־דרש, טאָ לאָמיר דערמאָנען אויך די אַרכיטעקטור ממש: אין דעם זאַץ „און אַ טורעם מיט זיין שפּיץ אין הימל״ איז איינגע־זויקלט, ווי אין אַ קנאָספּ, די גאַנצע גאָטישע אַרכיטעקטור.

אָבער אין דער מעשה מיטן טורעם פון בבל ליגט, ווי אין אַ נאָר וואָס צעבליטער קנאָספּ, מער ווי איבסענס דראַמע און מער ווי די גאָטישע דאָמען: עס ליגט אין איר אָפּן, אין איר גאַנצן זים־ביטערן אַראָמאַט, די בענקשאַפט פון דער מענטשהייט נאָך אַ פעסטן פּונקט, פון וועלכן זי זאָל קאָנען דערלאַנגען צום הימל מיט אַ שפּיץ, קאָנצענטרירט אויף איין שמאָלסטן פּונקט, אין אַ מאַקסימאַלער איינהייט.

שוין אין יענער אור־אַלטער צייט האָבן מענטשן געטרוימט וועגן אַן אַמאָל, ווען די גאַנצע וועלט האָט געהאַט איין שפּראַך און איינע גערעדנקען. די צעריסנקייט פון דער מענטשהייט האָט זיי שוין דאַן געפּייניקט, און די פּיין האָט געבוירן די בענקשאַפט און די בענקשאַפט דעם פיבערדיקן טרוים און אָפּגעקילטער טרוים איז לעגענדע וועגן אַ צייט, ווען אַלע מענטשן האָבן געהאַט איין שפּראַך און איינע גערעדנקען, און זיי האָבן געמיינזאַם געבויט אַ שטאָט, מיט אַ טורעם, וואָס זיין שפּיץ גרייכט אין הימל אַריין...

און דער דאָזיקער טרוים הערט נישט אויף צו טרייסטן און פּייניקן די מענטשהייט. ער טרייסט זי, ווען זי טרוימט אים, און זי פּייניקט אים, ווען זי דערוואַכט פון אים...

און ווי דאַן אַזוי היינט, זוכט די מענטשהייט אַן אויס־סערלעכע סיבה, וואָס האָט צעמישט זייער שפּראַך און פאַנאַנ־דערגעריסן זייערע גערעדנקען און צעשטערט דעם סימבאָל פון זייער אייניקייט — דעם טורעם, וואָס צוזאַמען מיט זיין שפּיץ גרייכט דעם מענטשנס נשמה אין הימל אַריין.

אין חומש איז דאָס געווען גאָט, וואָס האָט זיי נישט פאַרגונען דעם גליק פון איינהייט; היינט זוכן זיי אַנדערע

סיבות. אָבער קיינמאָל פאַלט זיי נישט איין צו זוכן די סיבה אין זיך.

זיי פילן ווי שלעכט און נישט נאָרמאַל עס איז דער דור הפלגה, אָבער דעם רו־שטערער זוכן זיי נישט דאָרט, וווּ ער געפינט זיך.

כ"ד) דער ערשטער געבראָכענער אָפּמאַך

איך האָב קיינמאָל נישט געלייענט די געשיכטע פון דיפּלאָמאַטיע (איך קאָן, לײדער, די דיפּלאָמאַטיע פון דער ווירקלעכקייט, נישט פון געשיכטע); איך ווייס נישט דערי־בער, ווען זי הויבט אָן די געשיכטע מיט די געבראָכענע אָפּ־מאַכן; אָבער איך וואָלט די דאָזיקע געשיכטע געוועז אָנגעהויבן מיטן בונד, וואָס גאָט האָט אַזוי פייערלעך פאַרשניטן מיט אברהם אבינו און — אים געבראָכן אומצייליקע מאָל.

איר געדענקט?

„אין יענעם טאָג האָט גאָט פאַרשניטן אַ בונד מיט אברמען, אַזוי צו זאָגן: צו דיין זאָמען האָב איך געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד, פון דעם טייך פון מצרים ביז דעם גרויסן טייך, דעם טייך פּרת".

די צערעמאָניע ביים פאַרשניידן דעם בונד איז געווען אַ פייערלעכע, הגם אַ סך אַ פּרימיטיווערע ווי היינט.

„נעם מיר אַ דריי־יאָריקע קו, און אַ דריי־יאָריקע ציג, און אַ דריי־יאָריקן ווידער... האָט ער אים גענומען די אַלע, און האָט זיי איבערגעשניטן אין מיטן... האָבן די רויב־פויגלען אַראָפּגענידערט אויף די פּגרים..."

דער פּאָן איז דער זעלבער, ווי ביי אַלע פאַרשניטענע בונדן: רויב־פויגלען אויף פּגרים. מער נישט, היינט נעמט מען נישט קיין עטלעכע בהמות, נאָר מען נעמט אַ פּאָר מיליאָן מענטשן (צווישן זיי אויך דריי־יאָריקע און קלענערע נאָך) און

מען צעפּערטלט זיי און מען לאָזט זיי אַלס רויב פאַר אַלע צוויי־פיסיקע רויב־פויגלען... אָבער די סכעמע איז די זעלבע: צוערשט צעשניידט מען לעבעדיקס אויף פגרים פאַר רויב־פויגלען, און דאַן פאַרשניידט מען דעם בונד.

היינט איז די פייערלעכקייט אַן אַנדערע ווי אַמאָל: היינט איז זי מער אויסגערעכנט פאַרן פילם־פאָטאָגראַף (מען ווייס דאָך שוין איר ווערט), אַמאָל איז זי געווען מער אַ פאַראינער־לעכטע. נאָך היינט, איין פיר צי פינף טויזנט יאָר אַרום, גייט אונז דורך אַ שוידער איבערן גאַנצן לייב, ביים לייענען די אימהדיקע ווערטער מיט זייער אימהדיקער שטימונג.

„און ווי די זון איז געווען ביים אונטערגיין, אַזוי איז אַ טיפער שלאָף געפאַלן אויף אברמען; ערשט אַן אימה, אַ גרויס פינסטערניש פאַלט אַן אויף אים. און ער האָט געזאָגט צו אברמען: וויסן זאָלסטו וויסן זיין, אַז דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד, וואָס נישט זייערס, און מען וועט זיי פאַרקנעכטן, און מען וועט זיי פייניקן פיר הונדערט יאָר"...

אַלץ איז מקוים געוואָרן: די אימה, די גרויסע פינסטער־ניש, די פאַרקנעכטונג, די פייניקונג, — בלויז דער בונד אויפן צוגעזאָגטן לאַנד איז געבראָכן געוואָרן.

גאָט, אונזער גאָט, קאָן אַזוי אַרום גילטן אַלס דער אָנהויב פונם פעלקער־בונד, וואָס האָט אויך פאַרשניטן מיט אברהמס זאָמען אַן אָפּמאַך און אים געבראָכן. דער פעלקער־בונד איז געגאַנגען אין די טריט פון גאָט: אויב ער האָט געמעגט ברעכן דעם בונד, פאַרוואָס זאָלן זיי נישט טאָרן?

און וויפל מאָל דער בונד איז באַנייט געוואָרן!

האָט טאַקע גאָט פון אָנהויב אָן געטראַכט אים צו ברעכן, וואָס ער האָט אַזוי פיל מאָל באַטאָנט און געחתמעט דעם דאָזיקן בונד? האָט ער גלייך פון אָנהויב געהאַט אַ שלעכט געוויסן?

„...בענטשן וועל איך דיך בענטשן, און מערן וועל איך

מערן דיין זאָמען אזוי ווי די שטערן פון הימל, און אזוי ווי דער זאמד אויפן ברעג פון ים; און דיין זאָמען וועט ארבן דעם טויער פון זיינע פיינט. און בענטשן וועלן זיך מיט דיין זאָמען אַלע פעלקער פון דער ערד..."

און אזוי צענדליקער מאָל צו אברמען, צו יצחקן, צו יעקבן, און צו וועמען נישט?

אַנדערע האַלטן דעם גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב פאַר אַן אל רחום וחנון, אַנדערע פאַר אַן אל נוקם ונוטר, אָבער דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב אין דער ראָל פון אַ קאַריקאַטוריסט?

„און בענטשן וועלן זיך מיט דיין זאָמען אַלע פעלקער פון דער ערד..."

כ"ה) גאָט פון אברהם...

„און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען, נאָכדעם ווי לוט האָט זיך אָפּגעשיידט פון אים: הייב אָקאָרשט אויף דיינע אויגן, און קוק פון דעם אָרט ווו דו ביסט, קיין צפון און קיין דרום און קיין מזרח און קיין מערב. וואָרום דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס דו זעסט, וועל איך געבן צו דיר און צו דיין זאָמען אויף אייביק". (בראשית, י"ג, 14-15).

מען האָט אַ סך געשריבן וועגן יהוה דעם „אל קנא ונוקם", דעם „אל רחום וחנון", אָבער יהוה דעם מייסטער פון דעמאָנישן סאַרקאַזם, דעם מייסטער פון דער טייוואָלאָנישער פּאַראָדיע האָט מען נאָך ווייניק אָפּגעשאַצט.

איך שטעל זיך פאָר מיט וואָסער אַנטציקונג אברהם האָט גענומען קוקן אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט, טרייבנדיק מיט דער פאַנטאַזיע דעם בליק אַלץ ווייטער אין אַלע ריכטונגען, כדי וואָס פולער צו זען דעם ריזיקן שטח פון זיין זאָמענס באַזיץ.

און גאָט האָט געקוקט אויף זיין טרייען קנעכט און אַ דעמאָניש שמייכעלע (מעפיסטאָפעל האָט אים אָפּגעקוקט און פאַראייגנט, ווי עס טרעפט אָפט מיט ווידערשפעניקע דינער, וועלכע מאַכן נאָך דעם האַר, וועלכן זיי פאַרגעטערן אויך אין זייער רעוואָלט) האָט זיך געשלענגלט אויף גאָטס פרומע ליפּן. און דאָס שמייכעלע האָט באַדייט:

— קוק, קוק, מיין טרייער אברהם, וועסט סיי ווי אַזוי ווייט נישט זען. נישט נאָר דאָס גאַנצע לאַנד — די גאַנצע ערד וועל איך אָפּגעבן דיינע קינדער; ס'וועט נישט זיין קיין איין פלעק אויף דער ערד, נישט אויף דרום און נישט אויף צפון, נישט אויף מזרח און נישט אויף מערב, וווּ זיי וועלן זיך נישט געפינען. די גאַנצע ערד וועט געהערן צו זיי, מיט אַלע אירע פיר טיילן, אָבער זי וועט געהערן צו זיי, ווי די גאַנצע שטאָט הייזער געהער דעם אביון. יעדער באַלעבאַטי־שער מענטש האָט איין הויז אין איין שטאָט, נאָר דעם קבצן שבקבצנים געהער די גאַנצע שטאָט הייזער, און אַלע שטעט אין דער מדינה, איבער וועלכע ער גייט. דיינע קינדער וועט געהערן די גאַנצע וועלט, ווייל קיין איין פּונקט וועט נישט זיין זייערס.

נאָך היינט, ווען דער אַלטער גאָט פון אברהמען דער־מאָנט זיך אין יענער סצענע, ווי אברהם האָט זיך צעריסן קוקנדיק מיט צוויי אויגן אין פיר זייטן פון דער וועלט, לויפט דורך אַ גיפטיקער שמייכל איבער זיינע פאַרעלטערטע ליפּן:

— איז דאָס געווען אַ שפּאַס! אמת, ער דויערט שוין צו פיל אפילו פאַר מיר, וואָס טויזנט יאָר איז ביי מיר ווי איין טאָג, אָבער אַ שפּאַס איז דאָס געווען אַ געטלעכער! איך האָב אים נישט אָפּגענאַרט, אברהמען; זיינע קינדער געהערט טאַקע די גאַנצע וועלט, זיי זענען פול אין אַלע אירע פיר עקן, ער האָט זיך אָבער נישט געכאַפּט (פאַרט דעם אַלטן תרחס אַ זון!) אויף דעם דינעם דריי און ער האָט נישט געפרעגט:

— אָבער ווי אַזוי, גאָט, וועט עס געהערן צו זיי, ווי צו אַ באַלעבאָס, אָדער ווי צו אַ קבצן?

אברהם האָט זיך נישט געכאַפּט (האָט ער דאָך גערעדט מיט גאָט פּנים אל פּנים, ווי די בעסטע פריינט, ווי־זשע האָט אים געקאָנט איינפאַלן אַזוינס) אין זיין תמימותדיקן צוטרוי, און גאָט איז געלונגען דער דריי: אי ער האָט געהאַלטן וואָרט, אי אויסגעלאַכט. אַך, ווי בלוטיק אויסגעלאַכט!

פון אַלע זיינע צוזאָגן צו אברהמען און צו זיינע קינדער, איז דאָס דער איינציקער צוזאָג, וואָס איז מקוים געוואָרן.

נישט שוין־זשע וועט ער מקוים ווערן ביזן לעצטן אות? און די גאַנצע ערד וועט געהערן צו אברהמס זאָמען „אויף אייביק"?

כ"ז) קאַמף פאַר יידיש בלוט

געווידמעט דעם אָנדענק פון פנחס גאָלדהאַר ע"ה

„האָט יצחק גערופן יעקבן, און האָט אים געבענטשט, און האָט אים באַפוילן, און האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט נישט נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון כנען" (בראשית, כ"ח, 1).

יצחקן האָט זיך גוט איינגעשניטן אין זכרון די געשיכטע פון זיין חתונה.

יצחק איז ביים חתונה האָבן מיט רבקהן אַלט געווען פערציק יאָר און ס'איז דעריבער שווער פאָרצושטעלן זיך, ער זאָל נישט האָבן געוווסט וועגן זיין פאָטער אברהמס ווער־טער צום קנעכט, דעם עלטסטן פון זיין הויז:

„...דו זאָלסט נישט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זון פון די טעכטער פון דעם כנעני, וואָס איך זיץ צווישן אים. נייערט

צו מיין לאַנד און צו מיין אָפּשטאַם זאָלסטו גיין, און נעמען א ווייב פאַר מיין זון פאַר יצחקן" (בראשית, כ"ד, 3-4).

ער האָט מסתמא אויך געוווּסט וועגן אברהמס באַשלוס, אַז זיין זון זאָל בעסער פאַרבלייבן אַן אַלטער בחור, איידער ער זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון זיין ירושה. ווען דער קנעכט פרעגט אברהמען: „טאָמער וועט די פרוי נישט וועלן גיין נאָך מיר אין דעם היגן לאַנד, זאָל איך נישט אַנדערש אומקערן דיין זון צו דעם לאַנד, וואָס דו ביסט פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען?" (בראשית, כ"ד, 5), ווערט אברהם אַן אויפגעציטערטער: „היט זיך, זאָלסט נישט אומקערן מיין זון אַהין און אויב די פרוי וועט נישט וועלן גיין נאָך דיר, וועסטו זיין פריי פון דער דאָזיקער שבועה מיינער; אָבער זאָלסט נישט אומקערן מיין זון אַהין" (בראשית, כ"ד, 6-8).

יצחק, ווי געזאָגט, איז געווען צו יענער צייט א פערציקער (און פאַרוועסן איז ער טאַקע צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געקראָגן קיין פרוי פון זיין שטאַם), און ער האָט זיכער געוווּסט, וואָס עס באַדייט פאַר אַן עברי צו האָבן קינדסקינדער, בפרט פאַר אברהמען, וואָס האָט געהאַט צו פאַרגעבן אַזאַ ירושה — א צוגעזאָגט לאַנד און אַן אייביק לעבן! און אויב זיין פאָטער אברהם איז גרייט געווען צו לאָזן אָפּשטאַרבן זיין שטאַם מיט יצחקן, אויב ער קאָן נישט באַקומען פאַר אים א פרוי פון אייגן בלוט, איז אים דאָך ביז גאָר קלאָר געווען ס'אַרא גרויסע זאַך עס ליגט אין דעם; אַז מען איז גרייט אויף אַזא קרבן!

און נאָר דאַן גייען קינדער אין די פוס-טריט פון די עלטערן (אויב דער וועג איז א שווערער), ווען די עלטערן זענען גרייט פאַר זייער וועג אויף די גרעסטע קרבנות.

און יצחק האָט געדענקט די לערע פון זיין פאָטער (הגם נאָך אויף דער העלפט. און ער האָט אַרויסגעשיקט יעקבן, זיין זון, אין פרעמדן לאַנד נאָך אַן איינגעשטאַמיקער פרוי, און אַזוי

אַרום געעפנט דעם וועג פאַר יעקבס לאַנגן־לאַנגן גלות), ווען ער האָט יעקבן געשיקט צו זיין פרוים ברודער לבן.

דער אַלאַרם־סיגנאַל קעגן געמישטע חתונות האָט געווירקט אין אוראַלטן אָנהויב פון אונזער שטאַם און ער ווירקט נאָך אויך היינט, נישט געקוקט אויף אַלע סטאַטיסטיקעס, וואָס דערציילן וועגן אַ הויכן פּראָצענט געמישטע חתונות.

דער דאָזיקער פאַקטאָר, וואָס האָט געווירקט ביי אברהמען, קאָן ווירקן אויך ביי אַ היינטיקן יידישן פאַרמער אין אויסטראַליע.

אַ יידישער פאַרמער, וואָס איז פאַרוואָרפן צווישן אַ מערהייט קריסטן, פאַרקויפט פלוצלונג זיין פאַרם. דעם יידן ציט אין שטאָט אַריין! — ווען זאָגן אייגענע און פרעמדע, וועלכע קוקן פון דרויסן אויף זיין טאַט, אָבער עס קאָן זיך גאָר אַרויסשטעלן, אַז ביים פאַרמער איז אונטערגעוואָקסן אַ מיידל און דער פאָטער קאָן נישט שלאָפן אין די נעכט — טאָמער פאַרליבט זיך זיין טאָכטער אין אַ קריסטלעכן בחור. און ער ציט אין שטאָט אַריין, ווו דער שאַנס צו באַקומען אַ יידישן חתן איז אַ סך גרעסער.

די דערציילונג פון פּ. גאָלדהאַר „אויף אַ פאַרם" („דערציילונגען פון אויסטראַליע") וואַרפט אַ שטראַל טראַגיש ליכט אויף דעם דאָזיקן פּראָבלעם פון אונזערע אבות.

אַן איינגעעקשנטער יידישער בחור וויל שאַפן אַ יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב, אָבער ער איז נאָך נישט פאַרטיק מיטן קאַמף מיט דער נאַטור, מיט די יידן, און ער האָט שוין צו קעמפן אַן אַנדער קאַמף — קעגן זיין נייגונג צו אַן איריש מיידל.

„וואָס טוט זיך מיט מיר, צו אַלדי רוחות! אַ פּיאָנער בין איך, מ'שטיינס געזאָגט, וויל בויען אַ יידישן „סעטלמענט", און שפּיל גאָר ליבעס מיט אַן אירישער שיקסע"!...

י. ראַפּאָפּאָרט

און ער איז גרייט אַפילו חתונה צו האָבן מיט דער נישט שיינער יידישער טאָכטער ראָזע זעלמאַן, ווייל:

„אַ פּאַרם מוז ביי אים זיין אַן אמת־יידישע, מיט אַ יידיש הויזגעזינד, נישט אַנדערש, אַזיסט דאַרף ער דאָס גאַנצע עסק אויף כפּרות..."

אָבער ראָזע זעלמאַן פאָרט אַוועק אין שטאָט אַריין, און ער, „דער יידישער פּיאָנער, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַ גרויסע, וויכטיקע מיסיע", בלייבט קעמפן איינער אַליין מיט דער ווילדער אויסטראַלישער סטיכיע און מיט זיין בלוט, וואָס טרייבט אים צו דזשינגען און בונטעוועט זיך קעגן דעם בונד מיט איר.

די דאָזיקע טעמע פאָדערט פון אַ היינטיקן קינסטלער אַ ברייטערע, מאָנומענטאַלערע ראַם, ווי גאָלדהאַר האָט איר געגעבן, זי פאָדערט מען זאָל ווייטער ציען די מאָנומענטאַלע ליניע פון חומש; אָבער דער סוף פון פיין־סקיצירטן טראַגישן קאָנפליקט האָט אין זיך טראַגישע גרויסקייט אין זיין וואָרטלאָזן לעצטן אַקאָרד.

ווען דער יידישער פאַרמער קערט זיך אום פון זעלמאַנס שטוב אַן איינזאַמער אין זיין קאַמף פאַר יידישקייט, גיט אים אין דער פינסטער אַ רוף דאָס אייראָפּעישע מיידל:

„סעם... — האָט זי קוים אַ ריר געטון מיט די ליפּן, און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ זאַפטיקער פייכטקייט, ווי פול־אָנגעגאָסענע טרויבן".

זיי זענען געשטאַנען האַרט איינער ביים צווייטן, און זייערע שאָטנס האָבן זיך געשוואַרצט אין דער טונקלקייט, ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק".

צי וועט סעמס קאַמף, וועלכן אברהם אבינו האָט אָנגע־הויבן, פאַרזינקען אין חושך? צי וועט דזשין, דאָס אייראָפּעישע מיידל, ענדגילטיק זיגן?

אַלץ, אַלץ, וואָס האָט געפּלאָגט אונזערע אבות, פּלאָגט

ערשטער שניט נאָכן שטורעם...

נאָך אויך אונז: קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר אַן אייגן לאַנד,
פאַרן קיום פונם אייגענעם בלוט...

כ"ז) די תוכחה

נישט אומזיסט האָבן יידן אַזוי מורא פאַר אַ קללה: קיין איין נבואה וועגן זיי האָט זיך נישט פאַרווירקלעכט אין אַזאַ מאָס, ווי די קללות פון דער תוכחה. עס ווערט אומהיימלעך, ווען מען לייענט די תוכחה און עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ רעאַליסטישע באַשרייבונג פון דער היינטיקער צייט.

„...וועסט זיין צו שוידער ביי אַלע קיניגרייכן פון דער ערד. און דיינע טויטע לייבער וועלן זיין צו שפּייז פאַר יעטוועדער פויגל פון הימל, און פאַר דער חיה פון דער ערד, און קיינער וועט נישט אָוועקטרייבן... גאָט וועט דיך שלאָגן מיט משוגעת, און מיט בלינדקייט, און מיט צעדולדקייט פון האַרצן... וועסט רק זיין באַרויבט און באַגזלט אַלע טעג, און קיינער וועט נישט העלפן... דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן אָוועקגעגעבן ווערן צו אַן אַנדער פאָלק, און דיינע אויגן וועלן זען, און אויסגיין נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג, און דיין האַנט וועט זיין אָן מאַכט... און וועסט ווערן משוגע פון דער זעאונג פון דיינע אויגן וואָס דו וועסט זען... גאָט וועט אָוועקפירן דיך, און דיין מלך וואָס וועסט אויפשטעלן איבער דיר, צו אַ פאָלק וואָס דו און דיינע עלטערן האָבן נישט געקענט; און וועסט דאָרטן דינען פרעמדע געטער, האָלץ און שטיין. און וועסט זיין פאַר אַ שרעק, פאַר אַ שפּריכוואָרט, און פאַר אַ שפּאָט צווישן אַלע פעלקער, וואָס גאָט וועט דיך אַהין אָוועקפירן".

געוויס, דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָך אַ געוויסער דערפאַרונג, ווי מען קאָן דאָס בולט זען פון אַזעלכע זאַצן, ווי: „גאָט וועט אָוועקפירן דיך, און דיין מלך וואָס דו וועסט

אויפשטעלן איבער דיר, צו אַ פאָלק, וואָס דו און דיינע על־טערן האָבן נישט געקענט", — אָבער דאָך איז אין דער תוכחה דאָ עכטע נבואה, מער, צום באַדויערן, ווי אין די טרייסט־נבואהס.

נישט אומזיסט האָבן יידן מורא פאַר קללות. די געוואַלטיקע קללות, וואָס זיינע נביאים האָבן אויף זיי אויסגעגאָסן אין דער פולקייט פון זייער האַס־ליבע, האָבן זיך ארויסגעוויזן פאַר אַזוי ווירקזאַם!...

כ"ח) לויט זיין געשטאַלט

„און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן לויט זיין גע־שטאַלט" (בראשית א', 27).

קוקט מען זיך צו צום מענטשן, איז שווער אין דעם צו גלייבן. דערפאַר איז אָבער אַ סך לייכטער צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז דער דאָזיקער פערז פון חומש דאַרף געלייענט ווערן אַנדערש, נעמלעך: „און דער מענטש האָט געשאַפן גאָט לויט זיין געשטאַלט".

אין תנך זענען דאָ זייער אַ סך באַווייזן פאַר דעם, אַז מיין השערה איז ריכטיק. און דער בולטסטער באַווייז דער־פאַר איז די געשיכטע פונם מבול.

אונזערע חכמים, וואָס פלעגן צוגעבן אַ זין (זייער איי־גענעם זין) יעדן וואָרט, יעדן תג פון דער תורהס אותיות, וואָס פלעגן צוגעבן אַ זין סיי דעם, וואָס געפינט זיך אין דער תורה, סיי דעם, וואָס דאָרט געפינט זיך נישט — די דאָזיקע חכמים האָבן זיך געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס האָט גאָט ביים באַשאַפן דעם מענטשן נישט געזאָגט: „און גאָט האָט געזען, אַז דאָס איז גוט", ווי ביים באַשאַפן די ערד און דעם הימל, ווי ביים באַשאַפן די לעבעדיקע און די טויטע נאַטור?

און אונזערע חכמים גיבן דערויף אַ טיפּזיניקן ענטפער: דעם מענטשן האָט גאָט געשאַפן נישט קיין שלימותדיקן; ערשט מיט דער הילף פון דער תורה וועט דער מענטש ווערן שלימותדיק.

אָבער דער מענטש, ווען ער וואָלט געשאַפן געוואָרן לויט גאָטס געשטאַלט, וואָלט דאָך געווען זיין פולקאָמען, ווי זיין פּראָטאָטיפּ.

גאָט, דער אַלוויסנדיקער גאָט, האָט נישט געזאָגט ביים שאַפן דעם מענטשן: „און גאָט האָט געזען, אַז דאָס איז גוט", וויל אין ערשטן קאַפּיטל פון „בראשית" האָט ער שוין געוווּסט, אַז אין זעקסטן קאַפּיטל פון זעלבן „בראשית" וועט אים אויסקומען צו זאָגן די ביטערע ווערטער:

„און גאָט האָט געזען, אַז דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד, און די גאַנצע טראַכטונג פון די מחשבות פון זיין הארצן איז רק צום בייזן אַ גאַנצן טאָג. און גאָט האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענטשן אויף דער ערד, און ער איז געווען באַקימערט אין זיין הארצן. און גאָט האָט געזאָגט: איך וועל אָפּמעקן דעם מענטשן, וואָס איך האָב באַשאַפן, פון דעם געזיכט פון דער ערד; פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פויגל פון הימל; וואָרום איך האָב חרטה וואָס איך האָב זיי געמאַכט" (בראשית ו', 6-7).

ווי נאָר גאָט האָט אַ קוק געטון אויפן מענטשן, וואָס ער האָט געשאַפן, האָט ער חרטה געהאַט, וואָס ער האָט אים באַשאַפן. און עס איז מעגלעך, אַז גלייך אין ערשטן מאָמענט פון מענטשנס באַווייזן זיך אויף דער וועלט האָט גאָט געוווּסט דעם ביטערסטן אמת וועגן דאָזיקן סאַמע דעגענערירטן פון זיינע באַשעפענישן: ער האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער, דורך אים געשאַפענער מענטש, וועט זיך שאַפן אַ גאָט לויט זיין — דעם מענטשנס — אייגענער געשטאַלט.

י. ראַפּאַפּאָרט

* * *

צי געדענקט איר די געשיכטע פון מבול?

גאָט האָט אַרויסגעוויזן זיין באמת געטלעכן מוט, ווען ער האָט מודה געווען פאַר זיך אַליין, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער, שאַפנדיק דעם מענטשן, אַז די דאָזיקע שאַפונג, וואָס דאַרף זיין די קרוין פון באַשאַף, איז אים נישט געלונגען.

און גאָט, ווי יעדער גרויסער שעפער, — וואָס איז נישט צופרידן מיט זיין שאַפונג — האָט אים געוואָלט פאַרניכטן. אָבער אין זיין גרויס רחמנות צו זיין נישט געראָטענעם באַשעפעניש, האָט גאָט נישט אויסגעפירט זיין סאַמע בעסטע כוונה — אָפּמעקן פון דער ערד דעם מענטשן. און ער האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסצומיידן דעם געדעכטן צאָרן...

אָבער מיט וואָס האָט דער מענטש אָפּגעצאָלט גאָט פאַר זיין גרענעצלאָזער גוטסקייט? אדרבא, לייענט אַדורך די סאַמע נידערטרעכטיקסטע רכילות אויף גאָט אין אַכטן קאַפּיטל פון בראשית:

„און גאָט האָט געשמעקט דעם געשמאַקן ריח. און גאָט האָט געזאָגט אין זיין הארצן: איך וועל מער ווידער נישט פאַרשעלטן די ערד פון וועגן דעם מענטשן; וואָרום די טראַכטונג פון דעם מענטשנס האַרצן איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן. און איך וועל מער ווידער נישט דערשלאָגן אַלץ וואָס לעבט, אַזוי ווי איך האָב געטון" (בראשית ח', 21).

ווי' נאָר גאָט האָט דערשמעקט דעם וווילגערוך פון קרבן, וואָס נח האָט מקריב געווען פאַר אים, איז זיין האַרץ ווייכער געוואָרן און ער איז געגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן: וואָס זאָל מען טון, אַזוי איז שוין דער מענטש; ער איז שלעכט פון געבורט אָן, נו, טאָ זאָל ער זיך לעבן אַזאַ, ווי ער איז...

און דער מענטש האָט באַקומען אַן אייזערנעם בריוו, אַז ער וועט מער נישט אויסגעשטעלט זיין דער געפאַר פון העכסטער שטראָף, וואָס ער האָט כשר פאַרדינט.

ערשטער שניט נאָכן שטורעם...

און אַלץ צוליב אַביסל ווילגערוך...

אַנדערש קאָן זיך דער מענטש נישט פאָרשטעלן נישט נאָר זיין מיטמענטשן, נאָר אויך נישט זיין גאָט.

ער האָט געשאַפן דעם גאָט זיינעם לויט זיין אייגענער, מענטשלעכער, געשטאַלט טאַקע דערפאַר, ווייל גאָט האָט אים, דעם מענטשן, נ י ש ט געשאַפן לויט זיין, גאָטס, געשטאַלט.

אָבער דער מענטש, וועלכער איז די איינציקע חיה וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז אַ מענטש, האָט זיך אויך איינגערעדט, אַז ער איז געשאַפן געוואָרן לויט גאָטס געשטאַלט.

די סאַמע נידערטרעכטיקסטע גאָט־לעסטערונג אין דער גאָט־לעסטערנדיקער געשיכטע פונם מענטשן, פון דער מענטשהייט.

כ"ט) דאָס יובל־יאָר

צווישן די געזעצן פון דער יידישער תורה איז דאָ אַ מערקווירדיקער געזעץ, וואָס טיילט זיך אויס מיט זיין טיפקייט און מ ע נ ט ש ל ע כ ק י י ט אפילו פון צווישן דער הומאַני־טאַרער און טיפער סאָציאַלער געזעצגעבונג פון דער תורה.

דאָס איז דער געזעץ וועגן יובל־יאָר.

„און איר זאָלט היילִיקן דאָס פופציקסטע יאָר, און אויס־רופן אַ פרייִלאָזונג אין לאַנד פאַר אַלע אירע באַוווינער; יובל זאָל עס אייך זיין; און איר זאָלט אייך אומקערן איטלעכער צו זיין אייגנטום, און איטלעכער צו זיין משפחה זאָלט איר אייך אומקערן" („ויקרא", כ"ה, 10).

יעדע פופציק יאָר דאַרפן אַלע אַלטע רעכענונגען איבער־געשטראָכן און אַנולירט ווערן; עס ווערט געעפנט אַ ניי בלאַט: דאָס לאַנדווירטשאַפטלעכע יידישע פאָלק טיילט איבער די ערד

פונסניי, עס הויבט אָן פון אָנהויב, אָן דער פּלאָנטער־לאַסט פון 50 יאָר מענטשלעכע פאַרדרייעניִשן און פאַרקריפּלונגען.

„און איר זאָלט אייך אומקערן איטלעכער צו זיין אייגנטום, און איטלעכער צו זיין משפחה זאָלט איר אייך אומקערן". דאָס יובל־געזעץ וויל צעהאַקן דעם גאָרדיען־קנופּ, וואָס די מענטשן באַמיען זיך כסדר אויפצוקניפּן און פאַרציען אים נאָך שטייפער.

אין דאָזיקן געזעץ איז צו זען דעם קאָנסעקווענטן אויספיר פון יענעם פּעסימיזם, וואָס האָט באַקומען אַ קלאַסישן אויסדרוק אינם „כי יצר לב האדם רע מנעוריו" („וואָרום די טראַכטונג פון דעם מענטשנס האַרצן איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן"), — מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויפן מענטשן, אַז ער וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל גוט איינאָרדנען זיין געזעלשאַפטלעך לעבן; מען מוז שטיין אויף דער וואַך און פון צייט צו צייט אויספּלאָנטערן דעם מענטשן פון דער נעץ, אין וועלכער עס פאַרפּלאָנטערט אים זיין נאַטור, זיין קאַטעגאָרישסטער אימפּעראַטיוו — צו לעבן פאַר יעדן פּרייז (אויפן חשבון פון אַנדערע), — מען דאַרף אים געבן די פרייהייט אָנצוהויבן פונסניי, אָן אַטעם־פּויזע, ביז ער וועט זיך ווידער פאַרפּלאָנטערן.

דער, וואָס האָט באַשטימט דעם יובל־געזעץ האָט באַגריפן דאָס, וואָס מיר אַלע וואָלטן באַדאַרפט באַגרייפן: עס איז נישט מעגלעך אויסצוחשבונען מיטן אַקוראַט דעם פאַרוויקלטן חשבון פון אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט און מען מוז אַריינפירן אין איר אַ רעגולירנדיקן פאַקטאָר פון דרויסן: פאַרגעסט די אַלטע חשבונות און הויבט אָן, ווי ניי־געבוירענע קינדער. זאָל זיך איטלעכער אומקערן צו זיין אייגנטום און צו זיין משפחה, — ווירטשאַפטלעך גערעדט; אָבער סימבאָליש באַדייט דאָס — אָנהויבן פונם מקור: איטלעכער האָט זיין אָרט און זיין סביבה, צו וועלכער מען דאַרף אים אומקערן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד.

אַט דאָס דאָזיקע יובל־געזעץ איז דאָס וויכטיקסטע, איך וואָס די וועלט נויטיקט זיך; מען דאַרף אויסרופן אַ יובל אויף דער גאַנצער וועלט: פאַרגעסט די אַלטע פאַרפּלאָנטערטע חשבונות, פאַרוואַרפט די אילוזיע, אַז מען קאָן ביים פרידנס־טיש, ביים יונאָ־טיש פאַנאַנדערקלייבן זיך אין אַלע רעכע־נונגען, וואָס יעדער איינער טראָגט ביי זיך פון דורות און דורות, — עס איז דאָ איין אויסוועג: צערייסן די קליינינקע חשבונות, אַלטע עוולות, פּרעטענזיעס פון קאַנטאָ־ביכער און אָנ־הויבן פון אַ ריין זייטל, געשריבן פון פאַרשטאַנד און געפיל, דיקטירט דורך אַ געטלעך געזעץ, אַז יעדער דאַרף אומגעקערט ווערן צו זיין אייגנטום און צו זיין משפחה, אויף וואָסער אופן ער זאָל נישט האָבן פאַרלוירן זיין אייגנטום, אויף וואָסער אופן ער איז נישט פאַרטריבן געוואָרן פון זיין משפחה.

אין וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט דער קערן פונם יובל־געזעץ? ·

אין צוויי פּשוטע ווערטער: פ א ר ג ע ס ן און ג ע ד ע נ ־ ק ע ן.

מען דאַרף קאָנען פאַרגעסן דאָס קליינלעכע, דאָס צופע־ליקע; און מען דאַרף קאָנען געדענקען דאָס אייביקע, דאָס געטלעכע.

* * *

דאָס פאַרגעסן איז פּונקט אַזאַ פּאָזיטיווער כוח, ווי דאָס געדענקען. און מען קאָן אפשר זאָגן, אַז דאָס פאַרגעסן און דאָס געדענקען זענען צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע: דער פּסי־כישער אַקט פון געדענקען איז בלויז מעגלעך דערפאַר, ווייל ער איז גלייכצייטיק אַן אַקט פון פאַרגעסן דאָס איבעריקע, וואָס איז אינם מאָמענט פון געדענקען נישט נויטיק. אַ געזונטער מענטש מוז קאָנען פאַרגעסן, — דאָס איז איינע פון די גע־זונטע פונקציעס פון מענטשלעכן מאַרך. דאָס געדענקען תמיד אַלץ איז אַ קראַנקהייט, וואָס שטערט צו לעבן, צו האַנדלען,

צו געניסן דאָס לעבן און צו מייסטערן דאָס לעבן, ווייל דאָס געדענקען תמיד אַלץ פּירט צום גריבלען. ווי שרעקלעך עס וואָלט אויסגעזען אין דער ממשלה פון מענטשלעכן גייסט, ווען זי וואָלט נישט רעגולירט געוואָרן דורך דעם פאַרגעסן! דער מענטש וואָלט געווען דערדריקט געוואָרן אונטער דער אומדערטרעגלעכער לאַסט פונם אַבסאָלוטן געדענקען, ער וואָלט געווען געלעבט אין אַ כאַאָס, וו דאָס גיין פאָראויס וואָלט אוממעגלעך געוואָרן צוליבן כסדרדיקן קוקן אויף צוריק.

עס איז זיך גענוג פאָרצושטעלן, ווי עס וואָלט אויסגעזען אונזער יידיש לעבן, ווען עס וואָלט זיך געווען געפונען אונטערן אויסשליסלעכן צייכן פונם בלויזן געדענקען, כדי איינצוזען די באַגליקנדיקע, שעפערישע קראַפט פונם פאַרגעסן. ווען נישט דאָס פאַרגעסן וואָלט פאַר אונז געווען זיין פאַרשפּאַרט יעדער וועג צו דער צוקונפט, יעדע מעגלעכקייט פון שעפערישן אויסלעבן זיך, מיר וואָלטן געווען זיין פאַרמשפּט אויף אַן אומפּרוכטבאַר לעבן פון אייביקן פאַרזונקען זיין אינם שווידערלעכן אָפּגרונט פון געדאַנקען, וואָס עס איז געשען מיט אונז אין ברייטערן זין.

אָבער אויך דאָס צו פיל פאַרגעסן קאָן פאַרשפּאַרן דעם וועג צו דער צוקונפט. דער מענטש מוז אויך קאָנען געדענקען! מען מוז קאָנען געדענקען די גרויסע, ביטערע, נייע דערפאַרונגען און דעם אומפּאַסנדיקן געזעץ פונם יובל־יאָר.

אויב מיר און די וועלט וועלן איצט, נאָך דעם אַלעם וואָס איז געשען, אַוועקזעצן די קליינקעפּלדיקע בוכהאַלטאָרן, וואָס זענען ביז איבערן פּליך פאַרזונקען אין די פּערטל גראָשנס, כדי צו מאַכן דער מענטשהייטס און יעדן פאָלקס בילאַנס ביז אויף אַ גראָשן (ביז אויף יעדנס נאַציאָנאַלן און ווירטשאַפטלעכן גראָשן), און מען וועט פאַרגעסן, ווי פּרעה נאָכן איבערקומען אַ מכה, די גרויסע לערע פון דער היינטיקער צייט, אַז מען טאָר נישט מאָנען קיין גראָשנס, ווען דאָס גאַנצע פאַר־

מעגן שטייט אין קאָן, — אויב דאָס וועט ווידער אזוי געשען, ווי ס'איז געשען נאָך יענער מלחמה, ווי ס'געשעט נאָך יעדער איבערגעקומענער מכה, איז ווי צום קומענדיקן דור און שאַנד צו אונזערן.

פאַרגעסן און געדענקען — אָט וואָס עס דאַרף די וועלט אַלס גאַנצעס און יעדעס פאָלק באַזונדער: פאַרגעסן דאָס קליינלעכע און געדענקען דאָס גרויסע; פאַרגעסן די אַלטע חשבונותלעך און געדענקען די גרויסע אָפּרעכענונג; פאַרגעסן אַלע טענות און טענהלעך און געדענקען דאָס געזעץ פונם יובל־יאָר: אַנולירן דעם גאַנצן פלאָנטער, נישט מאַכן קיין בילאַנסן אויף יעדנס פערטל גראָשן, נאָר איטלעכן אומקערן צו זיין אייגנטום און צו זיין משפחה — צו זיין ערד און צו זיין פאָלק.

דאָס יובל־געזעץ אָדער פאַרגעסן און געדענקען, — אָט וואָס עס דאַרף זיין דער לאָזונג.

אָבער כדי ביידע כוחות זאָלן ווירקן האַרמאָניש, באמת שעפעריש, מוזן זיי פונקציאָנירן ווי געהעריק: מען דאַרף ווי געהעריק פאַרגעסן און מען דאַרף ווי געהעריק געדענקען. מען דאַרף פאַרגעסן אַלץ, וואָס עס שטערט דער אַרבעט פאַר דער צוקונפט, ווייל ווען מען קוקט אויף צוריק בעת מען דאַרף קוקן פאָראויס, לויפנדיק פון די ברענענדיקע סדום ועמורה, ווערט מען פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק זאַלץ, ווי דאָס איז געשען מיט לוטס ווייב. מען דאַרף אָבער גוט געדענקען די פליכטן, וועלכע עס לייגט אַרויף אויף אונז די אחריות פאַר דער צוקונפט. דאָס הפקרדיקע פאַרגעסן, ווי דאָס פאַרגעסן צוליב עגאָאיסטישע מאָטיוון, איז פונקט אזוי שעדלעך און שענדלעך, ווי דאָס גריבלערישע געדענקען.

ריכטיק פאַרגעסן און ריכטיק געדענקען!

פאַרגעסן דאָס קליינלעך־עגאָאיסטישע, וואָס פאַרשפּאַרט אונז דעם וועג צו אַ בעסערער צוקונפט פונם ברענענדיקן סדום

ועמורה אין א וועלט־פארנעם; און געדענקען וואָס עמלק האָט געטון און דעם יובל־געזעץ.

* * *

אויך ביז איצט האָבן די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן — געדענקען און פארגעסן — אָנגעפירט מיט דער וועלט. נאָר וואָס דען? מען פלעגט זיי אָנווענדן קאַפּויער: פאַר דעם, וואָס דאַרף פארגעסן ווערן האָט מען געהאַט א פּענאָמענאַלן זכרון; אָבער פאַר דעם, וואָס מען דאַרף געדענקען, האָט מען געקרענקט אויף פּולער אַמנעזיע.

למשל: וואָס די דייטשן האָבן געטון, האָט מען שוין פארגעסן; אָבער אַז צווישן די פּוילישע פירנדע קאָמוניסטן איז דאָ א ייד — דאָס וועט מען אייביק געדענקען. דאָס, וואָס עס איז מיט אונז, יידן, געשען אין לעצטן יאָרצענדליק, הויבן מיר שוין אָן צו פארגעסן; אָבער די קוצו של יודם פון פּראַגראַמען, אויסגעמוטשעטע מיט א האַלבן יאָרהונדערט פאַרן גרויסן מבול, געדענקען מיר ביז איינעם.

ל) פּונקטן

„ס'איז נישט גענוג צו זאָגן: טו נישט דעם צווייטן דאָס, וואָס דו ווילסט נישט מען זאָל דיר טון"; מען דאַרף אויפהויבן הויך די פאָן פון דעם לאָזונג: טו דעם צווייטן דאָס, וואָס דו וואָלסט געוואָלט מען זאָל דיר טון, ווען דו וואָלסט זיך געפונען אין זיין לאַגע".

דאָס ערשטע פאָדערט פּאַסיווע עטיק, דאָס צווייטע — אַקטיווע.

דאָס ערשטע קאָן אויסהיטן דעם שוואַכן פון א געוואַלט־טויט: „מען דאַרף אים נישט טויטן, ווייל אויך מיר וואָלט זיך נישט געוואָלט, מען זאָל מיך טויטן". דאָס צווייטע וועט באַפרייען דעם הונגעריקן פון א הונגער־טויט:

„מען דאַרף אַנזעטיקן דעם הונגעריקן, ווייל ווען איך וואָלט זיך געוועז געפינען אין זיין לאַגע, וואָלט איך געוועז וועלן, וואָלט איך געוועז פאָדערן, מען זאָל מיך אַנזעטיקן".

* * *

„פאַראורטייל נישט דיין מיטמענטש, ביז דו וועסט זיך נישט געפינען אויף זיין אָרט".

דער דאָזיקער כלל איז זייער א שיינער, אָבער מען דאַרף אים אביסל ענדערן:

„איידער דו גיסט אַרויס אַן אורטייל אויף דיין מיטמענטש, שטעל זיך פאַר אויף זיין אָרט".

דאָס ערשטע פאָדערט פאַסיווע עטיק — וואַרט ביז דו וועסט זיך געפינען אויף יענעמס אָרט! דאָס צווייטע פאָדערט אַקטיווע עטיק, — וואַרט נישט אויף דער אויסערלעכער רעאַליטעט, נוץ אויס דיין פאָרשטעלונגס־קראַפט, דערויף איז זי דיר געגעבן געוואָרן.

דאָס ערשטע קאָן ראַטעווען א מענטשן פון אַן אומגערעכטן אורטייל, — אָפליגן דאָס געריכט איבער אים, ביז דער ריכטער וועט זיך נישט געפינען אין דער לאַגע פון באַשולדיקטן.

דאָס צווייטע קאָן ברענגען א מענטשן א פאַרדינטן באַפרייאונגס־אורטייל (און ווער פון אונז פירט נישט אויס די פונקציע פון א ריכטער צענדליקער מאָל א טאָג?): דער ריכטער דאַרף אַנשטרענגען זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט און אַריינלעבן זיך אינם צושטאַנד פונם מיטמענטשן, זיך פאַרקערפּערן אין יענעם און אין יענעמס לאַגע.

דאָס הייסט, דער ריכטער דאַרף ווערן א דיכטער.

וואָס פאַר א גוטס א מענטש זאָל נישט טון, טוט ער דאָס אין פאַעטישן טראַנס.

מיט אַנדערע ווערטער: לעבן לויט די געזעצן פון אַקטיווער עטיק איז זייער שווער (מען פירט נישט אויס אויך

די געזעצן פון דער הויכער פּאַסיווער עטיק); דערצו דאַרף מען אויפהערן זיין אַ מענטש.

אָדער — ווערן אַ מ ע נ ט ש, ד. ה. אַ דיכטער. נישט דווקא מיטן שרייבן, אָבער אומבאַדינגט לויטן איבערלעבן.

ל"א) דער נס פון מגילת אסתר

(דער גלות אין תנך)

עס ווערט אַמאָל אַזוי מאָדנע: ס'אַ סך גלות עס איז שוין דאָ אינם תנך!

איך מיין דאָ נישט דעם גלות בבל, — די דאָזיקע גרויסע רעפּעטיציע צו אונזער גלות, — נאָר דאָס גלותדיקע אינם טאָג־טעגלעכן לעבן, אין דער פּסיכאָלאָגיע. דער גלות בבל איז אַ גרויסער טראַגישער עפּיזאָד אינם לעבן פון אַ פאָלק, וואָס פירט אַ קאַמף פאַר פרייהייט.

איך מיין דאָ אויך נישט די געשיכטע פון די יידן אין מצרים; הגם דאָרט איז דאָ אַ סך, וואָס איז אונז אַזוי באַקאַנט פון אונזער אמתן גלות, איז דאָס פאָרט נישט דאָס: דאָס איז דער גאַנג פון אַ פאַרשקלאַפט פאָלק צו פרייהייט.

איך מיין דאָ דעם גלות, וואָס גיט אַ קוק אויף אונז מיט טרויער־אויגן פון ירמיהס בריוו צו די פאַרטריבענע. ער לערנט מיט די נישט דערפאַרענע גלותניקעס אַ לעקציע גלות. ער לערנט זיי צו לעבן מיטן יאָך אויפן נאַקן, ער לערנט זיי גלותדיקע לאָיאַלקייט.

איך מיין דאָ יחזקאלס וויזיע וועגן טאָל מיט די אויס־געטריקנטע ביינער: די דאָזיקע דיכטעריש־ווונדערבאַרע סצענע איז פול מיטן גרויל פון גלות, מיט דער האָפנונגסלאָזיקייט פון גלות: „מענטשן־קינד, די דאָזיקע ביינער, זיי זענען דאָס גאַנצע הויז פון ישראל; זע, זיי זאָגן: פאַרטריקנט זענען אונ־

זערע ביינער, און פאַרלוירן איז אונזער האָפנונג; פאַרשניטן זענען מיר, דרום זאָג נביאות...: זע, איך עפן אייערע קברים, און וועל אייך, מיין פאָלק, אויפברענגען פון אייערע קברים, און איך ברענגען אויף דער ערד פון ישראל... און איך וועל אריינגעבן מיין גייסט אין אייך, און איר וועט לעבעדיק ווערן...״

די דאָזיקע סצענע איז פול מיטן פּאַטאָס פון אויסלייזונגס־טרוים, אָבער דער דאָזיקער טרוים וואַקסט אויף אויף אַ באָדן פון פאַרצווייפלונג, אויפן גלות־באָדן.

אין תנך איז שוין דאָ אַ סך גלות: די וויזיע פון גלות און די דערפאַרונג פון גלות. אָבער קיין שום ספר און קיין שום שטעלע אין תנך איז נישט אַזוי גלותדיק, ווי מגילת אסתר. די דאָזיקע מגילה איז שוין דורך און דורך קלאַסישער גלות, אין אירע ליידן און אין אירע פריידן; אין איר פּסי־כאָלאָגיע און אין אירע מיטלען.

* * *

דער אמתער גלות קומט אונז אַנטקעגן נישט דאָ, ווען די מגילה דערציילט אונז, אַז מרדכי איז געווען אַ ייד, „וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים מיט די פאַרטריבענע, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן מיט יכניה דעם מלך פון יהודה״ (אסתר ב׳, 6). דער אמתער גלות קומט אונז אַנטקעגן, ווען די מגילה דערציילט: „אסתר האָט נישט אויסגעזאָגט איר פאָלק און איר אָפּשטאַם, וואָרום אַזוי האָט איר מרדכי באַ־פוילן, אַז זי זאָל נישט אויסזאָגן״ (אסתר ב׳, 10).

מרדכים פאַרטריבן ווערן פון אייגענעם לאַנד איז אַן אויס־סערלעכער אומגליק, אָבער אין דער זעלבסט־פאַרלייקענונג, וואָס ער עצהט אסתרן, לויערט שוין דער גאַנצער עכטער שרעק פון גלות פאַרן אייגענעם שאָטן. דאָ שמעקט שוין מיט פּסיכישן פּאָגראָם (אַ רעזולטאַט פון פיזישן): יעדער ייד קאָן שוין דאָ פילן מרדכים האַרץ, ווען ער זאָגט אַן אסתרן צו פאַרלייקענען איר אָפּשטאַם. איך בין זיכער, אַז זיי האָבן זיך

ביידע געשעמט צו קוקן אין די אויגן, — זיי האָבן זיך גע־שעמט פאַר זייער הילפלאָזיקייט, פאַר דער אינערלעכער גע־בראָכנקייט.

דער פאַרפאָלגטער און שוואַכער האָט שאַרפע חושים, — געשאַרפט דורך שרעק. אויב אַ מרדכי הייסט זיין פליש און בלוט נישט אויפדעקן דעם אָפּשטאַם, ווייס ער מסתמא, אַז דאָס איז נישט אַזאַ גוטע מאַרקע פאַר דער אויסערלעכער וועלט. און דאָ זעען מיר טאַקע נאָך אַ שטריך פונם עכטסטן, שוואַרצסטן גלות: מרדכי האָט דאָך דווקא באַדאַרפט עצהן אסתרן זי זאָל אויסזאָגן איר אָפּשטאַם — וואָלט זי אפשר נצול געוואָרן פון פאַרשאָפן פאַרגעניגן דעם מלך טפש. אָבער אין מרדכין ווירקט שוין דער גלות־גיפט, וואָס טרייבט אונז פון זיך צו די הויכע פענסטער, אויסצובאַהאַלטן זיך אין די זיכערסטע ערטער.

ווער עס דערשפירט די גלות־אַטמאָספער פון די דאָזיקע שטעלן, וועט זיך שוין נישט וווּנדערן, ווען ער טרעפט אין קאַפּיטל ג׳ ווערטער, וואָס נאָר מיר, דאַכט זיך, די יידן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָלטן זיי באַדאַרפט קאָנען זאָגן:

„און ווי המן האָט געזען, אַז מרדכי קניט נישט און בוקט זיך נישט צו אים, אַזוי איז המן געוואָרן פול מיט גרימ־צאָרן. און ער האָט פאַראַכט אין זיינע אויגן אויסצושטרעקן אַ האַנט אויף מרדכין אַליין; וואָרום מען האָט אים געזאָגט דאָס פאָלק פון מרדכין; נאָר המן האָט געזוכט צו פאַרטיליקן אַלע יידן, וואָס אין גאַנצן קיניגרייך פון אחשורושן, דאָס פאָלק פון מרדכין". (אסתר ג׳ 5-6).

וואָלט דען ווער געקאָנט פּשוטער און קלאַסישער שילדערן די פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג פון יידישן גלות? וואָלט מרדכי נישט געווען זיין קיין ייד, וואָלט המן געווען געזוכט מיטלען זיך אָפּצורעכענען מיט אים פּריוואַט; אָבער ווייל מרדכי איז אַ ייד, וואַרפט זיך די שנאה צו אים אַריבער אויפן גאַנצן פאָלק

זיינעם. „איוואַן בוקט זיך נישט — אַ טויט איוואַנען; מרדכי בוקט זיך נישט — אַ טויט די יידן".

נישט ווייניקער קלאַסיש איז דער אופן און די אַרגומענטאַציע, ווי אַזוי און מיט וועלכע מיטלען המן באַמיט זיך צו דערגרייכן — און דערגרייכט טאַקע! — זיין ציל.

„און המן האָט געזאָגט צום מלך אחשורוש: פאַראַן איין פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קיניגרייך, און זייערע געזעצן זענען אַנדערש, ווי ביי איטלעכן פאָלק, און די געזעצן פון מלך טוען זיי נישט, און דעם מלך לוינט זיך נישט זיי צו לאָזן בלייבן. אויב דעם מלך איז ווילגעפעלן, זאָל געשריבן ווערן זיי אומצוברענגען, און איך וועל אָפּוועגן צען טויזנט צענטנער זילבער אויף די הענט פון די ווירטשאַפטער, אויף אַריינצוברענגען אין די שאַץ־קאַמערן פון מלך". (אסתר ג', 8-9).

אין פאַרלויף פון אונזער גאַנצן אומענדלעכן גלות גייען צוזאַמען די דאָזיקע ביידע קלאַסישע מאָמענטן, אַזוי געניאַל אויפגעכאַפּט פונם שרייבער פון דער מגילת אסתר, וואָס זעט אין אַלגעמיין אויס אַזוי פּשוט, נישט געניאַל זייט ביי זייט מיט די גענאַלע ספרים פון תנך, — די דאָזיקע מאָמענטן זענען: אינסינואַציע און גאָלד. פון המנען ביז טאָרקוועמאַדאָן, פון די דייטשע פירשטן ביז היטלערן און זיינע לאַנדס־קנעכט אין אַלע עקן פון דער וועלט, — אומעטום און תמיד האָט מען פאַר די פיליפּס און די אחשורושעס אוועקגעלייגט אַ דרשה וועגן די יידנס פרעמדקייט און אומלאָיאַלקייט, באַקרעפטיקט מיט אַ שפּאָר ביסל גאָלד.

* * *

ווייטער איז שוין אַביסל אַנדערש, ווי אין גלות. נישט אומזיסט איז „אסתר" כמעט דאָס איינציקע בוך אין תנך, וואָס איז מאָדערן אויך לויט זיין קאָנסטרוקציע: עס איז דורך און דורך ליטעראַטור, דערציילערישע ליטעראַטור מיט דער

נויטיקער דאָזע „פיקציע", מיט וועלכער מען גיט איין דעם אמת, די ווירקלעכקייט. (איך זאָג „כמעט דאָס איינציקע בוך", ווייל „יונה" איז אויך אַ דערציילונג כמעט אין אַ היינטיקער פאָרם, — הגם נישט ברוטאַל־רעאַליסטיש, ווי „אסתר", נאָר אין גוסט פון גוטן סימבאָליזם). דער מחבר פון „אסתר" האָט געגעבן די טעמע (דאָס בילד פון אויסערלעכן און אינערלעכן יידישן גלות) מיטן גרעסטן רעאַליזם, אָבער ער האָט געהאַלטן פון אַ „העפּי־ענד", פון איינגעבן דעם לייענער דעם ביטערן פיל אין אַ פאַרצוקערטער פאָרם.

אין דער ווירקלעכקייט נעמען טאַקע יידן שרייען נאָך אַ באַפעל „צו פאַרטיליקן, צו הרגענען, און אומצוברענגען אַלע יידן, פון יונג ביז אַלט, קליינע קינדער און ווייבער" (אסתר ג׳, 13); זיי טוען זיך אָן אין זעק און שרייען „אַ גרויס און ביטער געשריי" (אסתר ד׳, 1), אָבער ס'העלפט זיי ווי אַ טויטן באַנקעס. דאָס מאָל, אין דער מגילה (פאָרט אַ מעשה!) האָט דאָס דאָזיקע יידישע מיטל געהאָלפן. ווי איינער זאָגט: אָפּגע־פּטרט דעם שווערן, הארץ־צעברעכנדיקן חוב צו געבן אַן איי־ביקע פאָרמולע פון יידישן גלות, קאָן מען זיך נעמען טרייסטן מיט פאַנטאַזיע. און דער מחבר ווייזט אַרויס אַ גאַנץ פיינע פאַנטאַזיע ביים אויסוועבן די פאַנטאַסטישע פאַבולע פון זיין דערציילונג.

ער וויל מען זאָל גלויבן, אַז ווען דער קעניג אחשורוש (מיט זיין גרויסן הארעם!) קאָן נישט שלאָפן, האָט ער שוין קיין אַנדער זאַך נישט צו טון, ווי צו הייסן פאָרלייענען דעם ספר הזכרונות. דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, וויל ער מען זאָל אים גלויבן, אַז טאָמער טוט מרדכי אַ טובה אַן אחשורוש — פאַרשרייבט מען דאָס, און דאָס אחשורוש־געוויסן לאָזט נישט רוען, ביז מען פאַרגיטיקט נישט מרדכין פאַר זיין טובה. די מעשה מיט יוספן און פּרעהן איז ריכטיקער: נאָך יוספס טובות, האָט ער נישט געוואָלט וויסן פון אים.

און דערנאָך וויל ער מען זאָל אים גלויבן, אַז עס איז געשען א נס — עס האָבן זיך געביטן די ראָלעס: נישט מרדכי הענגט, נאָר המן; נישט מען הרגעט די יידן, נאָר די יידן הרגענען די גויים. און נישט נאָר מען הרגעט זיי איין טאָג, נאָר די יידן בעטן א צווייטן טאָג אויף צו הרגענען — א מין „בים". און דאָס אַלץ זאָל א ייד גלויבן אויף די יידן? עס איז שוין לייכטער צו גלויבן, אַז ווען אחשורוש האָט גע־הייסן די יידן טויטן די גויים, האָבן זיך די יידן גענומען רייסן די קאַפּאָטע: „הארציקער אחשורוש, מען דאַרף נישט קיין נקמה! אויב מיר האָבן געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן — פאַרגיב זיי". פאַרוואָס זאָל מען טאַקע נישט ווייזן די גויים ס'אַרא פיינע מענטשן מיר זענען?

אָבער פון אַלע זאַכן פון מגילת אסתר, וואָס עס איז שווער צו גלויבן אין זיי, איז צום שווערסטן צו גלויבן אין אסתרס מעטאַמאָרפאָזע.

עס טרעפט, אַז אונזערס אַן אסתר כאַפּט זיך אַרויף אויף א טראָן; עס טרעפט אויך, אַז א מרדכי, וואָס האָט איר אַליין געהאָלפן דערצו און איר אַליין געלערנט צו פאַרלייקענען איר שטאַם, קומט צו לויפן מיט געוויינען און געשרייען, אָנגעטון אין א זאַק, מיט אַש אויפן קאָפּ, בעטנדיק הילף פון זיין הויכ־געשטעלטער אסתר. און עס טרעפט אויך, אַז אַזאַ מרדכי, וואָס האָט זיין אסתר געלערנט צו פאַרלייקענען איר שטאַם, ווערט ווי איבערגעקערט און ער געפינט געוואַלטיקע ווערטער: „און מרדכי האָט געהייסן ענטפערן אסתרן: זאָלסט נישט מיינען ביי זיך, אַז דו פון אַלע יידן וועסט אַנטרונען ווערן אין מלכס הויז. וואָרום אויב שווייגן וועסטו שווייגן אין דער צייט, וועט א דערלייכטערונג און א רעטונג אויפשטיין פאַר יידן פון אַן אַנדער אָרט, און דו און דיין פאָטערס הויז וועלן אונטערגיין" (אסתר ד', 13־14). דאָס אַלץ קאָן טרעפן; אָבער עס זאָל טרעפן, אַז אַזאַ אסתר זאָל דערהערן דעם אָרימען פעטערס

געשריי און זאָל דערשטיקן אין זיך דעם אימפּולס צו בלייבן ווייטער אויפן טראָן אַנאָנים, און זאָל פאַרגעמען דעם פּעטערס מוסר און גיין אויף אַ קרבן („און אז איך וועל אונטערגיין, וועל איך אונטערגיין", אסתר, ד', 16), — דערין איז שווער צו גלויבן, דאָס איז צו פיל גלותדיקע ווונטש־פאַנטאַזיע. מרדכי הייסט אסתרן גיין צום מלך און בעטן פאַר איר פאָלק (וועלכן דער קעניג האָט געהייסן פאַרטיליקן!) און אסתר גיט נאָך נאָך אַ שוואַכן ווידערשטאַנד!

אויב עס איז געשען אַ פּורים־נס, באַשטייט ער נישט אַזוי אין דעם, וואָס אחשורוש האָט געהערט אסתרס בקשה צו ראַטעווען איר פאָלק, ווי אין דעם, וואָס אסתר האָט באַקומען דעם אינערלעכן מוט אויסצוזאָגן ווער איר פאָלק איז און צו בעטן פאַר אים!

אויב אַ פּורים־נס איז טאַקע געשען, באַשטייט ער נישט אין המנס מפּלה, נאָר אין אסתרס תשובה טון.

* * *

אין שייכות מיט דער טעמע, דעם קלאַסישן גלותדיקן אינהאַלט פון „אסתר", איז מיר שוין אויבן אויסגעקומען צו דערמאָנען דעם בעלעטריסטיש־פּאַבוליסטישן כאַראַקטער פונם ספר „אסתר". איז אויב אַזוי, וועל איך שוין אָפּרונדיקן די דאָזיקע אגב־אורחאדיקע באַמערקונג מיט נאָך עטלעכע דער־גענצענדיקע באַמערקונגען.

אין תנך זענען דאָ זייער אַ סך דערציילערישע עלעמענטן, — אין „חומש", אין „יהושוע", אין „שופטים", אין „שמואל" א' און ב', אין „מלכים" א' און ב', אין „איוב" און אפילו אין די נביאים אחרונים, — אָבער אָדער מיר האָבן פאַר זיך אַ וווּנדערבאַרן פאָלקלאָר, פּרימיטיוון פון רירנדיקער ריינקייט און נאַאיווקייט, קרישטאָלן פון דיכטונג און סימבאָל, ווי די חומש־דערציילונגען, פון דעם אומפאַרגלייכלעכן גן־עדן־מעשהלע ביז דער יוסף־דערציילונג, אָדער געשיכטלעכע בליץ־

רעפּאָרטאַזשן, ווי די מעשה מיט יהושועס צוויי מרגלים און רחב דער זונה. סיי די חומש־לעגענדעס, סיי די געשיכטלעכע בליץ־רעפּאָרטאַזשן האָבן צוויי מעלות: זיי זענען דיכטונג, וואָס באַלויכט אי די טיפֿעניש פֿונם אור־אַלטן געשעען און אי פֿון דער מענטשלעכער נשמה.

זעלטן, זעלטן מערקט זיך אָן דאָס דערציילעריש־פֿאַבולאַרישע, ווי אין דער מעשה מיט יוספֿן און זיינע ברידער.

אין גאַנצן תנך איז דאָ בלויז איין דערציילונג, אין וועלכער מיר געפֿינען פּסיכאָלאָגיש־פֿאַבולאַרישע עלעמענטן, ענלעכע צו אונזערע מאָדערנע דערציילונגען — דאָס איז „אסתר".

אין מגילת אסתר איז אויך קאָנטיק די שריפֿטשטעלערישע איינגעשאַפֿט פֿונם תנך צו געבן בלויז די נשמה פֿון דער זאַך, אין אַ מין דערציילעריש־דיכטערישער סטענאָגראַפֿיע. אָבער אין דער דאָזיקער קורצקייט האָט דער מחבר געגעבן אַ גוט־געפֿלאָכטענע אינטריגע, אויף אַ פּסיכאָלאָגישער קאַנווע.

אויב „יוסף און זיינע ברידער" איז אַ שלימותדיקע פֿאָלקס־מעשהלע; אויב „רות" איז אַ שלימותדיקע אידיליע; אויב „יונה" איז אַ שלימותדיקע דיכטעריש־סימבאָלישע דערציילונג, — איז „אסתר" אַ שלימותדיקע אַוואַנטוריסטיש־פּסיכאָלאָגישע דערציילונג.

ווי פֿיין עס ווערט געוועבט די אינטריגע.

אסתר המלכה פֿאַרנעמט די וויכטיקסטע סטראַטעגישע פּאָזיציע, אומבאַמערקט פֿאַר די קעגנער, — מרדכי הייסט איר האַלטן בסוד איר אָפּשטאַמונג, כדי צו פּאַראַליזירן אין ריכטיקן מאָמענט די אַקציע פֿון די קעגנער.

ווען מרדכי וויל זיך נישט בוקן פֿאַר המנען, וווּנדערן זיך אַלע קנעכט פֿון מלך אויף וואָס פֿאַר אַ קאָרט ער שטעלט. מרדכי האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד און דעריבער זענען זיי פֿאַראינטריגירט: „אַזוי האָבן זיי דערציילט המנען (אַז מרדכי בוקט זיך נישט פֿאַר אים — י. ר.), כדי צו זען, אויב־

מרדכים ווערטער וועלן באַשטיין, וואָרום ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד" (אסתר, ג׳, 4). זיי האָבן זיך געמעגט וונדערן, ווייל ווי מיר ווייסן, איז שוין דעמאָלט, אין די אור־אַלטע צייטן פון מגילת אסתר, געווען אַ קנאַפּער יחוס צו זיין אַ ייד. זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט מרדכים סוד: אַז ער האָט אַריינגעבראַכט אין שונאס פּעסטונג אַ טראָיאַנישן פערד.

איינגעפּעדימט די אַקציע און די קעגן־אַקציע — צערייצט די מכה און צוגעגרייט די רפואה פאַר איר, — טרעט צו דער מחבר צו זיין פיינער אינטריגע־שפּיל.

די סצענעס, ווי אַזוי המן ווערט אַקטיוו און ווי אַזוי צוערשט מרדכי און דערנאָך אסתר גרייטן זיך צו דער קעגן־אַקציע, זענען שטאַרק דראַמאַטיש סיי מיט זייער נאַקעטן קאַמף גופא (המן קויפט אָפּ די יידן אויף שחיטה און מרדכי שפּאַרנט אָן זיין טראָיאַנישן פערד צו דער שלאַכט), סיי מיט דער פאַנאַנדערוויקלונג פון צוויי קעגנערישע קאָלעקטיוו־פּסיכאָלאָגיעס: המן אָפּערירט מיט דער גויאישער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע פון רציחה און יידן־האַס, און מרדכי מיט דער יידישער קאָלעקטיוו־פּסיכאָלאָגיע פון בטחון און קדוש־השם. די מאָטיוואַציע פון המנס אַקציע און פון מרדכים קעגן־אַקציע גיבן צו דער דאָזיקער וואָכעדיק־וועלטלעכער מגילה דעם גלאַנץ פון תנכישן פּאַטאָס. אָבער דאָך פילט מען, ווי דער עיקר איז פאַרן מחבר זיין קלוגע, כיטרע אינטריגע. מיר זעען כמעט זיין צופרידענעם שמייכעלע, ווען המנס וויב און זיינע פריינט (סוף פון קאַפּיטל ה׳) גיבן אים אָן עצה צו מאַכן אַ תליה פאַר מרדכי, און המן איז צופרידן, זיין גליק איז פול. „איז די זאַך וווילגעפעלן פאַר המנען, און ער האָט געמאַכט די תליה" — פאַר זיך אַליין.

נאָך מער הנאה האָט דער מחבר ביים סוף פון קאַפּיטל ו׳. ביים סוף פון קאַפּיטל ה׳ איז המן אויפן שפּיץ פון זיין גליק: „און המן האָט געזאָגט: אויך האָט אסתר המלכה נישט

געלאָזט קומען קיינעם מיטן מלך צו דעם מאַלצייט וואָס זי האָט געמאַכט, נאָר בלויז מיך, און אויך אויף מאָרגן בין איך פאַרבעטן צו איר מיטן מלך". אָבער ביים סוף קאַפּיטל ו' איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

ס'אַרא שעלמישער שמייכל עס שאָטנט זיך די גאַנצע צייט פון קאַפּיטל ו' אויפן מחברס פּנים. ס'אַרא סאַרקאַזם! ס'אַרא שטיפערישע פאַנטאַזיע! המן קומט צום מלך וועגן אויפהענגען מרדכין אויף דער תליה, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר אים; דער מלך איז אָבער נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, בעת וועלכער מען דערמאָנט אים מרדכיס אַ טובה און ער ווייס נישט מיט וואָס אים צו באַלוינען. פרעגט ער המנען: „וואָס דאַרף מען טון מיט אַ מאַן, וואָס דער מלך וויל אים אָנטון כּבוד?" גיט זיך המן אַ טראַכט: „וועמען וועט דער מלך וועלן אָנטון כּבוד אַ חוץ מיר?" און ער שרייבט זיך אָן אַ גוט יאָר, ווי עס שטייט אין דער מגילה, — אָבער אַלץ, וואָס ער ווינטשט זיך, מוז ער אַליין טון מרדכין.

דאָס דאָזיקע זעקסטע קאַפּיטל מיט זיינע פערצן פּסוקים איז אַ מייסטער־ווערק פון דין־סאַרקאַסטישער דערציילונגס־קונסט. ווי פיין דאָס קאַפּיטל איז צוגעגרייט: שוין אין קאַ־פּיטל ב', אין די פּסוקים 21-23, ווערט דערציילט אַ גאַנצע גע־שיכטע וועגן אַ פאַרשווערונג קעגן דעם מלך אחשורוש, און וועגן דעם, אַז מרדכי אַנטדעקט די פאַרשווערונג און מרדכיס טאַט ווערט פאַרשריבן אין ספר הזכרון.

און אָט דערציילט דאָס קאַפּיטל ו' ווי דער מלך קאָן נישט שלאָפן, ווי מען לייענט אים פאַר דעם ספר הזכרונות, אויך וועגן מרדכיס טאַט. און דער קעניג — אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אין דער פילבאַרקייט פון שלאָפלאָזיקייט! — וויל וויסן מיט וואָס מען האָט מרדכין באַלוינט דערפאַר, און ער הערט ווערטער, וואָס קלינגען אָפּ מאָדנע אין זיין געוויסנ־פולער שטימונג: „קיין זאַך איז מיט אים נישט געטון געוואָרן".

און אַט איז המן. און ער איז זיך שואל עצה מיט אים, און דער מחבר גיט זיך שעלמיש א שפּיל מיט המנען, און אַט קומט ער שוין אהיים „אבל וחפוי ראש", וואָס די יידישע מפרשים האָבן ריכטיק פאַרטייטשט: מיט א קאָפּ, אויף וועלכן מען האָט אויסגעגאָסן א פּאָמוניצע.

דאָס גאַנצע קאַפּיטל איז א מייסטער־ווערק, אָבער באַזונדערס דער סוף.

המן דערציילט זיין פרוי און זיינע פריינט וואָס עס איז מיט אים געשען, און זיי שיטן אים אָן זאַלץ אויף די פרישע ווונדן: „אויב פון יידישן אָפּשטאַם איז דער מרדכי, אויב דו האָסט אָנגעהויבן פאַלן פאַר אים, וועסטו נישט אויספירן אַקעגן אים, נאָר פאַלן וועסטו פאַלן פאַר אים". (אסתר, ו', 13).

און ווי כדי צו באַשטעטיקן זייערע רייד: „ווי זיי רעדן נאָך מיט אים, אזוי זענען אָנגעקומען דעם מלכס קאַמער־דינער, און געאיילט צו ברענגען המנען צו דעם מאָלצייט, וואָס אסתר האָט געמאַכט" (ו', 14).

צו דער צווייטער סעודה איז ער שוין נישט געגאַנגען אַליין, פרייוויליק און פריידיק, נאָר מען האָט אים איילים אוועקגעפירט, ווי דער רוח דעם מלמד, ווי צו דער תליה, וועלכע איז געבליבן נישט אויסגענוצט.

נאָך קינסטלערישער — אין זיין פּסיכאָלאָגישער מיס־טערשאַפט — איז דאָס קאַפּיטל ז', מיט זיינע צען פּסוקים.

אסתרס אָקציע איז רייף פאַרן לעצטן קלאַפּ.

אחשורוש איז אַביסל פאַרמענטשלעכט דורך דער שלאָפ־לאָזער נאַכט און דורך דעם ריינעם געוויסן, — וואָס ער האָט באַצאָלט מיט א טובה פאַר א טובה. און ווען ער זאָגט אסתר המלכהן זיינע קעניגלעך־טראַפּאַרעטע רייד: „וואָס נאָר דיין פאַרלאַנג, אסתר המלכה, וועט דיר געגעבן ווערן, און וואָס נאָר דיין בקשה, אפילו ביז א האַלבער מלוכה, וועט געטון ווערן", באַקומט ער אזא אומגעריכטע, נישט טראַפּאַרעטע

תשובה, אז זיינע שפירבארע נערוון — נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט און נאָך דער גוטער טאַט — ווערן אויפגעטרייסלט: „אויב איך האָב געפונען ליטזעליקייט אין דיינע אויגן, מלך, און אויב דעם מלך איז וווילגעפעלן, זאָל מיר מיין לעבן געשאָנקען ווערן אויף מיין געבעט, און מיין פאָלק אויף מיין בקשה. וואָרום מיר זענען פארקויפט געוואָרן, איך און מיין פאָלק, צום פארטיליקן, צום הרגענען, און אומצוברענגען". דאַכט זיך געגוג, האַ? אָבער דער מחבר פילט, אַז אחשורוש דאַרף נאָך אַ קלאַפּ: די אַרויסגערופענע איבערראַשונג דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין צאָרן קעגן אַ קאָנקרעטן ציל, און ער לאָזט אסתר המלכהן געבן דעם לעצטן מייסטערהאַפטן קלאַפּ: „ווען מיר וואָלטן פאַרקויפט געוואָרן פאַר קנעכט און פאַר דינסטן וואָלט איך געשוויגן, אָבער דער פיינט איז נישט ווערט דעם מלכס שאָדן" (אסתר, ז' 3-4).

המן האָט געווירקט דורך וועקן שנאה און דורך געבן געלט; אסתר ווירקט דורך וועקן רחמנות און דורך אָנווייזן אויף געלט־היזקות. און זי האָט די איבערראַשונג פאַרוואַנדלט אין צאָרן: „ווער איז דער, און ווו איז דער, וואָס זיין האַרץ האָט אים דערוועגט אַזוינס צו טון?"

האָט אסתר צוגעקלאַפּט דעם לעצטן טשוואָק: „אַ מאַן אַ צורר און אַ פיינט, דער דאָזיקער בייזער המן".

דער אויפגעוועקטער צאָרן האָט געהאַט אַזאַ קורצן וועג צום ציל! דער מלך האָט געזוכט דיסטאַנס פאַר זיין צאָרן, וואָס האָט גענומען ווילדעווען אויף אַזאַ קורצן שטח, אַז עס האָט זיך נישט געקאָנט אויסלאָדן: המן איז אים געווען נאָענט אין אַלע הינזיכטן! „און דער מלך איז אויפגעשטאַנען אין זיין גרימצאָרן פון דעם ווייַן־מאָלצייט, און איז אַריין אין דעם פּאַלאַץ־גאָרטן", כדי צו שאַפן דיסטאַנס פאַר זיין צאָרן. אגב, האָט דאָס אויך דער מחבר נויטיק געהאַט, כדי צוצוגרייטן דעם לעצטן פּסיכאָלאָגישן קלאַפּ פאַר אחשורושן.

ווי נאָר דער קעניג איז אַרויס, האָט המן געטון ווי יעדער המן: ער האָט גענומען בעטן אויף זיין לעבן ביי אסתר המלכהן, און ווען דער קעניג איז אַריין צוריק, „ערשט המן ליגט אָנגעפאַלן אויף דעם לעבנבעטל, וואָס אסתר איז דערויף. האָט דער מלך געזאָגט: נאָך באַצווינגען די מלכה ביי מיר אין הויז?"

אחשורושעם רחמימדיקער און מאָראַלישער גרימצאָרן איז — ווי אָפט אין אַזעלכע פאַלן — געוואָרן רייף צו טאַט ערשט ווען ער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַ פּערזענלעכן מאָטיוו. ער האָט אים אפשר ספּעציעל געזוכט, אָבער ער האָט אים אין דער ריכטיקער צייט געפונען. דער מחבר, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין דאָזיקן קאַפּיטל ז' אַלס מייסטערהאַפטער פּסיכאָלאָג, האָט אים דאָס נויטיקע צוגעגרייט.

* * *

ביי דער גאַנצער קורצקייט און צייטנווייז אַרכאַאישקייט פונם געבוי, איז „אסתר" דאָס איינציקע שלימותדיקע מאָדערנע, בעלעטריסטישע ווערק אין גאַנצן תנך.

און די יידישע ליטעראַטור, וואָס פּאַבוליסטיק און פּסיכאָלאָגיע זענען אירע שוואַכסטע פּונקטן עד־היום, קאָן נאָך אַ סך לערנען פון אַ דעטאַלן אַנאַליז פון דעם ספר „אסתר".

ל"ב) די שאַנד־טאַט פון גבעה

אין תנך קומען פאָר אַ סך גרויזאַמע זאַכן. מוראַדיקע בלוט־פאַרגיסונגען.

דער מענטש איז דאַן געווען דאָס זעלבע, וואָס היינט: אַ באַשעפעניש, וואָס איז נישט קיין מלאך און מיט אַ נייגונג צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חזיר.

און דאָך בענקט זיך אַמאָל אַזוי נאָך די בלוט־פאַרגיסונ־

גען פון תנך אין דער היינטיקער צייט פון „יונאַ"־ליבע־פּראַקטיק.

* * *

אין אַ יידישער שטאָט, אין נחלת־בנימין, אין גבעה, איז געשען די זעלבע שאַנד־טאַט, ווי אין סדום.

לוט נעמט אַריין צו זיך די מלאכים, פאַרשטעלטע פאַר מענטשן. און אָט:

„איידער נאָך זיי האָבן זיך געלייגט, האָבן די מענטשן פון שטאָט, די מענטשן פון סדום, אַרומגערינגלט דאָס הויז, פון יונג ביז אַלט, דאָס גאַנצע פאָלק פון עק צו עק. און זיי האָבן גערופן צו לוטן, און האָבן צו אים געזאָגט: ווו זענען די מענער וואָס זענען צו דיר געקומען די נאַכט? ברענג זיי אַרויס צו אונז, מיר זאָלן זיי דערקענען". (בראשית י"ט, 4־5).

אין דער שטאָט גבעה, אין נחלת בנימין, נעמט אַ ייד אַריין אויף נאַכטלעגער אַ וואַנדערער מיט זיין קעפּס־ווייב, און ער גיט זיי עסן און טרינקען. און אָט:

„זיי טוען אַזוי ווויל זייער האַרץ, ערשט די מענטשן פון שטאָט, מענטשן נידערטרעכטיקע יונגען, האָבן אַרומגע־רינגלט דאָס הויז קלאַפּנדיק אויף דער טיר, און זיי האָבן גע־זאָגט צו דעם אַלטן מאַן דעם באַלעבאָס, אַזוי צו זאָגן: ברענג אַרויס דעם מאַן, וואָס איז געקומען אין דיין הויז, כדי מיר זאָלן אים דערקענען". (שופטים י"ט, 22).

איןביידע פאַלן, אין סדום און אין גבעה, באַנוצט דער תנך (און דער איבערזעצער אוודאי) אַ ריין וואָרט פאַר אַן אומריינער זאַך.

אין סדום האָבן די סדומער אָנגעטראָפן אויף מלאכים, האָט זיך געראַטעוועט נישט נאָר לוט, נאָר אויך זיינע טעכ־טער, — וועלכע ער האָט פאָרגעלייגט אָנשטאָט די מענטשן, — איז גאָר נישט געשען. אָבער אין גבעה זענען קיין מלאכים נישט געווען, און הגם דער מאַן איז געראַטעוועט געוואָרן,

איז זיין קעפּס-ווייב געפּייניקט געוואָרן און זי האָט פאַרלוירן דאָס לעבן.

דאָס יידישע גערעכטיקייטס-געפיל וויים פון אַן אַבסאָלוטן כלל: דאָס שלעכטע מוז אויסגעראָטן ווערן, ווו דאָס זאָל נישט געשען, — אין סדום צי אין גבעה.

און עס הויבט זיך אָן די מאָראַליש-דערהויבנדיקע שחיטה איבער דעם שבט בנימין.

די וועלט-געשיכטע איז פול מיט בלוטיקע מלחמות, אָבער איך ספק, צי עס איז דאָ כאָטש איין שלאַכט אין דער וועלט-געשיכטע, וואָס זאָל האָבן אַלס סיבה אַזאַ עטישן הינטערגרונט, ווי די פאַרניכטונג פונם שבט בנימין.

דער מאַן צעשניידט די געפּייניקטע קעפּס-ווייב אויף צוועלף טיילן און צעשיקט זיי צו אַלע שבטים. אַ פּאַטעטישער צאָרן-זשעסט. וואָס פלאַמט אויף מער ווי טויזנט רעדעס. „און... איטלעכער, וואָס האָט עס געזען, האָט געזאָגט: אַזוינס איז נישט געשען און נישט געזען געוואָרן פון דעם טאָג, וואָס די קינדער פון ישראל זענען אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מצרים ביז אויף היינטיקן טאָג”.

דאָס איז די שפּראַך פון העכסטער מאָראַלישער עמפּערונג: דאָס איז נאָך נישט געזען און נישט געהערט געוואָרן.

„און אַלע מענער פון ישראל האָבן זיך איינגעזאַמלט אויף דער שטאָט, באַהעפט ווי איין מאַן. און די שבטים פון ישראל האָבן געשיקט מענטשן דורכן גאַנצן שבט בנימין, אַזוי צו זאָגן: וואָס פאַר אַ בייז איז דאָ געשען צווישן אייך? און אַצינד גיט אַרויס די מענטשן, די נידערטרעכטיקע יונגען, וואָס אין גבעה, און מיר וועלן זיי טויטן, און אויסראַמען דאָס בייז פון ישראל.

„אָבער די קינדער פון בנימין האָבן נישט געוואָלט צוהערן צו דעם קול פון זייערע ברידער, די קינדער פון ישראל”.

זיי האָבן געשיצט דאָס בייז, האָט מען זיי אויסגעראַמט צוזאַמען מיט אים.

אַט־אָ די בלוט־פאַרגיסונג איבער פּלגש בגבעה, וואָס איז עד־היום געבליבן אַ שאַנד־סימבאָל אין יידישן פאָלקס־מויל, איז אַן אומשטערבלעכער דענקמאָל פאַרן יידישן גייסט: **איין געזעץ פאַרן פּרעמדן סדום און פאַר דער אייגענער גבעה.**

ווי אַנדערש האַנדלט די קריסטלעכע וועלט! ווען מען וואָלט גענומען ענגלישע פרויען און אויסגעקריצט אויף זייערע שטערנס, ווו עס שיינט דער צלם אלקים, די מענטשהייטס־שענדערישע ווערטער: „נאָר פאַר זעלנער", „נאָר פאַר אָפּי־צירן", ווי מען קריצט דאָס אויס אויף בעסערע און ערגערע בית־הכסאס; ווען מען נעמט ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער פרויען און מען ברענט אויס אויף זייערע ברוסטן (איבער די בריסט, וואָס דערנערן די מענטשהייט, וואָס עופהלעך צערטלען אומשולדיק מיט די הענטלעך) „פעלד־זונה", — ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלט זיך דער צאָרן פון די פעלקער אַראָפּגע־גאָסן ווי אַ פאַרניכטנדיקע לאַווע אויפן מענטשהייטס־שענדע־רישן פאָלק, ווי אויף אַ היפּער־סדום; מען האָט דאָס אָבער געטון מיט יידישע פרויען, און די וועלט קאָן דאָס רואיק פאַרטראָגן, — זי איז דאָך נישט דער אַלטער טעסטאַמענט, וואָס קאָן צוליב אַזאַ זאַך פאַרניכטן אַן אייגענעם שטאַם, זי רופט צו ליבע און מחילה, אָפּדעקנדיק איר אייגענע מאָראַלישע ערווה.

„נאָר פאַר זעלנער", „נאָר פאַר אָפיצירן" אויף פרויען־שטערנס, געצוווּנגענע צו באַפרידיקן די שמוציקע תאווה פון מענטשהייטס־שענדער, — אַזאַ פאָטאָגראַפיע, צעשיקט איבער אַלע וועלט־טיילן, וואָלט דאָך באַדאַרפט אין איין מאָמענט מאָ־ביליזירן דעם פאַרניכטנדיקן האַס פון די פעלקער.

דער דאָזיקער האַס איז נישטאָ. די מענטשהייט איז מאָ־ראַליש טויט.

מען שטעלט אַזוי אָפּט די פראַגע, ווי אַזוי דערקלערט מען די דערשיינונג פון די יידישע נביאים, פון וואַנען האָט זיך גענומען די דאָזיקע עטישע קראַפט, דער דאָזיקער עטישער צאָרן.

די דערקלערונג איז אַזאַ פּשוטע: אויפן באָדן פון פאַר־ניכטעטן גבעה זענען אויסגעוואַקסן די יידישע נביאים.

נאָר אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי רעאַגירט אויף דער „פּלגש בגבעה", האָט געקאָנט אַרויסגעבן פון זיך די נביאים.

די קריסטלעכע מענטשהייט וועט קיין נביאים נישט אַרויסברענגען, — די „פּלגש באייראָפּע" לאָזט זיי קאַלט, וועקט נישט אין זיי דעם צאָרן.

* * *

נישט פון פּשוטער שנאה האָבן די שבטים פאַרניכטעט דעם שבט בנימין. דאָס זעט מען פון זייער רעאַקציע.

„און די מענער פון ישראל האָבן געהאַט געשווירן אין מצפה, אַזוי צו זאָגן: קיינער פון אונז זאָל נישט געבן זיין טאָכטער צו בנימין פאַר אַ ווייב! און דאָס פאָלק איז געקומען קיין בית־אל, און זיי זענען דאָרטן געזעסן ביזן אָוונט פאַר גאָט, און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קול און געוויינט אַ גרויס געוויין. און זיי האָבן געזאָגט: פאַרוואָס, יהוה דו גאָט פון ישראל, איז דאָס געשען אין ישראל, עס זאָל היינט געמינערט ווערן פון ישראל איין שבט?"

און עס קומט דער רירנדער עפּיזאָד מיט זוכן אַן אויס־וועג, מיטן יום־טוב אין שילה, וו די קליינע רעשטלעך פון שבט בנימין באַקומען אַ געלעגנהייט צוצוכאַפּן ווייבער פאַר זיך, כדי צוריק אויפצושטעלן דעם פאַרשניטענעם שבט.

אָט אַזוי איז ריכטיק: ווען דער עטישער צאָרן איז געזעטיקט, ווען דאָס בייז איז שוין אויסגעראָמט, מעג — און דאַרף — קומען דער רחמנות.

ווען דער צאָרן פון די פעלקער וואָלט זיך אויסגעבושעוועט

אין דייטשלאַנד — שוין פאַר דער בלויזער אויפשריפט „נאָר פאַר זעלנער", „נאָר פאַר אָפיצירן"! — און דער רחמנות וואָלט זיך דערוועקט אויף די קליינע רעשטלעך, וואָלט איך פאַרשטאַנען: דער געטלעכער צאָרן איז געזעטיקט, קומט דער מענטשלעכער רחמנות. אָבער דער איצטיקער רחמנות, וועל־כער קומט פאַרן געטלעכן צאָרן (וועלכער קומט בכלל נישט!), איז אויך נישט מענטשלעך. דאָס איז בלוטיקע מיטשולדביים פאַרניכטן די מאָראַלישע פּאָטענצן פון דער מענטשהייט.

די הענט, וואָס האָבן געקריצט אויפן צלם אלקים „נאָר פאַר זעלנער", „נאָר פאַר אָפיצירן", זענען נישט אָפּגעהאַקט געוואָרן.

אָנשטאָט אויסצומעקן דעם דאָזיקן גאָט־שענדערישן, מענטש־שענדערישן שטאַם, האָט מען אויסגעמעקט פון דער מענטשהייטס האַרץ דעם לעצטן שפּור פון מאָראַל, פון עטישן צאָרן.

די מענטשהייט איז מאָראַליש קאַסטרירט געוואָרן.

אַ מענטשהייט, וואָס קאָן רואיק פאַרטראָגן „נאָר פאַר זעלנער", „נאָר פאַר אָפיצירן" אויף פרויען־שטערנס, האָט נישט נאָר קיין רעכט נישט צו לעבן, נאָר זי האָט קיין מעג־לעכקייט נישט צו לעבן.

די הענט, וואָס האָבן אָן ציטער געקריצט אויף די פרויען־בריסט און פרויען־שטערנס די לעסטערנדיקסטע ווערטער, וועלן סוף־כל־סוף דערשטיקן דער מענטשהייטס נשמהלאָזן גוף.

II

קליינע עסייען אויף גרויסע טעמעס

א) וועגן דער פאַרביקייט פון אונזער געשיכטע

ווער ווייסט דאָס נישט, אַז די יידישע געשיכטע (דאָ רעדט זיך, נאַטירלעך, וועגן דער גלות־געשיכטע) איז אַ מאָנאָטאָנע מעלאָדיע פון קרעכצן און טרערן? אַז זי פאַרמאָגט נישט קיין פאַרביקייט, אַז זי איז אָרעם אין מעשים? אַז זי מאַכט מיד מיט איר פּייסאַזש־אָרעמקייט? וועמען איז דאָס נישט באַקאַנט? דאָס איז דאָך שוין אַן אויסגעריבענע מטבע.

און פונדעסטוועגן איז דאָס נישט אמת, ווי אַ סך טראַפאַרעטע אמתן.

געוויס, ליידן און טרערן זענען דער לייט־מאָטיוו פון דער יידישער געשיכטע, אָבער זען אין איר בלויז טרערן און פּאַסיווע ליידן קאָן בלויז דער, ווער עס איז בלינד פאַר געשיכטע בכלל, און פאַר דער יידישער געשיכטע בפרט.

לויט מיין מיינונג, איז די יידישע געשיכטע (און נישט נאָר אין איר ארץ־ישראלדיקן פּעריאָד) די סאַמע דראַמאַטישע (דאָס הייסט — די סאַמע אַקטיווע!) און פאַרביקע געשיכטע פון אַלע, וואָס זענען אונז באַקאַנט. לייענט מען די געשיכטע פון יידישן פאָלק מיט אַן אָפן האַרץ און אַ באַגרייפנדיקן פאַרשטאַנד, דאַן ווערט מען פול נישט נאָר מיט מיטגעפיל און עמפּערונג, — דאָס האַרץ הויבט אָן צו שלאָגן שטאַרק, ווי ביים לייענען אַן אינטערעסאַנטן און פאַרביקן ראָמאַן.

צי האָט איר געלייענט דאָס פאַרכאַפּנדיקע בוך פון מאַקס בראָד: „דוד ראובני — דער פירשט פון די יידן"? די שוואַכסטע טייל פון דאָזיקן בוך איז די, אין וועלכער מאַקס בראָד באַמיט זיך אויסצופאַנטאַזירן די פעלנדיקע טייל פון יונגן

ראובנים ביאָגראַפיע, איידער ער באַווייזט זיך אויף דער אויבערפלאַך פון דער יידישער געשיכטע. ווי גלאַטיק, און אַמאָל אויך שיין, בראָד האָט נישט צוגעפּאַנטאַזירט ראובנים קינדהייט, — די דאָזיקע טייל, וואָס געהערט בלויז מאַקס בראָדן, קאָן זיך נישט גלייכן לויט דער פאַנטאַסטישקייט און פאַרביקייט מיט די אַנדערע טיילן פון דאָזיקן בוך, וואָס באַזירן אויף היסטאָרישן אמת.

בראָד איז באַגאַנגען אַ פעלער מיט זיין פּרווו צו ראַציאָנאַליזירן ראובנים געשיכטע, מיט זיין פּרווו צו ווייזן פאַר־וואָס ער איז געוואָרן דער ברודער פון קעניג פון פאַנטאַסטישן יידישן קעניגרייך. דער היסטאָרישער ראובני, וואָס באַווייזט זיך ווי פון די ערד־טיפעניש, איז גאַנצער, אין קינסטלערישן זין, פאַר בראָדס ראובני, ווען מיר פאָלגן נאָך זינט זיין פריער קינדהייט.

פאַרוואָס? ווייל דער היסטאָרישער ראובני פאַרמאָגט נישט קיין אינדיווידועלע ביאָגראַפיע, ער איז — דאָס קינד פון דער פאָלקס־ביאָגראַפיע. אין ראובנים פערזאָן האָט דאָס פאָלק זיך אָנגעכאַפּט אין אַ פאַנטאַזיע, כדי מיט איר הילף צו שאַפן פאַר זיך אַן אָנהאַלט־פּונקט פאַר טאַט, כדי צו שאַפן פאַר זיך יענעם פעלנדיקן הויבער, מיט וועמעס הילף ער זאָל קאָנען ענדערן דעם גאַנג פון זיין געשיכטע, זיין גורל.

ראובני נויטיקט זיך נישט אין אַן אינדיווידועלער ביאָגראַפיע, וואָס זאָל ראַציאָנעל ווייזן, פאַרוואָס אַ געוויסער ראובני ווערט דער פירשט פון אַ מלוכה, וואָס עקזיסטירט נישט, — ראובנים פאַנטאַסטישע געשיכטע איז געגוג באַגרינדעטע אינם גורל פון פאָלק צו וועמען ער געהערט.

ראובני איז דער ערשטער גרויסער נאַציאָנאַלער פּאָליטיקער אין דער גלות־געשיכטע פון יידישן פאָלק, — און זיין רעאַלע (הגם פאַנטאַסטישע) פּאָליטישע טעטיקייט האָט זיך באַזירט אויף פאַנטאַזיע, ווייל אין יענער עפּאָכע האָט די פאַנטאַזיע

געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל אין אַ סך רעאַלע געשעענישן (און איצט דען נישט?).

ווייסן מיר דאָך פון דער געשיכטע, אַז נישט ראובני האָט אויסגעטראַכט די עקזיסטענץ פון אַ געהיימען יידישן קעניג־רייך, — די דעמאָלטיקע וועלט האָט געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון אַזאַ מלוכה און ראובני האָט די דאָזיקע פאַנטאַזיע פאַרוואַנדעט אין זיין רעאַל־פּאָליטישער שפּיל.

דער עפּיזאָד מיט דוד הראובני איז איינער פון די פאַרביקסטע און וואונדערלעכסטע אין דער וועלט־געשיכטע. און דער סאַמע פאַנטאַסטישסטער פּרט אין דוד ראובנים עפּאָפּייע באַשטייט נישט אין דעם, וואָס אַ ייד האָט אין דער אינקוויזיציע־עפּאָכע קאָנפערירט מיטן פּויפּסט און די קעניגן — ווי אַ גלייכער מיט גלייכע — וועגן אַ מיליטער־פּאָליטישן בונד צו באַפרייען פּאַלעסטינע (אַזאַ מין קרייץ־צוג אונטער יידישער אָנפירונג!), נאָר דאָס, וואָס ראובני, וועלכער האָט באַזירט זיין רעאַל־פּאָליטיק אויף פאַנטאַזיע, האָט געשלאָסן אַ בונד מיטן מיסטיקער שלמה מולכו. און דאָס איז נישט געווען סתם אַ בונד צווישן פּאָליטיק און מיסטיק — ראובנים פּאָליטיק האָט אָנגעצונדן שלמה מולכוס מיסטישן פייער, האָט געשאַפן און פאַרמירט איינע פון די פאַנטאַסטישסטע געשטאַלטן פון אונזער געשיכטע, וואָס איז רייך מיט פאַנטאַסטישע געשטאַלטן.

און דער דאָזיקער בונד צווישן פּאָליטיק און מיסטיק, צווישן ראובנין און מולכון, איז דער נאַטירלעכסטער בונד אין לעבן פון אַ פאָלק, וואָס דאַרשט אין זיין הילפלאָזיקייט נאָך דערלייזונג, נאָך דערלייזנדיקער טאַט. צי דען קאָן זיך אַזאַ פאָלק באַגיין אָן פאַנטאַזיע? צי דען קאָן אַזאַ פאָלק נישט זוכן קיין בונד מיט מיסטיק אפילו אין זיין רעאַלער פּאָליטיק, וואָס באַזירט זיך אויף פאַנטאַזיע?

אין דער געשיכטע פון ראובנין און מולכון האָבן מיר פאַר זיך אַ דראַמאַטישע אינסצעניזירונג פון דער טעטיקסטער און

לעבעדיקסטער קראַפט פון אונזער געשיכטע: דער ברענענדי־קער בענקשאַפט נאָך דערלייזונג. ראובני און מולכו — דאָס איז דאָס פולקאָמענסטע דראַמאַטישע ווערק, וואָס זיין הויפּט־העלד איז דאָס יידישע פאָלק, פאַרקערפּערט אין צוויי קינסט־לעריש־סימבאָלישע געשטאַלטן.

ווער־זשע קאָן זאָגן, נאָכן באַקענען זיך מיט די דאָזיקע געשטאַלטן, אַז די יידישע געשיכטע איז פּאַסיוו און נישט פאַרביק? צי דען איז ראובני נישט דער העכסטער אויסדרוק פון אַקטיוויטעט? זיין אַקטיוו מיט געשמידטע הענט און פיס — צי קאָן זיך דען ווער נישט איז פון די אַקטיווע העלדן פון דער וועלט־געשיכטע גלייכן מיט אים?

און צי איז דען דאָ אין דער וועלט אַ סך אַזעלכע פאַרביקע און גלייכצייטיק אַקטיווע באַוועגונגען און דערשיינונגען, ווי שבתי־צבי און שבתי־צביאיזם? און די אַלע משיחישע באַוועגונגען פון קלענערן פאַרנעם?

און די געשטאַלט פון ר׳ שמואל נגיד אין דער אַראַבישער שפּאַניע? אַ רב, אַ ראש ישיבה, אַ מיניסטער און — אַ הויפּט־אָנפירער מיטן מיליטער אויף די שלאַכט־פעלדער! און דער דאָזיקער ראש ישיבה און מיליטערישער זשעני אין איין פּער־זאָן שרייבט — פאַרן זיג איבערן שונא, וואָס רינגלט אים אַרום — אַ העברעאיש ליד, וועלכעס ער שיקט איבער מיט אַ טויב צו זיין זון. ווייל איר דאַרפט וויסן, אַז דער דאָזיקער שמואל נגיד איז אויך אַ דיכטער, איינער פון די פונדאַמענט־לייגער פון דער העברעאישער דיכטונג אין דער שפּאַנישער עפּאָכע.

ניין, מען טאָר נישט רעדן וועגן דער מאָנאָטאָנער וויינעוו־דיקייט פון דער יידישער געשיכטע.

איך וועל דאָ נישט שפּאַצירן מיט אייך איבער אירע איין־סופיקע שטחים און צונויפזאַמלען אירע אַלע פּערל אין איין ריזיקן האַלזבאַנד, אָבער לייענט די דאָזיקע געשיכטע, לייענט זי אויפמערקזאַם.

ב) וועגן דער מיסיע פון יידישן פאָלק

די מיסיע פון יידישן פאָלק!

זי האָט כמעט דעם זעלבן ביטערן מזל, ווי דאָס יידישע פאָלק.

ווער האָט אַלץ נישט אָפּגעלאַכט פון איר, געמאַכט זי מיט דער בלאָטע צוגלייך!

עס האָבן געלאַכט די געדאַנקענלאָזע פריידענקער, וועלכע פלעגן צוזאַמען מיט די אבערגלויבנס אַרויסוואַרפן אויך דעם שכל הישר און האָבן, דעריבער, נישט דערזען, אַז אונטער די דאָרנס פון די אבערגלויבנס באַהאַלטן זיך אוים שמעקנדיקע, פּרעכטיקע רויזן פון דער מענטשהייטס העכסטע טרוימען; אַז אונטער די גאַוּוהדיקע אויסגעשרייען „מיר — דאָס אויסדער־ווײַלטע פאָלק!" — באַהאַלט זיך אוים דאָס צאַרטסטע שפּראָצל פון מענטש־זיין: די זוכעניש נאָך אַ זין אינם לעבן פון דער וועלט און פון מענטשלעכן מין.

עס האָבן געלאַכט אויך גלויביקע פריידענקער, — די יעניקע, וועלכע האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אַלטן גלויבן פון די אבות בלויז צוליב דעם, כדי צוצוטוליען זיך מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה צו אַ נייעם גלויבן — צום גלויבן, אַז די מיסיע פון ראַטעווען די וועלט געהערט נישט איין פאָלק, נאָר איין קלאַס. מיט איין האַנט האָבן די דאָ־זיקע מענטשן מיט געלעכטער אַרויסגעריסן ביי זייער פאָלק די פאָן פון זיין קינדישן גלויבן אין זיין מיסיע, און מיט דער צווייטער האָבן זיי גופא אויפגעהויבן די פאָן פון גלויבן אין דער מיסיע פון איין קלאַס זיינעם.

נישט געלאַכט פון דער דאָזיקער מיסיע האָבן די אידייאישע אַסימילאַטאָרן פון יידישן פאָלק, — דערפאַר אָבער האָבן זיי זי געשענדעט. פאַר זיי האָט די מיסיע פון יידישן פאָלק געדינט אַלס רויך־פאָרהאַנג, הינטער וועמעס שוץ זיי האָבן נאַציאָנאַל

דעזערטירט: דאָס יידישע פאָלק האָט אַ הויכע מיסיע, און אין נאָמען פון דער דאָזיקער מיסיע דאַרף ער אויפהערן צו זיין אַ פאָלק. דאָס, וואָס האָט אויסגעשמידט און צוזאַמענגעהאַלטן די יידישע נאַציאָנאַליטעט; דאָס, וואָס האָט אונזער פאָלק געגעבן די קראַפט צו לעבן, — דאָס, שטעלט זיך גאָר ארויס, דאַרף דינען אַלס איבערצייגנדיקער מאָטיוו צו באַגיין זעלבסטמאָרד!

נישט געלאַכט פון אונזער מיסיע און זי אויך נישט געשענדעט האָט אַ גרויסער טייל פון אונזערע פאַרשידנאַרטיקע נאַציאָנאַליסטן, — דערפאַר אָבער זענען זיי נישט געווען צופרידן פון איר. דאָס האָט געקלונגען סיי נישט היינטצייטיש — ווער גלויבט אין אונזער צייט אין מעטאַפיזיק? — סיי שווין צו היינט־צייטיש — עס שמעקט צו פיל מיט שאָוויניזם.

אַן אומגליקלעכע מיסיע פון אַן אומגליקלעכן פאָלק.

און דאָך איז אין אונזער נאַציאָנאַל־קולטורעלער ירושה נישטאָ עפּעס מער הייליקס, ווי דער דאָזיקער גלויבן אין אונזער מיסיע. און דאָס איז נישט נאָר דאָס סאַמע הייליקסטע, נאָר אויך דאָס סאַמע אומשולדיקע.

ווען דער מענטש הערט אויף צו לעבן אומבאַוווּסטזיניק, ווי אַ חיה, ווען עס צינדט זיך אָן אין אים דער געטלעכער פונק פון באַוווּסטזיין, שטעלן זיך פאַר אים אין זייער גאַנצער גראַנדיעזקייט און שווידערלעכקייט צוויי פראַגן: פון וואַנעט נעמט זיך דאָס אַלץ? און צו וואָס?

און די הייליקסטע ענטפערס אויף די דאָזיקע פראַגן זענען פאָלגנדע: „גאָט" און „מיסיע". די וועלט איז געשאַפן געוואָרן דורך גאָט; דער מענטש איז געשאַפן געוואָרן אויף אויסצופירן אַ מיסיע.

קוקן אויף די דאָזיקע צוויי ענטפערס פון אויבן אַראָפּ בלויז דערפאַר, ווייל מיר קענען נישט גלויבן אין זייער קאָנקרעטער, היסטאָרישער פאָרם, אָדער ריכטיקער: אין זייער

קאָנקרעטן אינהאַלט, — הייסט שטיין אויף אַ סך אַ נידעריקערן גייסטיקן שטאַפּל, ווי יענע אור־אַלטע, וועלכע האָבן געגעבן די דאָזיקע ענטפערס. לאָכן פון די דאָזיקע ענטפערס הייסט נישט פילן יענע בענקשאַפט נאָך אמת און זין, וואָס האָבן ארויסגערופן צום לעבן די דאָזיקע ענטפערס; הייסט הערן מיט גראָבע אויערן זייערע אויסערלעכע קלאַנגען און נישט פאַר־נעמען מיט דער עמפינדלעכער נשמה יענע אור־אַלטע הייליקע מוזיק פון נעמען באַגרייפן די וועלט און זיך גופא. מען מוז מיט דער גרעסטער צאַרטקייט אָפּוואַרעמען אין אייגענעם האַרצן די דאָזיקע אור־אַלטע ווערטער, צוזאַמענגיסן זיך מיט זייער אומשטערבלעכן אינהאַלט און צונויפגיסנדיק זיך מיט זיי, אַריינגיסן אין זיי אונזער נייעם נשמה־ציטער, אָפּשטעמפּ־לען זיי מיטן שטעמפּל פון אונזערע אייגענע נשמות.

אַלע פעלקער גלויבן אין זייער מיסיע, לכל הפחות רעדן אַלע וועגן איר, כדי צוצוגעבן זין זייער עקזיסטענץ, כדי צוצו־געבן זיך מוט צום שווערן געשיכטלעכן וועג.

עס איז נישט אמת, אַז נאָר די יידן האָבן זיך באַטראַכט אַלס אויסדערווײלט פאָלק, וואָס האָט אַ מיסיע. אין זייער מיסיע (פאַרקערפּערן דאָס משיחישע מלכות שמים אויף דער ערד) האָבן געגלויבט אויך די פּוילישע נאַציאָנאַלע דיכטער, אויך די רוסישע סלאַוואָפילן (דאָסטאָיעווסקי האָט געפיבערט מיט דער דאָזיקער אידייע). אָבער צו וואָס אויסרעכענען מיט די נעמען אַלע פעלקער, די אַלטע און נייע, די מזרחדיקע און מערבדיקע, בעת אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן געגלויבט און גלויבן, אָדער האָבן זיך באַמיט איינצורעדן זיך און אַנדערע אין זייער מיסיע, אין זייער העכערקייט? האָט דאָך אפילו טשינגיס כאַן הייליק געגלויבט אין זיין מיסיע!

און קיינמאָל וועט קיין שום פאָלק זיך נישט אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער הייליקער, אַדלענדיקער אילוזיע. טאָ פאַרוואָס עפּעס זאָלן מיר,וועלכע האָבן מער רעכט ווי אַלע אַנדערע

(נישט דערפאַר, ווייל מיר זענען געווען די ערשטע, נאָר ווייל מיר האָבן די דאָזיקע בענקשאַפט נאָך זיין אינטענסיווער איבערגעלעבט און זי סובלימירט) אויף דער דאָזיקער אילוזיע, — פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן פון דאָזיקן אַדלענדיקן טרוים, פון דער העכסטער און שענסטער אילוזיע פון דער מענטשהייט?

פאַרוואָס דאַרפן גראָד מיר זיך אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער דעהאַביליטאַציע פון לעבן, פון דער דאָזיקער פאַרוואַנדלענדיקער קראַפט, וואָס פאַרוואַנדלט זינלאָזיקייט אין זין?!

דאָס, וואָס דער מענטש מיסברויכט מיט די סאַמע הייליקע דערהויבונגען זיינע און ער פאַרוואַנדלט די מיסיע אין שאָוויניזם, די אידייע פון דער מיסיע — צו דינען דער מענטשהייט — אין געיעג נאָך פּריווילעגיעס, — פאַרקלענערט לחלוטין נישט דעם ווערט פון דער דאָזיקער אידייע. וואָס זאָגט נישט נאָר, אַז דער מענטש האָט אַ מיסיע, נאָר אויך, אַז דער מענטש מוז האָבן אַ מיסיע.

אויב דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין מיסיע, דאַרף ער עס האָבן. דערצו פאַרפליכטעט אים נישט נאָר זיין מענטשלעבע, נאָר אויך זיין היסטאָרישע ווערדע. קיין שום פאָלק האָט נישט גענומען די דאָזיקע אילוזיע אַזוי ערנסט, ווי מיר (אונטער דער ווירקונג פון היסטאָרישן גורל, וואָס האָט נישט געלאָזט אומקומען דעם רייכן נביאישן פאַרזיי פון דער היסטאָרישער מיסיע פון יידישן פאָלק), און ביי קיין שום פאָלק האָט זי זיך נישט פאַרקערפּערט אין אַזאַ מעכטיקן שאַפן, וואָס איז אַריינגעדרונגען — מער ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער ערד, — אינעם בלוט און פלייש פון אונזער פאָלקססובסטאַנץ.

איז נישט־שווין־זשע דאַרפן מיר שטרעבן דערצו, מיר זאָלן ווערן די גרעסטע גייסטיקע פאַרשווענדער אין דער וועלטגעשיכטע?

ג) נאַציאָנאַלע דעגענעראַציע

די סצענע איז געווען אַ געוויינלעכע: אַ גרויס צימער מיט דריי שרייב־טישן פון דריי אָרגאַניזאַציעס.

אָבער די טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער דאָזיקער סצענע איז ווייט נישט קיין געוויינלעכע, הגם נישט אַלע, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין איר און האָבן זי בייגעוווינט, האָבן באַגריפֿן איר גאַנצע טיפֿקייט.

און אייניקע, מעגלעך, האָבן זי בכלל נישט באַטראַכט אַלס טראַגעדיע...

— מיר, — האָט איינער פון איין שרייב־טיש געזאָגט צו אַן אַנדערן פון אַ צווייטן שרייב־טיש, — איז אַלץ איינס, צי עס זענען דאָ יידן אויף דער וועלט אָדער נישט. לעבן זיי — טאָ זאָלן זיי זיך לעבן; וועלן זיי פאַרשווינדן — איז אויך קיין אומגליק נישט. די וועלט וועט דערפון נישט אונטער־גיין.

אינם טאָן פון דאָזיקן מענטשן, פונקט ווי אין זיין פּנים, איז נישט געווען קיין שפּור פון יענער פאַרצווייפלונג אָדער עמפּערונג, וואָס נאָר זיי קאָנען דינען אַלס איינציקע פאַרענטפערונג פאַר אַזעלכע שרעקלעכע ווערטער. ער האָט דאָס געזאָגט פולשטענדיק רואיק, אָן דער מינדסטער אויפרעגונג, ווי דרך־אגב, ווי מען גיט אַ וואָרף אַרויס אַ שאַרפזיניקע באַמערקונג, ביי אַ לייכטן קאָרטן־שפּיל, ווען עס איז נאָך ווייט צום ערנסטן אַזאַרט. אויף אַזאַ נשמהלאָזן ציניזם זענען פעאיק בלויז לגמרי מאָראַליש־אויסגעליידיקטע, וואָס האָבן פאַרלוירן יעדע פאַר־בינדונג מיטן באָדן פון געמיינשאַפטלעכקייט (די געמיינשאַפט דאָס איז דער באָדן פונם מענטשן, וווּ ער האָט זיינע וואָרצלען און פון וואַנעט ער שעפּט זיינע מאָראַלישע זאַפטן).

אין אַ ליידנשאַפטלעכער לעסטערונג איז דאָ עפּעס הייליקס: די הייליקייט פון מוט, די הייליקייט פון ווייטאָק, די

הייליקייט פון פּראָטעסט און עמפּערונג. אָבער לעסטערונג און לײדנשאַפטלעכקייט איז די געמיינסטע זאַך.

איך האָב געקוקט אויפן דאָזיקן אומבאַקאַנטן דעגענעראַט: אין הארצן האָבן אויפגעקאָכט זידל־ווערטער, זיי האָבן זיך געשוימט און זיך איבערגעגאָסן אויף דער צונג. אָבער איך האָב זיי מיט אָנשטרענגונג אַראָפּגעשלונגען צוריק, — עס איז געווען עקלדיק אַריבערצוּוואַרפן אַ בריק, — זאָל זיין אַז בלויז פון זידל־ווערטער — צווישן זיך און אים. איך האָב זיך איינגעהאַלטן, איך האָב זיך אינסטינקטיוו צונויפגעקאָרטשעט אפילו פיזיש, כדי וואָס מער צו דערווייטערן זיך פונם קאַלטבלוטיקן לעסטערער, איך האָב כמעט ווי אויפגעהערט צו אָטעמען, כדי נישט אַריינצואָטעמען די זעלבע לופט, וואָס ער, — די דאָזיקע פּאַרזעניש פון אַסימילאַציע און ציניזם.

איך בין פאַרקראָכן אין זיך און ווידער איבערגעלעבט, ווי ביים ערשטן מאָל, מיין יוגנטלעכן ווייטאָק סיי ביים לייענען דעם ראָמאַן „דער לעצטער מאָהיקאַנער", סיי ביים לייענען שמעונאָוויטשעס ליד „דער לעצטער שומרוני", סיי ביים לייענען וועגן די אויסשטאַרבנדיקע זוברעס, וועגן דער אויסשטאַרבונג פון אַ סך מינים זינג־פייגלען. אפילו דאַן, ווען מען גיט זיך נישט אָפּ קיין קלאָרן דין־וחשבון מיטן שכל, פילט מען מיטן אינסטינקט די פּאַרכטיקע אימה פון דער דאָזיקער אויסשטאַרבונג: געוויסע פאָרמען פון דער לעבנס־קראַפט, געוויסע דערשיינונגען פון הייליקן לעבנס־סוד פאַרשווינדן, אייגער פון די לעבנס־קוואַלן ווערט פאַרשאָטן, ווערט אויסגעטריקנט, — די וועלט ווערט אָרימער מיט איינער פון זיינע פאָרמען. דער טויט פון טויזנטער לייבן וועט נישט אַרויסרופן אין יעדער נשמה אפילו אַ מיליאָנט־חלק פון יענעם טרויער, וואָס עס רופט אַרויס אין אונז דער אָנבליק פון אַ געזונטן, שטאָלצן לייב, וואָס איז דער לעצטער פון זיין מין, מיט

זועמעס טויט עס וועט פאַרשאָטן ווערן דער קוואַל פון לייַ־בישער פאָרם פון לעבן.

דער, ווער עס פילט נישט קיין ברענענדיקן טרויער ביים צוזען די אָפּשטאַרבונג פון דעם באַשיידנסטן מין לעבן (אַפילו אין דער געוויקסן־ממשלה), האָט בכלל נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט מיטן אומשולדיקן, פרישן געפיל דעם רעלי־גיעזן ציטער פון לעבן, און ער איז בלויז אַ „טונקעלער גאַסט אויף דער פינסטערער ערד", לויט געטעס אויסדרוק. ער קריכט בלויז דורך זיין לעבן, נישט אויפהויבנדיק זיך אין דער הויך אויף די פליגלען פון באַוווסטזיין, נישט דורכפילנ־דיק די סודות פון דער עקזיסטענץ.

טאָ וואָס־זשע דאַרף איבערלעבן יעדער איינער ביים גע־דאַנק, אַז אַ פאָלק, וואָס האָט דורכגעלעבט (און נאָך ווי דורכ־געלעבט!) היסטאָריש העכער דריי טויזנט יאָר, געפינט זיך אויפן ראַנד פון אומקום?! און ווער רעדט, אַ ייד? אין דאָזיקן פאַל פאַרשווינדט דאָך נישט נאָר אַ וווּנדערבאַרע פאָרם פון היסטאָרישן לעבן, נאָר אויך ער גופא? ער, זיין אופן אויפ־צונעמען דאָס לעבן, זיין אופן פון פילן וועט אָפּשטאַרבן, עס וועט פאַרשאָטן ווערן אַ מעכטיקער קוואַל פון היסטאָרישער ענערגיע. און דאָס אַלץ איז הפקר פיעטרושקע? „לעבן יידן — טאָ זאָלן זיי זיך לעבן; וועלן זיי פאַרשווינדן פון דער וועלט — איז אויך קיין אומגליק נישט, די וועלט וועט דערפון נישט אונטערגיין"...

ער האָט דאָס געזאָגט און ווידער פאַררוקט די נאָז אין עפּעס אַ ציפער.

יאָ, די וועלט וועט דערפון נישט אונטערגיין, ווייל דער דאָזיקער דעגענעראַט טראַגט נישט אין זיין האַרצן נישט נאָר זיין פאָלק, נאָר אויך נישט די וועלט. ער איז אינגאַנצן אויס־געפילט מיט זיין פוסטקייט, און אין דער דאָזיקער פוסטקייט איז נישטאָ קיין אָרט פאַר קיין שום זאַך, וואָס פילט אויס די

הערצער און נשמות פון מענטשן, וואָס האָבן נאָך וואָרצלען אינם באָדן פון דער מענטשהייט — אין זייערע פעלקער, אין דער מענטשהייט און אין דער וועלט, און וואָס שווידערן אויף ביים געדאַנק וועגן דער אויסשטאַרבונג פונם מין פון אַ קלענסטן פליגעלע, שוין אָפּגערעדט וועגן חער אָפּשטאַרבונג פון אַ פאָלק, אפילו אין דער אַנטיקער צייט.

די דאָזיקע שפּירבאַרע האָבן וואָרצלען אין פאָלק, אין דער מענטשהייט, אין דער וועלט, זיי טראָגן זיי אין זיך, און אויב עפּעס וואַקלט זיך, ציטערן זיי אויף ביז׳ אין די טיפע־נישן פון זייערע וואָרצלען, ווייל אויב עפּעס וועט איינפאַלן — פאַלט עס איין אין זיי.

דאָס האָט אָבער קיין שייכות נישט צו די נאַציאָנאַלע דעגענעראַטן, צו די דעגענעראַטן פון מענטשלעכן מין.

ד) מען דאַרף אָפּבויען יבנה — אָבער ווו?

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן די צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אז אין יבנה בויט מען אָפּ די היסטאָרישע ישיבה פון יוחנן בן־זכאי אויפן זעלבן אָרט, ווו זי האָט זיך געפונען כמעט מיט ניינצן יאָרהונדערט צוריק.

איך קאָן נישט לייקענען: די דאָזיקע ידיעה האָט מיך טיף גערירט, הגם געוויינלעך פיל איך ׳נישט קיין שום נייגונג צו אַרכעאָלאָגיע. יבנה האָט געשפּילט אַזאַ ראָל אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, אַז שוין דער נאָמען גופא רופט אַרויס אַ ציטער פון יראת הכבוד אין אונזער נשמה. אין יבנה איז באַוווסטזיניק געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון אונזער נאַציאָנאַלן זעלבסטאויפהאַלט אין גלות.

בן־זכאיס אַנטלויפן פון באַלאַגערטן און פאַרמשפּטן ירושלים, אַן אַקט, וואָס אויסערלעך זעט ער נאָך אויך היינט אויס ווי נאַציאָנאַלער פאַרראַט, איז אין דער אמתן געווען —

ווען מען דרינגט אריין טיפער אין די מאָטיוון פון זיין באַ־ווסטזיניקער טאַט (שוין נישט רעדנדיק וועגן אורטייל פון דער געשיכטע), — נישט קיין קלענערע העלדישקייט, ווי דער קאַמף ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פון די ירושלימער קנאים. בן־זכאי איז אַנטלאָפן פון באַלאַגערטן, מיט די לעצטע כוחות קעמפנדיקן ירושלים. ער איז געקומען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צו דעם שונא פון זיין פאָלק, האָט אויסגעבעטלט מיט זיין הכנעה אַן אויסערלעך נישטיקע פּריווילעגיע צו עפענען אַן אויטאָ־נאָמע אַקאַדעמיע אין יבנה, און דערביי האָט ער געהאַט די זיכערקייט, אַז דורך דעם נייטראַליזירט ער דעם שונאס טויט־קלאַפּ, אַז ער מאַכט פּרוכטלאָז זיינע אַלע אָנשטרענגונגען.

די טאַט פון דאָזיקן אַלטן געלערנטן איז ביישפּיללאָז נישט צוליב די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער טאַט, נאָר צוליב איר באַוווסטזיניקייט און צילבאַשטימטקייט. ווען מיר נעמען אפילו אין אַכט, אַז יוחנן בן־זכאי האָט זיך טיילווייז געריכטעט מיט דער היסטאָרישער דערפאַרונג פון גלות בבל, ווו עס איז געלייגט געוואָרן דער גראַניטענער פונדאַמענט פון גייסט אונטער דעם זיך וואַקלענדיקן בנין פון דער יידישער מלוכה־שאַפט און במילא אויך פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אינדי־ווידואַליטעט, — אפילו אין דאָזיקן פאַל זענען בן־זכאים ווייטזיכטיקייט און באַהערשטקייט ווערט אַ יראת־הכבודיקע פאַרוווּנדערונג.

און מיר פילן טאַקע אַ יראת הרוממות, ווען מיר לייענען אַז אין יבנה — אין יבנה! — אין דער דאָזיקער גרעסטער רעליקוויע פון אונזער געשיכטע — ווערט אָפּגעבויט אַ ישיבה אויפן זעלבן אָרט, ווו בן־זכאי האָט צוגעגרייט אַ מקום־מקלט פאַרן היימלאָזן, פאַרוויסטעטן פאָלק.

אָבער ווי עס זאָל אונז נישט זיין טייער די דאָזיקע סימ־באָלישע רעסטאַווראַציע פון יבנהס ערדישער געשטאַלט, קאָן זי אונז נישט באַפרידיקן אינגאַנצן.

י. ראַפּאָפּאָרט

די געבײַדע פֿון דער ישיבה אין יבנה איז פֿאַר בן־זכאיען אַ דענקמאָל אין יידישן גייסט, — אָבער נאָך די לעצטע שרעקלעכע יאָרצענדליקער נויטיקט זיך אונזער פֿאָלק נישט אין אָפּבויען די ישיבה פֿון יבנה, נאָר אין באַנייען דעם גייסט פֿון יבנה, וואָס באַשטייט, ערשטנס, אין אַן אומבויגזאַמען ווילן צו לעבן, און צווייטנס, אין באַזיצן אַ גענוג ווערטפֿולן ציל, אין נאָמען פֿון וועלכן עס לוינט צו לעבן; און דריטנס, אין אַ פֿעאיקייט פֿאָראויסצוזען, ווי אַזוי צו פֿאַרווירקלעכן אין לעבן דעם דאָזיקן ווילן צו אַ ציל־באַוווסטן לעבן.

בן־זכאי האָט פֿאַרמאָגט דעם דאָזיקן אומבויגזאַמען ווילן צום לעבן און ער האָט געוואָלט שאַפֿן אָנשטאָט אַ שוואַכן אויסערלעכן אָנשפּאַר — אַ שטאַרקן אינערלעכן; ער האָט געשטעלט פֿאַרן דאָזיקן לעבן אַ הויכן, אַ העכסטן ציל צו פֿאַרגייסטיקן דעם גוף, צו הייליקן, פֿאַרהימלישן דאָס ערדישע לעבן, און ער האָט גוט געוווסט, אַז דערגרייכן דאָס קאָן ער נאָר אויפֿן וועג פֿון פּרייוויליקן פֿאַריאָכן דעם גוף. און דער ווילן זײַנער איז אויף אַזוי ווייט געווען שטאַרק, און דער ציל זײַנער אַזוי דערהויבן, און די מיטלען זײַנע אויף אַזוי ווייט ווירקזאַם, אַז דאָס אַלץ האָט זיך פֿאַרקערפּערט אין ווילן, אין אַ ציל און אין אַ וועג פֿון אַ גאַנצן פֿאָלק אין משך פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער.

דאָס יידישע טראַדיציאָנעלע לעבן, וואָס האָט זײַן אָנהויב אין יבנה, איז די גרעסטע היסטאָרישע מאַניפֿעסטאַציע פֿון פֿאַרגייסטיקן דאָס לעבן נישט נאָר אין מאָמענטן פֿון עקסטאַז, נאָר אויך אין דער טאָג־טעגלעכקייט; דאָס איז די בולטסטע מאַניפֿעסטאַציע פֿון לעבנס־געפֿיל, פֿון וועלט־געפֿיל, פֿון דער אידייע — רופֿט עס ווי איר ווילט, — אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט דאַרף זיך באַזירן אויף אַן עטישער לערע און אין איר געזעלשאַפֿטלעכן אויסלעבן זיך דאַרף זי פֿאַרקערפּערן די דאָזיקע עטישע לערע.

געוויס, דאָס האָט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן בלויז דערפאַר, ווייל בן־זכאי אַליין איז געווען אַ געניאַלער אויס־דריקער פון די טויזנט־יאָריקע טענדענצן פון זיין פאָלק: ער האָט זיין פאָלק צוריקגעגעבן אין אַן עסענצאַרטיקער פאָרם דאָס, וואָס ער האָט ביי אים גענומען.

מיר נייטיקן זיך נישט היינט אין דענקמעלער פאַר היס־טאָרישע בן־זכאים און יבנהס, — מיר נייטיקן זיך אין אַ געניאַלן בן־זכאי, וואָס זאָל שאַפן פאַר אונז און פאַר די קומענדיקע דורות אַ נייע יבנה, — נישט קיין מאַטעריעלע קאָפּיע פון יבנה, נאָר אַ זעלבשטענדיקע איבערחזרונג פונם גייסט פון יבנהס טאַט.

אין זיין געניאַלן אַרטיקל „הלכה און אגדה" האָט ביאַליק מיט 25 יאָר צוריק געגעבן דער דאָזיקער באַדערפעניש אַ בלענדנדיקן אויסדרוק (זייט דאַן איז די דאָזיקע נויטווענדיקייט געוואָרן נויטווענדיקער).

„אַט וואַקסט אויף אונזערע אויגן אַ נייער דור אין אַן אַטמאָספער, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט פּראָזעס און פּוסט־רעדעריי. מען רעדט וועגן אַ נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, וועגן לי־טעראַטור און שאַפונג, וועגן יידישער דערציאונג, וועגן יידישן געדאַנק, וועגן יידישער אַרבעט — און דאָס אַלץ ווערט געבויט אויפן וואַקלדיקן גרונט פון עפּעס אַ „פעליעטאָן" און פון „ליבהאָבעריי" — חיבת־ציון, ליבהאָבעריי צו דער שפּראַך (דעמאָלט איז דאָס ליבהאָבעריי געווען בלויז צו העברעאיש, און היינט איז דאָס ליבהאָבעריי אויך לגבי יידיש — י. ר.), ליבהאָבעריי צו ליטעראַטור — אָבער וואָס איז דער ווערט פון אַזאַ לופטיקער ליבהאָבעריי?

„ליבהאָבעריי? אָבער ווו איז די ליבע? און ווו איז די פליכט? פון וואַנעט זאָל זי זיך נעמען און מיט וואָס זאָל זי זיך דערנערן? מיט אגדה? אָבער זי איז לויט איר נאַטור

אַ געביט פון גוטע כוונות און גוטן ווילן — זי פאַרמאָגט נישט קיין קאַטעגאָרישקייט...

„איר ווילט שאַפן — טאָ האַנדלט ווי אין די ווייטע צייטן פון נחמיה: „גיט אַ פעסטע פאַרפליכטונג, שרייבט, און אין דער אונטערשריפט זאָלן זיין אונזערע פירשטן, אונזערע לויים און כהנים. שטעלט אויף איבער זיך געזעצן!" אַזוי האָבן געהאַנדלט אויך אונזערע אבות, ווען זיי האָבן גענומען בויען...

„שטעלט־זשע אויף איבער זיך אַ געזעץ!... גיט אונז אין לעבן אַ ווירקלעכקייט, וואָס זאָל האָבן די אויבערהאַנט איבער ליטעראַטור...

„מיר בויגן דעם קאָפּ — ווו־זשע איז ער, דער אייזערנער יאָך? פאַרוואָס־זשע זעט מען נישט די „מעכטיקע האַנט און דעם אויסגעשטרעקטן אָרעם"?

בלויז אין איינעם איז ביאַליק נישט געווען גערעכט, — מיר האָבן נאָך נישט געבויגן דעם קאָפּ, קיינער האָט נאָך אין אונז נישט אַרויסגערופן אין פאָלקס־מאַסשטאַב דאָס דאָזיקע וויכטיקסטע — דעם ווילן צו בויגן דעם קאָפּ אונטערן יאָך פון געזעצן.

* * *

ביאַליק האָט ווי פאָראויסגעזען, אַז זיין רוף צו „הלכה" קאָן מען פאַלש אויסטייטשן. ער האָט ווי פאָראויסגעפילט די איצטיקע באַוועגונג פון אַ טייל פון אונזער אינטעליגענץ, וואָס האָט דערזען פאַר זיך דעם תהום פון נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע, פון גייסטיקער קינדערלאָזיקייט און אָפּשטאַרבונג, און זי האָט אָנגעהויבן צו רופן — אין איר גייסטיקער אימפּאָטענץ, — צו היסטאָרישע פאָרמעס, וואָס האָבן אונז פאַקטיש אויפגעהאַלטן ביים לעבן אָדער האָבן באַגלייט — צוליב אויסערלעכע סיבות, — אונזער אויפהאַלטן זיך ביים לעבן, — זיי האָבן גענומען רופן צו היסטאָריש־קאָנקרעטער הלכה און אפילו צום געטאָ.

און ווי אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער מעגלעכער פאַל־שער אויסטייטשונג, קלינגען ביאַליקס פאָלגנדיקע ווערטער:

„אויב אַזוי, וועט מען פרעגן מיט איראָניע, לאָמיר שטעלן איבער זיך אַ פירער און זיך אומקערן צום... שולחן ערוך?"

„אויב עמיצער האָט אַזוי אויסגעטייטשט אונזערע ווער־טער, זאָגט עס עדות אויף דעם, אַז ער האָט זיי לגמרי נישט פאַרשטאַנען. הלכה און אגדה — דאָס זענען ספּעציעלע טער־מינען, וואָס האָבן אין תלמוד זייער באַשטימטע באַדייטונג, אָבער פון דער זייט פון זייער אינערלעכן וועזן קאָן זייער זינען פאַרברייטערט און פאַרשפּרייט ווערן אויך אויף אַלע אַנדערע קרובהשע דערשיינונגען, סיי פון די עפּאָכעס, וואָס זענען פאַראויסגעגאַנגען דעם תלמוד, סיי פון די פון נאָכן תלמוד... יעדער דור שאַפט זיין אגדה, יעדע אגדה — איר הלכה... אונז באַשעפטיקט די הלכה בכלל, הלכה ווי אַ גרויסער יסוד, ווי אַ קאָנקרעטע און פאַרענדיקטע פאָרם פון אוממיטלבאַרן לעבן, — פון אַ לעבן, וואָס שוועבט נישט אין דער לופטן, וואָס באַזירט זיך נישט אויפן וואַקלדיקן פונדאַמענט פון נאַקע־טע געפילן און שיינע שפּרוכן...

„אַ פאָלק, וואָס געוווינט זיך נישט איין צו פאַרייניקן די הלכה מיט דער אגדה, פאַרמשפּט זיך אויף אייביקער בלאָנ־דזשעניש..."

עס איז קלאָר, אַז ווען ביאַליק האָט גערופן צו הלכה אין אונזער לעבן, האָט ער געהאַט אין אויג נישט קיין קאָפּיע פון יבנה, נאָר דעם סוווערענעם גייסט פון יבנה, וואָס נעמט אויף די גאַנצע פאַראויסגעגאַנגענע גייסטיקע געשיכטע פון פאָלק, זיינע בעסטע האָפנונגען, און די טרוימען פון זיינע בעסטע פּיאָנערישע מוחות און אין הסכם מיט דעם אַלעם שמידט ער־אַ נייע הלכה, דאָס הייסט קאָנקרעטע פאָרמען פון לעבן, קאָנ־קרעטע טאָג־טעגלעכע פאַרפליכטנדיקע מעשים. די דאָזיקע נייע

הלכה קאָן זיין פרעמד דער אַלטער לויט דער פאָרם, אָבער קרובהש, שיעור נישט צווילינגיש, לויטן גייסט.

פאָרמען זענען פאַראיבערגייענדיק; דער גייסט אָבער איז אייביק, וואָס האָט פאַרפליכטנדיקע פאָרמען, אַדעקוואַטע צו זיין גייסט.

אויב מען האָט ליב די אגדה פון יידישער אויפלעבונג, מוז מען טאָג־טעגלעך פירן אַ יידיש לעבן.

אמאָל איז די הלכה פון אַזאַ לעבן באַשטאַנען אין וואַשן נעגל־וואַסער; היינט קאָן זי באַשטיין אין רעדן אין שטוב און אין גאַס מיט די קינדער און פרעמדע יידן נאָר יידיש;

אמאָל איז די הלכה פון אַזאַ לעבן באַשטאַנען אין לערנען אַ פּרק משניות; היינט קאָן זי באַשטיין אין לערנען אַ דער־ציילונג פרץ און זינגען אַ ציקל לידער פון אַ יידישן דיכטער;

אָבער כדי די אגדה זאָל געמיינט ווערן ערנסט און זי זאָל האָבן אַ באָדן אונטער די פיס, מוז זי האָבן הלכה.

צו דער דאָזיקער הלכה האָט גערופן ביאַליק, פאַר דער דאָזיקער הלכה מוזן מיר אָנהויבן אַ קאַמף.

אין דער ערשטער ריי אַ קאַמף מיט זיך אַליין: די הלכה מוז נעמען הערשן אין אונזערע אייגענע שטיבער, אין אונזער אייגן לעבן תמיד און אומעטום...

ה) ווער איז אַ גוטער ייד און וואָס איז אַזוינס יידישקייט?

ווען איך האָב געוואָלט אַ נאָמען געבן מיין זון מיטן ביב־לישן נאָמען עמוס, האָט זיך איינער פון די אָנספּקדיקסטע יידן — אַ מוהל! — אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען דעם דאָזיקן נאָמען: ער איז עפּעס נישט יידישלעך. דאָס אָנווייזן דערויף, אַז דער דאָזיקער נאָמען באַצירט דעם תנך, האָט אויך נישט געהאַט די געהעריקע ווירקונג. אַפּלייקענען, אַז דער דאָזיקער נאָמען געפינט זיך אין תנך, האָט ער נישט געקאָנט, אָבער ס׳איז דאָך

געוועז אַ צייט, — און געוויסע קרייזן יידן, באַזונדערס פון די אָנספּקדיקסטע, זענען נאָך נישט אַוועק פון די דאָזיקע צייטן, — ווען דער גאַנצער תנך איז געשטאַנען אונטערן ספק פון כשרות: איז דאָך נישט דער תנך די אַקס פון אמתן, עיקרדיקן יידישן לעבן.

די נעמען בערל, געצל, פייטל זענען פאַר יענעם מוהל געווען אָן שום ספק יידישע, הגם אין תנך געפינט מען נישט אפילו קיין שפּור פון זיי, ווייל יידיש איז פאַר זיי נישט דאָס, וואָס אַנטשפּרעכט דעם אינהאַלט פון אונזער עיקרדיקער ליטעראַטור, נאָר דאָס, וואָס אַנטשפּרעכט דער לעבעדיקער טראַדיציע פון פאָלק: דער נאָמען געצל, וואָס דאָס פאָלק באַנוצט טאָג־טעגלעך, איז געוואָרן יידיש, אָבער דער נאָמען עמוס, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ביז לעצטנס נישט באַנוצט, איז נישט יידיש פאַר יידן, וואָס וואַרצלען דער עיקר אין טראַדיציע.

אין דאָזיקן באַזונדערן פאַל איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער גאָטספּאַרכטיקער מוהל האָט אפילו נישט געוווּסט, אַז עמוס איז אַ ביבלישער נאָמען; אָבער אויב ער האָט דאָס אפילו געוווּסט, קאָן איך זיך דאָך פאָרשטעלן דאָס געפיל פון אומצוטרוי ביים דאָזיקן יידן צום דאָזיקן נאָמען. צוליב דער לאַנגער אָפּוועזנהייט אין לעבן, אינם טאָג־טעגלעכן לעבעדיקן לעבן, איז דער דאָזיקער נאָמען ווי געוואָרן פרעמד, בעת געצל און אפילו וולאַדיסלאַוו זענען געוואָרן פאַר אים עפּעס אומאָפּטיילבאַרס פונם יידישן לעבן.

און ס'האָט נישט געהאָלפן אפילו דער אַרגומענט, אַז דער בעל־ברית וויל אַזוי, — דער דאָזיקער מוהל האָט געפאָדערט אַ יידישן נאָמען. בלויז מיין עקשנות, אונטערגעשטיצט דורך אַ דראָאונג אײנגאַנצן צו באַגיין זיך אָן אַ ברית, אויב מען וועט מיך טעראָריזירן, האָט געבראַכט דעם געווונטשענעם רעזולטאַט.

דער דאָזיקער לעבעדיקער ביישפּיל באַלייכט צום בולטסטן די שווערע פראַגעס: „ווער איז אַ ייד" און „וואָס אַזוינס איז יידישקייט"? די סימנים פון יידישקייט, שטעלט זיך אַרויס, געפינען זיך נישט אין אַ וואַסער נישט איז גרייטן קאָדעקס, נאָר ווערן אויסגעאַרבעט דורך דעם לעבעדיקן לעבן. און דאָס דאָזיקע לעבן ענדערט זיך, עס איז נישט תמיד איינפּנימדיק, און אין געוויסע איבערגאַנגס־תקופות איז עס אפילו פיל־פּנימדיק.

און אָט אַזאַ תקופה איז טאַקע אונזערע. דאָס, וואָס פאַר אַנדערע זעט עס אויס צו זיין דער צוריקקער צום מקור פון יידנטום — אפילו דאָס נעמען קינדישע נעמען פון תנך, איז אין אַנדערע אויגן אַ פאַרראַט פון יידישקייט, אַ נייער מין אפיקורסות.

און ביידע זייטן זענען אויף זייער אופן גערעכט: דער מהות פון יידישקייט געפינט זיך אין לעבעדיקן יידנטום, אין זיין לעבעדיקער טראַדיציע. אָבער אין דער צייט, וואָס דער מוהל פאַרטיידיקט די איינגעוואָרצלטע, מיט אַלטקייט באַלויכטענע טראַדיציע, רייסט זיך דער צווייטער צד צו שאַפן אַ נייע טראַדיציע (באַזירט, ביי געוויסע ריכטונגען, אויף אַ געוויסער אויפלעבונג פון אַ נאָך עלטערער, היסטאָרישער טראַדיציע).

ביידע צדדים זענען „גוטע" יידן, מער נישט איין צד שטייט מיטן פּנים צום סטאַטישן יידנטום, און דער צווייטער — צום דינאַמישן; ווייל אַלדאָס לעבעדיקע איז תמיד אַ פאַר־בינדונגס־רינג צווישן דעם עבר און דער צוקונפט. ווען די מערב־אייראָפּעאישע יידן האָבן זיך אַ קער געטון מיטן פּנים צום עבר און געשאַפן די „חכמת ישראל", האָט זייער יידיש־קייט אויפגעהערט צו זיין לעבעדיק, זיי האָבן פאַרלוירן די האָפנונג און דעם פאַרלאַנג צו אַנטוויקלען זיך, זיך צו ענדערן, צו שאַפן אַ נייע טראַדיציע און אַ נייעם סטאַטוס־קוואָ.

ווען אונזערע אָרטאָדאָקסן האָבן קאָנצענטרירט זייער

גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן לעבעדיקן „סטאַטוס־קוואָ" פונם היינטצייטיקן יידנטום, זענען זיי, אמת, נישט געווען טויט, אַלס יידן, און זיי האָבן נישט אָפּגעטויט אין זיך דאָס יידנטום אָדער דעם יודאאיזם, — זיי האָבן אים אָבער געמאַכט אומפּרוכטבאַר, זיי האָבן ביי אים באַרויבט די האָפענונג אויפצולעבן צו אַלץ נייע און נייע פאָרמען פון עקזיסטענץ.

נאָר די נייע יידן, די יונגע אַדעפּטן פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, האָבן באַפרייט די הענט פון היינטצייטיקן רינג פון יידנטום, אין וועלכן עס איז איינגעשלאָסן אויך דער אויבנדערמאָנטער מוהל, און האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַרן רינג פון דער פאַרגאַנגענהייט און פאַרן רינג פון דער צוקונפט. און נאָר די דאָזיקע זענען די לעבעדיקסטע און, במילא, די בעסטע יידן. זיי טראָגן און זענען גרייט צו טראָגן אין זיך נישט נאָר דאָס, וואָס איז געווען און עס איז דאָ אין יידנטום, נאָר אויך דאָס, וואָס עס קאָן זיין אין אים.

איינס דאַרף זיין קלאָר: עס האַנדלט זיך נישט נאָר אין געשריבענע אידעאַלן און נישט נאָר אין בלוט, נאָר אויך אין באַוווסטזיין און אין ווילן. מען קאָן טראָגן אין זכרון אַלע געשריבענע אידעאַלן פון יודאאיזם און דאָך נישט פילן זיך אַלס ייד, נישט אָנערקענען זיך אַלס ייד; מען קאָן האָבן אין זיך הונדערט־פּראָצענטיק יידיש בלוט און נישט שפּירן זיך אַלס ייד; נאָר דער באַוווסטזיין אַנטשיידעט צי אַ געגעבענע פּערזאָן איז אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער — ייד. דער באַוווסטזיין און — נאַטירלעך! — דאָס געפיל. אָבער אין דער ערשטער ריי — דער באַוווסטזיין, ווייל אין דאָזיקן געביט עקזיסטירט אפשר בכלל נישט קיין אומבאַוווסטזיניק געפיל, אָדער אויב יאָ — איז עס נישט באַפרידיקנדיק, ווייל עס קאָן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם איינציק וויכטיקן — אין מעשים.

ווער איז אַ גוטער ייד? דער, וואָס האָט דעם באַוווסטזיין

פון זיין יידישקייט און הייסט גוט דעם דאָזיקן באַוווסטזיין מיטן געפיל, ער רופט זיך אָפּ מיטן געפיל אויפן דאָזיקן באַ־וווסטזיין.

וואָס איז אַזוינס יידישקייט? דאָס אַלץ, וואָס אַ באַוווסט־זיניקער ייד אָנערקענט אַלס אַזעלכעס.

אין תלמוד ווערט געזאָגט: „אַ ייד בלייבט אַ ייד אפילו אויב ער האָט געזינדיקט".

דאָס קאָן האָבן בלויז איין באַדייטונג: דאָס עובר זיין אויפן געשריבענעם אָדער טראַדיציאָנעלן קאָדעקס פון יודאַ־איזם קאָן נישט פאַרוואַנדלען אַ יידן, וואָס אָנערקענט זיך אַלס אַזעלכן, אין אַ נישט־יידן, ווייל (איך חזר איבער) עס האַנדלט זיך נישט נאָר אין בלוט און נישט נאָר אינם קאָדעקס, נאָר אינם לעבעדיקן באַוווסטזיין און אינם באַוווסטזיניקן געפיל, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

אין אַרטור שניצלערס ראָמאַן „דער וועג צו פרייהייט" (דאָס איז טיילווייז אַ יידישער ראָמאַן) איז דאָ אַ מערקוויר־דיקע סצענע. דער באַראָן געאָרג ווערגענטין איז אָנוועזנדיק ביי אַ דיסקוסיע צווישן הענריך בערמאַן און לעאָ גאָלאָווסקין וועגן דער יידן־פראַגע. בערמאַן, דער יידיש־דייטשער שרייבער, וואָס ליידט אויף דער יידן־פראַגע, טרעט אַרויס קעגן דער ציוניסטישער לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע, בעת דער יונגער גאָלאָווסקי איז אָן אָנהענגער פון ציוניזם. און פּלוצלונג באַמערקט דער באַראָן ווערגענטין, אַז הענריך, וועלכער פאַר־זיכערט אָן אויפהער, אַז ער פילט זיך אין עסטרייך ווי אין דער היים, „איז ענלעך סיי מיט זיין פיגור און סיי מיט זיין זשעסטיקולאַציע אויף אַ פאַנאַטישן יידישן פּרעדיקער, בעת לעאָ גאָלאָווסקי, וועלכער וויל אַוועקגיין מיט זיין פאָלק קיין פּאַלעסטינע, דערמאָנט אים מיט זיין פּנים און מיט זיינע באַ־וועגונגען אַ סטאַטוע פון אַ גריכישן יינגלינג".

אין דאָזיקן אויסערלעכן פּאַראַדאָקס איז דאָ אַ גרויסער

אינערלעכער אמת. בערמאַנס יידישער טעמפּעראַמענט, פּונקט ווי דאָס קאָנסערוואַטיווע יידנטום פונעם אַלטן מוהל, וואָס קומט צום אויסדרוק פּסיכאָ־פיזיש, איז לחלוטין נישט קיין גאַראַנטיע, אַז ער וועט דערפירן בערמאַנען צו דער האַרמאָנישסטער יידישער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. פאַרקערט, גראָד דאָס, וואָס בערמאַן איז, אין תוך גענומען, אַ טיפּישער ייד, מאַכט אים בלינד פאַר אַ געוויסן מין כמעט נישט יידישלעכע (אין לעבעדיק־טראַדיציאָנעלן זין) לייזונגען פון דער יידן־פראַגע. און גראָד דאָס, וואָס לעאָ גאַלאָווסקי איז נישט קיין ייד אין טראַדיציאָנעלן זין, גיט אים אַן איבערגעוויכט אין דאָזיקן פאַל: ער לעבט איבער דעם יידישן גורל ווי פון דרויסן, פון וואַנעט מען זעט בעסער און עס איז אַ סך נענטער צו דער נאַטירלעכער לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע. לעאָ איז מער נאָרמאַלער מענטש, ווי אַ נאָרמאַלער ייד, און דעריבער דערגייט ער נאַטירלעכער צו דער נאָרמאַל־מענטשלעכער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. בערמאַן אָבער איז אַ טיפּישער ייד און זיינע לייזונגען פון דער יידן־פראַגע זענען אַן אמתער פּלפּול, זיי זענען פול מיט דער יידישער קרענקלעכקייט, מיט היפּער פּילבאַרקייט; זיי — די דאָזיקע לייזונגען — זענען טייפער פאַר די לייזונגען פון לעאָ גאַלאָווסקי, אָבער עס פעלט זיי די גאַנצקייט פון אינסטינקטיווער נאָרמאַלקייט.

און ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס משה, וועלכער האָט געפונען אַ נאָרמאַלן אויסוועג אויף צו לייזן די יידן־פראַגע אין מצרים, איז געקומען פון פרעהס פּאַלאַץ.

און ס'איז אויך נישט קיין צופאַל, וואָס איינער פון די בעסטע ציוניסטן — כ'וואָלט געזאָגט: דער מוסטערהאַפטסטער ציוניסט — איז טרומפּעלדאָר. ער האָט פאַרמאָגט זייער ווייניק טיפּיש־יידישעס, טראַדיציאָנעל־יידישעס, ווי דאָס איז אונז באַקאַנט פונעם לעבעדיקן יידנטום; דערפאַר אָבער, — און טאַקע צוליב זיין פרייהייט פון טראַדיציע, — האָט ער

פאַרמאַגט אַזויפיל פונם אַנטיקן יידנטום, אַזוי פיל יידישע צו־קונפט, אַזוי פיל פון דער יידישער האָפנונג אויף אַ צוקונפט. און ברענער, דער דאָזיקער טיפּישער ייד, דער דאָזיקער בעס־טער ייד לויטן טעמפּעראַמענט, לויט זיינע פּסיכאָ־פיזישע אייגנשאַפטן, דער דאָזיקער לעבעדיקער ייד אין דער העכסטער פּאָטענץ, — דער דאָזיקער ברענער האָט זיך אַנטציקט מיט זיין פּסיכישן און פיזישן אַנטיפּאָד — מיט טרומפּעלדאָרן: ער, דער גייסטיק צעשפּאָלטענער, האָט ליב געהאַט יענעמס גאַנצ־קייט. ער, ברענער, האָט געזאָגט, אַז גליקלעך איז דער, ווער עס האָט געלעבט אין דער נאָענט פון טרומפּעלדאָרן. און איך קאָן דאָס פאַרשטיין. ער האָט ליב געהאַט אין טרומפּעלדאָרן דאָס, וואָס עס האָט אים געפעלט, וואָס עס האָט געפעלט יע־נעם גאַנצן דור יידישער אינטעליגענץ: די פרייהייט אַרי־בערצווואַקסן די טראַדיציע, אַרויסגיין פון איר איינזויגנדיקן זומפּ.

דערביי פאַרשטיי איך דאָ אונטער „טראַדיציע" נישט עפּעס אויסערלעכס, פון וואָס מען קאָן אויסערלעך אָוועקגיין, — נאָר די אינערלעכע טראַדיציע, וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין מאַרך און אין בלוט און איז געוואָרן — אונטערבאַוווסטזיין. גראַד דערפאַר, וואָס טרומפּעלדאָר איז געווען אין אַ געוויסן זין (אויך אין זין פון אחד העמס אידייען) אַ שלעכטער ייד, איז ער אין אַן אַנדער זין געווען דער בעסטער ייד. אין אים איז געווען ווייניקער פונם עבר, דערפאַר אָבער מער פון דער צוקונפט.

ווער־זשע איז געווען אַ בעסערער ייד — ברענער אָדער טרומפּעלדאָר? די דאָזיקע פראַגע איז, לויט מיין מיינונג, אַן איבעריקע: דער ענטפער פון דער דאָזיקער פראַגע הענגט אָפּ פונם אויסגאַנגס־פּונקט. און פונם שטאַנדפּונקט פונם פּראָצעס פון דער יידישער געשיכטע וועט זיך דער דאָזיקער ענטפער נישט איינמאָל ענדערן, פּונקט ווי אין יעדער געשיכטע, וואָס

האָט צו טון מיטן פיל-פּנימדיקן זיך-אַנטוויקלענדיקן לעבן. די זעלבע אייגנשאַפטן, וואָס זענען אַ געוויסע צייט געווען דער בעסטער באַלעבנדיקער אויסדרוק פון יידנטום און זיין בעסטע פאַרקערפּערונג, קאָנען אין אַן אַנדער צייט ווערן דער גרעסטער שטער אויפן וועג פונם היסטאָרישן פּראָצעס פון זעלבן יידנטום. דער אַלטער מוהל, וועלכער אַנערקענט נישט דעם נאָמען „עמוס", ווייל ער אַנטשפּרעכט כלומרשט נישט דער עכטער טראַדיציע פון לעבעדיקן יידנטום, איז אַ שטער אויפן וועג צו דער מעטאַמאָרפאָזע פונם יידנטום, הגם דער דאָזיקער מוהל מיט זיין לעבעדיקן קאָנסערוואַטיזם איז לאַנגע יאָרהונדערטער געווען דער רוקנביין פון אונזער לעבעדיקן לעבן.

אַלדאָס לעבעדיקע ווערט מיט דער צייט אַ שטיצע פאַרן טויט, אויב עס פאַרמאָגט נישט די פעאיקייט צו באַנייען זיך. און וויפל מאָל האָט זיך דאָס יידנטום באַנייט אויפן משך פון זיין היסטאָרישן פּראָצעס! ווען אַ ייד פון די צייטן פון שאול המלך וואָלט געווען דערזען אין אַ צויבער-שפּיגל אַ יידן פון דער צייט פון גלות-בבל, און דער דאָזיקער לעצטער — אַ יידן פון 11—12-טן יאָרהונדערט פון אונזער צייט-רעכנונג אין שפּאַניע, און דער שפּאַנישער ייד וואָלט פון זיין זייט געווען דערזען אַ יידן פון פּוילן פון אָנהייב 19-טן יאָרהונדערט, וואָלט יעדער פון זיי געווען גענומען באַווייגען דעם אומקום פון יידישן פאָלק, ווי דאָס טוען איצט די יעניקע, וועלכע פילן פאַראויס אָדער זעען פאָראויס די פאַרשטייענדיקע מעטאַמאָרפאָזע פון יידנטום. איינע דאַכט זיך, אַז דאָס יידנטום וועט פאַרשווינדן, אויב דער ייד וועט אויפהערן טראָגן פאות; אַנדערע ווידער שרעקן זיך פאַרן נאַציאָנאַלן טויט, אויב יידן וועלן אויפהערן רעדן יידיש, און גאָר אַנדערע זענען זיכער, אַז דאָס יידנטום וועט אומקומען, אויב עס וועט פאַרלאָזן יידיש און וועט נעמען רעדן העברעאיש, און פאַראַן אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן מורא, אַז דאָס יידנטום וועט פאַר-

שווינדן, אויב עס וועט אויפהערן צו לעבן אין גלות און וועט ווערן אַ לאַנדווירטשאַפטלעך פאָלק אויף אייגענעם באָדן.

יעדן איז טייער דאָס, צו וואָס ער איז צוגעוווינט, אָבער דאָס לעבעדיקע לעבן רייסט זיך צו דער צוקונפט, ד. ה. צו ענדערונגען פונם פנים און פונם אינהאַלט, — צו אַנטוויקלונג. און נישטאָ וואָס מורא צו האָבן: אויב עס וועט אין אונדז לעבעדיק זיין דער באַוווסטזיין פון אונדזער המשכדיקן היסטאָרישן „איך", אויב מיר וועלן זיך רייסן צו דער צוקונפט, צו דער צוקונפטיקער ענדערונג מיט אחריות פאַר אַלע פאַריקע דורות, פילנדיק זיך אַלס המשך און יורשים, דאַן וועלן מיר זיין גוטע יידן און אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון יידנטום.

* * *

איך וויל פאַרענדיקן דעם דאָזיקן קליינעם עסיי וועגן אַ גרויס פּראָבלעם מיט אַן אויסטייטשנדיקע איבערדערציילונג פון אַן „אגדה" — איינער פון די אומצאָליקע אגדות וועגן משה רבינו.

גאָט האָט געוויזן זיין ליבלינג אַלע צוקונפטיקע דורות, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך רבי עקיבא, דער גרויסער בישופמאַכער פון אַנטוויקלען די תורה שבכתב אין אַ תורה שבעל פה. משה רבינו האָט זיך פאַרוואָלט הערן, ווי אַזוי דער דאָזיקער תנא לערנט די תורה, וואָס ער, משה, האָט באַקומען אויפן באַרג סיני.

און אָט זיצט משה רבינו אין רבי עקיבאס ישיבה און ער פאַרשטייט גאָרנישט. אַלץ, וואָס רבי עקיבא רעדט איז פאַר אים, פאַר משה רבינו, אומפאַרשטענדלעך, פרעמד. און דאָס סאַמע מאָדנע באַשטייט אין דעם, וואָס רבי עקיבא רופט דאָס אַן משה רבינוס תורה פון באַרג סיני.

דאָס איז די זעלבע תורה, אָבער יעדער דור לייגט אין איר אַריין דאָס זייניקע.

דאס, וואס עס ווערט דיכטעריש אויסגעדריקט אין דער דאזיקער „אגדה", ווערט מיט דער לעצטער קלארקייט אויסגעדריקט אין דער מימרא פון תלמוד ירושלמי:

„די הייליקע תורה און די משנה, דער תלמוד און די אגדה און אפילו דאס, וואס א שארפזיניקער תלמיד וועט ווען נישט איז מחדש זיין פאר זיין רבין, — דאס אלץ איז שוין אנטפלעקט געווארן משה רבינון אויפן בארג סיני".

אט אין וואס עס באשטייט די איינהייט פון דער מענטשהייט און די איינהייט פון יידישן פאלק. משה רבינו האט נישט פארשטאנען רבי עקיבאן, וועלכער פאררופט זיך אויף אים; רבי עקיבא וואלט נישט געוועז פארשטיין אחד העמען, — אבער דער עיקר באשטייט אין דעם, אז מיר זאלן פארשטיין אי משה רבינון, אי רבי עקיבאן, אי אחד העמען, — מיר, וועלכע וועלן נישט פארשטיין די צוקונפטיקע דורות, וועלכע וועלן אבער מוזן פארשטיין אונז, פונקט ווי מיר פארשטייען נאך די פאריקע דורות.

א שלעכטער ייד איז נישט דער, וועמען דער אפנייענדיקער דור פארשטייט נישט; א שלעכטער ייד איז דער, וועלבער פארשטייט נישט די פאריקע דורות.

שלעכטע יידן זענען די יעניקע, וועלכע פארצוימען דעם וועג צו דער צוקונפט, צו נייע רבי עקיבאס, און שלעכטע יידן זענען די יעניקע, וועלכע פארלירן דעם קאנטאקט מיט דעם עבר, נישט פילנדיק, אז זייער נייער באוווסטזיין איז דערוויל דער סאמע ווייטסטער פונקט אין דער אנטוויקלונג פון דעם באוווסטזיין, וואס איז אנגעצונדן געווארן אויפן בארג סיני.

ו) צוריק צום אלטן סדר־היום?

פאראן א יידישער אנעקדאט: א ישיבה־בחור האט אמאל געטומען טרוימען וועגן די גליקן זיינע, ווען ער וועט געווינען דאס גרויסע געווינס: ער וועט אפקויפן דעם שענסטן פלאץ

אין סאַמע מיטן שטאָט; אויפן דאָזיקן בכבודיקן פּלאַץ וועט ער אויפשטעלן אַ שיינע מויער מיט זיבן רחבותדיקע דירות; די דאָזיקע זיבן דירות וועט ער אויסמעבלירן כיד המלך, אַריינזעצן אין זיי די זיבן שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט און ביי יעדן פון זיי וועט ער עסן אַ טאָג.

קאָן מען דען בעסער אויסנוצן דאָס גרויסע געווינס?

פאַרזאָרגט זיין מיט טעג ביי די שענסטע באַלעבאַטים — דער טרוים פון דורות ישיבה־בחורים!

דער דאָזיקער אַנעקדאָט איז טיפער, ווי דאָס קאָן זיך דאַכטן פון אויבנאויף. ער דעקט אָפּ אויף אַ טיפּיש־יידישן ביישפּיל איינע פון דער וועלטס גרויסע טראַגעדיעס: די טרוימען פון דער מענטשהייט הויבן זיך אויף צום פּלי מיט אָנגעגאָסענעם בליי אין די פליגלען: די אַלטע געוווינהייטן. זיי רייסן אונז צוריק צו דעם אַלטן איינגעזעסענעם באָדן, ווי שמוציק ער זאָל נישט זיין, ווייל ער איז באַקאַנט, ווייל ער טראָגט די סימנים פון אונזער איינגעזעסנקייט.

מען וואָלט געקאָנט שרייבן אַ וועלט־געשיכטע אונטערן אַספּעקט פון טראַגישן קאַמף צווישן מענטשנס טרוימען און זיינע געוווינהייטן.

ס'איז שווער צו ענדערן דאָס לעבן פון מענטשן, — עס רייסט אים תמיד אויף צוריק. עס ציט אים צוריק צום פלייש־טאָפּ פון מצרים, צום נאָרמאַלן, — ווייל דאָס געוווינטע איז פאַר אים נאָרמאַל, ווי אומנאָרמאַל דאָס זאָל נישט זיין און דאָס נאָרמאַלסטע — אומנאָרמאַל, אויב ס'איז אַ נייעס.

אַ טייך גייט אַרויס פון די ברעגעס, פאַרגיסט אַמאָל ריזיקע שטחים און קערט זיך כמעט תמיד אום צו זיין קאָריטע: דורך טויזנט ריטשקעלעך לויפט דאָס וואַסער צוריק, צום אַלטן געוווינטן לויף, צו דער אַלטער נאָרמאַלער ריכטונג.

... אויך די געשיכטע גייט אַרויס פון די ברעגעס, ענדערט, דאַכט זיך, איר ריכטונג, איר קאָריטע, — אָבער דער צווילינג־

קינד פון רעוואָלוציע איז כמעט תמיד רעסטאַווראַציע, דער אומקער צום אַלטן, צום געוווינטן, צום „נאָרמאַלן". דורך טויזנט ריטשקעלעך לויפט דאָס לעבן אויף צוריק, צום געוווינטן, צום „נאָרמאַלן".

עס איז אַזוי שווער איינצוהאַלטן ניי־געוווּנענע פּאָזיציעס. עס איז נויטיק אַזאַ כסדרדיקע אָנשטרענגונג, אַזאַ „טעראָר" קעגן די געוווינהייטן, כמעט ווי איר זאָלט דאַרפן איינהאַלטן אַ שטיין אין דער לופטן: פּרוווט אים נאָר לאָזן איין מינוט אַליין, וועט ער גלייך פאַלן צוריק. און דאָס לעבן איז אַזוי דערפינדעריש אין דאָזיקן פּרט, — אויב עס קאָן זיך נישט אומקערן צום אַלטן פריי, אָפן, געפינט עס אַלערליי תחבולות אויף אומצוקערן זיך פון הינטן אַרום, פאַרשטעלט. און דעריבער טרעפט: מען קוויקט זיך מיטן נייעם, מען איז אַנטציקט פון די נייע דערגרייכונגען און מען באַמערקט גאָרנישט, אַז הינטערן נייעם פאַסאַד האָבן זיך צוריק פאַרקליבן די אַלטע רוחות און באַלעבאַטעווען דאָרט, ווי אַמאָל, אין די „נאָרמאַלע" צייטן.

דערמאָנט זיך נאָר די ערשטע וועלט־מלחמה. ס'אַ סך ענדערונגען זי האָט אַריינגעבראַכט אין אינטערנאַציאָנאַלן לעבן. אָבער וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? אונטער דער אויסערלעך־נייער דיפּלאָמאַטיע (אָנשטאָט געהיים־דיפּלאָמאַטיע — אָפענע פעלקער־בונד־פּאָליטיק) האָט געבאַלעבאַטעוועט די אַלטע, „נאָרמאַלע" דיפּלאָמאַטיע; אונטער די לאָזונגען „קיינמאָל מער קיין קריג", האָט מען רואיק צוגעגרייט דעם גרעסטן קריג פון אַלע צייטן; אונטער די לאָזונגען פון פאָלקס־הערשאַפט האָט מען די פעלקער געבונדן הענט און פיס. — מיט איין וואָרט: אין אַלע דערשיינונגען סיי פון אינטערנאַציאָנאַלן לעבן, סיי פון אינערלעכן לעבן פון די פעלקער האָט מען אונטער נייע פאָרמען (פּשוטע מאַקעטן פון באַזילבערטן טאָוול) אַריינגעשמוגלט דאָס אַלטע, „נאָרמאַלע" לעבן. אפילו די

דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט באַקומען אומגע־ריכט בירושה אַ רעפּובליק, האָט זיך געפונען אין גרויס פאַר־לעגנהייט, וואָס טוט זי מיטן אומגעוווינטן נייעם, פאַר וועלכן מען האָט אַזוי מורא, מיט וועלכן עס איז אַ שרעק צו ריזיקירן? און ווי דערפינדעריש זי איז געווען, כדי אַריינצוברענגען אינם נייעם — דאָס אַלטע. איר לאָזונג איז געווען דער זעלבער ווי לאָיד דזשאָרדזשס — נאָרמאַליזירן, אומקערן זיך צום „נאָר־מאַלן" לעבן פון פאַר דער מלחמה. פאַר לאָיד דזשאָרדזשן האָט עס געהייסן — אומקערן זיך, אין תוך, צו די אַלטע גע־וווינטע וועגן פון דיפּלאָמאַטיע, צו די אַלטע „נאָרמאַלע" פּרינציפּן פון דער פּאָליטיק א. א. וו.; פאַר די דייטשע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן האָט עס געהייסן: איבערגעבן עמיצן אַנ־דערש די רעפּובליק און אַליין אומקערן זיך צו דער ראָל פון אַ לעגאַלער אָפּאָזיציע, — אַ ראָל, צו וועלכער מען איז געווען אַזוי געוווינט, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי „נאָרמאַל". מיט איין וואָרט: פאַרוועגדן דאָס גרויסע געווינס אויף צו עסן טעג ביי די שענסטע באַלעבאַטים אין שטאָט.

אָט דער ישיבה־בחורישער טרוים איז געווען דער אומגליק פון אייראָפּע; ער איז דער אומגליק פון דער וועלט. מען שטעלט זיך זייער גוט פאָר עפּעס נייעס, מען גיט אַ פלי אויף די פליגלען פון טרוים, פון אַ וויזיע, אָבער גלייך הויבט אָן צו שווערן דאָס בליי, וואָס די געוווינהייט האָט אָנגעגאָסן אין די טרוים־פליגלען.

אין גרעסטן סימבאָלן־בוך פון דער מענטשהייט, אין תנך, איז די דאָזיקע טראַגעדיע זייער גוט אויסגעדריקט: פּרעה וויל, ביי יעדער מכה, אַרויסלאָזן די יידן, — ווייל אָן אומגליק צעטרייסלט, דערשיטערט און לאָזט ליגן אַ פאַרחלשטע (פון שרעק) די געוווינהייט; אָבער ווי נאָר די מכה פלעגט באַזיי־טיקט ווערן, פלעגט ער האָבן חרטה, — די געוווינהייט פלעגט זיך אָטכייקען פון חלשות און בשום אופן זיך נישט קאָנען

פאַרשטעלן, ווי אַזוי וועט דאָס מצרים אויסקומען אַן די יידישע קנעכט.

און אַט די פרעהשע געוווינהייט איז געווען דער אומגליק פון די יידן אַמאָל און זי איז דער אומגליק פון די יידן אויך היינט. אָבער נישט נאָר דערמיט, וואָס פרעה לעבט אויך היינט און ער איז געבליבן דער זעלבער, נאָר אויך מיט דעם, וואָס מיר טראָגן אין זיך גופא די דאָזיקע פרעהש־פאַר־קנעכטנדיקע געוווינהייט.

אויך אונזערע טרוימען וועגן נייעם זענען אָנגעגאָסן מיט בליי פון געוווינהייטן. טרוימען זענען דאָס קינד פון ליידן, פון מאַנגל, און מיר, יידן, זענען דעריבער געניייגט צו טרוימען, ווייל ווער ליידט נאָך, ווי מיר, און וועמען פעלט נאָך אַזוי פיל, ווי אונז? אָבער ווי נאָר די שאַרפקייט פון די ליידן — וועלכע האָבן אַריבערגעטראָטן די געוווינלעכע גרענעץ — גייט אַריבער, נעמען מיר זיך רייסן צום אַלטן, צום געוווינטן, צום „נאָרמאַלן": אויך מיר הויבן אָן „טרוימען" (מיט אַראָפּגעשוועכטע טרוים־פליגלען) פון נאָרמאַליזירן אונזער צושטאַנד. מיר געפינען נישט אין זיך די נויטיקע קראַפט צו גיין אויף נייע וועגן, צו זוכן אַ ליזונג פאַר אונזער פאָלקס־לעבן אין הסכם מיט אונזער שכל און אונזער געפיל, ווען זיי ווערן באַפרייט פון די געוווינהייטן, פונם „נאָרמאַלן" סטאַטוס־קוואָ אין צייטן פון גרויסע אויפטרייסלונגען.

מען רעדט איצט אין אונזער אַמעריקאַנער פרעסע וועגן די אויפגאַבן פון יידישן פאָלק נאָך דער מלחמה. מען דעבאַטירט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אונזערע.

די וויכטיקסטע אויפגאַבע אונזערע איז צו מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען קעגן דעם געפערלעכן דראַנג צו נאָרמאַליזירן אונזער לעבן לויט דעם מוסטער פונם אַלטן, געוווינטן. דאָס איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פאַר דער גאַנצער וועלט, אָבער נאָך מער פאַר אונז, ווייל ביי אַנדערע איז דערפון

אָפּהענגיק צי זייער עקזיסטענץ וועט זיין אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע, און ביי אונז שטייט אין קאָן אונזער פאָלקס־עקזיס־טענץ גופא.

אַן אומגליק איז שווער איבערצולעבן; אָבער גאָר אומ־דערטרעגלעך איז אַן אומגליק, פון וועלכן מען לערנט גאָרנישט.

און די גרעסטע לערע פון אונזער איצטיקן גרויסן אומגליק איז און דאַרף זיין, אַז נישט נאָר פון אַנדערע פעלקער דאַרף מען פאָדערן די אָנשטרענגונג צו צעברעכן די פינסטערע מאַכט פון געוווינהייט, נאָר אויך פון זיך גופא דאַרף מען דאָס פאָדערן.

מיר דאַרפן טרוימען וועגן אַ שענערע, נאָרמאַלערע וועלט, וואָס שטעלט אַנטקעגן דער מאַכט פון געוווינהייט — דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד; אָבער לאָמיר אין דער דאָזיקער אויסגעטרוימטער, געגאַרטער וועלט טרוימען פאַר זיך וועגן עפּעס מער ווי אַ נאָרמאַליזירונג לויט אונזער געוווינהייט.

און די געפאַר איז גרויס. מיר זענען שוין צו פיל געוווינט געוואָרן צו טרוימען וועגן פּלאַצן פאַר אַנדערע און פאַר זיך — וועגן עסן טעג אין זיי.

ז) וועגן אַנטיסעמיטיזם

פון דעם פאַקט, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם איז כמעט איי־ביק, אומשטערבלעך, זענען געמאַכט געוואָרן צוויי קעגנזעצ־לעכע אויספירן: די אַנטיסעמיטן האָבן געמאַכט דעם אויספיר, אַז דאָס יידנטום איז דער אייביקער טייוול, קעגן וועלכן עס פירט אַ הייליקן קאַמף דער דערלייזער, דער אייביקער קריס־טוס (אַמאָל קאָן ער פאַר אַ טייל קריסטן הייסן — היטלער...); און אייניקע מיסטיש געשטימטע יידן האָבן געמאַכט דעם אויספיר, אַז דאָס יידנטום איז דאָס הייליקע דערלייזער־פאָלק, קעגן וועמען עס פירט אַן אייביקע מלחמה דער טייוול.

די דאָזיקע מעטאַפיזיש־רעליגיעזע דערקלערונג האָט זיך, אונטער דער ווירקונג פון דער „אויפגעקלערטער" היינטצייטי־קייט", אַביסל געענדערט אין הער פאָרם, הגם לויטן גייסט איז זי געבליבן ווי געווען: דאָס מעטאַפיזיש־רעליגיעזע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מעטאַפיזיש־ראַסישעס. און די דאָזיקע נייע, אַביסל באַנייטע לערע האָט גרויס דערפאָלג נישט נאָר ביים אַנדערן צד, נאָר אויך ביי אַ סך יידן; אויב דער אַנטי־סעמיטיזם איז אייביק, אומשטערבלעך, זענען דאָך פאַר דעם, פאַרשיינלעך, דאָ וואָגיקע, אָביעקטיווע, צייטלאָזע מאָטיוון, — ער באַזירט, פאַרשיינלעך, אויף עפּעס אָביעקטיוו־מעטאַפיזי־שעס, ווי ראַסע, אויף אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קעגנזאַץ פון עטישן עלעמענט.

אונטער דער ווירקונג פון זיגמונד פרוידס לערע, איז דער אַנטיסעמיטיזם באַערט געוואָרן אפילו מיט אַ פּסיכאָאַנאַלי־טישער דערקלערונג: היות דאָס קריסטנטום האָט אָנגעטון אַן עטיש צוואַנגס־יאָך אויף די באַרבאַרישע פעלקער פון אייראָפּע און עס לאָזט זיי נישט פריי אויסלעבן זייערע ווילדע אינ־סטינקטן (אויך איינער פון די קאָנוועציאָנעלע ליגנס; ווען האָט דאָס קריסטנטום געשטערט דער אויסלעבונג פון די אינ־סטינקטן?!), דעריבער איז די דאָזיקע אונטערדריקטע סטיכיע פול שנאה צום פאָטער פון קריסטנטום, צום יידנטום, און ביי דער ערשטער באַקוועמער געלעגנהייט איז זי זיך נוקם אין אים מיט אַ שרעקלעכן אויסברוך: די אונטערדריקטע אינ־סטינקטן הוליען אויף דער פריי, כאַפּן אָפּ דעם אָטעם.

אַזאַ דערקלערונג קאָן מען, למשל, געפינען ביי אַרנאָלד צווייגן אין זיין בוך „דער באַלאַנס פון דייטשן יידנטום".

די דאָזיקע דערקלערונג איז אינטערעסאַנט, ווי יעדע גוט־סערווירטע, פאַראַלגעמיינערנדיקע דערקלערונג, אָבער פאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך פּאַסט זיך פאָרט גיכער אַ ווייניקער־טיפע, נישט קיין מאָניסטיש־פאַראַלגעמיינערנדיקע, אָבער דער־

פאַר מער קלאָרע, רעאַלע דערקלערונג פון דער דאָזיקער דער־שיינונג.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט א סך גערנדיקע קוואַלן און דווקא נישט פון א מעטאַפיזיש־רעליגיעזן אָדער מעטאַפיזיש־וויסנשאַפטלעכן (ראַסן־טעאָרעטישן!) כאַראַקטער, נאָר פון א פּסיכאָלאָגיש־היסטאָרישן און עקאָנאָמיש־טאָג־טעגלעכן. אויף אייניקע פון די דאָזיקע קוואַלן וויל איך דאָ טאַקע אָנווייזן. אויף די דאָזיקע סיבות ווייזט מען אָן נישט צום ערשטן און נישט צום לעצטן מאָל, און איין גאָט ווייס וויפל מאָל מען וועט נאָך דאַרפן אָנווייזן אויף זיי.

* * *

אין דער מענטשלעכער פּסיכיק האָט געשלאָגן טיפע וואָרצ־לען פון די אור־אַלטע צייטן דער חשד צום פרעמדן, צום אומ־פאַרשטענדלעכן, בכלל — צום אַנדערשדיקן.

די דאָזיקע חשדישקייט צום אַנדערשדיקן, וואָס איז אייגן יעדן לעבעדיקן וועזן, צעוואַקסט זיך ביז שנאה און אַקטיווער אַגרעסיווקייט אין מאָמענטן פון פּסיכישער געררייצטקייט; דער פרעמדער, דער אַנדערשדיקער ציט צו די צעווילדעוועטע בליקן און ער דינט אַלס גוטער בליץ־אָפּפירער.

די יידן, ווי יעדער פרעמדער, אַנדערשדיקער עלעמענט, זענען, אַזוי אַרום, אַן אידעאַלער אָביעקט פון שנאה פאַר די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן: פרעמדע לויט דער שפּראַך, לויטן אויסזען, לויט דער הלבשה, לויט די מנהגים און לויט דער רעליגיע, פלעגט זיך אויף זיי תמיד אַראָפּלאָזן די פון צאָרן ציטערנדיקע האַנט.

צו דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגישער סיבה (און די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע סיבה איז פאַר אַלעמען קלאָר, איז אַלעמען באַ־קאַנט פון אייגענעם לעבן און פון דער אַרומיקער סביבה) איז נאָך צוגעקומען א היסטאָרישע און, במילא, זי נאָך מער פאַר־

שאַרפֿט: איך האָב דאָ אין זינען די טויזנט־יאָריקע „דערציע־ רישע" טעטיקייט פֿון דער קריסטלעכער קירכע.

אין איר אידעאָלאָגישן קאַמף מיטן יידנטום, האָט די קירכע נישט געקענט און נישט אָנערקענט קיין שום גרעניצן צווישן דערלויבטן און נישט־דערלויבטן. די יידישע רעליגיע, וואָס איז אַ שפּענדל אין אויג פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע, האָט געמוזט פֿארשווינדן פֿאַר יעדן פּרייז. און אויב מען האָט נישט געקאָנט אויסוואָרצלען די רעליגיע, האָט מען באַדאַרפֿט אויסוואָרצלען איר טרעגער — דאָס יידישע פֿאָלק. און אויף אַזאַ אופֿן האָבן די אינסטינקטיווע חשדישקייט און שנאה באַ־קומען, אַ דאַנק דער פּראָפּאַגאַנדע־דערציאונג פֿון דער קריסט־לעכער קירכע, אַ באַוווסטזיניקן אָנשפּאַר.

דער מענטש איז אַן אינטעליגענטע חיה און ער נוצט אויס אַלץ, וואָס ער געפֿינט אַרום זיך, כדי צו מאַכן זיין לעבן לייכטער, זאַטער און אָנגענעמער. איז ווי אַזוי האָט ער נישט געזאָלט אויסנוצן די דאָזיקע אומבאַוווסטזיניקע (און אין משך פֿון יאָרהונדערטער נאָך באַוווסטזיניק פֿאַרגרעסערטע) שנאה צו די יידן, — אַ שנאה, וואָס ער האָט געפֿונען אַרום זיך אין אַזאַ גרויסער דאָזע? אויב דער מענטש נוצט אויס יעדעם קליינע טייכל, כדי עס זאָל אים דרייען זיין מיל כמעט אומזיסט, טאָ ווי אַזוי האָט ער געקאָנט נישט אויסנוצן דעם דאָזיקן מעכטיקן שטראָם פֿון שנאה און חשדישקייט (וואָס זענען יעדע מינוט גרייט אַרויסצוגיין צו זייער פּאָטענציעלן צו־שטאַנד און ווערן אַקטיוו) פֿאַר זייערע ענג־פּערזענלעכע און פּאָליטיש־פּערזענלעכע צילן? ביי יעדער פּערזענלעכער באַדער־פֿעניש און ביי יעדער פּאָליטישער צוועקמעסיקייט נעמען זיך מענטשן, פּאַרטייען און רעגירונגען פֿאַרן דאָזיקן מעכטיקן גרייטן געווער.

דער נאַטירלעכער אינסטינקט פֿון חשדישקייט און שנאה האָט זיך פֿאַרוואַנדלט, אַ דאַנק דער דערציאונג פֿון דער קירכע,

אין אַ מעכטיקער געווינהייט, וואָס איז, פון איר זייט, פאַר־וואַנדלט געוואָרן, אַ דאַנק איר כסדרדיקייט, אין אַ צווייטער נאַטור.

און דאָס ציט זיך אַזוי ביזן היינטיקן טאָג, נישט געקוקט אויפן פּראָגרעס פון מענטשלעכן געדאַנק און פון דער מענטש־לעכער פעאיקייט צו באַגרייפן זיך אַליין אינם שפּיגל פון זיין אייגענער פּסיכאָלאָגיע.

דער מענטש קאָן באַגרייפן און אָנערקענען, אַז אייפער־זוכט איז אַ נידעריקער אינסטינקט, וואָס פאַרשאַפט דעם מענטשן חרפּה, אַז די פרוי דאַרף האָבן נישט ווייניקער פריי־הייט פאַרן מאַן, אָבער ווי נאָר דער מאַן וועט באַמערקן, ווי די געליבטע פרוי אינטערעסירט זיך צו פיל מיט אַ צווייטן מאַנס־ביל, וועט דער אינסטינקט תיכף אַ פליייץ טון מיט אַ מעכטיקן שטראָם, אַראָפּרייסנדיק די טאַמע פון פאַרשטאַנד, און דער מענטש וועט אָפּגעוואָרפן ווערן צוריק אויף יאָרהונדערטער: די טאַמע פון פאַרשטאַנד איז נאָך אַזוי שוואַך אין פאַרגלייך מיטן קדמונימדיקן אינסטינקט...

דאָס זעלבע קומט פאָר מיטן אַנטיסעמיטיזם: ווי נאָר אויף דער סצענע באַווייזט זיך דער פּערזענלעכער אָדער פּאָליטישער אינטערעס, פאַרשווינדט די „בילדונג", די מאָטיוון פון פאַר־שטאַנד און דאָס באַגרייפן דעם אמת ווערן אַראָפּגעשווענקט, עס שווימט אַרויף דער מיטלאַלטער, און די טויזנט־יאָריקע (און איצטערדיקע) דערציאונג — וואָס איז קאָנדענסירט אין סולטיווירטע אינסטינקטן פון שנאה און פאָראורטיילן — קומט צום וואָרט.

און די דאָזיקע אויפגעוועקטע פּרימיטיווקייט האָט אַ לייכ־טע אויפגאַבע: אונטער דער האַנט ליגן מעכטיקע, אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער אויסגעפּרוווטע געצייג: די ירושה פון שנאה, די חשדישקייט צום פרעמדן, פּערזענלעכע אינטערעס־ און פּאָליטישע צוועקמעסיקייט.

ווען די טאַמע איז שוין דורכגעריסן, איז שוין נישט קיין שווערע זאַך זי אינגאַנצן אַראָפּצוטראָגן.
און דורכרייסן זי איז נישט אַזוי שווער.
וואָס שייך דעם דאָזיקן פּונקט, נויטיקט זיך נישט אונזער דור אין קיין שום טעאָרעטישע באַווייזן.

ח) אויב דאָס איז אַנטיסעמיטיזם — בין אין אויך אַן אַנטיסעמיט

אין יאָר 1912, ווען די מערהייט דייטשע יידן האָט נאָך פרידלעך געשלאָפן און געזען דעם „פּרעכטיקן" חלום פון אַסימילאַציע (און אַ טייל פון זיי האָט אפשר געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי שלאָפן און זעען „פּרעכטיקע" חלומות...), — אין יאָר 1912, 15 יאָר נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט זיך געפונען אַ וועלט־באַרימטער דייטשער געלערנטער, וועלכער האָט גענומען אין שוץ די אידייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.
דער דאָזיקער געלערנטער, ווערנער זאָמבאַרט, האָט אין יאָר 1912 אַרויסגעלאָזן אַ בוך אונטערן טיטל „די צוקונפט פון די יידן". אין דאָזיקן בוך אַטאַקירט ער שטאַרק די אַסימילאַציע און אַגיטירט פאַרן פאַרבייטן זי מיט דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע.
ווערנער זאָמבאַרט קומט צו דער אידייע פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן עס זענען דערגאַנגען צו אים אויך די מערב־אייראָפּעאישע שעפער פון ציוניזם — הערצל און נאָרדוי: די אַסימילאַציע האָט באַנקראָטירט, געשטאָרבן — זאָל־זשע אויפשטיין תחית המתים דאָס אַלטע פאָלק ישראל!
אין זיין געשיכטע פון יידישן פאָלק סומירט דובנאָוו אַזוי זאָמבאַרטס אויבנגעבראַכטע געדאַנקען:

„אויב די באמיאונגען פון די יידן צוזאמענצוגיסן זיך מיט די ארומיקע פעלקער האבן דערפירט צו א פארקערטן רעזולטאט, וואס דריקט זיך אויס אין אנטיסעמיטיזם, דאן בלייבט פאר די יידן איבעריק דער אויסגעפרוווטער היסטארישער וועג — געטריי זיי זיך אליין, דעם אייגענעם פאלק. אהאספער, וועלכער זוכט דעם טויט און קאן אים נישט געפינען, מוז זיך אנטשליסן צו לעבן ווייטער אלס געטרייער ייד.

„די יידן, — רעדנדיק מיט זאמבארטס ווערטער, — מוזן אנשטרענגען די גאנצע קראפט פון זייער ווילן, כדי, אויף צו להכעיס דער גאנצער וועלט, בלייבן א זעלבשטענדיקער נאציאנאלער ארגאניזם, א יידיש פאלק...

„דאס יידישע פאלק, אנהויבנדיק מיט די נביאים, האט דאך אריינגעטראגן אין אלמענטשלעכן כאר א הויכן עטישן טאן, און ביז אויפן היינטיקן טאג טוט ער דאס זעלבע דורך זיינע בעסטע זין. דער גרויסער טראגישער פאטאס, וואס אים שטייט נאך פאר צו פאראיידעלן די וועלט פון סטיכייאישע כוחות, איז דאך געבוירן געווארן אין יידנטום, און נאר פון דארטן איז ער אריבער צום קריסטנטום. אנטקעגנשטעלן דעם העללעניזם א צווייטן גרויסן מוסטער פון לעבן — דאס איז נאך אויך היינט די אויפגאבע פון פאלק ישראל”.

עס איז קיין וווּנדער נישט, וואס פון דאזיקן שטאנדפונקט פאראורטיילט זאמבארט די דייטשע יידן, וועלכע באמיען זיך פאר יעדן פרייז אריינצודרינגען אין דער דייטשער געזעלשאפט און זיי באטראכטן פאר זיך אלס „כבוד צו ווערן מלוכה־באאמטע אדער אפיצירן” (דובנאוו). זאמבארט זעט, ווי יעדער נארמאלער מענטש, די גאנצע מאראלישע עקלדיקייט פון מענטשן, וועלכע רייסן זיך אהין, וווהין מען לאזט זיי נישט צו און וו מען האט זיי פיינט... זאמבארטן געפעלן בעסער די מזרח־אייראפעאישע יידן, וועלכע האבן אויפגעהויבן די פאן פון נאציאנאלער אויפלעבונג.

יעדער ייד, — באַזונדערס פון מערב־אייראָפּע, — וואָס איז נאָר אַ האַריטשקע אינטעליגענט, ווייס אויף זיכער, אַז זאַמבאַרט איז אַן אַנטיסעמיט. הגם ער אַנערקענט אין זיינע עקאָנאָמישע ווערק די גרויסע פאַרדינסטן פון די יידן ביים אַנטוויקלען דעם וועלט־האַנדל און אַזוי ווייטער. יעדער קריסט, וועלכער קאָן נישט באַגרייפן מיט זיין געזונטן נאַציאָנאַלן גע־פיל די פאַרביסענע, ווילד־משוגענע באַמיאונגען פון די יידן צו באַגיין נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד, ווערן פאַררעכנט ביי די דאָ־זיקע, דורך זיי פאַראורטיילטע יידן, אַלס אַנטיסעמיטן. אויף יעדן, וועלכער וועקט זיי צו לעבן, וועלכער דערמאָנט זיי אין לעבן, קוקן זיי ווי אויף אַ שונא.

דער דייטשער דיכטער, טעאָלאָג און היסטאָריאָזאָף הער־דער האָט שאַרף פאַראורטיילט די יידן פאַר זייער נאַציאָנאַלער פּאַסיווקייט. אַ פאָלק, האָט ער געטענהט, וואָס ווערט אַזוי באַעוולהט און באַליידיקט, האָט נישט קיין ערן־געפיל, אויב ער טוט נישט אַלץ, כדי צו באַפרייען זיך פון זיין קנעכטישן צו־שטאַנד. הערדער איז, נאַטירלעך, באַצייכנט געוואָרן אַלס אַנטי־סעמיט. און זאַמבאַרטן איז אויך באַשערט געווען דער זעלבער גורל.

געוויס, צווישן הערדערס און זאַמבאַרטס מאָטיוון פאַר זייערע ריכטיקע באַמערקונגען, האָבן זיך געקאָנט געפינען אויך אַנטיסעמיטישע. אָבער זייערע געפילן לגבי אונזערע האַנדלונ־גען און זייערע אויספירן פון זיי ווערן דורך דעם נישט געמי־נערט אין זייער אמת.

אַן אַנטיסעמיט איז דער, וועלכער שלאָגט און מאָרדעט אונטערן לאָזונג: „יידן, קיין פּאַלעסטינע!”, צוליב פּערזענלעכע אָדער ענגהאַרציקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אָבער די גוים, וועלכע האַלטן, אַז יידן דאַרפן שאַפן פאַר זיך אַן אייגן לאַנד, ווייל ס'איז אַ חרפה צו פאַרטראָגן דעם צושטאַנד פון קנעכט סיי אַלס פולבלוטיקע יידן, סיי אַלס אַסימילאַטאָרן, — די

דאָזיקע זענען נישט קיין אַנטיסעמיטן, ווייל זיי זאָגן נישט מער ווי דאָס, וואָס עס האָבן געזאָגט אַזוי פיל גרויסע און גוטע יידן פון לעצטן יאָרהונדערט. לייענט „רוים און ירושלים" פון משה העס; לייענט פינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" (דעם דאָזיקן פּערל פון יידישער פּובליציסטיק), לייענט אחד העמס „קנעכטשאַפט אין פרייהייט" (דעם דאָזיקן שאַרפן אורטייל איבער דער מערב־אייראָפּעאישער אַסימילאַציע) און איר וועט זען, אַז אויך זיי דאַרף מען צורעכענען צו דער קאַטעגאָריע אַנטיסעמיטן. (און עס זענען טאַקע געווען און עס זענען דאָ אַזעלכע חכמים, וועלכע האַלטן, אַז די ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן זענען יידישע באַהעלפערס פון די גוייִשע אַנטיסעמיטן).

און נאָך מער: די אַסימילאַטאָרן באַטראַכטן יעדן ייד, וואָס רופט צו נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, — אפילו אין גלות! — פאַר אַ מיקראָב, וואָס ברענגט אַנטיסעמיטיזם.

אויב אָבער אָט־דאָס־אָ איז אַנטיסעמיטיזם — בין איך אויך אַן אַנטיסעמיט.

ס'איז ערנהאַפטער צו זיין אַן אַנטיסעמיט אין אַזאַ געזעלשאַפט, ווי די אויבן אויסגערעכנטע, — איידער אַ ליבעראַל צווישן פילאַנטראָפּיע־יאהודים.

ט) וועגן יידישער אַסימילאַציע

פאַראַן יידן, וועלכע ווערן זייער אויפגערעגט ווען מען רעדט וועגן אַסימילאַציע, ווי וועגן אַ ספּעציפיש־יידישער דערשיינונג.

צי דען, — טענהן זיי, — איז אַסימילאַציע נישט בנמצא אויך ביי אַנדערע פעלקער? צי דען לעבן אין אַמעריקע אַן אַסימילירט לעבן נאָר יידן? און ווו זענען די דאָרטיקע אַסימילירטע פּאָליאַקן, דייטשן און אירלענדער?

געוויס, — טענהן די דאָזיקע אויפגערעגטע (צי בלויז צוליב מאָטיוון פון אמת? און אפשר צוליב פּראַקטישער גע־רייצטקייט?), איז אַסימילאַציע צווישן יידן אַ סך פאַרשפּרייטער, ווי ביי אַנדערע פעלקער, אָבער דאָס איז דאָך אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט: אַלע יידן געפינען זיך אַלס מינדערהייטן צווישן פרעמדע, בעת פון אַנדערע פעלקער געפינען זיך צווישן פרעמ־דע בלויז קליינע טיילן. דער אונטערשיד איז, לויט זיי, בלויז אַ פּראָצענטועלער, נישט קיין וועזנטלעכער.

אָבער די דאָזיקע אויפגערעגטע זענען נישט גערעכט: אַסי־מילאַציע איז אַן אַלגעמיינע סאָציאַלע דערשיינונג, אָבער ביי יידן האָט זי באַקומען אַ ספּעציפישן כאַראַקטער, און נישט נאָר מען קאָן, נאָר מען מוז רעדן וועגן דער יידישער אַסימי־לאַציע, ווי וועגן אַ דערשיינונג, וואָס איז אַ יחיד במינו.

ביי אַנדערע פעלקער זענען, בלי ספק, אויך דאָ אַסימי־לירטע, אָבער עס איז נישטאָ קיין אַסימילאַטאָרישע באַוועג־גונג. ביי אַנדערע פעלקער איז די אַסימילאַציע, אויף וויפל זי קומט פאָר, בלויז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, יעדנפאַלס על־פּי־רוב, בעת ביי יידן ווערט דער נאַטירלעכער פּראָצעס אונטער־געשטיצט דורכן ווילן. די אַסימילירטע פון אַנדערע פעלקער ווילן נישט אַנטלויפן פון זייער פאָלק, זיי שעמען זיך נישט מיט אים; די אַסימילאַציע קומט ביי זיי פאָר נאַטירלעך, זיי וואַקסן אריין אין פרעמדן פאָלק בלויז צוליב אויסערלעכע סיבות, און דעריבער איז זייער אַסימילאַציע אַ גאַנצע, אַזוי צו זאָגן, אָן דעם באַגלייט־עלעמענט פון פּסיכישער שפּאַל־טונג, אָן דעם באַוווסטזיין פון אַנטלויפן, פון ווען אויסבאַ־האַלטן זייער אָפּשטאַם. זיי וואַקסן אריין אין אַ פרעמד פאָלק; מיר קריכן אריין אין אַ פרעמד פאָלק. זיי האָבן נישט קיין מורא דערקענט צו ווערן צוליב זייער אַמאָליקן שאָטן; מיר ציטערן דערפאַר — מיר וואָלטן אים אַמליבסטן געוועזן אָפּגעשניטן, ווען דאָס וואָלט מעגלעך געווען.

די דאָזיקע ספּעציפישקייט פון דער יידישער אַסימילאַציע האָט גאַנץ ווירקזאַמע סיבות, — סיי אינערלעכע, סיי אויסער־לעכע: פון איין זייט דאַרפן מיר אויפלייזן א צו שטאַרקן נאַ־ציאָנאַלן קערן, מיר דאַרפן צעשמעלצן אַ צו אויסגעפורעמטן נאַציאָנאַלן „איך"; און פון דער צווייטער זייט קוקט מען זיך צו פיל אום פון אַלע זייטן אויף אונזער שאָטן — מען לאָזט אונזערע אַסימילאַטאָרן נישט פאַרגעסן אין אים.

אָבער דערקלערן אַ זאַך, הייסט נאָך נישט זי באַזייטיקן פון דער ווירקלעכקייט.

העכסטנס קאָן מען זי נאָר באַשטעטיקן דורך דעם.

יאָ, די יידישע אַסימילאַציע איז אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע סאָ־ציאַלע דערשיינונג. און עס איז כדאי זיך מיט איר צו פאַר־נעמען נישט נאָר פון יידיש־נאַציאָנאַלן, נאָר אויך פון סאָ־ציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפונקט בכלל. עס איז כדאי זי אויס־צופאָרשן טאַקע פון שטאַנדפונקט פון איר אַנדערשדיקייט אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער דערשיינונג פון אַסימילאַציע.

פון דער דאָזיקער אַנדערשדיקייט שטאַמט — נישט אין אַ קליינער מאָס — דער איינציק־אַרטיקער יידישער זעלבסט־האַס, וועגן וועלכן פּראָפעסאָר ט. לעסינג האָט פאַרפאַסט אַ גאַנץ בוך („דער יידישער זעלבסטהאַס") און פון וועלכן אָטאָ וויינינגער איז דער פּאָפּולערסטער אָבער נישט דער איינציקער קרבן.

וויינינגער איז לחלוטין נישט געווען קיין אינדיווידועלער פּאַטאָלאָגישער פאַל. נישט ביי אַלעמען נעמט ער אָן אָביעק־טיוו־וויסנשאַפטלעכע פאָרשטעלונגס־פאָרם. אָבער דער יידישער זעלבסטהאַס איז אַ פאַקט, וועלכן אַ סך באַמערקן, קענען און באַשרייבן; וועלכן אַ סך וואָלטן — ביי דער קלענסטער פעאי־קייט פון זעלבסטבאָאָבאַכטונג — געווען געקאָנט געפינען אויך ביי זיך.

דאָס וועלן און נישט קאָנען אַנטלויפן פון זיך רופט אים:

אַרויס, אַז דעם דאָזיקן זעלבסטהאַס, וועלכן מען דאַרף נישט פאַרבייטן מיטן פּאָזיטיוון שעפערישן האַס צו די אייגענע פעלערן און אַנאָמאַליעס, — אַ האַס, וועלכן מיר באַגעגענען אינעם יידישן נאַציאָנאַליזם.

דער דאָזיקער שעפערישער האַס איז געווענדט קעגן דאָס שלעכטע אינעם יידישן „איך"; דער זעלבסטהאַס איז געווענדט קעגן דאָס יידישע, קעגן דעם יידישן „איך" איבערהויפּט.

י) די איינציקע עכטע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן

פּסיכאָלאָגיע איז די סאַמע יינגסטע און נישט־דערפאַרענע וויסנשאַפט. נישט איינער האָט שוין אָנגעוויזן אויפן מערק־ווירדיקן פאַקט, וואָס דאַן, ווען דער מענטש האָט שוין געוווסט זייער אַ סך וועגן דער באַוועגונג פון די פּלאַנעטן, וואָס זענען אַזוי ווייט פון אים, איז אים אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען צו שטודירן דאָס נאָענטסטע — זיין אייגענע נשמה. ערשטנס — באַמערקט דער מענטש לייכטער דאָס אויסערלעכע, און צווייטנס — דאָס אויסערלעכע איז לייכטער אויסצופאָרשן. עס ווירקט אויף די אויסערלעכע חושים און עס לאָזט זיך באַ־הערשן דורך די אויסערלעכע חושים.

דאָס זעלבע קומט פאָר אויך מיט רעוואָלוציעס: דער מענטש וועט בעסער מאַכן צען אָדער אפילו הונדערט רעוואָ־לוציעס קעגן זיין אויסערלעכער סביבה, איידער איינע קעגן זיך גופא, הגם די דאָזיקע איין רעוואָלוציע וואָלט אים באַפרייט פון דער נויטווענדיקייט צו מאַכן צענדליקער אַנדערע.

וויפל רעוואָלוציעס עס זענען אַלץ נישט פּראָקלאַמירט געוואָרן אין אונזער יידישן לעבן פאַר די לעצטע 40 יאָר! די טעריטאָריאַליסטן זענען אַרויסגעטראָטן קעגן די ציוניסטן און פאַרקערט, אָבער סיי די, סיי יענע זענען זיך ווייטער געזעסן אין גלות, פאַרגעסנדיק צו מאַכן די רעוואָלוציעס, — צו וועל־

כע זיי האָבן גערופן, — אין זייער אייגענעם לעבן. די יידי־שיסטן און העברעאיסטן האָבן געקעמפט פאַר דער נאַציאָ־נאַלער שפּראַך פון אונזער לעבן, אָבער אין זייערע הײמען האָבן זיי פאַרגעסן דורכצופירן די שפּראַך־רעוואָלוציע, פאַר וועלכער זיי האָבן איינגעלייגט וועלטן, און האָבן דאָרט געלאָזט ביי דער מאַכט די רוסישע, דייטשע און ענגלישע שפּראַכן. די משכילים און אָרטאָדאָקסן האָבן פאַרצווייפלט געקעמפט פאַר דער גייס־טיקער פאָרם פון אונזער לעבן, אָבער די משכילים פלעגן עטלעכע מאָל א יאָר גיין אין שול אריין (ווער קען וויסן?) און האָבן א גאַנץ לעבן מורא געהאַט פאַר שדים, און די אָרטאָדאָקסן פלעגן שיקן די טעכטער אין גימנאַזיעס און האָבן דורך די פינגער געקוקט אויף פאַרשידענע פאַרבאָטן, וואָס זענען נישט באַקוועם אויף צו פירן געשעפטן.

דאָס אַלץ קומט פאַר דערפאַר, ווייל די דאָזיקע אַלע רע־וואָלוציעס אין יידישן לעבן זענען באַשטימט געווען פאַר די שכנים, אָבער נישט פאַרן אייגענעם געברויך.

די איינציקע עכטע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, איז דער חלוציזם, די חלוצישע באַוועגונג. דאָס איז נישט קיין געדאַנק, וואָס איז באַשטימט פאַר יענעם, נאָר א טאַט, א רעוואָלוציאָ־נערע טאַט, וואָס איז באַשטימט פאַר זיך גופא. דער חלוציזם אינטערעסירט מיך דאָ נישט אַלס סוב־באַוועגונג פונם ציוניזם, נאָר אַלס זעלבשטענדיקע באַוועגונג, ווי די ערשטע עכטע רע־וואָלוציע אינם מאָדערנעם יידישן לעבן, ווי אַן איבערקערעניש אין יעדן אינדיווידועלן לעבן פון די אַלע, וואָס געהערן צו דער באַוועגונג. (אגב אורחא: דער חלוציזם אינטערעסירט מיך דאָ אַלס זעלבשטענדיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, אָבער מען טאָר נישט דערביי פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע באַוועגונג איז מעגלעך געוואָרן א דאַנק דעם ציוניזם. דער געדאַנק פון פּראָ־דוקטיוויזאַציע, וואָס איז געפּרעדיקט געוואָרן ביי אונז זייט דער השכלה, האָט זיך אָנגענומען בלויז א דאַנק דעם בריי־

טערן אידעאַל פון נאַציאָנאַלער אויסלייזונג, א דאַנק דעם ציוניזם).

ווען א יונגער בחור אָדער א יונג מיידל פאַרלאָזן א פאַרמעגלעכע יידישע היים און ווערן פּועלים און האַנטווערקער אין די ערגסטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, הייסט דאָס דורכפירן די שווערסטע רעוואָלוציאָנערע טאַט: זיי פּרעדיקן נישט די דאָזיקע רעוואָלוציע מיט ווערטער פאַר אַנדערע, נאָר זיי פאַרווירקלעכן זי מיט מעשים פאַר זיך.

און ווען דער מענטש טוט עפּעס פאַר זיך, האָט ער אויך דאָס רעכט צו פּרעדיקן, אַז אַנדערע זאָלן דאָס טון.

י״א) וועגן דער קללה און ברכה פון אַרבעט

איך האָב געהאַט א חלום וועגן דער קללה און ברכה פון אַרבעט. דער דאָזיקער חלום, — ווי עס פּאַסט פאַר מיר, — האָט פאַרמאָגט א ליטעראַרישע טייל. און לאָזנדיק מיין חלום פאַרשווינדן אין דער ממשלה פון שאָטנס, פון וואַנעט ער האָט מיך באַזוכט, פאַרפיקסיר איך די געדאַנקען, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן אין מיר.

א פּלאַגיאַט ביי מיין אייגענעם חלום. א נישט־פאַראויסגעזעענער כשרער ריווח.

„מיטן שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט", — די דאָזיקע ביבלישע קללה ליגט נישט נאָר אויף דעם מענטשנס איינגעבויגענער פּלייצע, נאָר אויך אין זיין פּסיכיק.

איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט, — און כ'ווייס אויך איצט נישט, — ווי אַזוי דאַרף מען איבערזעצן דעם טיטול פון פּרעכטיקן ציקל ווערק פון פראַנצויזישן שרייבער פּיער אַמפּ: „לע פּעין דעז' האָם". „פּעין" קאָן זיין אי „ליידן", אי „אַרבעט". די פראַנצויזישע שפּראַך פאַראייניקט, אין א פיינעם וואָרט־סימבאָל, אַרבעט מיט ליידן.

אָבער גלייכצייטיק קאָן זיך יעדער איינער איבערצייגן פון זיין דערפאַרונג, אַז די פיזישע אַרבעט איז אַ קוואַל פון פרייד: סיי פון פּסיכישער פרייד, סיי פון פיזישער.

און מען קאָן בשום אופן נישט זאָגן, אַז אַ קללה איז אַרבעט געוואָרן בלויז צוליב סאָציאַלע מיסברויכן, פּונקט ווי מען קאָן אויך נישט זאָגן, אַז אַרבעט וועט ווערן אַ פרייד בלויז נאָכן דערשיינען פונם סאָציאַלן משיח: ביי די סאַמע שלעכטע סאָציאַלע באַדינגונגען ברענגט אַרבעט אָפט אַ ריין־חיהשע פרייד פון לעבן, פּונקט ווי ביי די בעסטע באַדינגונגען דינט אָפט אַרבעט אַלס קוואַל פון אַ קללה.

איך האָב נישט בדעה טעאָרעטיש אויסצובאַלאַנסירן די דאָזיקע פּסיכישע סתירה, וואָס איז אגב נישט די איינציקע אינם סתירותדיקסטן שטיקל נאַטור — דעם מענטשן; דערפאַר אָבער האָב איך בדעה אָנצווייזן אויף דעם, אַז די דאָזיקע נישט־אויסבאַלאַנסירטקייט בנוגע דער פיזישער אַרבעט האָט שוין אינגאַנצן פאַרלוירן די גלייכגעוויכט ביי אונז, יידן. דאָס געפיל אונזערס צו אַרבעט האָט שוין אויפגעהערט ביי אונז צו זיין צעשפּאָלטן, — אַרבעט ווערט ביי אונז פּסיכיש באַטראַכט אַלס קללה, און נאָר אַלס קללה.

אמת, מיר שטאָלצירן מיט דעם, וואָס צווישן די תנאים געפינען זיך אפילו שוסטערס, און אונזער פאָלק גלויבט נאַאיוו, אַז די לאַמעדוואָווניקעס געפינען זיך בלויז צווישן די נידעריקסטע סאָרטן האַנטווערקער און אפילו שוואַרץ־אַרבעטער, — דאָס איז אָבער נאָר אַן אויסערלעכע מימיקרי — אין דער טיף פון אונזער פאָלקס־פּסיכיק איז פאַרוואָרצלט אַ שרעק פאַר פיזישער אַרבעט, אַ פאַראַכטונג צו איר, וואָס איז אומבאַדינגט אַ קללה, וואָס דערנידעריקט און טויט גייסטיק.

אַמאָל האָבן אונזערע אַלע טאַטע־מאַמעס געוואָלט מאַכן פון זייערע קינדער רבנים, שוחטים, חזנים און אפילו מלמדים, אַבי נישט קיין בעלי־מלאכות. יעדער זון אָדער טאָכטער, וואָס

זענען געוואָרן האַנטווערקער, זענען געווען לעבעדיקע טראַגע־דיעס פון זייערע עלטערן.

איצט ווילן אַלע עלטערן זען זייערע קינדער אַלס דאָקטוי־רים, דענטיסטן, אפילו אַלס פעלדשערס און בוכהאַלטערס, נאָר נישט אַלס בעלי־מלאכות.

ס'איז דאָ אין דעם אַ געוויסע דאָזע פון אונזער פאָלקס שטרעבן צו גייסטיקייט, אָבער מער נאָך טראָגט פון דעם מיט פאַראַכטונג צו אַרבעט.

די אידעאַלע שטרעבונג צו אַ גייסטיקער פּראָפעסיע האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין גײַעג נאָך אַ מאַטעריעלער קאַריערע.

קעגן דער דאָזיקער אומנאָרמאַלקייט פון אונזער פאָלקס פּסיכישער סטרוקטור, וואָס דער רעזולטאַט אירער איז די אומ־נאָרמאַלקייט פון אונזער עקאָנאָמישער סטרוקטור, האָבן אָנ־געהויבן אַ מלחמה אונזערע משכילים פון די צווײ מיטלסטע פערטלען פון פאָריקן יאָרהונדערט. זיי האָבן אַטאַקירט די היפּערטראָפיע פון גייסטיקן עלעמענט אין אונזער לעבן, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בטלנות, און האָבן געפּרעדיקט אומצוקערן זיך צו פיזישער אַרבעט — צו ערד־אַרבעט און מלאכות. אָבער זייער פּרעדיקן אַרבעט האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס מיטן מאָמענט פון ברכה אין אים. דאָס איז געווען אַ טאָפּלט־אוטיליטאַרעס פּרעדיקן: פון איין זייט האָט דער דאָזיקער אוטיליטאַריזם געוואָלט אַרויסשלאָגן בײַ די שונאים אונזערע דעם אַרגומענט פון פּאַראַזיטיזם; און פון דער צווייטער האָט ער כאָטש מיט וואָס נישט איז געוואָלט לייכ־טער מאַכן די שרעקלעכע נויט פון די יידישע מאַסן. די השכלה האָט געפּרעדיקט, אַז „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה", אָבער נישט ברכה אַלס אַזעלכע. דאָס באַגליקנדיקע געפיל פון אַרבעט (וואָס באַגליקט פּסיכאָ־פיזיש) איז געבליבן לחלוטין פרעמד אויך אונזער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע אין איר אור־

קוואַל. דער אור־קוואַל פון אונזער דיכטונג איז געווען סאָציאַל־אָבער מאָרים ראָזענפעלד האָט באַזונגען בלויז די קללה פון אַרבעט, אָבער נישט איר ברכה.

אָבער דאָך האָט אונזער נאַציאָנאַלע אויפלעבונג דערגרייכט דעם ווידערגעבורט אויך פון דאָזיקן ביי אונז אַטראָפירטן געפיל. איך האָב דאָ אין זינען נישט דאָס באַגליקנדיקע געפיל פון מאַרטירערטום, מיט וועלכן עס איז פול די העראָאישע חלוצישע באַוועגונג. אויב די השכלה האָט גערופן צו פיזישער אַרבעט צוליבן פאַרדינסט און צוליב די שונאים; אויב אונזער אַרבעטער־באַוועגונג האָט גערופן צו אַרבעט אין נאָמען פון קאַמף קעגן סאָציאַלן פּאַראַזיטיזם, כדי צוצוגרייטן אין יידישן פאָלק דעם אויסלייזער־קלאַס, — האָט די חלוצישע באַוועגונג גערופן צו פיזישער אַרבעט אין נאָמען פון קאַמף קעגן נאַציאָנאַלן פּאַראַזיטיזם, כדי צוצוגרייטן אין יידישן פאָלק אַן אויסלייזער־שיכט. אָבער דאָס גליק פון מאַרטירערטום איז גאָר עפּעס אַנדערש, ווי דאָס אוממיטלבאַרע געפיל פון באַגליקט ווערן דורך דער אַרבעט גופא.

און איך האָב דאָ אויך נישט אין זינען די פילאָזאָפיע פון באַגליקנדיקער אַרבעט, — די פילאָזאָפיע פון א. ד. גאָרדאָן, דעם מיטל־יאָריקן יידישן בוכהאַלטער, וועלכער איז געוואָרן דער פילאָזאָף פון דער חלוצישער אַרבעט. דאָס דאָזיקע אידעאָלאָגיש־אינטעלעקטועלע גליק איז עפּעס אַנדערש, ווי דאָס אוממיטלבאַרע גליק צו שפּירן אין אַלע אברים די ברכה פון אַרבעט, ווי מיר געפינען עס אין דער דיכטונג פון דער ארץ־ישראלדיקער דיכטערין רחל. ביי איר איז נישטאָ נישט דאָס מאַרטירערישע גליק פונם חלוץ, וואָס איז קראַנק געוואָרן פון פיזישן איבערשטרענגען זיך, נישט די טיפע אידעאָלאָגיע פונם אַרבעטס־נביא א. ד. גאָרדאָן (זיין קבר אין דגניה איז געוואָרן פאַר די מקובלים פון אַרבעט עפּעס ענלעכעס צו דעם, וואָס בר־יוחאים קבר איז פאַר די מקובלים פון אַמאָליקן שניט)„

נאָר אַ געשריי פון פּיזישן גליק (וואָס איז אַזוי פּאַרגייסטיקט אין זיין פּיזישן וועזן, ווי יעדע צניעותדיקע פּיזישע פרייד) ביי דער דעראַינערונג בלויז, אַז איר „שטים האָט הויך געקלונגען פון דער הויך פון דער פור, — וואָס איז פול געווען מיט גארבן, — אין די לאַנגע הייסע טעג פון שניט־צייט".

רחל רייסט זיך נישט צו דער אַרבעט, ווי אַ מאַרטירערין־חלוצה; זי רייסט זיך נישט צו דער אַרבעט, ווי אַן אידעאַלאָגישע אָנהענגערין פון סאָציאַליזם אָדער פון א. ד. גאָרדאָנען, — זי רייסט זיך צו דער אַרבעט, ווייל הער פּראָצעס פון דער פּיזישער אַרבעט גופא באַגליקט זי. אַ קראַנקע, בענקט זי נאָכן פאַרלוירענעם גן־עדן פון די הייסע טעג אין סאַמע רעכטן ברען פון שניט־צייט, ווי נאָך דער פאַרלוירענער פרייד פון לעבן. אין רחלס בענקשאַפט־טרויער שפּירן מיר, אַז עס האָט זיך אומגעקערט צו אונז דאָס געפיל, אַז אַרבעט איז אַ ברכה.

די קללה „מיטן שוויים פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט", הויבט אָן זיך אויסצובאַלאַנסירן אויך ביי אונז דורך דער אַנטי־טעזע:

„אין גליק פון דיין האַרצן וועסטו עסן דיין ברויט".

י"ב) ס'איז גאַנץ נאָרמאַל

אינעם „בוך פון לעבן" פון אונזער היסטאָריקער ש. דובנאָוו, געפינט זיך אַ מערקווירדיקער פאַקט. אין דאָזיקן בוך זיינעם באַנוצט זיך דובנאָוו זייער שטאַרק מיט זיינע טאָג־ביכער, און אונטער דער דאַטע פון 20/9/1915 געפינען מיר פאָלגנדע פאַרצייכענונג:

„היינט איז ביי מיר געווען אַנ־סקי אין אַ מיליטערישן מונדיר. ער איז אַרומגעפאָרן איבער גאַליציע און וואָלין און געזען אַ סך שרעקלעכעס. ער איז אָנגעשטעקט מיט זשאַבאָ־

טינסקים ראָמאַנטיק און ער וויל פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע פון יידישע לעגיאָנען אויף צו באַפרייען פּאַלעסטינע".

ס'איז אַ פאַנטאַסטישער וועג: פון רוסישן פאָלקסטימלערטום ביז זשאַבאָטינסקיס לעגיאָן! וויפל פאַרברענטע ציוניסטן עס האָבן נישט מסכים געווען אויף זשאַבאָטינסקיס דאָזיקן שריט, און אַנ־סקי איז נישט נאָר מסכים געווען, נאָר ער איז אַליין גרייט געווען צו נעמען אויף זיך די שווערע אַרבעט פון פּראָפּאַגאַנדע לטובת דעם נייעם שריט אין דער גלות־געשיכטע פון יידנטום. מיט וואָס־זשע קאָן מען דאָס דערקלערן?

דובנאָווס פאַרצייכענונג אַנטהאַלט נישט נאָר דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פאַקט, נאָר אויך זיין פּסיכאָלאָגישע אויפקלערונג.

בעת זיין רייזע איבער גאַליציע און וואָלין האָט אַנ־סקי געזען שרעקלעכע זאַכן. ער האָט אויג אויף אויג געזען דעם אומקום פון אַ פאָלק, פון וועלכן ער איז אויף לאַנג אַוועק, אָבער צו וועלכן ער האָט זיך אומגעקערט מיט אַ פאַרצענפאַכטער ליבע, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעטוליעט, ווי צו אַ לעצטער רעטונג. און אין מאָמענט פון טויט, אין מאָמענט פון אייגענעם אומקום אָדער אין מאָמענט פון אומקום פון ליבסטן און טייערסטן, טרעט אַלץ אָפּ אין אַ זייט, און עס בלייבט בלויז דער נאַקעטער פאַרלאַנג צו ראַטעווען דאָס טייערסטע. און פּנים אל פּנים מיטן אומקום פון רוסישן יידנטום אין 1915 האָט אַנ־סקי געהאַט נאָר איין־איינציקן פאַרלאַנג: ראַטעווען זיין פאָלק. און יעדע טאַט, וואָס איז געווענדט געווען צום דאָזיקן ציל, האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט אַרויסרופן ביי אים אַ טעטיקן סימפּאַטיע־אָפּרוף.

אין שאַנכיי האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַן אינטערעסאַנטער דערשיינונג: אַ סך פּערזאָנען, וועלכע זענען אַמאָל אין רוסלאַנד אָדער אין פּוילן געווען מיטגלידער פון פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, זענען דאָ געוואָרן הייסע ציו־

ניסטן (אויף וויפל שאַנבייער קאָנען זיין נאַציאָנאַל היים). און דאָס איז פאַרשטענדלעך: דאָרט, ווו דאָס יידנטום האָט גע־שלאָגן מיט אַ לעבעדיקן קוואַל, זענען זיי געגאַנגען מיט פאַר־שידענע שטעגן, אָבער אין שאַנביי, פילנדיק אין זיך און אַרום זיך דעם אָטעם פון נאַציאָנאַלן טויט, ציט זיי צום צענטער, צום עיקרדיקן פאָלקס־וועג. נישטאָ קיין אָרט פאַר די פאַרשידענע אינדיווידועלע שטעגן, — דער עיקרדיקער פאָלקס־וועג רופט צו זיך מעכטיק און באַפעלעריש מיט דער וויזיע פון אומקום, מיטן געפיל פון אומקום. און די דאָזיקע „געוועזענע” ווערן ציוניסטן און טאַקע די ראַדיקאַלסטע (מיטן מויל — ס'איז דאָך שאַנביי!).

דער ווילן צום לעבן — צי אינדיווידועל, צי נאַציאָנאַל, — איז די שטאַרקסטע מאַכט אויף דער וועלט, און ווען זי יעמט ווירקן, טראָגט זי געוויינלעך אַראָפּ פון איר וועג אַלע טעאָריעס און אַלע אידעאָלאָגישע חשבונות. — געוועזענע אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן ווערן ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן, און דער פאָלקסטימלער אַנ־סקי ווערט אַן אָנהענגער פון זשאַבאָטינסקיס לעגיאָנען.

און זיי טוען דאָס על־פּי־רוב אומבאַוווסטזיניק, — ווייל עס איז דאָ אין דעם עפּעס פון ביאָלאָגישער אומפאַרמייד־לעכקייט, פון ווילן צום לעבן, פונם זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט.

אָבער חוץ אַלעם, האָט דער דאָזיקער פאַקט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון אַנ־סקיס גופא, פאַר זיין לעבעדיקער אימפּולסיוויקייט, פאַר זיין טעטיקער ליבע צו זיין פאָלק.

י״ג) ביים לייענען הערצלען

איך האָב נאָכאַמאָל געלייענט הערצלס פּעליעטאָנען און פילאָזאָפישע דערציילונגען און צוזאַמען מיטן עסטעטישן באַ־

פרידיקונגס־געפיל, וואָס מען לעבט געוויינלעך איבער ביים לייענען גוטע ליטעראַטור, איז אין מיר געוואַקסן אַ געפיל פון גרויסער שטוינונג: ווי אַזוי האָט דער דאָזיקער איראָנישער און סקעפּטישער שייגגייסט געקאָנט זיך פאַרוואַנדלען אינם נאַאיוון (אין גוטן זין פון דאָזיקן וואָרט) מחבר פון דער „יידישער מלוכה"? ווי אַזוי האָט דער דאָזיקער סקעפּטיקער — מיט אַ נייגונג צו ציניזם — געקאָנט זיך דערהויבן צום פּאַטעטישן פאָלקס־טריבון?

ווי פאַרשידן עס זענען די דאָזיקע צוויי הערצלס — פונם בוך „פעליעטאָנען" און פונם ערשטן באַנד „טאָג־בוך"! אין די פעליעטאנען האָבן מיר פאַר זיך אַן עלעגאַנטן, אַ קלוגן (צייטנווייז זיך־קליגלענדיקן) סקעפּטיקער, וואָס האָט מער פאַר אַלץ מורא צו זיין נאַאיוו, פּאַטעטיש, וואָס האָט מער פאַר אַלץ מורא אויסצוזען אַלס אַזאַ, וואָס נעמט זאַכן ערנסט, און אינם „טאָג־בוך" איז פאַר אונז אַ מענטש אַ נאַאיוועד ביז הערצאישער פּאַטעטישקייט, אַ מענטש, וואָס פאַרגעסט אויף שריט און טריט זיין יאָרנלאַנג־אויסגעכאַליעטן סקעפּטי־ציזם, זיין יאָרנלאַנג־אויסגעאַרבעטן און גוט־אָפּגעוויגענעם מעטאָד פון איראָניע, — כ'וואָלט אפילו געזאָגט זיין מעטאָד פון איראָנישער וועלט־באַטראַכטונג.

אין דער דאָזיקער פּסיכישער ווידערגעבורט הערצלס ליגט דאָס גרויסע רעטעניש פון זיין לעבן. דאָס רעטעניש באַשטייט נישט נאָר אין דעם, ווי אַזוי הערצל האָט געקאָנט דערגיין צו דער אידייע פון ציוניזם, נאָר, דער עיקר, אין דעם, ווי אַזוי די דאָזיקע אידייע האָט אין אַזאַ מאָס געקאָנט פאַרוואַנדלען הערצל הערצל דאָזיקן מענטשן.

אין 1882 שרייבט הערצל צו זיין פריינט: „פאַר דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט איז אונגאַרן געוואָרן נאָך אונגאַרישער. צום באַדויערן!... זיי קענען נישט קיין אונגאַריש, און דאָך רעדן זיי אונגאַריש מיט גרויס עקשנות, און דער, וואָס הייסט

זאָנענבערג, רופט זיך איצט מוראַנין... איך האָב דאָ נישט אויסגערעדט קיין וואָרט אויף אונגאַריש!"

הגם הערצל איז געווען אַן אונגאַרישער ייד, דאָך האָט ער אין די אַכציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט נישט געפילט קיין שום סימפּאַטיע צו דער אונגאַרישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אים איז פרעמד געווען דאָס געפיל פון קעמפן פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, אים איז צום האַרצן בלויז דער קריגערישער אימפּעריאַליזם פון דער עסטרייכישער אימפּעריע. הערצל קעמפט פאַר דער דייטשער שפּראַך קעגן דער אונגאַרישער!

און ווען אַזאַ מענטש, וואָס אים זענען פרעמד די נאַציאָנאַלע ווינטלעך פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, וואָס איז אינגאַנצן פאַרזונקען אין דער שייגעץ־טיקער ליטעראַטור, דערגייט זעלבשטענדיק צו דער אידייע פון ציוניזם, איז דאָס שוין פאַר זיך גופא אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג; אָבער ערשט דאַן, ווען מיר זעען ווי ווייט די דאָזיקע אידייע האָט פּסיכיש פאַרוואַנדלט הערצלען, — ערשט דאַן דערפילן מיר, אַז מיר געפינען זיך פאַר איינעם פון די גרעסטע דעטעקנישן פון דער מענטשלעכער געשיכטע: פאַר דער רעטעניש פון דער ווידערגעבורט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

אַ מענטש ווערט פאַר אונזערע אויגן נישט נאָר דורכגענומען מיט אַ נייער אידייע, נאָר ער ווערט ווי אינגאַנצן אַ פאַרביטענער.

די ווידערגעבורט פון אַ פּערזענלעכקייט איז נאָך אַ גרעסערע מיסטעריע, ווי די געבורט פון אַ מענטשן.

י"ד) דאָסטאָיעווסקיס אַנטיסעמיטיזם

איך האָב שוין לאַנג נישט געלייענט דאָסטאָיעווסקין. און ס'איז קיין וואונדער נישט: עס איז נויטיק אַ גרויסע אָנשטרענ־

גונג, כדי פריוויליק ווידער אַמאָל זיך דערנענטערן צום דאָזיקן צוציִענדיקן און אָפּשטויסנדיקן תהום. דער דאָזיקער מעכטיקער און קרענקלעכער זשעני איז אַזוי זיס און אַזוי פייניקנדיק, אַז אויב אַ מענטש האָט זיך שוין אַרויסגעריסן פון זיין צוציאונגס־פעלד, וועט ער זיך שוין פריוויליק נישט דערנענטערן צו אים: ער וועט זיך באַגנוגענען מיט דער זיסער אימה פון דעראינערונגען, וואָס וועלן שוין אויף תמיד באַהערשן די יעניקע, וועלכע האָבן כאָטש איינמאָל אַרונטערגעטויכט אין די טיפענישן פון „דאָסטאָיעווסקישינע".

איך האָב שוין לאַנג נישט געלייענט דאָסטאָיעווסקין. אָבער אָט זענען מיר כמעט ווי בהיסח הדעת אַריינגעפאַלן אין די הענט אַריין די בענדער פון דאָסטאָיעווסקיס „טאָג־בוך פון אַ שרייבער". איך האָב זיי אָן עפן געטון, כדי אַריינצוקוקן, כדי עפּעס דורכצולייענען, — כ'האָב זיי שוין אָבער דורכגעלייענט אינגאַנצן. שטויסט מען זיך שוין צונויף אוממיטלבאַר מיט דאָסטאָיעווסקין, קאָן מען שוין נישט אַרונטערפאַלן אונטער זיין צויבער (אפילו אין דעם, מיט וואָס ער שטויסט אָפּ, איז דאָ עפּעס אַ מין פערווערזער צויבער פון לײדנשאַפטלעכקייט, — ער שטויסט אָפּ און ציט צו ווי אַ תהום). און די מאַכט פון „טאָג־בוך פון אַ שרייבער" איז נאָך שטאַרקער, ווי די מאַכט פון זיינע ראָמאַנען: דאָ האָבן מיר פאַר זיך דאָסטאָיעווסקין אָן בעלעטריסטישער באַקליידונג, דאָ שמועסט איר זיך אַדורך מיט אים פּנים אל פּנים. איר זענט אָנוועזנדיק ביים אומאויפהערלעכן אויסברוך פון דאָזיקן עקסטאַטישן ווולקאַן. עס אַנטציקט און פאַרבלענדט אייך נישט נאָר אַ העלער פלאַם, נאָר עס שטיקט אייך אויך אַ שטינקנדיקער רויך, — מיט איין וואָרט, איר האָט פאַר זיך אין איר נאַטירלעכסטער דערשיינונג די נשמה פון אַ גרויסן שרייבער, אין איר גאַנצער ליכט־ און שאָטן־לײדנשאַפטלעכקייט.

באַזונדערס האָט מיך דאָס מאָל צוגעצויגן די שאָטנדיקסטע

דערשיינונג אין דאָסטאָיעווסקיס נשמה: זיין שנאה צו יידן, אַן אַפּאָסטאָל פון ליבע און מחילה און — אַ בלינדע שנאה! דער דאָזיקער אינסטינקטיווער פּאַרטיידיקער פון באַליידיקטע און אונטערדריקטע — אין דער ראָל פון אַן אַגיטאַטאָר אַן אַנטיסעמיט!

עס ווערט שרעקלעך פאַרן מענטשן: וואָסער גורל קאָן שוין דערוואַרטן די מענטשהייט, אויב אפילו אַזאַ זשעני, — אַזאַ קריסטלעכער זשעני, וואָלט איך געזאָגט, — וואָס איז נאָך דערצו באַשאָנקען מיט אַזאַ פּסיכאָלאָגישער העלזעעוודיקייט, מיט אַזאַ פעאיקייט פאַר פּסיכאָאַנאַליז (נאָך פאַר פרוידן!), — אויב אַזאַ זשעני קאָן אַרונטערפאַלן אונטערן בלינדסטן פּסיכאָז פון זען אין יידן דעם סימבאָל פון אַלדאָס שלעכטס, דעם *אַבסטראַקטן* סימבאָל פון שלעכטס, פונם שלעכטס־פּרינציפּ.

ווען דאָסטאָיעווסקי, למשל, וואַרפט פאַר אייראָפּע, וואָס זי פאַרדייעט רואיק די שחיטות פון די טערקן איבער די בול־גאַרן, פאַרענדיקט ער זיין אויסברוך פון צאָרן און פאַראַכ־טונג מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „צי דען איז טאַקע אמת, אַז דער זשיד הערשט ווידער אומעטום?" דאָסטאָיעווסקי און — אַזאַ פּוסטע אַבסטראַקציע, מיט דער הילף פון וועלכער מען באַהערשט די ליידנשאַפטן פון אַלע גייסטיק־פּרימיטיווע מענטשן און פעלקער: עס געשעט עפּעס שלעכטס — הייסט עס, אַז שולדיק איז דער „זשיד".

לייענט מען אַזעלכע שטעלן (און זיי זענען אין דאָסטאָ־יעווסקיס „טאָג־בוך" אָפט פאַרטראָטן) ווערט קלאָר, אַז וואָלט דאָסטאָיעווסקי געלעבט אין דער היינטיקער צייט, וואָלט דער היטלערישער נאַציזם געפונען אין אים אַן אָנהענגער און אַן אַגיטאַטאָר. די שנאה, די געדאַנקענלאָזע, די פּשוט־כוליגאַנישע שנאה פאַרגיסט אים אַזוי זיין גאוניאַלן מוח, אַז דער זעלבער דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט געווייטאָקט פאַר די קליינע שחיטות

איבער די בולגאַרן, וואָלט געווען אפּלאָדירט די גרויסע שחיטות אין טרעבלינקע.

פון דאָסטאָיעווסקיס שטעלונג צו יידן, — וואָס איז אי כוליגאַניש, אי המוניש־אומאינטעליגענט, — ווערט קלאָר, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט געצייכנט זיין גרויס־אינקוויזיטאָר לויט זיין אייגענער געשטאַלט, — זיין קריסטנטום איז געווען פאַר אים אַ זאַך פון פּאָליטיק, ער האָט געבויט זיין ריזיקן דאָם פון קריסטלעכער ליבע און קריסטלעכן גלויבן אויפן תהום פון זיין אומגלויבן, פון זיין ציניזם, און דערפאַר אפשר האָט ער פיינט געהאַט דעם יידן, וואָס פלעגט אים כסדר — גאַרנישט חושד זייענדיק! — דערמאָנען אויף וואָסער שוואַכן, פּוסטן פונדאַמענט עס שטייט זיין קריסטלעכער גלויבן. דאָסטאָיעווסקי האָט געהאַט אין זיך מער פונם אַלטן קאַראַמאַזאָוו, ווי פון זיין זון אַליאָשאַ אָדער אפילו ווי פון זיין זון דימיטרי. נאָך מער: דאָסטאָיעווסקי האָט געהאַט אין זיך דעם גאַנצן סמערדיאַקאָוו (פּליוס נאָך עפּעס!) און גראָד דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט באַגריפן סמערדיאַקאָוון און דעם אַלטן קאַראַמאַזאָוון, וואָס האָט געבענקט נאָך אַליאָשאַן, — דווקא ער ווייזט בולט אויף מיט וואָסער אור־וואַלד, מיט וואָסערע סמערדיאַקאָווישע טיפענישן עס שמעקט דער אַנטיסעמיטיזם (וואָס פאַרדינט גאַרנישט אַזאַ „וויסנשאַפטלעכן" נאָמען, ווייל ער איז פּשוטער כוליגאַניזם, פּשוטער קאַניבאַליזם, פּשוטע צעיושעטע סמערדיאַקאָווישע אונטערוועלט).

הערט זיך אדרבא צו צום געדאַנקען־גאַנג פון אַ דאָסטאָיעווסקי.

ס'איז שוין געננג, דאַכט זיך, וואָס ער האָט געקאָנט גלויבן אין רוסלאַנדס וועלט־מיסיע, אין רוסלאַנדס קריסטוסישקייט; ס'איז שוין געננג, דאַכט זיך, וואָס אַזאַ שרייבער און דענקער האָט געקאָנט גלויבן, אַז רוסלאַנד דאַרף ווערן דער פירער פון פּאַן־סלאַווישן בלאָק, וואָס וועט ווערן אַ מין קאָלעקטיווער

קריסטוס פאַר די פעלקער פון דער ערד; ס'איז שוין גענוג, דאַכט זיך, וואָס אַזאַ מענטש ווי דאָסטאָיעווסקי פלעגט באַקומען קאָנוווּלסיעס ביים וואָרט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ד. ה. ער האָט געטאַנצט לויטן פּייפּיאָל פון רוסישן אימפּעריאַליזם און זיך איינגערעדט און געוואָלט איינרעדן דער וועלט, אַז דורך באַקומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועט די וועלט מאַכן אַ גרויסן טריט פאָראויס אויפן וועג אויסגעלייזט צו ווערן, — איז ניין, ער טוט נאָך מער: „...זיי (די יידן, נאַטירלעך — י. ר.), — שרייבט ער אינם „טאָג־בוך" פון יאָר 1877 ז. 116, — פירן דאָרט אָן מיט די בירזשעס, ד. ה. מיט דער פּאָליטיק, מיט די אינערלעכע ענינים, מיט דער מאָראַל פון די מלוכות...; ווען עס וואָלט נישט געווען אַזוי שטאַרק די יידישע אידייע אין דער וועלט... וואָלט שוין אפשר די „סלאַוויאַנישע" פראַגע פון לאַנג געווען געלייזט געוואָרן לטובת די סלאַוויאַנער, און נישט לטובת די טערקן. איך בין גרייט צו גלויבן, אַז לאָרד ביקאָנספילד האָט שוין אַליין, אפשר, פאַרגעסן וועגן זיין אָפּשטאַמונג פון שפּאַנישע זשידעס (ער האָט פונדעסטוועגן זיכער נישט פאַרגעסן), אָבער מען קאָן נישט ספקן, לויט מיין מיינונג, אַז טיילווייז האָט ער אָנגעפירט פאַרן לעצטן יאָר די ענגלישע קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיק פון שטאַנדפּונקט פון די יידן..."

ווען איר פאַרבייט די „סלאַוויאַנישע פראַגע" אויף דער „דייטשער פראַגע" און ווען איר פירט דורך נאָך אַ פּאָר קליינינקע אָפּעראַציעס, קאָנט איר די דאָזיקע ציטאַט פון דאָסטאָיעווסקיס „טאָג־בוך פון אַ שרייבער" אַריינשטעלן אין היטלערס „מיין קאַמף". אויפן דאָזיקן געביט איז דאָסטאָיעווסקי פונקט אַזוי „אינטעליגענט", ווי היטלער, אַ האָר נישט מער.

קומט צו דער יידן־פראַגע, קאָנט איר נישט אונטערשיידן פון דעם לעצטן דייטשן אָדער פּוילישן כוליגאַן און אַ דאָסטאָיעווסקי. דער ייד איז פאַר זיי די אינקאַרנאַציע פון טייוול, און זיי גייען צו צום יידן און צו דער יידישער פראַגע מיט אַ

פּאַרטיקן פּאַראָורטייל, און במילא איז דער ייד צוגעפּאַסט צו דינען אַלס בליץ־אָפּפירער פאַר יעדן כעס, פאַר יעדער מפּלה, פאַר יעדן געפיל פון אָנמאַכט. א באַלעבאָס פון א הונט לאָזט אויס דעם כעס צו א שטאַרקן אויף זיין הונט: דער הונט קוקט מיט געטרייע אויגן, וואָס פאַרשטייען נישט, אַז ער מוז אַריינ־כאַפּן די קלעפּ, וועלכע זיין באַלעבאָס קאָן נישט געבן יענעם, פאַר וועמען זיי זענען באַשטימט. דער מאַן און פאָטער לאָזט אויס צום ווייב און צו די קינדער דעם כעס פאַר דערנידערי־קונגען מצד די העכערע באַאַמטע, ווו ער דינט.

עס איז קלאָר, אַז די וואָרצלען פון דער דאָזיקער מאָדנער אָבער הערקלערבאַרער דערשיינונג ליגן אינם געביט פון קרענק־לעכע פּסיכאָזן. דאָס איז שוין קלאָר פון דער אבסורדאַלקייט פון די באַשולדיקונגען גופא, וואָס האַלטן נישט אויס די מינד־סטע לאָגישע קריטיק, אָבער די טיפן־פּסיכאָלאָגיע מאַכט זיי פאַרשטענדלעך (הגם נישט ווייניקער עקלדיק).

אָבער דאָך קאָן מען ביי א דאָסטאָיעווסקין — אפילו אין דאָזיקן געביט! — געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס ביי א חבר זיינעם לויט אַנטיסעמיטישער (כוליגאַנישער) טעמפּקייט קאָן מען עס נישט געפינען.

אויפן געביט פון בלינדער שנאה צום יידן איז דאָסטאָ־יעווסקי פּונקט אַזוי טעמפּ און אומקריטיש, ווי דער לעצטער פּאָגראָם־גוי. אָבער עס טרעפט, אַז די אינטואיציע פון א דאָסטאָיעווסקי אַסאָציאירט מיט זיין טעמפּקייט א סימבאָלישן ווונק פון גרויסער סימבאָלישקייט און פון גרויסן פּסיכאָלאָ־גישן — און אפילו פאַקטישן! — אמת.

און אַזא שטעלע — אָן איין און איינציקע! — האָב איך געפונען אינם „טאָג־בוך פון א שרייבער".

* * *

אינם „טאָג־בוך פון א שרייבער" פאַרן יאָר 1876, זייט 366, שרייבט דאָסטאָיעווסקי אין אוטאָפּיש־שיינעם אַרטיקל

אונטערן נאָמען „די ערד און די קינדער". ער טרעט ארויס קעגן די גרויסע שטעט, ווו קינדער ווערן געבוירן און וואַקסן אויף אויפן ברוק. קינדער דאַרפן געבוירן ווערן און אויסוואַקסן אויף דער ערד. „די מענטשהייט — שרייבט דאָסטאָיעווסקי — וועט זיך באַנייען אינם גאָרטן און אַ דאַנק דעם גאָרטן וועט זי זיך אויסגלייכן — אָט דאָס איז די פאָרמולע".

„מען קאָן — שרייבט ווייטער דאָסטאָיעווסקי — דערנאָך לעבן אויפן ברוק, אָבער געבוירן ווערן און אויפגיין מוז אַ נאַציע (אין איר גרויסער מערהייט) אויף דער ערד, אויפן באָדן, ווו עס וואַקסן ברויט און בוימער. און די אייראָפּעאישע פּראָלעטאַריער זענען איצט אַלע — דורך און דורך ברוק". (אָן ענלעכן געדאַנק האָט אַ סך שפּעטער אַרויסגעזאָגט אויך גוסטאַוו לאַנדויער — י. ר.).

„און כל־זמן דאָס וועט זיך... נישט איינאָרדנען, דערוואַרט נישט קיין פעסטע אָרדנונג אויך אין אַלעם איבעריקן".

„...און די דאָזיקע אַלע באַנען אונזערע, אונזערע אַלע בענק די נייע..., דאָס אַלץ איז דערווייל, לויט מיין מיינונג, בלויז פּוילונג... דאָס אַלץ וואָלט געווען באַדאַרפט קומען נאָך דער איינאָרדנונג פון דער ערד, דאַן וואָלט דאָס געווען זיין נאַטירלעך, איצט אָבער איז דאָס נאָר אַ בירזשע־שפּיל, דער זשיד האָט זיך אַ ריר געטון".

ווידער אַן אַבסטראַקציע, ווידער אַ סימבאָל, אָבער שוין נישט קיין זינלאָזער, ווי אין די פאַבריקע ביישפּילן, נאָר אַ סימ־באָל מיט אַ זין, מיט אַ פונק פון סימבאָלישער זינפולקייט.

דאָסטאָיעווסקי איז פאַרליבט אין נאַטירלעכקייט (פון שנאה צו זיין אייגענער דעגענערירטקייט), אין המשכדיקייט, אין טראַדיציע, — און ער האָט פיינט די שטאָטישע קולטור פון אייראָפּע, וואָס דאָס פויערישע רוסלאַנד נעמט איבער ווי אַ מאַלפּע, און במילא איז ער קעגן דעם אַריינדרינגען פון אייראָפּע קיין רוסלאַנד. אָבער היות ווי אין אַלעם איז שולדיק דער

„זשיד”, איז ער אין דעם אויך שולדיק. די שלעכטע טענדענץ אין רוסישן לעבן איז אַ יידישע, אַ „זשידישע” טענדענץ. אָבער אין דאָזיקן פּונקט באַגעגנט זיך דאָסטאָיעווסקיס אַנטי־יידישע טעמפּקייט מיט זינפולקייט. דאָסטאָיעווסקי ווייזט דאָ אַרויס פילבאַרקייט צום שוואַכן פּונקט פונם יידן, צו זיין אָפּגעריסנקייט פון דער ערד, פון שוואַרץ־ערדיקער המשכדיקייט. דער ייד ווערט פאַר אים דער סימבאָל פון אַלדאָס אומנאַטירלעכע, אומנאָרמאַלע, אומגעזונטע. דער ייד ווערט פאַר אים סימבאָליש דאָס וואָרצללאָזע גרעזל פון די סטעפּעס. דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט פיינט אומנאַטירלעכע קינדער, וועלכע ווערן געבוירן נישט אויף הער נאַטור; דאָסטאָיעווסקי, וועלכער האָט פיינט רוסן, וואָס רעדן און דערציען זייערע קינדער אויף פראַנצויזיש; דאָסטאָיעווסקי, וועלכער האָט פיינט און פאַראַכטעט אַלץ, וואָס שטייט אויף יענער זייט גרעניץ פון טראַדיציע און פאָלקסטימלעכקייט, — אַזאַ דאָסטאָיעווסקי האָט געמוזט אויפציטערן נישט נאָר ביים זען אַ יידן, נאָר אויך ביים געדאַנק וועגן אים. ער האָט בכלל פיינט געהאַט נישט דעם קאָנקרעטן יידן, וועלכן ער האָט גאָרנישט געקענט, נאָר דעם סימבאָל זיינעם, וואָס האָט פאַרקערפּערט מיט זיך אַלץ, וואָס איז אים געווען פאַרהאַסט. דער דאָזיקער סימבאָל האָט זיך ביי אים פאַנאַנדערגעוואַקסן ביז פּאַטאָלאָגישע פאָרמען, ביז טעמפּער אונטערוועלטישקייט, אָבער אינם וואָרצל פונם לעצט־געבראַכטן סימבאָל פונם יידן אַלס פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז איז דאָ אַ טייל אמת. דאָ האָט דאָסטאָיעווסקי לעגיטים באַנוצט דעם יידן אַלס ליטעראַרישן מיטל, אַלס ליטעראַרישן פאַרגלייך. דאָסטאָיעווסקי האָט דאָ געפילט און פיינט געהאַט אין אונז דאָס, וואָס מיר אַליין נעמען אַלץ מער און מער פיינט האָבן אין אונזער גורל: אונזער וואָרצללאָזיקייט, אונזער באָדנלאָזיקייט, אונזער גורל אַלס פיזישע און קולטורעלע וואָרצללאָזע סטעפּ־גראָזן.

ע ר ש ט ע ר ש נ י ט נ אָ כ ן ש ט ו ר ע ם . . .

ט"ו) אין שייכות מיט מאַקס ריינהאַרדטס טויט

I

אין אַ נאָרמאַלער צייט וואָלט מאַקס ריינהאַרדטס טויט געווען זיין אַ פּעטער ביסן פאַר דער „יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור", וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אויסזוכן דעם יידישן מאָמענט אין יעדער באַרימטקייט, באַזונדערס נאָך איר טויט. און מאַקס ריינהאַרדט איז געווען אַ וועלט־באַרימטקייט.

די אויבנדערמאָנטע אַגענטור וואָלט געווען געלאָזט מודיע זיין דער גאַנצער יידישער וועלט וועגן דעם, אַז דער גרויסער רעזשיסער איז געווען אַ ייד און צוליבן באַרימטן ייד מאַקס ריינהאַרדט וואָלט מען געווען פאַרגעסן וועגן גרויסן טעאַטראַלן זשעני.

עס גייט דאָ נישט, נאַטירלעך, וועגן דער אויבנדערמאָנטער אַגענטור, — זי באַדינט דעם יידישן עולם און זי פּאַסט זיך צו צום געשמאַק פון דאָזיקן עולם, — און אונזער עולם האָט שרעקלעך ליב, ווען אין דער ממשלה פון אַ וועלכער נישט איז מוזע זוכט זיך אָפּ נאָך איין קרוב לויטן בלוט.

און אָט דאָס טאַקע רופט אַרויס ביי מיר עמפּערונג: איך קאָן אָפּשאַצן לויט זייער פאַרדינסט אַזעלכע טויטע, ווי מאַקס ריינהאַרדט. איך קאָן אָנערקענען, אַז צווישן די פינף הויפּט־נעמען אין דער געשיכטע פון דער טעאַטראַלער קונסט אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פאַר־נעמט מאַקס ריינהאַרדט ווייט נישט דאָס לעצטע אָרט, — אָבער וואָס האָט דאָ צו טון זיין „יידישקייט"? און צוליב וואָס זאָל איך זיך גרויסן מיט דעם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַלס ייד?! מיט דער זעלבער לייזנשאַפטלעכקייט, מיט וועלכער איך וואַרף אָפּ די אחריות פון יידנטום פאַר אַ וואָסער נישט איז אינטערנאַציאָנאַלן אוואַנטוריסט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, שטעל איך

זיך אַנטקעגן דער אומגעזונטער, פּשוט קרענקלעכער תּביעה אונ־זערע אויף דעם רום פון יעדן רומרייכן נאָמען בלויז אויפן סמך פון דעם, וואָס יענער איז געבוירן געוואָרן אַלס ייד. איך זאָג זיך אָפּ פון דער מאָראַלישער ירושה פון אַלע גרויסע מענטשן, וועלכע זענען יידן בלויז לויט דער געבורט, דערפאַר אָבער וויל איך נישט טראָגן קיין אחריות פאַר דעם מאָראַלישן באַנקראָט פון די יידן לויט געבורט. אויב מיר וואַרפן בכלל אָפּ דעם פּרינציפּ פון טאָטאַלער ערבות, וואָס די וועלט צווינגט אויף אונז אַזוי אָפט אַרויף, איז לעכערלעך אויסצוציען די האַנט נאָכן לאָרבער־קראַנץ, ווי נאָר די וועלט קרוינט מיטן נאָמען „זשעני" עמיצן פון אונזערע ברידער בלויז לויטן בלוט.

אַלס מענטש קאָן איך זיך גרויסן ביים געדאַנק וועגן מאַקס ריינהאַרדטס טעאַטראַל־קינסטלערישער טעטיקייט, אָבער דאָס זעלבע געפיל שפּיר איך ביים געדאַנק וועגן סטאַניסלאַווסקיס טעטיקייט. ווען איך טראַכט אָבער וועגן דעם, אַז מאַקס ריינ־האַרדט איז אַ ייד, שפּיר איך, פאַרקערט, עפּעס אַ מאָדנע דער־דריקטקייט: אַ דערדריקטקייט ביים געדאַנק וועגן דעם, ס'אַראַ לייבן־טייל פון אונזערע שעפערישע פאָלקס־כוחות עס גייט אוועק אויף באַפרוכפּערן פרעמדע קולטורן. עס איז גענוג איך זאָל פאַרגלייכן אונזער יידישן טעאַטער מיטן טעאַטער, וואָס ריינהאַרדט האָט געשאַפן, כדי אָנשטאָט שטאָלץ צו פילן אַ פאַרדרוס אויף אונזער גורל פאַר דעם, וואָס עס איז מקוים געוואָרן די שרעקלעכסטע קללה פון אונזערע נביאים: „אייערע קינדער וועלן איך פאַרלאָזן". יענע, פאַר וועמען די „יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור" יאָגט זיך איבער דער וועלט, זוכנדיק די יידישע מעטריקעס פון אַלע באַרימטקייטן, — יענע דערמאָנען מיר דעם אַנעקדאָטארישן הונגעריקן ייִנגל, וועלכער האָט זיך געגרויסט — אויף אַ ניכטערן מאָגן — פאַר זיינע חברים: „אָבער מיין פעטער עסט יעדן טאָג הון מיטן קאָמפּאָט".

ערשטער שניט נאָכן שטורעם...

מאַקס ריינהאַרדטס פאַרדינסטן פאַרן דייטשן טעאַטער, פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער טעאַטראַלער קונסט זענען זייער גרויס: ער האָט אויפגעהערט צו זיין דער קנעכט פון אַ פּיעסע, און געוואָרן איר שעפערישער האַר; ער האָט ווידער אריינגעבראַכט אין טעאַטער דאָס טעאַטראַלישע; ער האָט פאַרטיפט די קונסט פון די אַקטיאָרן, — אָבער פון יידישן שטאַנדפּונקט איז פאַר מיר אַ סך נענטער דער אָרעמענער וואַכטאַנגאָוו, וועלכער האָט אונז געגעבן דער „הבימהס" „דיבוק", איידער דער „ייד" ריינהאַרדט, וועלכער האָט געבויט דעם דייטשן טעאַטער, אָבער נישט דעם יידישן.

אין דאָזיקן געיעג נאָך דער יידישער מעטריקע פון די באַרימטע לייט, טרעט בולט אַרויס אונזער „מינדערוועדטיקייט-קאָמפּלעקס": „איר זעט ווער מיר זענען?!" אַנשטאָט צו בויען דאָס אייגענע לעבן, מיט אַן אייגענער קולטור, פאַרשווענדן מיר אונזערע שעפערישע כוחות און גרויסן זיך נאָך דערמיט. מיר גרויסן זיך מיט מאַקס ריינהאַרדטן און מיר שפּירן נישט אונזער אחריות פאַרן גורל פון דוד הערמאַן, דעם יידישן רעזשיסער, וועלכער האָט דער ערשטער געשטעלט דעם „דיבוק" אין דער באַרימט-געוואָרענער „ווילנער טרופּע", געשאַפן דורך ליבהאָבער. ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן דער אָרימער יידישער סצענע, און ווען מען האָט אים איינגעלאַדן קיין נאַרוועגיע אויפצופירן דעם „דיבוק", האָט ער אַהין געטראָגן די פּאָן פון יידישער קונסט, און אַ באַקרוינטער מיט לאָרבערבלעטער האָט ער זיך אומגעקערט צו אונז, צום פיזישן און גייסטיקן הונגער. עס איז זייער מעגלעך, אַז עס איז אַ סך לייכטער צו ווערן אַ מאַקס ריינהאַרדט אין אייראָפּע, וואָס איז רייך מיט קונסט און מעצענאַטן, איידער צו זיין אַ דוד הערמאַן אין דער אָרימער יידישער סביבה. מיר אָבער, ווי גייסטיק בלינדע, גרויסן זיך נישט דערמיט, וואָס דוד הערמאַן האָט אויפגעטון, בלייבנדיק אַ יידישער שעפער, נאָר מיט דעם,

וואָס מאַקס ריינהאַרדט האָט אויפגעטון, אוועקגייענדיק פון אונז.

צי וואָלט מאַקס ריינהאַרדט געווען געקאָנט געבן זיינע אויפפירונגען, וואָס פלעגן פאַרשלינגען גאַנצע פאַרמעגנס, אָן מלוכהשע סובסידיעס און ריזיקע נדבות פון מעצענאַטן? צי וואָלט מאַקס ריינהאַרדט געווען געקאָנט אַנטוויקלען זיין זשעני אָן דער בערלינער טעאַטראַלער קולטור פון די ערשטע דריי יאָרצענדליקער פון 20־טן יאָרהונדערט?

ביי אונז אָבער? בעת דער אָקופּאַציע, אין יאָר 1916, אין דער הונגערנדיקער ווילנע, האָט אַ גרופּע הונגעריקע ליבהאָבער געשאַפן די „ווילנער טרופּע", וואָס וואָלט געקאָנט פאַרנעמען נישט דאָס לעצטע אָרט אויך אין אַ לאַנד מיט אַ הויכער טעאַטראַלער קולטור, — נאַטירלעך, נישט מיטן גלאַנץ פון אירע אויפפירונגען, נאָר מיט דעם איכות פון אַקטיאָרישער שפּיל און מיט דער ריינקייט פון דער רעזשיסור. און דער טורנע פון דער דאָזיקער טרופּע איבער אייראָפּע איז געווען אַ כסדרדיקער טריאומף־צוג.

אויב שוין יאָ דערמאָנען זיך וועגן דעם, אַז מאַקס ריינהאַרדט איז געווען אַ ייד, איז נישט צוליב דעם, כדי צו גלעטן זיך איבערן בויך, נאָר כדי נידעריק אַראָפּצובויגן דעם קאָפּ ביים געדאַנק: ביי די פרעמדע ווערן אונזערע דוד הערמאַנס מאַקס ריינהאַרדטס, און ביי אונז וואָלטן זייערע מאַקס ריינהאַרדטס געוואָרן דוד הערמאַנס.

ניין, ניין, נישטאָ זיך וואָס צו גרויסן מיט דעם, וואָס מאַקס ריינהאַרדט איז אַ ייד; דאָס איז אונזער אומגליק און אונזער נאַציאָנאַלע חרפּה.

אויב מיר האָבן זיך איינגעקשנט און מיר ווילן בשום אופן נישט מאַכן קיין ריכטיקע אויספירן פונם פאַקט, וואָס די מאַקס ריינהאַרדטס זענען יידן, — איז שוין בעסער צו פאַרשווייגן דעם דאָזיקן פאַקט. עס איז נישט אַזוי שיין הויך־

צו שטאָלצירן מיט אונזער נאַציאָנאַלן באַנקראָט, — מיט דעם, וואָס מיר האָבן קיין אָרט נישט פאַר אונזערע מאַקס־ריינהאַרדטס, וואָס זיי שרומפּן ביי אונז איין און ווערן אויס־געצערט.

לאָמיר בעסער פאָדערן צו פאַרמאַכן די מעטריקע־אָפּטייר־לונג פון דער „יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור".

II

אן אמת מיט אַ מיספּאַרשטייעניש*)

אין א. כאַראַשעס אָפּרוף („דער אריינגעלייגטער אין חרם") אויף מיין נאָטיץ „אין שייכות מיט מאַקס ריינהאַרדטס טויט", געפין איך אַ סך פּאַטאַס נישט אויף דער טעמע, איין אמת אויף דער טעמע, אָבער דערפאַר מיט אַ גרויסער מיספאַר־שטייעניש.

דער אמת באַשטייט אין דעם, וואָס „דאָרט, ווו עס איז נישטאָ קיין פּערזענלעכע פאַראינטערעסירטקייט, ווו די קראַפט פון טאַלאַנט שלאָגט מיט אַ מעכטיקן קוואַל, דאַרפן מיר לאָזן יענעם די פרייהייט פון אויסוואַל און האַנדלונג... אין אַזעלכע פאַלן איז נישטאָ קיין אָרט פאַרן חרם!"

געוויס! ווען אונזערע ריינהאַרדטס וואַקסן אריין, צוליב דער נאַטירלעכער אומנאָרמאַלקייט פון אונזער נאַציאָנאַלער לאַגע, אין אַ פרעמדער קולטור, וואָלט געווען נאַריש און אומ־גערעכט צו בייזערן זיך אויף די דאָזיקע נאָרמאַל אָפּגעפאַלענע. ווען די וואָרצלען פון בוימער שטעלן נישט צו דעם שטאַם

---

*) אויף מיין נאָטיץ „אין שייכות מיט מאַקס ריינהאַרדטס טויט" האָט זיך אָפּגערופן איינער אַ לייענער א. כאַראַש מיט אַ בריוו אין רעדאַקציע אונטערן נאָמען „דער אריינגעלייגטער אין חרם". איך דרוק דאָ איבער מיין ענטפער, פון וועלכן עס איז קלאָר זיין טענה.

גענוג פייכטקייט. נעמען די בלעטער פון די צווייגן אָפּ־פאַלן, — און נישט די בלעטער זענען שולדיק. אפילו ווען אַ שפינאָזאַ גייט אוועק פון אונז צוליב דער גייסטיקער ענגקייט פון דער סביבה.

וואָס וואָלטן מיר שוין געהאַט פון דעם, ווען שפינאָזאַ בלייבט ביי אונז און באַגייט זעלבסטמאָרד, ווי אוריאל אַקאָסטאַ, אָדער דערלעבט ביז זקנה מיט אַ געבראָכענעם גייסט? וואָס וואָלטן מיר שוין געהאַט, ווען שלמה מיימון בלייבט ביי אונז און מיר וואָלטן געהאַט מיט איין מלמד מער? פאַרקערט, אויב נישט נאַציאָנאַל, זענען מיר, לכל הפחות, מענטשלעך באַ־רייכערט דורך דעם אוועקגיין סיי פון שפינאָזאַ, סיי פון היינע, סיי פון שלמה מיימון. און אויב מיר קאָנען נישט האָבן קיין פרעטענזיעס צו ז י י, טאָ קאָנען מיר אַוודאי און אַוודאי נישט האָבן קיין אינדיווידועלע פרעטענזיעס צו די מאַקס ריינ־האַרדטס, וועלכע זענען נישט אוועק אַליין, נאָר זענען אריינ־געוואַקסן אין אַ פרעמדער קולטור.

געוויס, די טראַגישע טריישאַפט צו אַ פאָלק אַן אָרימאַן האָט אין זיך, ווי יעדע עכטע טראַגעדיע, אַ סך רירנדיקע שיינ־קייט, אָבער אַזאַ טריישאַפט קאָן מען הויך שעצן, — נאָר נישט הויך פאָדערן.

איך האַלט נישט, מען זאָל קאָנען אין אַן ענטפער־בריוו אויף אַן אָפּרוף פאַנאַנדערוויקלען אין איר גאַנצער ברייט און קאָמפּליצירטקייט די דאָזיקע פּראָבלעם (דעם טראַגישסטן צו־זאַמענשטויס צווישן יחיד און קאָלעקטיוו), און מיין דאָזיקער בריוו האָט אַן ענגערן ציל: וואָרנען דעם לייענער קעגן דעם פאַלשן איינדרוק, אַז איך זאָל האָבן געפאָדערט אריינצוּוואַרפן מאַקס ריינהאַרדטן אין חרם.

אין דער היץ פון פּאַטעטישן פאַרטיידיקן זיין אמת, איז אַ. כאַראַש אריינגעפאַלן אין אַ מיספאַרשטייעניש און ער שרייבט מיר צו אַ נאַרישקייט, וואָס איך בין נישט באַגאַנגען.

איך האָב נישט געלייגט אין חרם מאַקס ריינהאַרדטן, — איך בין אַרויסגעטרעטן קעגן אונזערע צאָלרייכע ברידער, וועלכע ווערן אַזוי פאַרבלענדט דורך דעם גלאַנץ פון „אונזערע" מאַקס ריינהאַרדטס אין דער פרעמד, אַז זיי שפּירן שוין לגמרי נישט די טראַגעדיע פון דער דאַזיקער דערשיינונג און זענען גיכער גרייט צו פאַרגעסן, וואָס מאַקס ריינהאַרדט האָט געטון, ווי דאָס, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַלס ייד.

אויב שוין יאָ רעדן וועגן אַ חרם, בין איך גיכער גענייגט אַריינצולייגן אין חרם יענע פון אונזערע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע וואָלטן בכוח געווען צוצוהעלפן דער אַנטוויקלונג פון אונזער קולטור, וועלכע וואָלטן ביכולת געווען צו פאַרגרעסערן דאָס פעלד פאַר דער נאַציאָנאַלער טעטיקייט פון אונזערע נאַציאָנאַלע מאַקס ריינהאַרדטס, און דאָך באַגנוגענען זיי זיך בלויז מיטן ספּקדיקן שטאָלץ פון מאַקס ריינהאַרדטס דערגרייכונגען ביי די פרעמדע.

עס איז שוין צייט פאַר די דאָזיקע ענטוזיאַסטן, וועלכע צעפּלאַקערן זיך אָן אַ סיבה, צו וויסן, אַז אַ טאַלאַנטירט קינד, וואָס מען דאַרף עס אָפּגעבן אויף דערציאונג צו פרעמדע צוליב דער אייגענער אָרעמקייט, איז אַ טאָפּלטע טראַגעדיע. און חוץ דעם, די דערגרייכונגען פון דאָזיקן קינד זענען דער פאַרדינסט פון די גייסטיקע אַדאָפּטירער, און נישט פון די, וועלכע האָבן אים פיזיש געבוירן.

III

אָן אַ מאַסקע

מיינע געדאַנקען, אַרויסגערופן אין מיר נישט אַזוי דורך מאַקס ריינהאַרדטס טויט, ווי דורך דער דעראינערונג פון די נאַציאָנאַלע אָרגיעס, וואָס די „יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור" פלעגט פּראַוועזן אין די גוטע אַלטע צייטן לכבוד דעם טויט

פון די באַרימטע לייט פון יידישער אָפּשטאַמונג, — די דאָזיקע אומעטיקע געדאַנקען מיינע האָבן באַקומען אַ בליצאַרטיקן אויסדרוק אין אַ נאָטיץ „פון מיין טאָגבוך", ד. ה. אַן אויסדרוק אַ מער אָדער ווייניקער אינטימען, אַ מער אָדער ווייניקער עמאָציאָנעלן, נישט קיין פולן וואָס שייך דער אָלזייטיקער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע, אָבער אַ פולן לויט דער ליידנשאַפטלעכקייט פון דער איבערלעבונג.

און איך האָב לחלוטין נישט דערוואַרט, אַז מיין נאָטיץ וועט אַרויסרופן אַזאַ קאָך, אַזאַ מבול פון פּראָ און קאָנטראַס — שריפטלעכע און מינדלעכע, וואָס זענען דערביי — אין דער מערהייט — אַ רעזולטאַט פון אַ מיספאַרשטייעניש. צו ערשט, ביים לייענען א. כאַראַשעס בריוו, האָב איך געמיינט, אַז כ'האָב צו טון מיט אַ פּשוטער אינדיווידועלער מיספאַרשטייעניש, וואָס דאָס טרעפט ביי די בעסטע לייענער. און כדי גלייך פון אָנהויב צו מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער מיספאַרשטייעניש (און אַ מיספאַרשטייעניש איז מער אָנשטעקנדיק, ווי אַן אמת), האָב איך אין איילעניש אָפּגעדרוקט אַן ענטפער־בריוו צום ה' א. כאַראַש, אָנווייזנדיק אויפן סאַמע עיקר, אַז מיין נאָטיץ האָט זיך לחלוטין נישט באַשעפטיקט מיט דער שולד פון מאַקס ריינהאַרדט פאַר זיין דינען אַ פרעמד פאָלק, און נישט זיין אייגענעם. מיין נאָטיץ, ווי כ'האָב דאָרט אָנגעוויזן אין הסכם מיט איר אינהאַלט, — האָט זיך באַשעפטיקט מיט די ענטוזיאַסטן פון אונזערע גרויסע צושטייערס (מיט לעבעדיקן אינווענטאַר) צו דער אַלוועלטלעכער קולטור.

— איך בין זיכער געווען, אַז מיטן דאָזיקן קורצן בריוו, — וואָס שטעלט פעסט פאַקטן, וואָס ליגן מחוץ פון יעדן ספק, — וועט פאַרענדיקט זיין די דיסקוסיע וועגן מיין נאָטיץ. אָבער אויף דער ענגלישער זייט פון „נאַשאַ זשיזן", אין זעלבן נומער, אין וועלכן איך האָב זיך באמת איבערצוהאַקן די אַנטוויקלונג פון דער מיספאַרשטייעניש, געפין איך אַן אַרטיקל פון קאָלעגע

ערשטער שניט נאָכן שטורעם...

אַ. ג., און אין דאָזיקן אַרטיקל געפֿין איך אין אַ צווייטער, פֿאַרגרעסערטער און פֿאַרבעסערטער אויפֿלאַגע די זעלבע אויבנדערמאָנטע מיספֿאַרשטייעניש פֿונם ה׳ א. כאַראַש. די לעבנספֿעאיקייט פֿון דער דאָזיקער מיספֿאַרשטייעניש, ווי עס ווייזט אויס, איז שטאַרקער, ווי כ׳האָב געמיינט. און די דאָזיקע מיספֿאַרשטייעניש איז באַזונדערס שעדלעך, ווייל, אָפּלעקענדיק די אויפֿמערקזאַמקייט אויף אַ פֿאַלשן שפּור, לענקט זי אים דערמיט גופֿא אָפּ פֿון יענעם וויכטיקן פּונקט, אויף וועלכן איך האָב גראָד געוואָלט ציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון מיינע לייענער.

דער דאָזיקער פֿאַקט איבערציינט מיר, אַז כדי אויסצוואָרצלען די דאָזיקע מיספֿאַרשטייעניש, וואָס נישט נאָר זי נייטראַליזירט די ווירקונג פֿון מיין נאָטיץ, נאָר זי שעדיקט דירעקט אירע כוונות, וועל איך זיך מוזן פֿאַרנעמען אַביסל ברייטער מיט דער מיספֿאַרשטייעניש פֿון מיינע קריטיקער.

*　*　*

קודם כל מוז איך אויסדריקן מיין איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע מיספֿאַרשטייעניש איז נישט אַזאַ פּשוטע און אומשולדיקע, ווי דאָס קאָן זיך אויסדוכטן פֿון ערשטן בליק. ווען דאָס וואָלט זיין אַזוי, וואָלט גענוג געווען מיין ענטפֿער כאַראַשן. אָבער די דאָזיקע מיספֿאַרשטייעניש איז אַן אומבאַוווסטזיניקע פֿאַרלייגונג פֿונם שווערפּונקט פֿון מיין אַרטיקל; מיינע אָפּאָנענטן לענקען אָפּ זייער אייגענעם געדאַנק פֿונם פּונקט, וואָס איז צו שוואַך פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג, אויף אַ פּונקט, וואָס איז שטאַרקער פֿאַרן דאָזיקן ציל. פּסיכאָלאָגיש איז זיי נויטיק, איך זאָל האָבן אַטאַקירט ריינהאַרדטן, געבנדיק זיי, אויף אַזאַ אופֿן, די מעגלעכקייט צו פֿאַרטיידיקן אים פֿון אומפֿאַרדינטע פֿאַרוואָרפֿן: צי דען איז ער אַוועק פֿון אונדז? ער איז דאָך אויסגעוואַקסן אין אַ פֿרעמדער סביבה און איז אַריינגעוואָקסן אין אַ פֿרעמדער קולטור! צי דען זענען שולדיק די אַראָפּפֿאַלנדיקע בלעטער, ווען דער שטאַם איז אַנעמיש און ער וועלקט?

די דאָזיקע פאַרלייגונג פונם שווערפּונקט — פון אַ שלעכט באַשיצבאַרע פּאָזיציע אויף אַ לייכט באַשיצבאַרע, — איז אַן אָפטע דערשיינונג אין פּריוואַטע דיסקוסיעס, אָבער זי איז נישט קיין זעלטענע דערשיינונג אויך אין עפנטלעכע דיסקוסיעס. אין אַזעלכע פאַלן רעדן מיר וועגן אַ שוואַך פונקציאָנירנדיקער לאָגיק, אָבער אין דער מערהייט אַזעלכע פאַלן דאַרף מען אין דער אמתן לאָזן צו רו די לאָגיק, און בעסער זיך פאַרטיפן אין דער פּסיכאָלאָגיע, און טאַקע אין איר אונטערבאַוווסטזיניקן געביט.

אויך אין אונזער פאַל האָבן מיר צו טון מיט דער פונקציע פון דינעם פּסיכאָלאָגישן אַפּאַראַט. פאַרטיידיקנדיק בלומרשט ריינהאַרדטן, פאַרטיידיקן אין דער אמתן מיינע אָפּאָנענטן — זיך, אָדער נאָך קלאָרער זיך אויסגעדריקט: זיי פאַרטיידיקן ריינהאַרדטן, כדי אויסצומיידן די נויטווענדיקייט צו פאַרטיידיקן זיך, אינסטינקטיוו וואַרפנדיק זיך צום שיצן די לייכט־צו־פאַרטיידיקנדיקע פּאָזיציע, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן נישט ווו עס ציִלט דער פאַקטישער אָנגריף.

און דאָס אַלץ, חזר איך איבער, קומט פאָר נישט נאָר בכיוון, נאָר לגמרי אומבאַוווסטזיניק, נישט ווילנדיק.

אָבער לאָזט זיך דינען מיינע הערן: איך האָב דאָך לחלוטין נישט אַטאַקירט ריינהאַרדטן און כ'האָב אים אין גאָרנישט נישט באַשולדיקט, און במילא נויטיקט ער זיך נישט אין אייער שוץ! בעסער פאַרטיידיקט זיך גופא, ד. ה. אייער דורך מיר אַטאַקירטן ענטוזיאַזם מיט דעם, וואָס אויך מאַקס ריינהאַרדט איז געווען אַ ייד. אָט־אָ די דאָזיקע געוווינהייט פון די יידן צו זוכן די יידישקייט־מעטריקע ביי אַלע גרויסע מענטשן, וואָס שטאַרבן אָדער באַקומען נאָבל־פּרעמיעס, האָב איך באמת אַטאַקירט אויפן אַנטשלאָסנסטן אופן. און היות ווי איך האָב אין מיין נאָטיץ „אין שייכות מיטן טויט פון מאַקס ריינ־האַרדט" קלאָר און פול — הגם בליצאַרטיק — אויסגעדריקט

מיין געדאַנק און געפיל, האַלט איך פאַר איבעריק איבערצוחזרן מיינע אַרגומענטן.

איך האַלט אויך איצטער, אַז איך בין אַן שום באַוואָרע־נישן גערעכט סיי אין מיין געדאַנק, סיי אין מיין געפיל (ווייל ביים אָפּשאַצן די טעטיקייט פון דער טויט־אָפּטיילונג פון דער „יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור" האָב איך זיך דער עיקר אָריענ־טירט מיטן געפיל, וואָס די דאָזיקע טעטיקייט וועקט אויף אין מיר).

* * *

פאַרטיידיקן ריינהאַרדטן קעגן מיין אַרטיקל איז לחלוטין נישט נויטיק. אָבער פונדעסטוועגן איז די דאָזיקע פאַרטיידי־קונג פאַר זיך גופא זייער אַן אינטערעסאַנטע טעמע. און היות ווי די דאָזיקע טעמע איז פאַרבונדן מיט מיין אַרטיקל, וויל איך זיך צוקוקן גענויער צו איר, הגם נישט אַלס באַשולדיקטער.

אין מיין ענטפער דעם הער כּאַראַש האָב איך געזאָגט, אַז „ווען די וואָרצלען פון אַ בוים שטעלן נישט צו דעם שטאָם גענוג פייכטקייט, נעמען די בלעטער אָראָפּפאַלן, — און נישט די בלעטער זענען שולדיק". אָבער מען טאָר נישט מיסברויכן מיטן דאָזיקן בילדלעכן פאַרגלייך. יעדער פאַרגלייך איז ריכטיק בלויז אין אַ געוויסער מאָס. ווען געטע זאָגט אָפּטימיסטיש: „אויב דאָס זענען רויזן — איז נישקשה, וועלן זיי שוין בליען", גיט ער דערמיט אַן אויסדרוק זיין זיכערקייט, אַז אַן אמתער טאַלאַנט וועט זיך דורכשלאָגן אַ וועג אויך דורך אומגינסטיקע באַדינגונגען. און ער איז גערעכט. אָבער ביז אַ געוויסער מאָס; ווייל מיר ווייסן דאָך, אַז זייער אַ סך רויזן צעבליען זיך נישט, אַז זייער אַ סך טאַלאַנטן קומען אום.

דאָס זעלבע איז אויך מיט מיין פאַרגלייך. געוויס, די בלעטער זענען נישט שולדיק, אָבער נישט אַלע פאַלן דאָך אָראָפּ פאַר אַמאָל, — אויך אויף אַן אָנעמישן בוים זעען מיר דאָך גרינע בלעטער, און אויך אויף אַן אָנעמישן בוים זעען מיר

נעבן א טויטן צווייג א ניי־פאַנאַנדערגעבליטן. און חוץ דעם זענען מענטשן נישט קיין בלעטער. און דעריבער קען מען נישט זאָגן מיט אזא זאָרגלאָזיקייט, ווי דאָס טוט קאָלעגע א. ג. „נישט יעדע פאמיליע האָט דאָס רעכט צו פארשילטן אירע פארלוירענע זין, ווייל ווען איר אייגענע היים איז נישט אין אָרדנונג, איז נאַטירלעך, וואָס די קינדער פארלאָזן זי, זוכנדיק פאַר זיך בעסערע מעגלעכקייטן".

גוט, מיר האָבן נישט קיין רעכט צו פארשילטן, אָבער מיר האָבן דאָס רעכט פעסטצושטעלן, אז אזוי טוען קינדער אָן פליכט־געפיל, אָן טריישאַפט, מיט איין וואָרט — קעסט־קינדער, ווייל אמתע קינדער פארלאָזן נישט די פאראָרעמטע טאַטע־מאַמע־היים מיטן אויסרייד פון פאַרמעלן רעכט. זיי פילן, — אויב ביי זיי איז נישט דעגענערירט געוואָרן דאָס קינדערשע געפיל צו עלטערן, — אַז דאָס עלטערן־הויז איז נישט קיין האָ־טעל, וואָס מען פארלאָזט אים, ווען ער איז נישט געהייצט, נאָר מען וואַרעמט עס אָן מיט דער אייגענער וואַרעמקייט. דאָס עלטערן־הויז בלייבט היימיש נישט נאָר דאַן, ווען מען קאָן ביי אים נעמען, נאָר אויך דאַן, ווען מען דאַרף אים געבן, — אפילו אָפּגעבן דאָס לעצטע.

אָבער די דאָזיקע טריישאַפט קאָן מען נישט פאָדערן, מען דאַרף זי פארמאָגן אין זיך. קיינער ברענגט נישט פאַר קיינעם קיין קרבנות, — מקריב עפּעס איז נאָר דער יעניקער, ווער עס געניסט עפּעס פון דעם דאָזיקן קרבן; איך מיין דאָ נישט, נאַטירלעך, עפּעס מאַטעריעלעס.

איך געדענק, אמאָל־אמאָל האָב איך אין א רוסישער כרעס־טאָמאַטיע אויסגעלערנט פאָלגנדיקע פערזן פון רוסישן פאָלקס־טימלעכן דיכטער נעקראַסאָוו:

„ווי א מוטער אויף א קבר פון א קינד, קרעכצט דער קוליק איבער דעם טרויעריקן פליין. מוטער־היימלאַנד! מיין נשמה

הערט אויף צו בונטעווען, איך האָב זיך אומגעקערט צו דיר אַלס ליבנדיקער זון"...

איך געדענק נישט איצט ווייטער אויסנווייניק, אָבער דער ציטער פון מיין גאַנצער נערוון־סיסטעם קלאַפּט אויס דעם ריטם פון די ווייטערדיקע סטראָפעס פון דאָזיקן געדיכט, אין וועלכן דער דיכטער־בירגער דריקט אויס זיין גרעניצלאָזע ליבע צום היימלאַנד, וועלכעס ער האָט געזען אין זיין גאַנצער מאַטעריעלער און קולטורעלער פאַרלאָזנקייט. איך ווייס נישט איצט צי די דאָזיקע פערזן זענען גוט פון אַ ריין־דיכטערישן שטאַנדפונקט, אָבער אין די דאָזיקע פערזן איז זיכער דאָ עפּעס הייליקס, — אין זיי איז דאָ דאָס געפיל פון אחריותדיקער ליבע, דאָס געפיל פון אידענטיפיצירן דעם פּערזענלעכן „איך" מיט עפּעס העכערס, קאָלעקטיווס, צוליב וועלכן מען איז מקריב זיך גופא, כדי אויסצווואַקסן צוזאַמען מיטן „עפּעס". אין דאָזיקן געפיל ליגט דער פונדאַמענט פון איעדן קולטור־צווייג: דאָס פּערזענלעכע אַרבעט פאַר עפּעס, וואָס איז אין פלוג מחוץ דעם פּערזענלעכן, אָבער נאָר דערפאַר, ווייל דאָס דאָזיקע אומפּערזענלעכע איז נויטיק דעם פּערזענלעכן „איך".

ניין, דאָס איז נישט קיין קרבן אין נידעריקן זין פון דאָזיקן וואָרט, — אַ קרבן, וואָס ווערט געבראַכט אין צייכן פון אומגליק; דאָס איז אַ קרבן, וואָס באַגליקט, ווי עס איז גליקלעך די מוטער, וואָס איז עפּעס מקריב פאַר איר קינד, ווי עס איז גליקלעך אַ געליבטער, וואָס איז עפּעס מקריב פאַר זיין געליבטער פרוי. דאָס דאָזיקע געפיל איז נישט אָפּצוטיילן פון ליבע, ווען די ליבע איז אויף אַן אמת ליבע, צו וואָס עס זאָל נישט זיין. דאָרט, וווּ עס איז נישטאָ די דאָזיקע גרייטקייט צו ברענגען אַ קרבן, מעגט איר זיין זיכער, אַז עס איז אויך נישטאָ קיין ליבע, נאָר בלויז פּוסטע ווערטער וועגן איר. און נישט נאָר עס איז נישטאָ קיין ליבע, נאָר עס איז אויך דאָ

אַ ליבע־אומפּרוכטבאַרקייט, וואָס זאָגט עדות אויף דער עמאַ־ציאָנעלער אביונות פונם דאָזיקן מענטשן.

ניין, מען קאָן נישט מיט אַזאַ זעלבסטצופרידענער זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט רעדן וועגן דעם, אַז די אָרעמע היימען ווערן נאַטירלעך פאַרלאָזן דורך די קינדער. פאַרקערט, וואָס גערעכטער עס זענען די קינדער, אַלץ גיכער ווערט דאָס על־טערן־הויז געמיטלעך, געבענטשט מיט שפע, אויב די קינדער זענען נישט קיין דעגענעראַטן, נאָר זיי פאַרמאָגן יענע פעאיקייט צו ליבע, וואָס איך האָב איר אייגנשאַפט פּרובירט אויסצו־דריקן וואָס קלאָרער, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך דעם. מענטש־לעכן וואָרט בכלל און מיין וואָרט — בפרט.

און דאָס איז נישט עפּעס טעאָרעטישעס, — עס באַזירט אויף פאַקטן. אויב נישט מיט דער ווירקונג פון דער דאָזיקער געהיימנישפולער קראַפט פון קרבנות־גרייטער, באַגליקנדיקער ליבע, טאָ מיט וואָס וועט איר דערקלערן די פאַקטן פון רירנדער נאַציאָנאַלער טריישאַפט אין יענע נישט־זעלטענע פאַלן, ווען עס געפינען אַ וועג צו זייער פאָלק מענטשן, וועלכע פערזענלעך האָבן זיי אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, וועלכע זענען אריינ־געוואַקסן אין אַ פרעמדער קולטור נאָך אומבאַוווסטזיניקער פאַר רייננהאַרדטן?

לאָמיר נעמען, למשל, אַזאַ עמאַ לאַזאַרוס, וועלכע האָט געלעבט און איז געשטאָרבן אין אַמעריקע אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

אַן אייניקל און אור־אייניקל פון פּאָרטוגאַלישע יידן, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג געהאַט פאַרגעסן זייער קאָנקרעט יידיש־קייט, אַ טאָכטער פון אַן אַמעריקאַנישן פּלאַנטאַטאָר, — האָט זי נישט געהאַט קיין שום פערזענלעכע שייכות צו יידן, צו יידישער קולטור. אָנגעהויבן אַ גלענצנדיקע קאַריערע פון אַ פּאָ־עטין אין דער ענגלישער שפּראַך, באַגעגנט זי אין ניו־יאָרק דעם עמיגראַנטישן שטראָם פון רוסישע יידן. דער אויסזען און דער־

גורל פון די דאָזיקע מענטשן צינדן אָן אין דאָזיקן גאַטירלעך־אָראָפּגעפאַלענעם בלאַט זיין גאַנצע נישט־דעגענערירטע אחריות־דיקע ליבע פאַרן זאָמען פון אומצאָליקע דורות. עמאַ לאַזאַרוס פאַרבינדט זיך מיטן גורל פון אירע יידישע פאָלקס־ברידער, מיטן גורל פון אַ פאָלק, וואָס זי קען אים נישט. זי באַזינגט אים, לערנט זיך העברעאיש און בלויז איר פריער טויט רייסט איבער די מיסטעריע פון פאַרוואַנדלען עמאַ לאַזאַרוס אין אַ יידישער פּאָעטין נישט נאָר לויט דער טעמאַטיק, נאָר אויך לויט דער שפּראַך.

נעמען נאָר בלאָזן פרילינג־ווינטן, הויבט אַלץ, וואָס טראָגט נאָר אין זיך דעם זאָמען פון לעבן, אָן צו בליען; בלויז דאָס, וואָס האָט פאַרלוירן בעתן ווינטער דעם לעבנספּעאיקן זאָמען, בלייבט טויט.

מאַקס ריינהאַרדט האָט נישט געהערט צו יענע, אין וועמען דער זאָמען פון נאַציאָנאַליטעט האָט אויסגעהאַלטן די ווינטער־דיקע קעלטן. וויפל קליינע און גרויסע עמאַ לאַזאַרוסעס — פון מענלעכן און ווייבלעכן מין — אונזער מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוועגונג פאַרמאָגט! צו זיי האָט נישט געהערט מאַקס ריינ־האַרדט, הגם ער איז נישט געווען אָפּגעריסן פון יידנטום מער פאַר הערצלען, מער פאַר ריכאַרד בער־האָפמאַנען. אין דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער הינזיכט איז ער געווען אַן אָפּגעפאַלן בלאַט. איך באַשולדיק אים נישט — ער איז אָרעם געווען וואָס שייך דער העכסטער ליבע, פאַר אים האָט די אָרעמקייט פון אונזער הייזקע נישט געקאָנט זיין זיסער פאַרן גלאַנץ פון פרעמ־דע פּאַלאַצן. אָבער איך אַנטציק זיך אויך נישט מיט זיין יידישקייט, ווייל זי איז נישט געווען קיין לעבעדיקע.

און מיינט נישט, אַז ריינהאַרדטס דאָזיקע אָרעמקייט איז אַדורך פאַר אים אומבאַשטראָפט אויף דעם הויפּט־געביט פון זיין לעבנס־טעטיקייט. קיין שום זשעני קאָן נישט קאָמפּענסירן דעם מאַנגל אין איינעם פון די גרונט־עלעמענטן, וואָס ליגן אין

יסוד פון גרויסן בנין פון דער מענטשלעכער קולטור: צו די דאָזיקע גרונט־עלעמענטן געהערן די וואָרצלען, וואָס זענען אַריינגעוואַקסן אין דעם אור־אַלטן באָדן פון דער אייגענער פאָלקסטימלעכקייט. פאַרגלייכט, אדרבא, סטאַניסלאַווסקין מיט ריינהאַרדטן!ביידע זענען, אָן ספק, ערשטראַנגיקע טעאַטראַלע זשעניען. אָבער דער ערשטער האָט קאָנצענטרירט זיין שאַפן מיט זיכערקייט און אויסדויער אויף איין אָרט, ווי אַ מעכטי־קער בוים גראָבט זיך איין אויף יאָרהונדערטער אין באָדן, אין זיין אייגענעם באָדן. ער האָט געשאַפן זיין קינסט־לערישן טעאַטער מיט אינסטינקטיווער זיכערקייט, אַז ער ציט אַרויף אַ העכערן שטאָק איבערן היימישן טעאַטער, אַז דער דאָזיקער טעאַטער וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון זיין אייגענעם טעאַטער, וויפל מאָל ער זאָל זיך נישט ענדערן אין דער צוקונפט, — ער האָט אומבאַוווסטזיניק געטראָגן אין זיך די זיכערקייט פון המשכדיקייט. און ער האָט רואיק גע־וואַרט (און זיך דערוואַרט!), אַז זיין נאַציאָנאַלער טעאַטער זאָל ווערן אַ שטאַפל אויך אינם לייטער פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער קולטור.

דער צווייטער אָבער האָט זיך מיט עכט־יידישער נויראַס־טעניע געוואָרפן פון איין טעאַטער צום צווייטן, כדי מיט אַלץ גרעסערע און גרעסערע הויפנס טעאַטראַלישקייט פאַרפילן די אינערלעכע פוסטקייט, וועגן וועלכער ער האָט אפשר נישט געוווסט, אָבער ער האָט זי אינסטינקטיוו געפילט.

ווי איר זעט, זשעניר איך זיך לגמרי נישט צו אַטאַקירן ריינהאַרדטן, ווען איך רעד וועגן אים. אָבער אויך איצט אינ־טערעסירט ער מיך נישט — עס אינטערעסירן מיך יענע, וועלכע פאַלן אַריין אין התפעלות פון דעם, וואָס זיי קאָנען זיך גרויסן מיט מאַקס ריינהאַרדטס יידישקייט. זיי פאַרשטייען נישט, אַז זיי אַפּלאָדירן אַ טראַגעדיע, — אַ צווייפאַכע טראַגעדיע: פון מאַקס ריינהאַרדטן און פון אונזער פאָלק. און אַט־אַ דאָס טאָקע,

וואָס זיי פילן נישט די דאָזיקע טראַגעדיע פון אונזער פאָלק, האָט אַרויסגערופן און רופט אַרויס מיין אָנגריף, וואָס איך וויל אים ווייטער פירן אין דער ריכטונג, וואָס ווערט פאַר מיר אָנגעצייכנט דורך דעם אַרטיקל פון קאָלעגע א. ג.

* * *

די באַציאונגען צווישן דעם יחיד און דעם כלל זענען אַ וויכטיקער און זייער אָפט אַ גאַנץ אָנגעווייטאָקטער פונקט ביי יעדן פאָלק. ביי אונז אָבער זענען די דאָזיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען אַ סך שאַרפער, ווי ביי אַנדערע. ביז דער צווייטער העלפט 19־טן יאָרהונדערט איז אין די הויפּט־צענטערס פון יידישן פאָלקס־לעבן די פּערזענלעכקייט געווען פולשטענדיק פאַרקנעכטעט ביים קאָלעקטיוו. מחוץ די גרענעצן, וואָס דער קאָלעקטיוו האָט אָנגעצייכנט, איז קיין אָרט נישט געווען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ י י ד י ש ע ר פּערזענלעכקייט. די יעניקע, וועלכע פלעגן אַריבערטרעטן די דאָזיקע גרענעצן, פלעגן אומברחמנותדיק פאַרפאָלגט ווערן, מען פלעגט זיי פאַרטרייבן פון דער היימישער סביבה. פאַר דער פּערזענלעכקייט, וואָס פלעגט נעמען אַרויסוואַקסן פון דער סביבה, איז געבליבן איינס פון דאָס ביידע: אָדער גייסטיק זיך איינבויגן, כדי אויסצוגלייכן זיך מיט דער סביבה, אָדער גיין אין גלות ביזן וועג פון אוריאל אַקאָסטאַ, וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אויפן ריזיקן שטח פון אונזער גלות־געשיכטע זענען, נאַטירלעך, געווען אויך ציטן, ווען די שעפערישע פּערזענלעכקייט פלעגט געניסן ביי אונז אַ געוויסע פרייהייט פון אַנטוויקלונג. אַזוי איז געווען, למשל, אינם אַראַביש־שפּאַנישן פּעריאָד. יהודה הלוי האָט געקאָנט (קאָלעגע א. ג. רעכנט אומזיסט צו דעם דאָזיקן פאָלקסטימלעכסטן זשעני אונזערן צו די צוריקגעקערטע, ווי העס און הערצל; הלוי איז אויף קיין איין מאָמענט נישט געהאַט אוועק פון אונז) שרייבן אין דער יוגנט זיינע דרייסטע ליבע־לידער און קיינער האָט אים דערפאַר נישט אַריינגעלייגט

אין חרם; אזוי, למשל, האָט דער גרויסער רמבם געקאָנט שרייבן זיין „מורה נבוכים" און פונדעסטוועגן גילטן אַלס גרעסטער אויטאָריטעט פון יידנטום, הגם אין 18־טן יאָרהונדערט האָט די בערלינער יידישע קהלה נישט אַריינגעלאָזן אין שטאָט זיין גרויסן פאַרערער, שלמה מיימונען (די פאַמיליע מיימון האָט ער אָנגענומען פון יראת הכבוד פאַרן רמבם — רבינו משה בן מיימון) דערפאַר, ווייל אין זיין קבצנים־טאָרבע האָט מען געפונען אַ פירוש אויפן „מורה נבוכים" אונטערן נאָמען „גבעת המורה". עס זענען געווען אויסנאַם־תקופות, אָבער בדרך כלל איז די פּערזענלעכקייט ביי אונז געווען געבונדן אויף די הענט און פיס. און דעריבער איז אונז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס שפינאָזאַ איז געצוווּנגען געווען אַוועקצוגיין פון אונז, ווייל ער האָט געקאָנט בלייבן ביי אונז בלויז אויפן חשבון פון זיין גייסטיקן וווּקס, אויפן חשבון פון זיין נאָרמאַלער אַנטוויקלונג.

דער לעצטער יאָרהונדערט פון אונזער געשיכטע געפינט זיך טאַקע אונטערן צייכן פון באַפרייען די פּערזענלעכקייט פונם אייזערנעם יאָך פונם קאָלעקטיוו. דער דאָזיקער קאַמף, וואָס די השכלה האָט אָנגעהויבן און וואָס קומט ווייטער פאַר אונטערן צייכן פון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג (פון פאַרשידענע ניואַנסן, אָבער אין הסכם וואָס שייך דעם דאָזיקן פונקט), פירט זיך נישט נאָר לטובת דער פּערזענלעכקייט, נאָר אויך לטובת דעם קאָלעקטיוו. אזעלכע ווי אחד העם האָבן געשטעלט דעם טראָפ אויפן נוצן, וואָס דער כלל וועט באַקומען פון דער דאָזיקער פרייהייט פונם יחיד, ווייל אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פונם לעצטן, וועט אויך ער, דער קאָלעקטיוו, אַנטוויקלען און פאַרברייטערן זיין גייסטיקע אויפנאַם־פעאיקייט. אזעלכע ווידער, ווי מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און ש"י איש הורוויץ, די אזוי גערופענע „יונגע", פלעגן שטעלן דעם טראָפ נישט אויף דער אַנטוויקלונג פון קאָלעקטיוו, אַ דאַנק דער באַפריי־אונג פונם יחיד, נאָר אויף דער אַנטוויקלונג פון דער פער־

זעגלעכקייט, א דאַנק זיין באַפרייט ווערן פון דער מאַכט פונם קאָלעקטיוו. אָבער סיי פאַר די ערשטע, סיי פאַר די צווייטע איז געווען קלאָר, אַז ביידע — סיי דער פּערזענלעכקייט, סיי דעם קאָלעקטיוו — וועט זיין צום געזונט די פאַרגרעסערטע פריי־הייט פון דער פּערזענלעכקייט, ווייל דער קאָלעקטיוו און די פּערזענלעכקייט זענען דאָך בלויז די צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע: נישטאָ קיין לעבעדיקע פּערזענלעכקייט מחוץ דעם קאָלעקטיוו (אַן אַבסאָלוט פרייע פּערזענלעכקייט איז אַן אַבסטראַקציע) און נישטאָ קיין לעבעדיקער קאָלעקטיוו אָן פּערזענלעכקייטן.

און דער דאָזיקער יאָרהונדערטן־לאַנגער, שווערער, דראַ־מאַטישער קאַמף איז דורך דער פּערזענלעכקייט אין אַ גרויסער מאָס געווונען געוואָרן, — זי האָט באַקומען פרייהייט פונם דרוק פון כלל, זי שטויסט זיך נישט אָן אויף ענגע גרענעצן און אויף אַ „חרם", ווי נאָר זי פאַרלאָזט געוויסע אַלטע גרענעצן אין געביט פון געפיל און געדאַנק. זייט ביי זייט מיטן אַפּאַטעאָז פון די אמתע נביאים ביי אחד העמען, איז ביי אונז־דאָ אַן אָרט אויך פאַרן אַפּאָטעאָז פון די נביאי השקר אין טשערני־כאָווסקים פּאָעזיע און אין בערדיטשעווסקים אַרטיקלען. מיר באַפרייען זיך נאַציאָנאַל־גייסטיק אויס אי פון אחד העמס לערע, אי פון טשערניכאָווסקים דיכטונג. מיר האָבן אויסגעברייטערט אונזערע נאַציאָנאַלע גרענעצן און זיי נעמען אַריין אין זיך איצט אפילו סקעפּטיש־געשטימטע צו אונזער אויפלעבונג, ווי, למשל, דעם אויבנדערמאָנטן סקעפּטיקער ש"י איש הורוויץ, וועל־כער האָט אין אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מיט דער גרעסטער לײדנשאַפט געשטעלט די פראַגע וועגן דער עקזיס־טענץ פון יידישן פאָלק. פּונקט ווי דער נאָרמאַלער יחיד ווערט באַרייכערט דורך זיינע ספקות, — אַמאָל זענען זיי דער איינ־ציקער וועג צו דער טיפערער און ווערטפולער גייסטיקער האַר־מאָניע, — אַזוי דערגענטערט זיך אויך אונזער קאָלעקטיוו צום

נאָרמאַלן צושטאַנד, ווען מען דערשטיקט נישט די סקעפּטיקער און בונטאַרן, נאָר ער ווערט באַרייכערט דורך זיי. מיט איין וואָרט, עס האָט זיך ביי אונז גענומען אָנמערקן אַ נאָרמאַלער גייסטיקער שטאָף־וועקסל.

אָבער גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן צו באַמערקן אַ געפערלעכער פּראָצעס. אונזערע יחידים האָבן אָנגעהויבן צו מיסברויכן די פרייהייט, וואָס מען האָט זיי געגעבן, זיי זענען געוואַקסן, אָבער אָנשטאָט אויפצוהויבן צוזאַמען מיט זיך אויך דעם כלל, האָבן זיי אים אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן — אָן דער דאָזיקער משא איז זיי לייכטער געווען אויפצוהויבן זיך. דער כלל האָט גענומען פאַנאַנדערבינדן זיינע טויזנט־יאָריקע פּענטעס, און אַלע האָבן גענומען פאַנאַנדערלויפן זיך. אַמאָל פלעגן מיר מיט קראַפט איינהאַלטן די מערהייט און מיר פלעגן פאַרלירן אַ טייל אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייטן, וועלכע פלעגן אַליין אַוועקגיין אָדער מיר פלעגן זיי אַרויסטרייבן; איצט האָבן מיר אָנגעהויבן פאַרלירן אויך די מיטלמעסיקייטן — דאָס אַוועקגיין איז געוואָרן אַזוי לייכט, די גרענעצן זענען דאָך אָפן.

און מיר קאָנען מיט דעם נישט שלום מאַכן: מיר האָבן באַפרייט דעם יחיד, כדי דער קאָלעקטיוו זאָל וואַקסן צוזאַמען מיט זיין גייסטיקן וווקס, אָבער נישט כדי לייכטער צו מאַכן דעם יחיד דאָס אַראָפּוואַרפן די אומבאַדינגט פאַרפליכטנדיקע נאַציאָנאַלע לאַסט, און קענען שנעלער אַנטלויפן צו אַנדערע.

און דעריבער פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי מען קאָן זאָגן, ווי דאָס טוט קאָלעגע א. ג.: „עס איז אומגערעכט צו באַשולדיקן ריינהאַרדטן דערפאַר, וואָס ער האָט נישט דעם באַוווסטזיין פון זיין יידישקייט: דאָס איז גיכער אונזער שולד, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן אָפּהאַלטן אונזערע באַגאַבטע זין פון לעבן און שאַפן צווישן פרעמדע קולטורן". ווי אַזוי קען מען אַזוי פאַנאַנדערטיילן צווישן „אונז" און „זיי"? „זיי", די ריינהאַרדטס, זענען נישט

שולדיק, נאָר „מיר" זענען שולדיק! אָבער דער דאָזיקער אַב־סטראַקטער „מיר" לייגט זיך דאָך צונויף פֿון קאָנקרעטע „זיי"ס!

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג צווישן די טשעכן, האָט זיך די גערמאַניזירטע טשעכישע אינטעליגענץ אָפּגעזאָגט פֿונם אָנגענעמען זיין צו גאַסט ביי דער רייכער דייטשער קולטור און זי האָט זיך אָנגעהויבן לערנען צו רעדן אויפֿן פֿלעבעאישן טשעכישן לשון. זיי פֿלעגן ברענגען קרבנות, און האָבן נישט געוואַרט, אַז עפּעס אַ טשעכישער „מיר" זאָל צוגרייטן פּאַלאַצן פֿאַר יעדן גערמאַניזירטן טשעכישן „ער", — אים זאָל לוינען צו פֿאַרבלייבן ביים טשעכישן פֿאָלק! די רוסישע פֿאָלקסטימלערישע יוגנט פֿלעגט פֿאַרלאָזן די וואַרעמע אַדעליקע נעסטן און גיין אין פֿאָלק אַריין. און וויפֿל אַזעלכע ביישפּילן וואָלט מען געוועזן געקאָנט ברענגען! און נישט דווקא פֿון דרויסן, נאָר פֿון אונזער אייגענער נייער געשיכטע. זשאַבאָטינסקי האָט אויסגעצייכנט איבערגעזעצט עדגאַר פּאָס דיכטונג אין רוסיש און ער האָט געשריבן פּרעכטיקע רוסישע פֿעליעטאָנען, ער איז אָבער אַריבער צו איבערזעצונגען פֿון ביאַליקן און ער האָט אַפֿילו געהאַט די דרייסטקייט (און עס האָט אים אָפּגעגאָלטן) איבערצוגיסן אין העברעאישע טערצינען אַ טייל פֿון דאַנטעס „געטלעכער קאָמעדיע". זשאַבאָטינסקי איז געווען אַ גאַסט ביי דער ליטעראַטור, — אָבער ווען ער וואָלט געווען זיין בלויז אַ שרייבער, וואָלט ער געווען ווערן אַ יידישער שרייבער אויך לויט דער שפּראַך, און נישט נאָר לויט דער טעמאַטיק.

און ד"ר זשיטלאָווסקי, און אַנ־סקי, און קאָראַלניק, און בובער, און עלזא לאַסקער־שילער, און נתן בירנבוים (מתתיהו אחר) און אַן אַ שיעור אַנדערע. נישט אַלע פֿון די דאָזיקע צוריקגעקומענע זענען אין זייער געביט געווען זשעניען פֿון אַזאַ פֿאַרנעם, וואָס ריינהאַרדט אין זיינעם, אָבער יעדער איינער פֿון

זיי האָט זיך איינגעשרומפּן, קומענדיק צו אונז. אָבער אַ דאַנק דעם פאַרברייטערט אונזער קאָלעקטיוו און געשאַפן אַן אָרט פאַר די קומענדיקע יידישע זשעניען. יעדער צוריקגעקערטער האָט צוגעגרייט אַ קליינעם אָרט פאַר זיך און פאַר אַנדערע אַ דאַנק זיין קומען און זיין אַרבעט. און יענע, וועלכע זאָגן, אַז זיי וועלן קומען, ווען מען וועט שוין האָבן צוגעגרייט פאַר זיי גענוג אָרט, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן נישט אָנשטרענגען זיך און נישט אַביסל איינשרומפּן זיך, — פאַר יענע איז ביי אונז נישטאָ קיין פּיצל נאַציאָנאַל אָרט, פּונקט ווי עס איז ביי זיי נישטאָ פאַר אונז קיין פּיצל אָרט. און נישט דערפאַר, ווייל איך באַשולדיק ריינהאַרדטן אָדער איך וויל אים אַריינלייגן אין חרם, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אַליין אַריינגעלייגט אין חרם.

איך ווייס, נאַטירלעך, דעם אונטערשיד צווישן ריינהאַרדטן און דוד הערמאַנען, אָבער דוד הערמאַן, ברענגענדיק קרבנות, האָט פאַרברייטערט די אויפנאַם־פעאיקייט פון אונזער טעאַטער, און ריינהאַרדט — נישט. אויב עס וועט אַמאָל זיין ביי אונז אַן אָרט פאַר דער ברייטער טעטיקייט פון אַ יידישן ריינ־האַרדט, וועלן מיר פאַר דעם האָבן צו דאַנקען דוד הערמאַנען, און אפילו וואַכטאַנגאָוון, וועלכער האָט באַווירקט אונזער טעאַ־טער, אָבער נישט ריינהאַרדטן.

און דעריבער: נישט באַשולדיקנדיק פּערזענלעך ריינ־האַרדטן (ביי אים איז געווען טויט דאָס געפיל פון יידישער פאָלקסהאַפטיקייט) און לייענענדיק מיט אינטערעס יאַקאָבסאָנס בוך וועגן אים, און דערמאָנענדיק זיך זיינע אויפפירונגען, קאָן איך אָבער נישט הערן רואיק דעם שטאָלצן אויסגעשריי: „אויך ער איז אַ ייד!"

און מיר איז אַלץ איינס, צי ער האָט געקאָנט אומקערן זיך צו אונז און ער האָט נישט געוואָלט אָדער ער האָט זיך נישט געקאָנט אומקערן צו אונז דערפאַר, ווייל נישטאָ ביי אונז קיין

אָרט פאַר די מאַקס ריינהאַרדטס. אין ביידע פאַלן איז דאָס א גרונט פאַר נאַציאָנאַלן טרויער, און נישט פאַר פרייד. ברענ־גען אויף דער וועלט אַזוי פיל זשעני־עמבריאָס אויף עקספּאָרט, כדי פונדערווייטנס צו אַנטציקן זיך מיט זייער גלאַנץ אין דער אייגענער פינסטערניש, און נאָך פרייען זיך און גרויסן זיך דערמיט — אַזאַ נאַציאָנאַלער מאַזאָכיסט בין איך נישט...

מיר לייגן מער נישט אין חרם נישט קיין שפּינאָזאַן, נישט קיין פרוידן, נישט קיין ריינהאַרדטס, נישט קיין היינעס. און מיר לאַדן זיי איין צו זיך, אויב ביי זיי איז לעבעדיק יענץ געפיל, וואָס פלעגט זיך אַזוי מיסטיש אָנצינדן אין משך פון אומצייליקע דורות ביי אונזערע גרעסטע אוועקגעגאַנגענע: ביי משהן, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין פרעהס פּאַלאַץ, ביי מולכון, וועלכער האָט געלעבט ביים פּאָרטוגאַלער הויף, ביי הערצלען, וועלכער האָט געשריבן פאַר דער „נייער פרייער פּרעסע", ביי עמאַ לאַזאַרוס, וועלכע איז לחלוטין געווען אָפּ־געריסן פון יידנטום. אויב ביי זיי איז נישטאָ דער דאָזיקער פונק, וואָס מאַכט גרייט אויף קרבנות, דאַן האָבן מיר נישט וואָס צו גרויסן זיך מיט זייער יידישקייט. וואָס איז אַ פיקציע. פאַר־קערט, דאָס איז פאַר אונז אַ מינוס: אין דער צייט, וואָס אַלע קאָנען געניסן אָן שום טרויער־שאָטן ריינהאַרדטס קונסט, מוז ביי אונז די דאָזיקע פרייד פאַרצויגן ווערן מיט אַ געדיכטן וואָלקן: ווי טרוקן עס מוז זיין אונזער באָדן, אויב די צווייגן פון אונזער טויזנט־יאָריקן בוים זענען אַזוי נאַקעט אפילו אין דער צייט פון אונזער נאַציאָנאַלן פרילינג!

ט"ז) לעגענדעס און דאָס חלומען אויף דער וואָר

וואָס אַזוינס איז אַ לעגענדע? ווי אַזוי ווערט זי געשאַפן?

לעגענדעס זענען אַזוי פאַרשפּרייט צווישן אַלע פעלקער פון אַלע צייטן, אַז נישט ווילנדיק שטעלט מען זיך פאַר זייער

אַנטשטייאונג, ווי דאָס וואַקסן פון גראָז: ווו נאָר עס איז דאָ באָדן, — נאָך נישט קיין פאַרוואַנדלטער אין אַן אמתער סאַכאַרע, — דאָרט וואַקסט גראָז; אומעטום, ווו די קראַפט פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע האָט זיך נאָך נישט פאַרוואַנדלט אין אַ פּרוכטלאָזן מדבר, וואַקסן לעגענדעס. מעשהלעך, זאָגט קלאַבונד, זענען פאַרזעצט געוואָרן אין חלום, ד. ה. דער ערשטער פאַנטאַסטישער חלום, וואָס מען האָט דערציילט אַ צווייטן, איז דאָס ערשטע מעשהלע. איך בין איבערצייגט, אַז אין דער דאָזיקער היפּאָטעזע וועגן גענעזיס פון דעם מעשהלע איז דאָ אַ גרעסערע דאָזע אמת, ווי דאָס קאָן זיך אויסדוכטן יענעם, ווער עס איז נישט אַריינגעדרונגען טיף אינם וועזן פונם פּאָעטישן שאַפן. אָבער מיט נאָך אַ גרעסערן פּראָצענט אמת קאָן מען זאָגן, אַז די לעגענדע שטאַמט אָפּ פונם טאָג־חלום, פון יענער טעטיקייט פון דער פאַנטאַזיע, וואָס אויף דער העלפט שטאַמט זי אָפּ פונם ווילן און אויף דער העלפט איז זי אוממיטלבאַר. דער מענטש הויבט אָן וועגן עפּעס צו טרוימען אונטער דער ווירקונג פון עפּעס אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט, און די דאָזיקע אָנגעהויבענע טעטיקייט פון דער פאַנטאַזיע איז אים אויף אַזוי ווייט אָנגענעם, אַז דאָס באַוווסטזיין טרעט פרייוויליק אָפּ אין אַ זייט, כדי נישט צו שטערן דעם דאָזיקן אוממיטלבאַרן פּראָצעס, כדי נישט אָפּצושרעקן די פיינפּיליקע פאַנטאַזיע. און אויב די דערשיינונג פונם חלום אויף דער וואָר האָט אַזאַ גרויסע קראַפט אפילו איבער די יעניקע, ביי וועמען דאָס באַוווסטזיין און די קריטישע פעאיקייט זענען שטאַרק אַנטוויקלט, טאָ קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי פאַרשפּרייט עס איז געווען די טעטיקייט פון חלומען אויף דער וואָר אין גרויען אַלטערטום, ווען דער מענטש איז נישט געווען אַזוי קריטיש וואַך און ווען דאָס לעבן האָט אים אַזוי נישט געיאָגט, ווי אינם אינדוסטריעלן צייט־אַלטער. יעדער פאַרלאַנג, יעדע דערשיינונג, וואָס פלעגט אָנצינדן די פאַנטאַזיע, פלעגן אַרויסרופן חלומות אויף דער

זואָר, און היות די קריטישע פעאיקייט איז נאָך נישט געווען באַזונדערס אַנטוויקלט, פלעגט דער מענטש נישט קענען אונ־טערשיידן צווישן דער ווירקלעכקייט און די שאָטנס פון זיין פאַנטאַזיע. נאָכן אָפּגעבן זיך אינגאַנצן זיין פאַרשיכורנדיקער און באַפרידיקנדיקער פאַנטאַזיע, קאָן זיך דער פּרימיטיווער מענטש (אויך אין אונזער צייט זענען דאָ פּרימיטיווע מענטשן) נישט אומקערן צו דער ווירקלעכקייט מיט אַ זיפץ פון באַ־דויערן: „אַך, ס'אַרא שאָד, וואָס דאָס איז נאָר אַ טרוים!"; זיין באַוווסטזיין איז אָפּגעטראָטן אין אַ זייט און עס פאַרלאָזט נישט זיין שאָטן־ווינקל מיטן דאַזיקן זיפץ, וואָס טיילט פאַנאַנ־דער די ווירקלעכקייט און די פאַנטאַזיע, — דאָס באַוווסטזיין פונם פּרימיטיוון מענטשן ווערט לייכט פאַרגאָסן דורך דער קראַפט פון דער פאַנטאַזיע און דער מענטש דערציילט זיין טאָג־חלום ווי אַ פאַקט, ד. ה. ער שאַפט אַ לעגענדע וועגן געליבטן העלד, וועגן נאַציאָנאַלן גליק און רום.

די לעגענדע דאָס איז אַזאַ טאָג־חלום, וואָס האָט זיך גע־חלומט אַ מענטשן, וועלכער קאָן נישט אונטערשיידן זיינע פאַנ־טאַזיעס פון דער ווירקלעכקייט, ווי דאָס איז אָן אָפּטע דער־שיינונג ביי קינדער, ביי ווילדע, ביי מענטשן מיט אַן אומנאָר־מאַל געהעכערטער פעאיקייט צו פאַנטאַזירן און ביי מענטשן מיט אַ נישט אַנטוויקלטער קריטישער פעאיקייט.

לעגענדעס וואַקסן אויך אין אונזער צייט דאָרט, וווּ מענטשן גלויבן אין עפּעס זייער שטאַרק און זייער דערוואַכן פונם טאָג־חלום צו דער ווירקלעכקייט קומט נישט פאָר ביי דער פולער ליכט פונם באַוווסטזיין.

* * *

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל איינע פון די לעגענדעס פון דער צייט פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג (איך נעם זי פונם בוך פון יאָזעף קאַסטיין „שבתי צבי").

דער צעשטערטער בית המקדש נעמט לאַנגזאַם אַרויס־

וואַקסן פון דער ערד. עס וואַקסן אוים די ווענט. דאָס ערגערט דעם טערקישן גובערנאַטאָר און ער שיקט אַרויס זעלנער, וועמען ער גיט אַ באַפעל צו צעשטערן ביזן גרונט די רואינען־רעשט־לעך פון שלמה המלכס בית־המקדש. אָבער ווי נאָר די זעלנער דערנענטערן זיך צום כותל המערבי, ווערן זיי געטויט דורך אַן אומגעזעענער האַנט. דער גובערנאַטאָר שיקט נייע זעלנער. דער זעלבער גורל טרעפט אויך זיי. ער פאַלט אַריין אין גרימ־צאָרן און ער באַוואָפנט זיך אַליין מיט אַ האַמער. אָבער ווען ער הויבט אויף דעם האַמער קעגן דער וואַנט, ווערט ער פּאַראַ־ליזירט.

אַ רב הייקט אים אוים פון רחמנות.

מיט דער דאָזיקער פּרימיטיווער לעגענדע איז באַזונדערס לייכט צו אילוסטרירן מיין געדאַנק, אַז לעגענדעס שטאַמען אָפּ פון טאָג־חלומות.

מען זעט פּשוט, ווי איינער פון די, וואָס גלויבן אינם משיח שבתי צבי, איינער פון דער גרויער מאַסע, וואָס פאַר־מאָגט נישט קיין באַזונדערס אַנטוויקלטע פאַנטאַזיע, האָט זיך פאַרטרוימט וועגן צוריקאויפבוי פונם בית־המקדש — דעם סימבאָל פונם פאָלק ישראלס אויסלייזונג. און מיר זעען ווי די שוואַך־פליגלדיקע פאַנטאַזיע פון דאָזיקן טרוימענדיקן, פון דאָ־זיקן טאָג־חלומער, קעמפט מיט די כסדרדיקע אָנגריפן פונם באַוווסטזיין פון דער ווירקלעכקייט, וועלכע די שוואַכע פאַנ־טאַזיע איז נישט פעאיק געווען צו באַזייטיקן אינגאַנצן. (אַן אָפּטע דערשיינונג ביי טאָג־חלומות: דער „חלום" באַשטייט אין דעם, וואָס די ווירקלעכקייט ווערט צוגעלאָזן, אָבער נאָר כדי צו ווערן באַזיגט. אין דעם איז דאָ אַ נויטווענדיקייט — דער חוש פאַר ווירקלעכקייט ווערט נישט אינגאַנצן באַזייטיקט — אי די הנאה פונם „חלום": וואָס מער מאָל די ווירקלעכקייט ליידט אַ מפּלה, אַלץ גרעסער איז די הנאה מיטן זיג איבער איר, פונם חלום אויף דער וואָר).

שלמה המלכס בית המקדש הויבט אָן ארויסצוּוואַקסן פון אונטער דער ערד, ווי מען קאָן זיך ריכטן דערויף אין די וווּנדער־טעג פון משיחס קומען. אָבער די טערקן האַלטן דאָך נאָך אין זייערע הענט דאָס הייליקע לאַנד! אוודאי, און דעריבער שיקן זיי טאַקע ארויס זעלנער קעגן דעם ווונדער פון צוריקשטעלן דעם בית המקדש. אָבער דערלאָזנדיק צו זיך די ווירקלעכקייט, ווערט זי תיכּף באַזיגט אויף אַ וווּנדער־אופן דורך דער פאַנטאַזיע פון די טאָג־חלומות, און נישט איינמאָל און נישט צוויי — צום דריטן מאָל ווערט אפילו באַזיגט דער גובערנאַטאָר גופא. אָבער דעם דאָזיקן לעצטן טויט נישט דער טאָג־חלום: פאַרקערט, ער היילט אים אויס, כּדי ער זאָל ליב באַקומען די יידן. פאָרט אַ גובערנאַטאָר! עס שאַדט נישט צו באַקומען אַזאַ מליץ־יושר אפילו אין משיחס צייטן...

אין דאָזיקן פּרט קומט צום אויסדרוק די גאַנצע מענטאַליטעט פונם נאַאיוון דורכשניטלעכן גלות־יידן, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דאָזיקן גאַנצן טאָג־חלום, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע צוליב דעם, ווייל דער דאָזיקער חלום איז אָדער געחלומט געוואָרן אינעם קרייז פון די גלויביקע און ער איז נישט געווען קיין שטומער טאָג־חלום, נאָר אַ רעדנדיקער, און די אַרומיקע האָבן אים אָנגענומען אַלס דערציילונג פון אַ געשעעניש, אָדער דער יעניקער, וועמען עס האָט זיך געחלומט דער דאָזיקער טאָג־חלום, האָט אים אַזוי שטאַרק איבערגעלעבט אין יענער צייט, וואָס איז אַזוי גינסטיק געווען פאַר אַלדאָס ווונדערלעכע, אַז ער גופא האָט אים שפּעטער דערציילט אַלס פאַקט, אַלס עפּעס ווירקלעך איבערגעלעבטעס.

אַ לעגענדע דאָס איז אַ טאָג־חלום, וואָס ווערט אויפגענומען ווי אַ פאַקט סיי דורך דעם, וואָס טרוימט אים, סיי דורך דעם, וועמען מען דערציילט אים.

אַ לעגענדע דאָס איז אַ טאָג־חלום, וואָס ווערט געלאָזן אין גאַנג אין אַ וואָרט־פאַרקערפּערונג.

י. ראַפּאָפּאָרט

י"ז) די אַנטוויקלונג פון קולטור — אַ זאַך פון מעצענאַטן

דער פארלאַגס־געשעפט פון גרויסע, הויך־קולטורעלע פעל־קער פארנעמט איצט נישט די לעצטע פּאָזיציע אינם באַלאַנס פון זייער פאָלקס־ווירטשאַפט. הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען באַשעפטיקט ביים אויסארבעטן פּאַפּיר אויף ביכער, מיט זעצן, דרוקן, איינבינדן און פארשפּרייטן ביכער. דאָס פאר־לעגערישע געשעפט פארנעמט אַ געוויסע פּאָזיציע אויך אינם עקספּאָרט פון הויך־קולטורעלע לענדער. איך האָב נישט אונ־טער דער האַנט קיין סטאַטיסטישע ציפער, אָבער איך וואָלט זיך אויף קיין האָר נישט פארוואונדערט ווען עס וואָלט זיך, למשל, ארויסגעשטעלט, אַז דער עקספּאָרט פון פראַנצויזישע ביכער האָט פאר דער מלחמה פארנומען אין דעם פראַנצויזישן אויסערלעכן האַנדל נישט קיין סך קלענערע פּאָזיציע, ווי דער עקספּאָרט פון פראַנצויזישע ווײַנען.

יאָ, דאָס פאַרלעגערישע געשעפט איז פאר די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער געוואָרן אַ גרויסע, ריווחדיקע אונטערנעמונג, — דאָס איז אָבער אַ נייע דערשיינונג. די דאָזיקע דערשיינונג איז מעגלעך געוואָרן, פון איין זייט, אַ דאַנק דער דערפינדונג פון בוכדרוקעריי, און פון דער צווייטער — אַ דאַנק דער אַלגע־מיינער עברידיקייט און דער ברייטער דעמאָקראַטיזאַציע פון דער קולטור. אָן דער בוכדרוק־קונסט וואָלט נישט מעגלעך געווען ברייט צו דעמאָקראַטיזירן די קולטור (דאָס האַנטשריפטלעכע קאָפּירן ווערק איז געווען אַ לאַנג־דויערנדיקע און טייערע אַר־בעט), און אָן דער דעמאָקראַטיזאַציע פון דער קולטור, ד. ה. אָן די הונדערט־טויזנטיקע אויסגאַבעס, וואָלט אַ געדרוקט בוך געווען געקאָסט נישט קיין סך ביליקער פאר אַן אָפּגעשריבענעם מאַנוסקריפּט.

די דאָזיקע נייע דערשיינונג — דער אינדוסטריעלער כאַ־ראַקטער און די ריווחדיקייט פון דער פארלאַגס־ארבעט, —

פאַרטונקלט איצט נישט זעלטן דעם אָנספּקדיקן פאַקט, אַז די אַנטוויקלונג פון קולטור איז אַ זאַך פון מעצענאַטן, און אַ געשעפט נישט קיין ריווחדיקער, נאָר אַ דעפיציט־ברענגענדיקער.

גענויס, די קולטור האָבן נישט אויסגעטראַכט קיין מעצענאַטן, זיי האָבן זי אָבער אַנטוויקלט, אויסגעאײדלט, פּונקט ווי נישט דער מענטש האָט אויסגעטראַכט די תבואות און די פּרוכטן, אָבער מענטשן האָבן זיי קולטיווירט, אויסגעאײדלט. מען קאָן זאָגן מיט דער פולסטער זיכערקייט, אַז ווען נישט די מעצענאַטן, וואָלט די קונסט אין אירע התחלה־דערשיינונגען עקזיסטירט, זי וואָלט אָבער פאַרבליבן אויפן פּרימיטיוון שטאַפּל פון אומבאַוווסטזיניקן ווילדוווקס.

די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט איז פול מיט ביישפּילן וועגן דעם, אַז די קולטור איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אונטער וואַרעמע שטראַלן פון מעצענאַטנטום. דיכטער, קינסטלער און געלערנטע האָבן זיך געשטיצט אויף מעצענאַטן, וועלכע פלעגן זיי געבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן. מעצענאַטן פלעגן באַשטעלן קאָפּיעס און איבערזעצונגען פון מאַנוסקריפּטן, געבנדיק אַזוי אַרום אַ פאַרדינסט די איבערשרייבער, פאַרשפּרייטנדיק אַזוי אַרום קולטור און אויפהיטנדיק אַזוי אַרום נישט איין קולטור־ווערק, וואָס זיין אָריגינאַל איז מיט דער צייט פאַרלוירן געגאַנגען. די דאָזיקע ביישפּילן קאָן מען געפינען נישט נאָר אין דער אַנטיקער צייט, אינם מיטל־אַלטער, אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע, נאָר אויך אין דער נייער צייט. דער אינסטיטוט פון מעצענאַטנטום שפּילט נאָך אויך היינט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון קולטור. און זייער אָפט נעמט איבער די ראָל פון די מעצענאַטן די מלוכה. דאָס לאָזט זיך באַמערקן אויך ביי הויך־קולטורעלע פעלקער. צי דען וואָלט מען געווען געקאָנט אַרויסגעבן ווויסנשאַפטלעכע ביכער — נישט קיין פּאָפּולערע, נאָר פון אַקאַדעמישן כאַראַק־

טער, — אָן דער מיטהילף פון מלוכהשע אָדער פּריוואַטע אַקאַ־דעמיעס און פאָנדן?!

געוויס, די נייע צייט האָט אין דאָזיקן פּרט אַ סך געענדערט, און די מערהייט שרייבער איז אַרויס פון אונטער דער אַפּוטרופּסות פון מעצענאַטן. אָבער דאָס איז גילטיק נאָר פאַר שרייבער פון גרויסע, קולטורעל הויך־שטייענדיקע פעלקער. וואָס שייך דער קולטור פון קליינע, קולטורעל שוואַכע פעלקער, וועלכע אַסימילירן זיך אונטערן יאָך פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וועלכע קעמפן פאַר זייער קולטורעלער זעלבסט־באַשטימונג, איז פאַר זיי בלייבט אין פולער קראַפט דאָס אַלגעמיינע געזעץ פון קולטור־וווקס: די אַנטוויקלונג פון קולטור איז אַ זאַך פון מעצענאַטן, וועלכע גיבן אַ מעגלעכקייט די שוואַכע, פּרימיטיווע קולטור־שפּראָצן זיך אַנטוויקלען און שטאַרק ווערן.
צו די דאָזיקע פעלקער געהערט אויך דאָס יידישע פאָלק.

* * *

די יידן זענען אַן עם הספר, דאָס פאָלק פון בוך. און דאָס איז ריכטיק נישט נאָר בנוגע דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך בנוגע דער קעגנוואַרט. דאָס אַרויסגעבן סידורים און אַנדערע רעליגיעזע ספרים איז נאָך גאָר נישט לאַנג (פאַר דער גרויסער שחיטה) געווען אַ ריווחדיק געשעפט, און אפילו איצט איז עס מסתמא נישט קיין דעפיציט־געשעפט. און וואָס שייך וועלטלעכע ביכער — בעלעטריסטיק און וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור, — איז דער יידישער קויפער איינער פון די בעסטע. אָבער פון דער דאָזיקער ליבע צום בוך, פון דער דאָזיקער גרייטקייט צו קויפן ליטעראַטור מיט אַ ברייטער האַנט געניסן פרעמדע קולטורן — נישט אונזער אייגענע יידיש־וועלטלעכע קולטור. די ריווחדיקייט אָדער די זעלבסט־אויסהאַלטונג פון אַ סך פאַרלאַגן פון גרויסע קולטור־פעלקער הענגט אָפּ נישט אין קיין קליינער מאָס פון דער בוך־קויף־קראַפט פון דער יידישער אַסימילאַציע. דער דראַנג פון יידן צו קולטור שטייגט נאָך

אויך היינט אַריבער דעם דראַנג צו קולטור ביי אַ סך אַנדערע פעלקער (הגם דער שיכט, וואָס איז אינדיפערענט צו דער איי־גענער קולטור און צו פרעמדע וואַקסט ביי אונז, גענערט דורך דער אַסימילאַציע, וואָס רייסט אָפּ פון דער אייגענער קולטור און דערנענטערט נישט צו דער פרעמדער), אָבער דער דאָזיקער דראַנג איז אָדער געבליבן אַ רעליגיעזער אָדער ער איז געוואָרן אַן אַסימילירטער. די באַזע פאַר דער יידישער קולטור בלייבן אָדער די שוואַך־קולטורעלע, אָרעמע פאָלקס־מאַסן אָדער דאָס אומפאַרמעגלעכע הייפעלע פון דער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ, — אומפאַרמעגלעך דערפאַר, ווייל די נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ פון אַ פאָלק, וואָס ווערט צעפרעסן פון אַסימילאַציע, קאָן נישט זיין פאַרמעגלעך אויף אַזוי פיל, זי זאָל קאָנען אונטערשטיצן די אייגענע קולטור עקאָנאָמיש; זי האַלט אונטער די קולטור און דערנערט זיך פון דער קולטור בלויז גייסטיק.

אַ סך קלייניקע פעלקער, וועלכע האָבן נישט לאַנג צוריק אָנגעהויבן פונדאַסניי זייער קולטור־וועג אין דער הויך (ווי, למשל, די ליטווינער, לעטן און אַנדערע) באַזירן זייער קולטור־טעטיקייט אויף מלוכהשער הילף אָדער אויף מעצענאַטן, ווייל זייערע ביכער קאָנען נישט זיין קיין עקספּאָרט־אַרטיקל (ווייניק ווער עס קען זייערע שפּראַכן און דער דורכשניטלעכער ווערט פון זייערע ביכער איז נישט קיין גרויסער) און זיי קענען נישט האָבן קיין ברייטן קויפער־קרייז, כדי צו באַזירן זיך אויפן פּרינציפּ פון זעלבסט־אויסקום אָדער גאָר צו ווערן אַן אינ־דוסטריעל־ריווחדיק געשעפט. די דאָזיקע קולטורן וואַקסן נאָר־מאַל — מיט דער הילף פון מלוכהשע און פּריוואַט־מעצענאַטישע סובסידיעס. די פאַרלאַגן באַקומען סובסידיעס אָדער זענען מלוכהשע; די שרייבער באַקומען סובסידיעס אין דער פאָרם פון לייכטע מלוכה־פּאָסטנס.

די יידישע קולטור קאָן נישט, נאַטירלעך, געניסן פון מלוכה־הילף, און דער אינסטיטוט פון מעצענאַטנטום איז ביי

אונז פֿאַרשמעלערט געוואָרן ביז גאָר, ווייל אויך אונזער מעצע־נאַטנטום (יעדעס פֿאָלק פֿאַרמאָגט אַ געוויסע, גאַנץ קליינע צאָל מענטשן, וואָס זענען פֿעאיק פֿאַר דער דאָזיקער אידעלער טאַט) וועט אויך אויפגעפרעסן דורך אַסימילאַציע. ווען אונזער קולטור וואָלט געווען באַקומען אַלע סובסידיעס פֿאַר קולטור־צוועקן, וואָס ווערן געשאָנקען דורך יידן פֿאַר פֿרעמדע קולטורן, וואָלט זי געווען אויסגעזען גאַנץ אַנדערש, נישט אַן ערך בעסער.

צום אומגליק האָט די יידישע און העברעאישע ליטעראַטור געהאַט וויניק קלעצקינס און נאָר איין שטיבל.

איז במילא נישט קיין וואונדער, וואָס די יידישע קולטור קאָן זיך נישט אַנטוויקלען און עקזיסטירן אויף קאָמערציעלע פּרינציפּן פֿון זעלבסט־אויסקום און ריווחדיקייט, ד. ה. אויף פּרינציפּן פֿון אינדיווידועלער איניציאַטיוו. זי מוז זיך, בדרך כלל, באַזירן, — ווי יעדע קולטור, וואָס וואַקסט אַרויס פֿון פּרימיטיוון צושטאַנד און רייסט זיך צו העכערע שטאַפּלען, — אויפן אינסטיטוט פֿון אינדיווידועלן מעצענאַטנטום און אויף געזעלשאַפֿטלעכער הילף.

דער וווקס און די אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער קולטור, אין אַלע אירע דערשיינונגען, הענגט אָפּ פֿון נאַציאָנאַל־עמפּינד־לעכע, קולטורעלע יחידים און פֿון אַ נאַציאָנאַל־באַוווסטזיני־קער קולטורעלער געזעלשאַפֿטלעכקייט, פֿאַר וועלכער דער כלומרשטער לוקסוס פֿון קולטורעלע מעשים איז אַ לעבנס־נויט־ווענדיקייט און במילא אַ מאָראַלישע פֿליכט פֿאַר זיך און פֿאַר די קומענדיקע דורות.

י"ח) אברהם יוסף שטיבל און זיין פֿאַרלאַג

(צום טויט פֿון גרויסן מעצענאַט)

יעדער איינער, וואָס האָט די קלענסטע שייכות צו דער העברעאישער ליטעראַטור, איז גוט באַקאַנט מיט די דאָזיקע

צוויי ווערטער: „שטיבל־פאַרלאַג". הינטער די דאָזיקע באַשיידענע ווערטער ליגט באַהאַלטן אַ גרויסע טאַט. אומגעפער מיט אַן 28 יאָר צוריק האָבן זיך די דאָזיקע ווערטער באַוויזן איבער דעם בנין פון דער העברעאישער ליטעראַטור, און איצט איז זיך שווער פאָרצושטעלן די דאָזיקע ליטעראַטור אָן די דאָזיקע צוויי באַשיידענע ווערטער, וואָס האָבן געענדערט דאָס פּנים פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס אונטער זייער ווירקונג האָט זי פאַרלוירן איר פּראָווינציאַליזם. ווען מען לויפט דורך מיט די אויגן דעם קאַטאַלאָג פון אַ מאָדערנער העברעאישער ביבליאָטעק, שטעלט זיך נישט ווילנדיק די פראַגע: טאָ וואָס־זשע האָבן געלייענט די העברעאישע לייענער אין דער תקופה פאַר דעם „שטיבל־פאַרלאַג"? אויב ביז דעם „שטיבל־פאַרלאַג" האָט דער העברעאישער לייענער געקאָנט לייענען אויף העברעאיש בלויז די היימישע מחברים, און די וועלט־ליטעראַטור האָט ער געמוזט לייענען אויף אַנדערע שפּראַכן, האָט אים איצט דער דאָזיקער פאַרלאַג דערנענטערט האַרט צו דער וועלט־ליטעראַטור: אַ דאַנק אים האָט די העברעאישע ליטעראַטור אַריינגענומען אין זיך דעם שטראָם פון דער וועלט־ליטעראַטור.

און דאָס אַלץ איז געווען די טאַט פון איין מענטש — פון אברהם יוסף שטיבל. ער איז געווען די באַוועגנדיקע קראַפט פון דער דאָזיקער איבערקערעניש.

ווער־זשע איז געווען שטיבל? פאַרוואָס און ווי אַזוי האָט ער איבערגעאַנדערשט דאָס פּנים פון דער העברעאישער ליטעראַטור?

איך האָב נישט איינמאָל געלייענט די ביאָגראַפישע דעטאַלן פון דאָזיקן מענטשן, כ'האָב געלייענט אַרטיקלען וועגן אים, — אָבער דאָס אַלץ איז ווי אָפּגעווישט געוואָרן פון מיין זכרון. דאָס הייסט, נישט אַלץ, בלויז די פּרטים, די קליינִיקייטן. דער גאָלדענער רענדל פון שטיבלס לעבן איז נישט אויסגעריבן גע־

זואָרן — ער גלאַנצט מיט זיין פולן גלאַנץ. צי שטיבל איז גע־בוירן געוואָרן אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדער שטאָט — דאָס איז דאָך נישט וויכטיק; דאָס וויכטיקע אין שטיבלס לעבן איז דאָך זיין טאַט, און זי וועט אַזוי גיך נישט פאַרטונקלט ווערן, זי וועט נישט אָפּגעווישט ווערן, זי וועט מען אַזוי שנעל נישט פאַרגעסן.

עס האָט געלעבט אַ מענטש מיטן נאָמען שטיבל. און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער רייך געוואָרן, געוואָרן אַ מיליאָנער. ווי איר זעט, אַ געוויינלעכע געשיכטע, אַ באַנאַלע עפּאָפּייע פון רייך ווערן. אָבער אין דער דאָזיקער באַנאַלער געשיכטע איז פאַראַן איין פּרט, שוין גאָר נישט קיין באַנאַלער און שוין גאָר נישט קיין געוויינלעכער: שטיבלס מיליאָנען האָבן נישט געהאַט די געוויינלעכע פאַטאַלע ווירקונג אויף די צעלעם פון זיין נשמה, ווי דאָס טרעפט געוויינלעך. די נשמה פון דאָזיקן מענטשן איז געווען אימון לגבי דער צעפרעסנדי־קער ווירקונג פון גאָלד.

הגם שטיבל האָט געהאַנדלט מיט לעדער, איז זיין נשמה נישט פאַרגרעבט געוואָרן, זי איז נישט פאַרטריקנט געוואָרן גראָב־הויטיק. זי האָט אויפגעהיט אין זיך עפּעס אַ טרוים, עפּעס אַ ליבע פון דער יוגנט. און דאָס איז געווען די ליבע צום יידישן פאָלק, די ליבע צו דער העברעאישער ליטעראַטור. און אָנשטאָט צו ווערן דער קרבן פון דער דאָזיקער ליבע, ווי דאָס טרעפט געוויינלעך, איז שטיבלס גאָלד געוואָרן דער מחיה־מתים פון דער דאָזיקער ליבע.

בנאמנות: דער מענטש פאַרמאָגט די קראַפט אויסצווויילן צווישן גוטס און שלעכטס. אָבער ווי אָפט ער פאַרוואַנדלט דאָס בעסטע אין שלעכטס און ווי זעלטן — דאָס שלעכטע אין גוטס! שטיבל האָט דערוויזן, וויפל גוטס מען קען טון מיט דער הילף פון אַ סך געלט. ער האָט אַריינגעלאָזט זיין גאָלדע־נעם שטראָם אינם פאַרטריקנטן בעט פון דער העברעאישער

ליטעראַטור און — די דאָזיקע ליטעראַטור האָט אויפגעלעבט. נאָך אַ יאָרצענדליק איז נישט מעגלעך געווען צו דערקענען די דאָזיקע ליטעראַטור! ווי באַלעבט זי איז געוואָרן, ווי באַרייכערט זי איז געוואָרן, ווי טעטיק זי איז געוואָרן, ס'אַ סך איניציאַטיוו זי האָט גענומען אַרויסווייזן.

נאַטירלעך, שטיבל האָט נישט געשאַפן קיין טאַלאַנטן, ער האָט אָבער באַוויזן אַ נישט ווייניקער וויכטיקע זאַך: ער האָט די טאַלאַנטן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן, אַנטוויקלען זיך, קומען צום אויסדרוק און — במילא! — זיך באַפרוכ־פּערן.

שטיבל האָט נישט געשאַפן קיין נאָרמאַלן „פּאַרלאַג", ד. ה. אַ פּאַרלאַג, אין וועלכן אַ מחבר קאָן אַריינשיקן אַ מאַנו־סקריפּט און אים פּאַרקויפן. שטיבל האָט אָנגעשטעלט אויף געהאַלט די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור, אירע אַלע רע־דאַקטאָרן, איבערזעצער, שרייבער, דיכטער און געלערנטע. ער האָט צו וויסן געטון די אָרעמע, אָפּטמאָל הונגערנדיקע העב־רעאישע שרייבער, אַז נישט נאָר ער קויפט מאַנוסקריפּטן, נאָר ער גיט אויך אַ מעגלעכקייט זיי צו שרייבן, פּאַרזאָרגנדיק דעם מחבר אויף דער צייט פון דער אַרבעט מיט גרויסע אַוואַנסן.

שטיבל האָט נאָך אָבער געטון מער. ער האָט אָנגעשטעלט די גלענצנדיקסטע העברעאישע רעדאַקטאָרן און גענומען אַרויסגעבן דיקע זשורנאַלן, וואָס אַזעלכע האָט די העברעאישע ליטעראַטור שוין לאַנג אָדער אפילו קיינמאָל נישט געזען און אַזוי אַרום געגעבן אַ מעגלעכקייט אָפּצודרוקן פּאַרלענגערע ווערק פּאַר אַן אמתן, נישט סימבאָלישן האָנאָראַר.

און ווען די שרייבערשע פּעדערס האָבן דערשפּירט, אַז זיי קאָנען שרייבן נישט נאָר פּאַר די שופלאָדן פון זייערע שרייב־טישן, נאָר פּאַר אַ פּאַרלאַג, פּאַר אַ זשורנאַל, וואָס קאָן אַראָפּשלינגען נישט נאָר אַ נאָוועלע, נאָר אויך אַ ראָמאַן, האָבן

זיי אָפּגעלעבט. עס האָט זיי אונטערגעטריבן אַ טאָפּלטער אינטע־רעס: אַ גייסטיקער — זיך דרוקן און באַווירקן! און אַ מאַטע־ריעלער — באַקומען האָנאָראַר און קאָנען לעבן!

אָבער אויך דאָס איז נאָך נישט אַלץ: די רעדאַקטאָרן, וועלכע שטיבל האָט אָנגעדונגען, האָבן אויסגעאַרבעט די סאַמע ברייטסטע פּראָגראַם פון אַריינפירן אין דער העברעאישער ליטעראַטור די קאָריפעען פון דער וועלט־ליטעראַטור.

איך שלאָג זיך על חטא: ביי די ערשטע טריט, וואָס דער „שטיבל־פאַרלאַג" האָט געמאַכט אויפן דאָזיקן וועג, בין איך — מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק — אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן דער דאָזיקער פּראָגראַם. דער „שטיבל־פאַרלאַג" — בין איך געווען אויסער זיך — האָט ווי ברייט צעעפנט דאָס מויל, כדי פאַר אַמאָל איינצושלינגען די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור אָן אַ שטרענגן קריטישן אָפּקלייב.

אַ סך אַלטע שרייבער, וועלכע איך האָב נישט ליב געהאַט, האָבן פיגורירט אין דער דאָזיקער פּראָגראַם, און אַ סך פון מיינע באַליבטע היינטצייטיקע מחברים האָב איך דאָרט נישט געזען. איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן פאַקט, וואָס טעניסאָן, למשל, איז אָנגעצייכנט איבערגעזעצט צו ווערן, און ווערהאַרן — נישט.

און חוץ דעם בין איך אַרויסגעטראָטן קעגן דער דאָזיקער פּראָגראַם דערפאַר, וואָס זי האָט אָנגעצייכנט אויף איבער־זעצן אַ גאַנצע ריי ערשטקלאַסיקע וועלט־דיכטער, באַשטעלנדיק די דאָזיקע איבערזעצונגען, ווי מען באַשטעלט אַן איבערזעצונג פון אַ וויסנשאַפטלעך אָדער בעלעטריסטיש ווערק. איך האָב מיט אַזאַ מעטאָד נישט געקאָנט מסכים זיין, ווייל איך האַלט דיכטונג פאַר אַ ספּאָנטאַנע טעטיקייט, און איך קוק אויף דיכ־טונג־איבערזעצונגען, ווי אויף אַ פּאָעטישן שאַפן.

הגם פון ריין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט בין איך טיילווייז געווען גערעכט (אייניקע פון די אַרויסגעגעבענע באַשטעלטע

דיכטערישע איבערזעצונגען, ווי למשל היינעס „לידער־בוך", איז ווייניקער ווי געלונגען), דאָך בין איך געווען אומגערעכט פונם שטאַנדפּונקט פון דער ליטעראַטור אַלס גאַנצעס. פונם אינ־דוסטריעלן צוגאַנג (אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן) פון „שטיבל־פאַרלאַג" האָט געקאָנט ליידן דער אָדער אַן אַנדער שרייבער, וואָס וואָלט פאַרגעשטעלט געוואָרן דעם העברעאישן לייענער אין אַ שלעכטער איבערזעצונג, אָבער די העברעאישע ליטעראַטור אַלס גאַנצעס געווינט מאָראַליש אויך פון שלעכטע איבערזעצונגען. די ערגסטע איבערזעצונג פונם בעסטן ווערק דינט אַלס שטאַפּל צו אַ בעסערער; אויף די פעלערן און די דורכפאַלן פון די ערשטע וואַקסן אויס די דערגרייכונגען פון די ווייטערדיקע. און דער „שטיבל־פאַרלאַג" האָט געטון אַ גרויסע זאַך שוין דערמיט אַליין, וואָס ער האָט אויפגעבויט אַ סך ערשטע שטאַפּלען פאַר דער שעפערישער דעראָבערונג פון די אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור. ווי דאָס האָט אויס־געברייטערט דעם שמאָלן האָריזאָנט פונם יידישן לייענער, וואָס פלעגט אָפט קומען דירעקט פון דער ישיבה אָדער פונם חדר! וויפל שעפערישע דרייסטקייט דאָס האָט צוגעגעבן דער יידישער ליטעראַטור, די יידישע שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן פלוצלונג דערזען אויף העברעאיש קלינגענדיקע איבערזעצונגען פון די שעדעווורען פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון די „מע־טאַמאָרפאָזעס" פון אָווידי ביז „פאַן טאַדעאוש" פון מיצקע־וויטשן, פון בייראָנס „מאַנפרעד" ביז פושקינס „יעווגעני אָנע־גין". יאָ, דער „שטיבל־פאַרלאַג" איז געווען נישט נאָר אַ שע־פערישער אַקט, נאָר אויך אַן אַקט, וואָס ברענגט אַריין מונ־טערקייט, אַן איינשפּריצונג, וואָס איז געווען שטאַרק נויטיק.

לאָמיר אַ קוק טון, למשל, אויף דער טעטיקייט פון אַזאַ שרייבער, ווי דוד פרישמאַן, אינם „שטיבל־פאַרלאַג".

ווען דער „שטיבל־פאַרלאַג" וואָלט נישט געווען זיין, וואָלט דוד פרישמאַן סיי ווי געווען דוד פרישמאַן. אויך פאַר

שטיבלס טאט האט ער אריינגעשריבן א גלענצנדיק בלאט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור. זיין קריטיק, זיינע פעליעטאנען, זיינע דערציילונגען, זיינע איבערזעצונגען און זיין רעדאקטארישע פעאיקייט האבן אים פארזיכערט אן אנגעזעען ארט אין אונזער ליטעראטור. און דאך האט דוד פרישמאן, אלס רעדאקטאר און איבערזעצער, פאנאנדערגעשפרייט פריי די פליגלען בלויז א דאנק שטיבלען. וואס איז געווען ביכולת צו טון דער ארעמער רעדאקטאר פרישמאן, ווען ער האט נישט געקאנט דערנערן נישט זיך און נישט זיינע מיטארבעטער דורך זיין רעדאקטארישער טעטיקייט? און זיינע מאגערע (הגם גוטע) זשורנאלן פלעגן אפשטארבן אין זייער יוגנט. אבער אין דער שטיבל־עפאכע, פארזארגט מיט פארדינסט און מיט האנאראר פאר די מיטארבעטער, האט זיך פרישמאן דערפילט אין זיין רעדאקטארשער סטיכיע. ס׳ארא אינטענסיווע שריפטשטעלערישע און רעדאקטארישע טעטיקייט ער האט אנטוויקלט! א גוטער באדן איז באריירט געווארן דורך א גוטן אקער־אייזן און א גוטן ברייט־האנטיקן פארזייער, און עס האט זיך באקומען א רייכער, א נישט־דערווארט רייכער שניט.

א דאנק שטיבעלן האט פרישמאן איבערגעלעבט א צווייטע שעפערישע יוגנט, אבער א סך אנדערע האבן באקומען די מעגלעכקייט אויסצולעבן זייער ערשטע יוגנט. און וואס וויכטיקער נאך: א סך וויסנשאפטלעכע ארבעטער, ווי הערשבערג, למשל, וועלכע האבן אפגעגעבן זייער לעבן דער וויסנשאפטלעכער ארבעט אן א האפנונג צו זען זייערע ווערק אפגעדרוקטע, האבן באקומען אויף דער עלטער די מעגלעכקייט איבערצולעבן דאס זיסטע געפיל: „מיין ארבעט איז נישט געווען אומזיסט”. פאר א סך פון זיי איז שטיבל געווען א גוטער כישופמאכער, וואס ברענגט אומגעריכט א טייערע מתנה. געבן א מעגלעכקייט צו פארקערפערן אין א בוך־פארם א לאנגיאריקן מאנוסקריפט, — וואס קאן דען זיין ליבער פאר א שרייבער, פאר א געלערנטן!

און דאָס אַלץ האָט געטון שטיבל, אינוועסטירנדיק אַ טייל, אַ גרויסן טייל פון זיינע רווחים פון גראָבע פעלן אין דער גייס־טיקער לאַבאָראַטאָריע צו סטימולירן דעם וווקס און אויפבלי פון דער העברעאישער ליטעראַטור.

* * *

איך בין נישט קיין בוכהאַלטער און איך קאָן נישט אויס־רעכענען נישט וויפל שטיבל האָט אַריינגעלייגט אין זיין פאַר־לאַג, נישט אויף וויפל די שרייבער, וועלכע האָבן באַקומען אַוואַנסן, האָבן אָפּגענאַרט שטיבעלן, נישט געבנדיק פאַרן באַ־קומענעם געלט מאַנוסקריפּטן. איך קאָן אויך נישט אויסרע־כענען וויפל דרוק־בויגן דער „שטיבל־פאַרלאַג" האָט אַרויסגע־לאָזן (אויף אויסצורעכענען זיינע קאַטאַלאָגן וואָלט, מסתמא, נויטיק געווען אַ גאַנצע בראָשור) און צי ער האָט געמאַכט אַ גוט געשעפט אָדער נישט. אָבער אויך אָן יעדע בוכהאַלטערישע סך־הכלען איז פאַר מיר קלאָר נישט נאָר, אַז דער „שטיבל־פאַרלאַג" איז ווערט געווען יעדע סומע, וואָס איז אין אים אַריינגעלייגט געוואָרן, נאָר אויך דאָס, אַז נישט געקוקט אויף אַלע מעגלעכע היזקות האָט שטיבל געמאַכט מיט זיין פאַרלאַג אַ ריווחדיק געשעפט.

יאָ, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, — אַ ריווחדיק געשעפט! אַ גרויסער טייל פון שטיבלס געלט, וואָס ער האָט נישט אַריינגעלייגט אין פאַרלאַג, האָט זיך אויסגעדאַמפּט אין דער טריקעניש פון געשעפטלעכע קריזיסן און בלויז די סומעס, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין פאַרלאַג, זענען נישט פאַרשוווּנדן ענדגילטיק און האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקן מאָראַלישן ריווח, פון וועלכן אברהם יוסף שטיבל האָט זיך זיכער גייסטיק דערנערט און געשעפּט מוט און טרייסט ביז דער לעצטער מינוט אויפן טויטן בעט.

י. ראַפּאָפּאָרט

י״ט) דער גורל פון יידישן שרייבער

ס'איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין דעם גורל פון יידישן שרייבער, ווי ס'איז נישט מקנא צו זיין דעם גורל פון אַן אַוואַנגאַרד, וואָס איז אַרויסגערוקט ווייט פאָרויס.

דער יידישער שרייבער איז דער ווייט־אַרויסגערוקטער אַוואַנגאַרד אינם פעלד־צוג פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור.

ווי איינזאַם עס איז דער דאָזיקער אַוואַנגאַרד אויף זיינע אַרויסגערוקטע פּאָזיציעס! צי וועט ער זיך דערוואַרטן אויף דער באַפרייענדיקער אַרמיי?

*   *   *

די געשיכטע פון יעדער ליטעראַטור איז פול מיט דראַ־מאַטישע עפּיזאָדן ווען די דאָזיקע פאַרלוירענע זעלנער, וועלכע קעמפן און פאַלן אין איינזאַמקייט; אָבער קיין איין ליטעראַטור איז נישט אַזוי איבערגעפולט מיט די דאָזיקע טראַגישע געשטאַלטן, ווי די יידישע.

אויב מען זאָל אפילו לאָזן אין אַ זייט די תקופה פון מיטלאַלטער און זיך צוקוקן בלויז צו דער תקופה פון דער וועלטלעכער אויפלעבונג פאַר די לעצטע הונדערט יאָר, — וועט אונז אויך אַ ציטער דורכנעמען ביים האָפנונגסלאָזן בילד פון איינזאַמקייט, אין וועלכער דעם יידישן שרייבער איז אויסגעקומען און קומט אוים צו לעבן סיי גייסטיק, סיי עקאָנאָמיש.

*   *   *

אין זיין היסטאָרישער דערציילונג „אליהו בחור״, איז אָפּאַטאָשו מחיה מתים פאַר אונז די געשטאַלט פון יידישן גראַמאַטיקער, פילאָלאָג און שרייבער פון 16־טן יאָרהונדערט, אליהו לעוויטאַ אָדער אליהו בחור. ער באַשרייבט פאַרביק, ווי אַזוי דער דאָזיקער געלערנטער און דיכטער גייט פאַרקויפן אַ בוך אַ רייכער יידישער בירגערטע. און ביים לייענען די דאָזיקע

דערציילונג ציטערט אונזער האַרץ, נישט אַזוי פון היסטאָרישן מיטגעפיל צום טויטן שרייבער, ווי פון הייגטצייטיקן מיטגעפיל צו די לעבעדיקע.

עס האָט זיך דאָך גאָרנישט געענדערט אינם גורל פון יידישן שרייבער!

דער אונטערשיד איז בלויז אין דעם, וואָס אליהו בחור פלעגט פאַרקויפן האַנט־שריפטלעכע עקזעמפּליאַרן פון זיינע ביכער, בעת די הייגטצייטיקע יידישע שרייבער זענען געצוווּנגען צו פאַרקויפן אַליין זייערע געדרוקטע עקזעמפּליאַרן.

א טעכנישער פּראָגרעס!

* * *

צווישן מענדעלע מוכר ספרימס בריוו געפינט זיך אַ כאַראַקטעריסטישער בריוו, וואָס נאָר אַ יידישער שרייבער האָט אים געקאָנט אָנשרייבן.

מענדעלע שרייבט זיין פריינט בינשטאָקן דעם 17־טן אַפּריל 1863:

„דערהערנדיק, אַז איר געפינט זיך איצט אין דובנאָ, האָב איך באַשלאָסן אָנצושרייבן אייך אַהין און בעטן אייך, איר זאָלט אַזוי גוט זיין מיר מיטצוטיילן וועגן מיינע ביכער, וואָס איך האָב לויט אייער עצה מיט אַ האַלב יאָר צוריק אַרויסגע־שיקט אייער געערטן שווער: איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל וועגן דעם געשריבן, האָב אָבער פון אים קיין ענטפער נישט. טוט מיר דעם חסד, ליבער פריינט, זאָרגט צו פאַרשפּרייטן מיינע פאַרוואָגלטע ביכער צווישן די משכּילים אין דובנאָ. איך האָב אַהין אַרויסגעשיקט סך־הכּל זעקס עקזעמפּלאַרן, און דובנאָ פאַרמאָגט דאָך פיל ליבהאָבער פון העברעאיש”.

די לעצטע ווערטער קלינגען ווי מענדעלעס אַ סאַטירישער אָנגריף, אָבער ער האָט זיי קאָפּירט פון דער נאַטור.

און מענדעלען האָט גאָרנישט געהאָלפן: ער, איינער פון די אָנגעזעענסטע משכּילים, האָט אין די זעכציקער און זיבע־ציקער יאָרן געמוזט פון צייט צו צייט אַרומפאָרן איבער די

שטעט און שטעטלעך פאַרקויפֿן זיינע ביכער, ווי אַן אמתער מוכר ספרים.

דערביי האָט ער אַזוי געהונגערט מיט זיין פֿאַמיליע, אַז ער האָט געמוזט אָננעמען אַ סובסידיע פֿון באַראָן גינזבורג, און שפּעטער האָט ער געמוזט אָפּגעבן זיינע בעסטע כוחות דער רעפֿאָרמירטער תלמוד־תורה אין אָדעס.

* * *

אליהו בחורס טראַדיציע פֿון 16־טן יאָרהונדערט איז נישט איבערגעריסן געוואָרן אויך אין 19־טן, אין רעכטן ברען פֿון שטרעבן צו וועלטלעכן וויסן, אין רעכטן ברען פֿון דער „השכלה". אָבער די דאָזיקע טראַדיציע איז נישט איבערגעריסן געוואָרן אויך אין 20־טן יאָרהונדערט.

אמת, אין די ערשטע צוויי יאָרצענדליקער פֿון דאָזיקן יאָרהונדערט, האָט אויפֿגעלויכטן מיט אַ ראַזער שיין די האָפֿנונג, אַז די טראַדיציע פֿון אליהו בחור איז איבערגעריסן געוואָרן, אַז מיר האָבן עמאַנציפּירט אונזער ליטעראַטור און אונזערע שרייבער.

אין 1913, אין זיין איבערזיכט אונטערן נאָמען „די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע", האָט בעל־מחשבות געשריבן:

„דער היינטיקער שרייבער פֿילט אַ סאָציאַלן באָדן אונטער די פֿיס; ...ער איז שוין נישט אָפּהענגיק פֿון מעצענאַטענטום; זיין מי ווערט שוין באַצאָלט דורך דעם קאָלעקטיוון מעצענאַט, פּונקט ווי מיר זעען דאָס ביי אַנדערע, סאָציאַל־אַנטוויקלטע פֿעלקער. דער גייסטיקער און מאַטעריעלער דערפֿאָלג פֿונם שרייבער, וואָס... האָט מיט מזל דערלעבט די נייע עפּאָכע אין יידישן לעבן, גיט אים צו נייע האָפֿנונגען... ער שטעלט זיך שוין נישט פֿאָר זיין צוקונפֿט אַזוי אומעטיק און פֿאַרלאָזן, ווי זיינע חברים פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות".

די דאָזיקע ליבע אילוזיע אויף דער שוועל פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, — אַן אילוזיע, אַרויסגערופֿן דורך דעם יונגנטלעכן פֿאַנאַנדערבלי פֿון אונזער יונגער ליטעראַטור, דורך

דעם פאַנאַנדערבלי פון אונזער יונגער וועלטלעכער קולטור„ — די דאָזיקע אילוזיע איז נאָך מער אויסגעוואַקסן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די גאַנצע וועלט האָט געשיינט מיט האָפנונגען און צוזאַמען מיט איר — אויך דאָס יידישע פאָלק. די פאַרלעגערישע טעטיקייט האָט זיך שטאַרק אַנט־וויקלט אין פאַרגלייך מיטן פעריאָד ביז דער וועלט־מלחמה, ווען בעל־מחשבות האָט אויסגעדריקט דעם שרייבערס גרעסטע פרייד — באַפרייען זיך פון מעצענאַטס אַפּוטרופּסות.

אָבער די האָפנונגען פון פאַר־ און נאָך־מלחמהדיקן פעריאָד זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. די עקאָנאָמישע פאַראָרע־מונג און די פאַנאַנדערגעוואַקסענע אַסימילאַציע האָבן אונ־טערגעבראָכן דעם וואוקס פון אונזער קולטור־רענעסאַנס און האָבן פאַרלאַנגזאַמט אונזער קולטור־עמאַנציפּאַציע. דער ביכער־מאַרק איז איינגעשרומפּט געוואָרן, אונזערע פאַרלאַגן האָבן זיך צוגעמאַכט, אָדער זיי האָבן גענומען פירן אַ לעבן, וואָס איז מער ענלעך אויף אַ שאָטן פון לעבן, און אונזערע שריי־בער האָבן ווידער דערשפּירט די לאַסט פון זייער גורל: זיין אָפּהענגיק פון מעצענאַטן אין אַ צייט, וואָס איז בכלל אָרעם מיט קולטור־מעצענאַטן און בפרט מיט יידישע מעצענאַטן, און געהערן צו אַן אינטעליגענץ, וואָס האָט נישט קיין פאָלק אַלס באַזיס פאַר איר אַרבעט.

און אַ פאָרשטעלונג וועגן אונזער „מעצענאַטענטום" גיט אונז אחד העמס פאָלגנדיקער בריוו צו דובנאָוון (געשריבן דעם 15/10/1916):

„...ווען איך האָב געלייענט אין די צייטונגען, ווי אַזוי פרוג האָט געלעבט אין די לעצטע יאָרן צווישן אונזערע ליבע אָדעסער, האָב איך זיך געזאָגט — און דאָס זאָג איך אויך דיר, — אַז שווין בעסער זיין אָפּהענגיק פון טיי־האַנדל (אחד־העם האָט געאַרבעט אין דער פירמע פון טיי־מאַגנאַט וויסאָצקי — י. ר.), פון נאַפט אָדער פון אַ וואַסער נישט איז אַנדער

האַנדלס־צווייג, איידער צו זיין אָפּהענגיק פונם חסד פון מעצע־נאַטן, באַזונדערס — פון אונזערע מעצענאַטן".

* * *

און צום גרעסטן טייל זענען טאַקע אונזערע שרייבער אַליין געוואָרן זייערע אייגענע מעצענאַטן. יענע פון זיי, וואָס האָבן פאַרדינט אין דער יידישער פּרעסע אָהער אין פּריוואַטע פירמעס, אָדער וואָס האָבן געלעבט פון ירושות אָדער פון דער פרויס פאַרדינסטן, — די דאָזיקע אַלע פלעגן אַליין אַרויסגעבן זייערע ביכער, באַרגנדיק ביי אַ „שאָטן"־פאַרלאַג זיין נאָמען און דערפאַר געבנדיק אים דאָס רעכט צו פאַר־שפּרייטן די ביכער, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו פירן דאָס לעבן פון אַן אָרעמען שאָטן.

אַנדערע שרייבער, וועלכע האָבן זיך נישט פאַרזאָרגט מיט אַ גוטער שטעלע אָדער מיט אַ ירושה אָדער מיט אַ נדן אָדער מיט אַ ווייב אַ דאָקטאָרין, אַ מאָדיסטין, — די דאָזיקע האָבן אַנטוויקלט אַ פּראָדוקציע פון קאָמיטעטן (ווירקלעכע אָדער פיקטיווע), וואָס פלעגן אַרויסגעבן זייערע ווערק (אָדער וואָס פלעגן געבן די מעגלעכקייט אויסצוווייזן ביי עמיצן געלט אויף אַרויסצוגעבן אַ בוך) און דאַן פלעגן זיי אַרומ־פאָרן איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך פאַרקויפן די ביכער, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן „קאָמיטעט", דורך דעם „פאַרלאַג" אָדער דורכן „מחבר". אָט זיי זענען באמת געווען אייניקלעך פון מענדעלע מוכר ספרים און אור־אייניקלעך פון אליהו בחור.

און וויפל אַזעלכע אייניקלעך און אור־אייניקלעך האָבן מיר געהאַט אין אונזער ליטעראַטור פון פּוילן ביז אַמעריקע (צפון און דרום).

בלויז אייניקע האָבן אָפּגעניגט פון דער טראַדיציע פון יידישן שרייבער־קלאַס, אָדער אַזעלכע גליקלעכע, ווי שלום אַש (וועלכער האָט באַקומען אַ קאָלעקטיוון מעצענאַט אין דער

געשטאַלט פון דעם איראָפּעאישן און אַמעריקאַנער לייענער־פּובליקום) אָדער אַזעלכע שלימזלניקעס, וואָס פלעגן זיך בעסער אָפּזאָגן פונם גרויסן נסיון אַרויסצוגעבן אַ בוך אָדער פון פאַרקויפן די אַרויסגעגעבענע, איידער ממשיך צו זיין די טראַדיציע צו „גיין איבער די הייזער" מיט זייער שאַפן.

יאָ, אויך אַזעלכע זענען געווען.
יעדע פאַמיליע האָט זיך אירע קריפּלס.

* * *

אין יידישן לעבן פאַרנעמט די טראַדיציע אַ פעסטע פּאָזיציע. ס'קומט נישט אָן אַזוי לייכט אָפּצוטויטן די טראַדיציע פון אליהו בחור. און אַמאָל, אַמאָל וועלן די היסטאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור געפינען אויך איינפן וויטן מזרח בריוו פון יידישע שרייבער, ענלעכע צו די בריוו פון מענדעלען צו בינשטאָקן.

ווי קורץ ס'איז נישט געווען די פאַרבינדונג פון יידישן שרייבער מיטן וויטן מזרח, — האָט דער יידישער שרייבער באַוויזן אָנצוקניפּן אויך דאָ אין אליהו בחורס טראַדיציע. דאָרט, וווּ ס'איז דאָ אַ יידישער שרייבער, זענען אויך דאָ ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, פאַנאַטיקער פון דער יידישער קולטור, פאַרערער פון יידישן שרייבער. איז קיין וואונדער נישט, וואָס עס קומען אויף „פאַרלאַגן", מען גיט אַרויס ביכער, וועלכע מען מוז פאַרקויפן אויפן וואָג פון פּאַפּיר, אויב מען וויל נישט אַרומגיין איבער עוועניו זשאָפר, ווי אליהו בחור איבער ווענעציע, צו די גבירטעס. און עס זענען אויך דאָ בריוו וועגן עטלעכע עקזעמפּליאַרן, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק און זענען נאָך אַלץ נישט פאַרקויפט געוואָרן.

יאָ, אין דער געשיכטע פון יידישן שרייבערס טרויעריקן גורל וועט אויך דער וויטער מזרח פאַרנעמען זיין געהעריקן אָרט.

שלעכט איז אַ פֿאָלק, וואָס האָט נישט קיין אינטעליגענץ, אָבער צענפֿאַך ווי צו אַן אינטעליגענץ, וואָס האָט נישט קיין פֿאָלק...

כ) דאָס געשריבענע און דאָס גערעדטע וואָרט

מיין וואַרשטאַט איז דער שרייב־טיש און נישט דער רעדנער־פּולט. איך בין געוווינט זיך דורכצורעדן מיטן לעזער אויף אַ דיסטאַנץ און נישט מיטן צוהערער — אוממיטלבאַר. און ווען עס קומט מיר אויס צו קומען אין אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיטן עולם, פֿיל איך זיך אומהיימלעך:ביים רעדנער־פּולט פֿיל איך זיך ווי אין אַ קליין שיפֿל אויף אַ ברוייזנדן ים, בעת ביים שרייב־טיש פֿיל איך זיך ווי אויף פֿעסטן באָדן.

אויך דער שרייבער איז פֿאַרבונדן מיטן עולם, אָבער, ווי געזאָגט, אויף אַ דיסטאַנץ. ער רעדט צום עולם דורכן מעדיום פֿון געדרוקטן וואָרט. אויב דער שרייבער ווייסט, אַז זיין וואָרט האָט געפֿונען טויבע אויערן, איז דאָס פֿאַר אים אויך אַ קלאַפּ, אָבער אַ קלאַפּ דורך אַ צווישן־שיכט — ער ווערט אָפּגעשוואַכט. און אגב, דער שרייבער קאָן זיך טרייסטן: היינט איז דער לייענער טויב צו זיין וואָרט, אָבער מאָרגן־איבערמאָרגן וועט ער עס ווידער קאָנען לייענען און אפֿשר בעסער אויפֿנעמען. דער לעזער קאָן מער ווי איין מאָל לייענען דאָס שרייבערשע וואָרט און ענדערן די מיינונג, — אַמאָל צום שלעכטן, אָבער אויך צום גוטן.

אָבער דער גורל פֿון גערעדטן וואָרט איז אָפּהענגיק פֿון אוממיטלבאַרן איינדרוק, וואָס עס מאַכט, — עס איז אוממיטלבאַר פֿאַרבונדן מיטן הערער. בלייבט דאָס וואָרט הענגען אין דער לופֿטן, דערגייט נישט צום הערער, בלייבט עס שוין טויט, איז שוין זיין גורל געחתמעט: די עוולה לגבי אים — אויב עס איז באַגאַנגען געוואָרן — קאָן שוין נישט פֿאַרריכט ווערן.

און דער קלאַפּ איז אַ דירעקטער, קיין שום צווישן־שיכט שוואַכט אים נישט אָפּ. די קעלט, וואָס גיט אַ שלאָג דעם רעדנער אין פּנים אַריין פון טויבן זאַל, איז טויטלעך פאַרן הייסטן וואָרט: עס ווערט דערפרוירן ביים ערשטן לעבנס־אָטעם.

דער שרייבער קאָן געניסן די וואַרעמקייט פון זיין וואָרט אַליין, ביים שאַפן, און ער קאָן האָבן, לכל הפּחות, די אילוזיע, אַז זיין וואָרט וועט באַגעגנט ווערן מיט דער זעלבער וואַרעמ־קייט, מיט וועלכער ער גיט עס אַרויס פון זיך; אָבער דער רעדנער קאָן געניסן די וואַרעמקייט פון זיין וואָרט בלויז אין אַ וואַרעמער אַטמאָספער פון אַנטקעגנקומענדיקן עולם.

דער שרייבער איז אין אַ בעסערער לאַגע, ווי דער רעדנער, — ער איז נישט אין אַזאַ מאָס אָפּהענגיק פונעם עולם־שותּף. אָבער דערפאַר, ווען דעם רעדנער געלינגט שוין אַרויסצושלאָגן ביים עולם פונקען און אים אונטערצינדן, איז זיין לאַגע אַ בעסערע ווי דעם שרייבערס: דער אומוימיטלבאַרער קאָנטאַקט מיטן עולם, די צוזאַמענגעאָסנקייט פונעם שעפער מיטן געני־סער (פון אַקטיוון און פּאַסיוון טייל פון שעפערישן פּראָצעס). דער עקסטאַז פון אוממיטלבאַרן באַווירקן די מענטשלעכע נשמה, — דאָס אַליץ איז אַ פרייד, איז אַן איבערלעבונג, וואָס קאָן זיך מיט קיין שום זאַך נישט גליייכן. פילן, ווי דיין וואָרט ווערט ביים געבוירן אויפגעכאַפּט דורך טויזנט פליגלען און ווערט פאַרטראָגן הויך־הויך, אויף די שפּיצן פון עקסטאַז, מיט־רייסנדיק אים, דעם שעפער גופא, צו אַ סך אַ העכערער הויך, ווי ס'האָט זיך אים געקאָנט חלומען ביים אַרויסברענגען דאָס וואָרט, — איז דען דאָ אַ גרעסערער גענוס, ווי די דאָזיקע אוממיטלבאַרע שעפערישקייט? דאָס פאַרבינדט אין ליבע נישט מיט איין מענטשן, אַ קאָנקרעטן, נאָר מיט אַן עולם, וואָס הגם ער איז אַן אַבסטראַקטער באַגריף, דאָך איז ער אינדיווי־דועל נאָענט און ליב, ווי אַ קאָנקרעטע פּערזאָן.

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

אויף די וועגן פון טויט אין 1939 האָב איך געזען אַ סך פאַרניכטעטע שטעטלעך און געזען אויך זייערע פאַרוואָגלטע קינדער, אָפטמאָל באַקאַנטע. אָבער מער ווי דאָס דאַזיקע זען, האָט מיך דערדריקט די ידיעה וועגן פאַרניכטעטן שטעטל קאָרעוו.

די דאָזיקע ידיעה האָט מיר פאַרמיטלט אַ בחור, וועלכן איך האָב נישט געקענט אָדער נישט דערקענט. ער האָט מיר דערמאָנט מיין לעצטן רעפעראַט אין זיין שטעטל, וואָס איז שוין מער נישטאָ.

און די דאָזיקע ידיעה פון אומבאַקאַנטן בחור האָט אָנ־געצונדן מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט: איך האָב דערזען דעם עולם פון קאָרעוו, מיט וועלכן איך בין צום לעצטן מאָל געווען פאַרבונדן אין שעפעריש־מיטשעפערישן עקסטאַז, און איך האָב דערפילט דעם חורבן פון דאָזיקן עולם, ווי מיין אייגענעם; עפּעס איז צוזאַמען מיטן שטעטל און מיטן עולם צעשטערט און פאַרגלותט געוואָרן אַ שטיק פון מיין אייגענעם „איך", וועלכן איך האָב ביי זיי געלאָזן. און דער פרעמדער בחור, וועלכער האָט מיך דערמאָנט די דאָזיקע פאַרבונדנקייט, איז געשטאַנען פאַר מיר, ווי אַ לעבעדיקער עדות פון עפּעס אומ־פאַרגעסלעכעס.

איך קאָן אים ביז היינט נישט פאַרגעסן, אַזוי פיל צאַרטקייט האָט ער אויפגעלייזט אין מיר דער דאָזיקער שפּלי־טער פון אַ קאָלעקטיוו, מיטן וועלכן איך בין געוואָרן איינס דורך דאָס גערעדטע וואָרט.

כ"א) וואָרט־שענדער

עס איז דאָ אַ געוויסער מין שרייבער פון לייכטער אויפ־פירונג, פאַרשטייער, אַזוי צו זאָגן, פון דער אונטערוועלט־לי־טעראַטור. זייער וואָרט וואַקסט נישט אַרויס ווי אַ בלום פונם

גערדאַנקען־קנאַספּ, וואָס קוועלט אָן מיט איבערלעבונג ביז דער לעצטער מדרגה, וואָס צעעפנט זיך אונטערן לעבנס־בענקענדיקן דראַנג פון דער דאָזיקער איבערלעבונג און וואָס צעבליט זיך מיט דער שענסטער, מיט דער פאַנטאַסטישסטער, מיט דער פילפאַרביקסטער און פאַרשידנריחדיקער בלום — מיט דער בלום פון מענטשלעכן וואָרט, וואָס איז אי גייסטיק (וואָס קאָן שוין זיין גייסטיקער?), אי מאַטעריעל (וואָס קאָן דען זיין מאַטעריעלער?), וואָס זעט אויס צו זיין אומדערווישבאַר, ווי אַ ווינט, און באַרנלאָז, ווי אַ ווינט, און דאָך וואָרצלט עס אינם מענטשן אַזוי טיף, אַזוי אומפאַרטיליקבאַר. און אָט דאָס דאָזיקע וואָרט, אָן וועלכן עס איז נישטאָ קיין גייסטיק לעבן, ווי אָן לופט — קיין קערפּערלעכעס, און וואָס איז פונקט אַזוי דאָ אומעטום און וואָס איז פונקט אַזוי ביליק, ווי לופט, — אָט דאָס דאָזיקע הייליקע וואָרט ווערט פון קיינעם אַזוי נישט געשענדעט, ווי דורך דעם אויבן אָנגעוויזענעם מין פונם אונטערוועלט־שרייבער.

די דאָזיקע אונטערוועלט־שרייבער גיבן זיך אָפּ דעם וואָרט נישט פון ליבע, נישט פון אינערלעכער נויטווענדיקייט, נאָר פון קאַלטער אויסרעכענונג. און אין זייער פאַראייניקונג מיטן וואָרט איז גאָר נישטאָ חוץ גראָב־מאַטעריעלעס, נאַקעט־קערפּערלעכס, ווי אין דער פאַרבינדונג מיט אַ פרוי, וועלכע מען האָט נישט ליב.

ביים דאָזיקן ליטעראַטעווען איז נישטאָ יענע מאַכט איבערן וואָרט, וואָס ווערט געגעבן דורך הכנעה פון ליבע, וואָס פאַרוואַנדלט מאַכט אין צערטלעכקייט, וואָס באַזייטיקט דעם אונטערשייד צווישן דעם הערשנדיקן און דעם פרייוויליקאונטערגעוואָרפענעם, און וואָס שטעלט איין צווישן זיי די האַרמאָניע פון ליבע. ניין, דאָס דאָזיקע ליטעראַטעווען פאַרמאָגט נישט קיין ליבע־מאַכט איבערן וואָרט, נאָר דאָס וואָרט געפינט זיך אין זייער ליבלאָזער מאַכט, ווי אַ ווייסע שקלאַפין אין

דער מאַכט פונם אַלפאַנס. דאָס וואָרט גיט זיך זיי נישט אָפּ, — זיי פאַרגוואַלדיקן עס פאַר אַנדערע. דאָס וואָרט איז פאַר זיי נישט קיין נויטווענדיקייט, נאָר אַ מיטל פון לייכטן פאַר־דינסט, פון מאַכט, וואָס צאָלט זיך אָפּ, פון ביליקן כבוד, וואָס קאָן אויך ברענגען הכנסה. זיי שרייבן קיינמאָל נישט אונטער אַן אינערלעכן צוואַנג פונם האַרצן און געוויסן, נאָר תמיד אונטערן דיקטאַט פונם קאָמבינירנדיקן פאַרשטאַנד. זיי שרייבן נישט וועגן דעם, וועגן וואָס זיי קאָנען נישט שרייבן, נאָר תמיד וועגן דעם, וועגן וואָס עס איז זיי נוצלעך צו שרייבן. זייער וואָרט האָט נישט קיין וואָרצלען און ברענגט נישט נישט קיין בלומען, נישט קיין פרוכט, — זייער וואָרט איז ווי פאַפּירענע בלומען, אויף וועלכע מען קאָן פאַרדינען, וועלכע מען קאָן מאַכן געשיקט, אפילו מיט טאַלאַנט, אָבער נישטאָ אין זיי דער צויבער פון לעבן; נישט מען קאָן זיי אַ שמעק טון, נישט עס גלוסט זיך זיי אַ גלעט טון, און דער בליק אפילו פרייט זיך בלויז פונדערווייטנס, און אפילו דורכן אויג דרינגט די פרייד אַריין נישט טיף.

ווי גרויס עס איז די דאָזיקע אַרמיי פון וואָרט־שענדער! זי איז, מסתמא, נישט קלענער פאַר דער אַרמיי פון הענדלער מיט לעבעדיקער סחורה. די, אַזוי ווי יענע, שענדן און מאַכן אַן אָנשטעל, פאַרגוואַלדיקן און מיסברויכן, נאַרן אָפּ און מאַכן פאַרמעגנס, אָבער קינס צייכן ברענט סיי אויף די, סיי אויף יענע קופּערנע שטערנס, און מען קאָן אים נישט צודעקן אויף לאַנג נישט מיט געשיקטקייט, נישט מיט צביעות, נישט מיט חניפה. אונטער דער ברוטאַלער צערטלעכקייט און אונטער דער ברוטאַלער מאַכט פאַרוועלקט סיי אַ פרוי, סיי דאָס וואָרט, און עס צעוואַקסט זיך און וואַרפט זיך אין די אויגן אַלץ מער און מער דער שרעקלעכער קין־צייכן.

בלויז אונטערן דאָזיקן שאַנד־צייכן פּייערט די דאָזיקע אַרמיי וואָרט־שענדער אירע נישט־רומרייכע נצחונות און ליידט אירע רומלאָזע מפּלות.

ערשטער שניט נאָכן שטורעם...

כ"ב) דער „עם הספר"

(אונזערע בלעסטאַקאָווס)

גאָגאָלס „רעוויזאָר" איז אַן אומשטערבלעכע קאָמעדיע. שוין צוליב דעם אַליין, וואָס די דערשיינונג פון „רעוויזאָר"נטום איז אומשטערבלעך. איין מאָל טראָגט די דאָזיקע דערשיינונג דעם נאָמען בלעסטאַקאָוו, דאָס צווייטע מאָל — דער מאַיאָר פון קעפּעניק, דאָס דריטע מאָל — ד"ר שימכאָניני. בלעסטאַקאָוו אַלס מענטש איז שטערבלעך, פאַראיבערגייענדיק, אָבער בלעסטאַקאָוו אַלס „רעוויזאָר" איז אומשטערבלעך, אומפאַרגענגלעך.

כל־זמן עס וועלן זיין פאַרשידענע טונעיאַדעווקעס און גלופּסקס, זענען די פאַרשידנאַרטיקסטע מינים רעוויזאָרן פאַרזאָרגט מיט אַ זאָרגלאָז לעבן, נאַראָנים וועלן זיי נישט פעלן, ווייל זיי וועלן לעבן.

רעוויזאָרנטום איז אַן אומשטערבלעכע דערשיינונג, ווי עס איז אומשטערבלעך גלופּסק, אָבער פּונקט אַזוי ווי יעדער גלופּסק האָט זיך זיין אינדיווידועלן נאָמען, — אַמאָל ד"ר שימכאָניני, אַמאָל — קעפּעניק, אַמאָל אָצענפּלאָץ, אַזוי האָט אויך יעדע דערשיינונג פון רעוויזאָרנטום איר אינדיווידועלן נאָמען, אין הסכם מיט דעם אָרט פון זייער טעטיקייט: אויב אַ „רעוויזאָר" גיט גאַסטראָלן אין רוסלאַנד פון גאָגאָלס צייטן, רופט ער זיך אָן — „רעוויזאָר"; אין אונזער צייט וואָלט ער זיך געוועזן גערופן „פּאָלפּרעד". אויב אַ רעוויזאָר טרעט אויף אין דייטשלאַנד, טוט ער אָן (ווי־זשע אַנדערש?) אַ מאַסקע פון אַ מיליטער־מאַן; אויב ער טרעט אַרויס אין אַמעריקע, איז שוין דער רעוויזאָר אַ פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט פון שכורער ניכטערקייט...

עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז אויך די יידן זענען נישט קיין אויסנאַם: אויך ביי זיי זענען דאָ „רעווי־

זאָרן" און דערביי נאַציאָנאַלע, עכט יידישלעכע, וואָס פּאַסן זיך צו, ווי אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, צו די באַדינגונגען פון צייט און אָרט.

אַמאָל, אין דער נישט לאַנגאָניקער פאַרגאַנגענהייט, פלעגן אונזערע רעוויזאָרן אָננעמען די געשטאַלט פון משולחים: אין אונזערע פאַרשידענע גלופּסקס פלעגן דערשיינען ארץ־ישראל־יידן, וואָס פלעגן קלייבן געלט פאַר די דאָרטיקע הייליקע יידן. די דאָזיקע פּאַלעסטינער יידן פלעגן דערציילן בבא־מעשיות און פלעגן פאַרקויפן עפּעס אַזעלכע ירדן־וואַסערלעך און פאַרשידענע געטריקנטע װונדער־טוענדיקע גראָזן פונם הר הזיתים און פון עמק השרון.

איר קאָנט נאָך טרעפן די שפּורן פון די דאָזיקע יידעלעך אין טשערניכאָווסקים אָן אידיליע און אין שלום־עליכמס אַ דערציילונג.

די דאָזיקע ארץ־ישראל־יידן זענען נאָך געווען, בדרך כלל, די אומשולדיקסטע דערשיינונגען פון רעוויזאָרנטום, — די מערכיטרע, און במילא גרעסערע רעוויזאָרן פלעגן אַראָפּקומען אַלס פאָרשטייער פון די עשרת השבטים, — פון די רויטע יידעלעך, — פון יענער זייט סמבטיון, אָדער, — לכל הפּחות! — אַלס האַלבע משיחים, אַלס צדיקים בעלי־מופתים.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער וועלטלעכער קולטור, האָבן זיך די טיפּן פון אונזערע רעוויזאָרן אויך גענומען אַנטוויקלען, ד. ה. זיך ענדערן. אין די לעצטע יאָרצענדליקער פלעגן איבער די פּראָווינציעלע יידישע שטעטלעך פון פוילן גראַסירן „דאָקטוירים", ענציקלאָפּעדיסטן, וואָס קענען אַלץ, אָבער צוליב זייער פּראָפעסאָרישער צעשטרייטקייט האָבן זיי פאַרגעסן אויסלערנען ווי געהעריק דעם אלף־בית און דעם סינטאַקסיס אפילו פון זייער מאַמע־לשון; עס האָבן זיך באַוויזן רעפערענטן, מייסטערס אויף קאַפּשווינדלענדיקע טעמעס, מייסטערס אויף אויפצובויען וואָלקן־קראַצערס, וואָס פאַלן איין פון אייגענער

פוסטקייט, באַגראָבנדיק אין וואָלקנס שטינקנדיקן שטויב זיך און דעם עולם. עס האָבן זיך באַוויזן דיכטער, שרייבער און רעדאַקטאָרן, ביי וועלכע די מוזע האָט קיינמאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט אפילו פאַרשלאָפענערהייט.

און דאָך זענען נישט גערעכט די יעניקע, וועלכע מיינען, אַז אַ חוץ געלעכטער און ברעכרייץ קאָנען די דאָזיקע דערשיינונגען נישט אַרויסרופן. ביי מיר רופן די דאָזיקע דערשיינונגען אַרויס אַ חוץ געלעכטער און ברעכרייץ, אויך אַ געפיל פון שטאָלץ: אפילו אין דאָזיקן פרט זענען מיר אַן אויסדערוויילט פאָלק. ביי אַנדערע פעלקער זענען זייערע „רעוויזאָרן" פּראָסטע רעוויזאָרן, אַבער ביי אונז מוזן זיך אפילו די רעוויזאָרן צירן אין גייסטיקע פעדערן. נישט אומזיסט שמען מיר אַלס אַן עם הספר. אונזערע גלופּסקס זענען צו ממזריש, זיי זאָלן פאַלן אַ קרבן פון עפּעס אַ פשוטן רעוויזאָר; דערפאַר אָבער טראָגן זיי אין זייער בלוט — אפילו אין זייער גלופּסקער בלוט! — אַ ירושהדיקן דרך־ארץ צום געדרוקטן און מינדלעכן וואָרט, וואָס איז אָפּגעמאַליעוועט אויף גייסט. אין אונזערע גלופּסקס קאָן מען נישט שפּעקולירן מיט רעוויזאָרנטום, דערפאַר אָבער קאָן מען אַ שפּעקוליר טון מיט גראַפאָמאַניע, מיט עם־האַרצישער געלערנטקייט, מיט די טיטלען „משולח" און „דאָקטאָר".

בראַוואָ, גלופּסק! מיט גייסטיקן רייכטום האָט דיך היינט גאָט נישט געשטראָפט, דערפאַר אָבער פאַרגעטערסטו אַטאַוויסטיש אַזוי שטאַרק דעם גייסט, אַז אפילו די אָרעמסטע אין גייסט קאָנען ביי דיר שפּעקולירן מיט זייער גייסטיקער קבצנות.

דאָס רעוויזאָרנטום בליט אין אונזערע גלופּסקן, אָבער דאָס איז אַ ספּעציפיש יידיש רעוויזאָרנטום, אַ גייסטיקס אפילו אין זיין נשמהלאָזיקייט.

ווען אין די פּוילישע שטעטלעך פלעגט מען זיך נעמען קלאָגן ביי מיר אויף דער אינוואַזיע פון וועלטלעכע משולחים און רויטע יידעלעך פון יענער זייט סמבטיון, וואָס לייענען

דעפּעראַטן וועגן דער „דעמאַנישער פּרוי אין תּלמוד" און וועגן שײַלאָקס טאָכטער „יעסיקע", פּלעג איך זיי טרייסטן און הויבן זייער גייסט מיטן פאָלגנדיקן אַרגומענט: פאַלט נישט אַראָפּ בײַ זיך, וואָס מען נאַרט אײַך אָפּ; פאַרקערט, איר דאַרפט יובלען, וואָס אפילו דער נידעריקער טיפּ „רעוויזאָרן" דערקענט אין אײַך די קינדער פונם „עם הספר" און זיי ווייסן, אַז נאָר מיט אײן וועג קען מען אײַך פירן אין באָד אַרײַן — מיטן וועג פון גייסט.

כ"ג) קנאה

איך האָב לעצטנס אויפגעפרישט מײַנע ידיעות אין געביט פון דער רוסישער ליטעראַטור, און דאָס עיקרדיקע, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פון מײַן לעקטור, איז אַ געפיל פון שאַרפער קנאה. און איך האָב מקנא געווען נישט נאָר דאָס, וואָס די רוסישע ליטעראַטור איז אַזוי רײַך מיט גרויסע ליטעראַרישע טאַלאַנטן און זשעניען (גאָגאָל, גריבאָיעדאָוו, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גלעב אוספּיענסקי, סאַלטיקאָוו-שטשעדרין, טשעכאָוו), נאָר דער עיקר דאָס, וואָס אָט־אָ־די געניאַלע שרײַבער האָבן אַזוי אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון זייער פאָלק, וואָס זיי פלעגן פאַרצייכענען, ווי סייסמאָגראַפן, יעדע פּסיכישע אויפטרייסלונג פונם געזעלשאַפטלעכן אַוואַנגאַרד — פון דער אינטעליגענץ.

פון די 20־ער ביז די 80־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט האָט דער רוסישער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק דורכגעמאַכט — אינם פּראָצעס פון אַ פאַרסירטן אויספורימען זיך — אַ סך שפּרונגען און פּאָזיציע־ענדערונגען.

דער רוסישער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק האָט אין משך פון אַ יאָרהונדערט איבערגעלעבט די פאַרשידנאַרטיקסטע מע־

טאַמאָרפאָזעס: די באַוועגונג פון די מערבניקעס און פונם סלאַוויאַנאָפילנטום; דעם ניהיליזם און די פאָלקסטימלעכע שטרעמונג; די דערשיינונג פון דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס שלאָגט זיך על חטא, און די עמאַנסיפּאַציע פון דריטן שטאַנד, וואָס האָט זיך אַ ריס געטון צו די מלוכה־אַמטן און צו די אַנפירנדיקע פּאָסטנס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן; די „איבע־ריקע מענטשן" און דאָס גיין אין פאָלק; און די דאָזיקע גאַנצע רייכקייט פון געזעלשאַפטלעך־אידעאָלאָגישע שטרעמונגען האָט געפונען די פולסטע, קינסטלערישסטע אָפּשפיגלונג אין דער רוסישער ליטעראַטור. און ס'איז מאָדנע: טורגעניעוו, וואָס איז כמעט דער ריין־עסטעטישער שרייבער אין דער רוסישער לי־טעראַטור פון איר קלאַסישן פּעריאָד; טורגעניעוו, וואָס ווערט באַטראַכט שיעור נישט אַלס דירעקטער תלמיד פונם עסטעט פלאָבער; דער דאָזיקער נישט־פילאָזאָפירנדיקער טורגעניעוו, וועלכער האָט זיך געבעטן רחמים ביי טאָלסטאָיען ער זאָל אויפהערן צו פילאָזאָפירן און בלייבן בלויז אַ קינסטלער, — אָט־אָ־דער זעלבער טורגעניעוו איז דער טרייסטער שפיגל פאַרן רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. לויט די ווערק פון בלויז איין טורגעניעוו קאָן מען נאָכפאָלגן אַלע געאָלאָגישע שיכטן פון דער געשיכטע פון דער רוסישער אינטעליגענץ פון זיין צייט.

איז ווי אַזוי זאָלן מיר נישט מקנא זיין די דאָזיקע האַר־מאָנישע צוזאַמענאַרבעט פון ליטעראַטור און לעבן? האָבן מיר דאָך אויך — כמעט אין דער זעלבער צייט מיטן רוסישן פאָלק — דורכגעמאַכט אַ פילגעשטאַלטיקע, מיט מעטאַמאָר־פאָזעס רייכע עוואָלוציע פון אונזער געזעלשאַפטלעכער אידעאָ־לאָגיע. מיר האָבן דורכגעמאַכט דעם וועג פון דער השכלה ביזן נעאָ־חסידיזם, פון אַסימילאַציע ביז נאַציאָנאַליזם. אין אַלע זיינע דערשיינונגען. וואָס פאַר אַ רייכקייט פון אידעאָ־לאָגישע ניואַנסן! ווו איז אָבער זייער אָפּשפיגלונג אין אונזער ליטעראַטור? די ענדערונג פון עמאָציעס האָט געפונען אַן אָרט

אין אונזער לירישער פּאָעזיע, — ווי אָבער זענען אונזערע געשטאַלטן, וואָס פאַרקערפּערן די דאָזיקע אַלע מעטאַמאָרפאָזעס פון אונזער געזעלשאַפטלעכן וווקס? אין בעסטן פאַל האָבן מיר אָנשטאָט לעבעדיקע באַזאַראָווס (אין טורגעניעווס „פאָטער און קינדער") בלויז שאָטנס, און אין ערגסטן האָבן זיי אפילו קיין שאָטנס אויך נישט איבערגעלאָזן.

מען איז ביי אונז געוווינט צו זאָגן: דאָס היינטיקע לעבן איז נאָך צו נאָענט פון אונז, כדי מען זאָל זי אויספורעמען אין געשטאַלטן, — עס איז נויטיק די פּערספּעקטיוו פון דער צייט, כדי דער קינסטלער זאָל קענען פאַרוואַנדלען לעבן אין קונסט. דאָס איז אָבער נישט ריכטיק סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש. ווען קונסט וואָלט פעאיק געווען צו פאַרוואַנדלען דאָס לעבן ערשט נאָכדעם, ווי עס ווערט אָפּגעקילט, פאַרגליווערט, וואָלט דאָך לחלוטין אוממעגלעך געווען די קונסט זאָל ווירקן אויפן לעבן, — און דאָס איז נישט ריכטיק: די קונסט ווירקט כסדר אויפן לעבן, ווי עס זאָגן עדות דערויף די קלאַסישע ביישפּילן פון „פעטער טאָמס הייזקע" און „נאָטיצן פון אַ יעגער". און אויב מען וועט זאָגן, אַז אין ביידע פאַלן האָט דער קינסטלער געהאַט צו טון מיט אַ לאַנגדויערנדיקער דערשיינונג, וואָס איז געווען גלייכצייטיק אי ברענענדיקע ווירקלעכקייט, אי אַלטער, פאַרגליווערטער לעבנס־שטייגער, קאָן מען ביים זעלבן טורגעניעוו זען, אַז ער איז דעם רוסישן לעבן נאָכגעגאַנגען אויף די ברענענדיקע שפּורן און ער האָט פאַרקערפּערט אין געשטאַלטן שוין נישט נאָר דאָס עקזיסטירנדיקע פון קדמונים (דאָס לייב־אייגנטום), נאָר אויך די פרישאויפקומענדיקע פּסיכאָלאָגישע פאָרמאַציעס פון די מערבניקעס און די סלאַוויאַנאָפילן, פון די ניהיליסטן און די „איבעריקע מענטשן".

טאָ פאַרוואָס־זשע זאָל אונז נישט מעגלעך זיין דאָס, וואָס פאַר אַנדערע איז דאָס יאָ מעגלעך?

און די קנאה וואַקסט. און זי איז נישט נאָר אַ ריין־פאָר־

מעלע, אָדער בעסער — אַ זאַכלעכע: אויך אונז וואָלט זיך געוואָלט האָבן אַ שיינעם, רייכן אינווענטאַר פון געשטאַלטן! די דאָזיקע קנאה האָט טיפערע סיבות: די ליטעראַרישע לעבעדיקע געשטאַלטן העלפן דעם לעבן אין איר קאַמף פאַר עוואָלוציע, פאַר אויספורעמען די אידעאַלן, פאַר אימוניטעט קעגן געוויסע אידעאָלאָגישע קראַנקהייטן. אַ לעבעדיקע געשטאַלט, אַ בולטער טיפּ, געשאַפן דורך אַ גרויסן קינסטלער, קאָנצענטרירט אַרום זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפט, ער העלפט צו דעם אויסקריסטאַליזירונגס־פּראָצעס פון די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן און פון די געזעלשאַפטלעכע נעגאַציעס. אַן דער הילף פון דער ליטעראַטור ווערט דער פּראָצעס פון אידעאָלאָגישער קריסטאַליזאַציע פאַרשלעפּט, ער ווערט פאַרטושירט, ווערט אָפּגעהאַלטן אין זיין אַנטוויקלונג, ווערט נישט ענדגילטיק געלייזט און עס קאָן קומען צו אַ רעצידיוו. וויפל שאָדן עס האָט געליטן אונזער פאָלקס־אַרבעט צוליב דעם, וואָס דער קאַמף צווישן אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם, דער קאַמף צווישן דעם גלות־נאַציאָנאַליזם און דעם חלוציש־טעריטאָריאַליסטישן האָבן נישט געפונען זייערע בולטע טורגעניעווישע געשטאַלטן אין אונזער ליטעראַטור!

דאָס איז נישט נאָר, ווי געזאָגט, אַן אינווענטאַר־קינסטלערישער פאַרלוסט פאַר אונזער ליטעראַטור, נאָר אויך אַ לעבנס־פאַרלוסט פאַר אונזער פאָלקס־זאַך.

און מיין קנאה, ביים לייענען די רוסישע ליטעראַטור, איז נישט קיין ליטעראַר־עסטעטישע, נאָר אַ נאַציאָנאַל־אַקטועלע.

איך בענק נאָך גרויסע ליטעראַרישע געשטאַלטן און איך טרוים וועגן זיי, ווי אַרכימעד האָט געבענקט און געטרוימט וועגן אַן אָנשפּאַר־פּונקט, כדי איבערצודרייען די וועלט. גרויסע ליטעראַרישע געשטאַלטן זענען אַן אָנשפּאַר־פּונקט אינם פּראָצעס פון ראַדיקאַלע איבערקערענישן אינם לעבן פון יעדן מענטשלעכן קאָלעקטיוו.

אויף דער שוועל פון יעדער גרויסער איבערקעריניש אינם

לעבן פון פעלקער זענען כמעט תמיד געשטאַנען די גרויסע קינסטלער פון וואָרט, וועלכע פלעגן מאָלן די נייע אידייען אין בילדלעכע ווערטער, וועלכע פלעגן פאַרקערפּערן די אידייען אין געשטאַלטן.

כ״ד) די פאָלקסטימלעכע באַוועגונג אין דער רוסישער ליטעראַטור און אין דער יידישער

די וועלט־ליטעראַטור — דאָס איז אַ סיסטעם פון קעגנזייטיקע באַווירקונגען. און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך: וואָס מער אַ וואָסער נישט איז ליטעראַטור קומט אין באַרירונג מיט דער שכנותדיקער וועלט, אַלץ מער איז זי אויסגעשטעלט באַווירקט צו ווערן דורך די שכנים. און אַזאַ ליטעראַטור איז די יידישע. קיין שום ליטעראַטור אויף דער וועלט איז נישט געקומען אין באַרירונג מיט אַזאַ גרויסע צאָל פעלקער און לענדער, ווי די יידישע, און קיין איינע פון זיי טראָגט נישט אין זיך אַזוי פיל ווירקונגען פון אַנדערע ליטעראַטורן, ווי זי.

די דאָזיקע אַלטע געדאַנקען זענען אין מיין קאָפּ אָפּגעפרישט געוואָרן ביים לייענען דאָסטאָיעווסקיס „טאָג־בוך פון אַ שרייבער", ווען עס נעמט זיך אַמאָל דאַכטן, אַז מען פאַלט אריין אינם שטראָם פון יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק פון די זיבעציקער און אכציקער יאָרן, ווען עס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן צוויי שטרעמונגען: אַ צענטער־אַנטלויפנדיקע — צו דער אייראָפּעאישער קולטור, און אַ צענטער־שטרעבנדיקע — צו דער פאָלקסטימלעכער קולטור. אָט־דעם זעלבן קאַמף באַמערקן מיר אויך אין רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק פון יענער צייט: דעם קאַמף צווישן די מערבניקעס און די סלאַוויאַנאָפילן. און ביי קיינעם האָט דער דאָזיקער קאַמף נישט דערגרייכט אַזאַ ליידנשאַפטלעכע, אַזאַ דראַמאַטישע אָנשטרענגונג, ווי ביי דאָסטאָיעווסקין אין זיין „טאָג־בוך פון אַ שרייבער".

די רוסישע ליטעראַטור האָט, אָן שום ספק, באַווירקט די יידישע ליטעראַטור אין דער רוסישער אימפּעריע. אָבער אין קיין שום געביט איז די דאָזיקע ווירקונג אַזוי נישט קענטיק, ווי אין דעם אויבן באַצייכנטן קאַמף פון צוויי שטרעמונגען — פון צענטער־אַנטלויפנדיקן און דעם צום צענטער־שטרעבנדיקן.

עס וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע, פּרוכטבאַרע ליטעראַרישע אונטערנעמונג אויסצופאָרשן די השפּעה פונם קאַמף צווישן די רוסישע מערבניקעס און סלאַוואָפילן אויפן קאַמף פון אונזערע מערבניקעס און פאָלקסטימלער (אויך די סלאַוואָפילן קאָן מען באַצייכענען אַלס פאָלקסטימלער). אָבער דאָ וויל איך בלויז פאַרצייכענען איין אויסערסט אינטערעסאַנטן אָרט אינם „טאָג־בוך פון אַ שרייבער", ווו דאָסטאָיעווסקי פּאָלעמיזירט מיטן ליטעראַטור־קריטיקער אוסעיענקאָ: און פאַר מיר איז דאָ וויכטיק נישט דאָסטאָיעווסקיס פּאָלעמיק (איך האָב דאָך דאָ נישט בדעה פאַנאַנדערצוּוויקלען די גאַנצע פּראָבלעם, ווי דאָס זאָל מיך נישט צוציען), נאָר דער ציטאַט, וואָס ער ברענגט פון אוסעיענקאָס אַרטיקל. די דאָזיקע ציטאַט איז אויף אַזוי ווייט אָנגעזאַפּט מיט אונזערע פּראָבלעמען, אַז איך מוז זי ברענגען כמעט אינגאַנצן.

אָט וואָס דאָסטאָיעווסקי ברענגט פון אוסעיענקאָס אַרטיקל:

„...פאַר אונז איז וויכטיק, ביי וועלכע באַדינגונגען אונזער געבילדעטע מינדערהייט האָט צום ערשטן מאָל אויפמערקזאַם אַריבערגעקוקט איבער דער וואַנט, וואָס טיילט זי — די מינדערהייט — אָפּ פונם פאָלק. עס איז קלאָר, אַז דאָס, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אירע אויגן, האָט זי געמוזט איבעראַשן און, אין אַ סך הינזיכטן, באַפרידיקן די אינערלעכע באַדערפענישן, וואָס זי האָט ביי זיך געפונען. מענטשן, וואָס זענען נישט געווען צופרידן מיט דער ראָל צו זיין אַראָפּטירטע ביי דער מערבדיקער ציוויליזאַציע, האָבן דאָרט (ביי זייער פאָלק — י. ר.) געפונען אידעאַלן, וואָס זענען לחלוטין אַנדערש פון די

אייראָפּעאישע און פונדעסטוועגן — פּרעכטיקע. מענטשן אַנטווישטע, און — לויטן דעמאָלטיקן אויסדרוק — צעשפּאָלטענע דורך דער אדאַפּטירטער קולטור, האָבן דאָרט (ביים פאָלק — י. ר.) געפונען פּשוטע, גאַנצע נאַטורן, וואָס מיט זייער קראַפט פון גלויבן האָבן זיי דערמאָנט די ערשטע יאָרהונדערטער פון קריסטנטום, זיי האָבן דאָרט געפונען די שטרענגע פרישקייט פון פּאַטריאַרכאַלן לעבן. דער קאָנטראַסט צווישן דיביידע לעבנס, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט געמוזט מאַכן אַן אויסערגעוויינלעכן, באַצויבערנדיקן עפעקט. עס האָט זיך פאַרוואָלט אָפּפרישן זיך אין די רואיקע כוואַליעס פון דער דאָזיקער סטיכייאישער עקזיסטענץ, אביסל אָפּאָטעמען מיט דער רייַנער לופט פון פעלדער און וועלדער. די בעסטע מענטשן זענען איבעראַשט געווען פון דעם, וואָס אין דאָזיקן פאַרשטאַנענעם שטייגער־לעבן, וואָס אים איז פרעמד נישט נאָר בילדונג, נאָר פּשוטע עברידיקייט, געפינט מען שטריכן פון אזא נשמה־דערהויבנקייט, וואָס פאַר זיי דאַרף פאַלן כורעים די געבילדעטע מינדערהייט. די דאָזיקע אַלע איינדרוקן האָבן געשאַפן אַ גרויסע באַדערפעניש צו דערנענטערן זיך צום פאָלק״.

אין דאָזיקן ציטאַט געפינען מיר די גוט־באַקאַנטע ווערטער וועגן צעשפּאָלטענע פּערזענלעכקייטן, וועגן דער דערהויבנקייט פונם פאָלקס פאַרשטאַנענעם זומפּ, וועגן גאַנצע נאַטורן. אין דעם איז דאָך דער גאַנצער בערדיטשעווסקי! ער האָט זיך דאָך אַליין מודה געווען, אַז די פּסיכישע צעשפּאָלטנקייט פונם יידישן אינטעליגענט האָט אים געשטויסן אין די אָרעמס פונם חסידיזם, ווו ער האָט געפונען גאַנצע פּערזענלעכקייטן. אָבער נישט נאָר בערדיטשעווסקי, — די גאַנצע באַוועגונג פונם נעאָחסידיזם, פון פּרצן ביז בובערן, געפינט איר פאָרמולירונג אין די אויבן געבראַכטע ווערטער פון אוּוסעיענקאָ, וואָס פאָרמולירן די דערשיינונג פונם סלאַוואָפילנטום, אַלס רעאַקציע פונם צום צענטער־שטרעבנדיקן פאָלקס־אינסטינקט קעגן דעם פון צענטער־אַנטלויפנדיקן עפעקט פון דער אייראָפּעאישער אויסבילדונג.

די ווירקונג, וואָס דער דאָזיקער קאַמף אין געביט פון רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק האָט געהאַט אויף אונזער געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, לאָזט זיך דאָ בולט אָנטאַפּן. אָבער די דאָזיקע ווירקונג טראָגט נישט קיין ריין־אויסערלעכן, קאָ־פּירנדיקן כאַראַקטער. אויך אין אונזער לעבן האָבן די זעלבע סיבות אַרויסגערופן די זעלבע רעזולטאַטן. דערביי האָבן די זעלבע סיבות אין אונזער לעבן געווירקט אַ סך שטאַרקער און פאַטאַלער, ווי אין דעם מער נאָרמאַלן (אין פאָלקסטימלעכן זין) רוסישן לעבן. ווי צעשפּאָלטן עס איז נישט געווען דער רוסישער אינטעליגענט — דער מערבניק; ווי שעדלעך עס האָט נישט געווירקט די פון צענטער־אַנטלויפנדיקע שטרעמונג פונם מערבטום אין רוסישן לעבן, זענען זיי נישט געווען בכוח אונ־טערצוגראָבן די גרונט־יסודות פון רוסישן פאָלקס־לעבן.

ביי אונז אָבער איז געווען פאַרקערט — די צעשפּאָלטנקייט פון דער אינטעליגענץ און זייערע פון צענטער־אַנטלויפנדיקע שטרעמונגען האָבן פאַר אונז באַדייט אומקום אין נאַציאָנאַלן זין. איז, דעריבער, קיין וואונדער נישט, וואָס די רעאַקציע איז ביי אונז געווען טיפער און דויערנדיקער. אָבער אַז דער קאַמף פון סלאַוואָפילנטום מיטן מערבטום האָט שעפעריש באַווירקט דעם קאַמף פון אונזער פאָלקסטימלעכער באַוועגונג (אין דער פאָרם פונם נעאָ־חסידיזם) מיט אונזערע מערבטום־טענדענצן — דאָס איז אָן שום ספק.

ער האָט אונז באַווירקט ביים באַזינען און פאָרמולירן די קענגזאַצן; ער האָט באַווירקט די פאָרמולירונגען, ד. ה. די טעכניק פונם קאַמף.

כ"ה) אַ סתירה

אין פּראָפ. ש. דובנאָווס אויטאָביאָגראַפיע „דאָס בוך פון לעבן" ברענגט דער מחבר אויסצוגן פון זיין טאָג־בוך. דעם

5־טן אַפּריל 1916 שרייבט פּראָפ. דובנאָוו אַריין אין זיין טאָג־בוך: „איך בין פאַרוואונדערט, מיט וואָסער לײדנשאַפטלעכקייט יידן גיבן זיך אָפּ קולטור־שטרעבונגען אפילו אין היינטיקער צייט. ליטעראַטור־געזעלשאַפטן, טעאַטראַלע געזעלשאַפטן וואַקסן אויס ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אויך מיך באַמיען זיי זיך אַריינצוציען אין דעם, אָבער איך זאָג זיך אָפּ. פאַר מיר איז דאָס דאָס זעלבע, ווי דאָס שפּיל פון קינדער אויף אַ ווולקאַן".

די דאָזיקע ווערטער איבעראַשן, באַזונדערס ביי אַ היס־טאָריקער פון יידישן פאָלק. צי דען איז נישט כמעט די גאַנצע יידישע קולטור געשאַפן געוואָרן אויף אַ ווולקאַן? (און בכלל, צווישן זיך גערעדט: וואָסער פּראָצענט פון דער אַלמענטש־לעכער קולטור איז געשאַפן געוואָרן נישט אויף אַ ווולקאַן?) ווען יידן וואָלטן געוואַרט אויף רואיקע צייטן פאַר זייער קול־טור־טעטיקייט, וואָלטן זיי זיך שוין פון לאַנג געווען פאַר־וואַנדלט אין ווילדע מענטשן...

און פון דעם „קינדער־שפּיל" בעת דער וועלט־מלחמה, — אַ שפּיל, אין וועלכער דובנאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַ־טייליקן, — איז אונז אויך עפּעס איבערגעבליבן פאַר אונזער אייזערנעם קולטור־פאָנד: די „ווילנער טרופּע", די „הבימה", אַ נעץ יידישע שולן...

און אַ חוץ דעם קאַפּיטאַל, וואָס לאָזט זיך זען און אָנ־טאַפּן, איז געבליבן אויך אַ קאַפּיטאַל, וואָס לאָזט זיך נישט אויסוועגן און אָפּמעסטן, — אַ קאַפּיטאַל אין דער געשטאַלט פון הונדערטער און טויזנטער יונגע מענטשן, וועלכע האָבן געפונען דעם וועג צו זייער יידישן פאָלק, פון וועלכן עס האָט זיי אָפּגעריסן דאָס „נאָרמאַלע, רואיקע" פאַר־מלחמהדיקע לעבן...

און נאָך מער וואונדערט מען זיך אויף די אויבן געבראַכטע ווערטער דובנאָווס, ווען מען לייענט, וואָס ער פאַרשרייבט אין זיין טאָג־בוך, אין עטלעכע חדשים אַרום:

„און איך האָב זיך פאַרטיפט אין מיין אַרבעט (כדי אָוועק־צוגיין פון דער שרעקלעכערווירקלעכקייט — י. ר.), איך האָב פאַרענדיקט דעם פאַר־קריסטלעכן פעריאָד און אין אָנהויב 1917 בין איך צוגעטראָטן צו דער עפּאָכע פון פּאַלעסטינעזישן פּאַטריאַרכאַט".

הייסט עס, אַז אַפילו אין יענער שרעקלעכער צייט האָט מען זיך געקענט פאַרנעמען מיט גייסטיקער אַרבעט! און נישט נאָר פאַרנעמען זיך, נאָר אויך זיך ראַטעווען אַ דאַנק דעם פון דער ווירקלעכקייט, פון פאַרצווייפלונג. טאָ פאַרוואָס־זשע זאָלן זיך אויך אַנדערע נישט קיין עצה געבן מיט דער צייט דורך שעפערישער אַרבעט? נישט שוין־זשע מעג מען אין אַזאַ צייט בלויז שרייבן געשיכטע, אָבער נישט שאַפן נע־שיכטע?

„דאָס שרייבן געשיכטע — זאָגט ווייטער דובנאָוו אין זיין טאָג־בוך — איז פאַר מיר אַ היכל, וואָס אין בויען אים נעם איך אַן אָנטייל אין הייליקער שטילקייט. ווי לייכט עס ווערט אויף דער נשמה".

ווען נישט די ענטוזיאַסטן, וועלכע שפּילן זיך, ווי קינדער, אין זייערע קולטור־שפּילן אויפן ווולקאַן פון לעבן, וואָלט פּראָפ. דובנאָוו נישט געווען געהאַט די מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אין בויען דעם היכל פון אונזער געשיכטע, ווייל אַזאַ היכל וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט.

ווי לייכטזיניק ער האָט פאַראורטיילט יענע, וועלכע האָבן צוגעגרייט פאַר אים מאַטעריאַל פאַר זיין קומענדיקער אַרבעט!

כ"ו) די „ירושה פון בלוט"

די „ירושה פון בלוט" איז נישט עפּעס קינסטלעך־אויסגע־טראַכטס, — דאָס איז אַ פאַקט, דאָס איז אַ רעאַליטעט, אויף וועלכער מען שטויסט זיך אָן אָפטער, ווי מען וואָלט דאָס גע־

ווען געקאָנט גלויבן. מען דאַרף בלויז קאָנען באַמערקן, פאַר־
גלייכן און מאַכן אויספירן.

געוויס, יעדע ירושה קאָן מען פאַרשווענדן, אפילו די
גרעסטע. אָבער שווערער פון אַלץ איז צו פאַרשווענדן די
ירושה פון בלוט. באַזונדערס — די יידישע ירושה פון בלוט.

ס'איז דאָ עפּעס ספּעציפישעס אין יעדן פאָלק. באַזונדערס,
אין אַלטע פעלקער, וועלכע האָבן דורכגעלעבט יאָר־טויזנטער
אין די גרענעצן פון זייער אייגענער ספּעציפישער קולטור.

בדרך כּלל איז דאָס אַ צו קאָמפּליצירטע טעמע פאַר אַ
קליינעם עסיי, אָבער איך וויל אילוסטרירן דעם דאָזיקן געדאַנק
מיט איין ביישפּיל פון דער יידישער ליטעראַטור.

אגב אורחא: הער דאָזיקער אַלטער געדאַנק וועגן „ירושה
פון בלוט" האָט מיך אָפּגעשטעקט אַ וויזיט טאַקע אין שייכות
מיטן דאָזיקן ליטעראַרישן ביישפּיל.

ה. ד. נאָמבערג איז דער קינסטלערישער היסטאָריקער פון
דער יידישער אינטעליגענץ אין דער ערשטער סטאַדיע פונם
פאַרלאָזן די ישיבות און די יידישע שטעטלעך מיט זייער
דורותדיקער קולטור, און פון באַזעצן זיך אין די פרעמדע
שטעט מיט דער בולטער פרעמדער קולטור, ווו זי, די דאָזיקע
פון איר באָדן אויסגעריסענע אינטעליגענץ, האָט געלעבט אַ
נעבעכדיק, באָדנלאָז לעבן „אין אַ פרעמדער שטאָט, צווישן
פרעמדע מענטשן און אַ פרעמדן לעבן", ווי עס דריקט זיך
אויס אַ טיפּישער נאָמבערגשער העלד אין דער דערציילונג „אין
אַ חסידיש הויז".

דער דאָזיקער „העלד" איז פאַרליבט אין דער טאָכטער
פון זיין באַלעבאָס, ביי וועמען ער „פירט די חשבונות". ער
פילט, אַז „זי" איז נאָענט, אָבער ווי נאָר „זי" פּרוווט אריינ־
גיין אין צימער, ווו ער פאַרנעמט זיך מיט בוכהאַלטעריע,
טרייבט די מוטער אוועק דאָס נייגעריקע טעכטערל, ווי דער
מלאך מיטן צוויי־שניידיקן שווערד אויף דער שוועל פון גן־עדן.
אונזער העלד „פירט די חשבונות" בייטאָג, אָבער ביינאַכט

פאַרנעמט ער זיך מיט ליטעראַטור. ער שרייבט אַ פלאַם־פייער־דיקן אַרטיקל (וואָס רופט ביי אים אַרויס אַ היסטעריקע, אַזוי רירט ער דעם מחבר גופא!) אונטערן פאָלגנדיקן פילבאַדייטנ־דיקן נאָמען: „די לאַגע פון די חסידישע טעכטער אין פוילן". דער דאָזיקער אַרטיקל איז אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער פינסטערניש פון די חסידישע עלטערן, וועלכע האַלטן זייערע טעכטער אונטער אַ שלאָס, ווייט פון לעבן, וועלכע לאָזן זיי נישט אויסלעבן די יונגע לעבנס א. אַ. וו.

געוויס, אינם פלאַם־פייערדיקן אַרטיקל האָט אַ חלק דער פערזענלעכער אינטערעס: דער „העלד" ליידט דאָך דירעקט (אָדער עס דאַכט זיך אים, אַז ער ליידט דירעקט) פון דער פאַרשקלאַפטקייט פון די חסידישע טעכטער. אָבער דאָ שפּילט אויך אַ גרויסע ראָל די שטים פון שכל, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע דעה ביי אונזער יונגער וועלטלעכער אינטעליגענץ. ער איז באמת אין כעס אויף די עלטערן פון „זיין" מיידל נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי שטערן זיין פרייהייט, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי שטערן איר פרייהייט.

אָבער אינם שפּיל פון די געפילן, וועלכע דער אינטעליגענט אונזערער קאָנטראָלירט (די ליבע צום מיידל און די ליבע צו פרייהייט פאַר יעדן מענטשן, מאַן צי פרוי), גנבעט זיך אַריין אַ געפיל אַן אומקאָנטראָלירטער, וועגן וועלכן דער העלד רעדט נישט און טראַכט נישט קלאָר און געגוי, נאָר ער באַ־קומט אַן אויסדרוק אין עטלעכע ווערטער, וועלכע דער העלד אַנאַליזירט נישט און באַגרייפט נישט, אָבער מיר באַמערקן זיי, און זיי ווערן אונז באַזונדערס קלאָר ביים סוף פון דער דערציילונג.

אָט איז אַ טיפּישער טאָג־טרוים פון אונזער העלד:

„...אַז איך פלעג בלייבן אַליין פאַר זיך, שפּאַצירנדיק אין די גאַסן, פלעג איך מיך באַטראַכטן. מיינע געדאַנקען פלעגן מיך ווייט פאַרטראָגן, און מיר איז געוואָרן לייכט, גוט און פריש אויפן האַרצן. גאַנצע מאָנאָלאָגן האָבן זיך אויסגעסדרט

אין מיין קאפ... גערעדט האב איך מיט חנהלען, האב זי אויפ־געקלערט, וואס הייסט א פריי, ריכטיק לעבן, אז זי לעבט אין נארישקייט און איז פארבלענדט. איך האב זי אין גדאנק אנגערופן מיט אלע ליבלעכע ווערטער און איך האב געזען, ווי איר פנים ענדערט זיך, אירע אויגן פינקלען, און זי הערט זיך איין און ווארפט אויף מיר א פארשעמטן, נאר א ברענענ־דיקן בליק.

„גוטע, פרומע נשמה", האב איך געמורמלט פאר זיך.

„עס האט אויך פאסירט, אז אין מיטן בעסטן טראכטן האט זיך מיר דערמאנט איר געלעכטער (דער העלד האט איינמאל געהערט איר לאכן — י. ר.), וואס איך האב אמאל געהערט, און מיינע פאנטאזיעס זענען פלוצלונג איבערגעהאקט געווארן. דער געלעכטער האט איבערגעריסן מיינע גדאנקען, ווי עפעס א פאלשער טאן אין א שיינעם מאטיוו, און איך בין געבליבן עפעס אומרואיק".

וואס־זשע איז געווען דער שיינער מאטיוו? נישט די פריי־הייט פון זיין חנהלע, וואס געלעכטער פאסט אזוי צו איר, נאר די „גוטע, פ ר ו מ ע (אונטערגעשטראכן דורך מיר — י. ר.) נשמה", לגבי וועלכער דער מ י י ד ל ש ע ר געלעכטער איז ווי „א פאלשער טאן", וועלכן דער אלטער ייד אינם נייעם אינטעליגענט קאן נישט פארטראגן. ער קאן זיך האבן א פולן קאפ מיט מאדערנע אידעאלן, מיט מאדערנע אידייען וועגן פרייהייט פאר דער פרוי, וועגן איר רעכט צו לעבן און פריי געניסן דאס לעבן, אבער זיין בלוט חלומט וועגן דער פרומער יידישער טאכטער.

אז דאס איז נישט מיינע א השערה, זעען מיר ביים סוף.

דעם העלדס ליבע און זיינע טרוימען דויערן אזוי לאנג, ביז אונזער העלד (וועלכן מען האט אפגעזאגט פון דער שטעלע צוליבן צו גרויסן אינטערעס צו דער טאכטער) טרעפט אין טעאטער זיין סימפאטיע, די „גוטע פרומע נשמה", מיט א פראנט א יונגנמאן און ער איבערצייגט זיך, אז דער קרבן פון

די חסידישע עלטערן באַווייזט זיי אָפּצונאַרן און פאַרברענגט גוט די צייט מחוץ דער שטוב.

ווי אַזוי־זשע רעאַגירט אונזער העלד? ער טריאומפירט לחלוטין נישט, וואָס די איינגעשלאָסענע רייסט זיך אַרויס אויף דער פריי; עס פאַרבליניעט אים אויך נישט אויסשליסלעך די פּשוטע ריינע אייפערזוכט (וואָס דאָס וואָלט געווען זיין פאַר־שטענדלעך), — ער לעבט איבער צום שטאַרקסטן נישט אַ מענטשלעכע אָדער ריכטיקער — מאַנסבילישע אַנטוישונג, נאָר אַ יידישע: חנהלע, וועלכע ער שטעלט זיך די גאַנצע צייט פאָר אַלס ריינע, כשרע יידישע טאָכטער (און די דאַזיקע אי־לוזיע האָט ער אפשר ליב אין איר), איז גאָר נישט קיין עכטע חסידישע טאָכטער, זי איז גאָר נישט קיין „פרומע נשמה", ווי ער פלעגט זיך דאָס פאַרשטעלן און הנאה האָבן דערפון („וואָס האָב איך איר, דער חסידישער פרומער טאָכ־טער געקאָנט זאָגן? ווי האָט זיך אונזער שמועס געזאָלט אָנ־הויבן!" — טראַכט ער מיט געריכטקייט, ווען ער מאַכט זיך פאָרוורפן פאַר נישט אויסנוצן אַ פּאַסיקן מאָמענט אויף צו פאַרפירן אַ שמועס). נישט דער עכט־נאָמבערגישער, פליגעל־מאַנישער סוף פון דער דערציילונג איז דער עיקר (ווען חנהלע שטעלט אים ארויס אַ צונג אין דער פאָרם פון אַ באַליידיקנדיקן דריי־רובלדיקן אָנבאָט, ער זאָל נישט מסרן טאַטע־מאַמע), — דער עיקר איז אין דעם העלדס טיפערער איבערלעבונג: „איז דאָס חנהלע? ליב געהאַט און געבענקט האָב איך נאָר נאָך אַן אַנדערער: נאָך אַ פרומער, שעמעוודיקער, וואָס האָט מורא אויף אַ מאַנספאַרשוין אַ קוק צו געבן".

און ווען זי קומט אים בעטן ער זאָל נישט דערציילן און ער קושט איר האַנט (צום ערשטן מאָל!) פרייט ער זיך גאָר־נישט, וואָס זי איז אַן אַנדערע, ווי ער האָט געטראַכט, און דאָס קושן איז מעגלעך, — ער לאָזט באַלד אַרויס איר האַנט: „געקושט האָב איך אַן אַנדערע. אמת, אַ שיין מיידל, נאָר אַ פרעמדס! אַ צופעליקס. אין האַרץ האָב איך געפילט, אַז אָט

איצט, ביי דעם דאָזיקן געשפּרעך, האָב איך פאַרלוירן עפּעס זייער טייערס און וויכטיקס, וואָס ווערט אפשר שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען, און מיר איז אַ שאָד געוועזן און פאַרדראָסן האָט מיר עפּעס..."

ער פּרוווט זיך אפילו נוקם זיין אין איר (און אין זיין טרוים) דורך וועלן אַרומנעמען זי (און ער האָט אַ פליגעלמאַ־נישן סוף), אָבער נישט דאָס איז דער עיקר, נאָר דער פאַר־לוסט פונם יידישן אידעאַל, וועגן וועלכן ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז ער פאַרמאָגט אים. ער לעבט אפילו נישט איבער זיין מפּלה, ווי אַ מאַנסביל, ווי אַ סתם מענטש, נאָר ווי אַ ייד: „מיך האָט געעקלט מיין גראָבקייט, מיין ליבע, די דריי רובל, די וועלט..."

אין וועלטלעכן יידישן אינטעליגענט האָט זיך צעבונטעוועט דאָס אַלט־יידישע בלוט.

ניין, דאָס, וואָס נאָמבערגס העלד לעבט איבער איז נישט נאָר נישט בלויז איפערזוכט, נאָר אפשר בכלל קיין אייפער־זוכט נישט: אים איז מער פאַר אַלץ אַ שאָד דער פאַרלוירענער יידישער אידעאַל פון פרויען־ריינקייט.

ווען דער העלד האָט געשליידערט בליצן אין זיין אַרטיקל קעגן דער פינסטערניש פון די חסידישע עלטערן, האָט אין אים גערעדט סיי די נישט־באַפרידיקטע ליבע, סיי זיין פּראָ־גרעסיווע אידעאָלאָגיע; אָבער ווען ער זעט זיין חנהלע אין דער געזעלשאַפט פון אַ פּוסטן פראַנט און הערט די ווייט נישט צניעותדיקע אויפקלערונג חנהלעס, וועלכע האָט מורא פאַר אים אַלס עדות, פילט ער זיך באַליידיקט נישט נאָר פאַר זיין ליבע, נאָר פאַר דעם, וואָס זי שענדט זיין אַלטן אידעאַל, — נישט דעם יחידישן, נאָר דעם קאָלעקטיוון.

די דאָזיקע העלדן נאָמבערגס רייסן זיך פון די אַלטע קייטן; וויטאָקן, ווען זיי זעען, אַז אויף עמיצנס פּיס זענען נאָך די דאָזיקע קייטן גאַנץ און פעסט; זיי רופן אפילו צו־צעברעכן די דאָזיקע קייטן, אָבער ווען זיי זעען, אַז דאָס דאָ־

זיקע אַלטע ברעכט זיך, ווערט אין זיי עפּעס ווי באַליידיקט.
— עס רופט זיך אָפּ אין זיי די „ירושה פון בלוט".

נאָכבערגס העלדן זענען דורשטיק נאָך ליבע, רייסן זיך צו די געליבטע פרויען, וועלכע באַגעגענען זיי מיט אַן ארויס־געשטעקטן צונג; זיי רייסן זיך צום לעבן, אָבער זיי ווייסן נישט פון וועלכער זייט צוצוגיין צו אים, כדי עס צו נעמען. און דאָס לעבן, זעענדיק זייער אומגעשיקטקייט, זייער לעכערלעכ־קייט, לאַכט זיי אויס.

פאַרוואָס אָבער זענען זיי אַזוי אומגעשיקט, אַזוי לעכער־לעך? ווייל אויף דער שוועל צום נייעם לעבן שטייט זייער „ירושה פון בלוט" און שרעקט זיי אָפּ.

נאָכבערגס העלדן זענען ארויס אין קאַמף, כדי צו דער־אָבערן מיט אַ ניי געוווער אַ ניי לעבן; אָבער ווען זיי דאַרפן זיך באַנוצן מיטן דאָזיקן נייעם געוווער נישט טעאָרעטיש, נאָר אין לעבן, שלאָגט די „ירושה פון בלוט" ארויס פון זייערע הענט דאָס נייע געוווער, וועלכעס זיי באַהערשן פסיכיש נאָך וויניקער, ווי טעכניש.

נאָכבערגס דערציילונגען, וועלכע קענען אויסזען פון אויבנ־אויף נישט קיין טיפּיש־יידישע, זענען אין דער אמתן — ווען מען פאַרקוקט אין זיי טיפער — פאַר עקסעלאַנס יידיש־לעך. נישט אַזוי צוליב זייער אויסערלעכער מיליע, ווי צוליב זייער אינערלעכער וועלט, צוליב דער מעכטיקער שטים פון זייער יידיש בלוט.

אַ שטים, וואָס צווינגט זיי צו האַנדלען קעגן זייער אייגענעם ווילן.

כ"ז) קולטור איז נישט קיין געשריבן בוך, נאָר אַ געלעבט לעבן

קאַפּיטאַל, וואָס צירקולירט נישט כסדר דורך אינוועס־טיציעס אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, איז טויטער קאַפּיטאַל, ד. ה.

ער איז נישט קיין עכטער, נאָר פּאָטענציעלער קאַפּיטאַל. אַ לאַנד קאָן פאַרמאָגן אַ סך טויטן קאַפּיטאַל און דאָך זיין אָרעם, ווירט־שאַפטלעך אָפּגעשטאַנען.

דאָס זעלבע — און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס — איז מיט קולטור: אַ פאָלק קאָן פאַרמאָגן ריזיקע ביבליאָטעקן מיט חכמה און שיינקייט, און דאָך זיין קולטורלאָז, אויב די דאָזיקע חכמה און שיינקייט צירקולירן נישט אין זיין לעבן, ווערן נישט כסדר אינוועסטירט אין זיינע עפנטלעכע אינסטיטוציעס, ווערן נישט פאַרוואָרטעט אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון דאָזיקן פאָלק.

קולטור קאָן מען נישט האַלטן אין אַן אייזערנער קאַסע און זי זאָל נישט אויפהערן צו זיין לעבעדיקע קולטור; קולטור — אויב זי איז און וויל זיין קולטור — מוז אַרומגיין אין גאַס.

און דעריבער איז נישט באַרעכטיקט די אָפטע פאַרוואונדע־רונג: ווי קומט דאָס צו אַזאַ קולטור־פאָלק? ווען די אָנגעזאַמל־טע אוצרות קולטור הערן אויף צו צירקולירן אין די אָדערן פון לעבעדיקן פאָלק און בלייבן אויף די פּאָליצעס, ווערט דאָס עלטסטע און גרעסטע קולטור־פאָלק קולטורלאָז.

דאַרף מען דען האָבן אַ בעסערע ראיה, ווי דאָס היינטיקע יידנטום?

דאָס יידישע פאָלק איז איינס פון די קולטורעלסטע פעל־קער אויף דער וועלט נישט דערפאַר, ווייל עס איז דער עם־הספר, נאָר ווייל דאָס דאָזיקע פאָלק האָט דעם ספר געהאַט פאַרוואַנדלט אין פאָלקס־אינסטיטוציעס, אין לעבנס־שטייגער, אין פאַרקערפּערטן וואָרט, אין אַ טאַט, וואָס האָט נישט קיין סך באַקאַנטע ביישפּילן אין דער געשיכטע. אָבער ווען די קול־טור, דער ספר, איז געבליבן אויף די פּאָליצעס, און דאָס פאָלק האָט אים אויפגעהערט אויסצולעבן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, איז דאָס פאָלק געבליבן קולטורלאָז, נישט געקוקט אויפן ריזיקן אוצר פון גייסטיקער קולטור, וואָס איז נאָמינעל זיין אייגנס, אָבער פּאַקטיש — נישט. און אין ענינים פון קולטור איז אַנט־

שיידנדיק די פאַקטישקייט פונם באַזיץ, און נישט די יורידישע רעכט אויפן באַזיץ.

געטעס באַרימטע ווערטער אין „פאַוסט":

„נור דער פערדינט די פרייהייט ווי דאָס לעבען,
דער טעגליך זי ערָאָבערן מוס",

פּאַסן נישט ווייניקער, און אפשר נאָך פיל מער, אויף קולטור, וואָס גיט אַ זין און אַ ווערט דעם לעבן און דער פרייהייט: קולטור פאַרמאָגט נאָר דער, ווער עס קעמפט זי אויס פונדאָסניי יעדן טאָג. קולטור איז טאַקע אויך ירושה, אָבער די דאָזיקע ירושה קומט קיינעם נישט אָן פּאַסיוו. נאָר מען מוז זי אַקטיוו דעראָבערן כסדר, אָן אויפהער.

פונקט ווי דאָס פאָלק אין געטעס „פאַוסט", און פונקט ווי די האָלענדער אין דער ווירקלעכקייט מוזן יעדן טאָג דער־אָבערן זייער פיזישן באָדן ביים ים, אַזוי מוז יעדעס פאָלק דעראָבערן כסדר זייער גייסטיקן באָדן ביי דער חיה אין מענטשן.

און נישט נאָר ביי יידן זעען מיר דאָס; אויך ביי אַנדערע אַלטע קולטור־פעלקער קומט אויס צו זען אויף טריט און שריט, ווי זייער קולטור איז געוואָרן אַ טויטער קאַפּיטאַל און זייער לעבן איז געוואָרן אָרעם אין קולטור, קולטורלאָז. די שפּראַך פון זייערע ביבליאָטעק־ביכער איז אַ שפּראַך פאַר זיך און די שפּראַך פון זייער טאָג־טעגלעכן לעבן איז ווידער אַ שפּראַך פאַר זיך; דיביידע שפּראַכן האָבן נישט קיין באַרירונגס־פונקטן.

עס ווערט אָפּטמאָל שרעקלעך פאַרן מענטשן, פאַר דער געשיכטע, ווען מען גייט אַרויס אין אַ כינעזישער גאַס און מען גיט אַ קוק, ווי אַזוי זיי לעבן נאָך פינף טויזנט יאָר קול־טור, נאָך אַזעלכע קולטור־רעפּרעזענטאַנטן ווי לי־טאַי־פּאָ און קאָנפוציוס. די גרויסע כינעזישע קלאַסיקער שלאָפן אין זייערע מאַנוסקריפּט־קברים, און דאָס לעבן פונם כינעזישן פאָלק

פּליסט פאַרביי, אומבאַאיינפלוסט פונם גרויסן ווונדערשיינעם אָבער טויטן קולטור־קאַפּיטאַל.

מיטן איין וואָרט: קולטור איז נישט קיין רעזולטאַט, נאָר אַ פּראָצעס; קולטור איז נישט קיין געשריבן בוך, נאָר אַ געלעבט לעבן.

* * *

קולטור הערשט דאָרט, ווו די געדאַנקען זענען נישט אין סתירה צו די געפילן, ווו די גלויבונגען זענען אין הסכם מיט די האַנדלונגען. עס זענען דאָ העכערע קולטורן און נידעריקערע, אָבער אומעטום, ווו געדאַנק און געפיל גייען האַנט ביי האַנט, ווו גלויבן און האַנדלונג זענען צווישן זיך אין הסכם, הערשט קולטור.

דער גלויבן פון די ווילדע אין שדים און רוחות שטעלט פאַר מיט זיך אַ געוויסע שטופע פון קולטור, ווייל די ווילדע וואַרפן אונטער זייער לעבן דעם דאָזיקן גלויבן: זיי גלויבן באמת אין שדים, דער דאָזיקער גלויבן באַהערשט זייערע לעבנס־האַנדלונגען; אָבער דער גלויבן פון די קריסטלעכע פעלקער אין דעם, אַז מען דאַרף ליב האָבן אַלע מענטשן און אפילו דעם שונא, איז נישט קיין קולטור, ווייל דאָס לעבן פון די קריסטלעכע פעלקער און מענטשן איז דער אַבסאָלוטער קעגנזאַץ צום דאָזיקן גלויבן. אין דער צייט פון אור־קריסטנטום איז געווען אַ קריסטלעכע קולטור־באַוועגונג, איז געווען אַן אָנשטרענגונג צו שאַפן אַ קריסטלעכע קולטור, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון דער נידעריקערער רוימישער. אָבער רעדן היינט וועגן דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע פון אייראָפּע, איז אַן אומזין, אפשר דער גרעסטער אומזין אין דער גייסטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט, — אַ געשיכטע, וואָס איז נישט קאַרג אויף אומזין־עפּיזאָדן.

קריסטלעכע קולטור?

אפילו אין מיטלאַלטער, וואָס האָט יאָ פאַרמאָגט אַ קולטור (מיט וועלכער דאָס לעבן האָט האַרמאָנירט), איז די דאַ־

זיקע נישט געווען קריסטלעך, — דאָס איז געווען אַ געצנדינע־ריש־פּרימיטיווע קולטור, וואָס האָט באמת געגלויבט אין רוחות און שדים, אין מכשפות און אַסקעטיזם, און האָט אין הסכם מיטן דאָזיקן גלויבן געפילט און געהאַנדלט, געלעבט און גע־באַלעבאַטעוועט. אָבער קריסטלעכע קולטור? העכסטנס קאָן מען רעדן וועגן קריסטלעכער אומקולטור.

און פּונקט אַזוי וויניק קאָן מען רעדן וועגן דעמאָקראַ־טישער קולטור. עס איז דאָך ביז היינט געווען בלויז אַ דעמאָ־קראַטישע אומקולטור, ווייל אין ערגעץ איז דעמאָקראַטיע נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן לעבעדיק אין די אינסטיטוציעס פון די פעלקער און אינם לעבן פונם יחיד.

און דאָס איז נישט קיין צופאַל: דער מענטש איז מער צוגעפּאַסט פאַר אַ נידעריקערער שטופע פון קולטור, ווי פאַר אַ העכערער.

עס איז גענוג אַ קורצע צייט, כדי אַ נידעריקערע וועלט־אַנשויאונג זאָל בעהערשן אַ פאָלק און איינשטעלן אַ האַרמאָניע צווישן זיינע אינסטיטוציעס און זיינע גלויבונגען, צווישן זיינע מיינונגען און געפילן, צווישן זיינע אידייען און זיינע מעשים. עס איז אָבער נויטיק אַן אומגעהויערע אָנשטרענגונג פון דורות און דורות, כדי צו האַרמאָניזירן כאָטש טיילווייז אַ הויכע עטישע וועלט־אַנשויאונג פון די בעסטע פאַרשטייער פון פאָלק מיט די אינסטיטוציעס פון דאָזיקן פאָלק, כדי צו פאַראייני־הייטלעכן זיינע אידייען וועגן גאָט און גערעכטיקייט מיט זיינע געפילן און, דער עיקר, — מיט זיינע האַנדלונגען.

די גרעסטע ביז־איצטיקע דערגרייכונג אויפן דאָזיקן געביט איז דער יידישער לעבנס־שטייגער אין גרויסע אָפּשניטן פון אונזער גלות־פּעריאָד. אינם לעבן פון די יידישע (מיטלאַלטער־לעכע) געטאָס, ווי אינם לעבן פון די פרייע יידישע געמיינדעס אין שפּאַניע, אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער, אין פּוילן און רוסלאַנד פון 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט, האָט דאָס יידנטום, אַלס לעבנס־סיסטעם, באַקומען אַ פּאַרקערפּע־

רונג אין לעבנס־שטייגער פון יידישן פאָלק און איז געוואָרן — קולטור.

מיר, יידן, קאָנען איצט, צום באַדויערן, נישט זאָגן, אַז מיר זענען אַ קולטור־פאָלק, ווייל מיר האָבן פאַרלוירן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט אונזער קולטור און זי איז, במילא, געוואָרן טויטער קאַפּיטאַל; מיר קאָנען אָבער מיט שטאָלץ און בענקשאַפט זאָגן, אַז אין אונזער געשיכטע איז די העכסטע קולטור־לערע דערגאַנגען צום ווייטסטן פּונקט פונעם אידעאַל פון קולטור־פאַרקערפּערונג, וואָס איז נאָר באַקאַנט אין דער וועלט־געשיכטע.

און צו ציען ווייטער אין דער הויך די דאָזיקע ליניע דאַרף זיין אונזער אידעאַל און אונזער פּראַקטיק.

מיר דאַרפן אונזער גרויסע קולטור אַראָפּנעמען פון די ביבליאָטעק־פּאָליצעס, אַרויסנעמען פון די ספרים און ביכער און זי אַרויסלאָזן אין אונזער גאַס, פאַרוואַנדלענדיק אונזער קולטור אין אַ לעבעדיקער פאָלקס־קולטור און אונזער פאָלק — אין אַ לעבעדיק קולטור־פאָלק.

כ״ח) די אייביקע טראַגעדיע

שוין אַ פינף און צוואַנציק יאָר, ווי איך קאָן נישט פאַרגעסן איינע פון דזשעק לאָנדאָנס דערציילונגען.

דאָרט ווערט דערציילט וועגן אַ זון פון אַ ווילדן שבט, וועלכער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ ווייט לאַנד, און נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנהייט קערט ער זיך אום אין זיין היימלאַנד.

דער דאָזיקער צוריקגעקערטער, וועלכן די אייגענע דערקענען און אָנערקענען קוים, טיילט זיך מיט זיינע שטאַם־ברידער מיטן טייערסטן, וואָס ער פאַרמאָגט: מיט זיינע נייע דערפאַרונגען. ער דערציילט זיי די וואונדער, וואָס ער האָט געזען: ריזיקע הייזער; אייזערנע שטיבער, וואָס פאָרן אַליין;

וועגן, אויסגעלייגטע מיט אייזערנע שטאַבעס — קיינער נעמט זיי נישט צו, — אַזוי פיל אייזן איז דאָ און אַזוי ביליק איז ער.

זיינע שטאָם־ברידער קוקן זיך איבער: ווי ליגנעריש זייער ברודער איז געוואָרן! ס'אַרא אומפאַרשעמטע ליגנס ער דער־ציילט זיי! און ער וויל נאָך, זיי זאָלן אים גלויבן! אייזן וואַל־גערט זיך אויף די וועגן און קיינער נעמט נישט?! צי דען ווייסן זיי נישט, אַז אַן אייזערנער מעסער, דער קלענסטער אפילו, איז אַ גאַנצער אוצר, וועלכן מען גיט איבער בירושה און פאַר וועלכן מען איז גרייט צו הרגענען אַ מענטשן?

און זיי פאַרטרייבן דעם פרעכן ליגנער פון זייערע רייען...

די דאָזיקע דערציילונג, וואָס קאָן גילטן אַלס הומאָרעסקע, איז אין דער אמתן איינע פון די דערציילונגען, וואָס פאַר־קערפערן אין אַ פשוטער, כמעט פרימיטיווער פאָרם די איי־ביקע טראַגעדיע פונם מענטשן, וואָס וואַקסט אַריבער מיט וואָס נישט איז — זאָל זיין מיט בלויז צופעליקע דערפאַרונ־גען! — זיין סביבה. מיט וואָס פאַר אַ פשטות און מיט וואָסערע פרימיטיווע מיטלען דער פרימיטיווער גאון דזשעק לאָנדאָן האָט פאַרפלאַסטישט די טראַדעגיע פון מענטשלעכן פראָגרעס!

שטעלט זיך פאַר די טראַגעדיע פונם צוריקגעקומענעם: ער ווייסט, אַז אַלץ, וואָס ער דערציילט, איז אמת, אָבער ער איז הילפלאָז לגבי דעם אומוויסן: קאָן ער זיי דען אַריבערנעמען אַהין, וווהין ער איז על־פי צופאַל פאַרוואַלגערט געוואָרן? קאָן ער דען אַריבערברענגען צו זיי דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אויגן און געטאַפּט מיט זיינע אייגענע הענט?

זיין האָריזאָנט האָט זיך צופעליק אויסגעברייטערט, אָבער זייער שמאָלן האָריזאָנט איז ער נישט ביכולת צו פאַרברייי־טערן. ער מוז בלייבן פאַר זיי אַ ליגנער, ער מוז ווערן אַן אַרויסגעשטויסענער.

דער וועג פון דער מענטשהייט איז פאַרזייט מיט אַן א צאָל אַזעלכע אַרויסגעשטויסענע, מיט אַזעלכע „ליגנער".

די לאַנגע פון אַזעלכע „ליגנער", ווי אין דזשעק לאָנדאָנס דערציילונג, איז נאָך אָבער נישט פון די ערגסטע: זיי האָבן אָפט די מעגלעכקייט צו איבערצייגן זייערע שמאָל-האָריזאָנטיקע ברידער, אַז זיי זענען נישט קיין ליגנער. סוף-כל-סוף דערציילן זיי דאָך וועגן נייע זאַכן, וואָס לאָזן זיך אָנטאַפּן, וואָס לאָזן זיך אָנקוקן, וואָס זענען צוגענגלעך דער חושימדיקער דערפאַרונג. אָבער וואָס זאָלן טון די יעניקע, וועלכע קומען מיט עפּעס נייעס, וואָס געהער צו דער וועלט פון אינערלעכע דערפאַרונגען, צו דער וועלט פון געפיל און געדאַנק? ווי אַזוי קאָנען זיי איבערצייגן די שמאָל-האָריזאָנטיקע ברידער זייערע, אַז זיי האָבן אַנטפּלעקט עפּעס נייעס, שיינס, ווערטפולס?

די דאָזיקע קאָנען שוין אפילו נישט טראַכטן וועגן רעהאַביליטאַציע, וועגן אַ רעוויזיע פונם אורטייל, וואָס איז אויף זיי אַרויסגעטראָגן געוואָרן: זיי וועלן עס קיינמאָל נישט קאָנען אוועקשטעלן פאַר זייערע שטרענגע ריכטער און פאַרטרייבער: נאַט, זעט! נאַט, טאַפּט עס אָן!

די דאָזיקע „ליגנער", די דאָזיקע פאַרשטויסענע רופן זיך דורך, ווי פאַראײנזאַמטע פּאָסטנס אין אַ פיינטלעך לאַנד, — רופן זיך דורך אין דער אָרומיקער טויבקייט און שאַפן די גרעסטע „סימפאָניאַ הערָאאיקאַ" פון דער מענטשהייט.

אָבער נאָר פאַרן קלייניקן אָרדן אומפאַרשעמטע „ליגנער"...

כ"ט) צייטן בייטן זיך

מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט הענריק איבסענס דראַמע „דער קליינינקער עיאָלף". האָב איך זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויף אַ מערקווירדיקן פּרט: ביי דער פאַמיליע עיאָלף געשעט אַן אומגליק מיט זייער איינ-

ציק קינד, און דער פּאָטער איז שולדיק אינם אומגליק. דער פּאָטער זיצט פּאַרזונקען אין צער, און מיטאַמאָל, אין דער געוווינטער מיטאָג־צייט, קומט אויף אין אים דער געדאַנק: וואָס קאָכט די פרוי היינט אויף מיטאָג?

דער דאָזיקער פּרט האָט שאָקירט. ער האָט אויסגעזען, ווי גאָלער ציניזם: אין אַזאַ צייט געדענקען וועגן מיטאָג?

און דאָס האָט שאָקירט נישט נאָר מיך, — די העלטשקע איז געוואָרפן געוואָרן אַ גאַנצן דור, אַ גאַנצער ליטעראַטור־ריכטונג, וואָס האָט אָפּגעקליבן אין מענטשן נאָר דאָס איידעלע, וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, דיסטילירט דעם שטראָם פון דער מענטשלעכער פּסיכיק און דורכגעלאָזן דורכן פילטר בלויז דאָס נשמהדיקע, דאָס העכערע. איבסען, דער גרויסער ראָמאַנטיקער פון „פּיער גינט", פון „בראַנד", פון אומפאַרגלייכלעך־מוזיקאַלישן „ווען מיר טויטע דערוואַכן", — דער זעלבער איבסען איז אויך געווען דער רעאַליסט און נאַטוראַליסט פון „נאָראַ", פון דער „ווילדער קאַטשקע", פון „גייסטער". ער איז געווען ביידעס נישט נאָר אין באַזונדערע דראַמעס — אויך אין איין און דער זעלבער איז ער געווען ביידעס: ראָמאַנטיקער און נאַטוראַליסט, רעאַליסט און סימבאָליקער, ווייל ער, דער גרויסער קינסטלער, איז געווען אַ גאַנצער קינסטלער, ד. ה. ביידעס — אי גייסט, אי קערפּער, אי דאָס העכערע, אי דאָס נידעריקערע. און ער האָט געקאָנט דעם מענטשן אין זיין טראַגישער גאַנצקייט, אין זיין גאַנצער צעריסנקייט: דער פּאָטער פון קליינינקן עיאָלף איז נישט קיין ציניקער, נאָר אַ מענטש, און איבסען וויל אים געבן אין גאַנצן, מיט זיין צער און זיין געדאַנק וועגן מיטאָג, איבסען וויל נישט פעלשן דעם מענטשן.

און מיר ווייסן, אַז איבסען שילדערט דעם מענטשן אין דער ריכטיקער ליכט. אָבער מיר ווייסן אויך, אַז מען האָט באַדאַרפט האָבן מוט צו געבן אַזוי דעם מענטשן, ווי איבסען

גיט אים אין זיין „קליינינקן עיאָלף״. איבסען איז געווען איינער פון די, וואָס האָט אַ דאַנק זיין מוט אויסגעקעמפּט דאָס רעכט פאַר דער דיכטונג צו געבן דעם מענטשן ווי ער איז.

אָבער זייט דאָן, ווען עס איז נויטיק געווען איבסענס מוט אַריינצוברענגען אין דער דיכטונג אויך דעם פיזישן מענטשן, נאָך מער — אַריינצוברענגען אין דער פּסיכיק פונם מענטשן דאָס פיזישע, איז אַריבער אַ שטיק צייט. און צייטן בייטן זיך. און מיר שטייען היינט פאַר אַ פאַרקערטער דערשיינונג: דאָס פיזישע אין מענטשן, פאַר וועלכן מען האָט אויסגעקעמפּט גלייכע רעכט מיטן נשמהדיקן, האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעלייגט, אַז פאַרן נשמהדיקן איז אָפּט קיין פּלאַץ נישטאָ. נאָך מער: דאָס שאָקירט.

שטעלט זיך פאַר ס׳אַרא סקאַנדאַל עס וואָלט געוואָרן, מען זאָל שילדערן אַ שאָסיי, ווי מיר קענען אים פון דער בליץ־קריג־דערפאַרונג; מען זאָל שילדערן די פיזישע און גייסטיקע ליידן פון די שטראָמען פּליטים; און מיט אַמאָל זאָל מען ווייזן, ווי אַ פּליט טראַכט וועגן אַ בוך, וואָס ער האָט נישט דערלייענט, וועגן אַן אָנגעשריבענעם עסיי, וועלכן ער האָט נישט מיטגענומען.

דאָס וואָלט שאָקירט, סקאַנדאַליזירט, אָבער דאָס וואָלט געווען אַן אמת: פּונקט ווי דער פּאָעטער האָט געקאָנט אין זיין אויפּריכטיקן טרויער טראַכטן וועגן מיטאָג, ווייל אַזוי איז שוין דער מענטש, אַזוי קאָן אויך אַ פּליט בענקען נאָך אַ בוך בעתן געיאָגט ווערן דורך אַ בליץ־קריג.

אָבער מען דאַרף שוין היינט האָבן איבסענס מוט, כדי דאָס אַריינצוברענגען אין דער ליטעראַטור, כדי ווידער צו פאַרגאַנצן דעם מענטשן, וועלכן מען דערלאַנגט אונז ווידער איינזייטיק — פריער אין זיין אַבסטראַקטער גייסטיקייט און איצט אין זיין אַבסטראַקטער פיזישקייט.

ל) אויף יענעמס חשבון

דאָס איז געשען אין מיין פריער בחורשאַפט.

כ׳בין געגאַנגען אויף אַ רוישיקער גאַס פון מיין פּראָווינ־ציעלער היים־שטאָט און דערהערט הינטער זיך אַ בוימלדיק קול: „ס׳אַראַ פיינער מענטש ער איז! ס׳אַרא ערלעכער! וואָלטן נאָר געווען אַ סך אַזוינע!"

איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען איינעם פון יענע ב—ר פאַבריקאַנטן, וואָס בילדן אַ ספּעציפישן מין זאָאָ־לאָגיש באַשעפעניש, וואָס דאַרף טראָגן דעם לאַטייניש נאָמען „ציניקום פערפידיקום". איך האָב אַ טראַכט געטון מיט אויפ־געברויזטער שנאה: „אויב ער אַנטציקט זיך אַזוי מיטן פיינעם מענטשן און בענקט נאָך אַ סך אַזעלכע, טאָ פאַרוואָס זאָל ער נישט פאַרגרעסערן זייער צאָל מיט זיך גופא? זאָל ער ווערן, ווי יענער".

און זייט יענעם מאָמענט ווייס איך, אַז נישט דעם אמת איז נויטיק צו לערנען דעם מענטשן, נאָר ער זאָל וועלן און קאָנען לעבן לויטן אמת, וועלכן ער ווייס. ווען אַ מענטש זעט אַן עוולה, וואָס איז געטון געוואָרן אַן אַנדערן נישט דורך אים, קאָן ער דאָס גלייך אָפּשאַצן ווי געהעריק. שוין אָפּגע־רעדט ווען די עוולה געשעט אים: דאָ איז ער שוין גאָר אַ מבין אויף די פיינסטע ניואַנסן פון אמת און גערעכטיקייט. אָבער ווי נאָר עס האַנדלט זיך נישט וועגן אַ שפּענדל אין יענעמס אויג, נאָר וועגן אַ באַלקן אין אייגענעם, ווערט דער מענטש בלינד, פולשטענדיק בלינד.

כדי די וועלט זאָל ווערן לייטיש איז נויטיק בלויז איינס: זיין אַ מבין אויפן אמת אויך ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער אייגענער מאַיעסטעט.

די געבאָטן: נישט טון דעם חבר דאָס, וואָס דו ווילסט נישט מען זאָל דיר טון; זען נישט נאָר דעם שפּענדל אין חברס אויג, נאָר אויך דעם באַלקן אין אייגענעם — זענען

די ווינטיקסטע, ווייל זיי זאָגן, מיט אַנדערע ווערטער, דאָס זעלבע: דער מענטש ווייס דעם אמת, אָבער נאָר דאַן, ווען זיין חיהשער עגאָאיזם ליידט נישט דערפון; ווי נאָר דער אמת דאַרף אים עפּעס קאָסטן, ווייס ער נישט וועגן אים, וויל ער וועגן אים נישט וויסן, זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין דאָס קעגנ־זעצלעכע: אין אומרעכט און ליגן. אַלע זעען דעם פעלער פון יעדן איינעם באַזונדער, און יעדער באַזונדער זעט די פעלערן פון אַלע, אָבער דער איינער, דער גרונטשטיין פון דער געזעל־שאַפט, זעט נישט ביי זיך דעם גרעסטן פעלער.

און דער רעזולטאַט?

מענטשן ווילן און פאַרשטייען דאָס גוטע און דאָס שיינע; אַלע זענען פול מיט שיינע, איידעלע געדאַנקען און פאַרלאַנגען; אַ גאַנצע וועלט ביבליאָטעקן זענען פול מיטן איידלסטן און טייערסטן, אָבער דאָס בלייבט כמעט אינגאַנצן היימלאָז. דער מענטש האָט אַ קולט פאַר צדיקים, הייליקע, מאַרטירער פאַרן אמת און פאַר דער גערעכטיקייט, ער פילט, אַז די דאָזיקע באַרעכטיקן זיין עקזיסטענץ, אַז זיי הויבן ביי אים די חשיבות פון זיין אייגענעם מין, אָבער דאָס אַלץ איז גילטיק ביז דער אייגענער גרענעץ, איבער וועלכער מען לאָזט דאָס נישט אַרי־בער פאַר קיין שום צאָל אפילו.

און דאָס גראָד איז דאָס ווינטיקסטע און דאָס שענסטע. דאַן, ווען דער מענטש איז גובר די אייגענע בלינדקייט לגבי זיך אַליין, ווערט ער די העכסטע, שלימותדיקסטע באַשעפע־ניש. מענטשן בענטשן זיך אין אים, מענטשן קניען אין געדאַנק פאַר אים, ווייל באַוווסטזיניק צי אומבאַוווסטזיניק ווייסן זיי, אַז ביי די דאָזיקע איז דאָס וויסן וועגן אמת און גערעכטיקייט געוואָרן אַ פולס — זיי ווייסן זיי נישט נאָר לגבי יענעם, נאָר אויך לגבי זיך. די דאָזיקע האַרמאָנישע מענטשן, וועלכע פאַרוואַנדלען אין פּאָעטישע געשטאַלטן זייערע אייגענע לעבנס אין דער טאָג־טעגלעכקייט, אין דערווירקלעכקייט, שטילן סימבאָליש די בענקשאַפט פון אַלע מענטשן נאָך גאַנצ־

קייט, נאָך גייסטיקן הערא‌איזם, נאָך געהיילטקייט פון ענגאַ־איסטישער פאַרבלענדונג.

ווייניק זענען די מענטשן, וואָס זענען זעעוודיק און וויסנ־דיק אויך לגבי זיך פון דער נאַטור, אינטואיטיוו; אַנדערע דערגרייכן דאָס נאָר אין גנאַד־מאָמענטן פון ליבע אָדער ביים לייענען דיכטער, וועלכע בענקען נאָך דעם דאָזיקן צושטאַנד און פאַרקערפּערן זייער בענקנדיק וויסן אין דיכטערישע גע־שטאַלטן און סימבאָלן. אָבער גאָר היילוק איז דאָס דאָזיקע זעעוודיק ווערן לגבי זיך גופא, ווען עס נעמט אָן אַ מאַסן־כאַראַקטער.

קראָפּאָטקין ברענגט אין זיין „קעגנזייטיקער הילף" אַ דער־שיטערנדיק־דערהויבנדיקן פאַקט: אַן אומגליק אין אַ קוילן־שאַכטע אין ענגלאַנד. מען דאַרף גיין ראַטעווען די אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אין דער פאַראומגליקטער שאַכטע. דאָס אַראָפּגיין ראַטעווען איז פאַרבונדן מיט דער געפאַר פון פרישע גאַז־אויפרייסן. די חברים פון די פאַראומגליקטע אַרבעטער גייען פרייוויליק אויף וואַרשיינלעכן טויט. די פרויען פון די דאָזיקע פרייוויליקע שטייען מיט אַלמנה־פּנימער און האַלטן נישט אָפּ זייערע מענער און שפּייזער אַראָפּצוגיין אין דער גע־פערלעכער שאַכטע.

אַלע וויסן דעם אמת, ווי ריכטיק עס איז אַראָפּצוגיין אין אַזאַ מאָמענט אין שאַכט צו ראַטעווען מענטשן; אָבער וויסן אַז איך דאַרף גיין, אַז מיין מאַן און שפּייזער דאַרף גיין און בויגן דעם קאָפּ, דעם אייגענעם קאָפּ, פאַרן דאָ־זיקן וויסן, — אין דעם איז די איינציקע, מעגלעכע גאולה פון דער וועלט.

איינזען און אָנערקענען, אַז דער אמת איז גילטיק נישט נאָר פאַר יענעם, נאָר אויך פאַר מיר, און לעבן אין הסכם מיטן דאָזיקן איינגעזעענעם און אָנערקענטן אמת, — קיין אַנדער זאַך, אַ חוץ דעם, איז גאָר נישט נויטיק, כדי די וועלט זאָל אויסגעלייזט ווערן.

דאָס איז, דאַכט זיך, אַזוי לייכט!

אָבער דאָס דאָזיקע לייכטע איז דאָס סאַמע שווערסטע. דעם מענטשן איז לייכטער איינצוזען דעם אמת אין וועלט־מאַסשטאַב, איידער דעם אמת, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אייגענער נאָענטער (צו נאָענטער!) פּערזאָן.

אַך, ווען דער מענטש וואָלט געקאָנט אַרויסטראָגן אַזאַ ריכטיקן אורטייל וועגן זיך, ווי ער קאָן דאָס לגבי דער גאַנצער וועלט!

ל"א) די פולע געשיכטע פון דער מענטשהייט

דער יונגער איבסען, דער שפּעטערדיקער דיכטער פון „דער קייזער און דער גאַליליייער", פון „ווען מיר טויטע דער־וואַכן" און פון אַ גאַנצער ריי אַנדערע אויסגעצייכנטע ווערק, סיי לויט זייער דראַמאַטישער טעכניק און סיי לויט זייער שעפערישער, מענטשלעכער פּולוואַגיקייט, — דער יונגער איבסען האָט אַמאָל אין הימל אַריין געלויבט פאַר געאָרג בראַנ־דעסן פּיזישע באַשטראַפונג. האָט אים געאָרג בראַנדעס גע־פרעגט:

— צי וואָלט איר וועלן, מען זאָל אייער זונעלע אַמאָל אָפּ־שמייסן?

— ניין, — האָט איבסען געענטפערט, — איך וואָלט אָבער וועלן, ער זאָל שמייסן אַנדערע.

צו וואָס זאָלן מיר לייענען פיל־בענדיקע געשיכטע־ווערק, צו וואָס זאָלן מיר לייענען גראָבע בענדער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאָרשן די פּסיכאָלאָגיע פון דער מענטשהייט, — אין דאָזיקן קורצן דיאַלאָג צווישן בראַנדעסן און איבסענען געפינט מען דאָך אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם די גאַנצע, די פולע געשיכטע פון דער מענטשהייט!

אין איבסענס אויבן געבראַכטן ענטפער איז די גאַנצע פּסי־כאָלאָגיע פונם מענטשן, פון דער מענטשלעכער געשיכטע:

עדשטער שניט נאָכן שטורעם...

אַלץ, וואָס מען וויל נישט יענער זאָל מיר טון, וויל מען טון, טוט מען יענעם.

אַט דעם געבאָט, — וואָס איז נישט אויסגעקריצט אויף קיין שום לוחות, נאָר קרייזט אַרום אין מענטשנס בלוט, — פאָלגט מען מער ווי די עשרת הדברות.

ל"ב) דער אייביקער קרייז

וואַסער דאַמפּט זיך אויס, ווערט פאַרוואַנדלט אין וואָלקנס, וואָס קילן זיך אָפּ און פאַרוואַנדלען זיך ווידער אין וואַסער. אָט אַזאַ אייביקער קרייז, וועלכן „קוהלת" האָט אַזוי שיין און מיט אַזאַ רעזיגנירטן וויטאָק באַשריבן.

און דער דאָזיקער אייביקער קרייז הערשט אין אַלע געביטן פון דער פיזישער און גייסטיקער וועלט.

אויך אינם געביט פון גלויבן און אומגלויבן. אויך דאָ באַגעגענען מיר דעם דאָזיקן אייביקן פאַרכשופטן קרייז, פון וועלכן דער מענטש האָט קיין אויסוועג נישט.

ווען מען לייענט די גייסטיקע געשיכטע פון דער מענטשהייט, די געשיכטע פון זיין רעליגיעזן לעבן, נעמט זיך דאַכטן, אַז דער מענטש ווערט פון צייט צו צייט מיד, אָדער ריכטיקער — ער נעמט זען אינם רעליגיעזן גלויבן זיין אילוזיע, און ער פאַלט אַריין אין אומגלויבן. עס קומט די רעאַקציע, און ער צעהאַקט, מיט דער שווערער האַק פון זיין פאַרשטאַנד, זיין גאָט, ווי אברהם די געטשן פון זיין פאָטער, ער איז זיך נוקם אין זיין גלויבן, וואָס האָט אָנגעטון אַ צוים אויף זיינע אינסטינקטן.

עס פאַרגייט אָבער אַ באַשטימטע צייט און דער מענטש נעמט מיד ווערן פון זיין אומגלויבן, פון דעם אומנאָרמאַלן צושטאַנד פון אָנשטרענגונג — צו גיין קעגן זיין נאַטור, וואָס פאָדערט גלויבן. און דעם מענטשן בענקט זיך נאָך אַ

פּסיכישער אַנטשפּאַנונג, עס ווילט זיך אים אַריינגליטשן זיך אינם קאַנאַל פון רעליגיע, ווו עס איז אַזוי לייכט צו שווימען, ווו עס איז אַזוי לייכט צו אָטעמען מיט די פּלוס־פּעדערן, צו־געפּאַסטע צו די וואַסערן פון גלויבן.

דער מענטש ווערט ווידער אַ גלויביקער.

נישט תמיד קומט די דאָזיקע ענדערונג פאַר אַזוי אומ־מיטלבאַר. פאַרקערט, דער איבערגאַנג פון אומגלויבן צום גלויבן פירט זייער אָפט איבער דעם וועג פון אַבערגלויבן.

פון דער אָנשטרענגונג פון אומגלויבן פאַלט דער מענטש אַריין אין אַבערגלויבן, און פון אַבערגלויבן קערט ער זיך אום צום גלויבן.

אַן אייביקער קרייז, אַ צופּלוס און אַן אָפּפלוס — אָט דאָס איז דאָס אייזערנע געזעץ פון מענטשנס גייסטיקן לעבן.

לייענט אדרבא די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע און די געשיכטע פון רעליגיעס, — די מענטשהייט דרייט זיך ווי אַ וועווערקע אין ראָד, ווי דער ווינט אין „קוהלת״. און דאָס איז אומ־פאַרמיידלעך: דער מענטש געפינט זיך צווישן דעם האַמער און דעם אַמבאָס — דער אַמבאָס פון זיין ביאָלאָגישער נאַטור פאָדערט גלויבן, לכל הפחות אַבערגלויבן, און דער האַמער פון זיין באַוווסטזיין און שכל פאָדערט פרייען געדאַנק, פירט צו אומגלויבן און צו אַ ווערטן־איבערשאַצונג.

פון דאָזיקן קאַמף ווערט דער מענטש פון צייט צו צייט אָפּגעשוואַכט, און ווען דער האַמער רוט זיך אָפּ — טריאומ־פירט דער אַמבאָס. אָבער דער האַמער הערט אויף צו שלאָגן נישט אויף לאַנג: אויך ער איז אַ ביאָלאָגישע באַדערפעניש.

דער קדחת פון גלויבן און אומגלויבן, פון גלויבן און אַבערגלויבן, פון אומגלויבן און אַבערגלויבן דרייט אַהער און אַהין די מענטשהייט אין זיין אייביקן דריי־קרייז. און ווו איז אַ זיכערע רפואה? צי איז זי בכלל דאָ?

ל"ג) מיסברויכן

מען זאל וועלן באצייכענען אין איין זאץ די אייגנשאפט פון מענטשן, וואס טיילט אים אויס פון אלע איבעריקע באַשעפענישן, פאלט מען אריין אין א פארלעגנהייט.

„דער מענטש איז א געזעלשאפטלעכע חיה", — איז נישט אינגאנצן ריכטיק: פאראן באשעפענישן, וואס זענען נישט דער ערך מער געזעלשאפטלעך, ווי דער מענטש. „דער מענטש איז א שכלדיק באשעפעניש", — איז אויך נישט קיין גליקלעכע דעפיניציע: ער ווענדט אן זיין דאזיקע אומצווייפלהאפטע פעאיקייט אזוי זעלטן (און כמעט תמיד אביסל צו שפעט), אז האלטן די שכלדיקייט פונם מענטשן פארן סימן מובהק פונם מין מענטש, איז א גוזמא. „דער מענטש איז א חיה, וואס גייט אויף צוויי פיס", איז אויך נישט אויפן ארט: געוויסע מינים מאלפעס גייען אויך אויף צוויי פיס, און א בער קאן זיך אויך פון צייט צו צייט פארגינען דעם דאזיקן פארגעניגן. און חוץ דעם — וויפל מענטשן קריכן אויף אלע פיר פאר יעדן גבאי און יעדן שטאט־גביר?! (שוין אפגערעדט פון דער העברער מאכט!)

עס איז נישט לייכט צו דעפינירן אזא קאמפליצירטע באשעפעניש, ווי א מענטש, מיט איין זאץ. אבער אויב מען וואלט פון מיר דווקא געפאדערט א קורצע דעפיניציע פון א מענטשלעכער אייגנשאפט, וואס טיילט באמת אויס דעם מין מענטש פון אלע באשעפענישן אויף דער וועלט, וואלט איך דעם מענטשן באצייכנט אלס „באשעפעניש, וואס מיסברויכט".

אלע באשעפענישן באנוצן זייערע פעאיקייטן און אייגנשאפטן אין תמימות, בלויז דער מענטש מיסברויכט זיינע אייגנשאפטן און פעאיקייטן.

די שפראך פון די חיות איז זייער ארעם אין פארגלייך מיט דער מענטשלעכער, אבער אלע באשעפענישן באנוצן זייערע ארעמע קלאנגען בלויז דאן, ווען דאס איז באמת נויטיק, כדי

אויסצודריקן פרייד און טרויער, ליבע און האַס, הונגער און שרעק, קאַמף־גרייטקייט און טויט־אַנגסט. זיי באַנוצן ערלעך זייער אָרעמע שפּראַך, זיי מיסברויכן זי נישט. אָבער דער מענטש?

ער האָט זיך געשאַפן אַ רייכע שפּראַך, אין הסכם מיט זיינע רייכע גייסט־מעגלעכקייטן, אָבער ער האָט דעם וואונדער־באַרסטן שפּראַך־אינסטרומענט אין דער וועלט גענומען מיס־ברויכן: ער האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ פּלוידער־אינסטרו־מענט; אין אַ „פּאַיף־אָ־קלאָק"־פונקציע; ער באַנוצט אים נישט, כדי אויסצודריקן געפילן, געדאַנקען און כוונות, ווי דאָס איז די עובדה פון דער שפּראַך, נאָר כדי אויסצובאַהאַלטן זיינע געפילן, זיינע געדאַנקען און כוונות; ער באַנוצט אים בכלל אויף פּוסט, אָן שום געפילן, געדאַנקען און כוונות.

דער מענטש האָט זיך דערטראַכט צו דער גרעסטער דער־פינדונג, וואָס איז ווען געווען און וואָס וועט זיין — צו דער שריפטלעכער שפּראַך; אַ דערפינדונג, וואָס אָן איר וואָלט נישט מעגלעך געווען קיין שום גרעסערע קולטור־אַנטוויקלונג, און וואָס ווען מען צעשטערט זי, וואָלט די קולטור און ציוויליזאַציע ווידער פאַרשוואונדן.

אָבער אויך די דאָזיקע געטלעכע פעאיקייט (וואָס דער מענטש איז אַזוי געווינט צו איר, אַז ער גיט זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון נישט וועגן איר וואונדערלעכקייט און נישט וועגן איר באַדייטונג) האָט דער מענטש מיסברויכט, נישט ווייניקער ווי דאָס גערעדטע וואָרט. די שריפט, וואָס גיט אונז די מעגלעכקייט צו ירשענען די רעדעס פון ישעיה און עמוס, די דיאַלאָגן פון פּלאַטאָ, די לערע פון לאַאָ־טזע, — די זעלבע שריפט ווערט באַנוצט פאַר די זינלאָזסטע שונד־ראָמאַנען, פאַר דער אויסגעלאַסנסטער העץ־פּראָפּאַגאַנדע קעגן פעלקער און אידייען.

די סעקסועלע ליבע האָט דער מענטש פון איין זייט דער־הויבן צו דער העכסטער גייסטיקייט: ער האָט די פיזישע באַ־

גערונג דורכגעדרונגען מיט א שטראָם גייסטיקער בענקשאַפט, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער די תמימותדיקע, שיינע פיזיש־שע ליבע דערגראַדירט צו זנות, ער האָט איר קערפּערלעכן פייער פאַרטונקלט מיטן רויך פון זיין פּאָרנאָגראַפישער פאַנ־טאַזיע.

קיין שום באַשעפעניש האָט די ליבע נישט דערהויבן צו קיין דאַנטע־בעאַטריטשע־געפיל, אָבער קיין שום באַשעפעניש האָט זי אויך נישט דערגראַדירט צו פּראָסטיטוציע, סיי צו איר קלענערער פאָרם פון געצוווּנגענער ברויט־פּראָסטיטוציע, סיי צו איר פרייוויליקער פאָרם פון גרויסוועלטיש־אַריסטאָקראַטי־שער בריליאַנטן־פּראָסטיטוציע.

היינט די ליבע צום אייגענעם פאָלק!

דאָס געפיל פון ליבע צום אייגענעם פאָלקס־כלל איז גוט באַקאַנט אין דער וועלט פון די בעלי־חיים: מען איז זיך דאָרט מקריב לטובת הכלל נישט ווייניקער, ווי דער מענטש; אָבער קיין איין באַשעפעניש האָט זיך נישט דערטראַכט צו מיס־ברויכן דאָס דאָזיקע געפיל, צו פאַרוואַנדלען עס אין א פאַר־דינסט־ און האַס־כלי־זין, וואָס ווערט איידל גערופן „נאַציאָ־נאַליזם" און איז אין דער אמתן „שאָוויניזם", מיסברויך מיט הייליקטום פון פאָלקס־ליבע, ווי מען מיסברויכט מיט א סך אַנדערע הייליקטימער, מיט אַלע.

דער מענטש איז א באַשעפעניש, וואָס מיסברויכט זיינע פעאיקייטן. דער מענטש איז א באַשעפעניש, וואָס האָט א נייגונג צו פערווערסיע.

די קדושה מיט דער טומאה זענען מאָדנע און ענג פאַר־בונדן: דאָרט, וווּ עס איז דאָ א סך קדושה, איז אָפט דאָ א סך טומאה; וואָס שטאַרקער דער יצר־טוב, אַלץ שטאַרקער דער יצר־הרע. און די שווערסטע אויפגאַבע פון מענטשן, — פון דער מענטשהייט, — באַשטייט טאַקע אין דעם, נישט אָפּזאָגן זיך פון דאָס ערשטע און באַזייטיקן דאָס צווייטע. נישט אַריינ־

פאַלן אין מיסברויך, אָבער אויך נישט פאַרוואַרפן די הייליק־טימער מחמת זייער מיסברויכט ווערן.

דאָס עכטע, דאָס גרויס־מענטשלעכע איז אַ שמאָלער שטעג צווישן די אָפּגרונטן פון חיהשקייט און מיסברויך, — אַ שמאָלער, שווערער שטעג, אָבער אַ גליק־ברענגענדיקער, אַ לעבן־ברענגענדיקער. אונזערע אַלע עכטע גרויס־מענטשלעכע דערגרייכונגען האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם גליקלעכן אויסמיידן דעם אָפּגרונט פון קליין־מענטשלעכן און דעם אָפּגרונט פון מיסברויך.

ל"ד) ווי־זשע אַנדערש?

דער, וואָס וואַרפט שטיינער מיט היץ, מיט אַלע כוחות, אין אַ וואָסער־נישט־איז געזעלשאַפטלעכן אָדער ליטעראַרישן זומפּ, ווערט אומפאַרמיידלעך באַשפּריצט ווערן מיט בלאָטע. דאָס איז די נקמה פון יעדן באַאומרואיקטן זומפּ.

אויב עמיצער האָט שוין גענומען אויף זיך די דאָזיקע מיסיע — שטערן די רו פון פאַרשטאַנענע זומפּן, — איז קאָמיש צו באַקלאָגן זיך אויף דער דאָזיקער קליינינקער אומאַנגענעמלעכקייט.

דאָס איז פּונקט אַזוי קאָמיש, ווי די קנאה צום חזיר, ווען מען פאַלט אַריין צוזאַמען מיט אים אין אַ זומפּ. געוויס, דעם חזיר איז לייכטער פאַרן מענטשן אין אַ זומפּיקן אָרט, אויף דערויף איז ער דאָך אַ חזיר.

דערפאַר אָבער, אפילו פאַרזונקען ביז איבער די קני אין בלאָטע, קאָן דער מענטש אויפהויבן זיין בליק און זיין נשמה צום אויסגעשטערנטן אין־סוף, און דער חזיר איז דאָס נישט בכוח צו טון.

יעדערן — זיינס. זיין אייגענעם אומגליק און זיין אייגענעם גליק.

ל"ה) ליטעראַטור און לעבן

אין דער ליטעראַטור קומט אַמאָל פאַר דאָס זעלבע, וואָס אין לעבן: דאָס שענסטע בלייבט אין שאָטן, אומבאַקאַנט.

אָבער על־פּי־רוב איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיד צווישן ליטעראַטור און לעבן: עס איז נישט דער ערך לייכטער צו שרייבן וועגן די שענסטע געפילן, ווי צו האַנדלען אין פּער־זענלעכן לעבן אין הסכם מיט די דאָזיקע שיינע געפילן. עס איז לייכט צו פּראָקלאַמירן אין דער פּאָעזיע מענטשן־ליבע — די דאָזיקע פאַרשיכורנדיקע איבערלעבונג, ווען מען לעבט זי איבער אויף אַן אמת, — אָבער ווי שווער עס איז ליב צו האָבן דעם קאָנקרעטן מענטשן, וועלכער גייט דיר אין וועג אפילו נישט אין ברייטערן זין פון דאָזיקן וואָרט, נאָר אין סאַמע געווינלעכן, ווען דו לויפסט עפּעס דרינגענדיקן און עמי־צער רוקט זיך אונטער אונטער די פיס און פאַרלאַנגזאַמט דיין לויפן אויף אַ האַלבע מינוט. דעקלאַמירן מיטן מויל פון אַ ראָמאַן־העלד וועגן מסירת־נפש אין נאָמען פון אַן אידעאַל און מענטשלעכקייט איז אַ סך לייכטער, ווי אויסצופירן די אייגענע פּאָעטישע געבאָטן אינם טאָג־טעגלעכן לעבן, ווען קיינער ווייס נישט וועגן דעם, אַ חוץ איין דערשלאָגענער, אָרע־מער מענטש (וועמען מען העלפט).

יאָ, גיין עפנטלעך, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, אויף דער תליה פאַר אַ העלדישער טאַט איז אַ סך לייכטער, ווי צו טיילן אַ מיטאָג מיט אַן הונגעריקן אַן עדות. אינם אַקט פון אַרויפגיין אויף דער תליה — פאַר די אויגן פון אַלעמען! — איז דאָ עפּעס פון ליטעראַטור, פון פּאָעטישן עקזיביציאָ־ניזם, אָבער אינם אָפּגעבן דעם מיטאָג איז דאַ עפּעס פון דער אומבאַקאַנטקייט פון אַ לעבנס־קרבן.

און ווי שווער דאָס איז פאַרן מענטשן, — פאַרן דאָזיקן אומפאַרבעסערלעכן ליטעראַרישן עקזיביציאָניסט!

י. ראַפּאָפּאָרט

ל״ו) וועגן געשיכטע

געשיכטע איז נישט קיין וויסנשאַפט (נישט געקוקט אויף א סך פאַרזיכערונגען, אַז זי איז דאָס) און במילא איז דאָס רעדן וועגן די געזעצן פון דער געשיכטע לכל הפחות א וויסנ־שאַפטלעכע זינלאָזיקייט.

געוויס, די געשיכטע ווערט געשאַפן קודם־כל דורך מענטשן, און זיי שאַפן זי אין א באַגרענעצטער וועלט (אין וועלכער עס האָבן אַ וואָרט אויך סטיכייאישע כוחות, ווי ערד־ציטערנישן און פאַרפלייצונגען, טריקענישן און היישעריקן און ענלעכע), און במילא מערקן זיך אָן אין דער געשיכטע געוויסע טענ־דענצן, וואָס חזרן זיך איבער כמעט געזעצמעסיק. די געשיכטע פאַרמאָגט (ווי אירע שעפער — די מענטשן) געוויסע נייגונגען. און דער טיפסטער זין פון דער היסטאָרישער ליטעראַטור באַ־שטייט נישט אין אַנטדעקן די געזעצן, וואָס באַהערשן די געש־שיכטע, פירן אָן מיט איר און פורעמען זי אויס (ווי די נאַ־טור ווערט געפירט און געפורעמט דורך די נאַטור־געזעצן), נאָר אין אָפּדעקן די דאָזיקע נייגונגען איבערצוחזרן זיך. און די דאָזיקע נייגונגען דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט ביים שרייבן, פאָרשן און שאַפן געשיכטע. דאָס איז — די דערפאַ־רונג פון דעם לעבן פון דער מענטשהייט, דאָס איז — די חכמה פונעם לעבן פון דער מענטשהייט.

אויפן סאַמע דעק פון די דאָזיקע נייגונגען ליגט, אמת, עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך אויף געזעצן, אָבער עס איז זייער געפערלעך צו רעדן וועגן וויסנשאַפטלעך־אַנטדעקטע היס־טאָרישע געזעצן, ווייל דערין ליגט נישט נאָר א וואָרט־טעות, א טעות אין דער דעפיניציע, נאָר דאָס קאָן אַראָפּפירן פון גלייכן וועג אויך די שעפער פון דער געשיכטע, ווי דאָס איז טאַקע פאַקטיש געשען אין די לעצטע 50 יאָר, ווען מען האָט אָפּט געשאַפן געשיכטע, נישט רעכענענדיק זיך נישט מיטן לעבעדיקן לעבן, נישט מיטן געזונטן פאַרשטאַנד, נאָר מיט

היסטאָרישע אויסרעכענונגען, געמאַכטע אין אַ וויסנשאַפטלעכן קאַבינעט מיט דער הילף פון פאַנטאַסטישע היסטאָרישע געזעצן. אַ נייגונג פאָדערט אַ פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג, אַן עלאַסטישן, אַן אינדיווידועלן, אָבער אַ געזעץ איז נישט עלאַסטיש. מיט אַ נייגונג דאַרף מען זיך רעכענען; אַ געזעץ אָבער רעכנט זיך מיט קיין שום זאַך נישט — אַ געזעץ מוז מען פאָלגן.

ווען עס וועט קומען די צייט אונטערצופירן אַ סך־הכל פון דער היסטאָרישער דערפאַרונג פון דער מענטשהייט אין דער ערשטער העלפט צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וועט זיך אַרויסשטעלן, צו דער גרויסער פאַרוואונדערונג פון אַ סך קורצזיכטיקע, אַז איינע פון די גרעסטע שטערונגען אויפן וועג פון מענטשלעכן פּראָגרעס איז טאַקע באַשטאַנען אין דאָזיקן קינדישן, שטאָלצן גלויבן, אַז די געשיכטע האָט אייזערנע געזעצן און אַז די דאָזיקע געזעצן זענען פעסטגעזעצט איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ווי די געזעצן פון דער נאַטור.

און במילא האָט מען זיך באַמיט צו האַנדלען נישט אין הסכם מיט דעם, וואָס מיר, די מענטשן, ווילן, נאָר אין הסכם מיט דעם, וואָס זי, די געשיכטע, וויל. אַנשטאָט צו פורעמען די געשיכטע אין הסכם מיט אונזער פאַרשטאַנד און ווילן, האָבן מיר זי איבערגעענטפערט צום כאַאָס, פאַרלאָזנדיק זיך אויף אַ ווילן, וואָס עקזיסטירט נישט. און אין דאָזיקן כאַאָס האָבן געפורעמט די געשיכטע די יעניקע, וואָס האָבן עפּעס געוואָלט, ווי שלעכט דאָס זאָל נישט זיין.

די מענטשהייט, וואָס לאָזט זיך פירן פון נישט־עקזיסטירנדיקע, לכל הפחות פאַר איר אומבאַקאַנטע געזעצן, וועט אומפאַרמיידלעך אַריינפאַלן אין די נעצן, וואָס זי שטעלט אַליין אָן. פונקט ווי אַ מענטש, וואָס זוכט זיין וועג לויט אַ פאַלש־געצייכנטער מאַפּע, מוז אומפאַרמיידלעך פאַרבלאָנדזשען. זעלבסטזיכערקייט איז זייער אַ שלעכטע זאַך, ווען זי באַזירט זיך אויף זעלבסטנאַררעריי.

עס איז נישטאָ דער מינדסטער ספק, אַז די מענטשלעכע

פּסיכאָלאָגיע האָט אין איר פונדאַמענט עפּעס געזעצמעסיקעס (ווי קאָן דען אַנדערש זיין?!), — אָבער דאָס איז אַזאַ קאָמ־פּליצירטע מולטיפּליצירונג פון טויזנטער פאַקטאָרן (אָדער, זאָל זיין, „געזעצן"), וואָס באַווירקן זיך קעגנזייטיק און וואָס זענען קעגנזעצלעך איינער צום צווייטן, אַז עס איז אוממעגלעך אונטערצופירן אַ זיכערן סך־הכל. און אָן אַ גענויעם סך־הכל, וועלכן מען זאָל קאָנען אָביעקטיוו קאָנטראָלירן, וועלכן מען קאָן אונטערוואַרפן אַן עקספּערימענטאַלער קאָנטראָל — זענען נישטאָ קיין וויסנשאַפטלעכע געזעצן.

דער מענטש מוז זיך אָפּזאָגן (לכל הפּחות, דערווייל) פון דער פאַטאַלער — פאַר אים! — אילוזיע, אַז ער האַלט אין דער האַנט דעם אמת פון דער געשיכטע (און ווען מען האַלט אין דער האַנט דעם אמת, קאָן מען זיין זאָרגלאָז און נישט־אויפמערקזאַם — דער אמת איז דאָך תמיד צו מיין דינסט), און ביז גאָר אויפמערקזאַם באַציען זיך צו געשיכטע, כדי אויפצוכאַפּן סיי מיט דער אינטואיציע, סיי מיטן שכל די אויפבליצן פון קלאָרזעעוודיקייט און אמת, וועלכע זי טראָגט אונז אונטער, ווען מיר באַציען זיך אויפמערקזאַם צו איר, ווען מיר חלשן אַריינצודרינגען אין די געהיימנישן פון דער עפּאָ־פּייע פון אונזער מין, אין די געהיימנישן, וואָס זייער אויפדע־קונג איז פאַר אונז אַזוי וויכטיק, אָבער גלייכצייטיק אַזוי שווער, און אויף הונדערט פּראָצענט — אויך אוממעגלעך (בלויז איצט? אויף אייביק?).

און דעריבער איז געשיכטע גיכער אַ קונסט, ווו פּסי־כאָלאָגישע דורכדרינגלעכקייט שפּילט אַ גרויסע, די גרעסטע ראָל. זי אַנטפּלעקט נייגונגען, זי ווייזט אָן אויף פּאָרויסגעפּילטע באַרירונגס־פּונקטן צווישן היסטאָרישע דערשיינונגען.

און נאָך אַן ענלעכקייט איז דאָ צווישן דער געשיכטע און דער קונסט פון וואָרט: זי איז אַ מיטל צו אַנטציקן זיך מיט העראָאיש־עטישע געשטאַלטן פון מענטשלעכע מעשים, און אַ מיטל צו עמפּערן זיך קעגן די נידעריק־אַמאָראַלישע געשטאַלטן

פון דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט. די געשיכטע — ווי דאָס דיכטערישע שאַפן — איז אַ שולע, וווּ דער מענטש ווערט דערצויגן אויף דער דערפאַרונג פון זיינע אייגענע היסטאָרישע מעשים. געשיכטע איז אַ מעכטיק מיטל אויפצוּוועקן, פון איין זייט, ליבע און אַנטציקונג, און פון דער צווייטער — האַס און פאַראַכטונג.

אויב דער מענטשלעכער כאַראַקטער, זיין נאַטור, איז אַ וואָגשאָל, וווּ איין שאָל פאַרקערפּערט מיט זיך גוטס, און די צווייטע — שלעכטס, איז די געשיכטע, אין דאָזיקן פאַל, די גרויסע געוויכטן פון אַנטציקונג און עמפּערונג, וואָס קאָנען העלפן אַראָפּדריקן די שאָל פון שלעכטס און אויפהויבן די שאָל פון גוטס.

ל"ז) אַ קורצער, אָבער אויסשעפּנדיקער דיאַלאָג

דער קריסט: איר, יידן, האָט געטויט יעזוס אונזער גאָט.

דער ייד: מיר, יידן, האָבן אפשר געטויט יעזוס דעם מענטש; דעם גאָט האָט איר שוין געטויט.

III

א געשריי אין דער נאכט

א) דאָס בוך פון פוילישן יידנטום

גאַנץ צופעליק איז מיר אין דער האַנט אַריינגעפאַלן אַ בוך, וואָס פאַר זיך גופא (אפילו לויטן גבית עדות פון די אַרויסגעבער) איז עס נישט באַדייטנדיק, אָבער פון זיין טיטל האָט ביי מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם, — מיט זיין גראַנדיעזקייט, מיט זיין סימבאָלישקייט: „דאָס בוך פון פוילישן יידנטום“.

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען אין 1916, אין בערלין, אין „יידישן פאַרלאַג“, אונטער דער רעדאַקציע פון באַקאַנטן העברעאישן שרייבער עגנון און פון יידיש־דייטשן שרייבער עליאַשבערג.

אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, האָט דאָס מערב־אייראָפּעאישע יידנטום, — באַזונדערס דאָס דייטש־עסטרייכישע, — אַנטדעקט (צום וויפלטן מאָל?) דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום, און דאָס דאָזיקע קליינע, מאָגערע זאַמלבוך איז איינס פון די שפּורן פונם ענטוזיאַזם צוליב דער דאָזיקער אַנטדעקונג.

אַן אינטערעסאַנטע, טיף־כאַראַקטעריסטישע, פּסיכאָלאָגיש־פאַרשטענדלעכע דערשיינונג: ביים מערב־אייראָפּעאישן יידנטום איז שטאַרק קענטיק אַן אַמביוואַלענטע באַציאונג צום מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום — פון איין זייט פאַראַכטונג, און פון דער צווייטער — באַגייסטערונג. אַזאַ באַציאונג, וואָס איז צוזאַמענגעזעצט פון צוויי קעגנזעצלעכע געפילן, ווי ליבע און האַס, אָדער פאַרערונג און פאַראַכטונג, הייסט אין דער טערמינאָלאָגיע פון פּראָפ. פרויד, דעם שעפער פון פּסיכאָאַנאַליז — אַמביוואַלענץ.

און די דאָזיקע באַציאונג איז פאַרשטענדלעך. פון איין זייט האָבן אונז די מערב־אייראָפּעאישע יידן פיינט, פאַר־אַכטן אונז, ווייל צוליב אונזער אָפּענער, פּולבלוטיקער יידיש־קייט דערמאָנען מיר זיי — און באַזונדערס זייערע שונאים, — וועגן דעם, וואָס זיי וואָלט זיך וועלן פאַרגעסן (און דער עיקר וואָלטן זיי וועלן, אַז די אַנדערע זאָלן אין דעם פאַר־געסן); אָבער פון דער צווייטער זייט פילן די דאָזיקע מערב־אייראָפּעאישע יידן — אין דער טיפעניש פון זייערע באַדנלאָזע נשמות — ביי יעדער באַגעגעניש מיט אונז, אַז דאָס, וואָס עס פעלט זיי מער פון אַלץ — דאָס געפיל פון גייסטיקער זיכער־קייט — געפינט זיך ביי אונז.

זיי האָבן אונז פיינט דערפאַר, ווייל מיר שטערן זייער אויסערלעכע רו, אָבער זיי זענען פול מיט געהיימער אַנטציקונג פאַר אונזער אינערלעכער רו. און דאָס, ווידער אַמאָל, נערט זייער שנאה צו אונז: די געצוווּנגענע אַנטציקונג מיטן שונא אָדער מיט דעם, וועמען מיר באַטראַכטן פאַר נידעריקער פון זיך, שטאַרקט אונזער שנאה צו אים.

דער דורכשניטלעכער מערב־אייראָפּעאישער ייד האָט גע־קוקט און קוקט אויף די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, ווי אויף אַ נידעריקערן מין מענטש און ייד, אָבער די קולטור־שפּיצן פון מערב־אייראָפּעאישן יידנטום, די שרייבער, די אויסדריקער פון געדאַנקען (פון די אומבאַוווּסטזיניקע געדאַנקען) האָבן תמיד אויסגעדריקט זייער אַנטציקונג מיטן דאָזיקן פולבלוטיקן טיפּ ייד.

היינע, דער דאָזיקער געניאַלער פּאָעט און גרויסער ציניקער, האָט בעת זיין קורצער רייזע איבער פּוילן, אַלס יונגער מענטש, געגעבן אַ קלאַסישן אויסדרוק דעם דאָזיקן געפיל פון אַנטציקונג און אפילו — יראת הכבוד. „...נישט געקוקט אויף דעם באַרבאַרישן פוטערנעם היטל, וואָס דעקט צו זיין קאָפּ, און נאָך מער באַרבאַרישע אידייען, וואָס פילן אָן דעם זעלבן קאָפּ, שטעל איך דעם פּוילישן יידן העכער פאַר אַ סך

דייטשע יידן, וועלכע טראָגן דעם האַרטן הוט אויפן קאָפּ און זשאַן פּאָלן אין קאָפּ. אין דער שווערער איזאָלאַציע איז דער כאַראַקטער פון פּוילישן יידן געוואָרן עפּעס גאַנצעס..."

וויפל דייטש־יידישע שרייבער האָבן זייט דאַן איבערגע־לעבט דאָס זעלבע און האָבן אויסגעדריקט די דאָזיקע גע־פילן כמעט מיט די זעלבע ווערטער; די דאָזיקע ווערטער פון היינע קלינגען נאָך — הגם אויף אַן אַנדער אופן — אין די ווערטער פון איינעם פון די העלדן פון אַרטור שניצ־לערס ראָמאַן „דער וועג צו פרייהייט", ווען ער דערציילט דעם באַראָן ווערגענטין און דעם שרייבער העגריך בערמאַן וועגן זיין אָנוועזנהייט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווו ער האָט דער־קענט אינגאַנצן אַנדערע יידן.

דאָס דאָזיקע אַמביוואַלענטע געפיל פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן צו די מזרח־אייראָפּעאישע האָט זיך מיט אַ באַזונדערער קראַפט אויפגעוועקט בעת דער דראַמאַטישער באַגעגעניש פון די דייטשע און פּויליש־ליטווישע יידן (אונ־טערן אַלגעמיינעם נאָמען „דאָס פּוילישע יידנטום" ווערט אַרונטערגענומען אויך דאָס ליטווישע) ביים שריפה־פּלאַם פון דער וועלט־מלחמה 1914־1918.

גוסטאַוו לאַנדאַוער, דער ווייטער פון יידישע פּראָבלע־מען, האָט מיט זיין געניאַלער אינטואיציע געפילט פון דער ווייטנס דאָס, וואָס היינע האָט געפילט פון דער נאָענט, ביי דער ערשטער באַגעגעניש. הערמאַן שטרוק פיקסירט מיט זיין בליישטיפט דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום, וואָס האָט אים איבערראַשט אין ווילנע, און דער דעמאָלט יונגער שריי־בער אַרנאָלד צווייג שרייבט אַ טעקסט צו שטרוקס קינסט־לערישן אַלבאָם. דער דאָזיקער טעקסט איז אַ פּאָעמע, וואָס באַזינגט דאָס לעבן פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, דאָס אָרעמע פון דרויסן און דאָס רייכע פון אינעווייניק.

איינער פון די שפּורן פון העם אינטערעס צו די מזרח־

איירָאָפּעאישע ברידער שטעלט מיט זיך פאַר אויך דאָס „בוך פון פוילישן יידנטום".

* * *

דער טיטל, ווי איך האָב אויבן געזאָגט, איז גראַנדיעז: „דאָס בוך פון פוילישן יידנטום", אָבער די אַרויסגעבער גופא זענען מודה, אַז אין אַזאַ קליין ביכל (258 זייטן קליינעם פאָר־מאַט) קאָן מען נישט געבן אפילו אין די אַלגעמיינסטע שטריכן אַ פאַרשטעלונג וועגן גייסטיקן פּרצוף און וועגן גייסטיקן שאַפן פון דער כמעט טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון פוילישן יידנטום. „מיר ווייסן, — שרייבן די אַרויסגעבער אין זייער קורצן פאָרוואָרט, — אַז אונזער בוך האָט חסרונות און בלויזן. עס וואָלט בכלל געווען אַ העזה צו פּרווון שילדערן אַלזייטיק דאָס פילגעשטאַלטיקע לעבן פון אַ פאָלק אין אַזאַ קליינעם בוך". אָבער די אַרויסגעבער האָבן נישט געוואָלט געבן נישט קיין וויסנשאַפטלעכן, און נישט אפילו קיין פאָלקלאָריסטישן לעקסיקאָן, — זיי האָבן געוואָלט געבן אַ סינטעטישע פאַר־שטעלונג וועגן פוילישן יידנטום דורך עטלעכע באַזונדערס כאַראַקטעריסטישע שטריכן זיינע. זיי האָבן געוואָלט געבן דורך אַ זאַמלבוך פון עכטער פאָלקס־שאַפונג אַן אַלגעמיינע פאַרשטעלונג „פון אַ לעבעדיקער פאָלקס־אינדיווידואַליטעט".

און נאָך עפּעס האָבן געוואָלט די אַרויסגעבער פון דעם דאָזיקן מאָגערן זאַמלבוך.

„דער, וואָס באַטראַכט מיט אַ פאַרשטייענדיקן בליק די כמעט טויזנט־יאָריקע געשיכטע פון די פוילישע יידן, וועט זיי נישט קאָנען אָפּזאָגן אין טיפער אַכטונג. אַזוי פיל ליידן און אַזוי פיל לעבנס־קראַפט, אַזוי פיל נויט און אַזוי פיל גייסטיקע קראַפט!" „שטאָלץ מיט זייערע אבות, שטאַרקע אין זייער גלויבן, גייען זיי דורכן לעבן, — טעטיק, פאַרשטנדיק, צי טרוימענדיק... אַלע טראָגן זיי אויף זיך שפּורן פון אַלטן אַריסטאָקראַטיזם, ווי לעבעדיקע גלידער פון אַ שטאַרק־צונויפ־

געקלאַפּטער, אויף אייביק אויסגערעכנטער געזעלשאַפט. אַט אַזעלכע זעען מיר זיי".

און היות די אַרויסגעבער ווילן, אַז ווי אַזעלכע זאָלן זען די פּוילישע יידן אויך אַנדערע, ווייזן זיי די דאָזיקע אַנדערע, מיט דער הילף פונעם „בוך פון די פּוילישע יידן", די נשמה פון די דאָזיקע יידן. „די קולטור פון אַ פאָלק געפינט איר פולקאָמענסטן אויסדרוק אין זיין גייסטיקן שאַפן, אין זיין פּאָעזיע, אין זיינע לעגענדעס און מעשהלעך, אין זיין הומאָר, אין זיינע פאָלקס־ווערטלעך. פון דאָזיקן אוממיטלבאַרן פאָלקס־שאַפן האָבן מיר זיך באַמיט צו שעפּן ווי פון אור־קוואַל פון דער פאָלקס־נשמה. און מיר גלויבן, אַז אונז איז געלונגען צונויפצוזאַמלען אַ מאַטעריאַל, וואָס גיט אַ געטריי און פּלאַסטיש בילד פון פּוילישן יידנטום".

ווען מען קוקט דורך מיט אַ קאַלטן, אויספאָרשנדיקן בליק דעם צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל, קומט מען צום אויספיר, אַז ער איז ווייט נישט גענוגנדיק, אין אים זענען דאָ נישט נאָר גרויסע בלויזן, נאָר ער איז בכלל צו פראַגמענטאַריש. עס איז אָבער גענוג איבערצולייענען, למשל, די ניין זייטלעך פון מאַרטין בובערס „פון לעבן פון הייליקן רבי משה לייב סאַסאָווער", כדי אייך זאָל זיך דאַכטן, אַז מער קיין מאַטעריאַלן זענען גאָר נישט נויטיק. לאָמיר נעמען, למשל, עטלעכע שורות פון דער דאָזיקער מיניאַטורער ביאָגראַפיע פון גרויסן מענטשן.

„דער רבי פלעגט זאָגן:

„קיין איין אייגנשאַפט, קיין איין קראַפט אין מענטשן זענען נישט באַשאַפן געוואָרן אומזיסט. און אפילו אַלע נידעריקע אייגנשאַפטן קאָנען דערהויבן ווערן צו דינען גאָט...

„צו וואָס, קאָן זיך דאַכטן, האָט געקאָנט געשאַפן ווערן די לייקענונג אין גאָט? און דאָך קאָן אויך זי דערהויבן ווערן אויף צו ברענגען הילף. ווען עמיצער קומט צו דיר און בעט ביי דיר הילף, דאַן איז נישט פּאַסיק צו געבן אים

אַ קליינינקייט און טרייסטן אים מיט גאָטס־פּאַרכטיקן וואָרט: „פּאַרהאָף אויף גאָט"; דו דאַרפסט האַנדלען אַזוי, ווי עס וואָלט בכלל נישט געווען קיין גאָט און אויף דער גאַנצער וועלט איז דאָ בלויז איינער, וועלכער קאָן העלפן דעם דאַזיקן מענטשן, — בלויז דו".

אַז מען לייענט דאָס דורך, קאָן מען אויף אַ פּאָעטישן וועג, אינטואיטיוו, האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם העכסטן, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט געשאַפן.

די פּוילישע יידן האָבן נישט געבויט אויף אַ נייעם באָדן, — זיי האָבן געבויט אויף אַן אַלטן, טויזנט־יאָריקן פונדאַמענט, וואָס איז פאַרלייגט געוואָרן אין פּאַלעסטינע, אין בבל, אין שפּאַניע, אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד, — אָבער זיי האָבן פאַרפעסטיקט דעם פונדאַמענט און האָבן צוגעבויט נישט איין שטאָק צום בנין פון טאָג־טעגלעכן עטישן לעבן. נישט אַלע פּוילישע יידן זענען געווען משה לייבס פון סאַסאָוו, — ווייט נישט אַלע, אָבער דער דאַזיקער פאָלקס־אָרגאַניזם האָט געשאַפן נישט איין אַזאַ משה לייב סאַסאָווער. אין דאַזיקן פאָלקס־אָרגאַניזם, אין דער דאַזיקער פאָלקס־פּלאַזמע האָבן געדרעמלט און געיווירן און זיך פאַרקערפּערט אין לעבעדיקן לעבן — גרויסע כוחות פון גייסט. און די פונקען פונעם „בוך פון פּוילישן יידנטום" באַלויכטן די דאַזיקע פּאָטענצן, גיבן אונז אַ פאָרשטעלונג וועגן זיי, און דאָס איז נישט קיין קלענער פאַרדינסט.

אָבער דעם דאַזיקן באַשיידענעם בוך איז באַשערט געווען, צום באַדויערן, צו באַקומען אַ נאָך גרעסערע באַדייטונג — אַ סימבאָלישע.

ווי דאָס האַרץ ציטערט אויף און קלאַפּט שטאַרקער, ווען דער בליק פאַלט אויפן טיטל: „דאָס בוך פון פּוילישן יידנטום". פאַרוועלקטע ווי פּעפער וואַקסט פון דער אַט־מאָספער פון אונזער לעבן; אַרויסגעוואָרפענע ווי פיש אויפן ברעג פון דער סטיכיע, וואָס האָט אונז געבוירן און

דערנערט, וואַרפן מיר זיך קאָנוולסיוו צום בוך, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן אונז פאַר אָפּגעריסענע פון אונז, און דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון טרויער און שוואַרצע פאַרגעפילן: נישט שוין־זשע וועט אויך אונז אויסקומען צו־צופאַלן צום „בוך וועגן פוילישן יידנטום", ווי צום לעצטן מקום־מקלט? וועלן מיר צופאַלן צום דאָזיקן בוך, ווי צו אַ דעראינערונג וועגן מוטער־שויס, אָדער ווי צו אַ מאַמישער מצבה?

* * *

„דאָס בוך וועגן פוילישן יידנטום"! אַמאָליקע צייטן וואָלט איך מיט גרינגשעצונג געווען געקוקט אויפן דאָזיקן מאַגערן „ערזאַץ" פאַר פאַרפּרעמדטע. עס וואָלט געווען ווייטאָגדיק, אָבער אויך קאָמיש, מיט וואָסערע ברעקלעך מענטשן באַגנוגענען זיך און באַגייסטערן זיך. אָבער איצט נעמט דאָס דאָזיקע בוך אָן אַ ריזיקן סימבאָלישן פאַרנעם. „דאָס בוך פון פוילישן יידנטום", „דאָס בוך וועגן פוילישן יידנטום"! אַזעלכע ביכער, צי רייכע, צי אָרעמע, זענען פילטערן, וואָס לאָזן דורך נאָר אַ ריינעם שטראָם; דאָס לעבן, וואָס ווערט דורכגעלאָזן דורך אַזאַ פילטער, זעט אויס פיינער ווי אין דער ווירקלעכקייט און עס איז עסטעטישער און דערהויבנדיקער; אָבער דער דאָזיקער ריינער שטראָם איז אָנגענעם, ווי אַן אָפּרו פון לעבן, נישט אָבער ווי עפּעס, וואָס פאַרבייט דאָס לעבן.

יעדער טרערן־טראָפּן, וואָס פילט אָן דאָס האַרץ, ווערט ביים דאָזיקן געדאַנק (וועגן פאַרבייטן דאָס לעבן אויף אַ ריינעם בוך) פאַרוואַנדלט אין סם פון שנאה צום בוך, וואָס ליגט פאַר מיר.

איך וויל נישט קיין ביכער וועגן פוילישן יידנטום, איך וויל נישט קיין דורכפילטרירטע ריינקייט, — איך וויל דאָס לעבן, דאָס ווירקלעכע לעבן, וואָס מאָלט דורך אַ פּוד אומ־ריינקייטן, כדי אויסצודיסטילירן איין טראָפּן ריינקייט; איך וויל דאָס ווירקלעכע לעבן, וואָס פראָוואָצירט צום קאַמף מיט

אים, וואָס רופט אַרויס פאַרצווייפלונג, אָבער וואָס נאָר עס אַליין טראָגט אין זיך האָפנונג אויף אַ צוקונפט און נאָר עס אַליין קאָן געבוירן די דאָזיקע האָפנונגען, אויב זיי איז בכלל באַשערט געבוירן צו ווערן.

די שענסטע, די ריינסטע ביכער זענען פּרוכטלאָז, ווען עס איז נישטאָ קיין לעבן פאַר געמיינזאַמער באַפרוכטונג.

שאַנכיי, יולי, 1944.

פּ. ס. מיר, אין שאַנכיי, האָבן נאָך דאַן געהאַט אילוזיעס וועגן פּוילן. עס האָבן געמאַטערט קלאַנגען, אין וועלכע מען האָט נישט געוואָלט גלויבן.

ב) צום דריטן יאָרטאָג פון סאַמבערגס און שיפּערס העלדישן טויט*)

מיר, פּליטים, לעבן ווי אויסער דער צייט, — די צייט האָט זיך פאַר אונז אָפּגעשטעלט. אַרויסגעריסן פון די ראַמען פון אונזער לעבן, זענען מיר אַרויסגעפאַלן פון דער נאָרמאַלער ממשלה פון דער צייט און דאָס לעבן גייט זיך ווייטער זיין וועג אָן אונז. קיינער ווערט פאַר אונז נישט געבוירן, קיינער שטאַרבט נישט פאַר אונז.

מיר ווייסן, נאַטירלעך, אַז דאָס לעבן, פון וועלכן מיר זענען אַרויסגעפאַלן, איז נישט געבליבן שטיין אויף אַן אָרט; אַז, פאַרקערט, עס פיבערט מיט ליידן און האָפנונגען, ווי נאָך קיינמאָל נישט, — אָבער דאָס אַלץ איז פאַר אונז נישט

*) אין אָקטאָבער 1944 האָבן מיר אין שאַנכיי געלייענט אין אַ שווייצאַרישער צייטונג וועגן דעם קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ, אין וועלכן עס זענען אומגעקומען דער אַקטיאָר א. סאַמבערג און דער היסטאָריקער ד"ר י. שיפּער. — י. ר.

קאָנקרעט, דאָס אַלץ קומט פאַר הינטער אַ דיקן פאָרהאַנג, דורך וועלכן אונזער בליק קאָן נישט אַדורכדרינגען.

מיר שטייען אויף דער זייט פון פאַרהאַנג מיט אַ קלאַפּנ־דיק האַרץ, מיר ווילן לײַדנשאַפטלעך אים אויפהויבן, הגם מיר ווייסן, אַז ערשט דאַן וועלן זיך אָנהויבן אונזערע אמתע לײַדן: מיר וועלן זיך ווידער אַריינגיסן אינם שטראָם פון אונזער לעבן, די צייט וועט אונז ווידער אַריינכאַפּן אין אירע צאַפּלדיקע אָרעמס און אַלץ, אַלץ, וואָס איז געשען אין משך פון לאַנגע יאָרן, וועט זיך פאַר אונז פאַנאַנדערוויקלען מיט אַ בליץ־שנעלקייט אין משך פון איין מינוט, — פון איין שרעקלעכער מינוט פון איינשליסן זיך אינם שטראָם פון דער צייט, וואָס איז פאַר אונז שטיין געבליבן. און ווער וועט אונז געבן כוח אויסצוהאַלטן די דאָזיקע קאָפּ־שווינדלענדיקע שנעלקייט פון רייסנדיקן שטראָם פון אָנגעזאַמלטער צייט, ווען די שליוזן וועלן פּלאַצן?

דאָס וועט זיין שרעקלעך. אַזוי מוז זיין שרעקלעך אַ מענטשן, וועלכן מען רייסט אַרויס פון די זיסע, אומבאַוווסט־זיניקע אָרעמס פון חלשות, כדי אים צוריקצופירן צום לעבן מיט זיינע צרות.

און דאָך רייסן מיר זיך אַדורכצודרינגען דעם דאָזיקן פאָר־האַנג, מיר בענקען לײַדנשאַפטלעך נאָכן דאָזיקן ווייטיקדיקן מאָמענט פון איינשליסן זיך אין לעבעדיקן שטראָם פון דער צייט. אַלץ, אַלץ, אבי נישט דאָס וועגעטירן מחוץ דער צייט.

און ווען אונז געלינגט — אַמאָל־אַמאָל, זעלטן־זעלטן — צוצופאַלן צום דינסטן שפּעלטעלע פונם פאַרהאַנג און כאַפּן אַ קוק אין שטראָם פון אונזער לעבן, אין שטראָם פון אונזער זיך־באַוועגנדיקער צייט, פילן מיר, צוזאַמען מיט ווייטיקדיקן שאָק, אויך אַ געפיל פון צוריקקער צום לעבן. אונ־זערע טויטע השערות, אונזער טויט ווײסן ווערט פאַרביטן מיט

אַ מינוטיקן אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט אונזער לעבן, און אונזער כוח־הדמיון צינדט זיך אָן, דער ציטער פון לעבן גייט דורך איבער אונזערע אָדערן און נשמות. און הגם עס טוט זייער ווי אין דירעקטן זין פון דאָזיקן וואָרט, פונדעסטוועגן זענען מיר מיט דעם צופרידן: אָט דער דאָזיקער ווייטיק איז דאָך אַ לעבעדיקער; ער פאַרבינדט אונז, זאָל זיין אויף איין רגע, מיט א ו נ ז ע ר לעבן; פאַר אונז שטאַרבן ווידער נאָענטע נישט אַבסטראַקט, אינם באַוווסטזיין, אין זכרון, נאָר קאָנקרעט, אוממיטלבאַר; אין דער פאָרשטעלונגס־קראַפט.

יאָ, דאָס איז איינער פון די פּאַראַדאָקסן פון אונזער פּאַראַדאָקסאַלן לעבן: פּונקט ווי עס איז דאָ אַ טויט לעבן, אַזוי איז אויך דאָ אַ לעבעדיקער טויט, — אַ טויט, וואָס פאַרבינדט מיטן לעבן.

אַזאַ איז אויך דער טויט פון אַרטיסט סאַמבערג, און אַזאַ איז אויך דער טויט פון ייִדישן געלערנטן ד״ר יצחק שיפּער, — אַ טויט, וואָס האָט אָנגעצונדן מיט פאַרצערנדיקן פלאַם אונזער פאָרשטעלונגס־קראַפט, ווען ס׳האָט זיך באַוויזן אַ שפּאַלט אין פאָרהאַנג, וואָס טיילט אונז אָפּ פון לעבעדיקן שטראָם פון לעבן, פון א ו נ ז ע ר לעבן.

* * *

די גרעסטע טייל פון אונזער נייער ייִדישער קולטור ווערט געשאַפן, לויט ביאַליקס אויסדרוק, דורך „ספּיח״, ד. ה. דורך זוימען, וואָס קיינער פאַרזייט נישט, וואָס קיינער קולטיווירט נישט, נאָר זיי פאַרזייען זיך אַליין, אַראָפּגעפאַלן פון פריערדיקע פאַרזייען, און גייען אויף אומגעריכט. באַזונדערס ריכטיק איז דאָס בנוגע דער ייִדישיסטישער טייל פון אונזער נייער קולטור, וועלכע גייט אויף במעט אויף אַ נישט־צעאַקערטן און נישט־פאַרזייטן פעלד. און דעם גרעסטן פּראָצענט פון „ספּיח״ קאָן מען געפינען אין געביט פון ייִדישן טעאַטער. דאָס ייִדישע טעאַטער איז די פאָלקסטימלעכסטע שאַפונג אין אונזער קולטור: אַ גרויסער טייל אַרטיסטן איז אַרויס פון די טיפענישן

פון פאָלק; נישט געבילדעט, אָן קינסטלערישער טראַדיציע, האָבן זיי אַרויסגערוקט אַ גאַנצע ריי וווּנדערלעכע טאַלאַנטן — פון דער מאַמען פון יידישן טעאַטער אסתר רחל קאַמינסקי, ביז די ליבהאָבער פון „ווילנער טרופּע". צווישן די דאָזיקע אומגעריכטע געוויקסן פאַרנעמט נישט דאָס לעצטע אָרט אַ. סאַמבערג.

און ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן זיין טראַגישן טויט, האָב איך אים דערזען אין דער ראָל פון שיילאָקן.

שיילאָק אויף דער יידישער סצענע, אויף יידיש, — דאָס איז אַ באַפּרייטער, אויסגעלייזטער שיילאָק. די דאָזיקע טראַגישע פּערזענלעכקייט איז דאָך געשאַפן פאַר אונז, ווייל אין דער פרעמד, אויף דער פרעמדע סצענעס פאַרשטייט מען נישט זיין שפּראַך און די באַוועגונגען פון זיין נשמה בלייבן אומפאַרשטענדלעך; און ווי אַלץ, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך — רופט ער אַרויס געלעכטער. ביי זיי ווערט דאָך שיילאָק אַזוי אָפט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמישע פּערזאָן. שיילאָק אויף דער יידישער סצענע — דאָס איז דער פאַרלוירענער זון, וואָס קומט צוריק אַהיים. און סאַמבערג האָט געגעבן אַ גוטן שיילאָק, אַ יידישן, אַ טראַגישן, וואָס שטעלט אין שאָטן מיט דער טיף פון זיין טראַגעדיע און מיט דער דערהויבנקייט פון זיין נשמה־דורשט אַלע אַנדערע פּערזאָנען פון דער טראַגעדיע.

אַט איצט — ווי איך באַמי מיך נישט אַרויסצורופן אין מיין זכרון די מיטשפּילער פון סאַמבערג־שיילאָק, זע איך דאָך קיינעם נישט, איך קאָן קיינעם נישט אַרויסרופן צום לעבן: סאַמבערג־שיילאָק פאַרנעמט איינער אַליין די גאַנצע סצענע, די גאַנצע נשמה, די גאַנצע וועלט — נישטאָ קיין אָרט נעבן אים פאַר אַ צווייטער טראַגעדיע.

איך קאָן זיך נישט דערמאָנען סאַמבערגן אין קיין שום אַנדער ראָל, ווי נאָר אין דער ראָל פון שיילאָקן; און ווען איך טראַכט וועגן אים אין שייכות מיט זיין טויט, קאָן איך

זיך נישט פאָרשטעלן אים אַנדערש, ווי אומקומענדיק אין דער געשטאַלט פון שיילאָקן. און נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס איך האָב אים געזען אין דער ראָל פון שיילאָקן און דער דאָזיקער סאַמבערג־שיילאָק איז מיר אַריינגעדרונגען אין דער נשמה, — נאָר אַ דאַנק דעם קאָן איך זיך ווי געהעריק פאָרשטעלן דעם טויט פון דאָזיקן טעמפּעראַמענטפולן אַרטיסט. פאַר מיר איז ער געשטאָרבן אַלס שיילאָק — מיט גרויסן ווייטיק פון אַ יידן אין הארצן, און מיט דער גרויסער שנאה צו דער וועלט פון די אַנטאָניאָס אין דער נשמה.

סאַמבערג לעבט נישט מער, — סאַמבערג, וועלכער האָט אַנטציקט דעם יידישן עולם מיט זיין געשטאַלט פון מאָטקע דער גנב, וועלכער האָט מיך אַנטציקט אין דער געשטאַלט פון שיילאָקן. און איצט, דערוויסנדיק זיך און טראַכטנדיק וועגן זיין טויט, דאַכט זיך מיר, אַז איך הער די אומשטערבלעכע ווערטער און דעם אומשטערבלעכן באַשולדיקונגס־אַקט: „צי דען האָט אַ ייד נישט קיין אויגן, קיין הענט און קיין גלידער?... קיין געפילן?... צי דען ווערט אַ ייד נישט פאַרוואונדעט פון זעלבן געווער?... אויב איר פאַרוואונדעט אונז — גייען מיר אָפּ מיט בלוט!... איז נישט שוין־זשע וועלן מיר זיך נישט נוקם זיין, ווען איר באַליידיקט אונז?!...״

קיין איין פּיעסע פון שעקספּירן האָב איך אַזוי פיל מאָל נישט דורכגעבלעטערט ווי דעם „ווענעציאַנער סוחר״, און דאָך איז די פאָרשטעלונג פון „ווענעציאַנער סוחר״ אויף דער יידי־שער סצענע געווען פאַר מיר ווי אַן ערשטע איבערלעבונג.

און די געשטאַלטן פון סאַמבערגן און שיילאָקן האָבן זיך אויף אַזוי ווייט צונויפגעגאָסן אין מיין פאָרשטעלונג, אַז איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן סאַמבערגס טויט אַנדערש, ווי דעם טויט פון אַ פאַרהעצטן שיילאָק, אָבער פון אַזאַ, וואָס האָט ביז צולעצט דעם באַוווסטזיין פון זיין עוולה און פון זיין גערעכטי־קייט, וואָס פילט ביז צולעצט זיין אומקאָמפּראָמיסלעכע שנאה.

נישט סאָמבערג דער אַרטיסט איז פאַר מיר געשטאָרבן, —
פאַר מיר איז געשטאָרבן סאָמבערג דער אייביקער שיילאָק.

* * *

און דער צווייטער, וואָס איז געשטאָרבן און דערמיט מיך אומגעקערט צום טרויעריקן, אָבער לעבעדיקן שטראָם פון דער צייט, דאָס איז ד"ר יצחק שיפּער.

יצחק שיפּער איז געווען אַ הויך־געבילדעטער מענטש און אַ וואונדערבאַרער וויסנשאַפטלעכער אַרבעטער. ער האָט געשריבן „די ווירטשאַפטלעכע געשיכטע פון די יידן אין פוילן" און די פיר־בענדיקע „געשיכטע פון יידישן טעאַטער"; ער איז געווען אַ היסטאָריקער פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור און אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

דער דאָזיקער געלערנטער האָט נישט געהאַט אין זיך קיין שום פאַרשטיינערטס, ער איז געווען אַ לעבעדיקער, פריילעכער מענטש און ייד, אין וועלכן דער „פאָלקס־מענטש" האָט זיך נישט געלאָזט שטעלן אין שאָטן דורך דער געלערזאַמקייט און דורכן דאָקטאָר־טיטל, ווי דאָס טרעפט אָפט צווישן דער גאַליציאַנער אינטעליגענץ פון יידישער אָפּשטאַמונג. אַ ציוניסט לויט די איבערצייגונגען, האָט ער ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט דאָס יידישע טעאַטער, וועלכער האָט אין אים געפונען זיין טאַלאַנטירטן און אַרבעטספּעאיקן היסטאָריקער.

אַ מענטש פון גרויסער אינטעליגענץ און אַ גוטער שריפטשטעלער, איז ער געווען איינער פון די געציילטע, וועלכע האָבן געשאַפן די יונגע יידישע וויסנשאַפט, און צווישן דעם דאָזיקן קליינעם קרייז מענטשן האָט ער פאַרנומען איינס פון די ערשטע ערטער אי לויט זיינע אייגנשאַפטן אַלס געלערנטער, אי לויט זיינע אייגנשאַפטן אַלס שריפטשטעלער, אי לויט זיינע אייגנשאַפטן אַלס מענטש. עמיץ האָט געזאָגט, אַז אויב מען וויל וויסן אַ ריכטיקע מיינונג וועגן אַ שרייבער, אַלס מענטש, דאַרף מען פרעגן דעם שרייבערס פרוי. וואָס שייך געלערנטע, וואָלט איך איבערפראַזירט די דאָזיקע לעבנס־חכמה אויף

פאָלגנדיקן אופן: אויב מען וויל וויסן אַ ריכטיקע מיינונג וועגן אַ געלערנטן, אַלס מענטש, דאַרף מען פרעגן זיין כאַראַקטער. מיר איז אויסגעקומען צו קאָרעגירן די „געשיכטע פון יידישן טעאַטער", און איך האָב דערקענט די גאַנצע לעבעדיקע צוזאַמענגעשטעלטקייט פון דאַזיקן מענטשן, אין וועלכן עס איז נישט געווען קיין שאָטן פון פּעדאַנטיזם, ווי דאָס איז נישט געווען אין זיינע ווערק.

* * *

זאַמבערג האָט געשאַפן דאָס לעבעדיקע לעבן פון יידישן טעאַטער; שיפּער האָט געשאַפן די לעבעדיקע געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

אין דער ליבע צום יידישן טעאַטער, אין דער אַרבעט פאַר דעם טעאָרעטישן אויפבוי פון זיין געשיכטע און פאַר זיין לעבעדיקן אויפבלי, האָבן זיך געטראָפן און פאַריייניקט די דאָזיקע צוויי מענטשן, וווייטע איינער פון צווייטן לויט דער אָפּשטאַמונג, לויט דער בילדונג און לויטן כאַראַקטער. אָבער נאָך מער האָט זיי פאַריייניקט דער טויט.

און דער דאָזיקער טויט האָט אויך פאַריייניקט אונז מיט זיי אין אַזאַ גראַד, וועלכן עס האָט נישט געקאָנט דערגרייכן נישט די טעאַטראַלע שאַפונגען פון ערשטן, און נישט די וויסנשאַפטלעכע שאַפונג פון צווייטן.

די דאָזיקע טויטע, וואָס האָבן געשאַפן פאַר אונז לעבן, בלייבן פאַר אונז לעבעדיק אויך אין זייער טויט.

מיר בייגן די קעפּ פאַר די קברים פון די דאָזיקע צוויי, וועלכע זענען אין זייער טויט לעבעדיקער פאַר אונז, מיט אונזער כלומרשטן לעבן מחוץ פון לעבעדיקן שטראָם פון דער צייט.

שאַנכיי, אָקטאָבער, 1944.

פּ. ס. אין שאַנכייער געטאָ האָבן מיר נישט נאָר ווייניק געוווּסט, נאָר אפילו וועגן דעם געוווּסטן האָט מען נישט

געקאָנט שרייבן. אַט דער און נאָך עטלעכע אַרטיקלען זענען געווען אַ פּרוּוו אויסצודריקן אונזער געשריי נישט געקוקט אויף דער יאַפּאַנישער צענזור.

ג) לאָמיר אַרויסרייסן ביי זיי אויף דעם דאָזיקן זיג!

אין אַ פּראָטאָקאָל, פאַרגעלייענט אויפן נירענבערגער פּראָצעס, ווערט געזאָגט: מען דאַרף פאַרניכטן דעם מזרח־יידנטום, ווייל דורך דעם רויבט מען צו ביים יידנטום זיינע ביאָלאָגישע רעזערוון.

דער קריג קעגן אונז איז נישט געווען אימפּראָוויזירט, — ער איז וויסנשאַפטלעך צוגעגרייט געוואָרן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מלחמות פון די נאַצים. די גרויזאַמקייט קעגן אונז, וואָס איז ביישפּיללאָז אפילו פאַרן דאָזיקן נאַצי־קריג, איז געווען מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט: די נאַצים האָבן אַנדערע פעלקער געוואָלט באַזיגן אויף צען, צוואַנציק אָדער דרייסיק פּראָצענט, אונז האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרניכטן אינגאַנצן. בלויז דער אויסגאַנגס־פּונקט אָדער די אידייע־פיקס איז געווען משוגע־זינלאָז, — אַלדאָס איבעריקע איז שוין געווען לאָגיש קאָנסעקווענט, ווי דאָס טרעפט נישט זעלטן ביי משוגעים.

אַלע מלחמות, וואָס די היענעס האָבן געפירט צווישן 1939 און 1945 האָבן זיי פאַרשפּילט. זייער איינציקע טרייסט אין דער מפּלה איז דער געדאַנק, אַז די מלחמה קעגן אונז, יידן, האָבן זיי פאַרט געוווּנען. און מען מוז מודה זיין: אָפּט, זייער אָפּט, פאַרגנבעט זיך דער ברענענדיקער ספק, צי זענען די היענעס אַמאָל נישט גערעכט?

זיי, אַלס היענעס, רעדן בלויז וועגן אונזערע פאַרניכטעטע ביאָלאָגישע רעזערוון, פאַר זיי איז דער גאַנצער עניין פאָלק בלויז אַן עניין פון ביאָלאָגיע. זיי האָבן יאָרן לאַנג אונטערגע־

שמיסן זייערע ווייבלעכע און מענלעכע היענעס מיטן לאָזונג: פּאָרט זיך וואָס מער און פאַרמערט זיך!

אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז מיר האָבן פאַרלוירן נישט נאָר די ביאָלאָגישע רעזערוון אונזערע, נאָר אויך אונזערע גייסטיקע רעזערוון, און דאָס איז פאַר אונז אַ סך פּיינלעכער, ווייל פאַר אונז איז פאָלק — גייסט, לעבנס־פירונג, הייליקונג און פאַרמענטשלעכונג פון לעבן. און טויטנדיק אונז ביאָלאָגיש, האָט דאָס מערדער־פאָלק געטויט אונזערן זייט דורות אָקומו־לירטן גייסט. און דאָס איז אונזער גרעסטע געפאַר: מיר האָבן פאַרלוירן אונזערע גרעסטע גייסטיקע רעזערוון.

און דאָך איז נאָך פאַרן שונא צו פרי צו טריאומפירן. דעם קריג, וואָס ער האָט געפירט בלויז מיט וואָפן קעגן וואָפן, האָט ער פאַרשפּילט אויף די שלאַכט־פעלדער. אָבער דעם קריג, וואָס ער האָט געפירט מיט וואָפן קעגן אונזער גייסט, האָט ער נאָך נישט ענדגילטיק געוואונען. דער שונא האַלט דעם זיג איבער אונז אין זיין האַלב־טויטער האַנט, אָבער עס הענגט אָפּ פון אונז, צי ער וועט בלייבן ביי אים. דעם זיג, וואָס ער האָט איבער אונז געוואונען מיט שמוציקער מאַכט, קאָנען מיר נאָך ביי אים אַרויסרייסן מיט הערהאָישן גייסט. עס ווענדט זיך אין אונז צי דער וואַטאַן־טרוים צו פאַרניכטן די לעבעדיקע יורשים פון די נביאים וועט פאַרווירקלעכט ווערן, אָדער צי מיר וועלן אים צונישט מאַכן.

אויב עס איז ריכטיק, אַז דער פאַרבינדעטער זיג איבער די נאַציס אויף די שלאַכט־פעלדער קאָן נאָך צונישט ווערן ביים שאַפן דעם שלום, איז טויזנטפאַך ריכטיקער, אַז דעם מערדערס זיג אין מאַידאַנעק קאָן נאָך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מפּלה אין לעבן. עס ווענדט זיך אין אונז.

נישט דעם ערשטן מאָל הויבן מיר אָן כמעט ווי פונסניי, אויף אַן אַנדער אָרט און דאָך אויפן זעלביקן פונדאַמענט.

איצטיקס מאָל איז דאָס שווערער. צוליב אַ סך טעמים.

ערשטנס, איז דער קלאַפּ אַ מוראדיקער, נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך מאָראַליש, ווייל ער איז געקומען אומגעריכט אין זיין אוממענטשלעכער הפקרדיקייט; צווייטנס, האָבן מיר בײַם שײַן פון די קרעמאַטאָריום־פּלאַקערס העל דערזען דעם פּנים פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, ווי נאָך קיינמאָל נישט: בעת די היענעס האָבן פאַרצערט אַ פאָלק, איז דאָס פּנים פון דער קריסטלעכער וועלט געווען גלייכגילטיק; און דריטנס, מיר זענען שוואַך נישט נאָר מיטן גלויבן אין יידישן גאָט, נאָר אויך אין זיך גופא, — מיר האָבן פאַרלוירן די אינערלעכע זיכערקייט.

און דאָך, און דאָך ווענדט זיך אין אונז!

מיר מוזן האָבן כוח אָנצוהויבן פונסניי דעם גייסטיקן אויפבוי. ביאַלאַגישע רעזערוון האָבן מיר גענוג, — מיר דאַרפן בלויז אַריינבלאָזן אין זיי אַ יידישן רוח חיים. און אויף אונז, די ווייניקע, וועלכע פילן דאָס, ווי אַן אינערלעכע נויטווענדי־קייט און נישט ווי אַן אויסערלעכע אויפגאַבע, מוזן זיך נעמען צו דער דאָזיקער הייליקער, פאַר אונז לעבנס־וויכטיקער אַר־בעט (ווייל זי איז נויטיקער און ליבער ווי אונזער אייגן לעבן), פון אַריינבלאָזן לעבן אינם טאָל מיט אויסגעטריקנטע ביינער.

ווי אומהיימלעך עס ווערט אונז אַמאָל פון דעם, וואָס אונזער גורל איצט איז ווי אָפּגעשפּיגלט אין אונזער ספר־הספרים, אין דעם אור־אַלטן תנך: אי די מצרישע קנעכטשאַפט, אי די אויסראָטונג פון די קינדער, אי דער חורבן, אי דער גלות, אי דער טאָל מיט די אויסגעטריקנטע ביינער. אָבער דער־פאַר ווערט דאָך פון דעם אַמאָל אויך פריידיק אויפן האַרצן: אויב אונזער איצט שפּיגלט זיך אַזוי אָפּט אָפּ אין אונזער אַמאָל, שפּיגלט זיך אויך אונזער אַמאָל אָפּט אָפּ אין אונזער איצט. און אינם אַמאָל איז די מצרישע קנעכטשאַפט באַגלייט געווען דורך דער געבורט פון משה רבינו, און דער חורבן — דורך ר׳ יוחנן בן זכאים יבנה, און דער גלות — דורך

אַ יחזקאל, וועלכער האָט געזען די וויזיע פון אויפגעלעבטע טרוקענע ביינער.

און די וויזיע איז געוואָרןווירקלעכקייט!

ביי אַ לאַנגן און שווער־געדרייטן וועג איז גוט צו קוקן הינטער זיך, מען זאָל נישט פאַרלירן די ריכטונג און די האָפּ־נונג, און מען זאָל וויסן וואָס מען האָט צו טון. און די גרויסע דיכטער אונזערע האָבן דאָס תמיד געפילט און זיי פילן דאָס אויך היינט מיט זייער שעפערישער אינטואיציע. סוצקעווער, וועלכער איז נאָך די גרויזאַמע נסיונות געוואַלדיק אויסגעוואַקסן, שילדערט אין זיין ליד „פרילינג", ווי אַ פרוי לאָזט שווימען אויף אַ קריע אין דער ווילייע איר עופּהלע, וואָס איז נאָך פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט אין דער מאַמעס בויך. און דער דיכטער — ווייל ער איז אַ גרויסער דיכטער — דער־פילט, אַז דאָס טאָר מען נישט שילדערן בלויז רעאַליסטיש, אַז דאָ קומט פאַר עפּעס טיפערס ווי דאָס אויבנאויפיקע געשעען, און ער כאַפּט אָן דעם דיכטערישן זין פונם דאָזיקן טראַגישן געשעען:

ווי ווייט איז די ווילייע פון דעם נילוס?
דאָס זעלבע וואַסער שפּיגלט די מעת־לעתן:
און גרויל פון אייביקייטן האָט דאָך אַ רגילות
באַנייען זיך — דער מענטש זאָל נישט פאַרגעסן.

— — — — — — — — — — — — —

די קריע טראָגט דעם פרילינג אַ מתנה —
אַ דרעמל־קינד אין פרירנדיקע טרערן.
און איך באַגלייט עס ביז צו דער לבנה
און טראַכט: אַ נייער משה זאָלסטו ווערן!*)

---

*) די געקומענע פון די לאַגערן האָבן דאָ (קיין אויסטראַ־ליע) מיטגעבראַכט אַ פאָלקס־ליד (וועגן אַ מחבר ווייסן זיי נישט) וועגן אַ מאַמע, וואָס גיט אָפּ איר קינד אין פרעמדע הענט, כדי אויסצובאַהאַלטן זיין יידישקייט און ראַטעווען זיין

אזוי האָט מען געטראַכט און געשפּירט אין געטאָ, און דאָס דאָזיקע ליד איז געשאַפן געוואָרן דעם 15־טן אַפּריל 1943. די גרויסע ליידן האָבן דאָרט נישט פאַרשמעלערט דעם בליק, נאָר פאַרברייטערט דעם האָריזאָנט. אָבער נישט נאָר אין געטאָ האָט מען געטראַכט אַזוי. אין נ. ב. מינקאָווס לידער־בוך „ביים ראַנד", געשאַפן אין אַמעריקע, פּולסירט אין צאָלרייכע שטעלן דאָס זעלביקע געפיל פון אָנכאַפּן זיך אָן מזבח פון דער פאַרגאַנגענהייט און געפינען ביי איר טרייסט און מקום־מקלט.

צום שטאַרקסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אין די צוויי געדיכטן: „דער קוואַל" און „צלם אלוקים".

אין האַרץ פון פעסטונג — אומגליקלעכער,
לעצטער פעסטונג,
וואַך איך שאָטנלאָז, פאַרהוקעט און פאַריאָגט.
מיט קראַנקסטע נערוון האַלט איך אָפּ
דאָס האַרץ פון איבערבראָך,
בעת איך זינק, געליימט, אין כּף הקלע פון באַטרוג.
אין האַרץ פון פאָלק — מיין אומגליקלעך
פאַרפּייניקט פאָלק,
אָטעם איך אין זכות פון אַ טיפן־טיפן קוואַל.

לעבן, דאָס דאָזיקע ליד איז געוואַלדיק רירנדיק, עס שטעלט אוועק אַזוי בולט פאַר די אויגן דאָס יידישע אומגליק, אַז יעדע שורה רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. אָבער גלייכצייטיק בליצט אויף אין דאָזיקן פאָלקס־ליד (אויב דאָס איז נישט קיין פאָלקס־ליד — איז דאָס שוין געוואָרן אַ פאָלקס־ליד) די גרויסע יידישע סימבאָליק, וועלכע מיר באַגעגענען ביי אַלע גרויסע דיכטער אונזערע.

„צו משהס מאַמע איז זי גליך:
אַזוי ווי משהן אויפן טייך,
עלנט, איינזאַם אויפן ווינט
האָט זי געלאָזט איר איינציק קינד".

דעם קוואַל איז נישט צו הערן. דעם אויסשטראַל
נישט צו זען.
נאָר ס'דערגייט פון אים אַ קוים-באַמערקטער ציטער —
פון אייביקייט און גאָט".
(„דער קוואַל").

אָט דער קוים באַמערקטער ציטער, — פון אייביקייט און גאָט, איז נאָך שפּירבאַרער אינם ליד „צלם אלוקים":

דאָ זענען טויערן געשטאַנען.
דאָס ליכט פון יעקבס חלום האָט אין חשכות
דאָ געוואַכט.
— — — — — — — — — — — — — —
דער ווינט ציילט אומפאַרשטענדלעך רואיק,
אומפאַרשטענדלעך לויז —
נעמען, שחיטות, דורות — אָן אַ סוף, אָן אַ סוף.
און פּלוצים ברעכט אַ שטילקייט אויס,
און שרייט באַנומען, ווי אין טיפסטן שלאָף:
„מיר זעען נישט! אַוווּ די טויערן?
אַוווּ איז יעקבס לאַנד?
מיר באַנעמען נישט גאָטס דרכים מער!"
הער מולד אָבער זעט, ווי אינם בראַנד,
דורך טייכן בלוט, דורך חורבות און דורך טייוולס
יעדן שטער —
שטייען אַלץ די טויערן...
אין אור-ליכט פון דער ערשטער-ערשטער שטים.
און אין חשכות טוט דעם שטנס רעגנבויגן טרויערן
וואָס מיר טראָגן נאָך דעם צלם אלוקים.

דאָס, וואָס אַזעלכע דיכטער האָבן מיט אַזאַ קראַפט געגור-מען שפּירן און זען: דעם טיפן קוואַל פון יידישקייט און די טויערן פון יעקבס חלום (אונזער אור-חלום!) — דאַרפן מיר אַלע דערשפּירן: דעם זין פון אונזער עקזיסטענץ. מיר ווייסן

אויף געוויס, אַז דער שרעק פאַר פאָלקס־פאַרגיין איז אין אונזערע קרבנות געווען גרעסער פאַרן שרעק פון אייגענעם טויט, און אין אונז מוז ער ווערן שטאַרקער פאַרן ווילן צום פּערזענלעכן לעבן. יעדעס לעבן פון אַ ייִדן, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, איז געראַטעוועט געוואָרן אָדער דורך אַ צופאַל, אָדער דורך אַ נס, און מיר טאָרן נישט צופעליק פאַרשווענדן דאָס קליין ביסעלע לעבן. אונזער לעבן און קראַפט, אונזער גייסט און געלט דאַרף געהייליקט ווערן אויף צו רעגענערירן די אָפּגעשוואַכטע טיילן פון ייִדנטום. ווען איין אויג ווערט אויסגעשטאָכן, נעמט דאָס צווייטע זען פאַר צוויי. אונזער רעכט פאָלקס־אויג מוז נעמען זען קלאָרער און דורכדרינגלעכער.

יעדער איינער, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען ווייט פון קאַמף פאַר אַ ייִדיש לעבן איז געווען אַ שוואַכלינג; היינט אָבער איז אַזאַ איינער אַ פאַררעטער. מיר פירן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף פאַרן קיום פון אונזער פאָלק, פון אונזער קולטור, פון אונזער גרויזאַמער און דערהויבענער געשיכטע, — מיר מוזן בויען די לעצטע פאַרטיידיקונגס־ליניע; און יעדער איינער, וואָס שטייט פון אַ זייט, וואָס אַנטלויפט אין זיין ווינקל מיטן געראַטעוועטן לעבן, איז אַ נישטיקע בריה, אַ פאַררעטער פון פאָלק, פון די מיליאָנען אומגעקומענע פאַר זייער ייִדנטום, פון זיינע אייגענע טויטע.

אויב יעדנס נאָענטע האָבן געהאַט אין זיך קראַפט צו שטאַרבן ווי ייִדן, מוז יעדער פון די לעבן־געבליבענע האָבן כוח צו לעבן ווי אַ ייִד. ס׳איז איצט נישט די ערשטע מאָביליזאַציע, נאָר די לעצטע, און עס גייען אַלע. אַלע וואָס פלעגן ביי אַלע פריערדיקע בלייבן אין דער היים, אין וויטן „טיל״.

אין זיין מעכטיקן ליד „אָן ייִדן״, זאָגט דער פיינער דיכטער גלאַטשטיין (וועלכער איז אויך געוואָרן די לעצטע יאָרן אַזוי טיף ייִדיש אין זיינע לידער וועגן בראַצלאַווער, למשל:

י. ראַפּאָפּאָרט

ס'פּלעמלט די לעצטע יידישע שעה.
יידישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

דאָס וווּנדט זיך אָבער אין אונז, אין יעדן פון אונז. מיר טאָרן נישט לאָזן שטאַרבן איצט דעם יידישן גאָט, וואָס האָט אונז אַזוי אָפט נישט געלאָזט לעבן. שוין צוליב דעם אַליין נישט, ווייל פון דעם איז אָפּהענגיק צי דער זיג איבער אונזערע טויטע, וואָס איז איצט דער לעצטער טרייסט פון די נאַצים, וועט בלייבן ביי זיי, אָדער מיר וועלן אים ביי זיי אַרויסרייסן.

דער שונא האָט געוואָלט פאַרניכטן אונזערע ביאָלאָגישע רעזערוון, און ער האָט נישט נאָר געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין זיין טייוולאָנישער אונטערנעמונג, נאָר ער האָט דערביי נאָך טויטלעכער פאַרוווּנדעט אונזערע גייסטיקע רעזערוון.

אונזער ציל און פליכט זענען: צוזאַמענגעמען אונזערע נאָך גאַנץ גרויסע ביאָלאָגישע רעזערוון און פאַנאַנדערבלאָזן אין זיי צו אַ מעכטיקן פלאַם די איבערגעבליבענע פונקען יידישן גייסט.

שאַנכיי, זומער 1946.

ד) צום דריטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד

דער דריטער יאָרטאָג... אייגנטלעך איז דאָס נאָר אַ גע־ווינהייט־אויסדרוק, ווייל מיר טרויערן נישט איין מאָל אַ יאָר, נאָר יעדן טאָג, יעדע שעה און יעדע מינוט, מיטן אויסנאָם פון יענע מינוטן, שעהן און טעג, ווען מיר פאַרראַטן צוליב מענטשלעכער שוואַכקייט. און דאַן ווערט אונזער שולד־געפיל פאַרשאַרפט ביז פיזישן ווייטיק, ביז פסיכישער געלײמטקייט.

אונזער שולד־געפיל איז אַ טאָפּלטער. פון איין זייט האָבן מיר תמיד אין אונזער פאַרשטעלונגס־קראַפט דאָס בילד פון אונזער פאָלקס פיזישן און מאָראַלישן מאַרטיריום, און מיר קאָנען זיך נישט שענקען, וואָס נישט נאָר מיר האָבן מיט זיי

נישט מיטגעליטן אין פשוטן זין פון דאָזיקן וואָרט, נאָר וואָס מיר האָבן זיך אַזוי איבערגענומען מיט גאָיאַס*) אַ פּאַטש, אָדער פון אַ „סאַקראַ״־יידס**) כאַמישקייט. אונזער שולד־געפיל לגבי די טויטע איז גרויס, פּונקט ווי גרויס עס איז דער ריזיקער אונטערשיד צווישן אונזערע און זייערע ליידן. און פון דער צווייטער זייט פילן מיר זיך שולדיק לגבי אונזערע ברידער פאַרן באַשענקען אונז מיטן שטאָלץ פונם געטאָ־אויפשטאַנד. ס'איז אָנשפּאַר דאָס איז פאַר אונז אין אונזער ווייטערדיקן שווערן נאַציאָנאַלן וועג!

אונזער שולד־געפיל לגבי די קדושים אונזערע איז אַ פּי־זישם און אַ מאָראַלישם: זיי, וועלכע האָבן זיך געפונען אויג אויף אויג מיט דעגענערירטע ווילדע בעסטיעס אין אַ פאַר־שלאָסענער שטייג, האָבן נישט נאָר אויסגעטרונקען דעם גאַנצן ביטערן כוס, וואָס איז באַשטימט געווען אויך פאַר אונז, נאָר זיי האָבן אונז נאָך געשאָנקען (כדי לייכטער צו מאַכן אונזער געגנבעט לעבן!) אַ טייערן אוצר: מענטשלעכן און יידישן שטאָלץ.

און דאָס טאָפּלטע שולד־געפיל טאָר זיך נישט אויסדאַמפן אין פאַרלויף פון די יאָרן און פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַלענ־דאַרישע טרויער־טעג; דאָס דאָזיקע שולד־געפיל, די דאָזיקע פאַרחובטקייט פאַר די געטאָ־קעמפער (און זיי זענען דער סימבאָל פון די זעקס מיליאָן פאַרפייניקטע!) מוז רעאַל באַ־צאָלט ווערן. פּונקט ווי זיי האָבן געגעבן אַ זין אונזער לעבן, אַזוי מוזן מיר געבן אַ זין זייער מאַרטירערישן און העלדישן טויט. אונזער לעבן דאַרף דינען בלויז איין ציל: נישט לאָזן אויסלעשן זיך דעם נר־תמיד פון דער יידישער

---

*) גאָיאַ — אַ יאַפּאַנישער תליונדל אין שאַנכייער געטאָ.

**) „סאַקראַ״ — די יידישע אינסטיטוציע, וואָס האָט געהאָלפן די יאַפּאַנער בויען דעם געטאָ.

נשמה, פון דער יידישער קולטור. צוויי זאַכן האָבן די געטאָ־העלדן געפאָדערט און דערוואָרט פון אונז, די פיזיש גע־ראַטעוועטע און מאָראַליש באַשאַנקענע דורך זייער גבורה: נקמה פאַר די לײדן פון זייער שטערבלעכן גוף און די פאַר־אייביקונג פון זייער לעבעדיקן גייסט...

יעדער איינער, וואָס כאַפּט דאָס אָפּגעראַטעוועטע שטיקל לעבן און דעם ביסל אָפּגעראַטעוועטן יידיש־מענטשלעכן שטאָלץ און טראָגט עס אַוועק אין זיין פערזענלעכן ווינקעלע, ווי אַ הונט אַ געגנבעטן ביין פון אונטער דעם קצבס האַק, כדי עס צו פאַרצערן פאַר זיך, איז נישט נאָר אַ נעבעכדיק מענטשעלע און יידעלע, נאָר אויך אַ פאַררעטער לגבי יענע, וואָס יעדע מינוט דאַרף ביי אונז זיין יאָרצייט נאָך זיי, וואָס יעדן טאָג דאַרפן מיר דורכדאַווענען אין געמיט זייער מאַרטיריום און זייער העראָאיזם, כדי זיך אָנצושעפּן מיט שנאה צום שמוציקן היינט־פאָלק און מיט ווילן צו לעבן אַלס נאַציאָנאַלע יידן, נישט געקוקט אויפן ווילדסטן פּרווו אין דער געשיכטע צו ברעכן דעם דאָזיקן ווילן.

* * *

מיט דריי יאָר צוריק איז געשען דאָס אומגלויבלעכע.

נאָך דריי יאָר ביישפּיללאָזע פיזישע און מאָראַלישע טאָר־טורן, נאָך דריי יאָר אָפּגיין מיט טייכן בלוט, איז דער שארית הפליטה פון פוילישן יידנטום — אין וואַרשעווער, ווילנער, ביאַליסטאָקער און אַנדערע געטאָס — אַרויס אין קאַמף קעגן שונא.

אַלע פּאַרטיזאַנישע קעמפער קעגן היטלערן האָבן פון דער ברייטער וועלט באַקומען הילף אין געלט, געווער, שפּייז און מעדיקאַמענטן, — די פּאַרטיזאַנען פון דער געטאָ האָבן קיין הילף פון דרויסן נישט באַקומען.

אַלע פּאַרטיזאַנען קעגן היטלערן האָבן געהאַט שטיצע פון די היימישע וועלדער און פון דער היימישער באַפעלקערונג,

— די יידישע פּאַרטיזאַנען זענען געווען פאַרשפּאַרט אין די ענגע גרענעצן פון די געטאָס און די מיטבירגער, די היימישע באַפעלקערונג, האָט זיי פאַרראַטן. אפילו דאָס ביסל געווער, וואָס די געטאָ־פּאַרטיזאַנער האָבן באַוויזן צו באַקומען ביי די פּוילישע פּאַטריאָטן, האָבן זיי באַדאַרפט קויפן: דאָס געווער איז דאָך געשיקט געוואָרן פאַר דער פּוילישער היימאַרמיי, יידן קאָנען אומקומען אין טרעבלינקער קרעמאַטאָריום, נישט אויסנוצנדיק דאָס טייערע געווער... און דאָך: די אויסגעבלוטיקטע, פאַרלאָזענע און פאַרראַטענע רעשטלעך פון פּוילישן יידנטום האָבן ווי דורך אַ נס באַקומען כוחות נישט נאָר צו שטאַרבן ווי לייבן, נאָר אויך צו פאַרשאַפן דעם שונא אַ מיליטערישע און מאָראַלישע מפּלה, וואָס ביים פאַרגלייכן די באַדינגונגען, אין וועלכע אַלע גרויסע שלאַכטן פון צווייטן וועלט־קריג האָבן זיך אָפּגעשפּילט, קאָן מען אָן שום גוזמא די געטאָ־שלאַכט באַצייכענען אַלס געטאָגראַד.

דער שטאָלץ מיט דער דאָזיקער שלאַכט איז נישט אונזערער: מען האָט אים אונז איבערגעלאָזט בירושה, אָבער מיר דאַרפן אים נאָך פאַרדינען. מיר מוזן מיט אייגענע מעשים אויסקעמפן דאָס רעכט צו שטאָלצירן מיט דער שלאַכט פון דעם שארית הפּליטה פון פּוילישן יידנטום. מיר מוזן אויסקעמפן די פאָרשטייענדיקע שווערע שלאַכט פאַרן גייסטיקן נאַציאָנאַלן קיום. די שלאַכט איז שווער, אָבער נאָר פּחדנים און פאַררעטער וועלן זיך אַרויסמאַכן פון איר. איז דען די דאָזיקע שלאַכט האָפנונגסלאָזער פאַר דער געטאָ־שלאַכט? און דאָך, הגם די געטאָ־קעמפער זענען כמעט אַלע געפאַלן, האָבן זיי דאָך אויסגעוווּנען אַ נצחון פאַר אונז; זיי זענען אומגעקומען, אָבער פאַר אונז האָבן זיי געשאַפן מאָראַלישע לופט, אין וועלכער און מיט וועלכער צו אָטעמען און צו לעבן. זאָלן מיר זייער לעצטע אָנשטרענגונג מאַכן צונישט?

ווי אויסזיכטלאָז אונזער קאַמף זאָל נישט אויסזען, האָט

ער דאַרף אַלץ מער שאַנסן אויף דערפאָלג, ווי זייער פאַר־צווייפלטער קאַמף. און פּונקט ווי זיי האָבן נישט געפרעגט קיין קשיות, נאָר געפילט און דערפילט דעם מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן געבאָט פון דער שעה, זענען מיר אויך מחויב צו קעמפן ביז צו לעצט, און פאַרפעסטיקן זיך אין אונזערע יידישע חורבות און אויסהאַלטן אין קאַמף ביזן שאַפן פאַר אונזערע קינדער דעם גרויסן מאָראַלישן און ע ר ד י ש ן קאַ־פּיטאַל, אויף וועלכן זיי זאָלן בויען אַ ניי יידיש לעבן.

אין דער געטאָ־עפּאָפּייע איז דאָ נישט נאָר אַ גרויסער שטאָלץ, נאָר אויך אַ האָפנונג: אויב זיי האָבן געקאָנט אָפּ־האַלטן אַ נצחון (און אונזער געפיל זאָגט עדות דערויף!), טאָרן מיר אוודאי נישט זאָגן קליינמוטיק: מיר גיבן זיך אונטער.

נאַציאָנאַלער שטאָלץ גייט תמיד האַנט ביי האַנט מיט נאַציאָנאַלער פליכט: דער שטאָלץ מיט די אבות איז געבונדן מיט דער פליכט פאַר די קינדער.

מיר שטאָלצירן מיט די יידן, וואָס זענען געגאַנגען אין קאַמף און אין טויט פאַר דער תורה, פאַרן סאָציאַליזם, פאַר אַ יידיש ארץ־ישראל, פאַר אַ פריילאַנד, פאַר אַ פריי נאַציאָנאַל לעבן. און מיר? מירן כאַפּן דעם שטאָלץ און... דעזערטירן?

מעג דאָס האַרץ זיין פול מיט פאַרצווייפלונג, מעג דער מוח זיין פול מיט ספקות — צום קאַמף פאַר אַ יידיש לעבן!

אויב תורה־יידן, בונדיסטן און חלוצים האָבן געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך פון קאַמף קעגן די, וואָס האָבן זיי געשיקט קיין טרעבלינקע, מוזן מיר — די רעשטלעך פון יענע תורה־יידן, פון יענע בונדיסטן, פון יענע חלוצים פאַר אַ יידיש לאַנד, — געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך פון קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלן קיום קעגן די, וואָס שיקן אונז אוועק אין דער אַסימילאַציע אַריין.

יעדער ייד, וואָס נוצט אויס דעם איצטיקן וואַקנשטיל־שטאַנד נישט אויף צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס, נאָר אויף

איבערצולויפן צום שונא אָדער אין אַ נייטראַל לאַנד, פאַרראַט ניסט נאָר די אומגעבראַכטע אין די גאַז־קאַמערן און אין די טאָרטור־לאַגערן, נאָר מאָרדעט שענדלעך נאָך אַמאָל די קעמ־פער פון געטאָ.

די פייערונג פון דריטן יאָרטאָג פונם געטאָ־אויפשטאַנד האָט אַ זין נאָר דאַן, ווען זי איז נישט בלויז אַ זכר לחורבן, נאָר אויך אַ דערמאָנונג צום נאַציאָנאַלן אויפבוי.

קינדער, ברידער־שוועסטער, טאַטעס, מאַמעס, כלות, באָבעס און זיידעס, אומגעקומענע מיט טויזנט מיתות משונות! מיר שווערן ביי אייער הייליקן אָנדענק, אַז מיר וועלן נישט פאַרשעמען אייער טויט, ווי איר האָט נישט פאַרשעמט אונזער לעבן.

מעגן מיר בלייבן, ווי דער ביבלישער גדעון, בלויז מיט אַ הייפל געטרייע, — מירן גיין אין שלאַכט און אָדער אין א י י ע ר נאָמען זיגן, אָדער אומקומען, פאַרייניקט מיט א י י ך אין לעצטן באַוווסטזיין־שטראַל.

ה) אַן אָפענער בריוו צו מרדכי שטריגלער

ליבער, טייערער שטריגלער!

נעכטן נאָך איז מיר דיין נאָמען געווען אומבאַקאַנט, און היינט ביסטו מיר אַזוי נאָענט און ליב און טייער, ווי איינער פון מיינע ברידער, וועלכע זענען אפשר געזעסן מיט דיר צו־זאַמען אין איינעם פון די צוועלף קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וווהין דער גורל האָט דיך, — ווי מיט אַ כיוון, — אַרומגע־פירט, כדי צו האָבן אַ גבית־עדות פון איינעם, וואָס איז מבטן ומלידה באַרופן דערצו.

„דער בלינדער גורל" איז, אין אַלגעמיין, נישט סתם קיין רעדנס־אַרט, נאָר אַ טיפער אמת. אָבער עס טרעפט אַמאָל, ווען דער בלינדער גורל ווערט נישט נאָר זעעוודיק, נאָר

פּאָרויסזעעוודיק, און ער גרייט צו זאַכן אַזוי באַוווסטזיניק, אַז אַ געפיל פון יראת הרוממותדיקער אומהיימלעכקייט ריזלט דורך אונזער גאַנץ וועזן און ס'ווילט זיך פאַלן אויף די קני און פאַרהילן דאָס פּנים אין מאַנטל, ווי אליהו הנביא האָט דאָס געטון, בעת ער האָט געהערט אין דער טומלדיקער וועלט דעם „קול דממה דקה", די „דינע שטימע פון שטילקייט".

האָט דען נישט גערעדט מיט דעם מויל פון דיין פריינט פויזנער פון וולאָצלאַוועק די שטים פון פלוצלונג זעעוודיק געווארענעם, פאָרויסזעעוודיק געוואָרענעם גורל, ווען ער האָט געזאָגט צו דיר: „מאָטל, כ'האָב שוין שטענדיק געקלערט: איז נאָך דאָ אַן אויג אַזעלכעס, וואָס זעט דאָס אַלץ און וואָס הערט דאָס אַלץ פאַר דער צוקונפט? כ'האָב וועגן דיר געקלערט... נישט געוווסט, אויב דו לעבסט נאָך ערגעץ... איך בין מיד און כ'וועל שוין מער נישט מיטמאַכן... איין זאַך פאַרלאַנג איך פון דיר: דו באַמי זיך צו ראַטעווען (געראַטעוועט צו ווערן — י. ר.)... צו לעבן... היט זיך, ווי מ'דאַרף היטן דעם לעצטן דאָקומענט פון אונזער אַלעמענס אומקום — — —".

נו, איז דען דאָ אַ מיושבדיקער זין אין די דאָזיקע ווערטער? „היט זיך", „באַמי זיך צו לעבן", זאָגט ער צו דיר, וועלכער געפינט זיך אין די טויט־לאַגערן, ווו מיליאָנען, ווו אַ גאַנץ פאָלק איז מיט דייטשער פּינקטלעכער געמיינקייט (אָ, שעם זיך, דו אָרעמע, אביונדיקע מענטשלעכע שפּראַך, דו קבצן שבקבצנים!) פאַרמשפּט צום אומקום.

אין די דאָזיקע ווערטער פון דיין פריינט איז דאָ די העכסטע מדרגה פון מ ע נ ט ש ־ ז י י ן — אין די נעגל פון טויט צו זאָרגן פאַר דער המשכדיקייט פון דער געשיכטע, פאַר אַ געדעכעניש אין פאָלקס־זכרון, — איז דען דאָ אין דער וועלט עפּעס מענטשלעכערס און גרעסערס, איז דען דאָ אויף דער וועלט אַ גרעסערע, אַ מער אומשטערבלעכער זיג איבערן געפייניקטן גוף? אָבער קיין מיושבדיקער זין איז דאָך אין

זיי נישטאָ, ווען מען מעסט זיי מיט אונזער מענטשלעכער מאָס. אָבער הינטער די דאָזיקע, אין פלוג זינלאָזע, רייד, וואַכט דער זעעוודיק געוואָרענער, דער פאָרויסזעעוודיק גע־וואָרענער גורל, וועלכער היט אָפּ דעם לעצטן דאָקומענט פון אַ פאָלקס אומקום.

און דיין פריינט פויזנער האָט געשפּירט דעם אָטעם פון אַן אָנוועזנדיקער, זאָרגעוודיקער קראַפט, וואָס וואַכט איבער דיר, מאָטל שטריגלער, וואָס פירט דיך דורכן גיהנום דו זאָלסט אים באַשרייבן, דו זאָלסט פונם אומגליק אויסזויגן דעם לעצטן אייביקייט־עקסטראַקט און געבן אַ תיקון דעם אומ־דערהערטן אומזין, דער טאַט פון אַ משוגע געוואָרענעם פאָלק.

און דיין פריינט פויזנער, ווי אויך די איבעריקע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אפשר געפונען איינער פון מיינע ברידער, האָבן קיין טענות נישט געהאַט נישט אין דיין באַרופונג, נישט אין דיר. עס ווייעט פון דיר מיט מיסטעריע, ווען דו שרייבסט אין דיין בריוו צו לייוויקן: „און הונדערטער געשטאַלטן אַזעל־כע (ווי פויזנער — י. ר.) טויכן אויף אין יעדן געטאָ, אין יעדן לאַגער... אַלע האָבן עפּעס געטון פאַר מאָטלען... אַלע האָבן עס געטון מיט דער איינציקער מיינונג (מיטן מיין — י. ר.) ווי פאַר אַ נח, וואָס קאָן אַמאָל אַרויסשווימען איבערן גאַנצן מבול... און מיט אַ פינגער אויף אים אָנגעוויזן: דער וועט ביים לעבן בלייבן, נישט זאָרגן בלויז פאַר דער רו פון אייגענעם גוף, נאָר באַמיען זיך אויפצולעבן אונזערע פאַר־ברענטע ביינער און אויסזינגען אונזער זינלאָז פאַרגיין... אין יענע יאָרן, ווען מאָטל האָט עס נישט געגלויבט, אַז גראָד ער וועט עס קענען דעם רויטן ים אַריבערשפּרייזן...״

דאָס יידישע פאָלק פון מזרח־אייראָפּע האָט זיך אין דיר נישט גענאַרט: מיט די דאָזיקע שורות בלויז האָסטו שוין געגעבן אַ זין זייער זינלאָזן פאַרגיין. אונזער ווייטיק ווערט נישט קלענער, אָבער עס האַלט אים וואָגשאָל אַ כוואַליע פון

שטאָליז, וואָס אין באַדינגונגען, ראַפינירט צוגעטראַכטע צו־ פאַרבהמישן אַ פאָלק, איז אין אים ביזן לעצטן מאָמענט נישט אויסגעלאָשן געוואָרן די מדרגה פון מענטש־זיין, וואָס ווערט געמאָסטן מיט דער זאָרג און אחריות פאַר דער צוקונפט.

איך פאַרשטיי דיך, מיין טייערער מאָטל, איך פאַרשטיי, ווי שווער עס איז דיר צו טראָגן, צוזאַמען מיט דיין אייגענער זאָרג פאַר דער צוקונפט, די צוקונפט־זאָרג פון די דאָזיקע אַלע מיליאָנען, וועלכע האָבן געטראָגן אין זיך דעם געשריי פון איובן: „ארץ, אל תכסי דמי!״ (אָ, ערד, זאָלסט נישט פאַרדעקן מיין בלוט!). ווי איך פיל מיט דיין בעטן זיך ביי זיי, ביי אונזערע ברידער־קרבנות: „זעט די גרויסע קייטן, וואָס די גרויסע וועלט האָט מיר אויף הענט און פיס אָנגע־ האָנגען... לאָזט מיך!״

אָבער דו ווייסט אַליין, אַז דיין בקשה איז אומזיסט: „ווי איז דיר, ווען דו וועסט אויף אַ מינוט פאַרגעסן, ווען דו וועסט אויף אַ סעקונדע דיין יידישע פעדער פאַרראַטן!...״

דו וועסט עס נישט קענען טון. אָבער ווען דו זאָלסט עס קאָנען, מאָטל שטריגלער, וואָלסטו דאָס דען געטון? וואָלסט מסכים געווען צו פאַרגעסן?

עס וועט זיין גענוג דו זאָלסט זיך שטעלן די דאָזיקע פראַגע און דערביי אַריינקוקן טיף אין זיך, כדי דו זאָלסט איינזען, אַז עס לוינט נישט אָפּצוגעבן פאַרן ביסל רו, וואָס דו וועסט קויפן דורכן פאַרגעסן, אַ רייכטום, וואָס פאַלט אוים אויף איינעם פון אַ מיליאָן. דו, מאָטל שטריגלער, טראָגסט די לעצטע האָפנונג פון מיליאָנען, און ווי צו אונז אַלע, אויב דו וועסט אין אונזער סביבה געפינען מוט זיי צו פאַרראַטן.

אָבער ווי אַזוי קאָנסטו פאַרראַטן, אויב דו האָסט שוין דערפילט דעם חוב?

מאָטל, דו שרייבסט אין בריוו צו לייוויקן, אַז דו ביסט

פּול מיט אימפּעט צו שרייבן, און דו פילסט גאָר אַליין נישט, אַז אין דאָזיקן בריוו מיטן צוזאָג, איז שוין דער צוזאָג דער־פילט מיט אַן עודף. דו קלייבסט זיך צו שרייבן, מאָטל, און אַלץ איז דאָך שוין אויפגעשריבן אין דיין בריוו. אַלץ. וואָס דו וועסט נאָך שרייבן, וועט זיין בלויז אַ קאָמענטאַר צום בריוו, נישט מער. די גאַנצע קראַפט, וואָס האָט זיך אין דיר אָקומו־לירט אין די זעקס שרעקלעכע יאָר, איז עסענצאַרטיק דיסטי־לירט געוואָרן אין דיר דורך יאָרן און יאָרן און ווי נאָר דו האָסט גענומען די פּעדער אין דער האַנט, האָט אַלץ אויפגע־פּלאַצט אין דיר און אין דיין ערשטן בריוו איז דאָ אַלץ, אַלץ, אונזער גאַנצע מאָדערנע איכה מיט אַלע אירע קאַפּיטלען.

דו שרייבסט: „מ׳טרייבט צו די וואַגאָנעס... טויזנטער... טויזנטער יידן שטראָמען אַהין רעזיגנירטע... פּטור צו ווערן איינמאָל דאָס לעבן פון אַ געיאָגטן הונט!... די דריי שוועס־טערן גאָלדגראַבער, דריי פון די פּרעכטיקסטע וועזנס, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געאַרבעט, שטייען נעבן אים און בעטן זיך: מאָטעלע! קומט לאָמיר אַריינגיין אין איין וואַגאָן! איר זענט אַזאַ באַרעדעוודיקער און פריילעכער... ווען איר רעדט פון טויט — פאַרלירט מען פאַר אים יעדע שרעק... מיט אייך וועט זיין לייכטער אין טויט אריין צו פאָרן!”...

וואָס קענסטו נאָך דערציילן, מאָטעלע שטריגלער, וואָס זאָל אָנפילן דאָס האַרץ מיט מער טרערן, ווי די עטלעכע ווערטער: „דריי פון די פּרעכטיקסטע וועזנס”? ווי רייך עס איז נישט דיין גרויל־דערפאַרונג, וועסטו שוין נישט מאַכן בולטער פאַר אונז דאָס, וואָס איז געשען. דו רעדסט פאַרביי־גייענדיק וועגן דיינע באַקאַנטע „דריי פּרעכטיקסטע וועזנס” און מיר געפינען זיך פּלוצלונג צווישן מיליאָנען אַזעלכע פּרעכ־טיקסטע וועזנס, מיליאָנען מענטשן, — נאָענטע, ליבע און טייערע, — געשאַפענע פאַר פרייד און לוסט, פאַר לעבן און געבן לעבן, און זיי ווילן זיך לייכטער מאַכן די לעצטע גע־

שפּענסטישע נסיעה אין טויט אַריין דורך מענטשלעך רעדן וועגן אים.

מאָטל, דיר, איינעם פון די לעצטע עדות פון אומקום פון אַ פאָלק, פון מיין און דיין פאָלק, קאָן מען קיין ליגן נישט זאָגן (און בכלל, קאָן דען אַ מענטש פון 50 יאָר ליגן זאָגן, ווען ער כליפּעט ווי אַ קינד?), און איך זאָג דיר, אַז איך האָב שוין געלעיינט צענדליקער גרויליקערע באַשרייבונגען פון דעם, וואָס איז געשען, ווי דיין סצענע פון פאָרן אין טויט אַריין, און דאָך האָט מיך קיינער נאָך אַזוי נישט דערנענטערט אוממיטלבאַר צו דער טראַגעדיע פון מיין פאָלק, ווי דו מיט דיינע עטלעכע ווערטער. איך האָב דערזען מיליאָנען פּרעכטיקע וועזנס, צעדעפּטשעטע דורך ווילד געוואָרענע חיות, און אַרום, אין ריזיקן וועלט־אַמפּיטעאַטער, איז געזעסן די וועלט און צוגעזען די יאָרנלאַנגע פאָרשטעלונג... דו האָסט מיך, דורך דעם כישוף פון וואָרט, אַריינגעפּרעסט צווישן די מיליאָנען פון מיין פאָלק, מיט זייער שיינקייט און רייכקייט, מיט זייער געשענדעטער (אומענדלעך געשענדעטער) מענטשלעכקייט.

אָבער נישט נאָר אונזערע פאַרפּייניקטע טויטע מאַכסטו לעבעדיק פאַר מיר, מיין גרעסערער ברודער (הגם איך בין טאָפּלט אַלט ווי דו), — דו מאַכסט אויך לעבעדיק פאַר מיר און פאַר אונז די לעבעדיקע טויטע, וועלכע וואַנדלען אַרום, ווי שאָטנס, אויף די חורבות פון אונזער וועלט.

איך בין נאָר איינער פון זיי. איך בין נישט געווען אין היטלערס קאָנצענטראַציע־לאַגערס; און דאָס שאַנכייער געטאָ טאָר מען גאָר נישט דערמאָנען ווען מען רעדט וועגן יענע. איך בין אָבער געזעסן אין אַ גייסטיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער, און מערקווירדיק, ווי אונזערע איבערלעבונגען בנוגע דעם צער פון אונזער אומה זענען אָפּט אַזוי ענלעך, נישט געקוקט אויף דער אַנדערשדיקייט פון אונזער פּיין.

אויך פאַר מיר איז דער ערשטער לעבעדיקער יידישער אות געווען די „צוקונפט" (כ'אונטערדריק מיין ליטעראַרישע געוווינהייט, וואָס הייסט מיר עקספּלאָאַטירן דעם דאָזיקן צופאַל אַלס סימבאָל, דורך אָראָפּנעמען די אָנפיר־צייכנס פונם וואָרט צוקונפט, — איך וויל נישט אין דאָזיקן בריוו צו דיר קיין שפּור פון ליטעראַרישקייט), און גראָד מיט דיין בריוו. אויך איך האָב זיך צוגעכאַפּט, ווי אַ דורשטיקער, צום יידישן געדרוקטן וואָרט, צו אונזער איינציקן היימלאַנד- וואָס פאַרייניקט אונז אַלע. „באַקאַנטע נעמען נאָך... דער לעבט נאָך, און יענער... יענער אויך... ווידער האָט דאָס פאַרשמאַכטע געפיל אָנגעהויבן אויפצוטייען מיט בענקשאַפט און — זאָלן מיר אָפּן זיין — מיט · אַ קליין ביסעלע קנאה"...

זענען דאָס דיינע ווערטער אָדער מיינע? דו כישופמאַכער, ווי אַזוי האָסטו מיר פאַרקוקט אין האַרץ אריין און אַזוי קלאָר דערשפּירט מיינע געפילן? אויך ביי מיר איז דער ענטוזיאַזם מיטן באַלעבטן ליטעראַרישן לעבן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער „צוקונפט", שנעל אונטערגעשווענקט געוואָרן דורך דעם געדאַנק: וויפל קינסטלעכע אָטעמונג מען דאַרף איינגעבן דעם דאָזיקן לעבן: גאַנצע זייטן, אָנשטאָט צו געבן ליטעראַטור, גיבן נעמען פון די בויערס פון הער „צוקונפט". דער איינציקער גרויסער ליטעראַרישער זשורנאַל מוז בסדר געבויט ווערן, כדי ער זאָל נישט איינפאַלן. אָבער דאָך רייס איך זיך אויך אַהין, צו אַ גרויסן ישוב פון יידן, ווו די געדיכטקייט פון דער מאַסע שאַפט נאָך אַ מקום מקלט פאַרן יידישן גייסט.

מיר, די לעבן געבליבענע יידן פון יידנלאַנד אין גלות שאַנכיי, — צווישן יידן — אין גלות, — לעבן איבער ווי דו „די שרעקלעכסטע טראַגעדיע פון אַלע צייטן, ווען פאַר געציילטע, איבערגעבליבענע פון מיליאָנען, זאָל נאָך ווייטער זיין דאָס פּראָבלעם: וווהין?"... און ווי דו, האָבן מיר אויך געכאַפּט

אַ בליק אויף דער פריער וועלט דורך אַ לאָדן־שפּאַלט און — ס'האָט אונז אַרומגעכאַפּט אַ „קאַלטע אַנטוישונג". ווייל אונ־זערע ערגסטע פאַראויסזאָגונגען זענען מקוים געוואָרן: „די קאַלטע שטיפמאַמע וועלט האָט מיט גאָרנישט זיך נישט גע־ענדערט!" אדרבא, זי איז נאָך ערגער געוואָרן: די האַלב־גע־פּגרטע, אָבער נישט אָפּגערוימטע נאַצי־נבלה צעלייגט זיך און פאַרפּעסטעט די וועלט און קיינער וויל זי נישט באַגראָבן — טאָמער וועט נאָך געלינגען זי אָפּצומינטערן און מאַכן פון איר אַ לייט...

און ווי דו, מאָטל, קוק איך אויך מיט צער „אויף די לעצטע בליטן פון אַ יידישער יוגנט; ער זעט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און נעמט אַרום די לעצטע פּרעכטיקייטן פון אַן אויסגעראָטן, פאַרניכטעט פאָלק, און אַלץ אין אים ציטערט אויף: זאָלן אָט די יונגע געשטאַלטן מיט זייער בלוט בלויז נוצן פאַר אַ טראַנספוזיע אינם קערפּער פון אַ וועלכן ס'איז אַנדער פאָלק...? האָבן מיר טאַקע נישט קיין רעכט אונזער אייגענעם פאָלקס־קערפּער צו דערהאַלטן, ווי עס טוען עס אויך אַנדערע פעל־קער?"

מיט וואָס פאַר אַ ריינעם טאָן עס וויינט אַרויס פון דיר, מאָטל שטריגלער, דער צער פון אונזער אומה, וואָס האָט אַזוי פיל נישט־טרייע קינדער, און דער צער פון אירע טרייע קינ־דער, וואָס האָבן נישט קיין געזונטע אומה!

און דו רעדסט זיך אַליין איין: „פאַר קיין פּוילן, קיין רוסלאַנד, פאַרשווינד ערגעץ אין אַ דאָרף אָדער אין אַ שטאָט, שטעל זיך אַרבעטן גלייך ווי אַלע אַנדערע מיליאָנען, באַהערש יענע שפּראַך, זוך דיר פון דאָרט אויס אַ פרוי און — פאַרגעס וואָער דו ביסט געווען, וואָער דו ביסט נאָך ביז איצט, טיף אין דיר... אַזוי טראַכטן צענער, הונדערטער און אויך טויזנטער — די לעצטע אָפּגעראַטעוועטע יידישע יוגנט פון די שייטער־הויפנס..."

ניין, מאַטעלע, נישטאָ פּאַר אַזעלכע, ווי דו, ווי מיר, קיין צוריק. דו געדענקסט די שרעקלעכע ווערטער פון יחזקאל הנביא: „און דאָס וואָס איר טראַכט זיך... לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער פון דער ערד, וועט נישט אויסגעפירט ווערן... מיט אַ שטאַרקער האַנט און אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם און אַן אויסגעגאָסענעם צאָרן וועל איך קיניגן איבער אייך...״

און אַזוי פיל האָבן שוין געשפּירט דעם דאָזיקן אויסגע־שטרעקטן אָרעם און דעם אויסגעגאָסענעם צאָרן, וועלכער דאָמינירט די יידישע געשיכטע. זאָל איך דיר ברענגען ביי־שפּילן פון אַזוי פיל אַוועקגעגאַנגענע? צו וואָס? דערמאָן זיך אין זיך גופא: אפילו דער טויט, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג גע־דרייט אַרום דיר, האָט נישט געקאָנט צוקומען צו דיר, ווייל דו ביסט אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ גאַנץ אַנדער קרבן, — דו מוזט פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט אויפן מזבח פון דיין אומגליקלעך פאָלק, וואָס ברענט און ברענט, ווי דער הייליקער סנה, און קאָן נישט פאַרברענט ווערן, און עס בלייבט תמיד איבער אַ שפּראָצל, פון וועלכן ער גייט ווידער אויף און צעצווייגט זיך ווידער...

און פון וואַנען ווייסטו, אַז דו ביסט נישט קיין פעדימל אין דאָזיקן עקשנותדיקן וואָרצל?

„אין אדם נתפס על צערו!״ — מען קאָן קיין מענטשן נישט פאַרדענקען ווען עס רעדט פון אים אַרויס דער צער; און ווער נאָך ווי איר, די לעבן געבליבענע קינדער פון אומ־באַהאָלפנסטן פאָלק, זענען נאָך אַזוי באַרעכטיקט צו רעדן פון צער? אָבער דער צער פון דער אומה איז אין אַזעלכע, ווי דו, שטאַרקער, ווי דער פערזענלעכער צער. איר, די מאַטעלעך, גייט וויליק צו דער עקידה, אפילו ווען איר בונטעוועט זיך.

„איר גרויסע יידישע שרייבער דאָרט! — שרייסטו אויס אין דיין פאַרצווייפלונגס־בונט. — צי ווייסט איר, וועלכן חוב מען קומט ביי אייך מאָנען אַצינד!?... אויף אייער גייסטיקער

שוים האָבן מיר זיך דערצויגן, איצט ווילן מיר נישט פאַר־לוירן גיין... ביי די שווערסטע באַדינגונגען נישט..."

מאַטעלע, מאַטעלע, ווי נאַאיוו דו ביסט! דו און דיינס גלייכן גייט איר מאַנען אַ מעגלעכקייט נישט אונטערצוגיין ביי די גרויסע שרייבער אונזערע? אויף זייער גייסטיקער שוים האָט איר זיך דערצויגן, אָבער איצט, ווען דער סם, וועלכן איר האָט איינגעזאַפּט, איז ביי אייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבנס־זאַפטן, אין איבערמענטשלעכער קראַפט, זענט איר נישט קיין חוב־מאַנער, — מען וועט ביי אייך קומען אויס־בעטלען אביסעלע קראַפט, אַ גייסטיקן אָנשפּאַר. מיט אַזעלכע, ווי דו, גייט מען נישט אונטער; און די, וועלכע האָבן אויס־געהאָדעוועט אַזעלכע ווי דו, האָבן זייער חוב פון לאַנג באַ־צאָלט. אדרבא, איר דאַרפט אָפּגעבן אייער חוב, איר, די רייכע, וואָס איר זענט צענפאַך רייכער געוואָרן, ווי פאַרן נסיון, ווי איוב נאָך זיינע ליידן.

מיט אַזעלכע, ווי דו, וועלכע האָבן אין בוכענוואַלד גע־לערנט יידישע געשיכטע, פאַרגלייענט ווערק פון יידישער ליטעראַטור; מיט אַזעלכע, ווי דו, וועלכע האָבן אין ווילנער געטאָ געטיילט פּרעמיעס פאַר די בעסטע ווערק אין יידיש און העברעאיש, — מיט אַזעלכע, ווי דו, קומט מען נישט אום, און אַזעלכע, ווי דו, האָט מען נישט צו צאָלן קיין חובות, איר זענט די רייכסטע צווישן אונז.

מיט וואָסער קנאה איך האָב געלייענט וועגן דיין קול־טור־אַרבעט אין די בוכענוואַלדס!

דאָס קאָן פילן נאָר אַזאַ ווי איך, וואָס איך בין געזעסן אין אַ גייסטיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער, וווּ מען האָט געלעבט ווי אין גן־עדן, אין פאַרגלייך מיט דיר, און דאָך — און אפשר דווקא דערפאַר — האָט מען נישט געוואָלט הערן קיין יידיש קולטור־וואָרט, מען האָט נישט געקאָנט צונויפטרייבן אַ מנין אויף אַ פאַרלעזונג, מען האָט נישט געקאָנט פאַרקויפן

קיין יידיש בוך, מען האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַרן יידישן וואָרט. אָנשטאָט דעם האָט מען געהוליעט אין קריסט־לעכן ניי־יאָר, ווייַנאַכטן, מען האָט געשפּילט אין קאָרטן און געטאַנצט שיכורערהייט מיט ערב־משומדים און גרויס־וועלטישע זונות, און איצט וועט מען קומען ווייַנען מיט פאַלשע טרערן אויף יסורים, וואָס אָדער זיי זענען נישט געווען, אָדער מען האָט זיי נישט געפילט, און מען וועט אונטערשטעלן דאָס צביעותדיקע פּנים, באַגאָסן מיט פאַלשע טרערן, יידישע רחמימדיקע הענט זאָלן זיי אָפּווישן און אַ גלעט טון.

מאָטל שטריגלער, איך קאָן זיך מיט דיר נישט גלייַכן אין פיזישער פּיין, אָבער אַזעלכע גייסטיקע יסורים, וועלכע מען האָט איבערגעלעבט אין שאַנכייער געטאָ, האָסטו נישט געהאַט; דאָ איז נישט געווען קיין גרויסקייט, ווי ס׳זענען נישט געווען קיין גרויסע לייַדן.

און אַזעלכע ווי דו האָבן איצט צו זאָגן דאָס גרויסע וואָרט, — און מיט דייַן בריוו האָסטו דאָס אָנגעהויבן צו טון; דו האָסט געגעבן דעם ערשטן „גרויס־מענטשלעכן" און „גרויס־קינסטלערישן" געשריי (ווי לייוויק האָט דייַן בריוו באַצייכנט) פון יענער זייט, און דו געהערסט צו די, אויף וועלכע מיר האָפן, וועלכע האָבן אַקומולירט און געירשנט די גרויסע מאָראַלישע קראַפט, וואָס עס האָבן אויסגעשטראַלט די מיליאָנען פאַרפייניקטע ברידער, — די, וועלכע האָבן געקוקט אויף דיר, ווי אויף אַ גייסטיקן נקמה־נעמער, די, צווישן וועלכע עס האָט זיך אפשר געפונען אויך איינער פון מייַנע ברידער, וועלכער האָט גאָרנישט געאָנט, אַז דו וועסט מיך פאַרבינדן מיט אים אין אַ קאָמוניע פון לייַדן, וואָס וועט ווידער צוזאַ־מענפּרעסן צו אַ מאָנאָליטער גאַנצקייט דאָס צעשטויבטע יידישע פאָלק.

פון טויט בליט אַמאָל לעבן. פון דייַן וואָרט פון טאָל פון טויט האָט אָפּגעטייעט מייַן פאַרשטיינערט האַרץ; ס׳האָט זיך־

באַטויט מיט טרערן, וועלכע כ׳האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געגאָסן; כ׳האָב דערפילט, אַז דאָס יידישע לעבן איז אומעטום ענלעך נישט נאָר אינם שלעכטן, נאָר אויך אינם גוטן: סיי די, וואָס זענען אַרויס פון בוכענוואַלדס גויאישן קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער מיט זיינע פיזישע גרוילן, סיי די, וועלכע גייען אַרויס פון שאַנכיים יידישן קאָנצענטראַציע־לאַגער מיט זיינע גייסטיקע גרוילן, — אַלעמען פעלט אונז אַ יידישע סביבה, אַ יידישער באָדן, אויף וועלכן מיר זאָלן קאָנען פרוכטבאַר מאַכן אונזערע פיינלעכע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען.

שטריגלער, לאָמיר זיך געבן די הענט און לאָמיר ביי קיינעם נישט מאָנען, נאָר געבן, — געבן זיך אינגאַנצן, דאָס, וואָס איז ביי איינעם געבליבן, און דאָס, וואָס ביים צווייטן נעמט עס אויפגיין.

און נאָך עפּעס, ליבער שטריגלער (און נעם דאָס נישט אויף ווי אַ שפּיצל פון אַ קריטיקער, — איך פאַרנעם זיך איצט נישט מיט מיין פאַך): די קאָמענטאַרן צו דיין אַלץ אַרומ־פאַסנדיקן בריוו שרייב נישט אין פּערזן (לאָז זיי איבער אויף שפּעטער, ווען דו וועסט שוין האָבן אויסגעגאָסן די לאַווע פון דיין אויפגעבראַכענעם ווולקאַן און דו וועסט נעמען האַקן אין גראַניט), נאָר אין דער אימפּעטיקער פּראָזע פון דיין בריוו צו ליוויקן. דאָס איז איצט דער נאַטירלעכער ריטם פון דיין נשמה און דאָס איז די שפּראַך, אין וועלכער די טויטע, דיינע און מיינע און אונזערע אַלעמענס טויטע, ווילן האָבן די פאַר־קערפּערונג פון זייער מיליאָנענפאַכער גלגולתא.

און איצט מוז איך ענדיקן מיין בריוו, וואָס וועט אפשר אַמאָל דערגיין צו דיר. און כ׳קאָן אים נישט ענדיקן ביז איך זאָג דיר נישט דאָס, וואָס כ׳וואָלט בעסער געוואָלט זאָגן דיר אין אַן ענגן קרייז פון פריינט:

ווען דו ווייסט, שטריגלער, ווי איך האָב דיך ליב! ווען דו ווייסט, ווי מיר האָבן דיך אַלע ליב!

אויף דיר האָבן גערוט די אויגן פון אַזוי פיל ברידער־אונזערע, און ווען מיר זעען דיך, צווישן די שורות פון דיין בריוו, זעען מיר אויך זיי, און אונזער אויג טרערט, אונזער־הארץ קניט און מיר שווערן זיי טרייקייט ביז צום לעצטן אָטעם. זאָל אונזער צונג צוגעקלעפּט ווערן צום גומען, אויב מיר־ווען פאַרגעסן.

דיין ברודער י. ראַפּאַפּאָרט.

ז) אַן ענטפער אויף יוליאַן טוביםס „מיר, די פּוילישע יידן"

גרויסער פּוילישער דיכטער, יוליאַן טובים.

איך האָב עטלעכע מאָל געלייענט אייער מאַניפעסט — „מיר, די פּוילישע יידן", — און אייערע ווערטער האָבן נישט געפונען קיין צוטריט צו מיין האַרץ. פאַרוואָס? ווייל איר ווילט זיך מיט אונז פאַרייניקן נאָר ביים „מזכיר־נשמות־זיין", אָבער לעבן ווילט איר מיט אַנדערע. איר ווילט פאַרוואַנדלען די גרעסטע מאַרטיראָלאָגיע אין אונזער מאַרטיראָלאָגישער געשיכטע אין אַ מצבה, אין אַ מאָנומענט פאַר די קומענדיקע פ ר ע מ ד ע דורות, בעת מיר ווילן זי פאַרוואַנדלען אין אַ רינג פון אונזער לעבעדיקער געשיכטע. איר ווילט אויף אונזער גרעסטן קבר, אויף די סימבאָלישע חורבות פון וואַרשעווער געטאָ (וואָס זענען אַ נייער כתל־מערבי, ביי וועלכן אַ פאָלק וועט אויסוויינען זיין צער און צאָרן, זיין ווייטיק און זיין ליבע אין משך פון יאָרטויזנטער), אָנצינדן אַ נר־תמיד אַלס דעראינערונג וועגן אויסגעשאָכטענעם פאָלק („כדי עס זאָל פאַר די קומענדיקע דורות בלייבן אייביק פריש און לעבעדיק דער אָנדענק וועגן דעם אויסגעשאָכטענעם פאָלק און ווי אַ־צייכן, אַז פריש און לעבעדיק איז אונזער ווייטיק נאָך אים"),

און מיר ווילן ווייטער ציען די לעבעדיקע געשיכטע פון די פאַרפּייניקטע. די אידיליע, וואָס איר מאָלט אוים אונז צו טרייסטן („און קריסטן וועלן זיך איבערציילעמען...״), איז פאַר אונז קיין טרייסט נישט, — מיר טרוימען וועגן לעבעדיקע יידישע דורות, וואָס וועלן טראָגן אין זיך דעם לעבעדיקן המשך פון די. וועלכע מען האָט געוואָלט פאַרניכטן מיטן וואָרצל. מיט איין וואָרט, אייער מאַניפעסט האָט מיך געלאָזן קאַלט דער־פאַר, ווייל איר קומט אונז בלויז מנחם אבל זיין, אָבער נישט צו בלייבן מיט אונז; איר קומט מיט אונז מיטליידן אויף אונזער בית־עולם, אָבער איר ווילט מיט אונז נישט מיטבויען אונזער לעבן.

איך לייען אייערע פּאַטעטישע זאַצן: „אַזאַ מבול פון מאַר־טירערישן בלוט איז נאָך נישט געווען זינט די וועלט איז אַ וועלט און דאָס בלוט... פליסט מיט די ברייטסטע און טיפסטע שטראָמען. זיינע שוואַרץ געוואָרענע פלוסן גיסן זיך צונויף אין אַ שטורמישן, שוימיקן טייך — און אין אָט דעם ירדן נעם איך אָן די טבילה איבער די טבילות: די בלוטיקע, הייסע, מאַרטירע־רישע ברודערשאַפט מיט די יידן. נעמט מיך אריין, ברידער, אין דעם ערנהאַפטן שותפות פון דעם אומשול־דיק פאַרגאָסענעם בלוט. צו אָט דער קהילה, צו אָט דעם טעמפּל וויל איך פון היינט אָן געהערן״.

טובים, אויב איר ווילט געהערן צו אונז בלויז סימבאָליש, אַלס מיטגליד פון אָרדן „ייד דאָלאָרים קאַוזאַ״, איז פאַר אונז נישט נויטיק די גאַנצע מעלאָדראַמאַטישע אינסצעניזאַציע מיט דער „טבילה איבער טבילות״, מיטן געהערן צו „אָט דער קהילה״ (פון אויסגעשאָכטענעם פאָלק), צו „אָט דעם טעמפּל״ פון טויט, — אונזער צער איז צו גרויס, מען זאָל אונז קאָנען פאַרשפּילן מיט מליצות אָדער מיטן מער ווי צווייפלהאַפטן טרוים פון אַזאַ צוקונפטיקן פוילן, אין וועלכן דער מגן־דוד פון

די געטאָ־אָרעם־בענדער „וועט זיך פֿאַרוואַנדלען אין דער העכס־טער אויסצייכנונג, וואָס וועט געגעבן ווערן די העלדישע פּוי־לישע זעלנער און אָפֿיצירן, זיי וועלן זי מיט שטאָלץ טראָגן אויף דער ברוסט נעבן דעם אַמאָליקן „ווירטוטי מיליטאַרי״, אָדער מיטן טרוים וועגן אַ „געטאָ־מעדאַל — אַ טיף סימ־באָלישער נאָמען״.

איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס אפילו פֿאַר אַ נאַאיוון דיכטער (און איר, טובים, געהערט נישט צו די נאַ־איווע דיכטער) איז נישט פּאַסיק אַזוי צו טרוימען: אפילו אַ טרוים טאָר נישט זיין אַזוי לעבנס־פרעמד, ווי אייערער; אָבער ווען מען האָט שוין אָפּילו נישט מורא פֿאַר לעכערלעך זיין, טאָר מען נישט טרוימען אַזוי, ווי איר טוט דאָס, פון יראת־הכבוד וועגן: דאָס בלוט פון די קרבנות איז נאָך נישט פאַר־טריקנט געוואָרן, זייערע זיפצן פילן נאָך אוים די גאַנצע ערד און אַלע הימלען און מיליאָנען יידישע הערצער בלוטיקן נאָך אויף דער וואָר און אין די חלומות, און איר פֿאַרוואַנדלט זיי שוין אין פ ר ע מ ד ע סימבאָלן, אין ביליקע מעדאַלן אויף פרעך־שטאָלצע מיליטערישע ברוסטן? און איר, אַ דיכטער, פילט גאָר נישט, אַז איר פאַרשוועכט דערמיט נישט נאָר דעם הייליקן מגן־דוד פון געטאָ, נאָר אפילו אייער צווייפלהאַפטן טרוים פון אַ זאַ פּוילן?

היינט די פּערספּעקטיוו פון דעם, אַז קריסטן (ס׳אַרא כבוד פֿאַר אונז, זשידליאַקעס!) וועלן פאַרבייגיין דעם מאָנומענט, וואָס פּוילן וועט אויפשטעלן אויף די הייליקע געטאָ־חורבות, און וועלן זיך איבערצייילעמען! אונזערע טייכן בלוט, וואָס פליסן זייט צוויי טויזנט יאָר, זענען פאַרגאָסן געוואָרן דירעקט אָדער אומדירעקט אין צייכן פון קרייץ: די שנאה צו אונז האָט פאַרפלאַנצט (און האַלט נאָך אונטער!) דער קרייץ! אָנשטאָט צו פאַרזייען ליבע, האָט ער געזייט שנאה. און אויף די חורבות פון געטאָ, — ווו די זעקס מיליאָן געקדייציקטע פֿאַר זייער

יידישקייט האָבן נישט באַגעגנט אין דער גרעסטער פּיין קיין ליבע־בליקן און קיין ליבע־הילף מצד די אָנהענגער פון דער ליבע־רעליגיע, — מאָלט איר זיך אויס אַן אידיליע, ווי מען ציילעמט זיך איבער צו אונזער כבוד, צום כבוד פונם אויס־געשאָכטענעם, פאַרראַטענעם פאָלק?! איך האָב אייך קיינמאָל נישט חושד געווען, אַז איר זענט אַ ייד, אָבער אַז איר זענט אַזוי פרעמד, האָב איך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. פאַראַן זאַכן, וואָס מען קאָן זיי נישט פאַרייניקן, בפרט אין אַ דיכ־טערישן טרוים. קאָנט איר, אַלס פּוילישער דיכטער, טרוימען מיט ענטוזיאַזם, ווי מען שענקט אַ פּוילישן זעלנער אַ סוואָ־ראָוו־אָרדן? אַן אָרדן פון יעקאַטערינע די גרויסע? ווי אַזוי־זשע קאָן אַ דיכטער, וואָס וויל געהערן צו אונזער מאַרטירער־קהילה, חלומען מיט באַפרידיקונג, וואָס דער זעקס־מיליאָניקער בית־עולם, געשפּענסטיש פאַרפלאָנצט מיט דער אַקטיווער און פּאַסיווער ברכה פון דער קריסטלעכער וועלט, וועט באַערט ווערן דורך ציילעמען זיך? אפילו די ווייניק אָפּגעראַטעוועטע קינדער וויל דאָך דער קרייץ צורויבן ביי אונז!

אפילו דאָס, וואָס איר ווילט טון פאַר אונז (באַערן אונז אין אונזער טויט), טוט איר אויך אויף אַ פרעמדן, נישט־יידישן אופן; אָבער ווען דאָס באַערן אונזער טויט וואָלט דורך אייך געווען געמאַכט געוואָרן סובטעלער, וואָלט דאָס פאַר אונז אויך נישט געווען גענוג, ווייל מיר ווילן נאָך לעבן, און מיר נעמען אַריין אין אונזער קהילה נאָר די, וועלכע זענען גרייט נישט נאָר צו באַזאָרגן אונזערע טויטע מיט מאָנומענטן פאַר פרעמדע, נאָר אויך צו באַזאָרגן אונזערע לעבנגעבליבענע מיט אַ מעגלעכקייט צו לעבן פאַר זיך.

און דאָס ווילט איר אונז נישט געבן. אין לעבן גע־הערט איר און איר ווילט געהערן צו אַנדערע. איר גיט אָן פאַר דעם אַ גענוגנדיקן גרונט: „איך בין אַ פּאָליאַק — צוליב עפּעס אַ געפילס־פאָראורטייל". איך האָב נישט צו אייך קיין

טענה, אָבער מיר דאַרפן האָבן אין אונזער קהילה מיטגלידער, וועלכע זענען יידן לכל הפחות אויך צוליב א געפילס־פאַראור־טייל, אויב שוין נישט צוליב וואָגיקערע מאָטיוון (וועלכע זענען שטענדיק געווען, און איצט זענען זיי נאָך שטאַרקער ווי תמיד). באַגראָבן אונזערע טויטע, באַוויינען זיי און באַערן זיי קאָנען מיר אַליין, אפילו ווען זיי זענען אַזוי פיל, ווי דאָס מאָל; דערויף דאַרפן מיר נישט האָבן קיין שותפים (אפילו ערנהאַפטע). מיר זענען גרייט צוצונעמען אַלס ברידער אפילו פון לאַנג אוועקגעגאַנגענע, אויב זיי קומען צו אונז נישט ווי קריסטן, ד. ה. מיט דערקלערן זיך אין ליבע, נאָר ווי יידן, פאַר וועלכע די מאָס פון צוגעהעריקייט איז נישט דאָס פרוכטלאָזע זאָגן, נאָר די פרוכט־ברענגענדיקע טאַט. מיר קענען אריינגעמען אין אונזער חרובן פאָלק אַזעלכע, וועלכע ווילן שאַפן פאַר אים א גייסטיקע און מאַטעריעלע מעגלעכקייט צו לעבן. ווילט איר דאָס, טובים, וועלן מיר אייך צונעמען מיט ברייט־צעעפנטע אָרעמס. מיר וועלן אייך אפילו נישט פרעגן: פאַרוואָס איז נישט געווען גענוג פאַר אייך אויף צוריקצוקומען דאָס בלוט פון צוואַנציק יאָר פשיטיקס, פאַרוואָס האָט איר דווקא געמוזט האָבן דעם בלוט־ים פון אייראָפּע 1940 — 1945. מיר וועלן אייך די דאָזיקע פראַגע נישט שטעלן, ווייל א פאָלק איז ווי גאָט: ער איז תמיד גרייט אויפצונעמען עכטע בעלי־תשובה. אָבער מיט איין באַדינג: איר זאָלט אונז שענקען נישט נאָר אייער טרער פאַר די טויטע, נאָר אויך אייער האַרץ און מוח פאַר די לעבעדיקע.

אָבער איר טראַכט נישט וועגן דעם. אַנשטאָט צו דער־שפּירן אַן אמתן, טיפן, טיף־מענטשלעכן און טיף־דיכטערישן פאַרלאַנג זיך אומצוקערן צום אייגענעם פאָלק, וואָס האָט אין משך פון הונדערט דורות פאַרמענטשלעכט דאָס האַרץ פון דער צוויי־פיסיקער חיה, וואָס טראָגט מיט אומרעכט דעם נאָ־מען מענטש, זיך אומצוקערן צום פאָלק פון אייערע אבות (ווי

דאָס האָבן געטון אַ ש. אַנ־סקי, אַ משה העם), פאַרנעמט איר זיך מיט ספּקדיקער מליצה, וואָס קאָן נישט קומען פון הארצן, ווייל זי האָט קיין זין נישט. איך האָב אייך שוין פריער פאַר־געהאַלטן אייערע פלאַכע און עקרדיקע טרוימען וועגן געטאָ־מגן־דוד, פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטערישן מעדאַל, — אָבער איך געפין אין אייער מאַניפעסט נאָך מער עקרדיקע רייד.

אדרבא, הערט, וואָס איר רעדט אין אייער אָפּגעריסנקייט פון אייער שטאָם, וועלכן איר ווילט מנחם אבל זיין. „מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָבן מיר דער מענטשהייט געגעבן איין איינציקן, דורך דער רוימישער אימפּעריע אומשולדיק דער־מאָרדעטן מענטשן־זון — און עס איז געגנוג געווען דער דאָזי־קער איינציקער טויט, עס זאָל אַנטשטיין אַ רעליגיע. טאָ וואָס פאַר אַ רעליגיע וועט שוין אויסוואַקסן פון די מיליאָנען טויטן, טאָרטורן, דערנידערונגען און אין לעצטער פאַרצווייפלונג צע־קרייציקטע אָרעמס?"

עס פּאַסט נישט פאַר אַזאַ ניכטערן דיכטער, וואָס שטאַמט פון יידן, צו פּלאַפּלען אַזעלכע שטותים ביי אַזאַ געלעגנהייט.

צי האָט איר נישט באַמערקט בעתן שרייבן די אויבנ־געבראַכטע ציטאַט, אַז עס פעלן אין איר ווערטער? ווען איר זאָגט: „און עס איז געגוג געווען דער דאָזיקער איינציקער טויט, אַז עס זאָל אַנטשטיין אַ רעליגיע", פעלט דער סוף: „וואָס האָט אומגעבראַכט אומצייליקע מיליאָנען יידן". ערשט נאָכן דאָזיקן פעלנדיקן סוף, וועט אייער ווייטערדיקער זאַץ באַקומען דעם דערגאַנצנדיקן, אויסקויפנדיקן טאָן פון סאַר־קאַזם: „טאָ וואָס פאַר אַ רעליגיע וועט שוין אויסוואַקסן פון די מיליאָנען טויטע"...

מיר זעען שוין די רעליגיע, וואָס עס וואַקסט אויס פון די מיליאָנען טויטע — די רעליגיע פון אַ צווייטן קריסטוס מיטן נאָמען היטלער: אין ענגלאַנד, אין בערגען־בעלזען, אין אומצייליקע ערטער זעען מיר דאָס. דער קריסטלעכער מולך

האָט זיך נאָך מיט די זעקס מיליאָן קרבנות נישט אָנגעזעטיקט, פּונקט ווי די זעקס מיליאָן קרבנות האָבן נאָך נישט געבראָכן אונזער פאַרלאַנג צו לעבן. אדרבא, ער איז געוואַקסן, ווייל נאָך קיינמאָל האָבן מיר אַזוי בולט נישט געשפּירט, ווי איינציק אונזער פאָלק איז אויף דער וועלט, ווי אומפאַרבייטבאַר ער איז. יעדעס צווייטע יידישע האַרץ האָט געוויייטיקט, ווען יאַפּאַן האָט באָמבאַרדירט טשאַפּעי, ווען היטלער האָט צעשטערט לידיצע, ווען מוסאָליני האָט פאַרגאַזט אַביסיניע. וויפל הער־צער ביי די קריסטלעכע פעלקער האָבן געוויייטיקט ביי טרעב־לינקע און וואַרשע, ביי מיידאַנעק און ביאַליסטאָק? וויפל? דאָס קאָן מען זען ביי די פּראָצעסן אין דייטשלאַנד, ביי דער באַהאַנדלונג פון די ס. ס. ...

ניין, טובים, מיר קאָנען אייך אין אונזער קהילה נישט אַריינגעמען. און ווען איר וואָלט געלייענט דעם בריוו פון אונ־זער יידישן היסטאָריקער עמנואל רינגעלבלום, געשריבן צו דער יידישער וועלט פון חרובן וואַרשעווער געטאָ, פּנים אל פּנים מיטן זיכערן טויט, וואָלט איר אַליין דערפילט, אַז מיר קאָנען אייך נישט אויפנעמען.

אָט וואָס עמנואל רינגעלבלום שרייבט:

„מיר שרייבן צו אייך אין אַ מאָמענט, ווען 95 פּראָצענט פּוילישע יידן זענען שוין אומגעקומען אין מוראדיקע פּייניקונגען אין די גאַז־קאַמערן פון די פאַרניכטונגס־ערטער אין טרעבלינקע, סאָביבור, כעלמנאָ, אָשפּיצין אָדער זענען אויסגעהרגעט געוואָרן בשעת די „ליקווידיר־אַקציעס" אָן אַ צאָל אויף דעם שטח פון די געטאָס און לאַגערן. דער גורל פון דעם קליינעם טייל יידן, וואָס וועגעטירן נאָך און מאַטערן זיך אין דער קנאַפּער צאָל קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איז אויך באַשטימט פון פאָרויס. עס וועט אפשר בלייבן ביים לעבן אַ קליין הייפל יידן, וואָס פירן אַן אומלעגאַל לעבן אין די „אַרישע" שטאָט־טיילן אונטער דער שטענדיקער שרעק פון טויט, אָדער וואָס וואַנדערן ווי

געיאָגטע חיות איבער די וועלדער. צי עס וועט איבערדויערן די מלחמה ווער עס איז פון אונז, כלל־טוערס, וואָס מיר אַר־בעטן אין באַדינגונגען פון טאָפּלטער קאָנספּיראַציע, זענען מיר אין ספק. מיר ווילן אייך דעריבער אויף דעם וועג דער־ציילן אין קורצע ווערטער וועגן די אַרבעטן, וואָס בינדן אונז מיט אייך צום מערסטן".

איר זעט, טובים, ווי פּשוט רינגעלבלום דערציילט וועגן אומקום פון די פּוילישע יידן? פון וואַנען האָט ער גענומען די איבערמענטשלעכע קראַפט צו באַנוצן אַזאַ עפּיש־רואיקן טאָן אין אַזאַ לאַגע?

און זיין גלויבן אינם לעבן פון פאָלק! 95 פּראָצענט פון די פּוילישע יידן אומגעקומען, די לעצטע פינף פּראָצענט זענען זיכערע קאַנדידאַטן פאַרן טויט. און ער האָט געדולד מיט פּשוטע ווערטער צו דערציילן וועגן די אַרבעטן, וואָס בינדן אים מיטן כלל יידן אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

און דאַן קומט אַ באַריכט וועגן דער הילף־ און קולטור־אַרבעט אין געטאָ, וועגן זאַמלען און אָפּהיטן אַן אַרכיוו פאַר דער צוקונפט. און דאַן ווערט דער בריוו פון גיהנום אַרויס פאַרענדיקט:

„אָט דאָס איז אַלץ, וואָס מיר האָבן אייך געוואָלט זאָגן, טייערע פריינט. נישט קיין סך פון אונז זענען געבליבן ביים לעבן... אַ צעטל פון דעם אויסגעהרגעטן קולטור־אַקטיוו לייגן מיר ביי.

„צי מיר וועלן נאָך האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו זען מיט אייך, זענען מיר אין ספק. גיט איבער אונזערע הייסע גרוסן אַלע יידישע קולטור־טוער, שרייבערס, זשורנאַליסטן, מוזיקער, פּלאַסטיקער, אַלע בויער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און קעמפערס פאַר נאַציאָנאַלער און אַלגעמיין־מענטשלעכער אויסלייזונג".

און דעם מגן־דוד פון דאָזיקן מענטשן, פון אַזוי פיל אַזעל־

בע פון דער וועלט פאַרלאָזענע געטאָ־קעמפער, ווילט איר, דער דיכטער, פאַרוואַנדלען אין אַ מעדאַל אויף אַ מיליטערישער ברוסט, אין אַ מאָנומענט, אויף וועלכן מען וועט אונז טון אַ טובה און זיך איבערציילעמען? דער דאָזיקער הייליקער בריוו איז אַ שטילער אָבער מעכטיקער באַפעל צו לעבן טויזנט יאָר, צו פאַרוואַנדלען דעם געטאָ־מגן־דוד אין אַן אָרדן פון בויערס פון יידישן לעבן, פאַר וועלכע די רינגעלבלומס האָבן געזאַמלט מאַטעריאַל שטייענדיק אין דער ריי צום קרעמאַ־טאָריום אין טרעבלינקע. נאָר אַלס בויער פון אונזער לעבן, וואָס זאָל נישט אָפּנאַרן רינגעלבלומס גלויבן, קאָנען מיר אייך אויפנעמען אין אונזער מיט. נאָר דער לעבעדיקער גלויבן פון די רינגעלבלומס איז אונז וויכטיק, דער גלויבן, וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם גרעסטן נסיון אין דער געשיכטע, אָבער נישט דער פּוסט־מליצהדיקער גלויבן אייערער אין אַ רעליגיע, וואָס וועט אויפבליען אויף אונזער גרעסטן בית־עולם פאַר די 3000 יאָר פון אונזער קולטור־געשיכטע.

ניין, לויט דער עוואַנגעליע פון די רינגעלבלומס, וועלכע איז פאַר אונז פאַרפליכטנדיק, קאָנען מיר אייך נישט אויפנעמען „אינם ערנהאַפטן שותפות פון דעם אומשול־דיק פאַרגאָסענעם בלוט" (פאַרגאָסן בשותפות מיט די, צו וועלכע איר געהערט צוליב אייער געפילס־פאַראורטייל), ווייל פאַר אונזער רעליגיע, פון וועלכער רינגעלבלומס גלויבן איז נאָר אַ נייער שפּראָץ, גענערט פון זעלבן אַלטן זאַפט, איז נישט גענוג קיין טבילה (אפילו אין אַ ים פון בלוט). — זי פאָדערט נאָך אַ לעבן פון טאַט, ווייל זי איז אַ תורת־חיים, אַ תורה פון לעבן און פון הייליקן דאָס לעבן.

און דערצו זענט איר נישט גרייט.

ס'איז גענוג צו פאַרגלייכן אייער מאַניפעסט צו אונז מיט רינגעלבלומס בריוו צו אונז, כדי דאָס צו זען.

און ווען מיר האָבן אויסצווויילן צווישן העפלעכקייט צו אַ

פרעמדן גרויסן דיכטער און צווישן טרייקייט צו אונזערע גרויסע רינגעלבלומס, וועלן מיר זיך קיין איין מינוט נישט וואַקלען.

מיר וועלן נאָך ווערן האַרטער ווי פריער, ווייל אונזער פליכט צו אונזערע לעבעדיקע טויטע איז פאַרמיליאָנענפאַכט געוואָרן...

ז) אונזער הייליקער האַס

גערטעם מעפיסטאָפעל האָט בלויז געזאָגט דאָס,
וואָס פאַוסט האָט געפילט, געטראַכט, געוואָלט,
פּונקט ווי היטלער זאָגט נאָר דאָס, וואָס דאָס דייטשע פאָלק פילט, טראַכט און וויל.

אָטאָ שטראַסער: „היטלער און איך".

דעם סוף פון דער מלחמה האָבן מיר אויפגענומען מיט צופרידנקייט; מיר זענען אפילו גליקלעך מיטן פאַרשטאַנד, אָבער נישט מיטן געפיל: אונזער געמיט איז פאַרטונקלט, ווי אַן אבל. מיר זענען גליקלעך, וואָס די מלוכה פון דער ראַפינירט־סטער געמיינקייט אין דער וועלט־געשיכטע, היטלער־דייטש־לאַנד, איז צעשמעטערט; מיר זענען גליקלעך, וואָס די מלוכה פון די פרומע קעץ, פון די האַלב־ווילדע סאַמורייען, ליגט אַ חרובע. צי קענען מיר אָבער זיין גליקלעך אין פשוטן, אומ־מיטלבאַרן זין פון דאָזיקן וואָרט? דאָס גליק האָט אונז גע־טראָפן אין צושטאַנד פון אַ צו גרויסן אומגליק, מיר זאָלן אים, דעם גליק, קאָנען אויפנעמען אַזוי, ווי ער האָט דאָס פאַר־דינט. מיר זענען געהילט אין נאַציאָנאַלן טרויער. ביי אַלע יובלענדיקע פעלקער גייען אַרום אלמנות און יתומים, ווו אין די הונדערטער טויזנטער און ווו אין די מיליאָנען; אָבער בלויז איין פאָלק אויף דער וועלט האָט צו באַוויינען דעם אומקום (און וועלכן אומקום!) פון פערציק פּראָצענט פון זיין נאַ־

ציאָנאַלער פּלאַזמע און זעכציק־זיבעציק פּראָצענט פון זיינע אַקטיוו־נאַציאָנאַלע גייסטיקע כוחות.

פון ביטערן היטלער־כוס איז אויף אונזער חלק אָנגעקומען, — מאַכנדיק דעם חשבון סיי פון אַריטמעטיש, סיי פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, — צו פיל אַפילו פאַר אונז, וועלכע זענען געוווינט צום גרעסטן חלק פון יעדן ביטערן כוס, ווען און ווו די וועלט זאָל אים נישט דאַרפן אויסטרינקען. היטלער האָט אונזער פאָלק נישט פאַרוואונדעט, נאָר שווער פאַרקריפּלט. מיר האָבן געהאַט אַ צו גרויסן בלוט־אָפּפלוס, מיר זאָלן זיך פולבלוטיק קאָנען פרייען מיטן זיג, ווי אַנדערע, מער גליקלעכע, בלויז פאַרוואונדעטע פעלקער.

* * *

דאָס געוויסן פון דער וועלט איז אַ מאָדנע באַשעפעניש. גראַד דאַן, ווען מען איז זיכער, אַז עס איז אינגאַנצן אַטראָפירט, אָפּגעשטאָרבן, הויבט עס אָן אַרויסצוווייזן בולטע סימנים פון לעבן. מען טאָר נישט פאַרצווייפלען!

אַ יאָרצענדליק לאַנג האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז דאָס געוויסן פון דער וועלט איז האָפענונגסלאָז אָפּגעשטאָרבן. דאַן, ווען אַ געוויסן מיט אַ מינימום לעבן וואָלט באַדאַרפט אויפקאָכן, זיך וואַרפן אין קאָנוווּלסיעס פון עמפּערונג, האָט דאָס געוויסן פון דער וועלט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימנים פון לעבן. מען האָט געוואָרפן לעבעדיקע יידן אין אונטערגעצונדענע בתי־מדרשים (אַ רעפּעטיציע צו דער גאַלאַ־פאָרשטעלונג פון דער דייטשער „קולטור" אין טרעבלינקע), מען האָט געסמט אַביסיניער מיט גיפטיקע גאַזן; מען האָט געקוילעט מיליאָנען כינעזער, — אָבער די וועלט האָט געהאַנדלט און אונטערגעהאַנדלט מיט די רוצחים־לענדער, געגלעט זיי איבער די אָנגעשאַרפטע, פאַרבלוטיקטע נעגל, — אפשר וועט זיך דאָך איינגעבן צו פאַרהיימישן די חיות. אַ וועלט — אַ קריפּל: אָן געוויסן!

אָבער גאָט צו דאַנקען! דאָס געוויסן פון דער וועלט ווייזט ענדלעך אַרויס בולטע סימנים פון לעבן. ווי נאָר די „זיגער" זענען געוואָרן באַזיגט און עס דראָט זיי אַ טויזנט־חלק פון דעם, וואָס זיי האָבן געטון אַנדערע, האָט זיך דאָס מאָדנע באַשע־פעניש, דאָס געוויסן פון דער וועלט, אַ ריר געטון. קודם־כל האָט זיך אַ ריר געטון דער אַפּאָסטאָלישער שטול און ס'האָט אָנגעהויבן צו סקריפּען מיט פאַרזשאַווערטן געוויסן אין אַלע עקן וועלט: „מען דאַרף נישט קיין נקמה!", „מען טאָר נישט בעמען די דייטשע געפאַנגענע אויף אַרבעט, — זאָלן זיי פאָרן געזונטערהייט אַהיים!". די וועלט, וועלכע האָט געשוויגן בעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז שטאַרק באַאומ־רואיקט, וואָס פון די אַרויסגעטריבענע דייטשן אין פּוילן זענען נישטאָ קיין שום ידיעות, — ווער ווייסט, וואָס מיטן דאָזיקן אוצר פון דער מענטשהייט איז געשען! און אַן ענגלישער לייר־באָר־מיניסטער שעמט זיך נישט צו זאָגן נאָך טרעבלינקע, נאָך די הונדערטער טרעבלינקעס, אַז דאָס שווידערלעכסטע בילד, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן, איז דאָס בילד פון די היימלאָזע דייטשע פרויען און קינדער. ס'אָרט חלושדיקע פאַר־שטעלונגס־קראַפט דער דאָזיקער לייבאָר־מיניסטער האָט! דער־פאַר לאָזט אים, ווייזט אויס, קאַלט דאָס בילד פון די 16 טויזנט געפאַנגענע אין בעלזענער קאָנצענטראַציע־לאַגער, וועל־כע ליידן נאָך אַלץ קעלט און הונגער און מאַנגל אין פרייהייט אַ האַלב יאָר נאָכן קריג, בעת די געמשפּטע אין נירענבערג זעען אויס אַזוי גוט, ווי נאָך אַ פּענסיאָנאַט...

געוויס: ס'איז אַ גרויל פאַרצושטעלן זיך דעם גורל פון די דייטשן: זעקס יאָר געלעבט אויף דעם פּאַריאַכטן קאַרק פון אַ וועלט אַלס אומבאַגרענעצטע באַלעבאַטים איבער פרעמדע פאַרמעגנס און לעבנס, און מיט אַמאָל שטעלט מען זיי נאָר אין דער פּאָזיציע פון די פאַראַכטעטע פרעמדע אַרבעטער, — זיי, וואָס זיי קומט דער זיג און די בייטש בירושה נאָך פון

זואַטאַנס צייטן! מען קאָן משוגע ווערן פון אַזאַ אומגערעכטי־קייט פון גורל! נישט אומזיסט האָט דאָס אויפגעריסן אַפילו דער וועלטס פאַרחלשטן געוויסן.

אמת, מען פירט זיי נישט, די באַזיגטע דייטשן, אין די טרעבלינקעס, מען וויל זיי צווינגען נישט אויסצופּרוּוון אויף זיך זייערע ראַפינירט־צוגעטראַכטע אינקוויזיציעס, נאָר בלויז אָפּצובויען אַביסל די צעשטערטע לענדער, — אָבער אַ פּילבאַר געוויסן דאַרף קיין סך נישט האָבן אויף וואָך צו ווערן...

איך בין זיך מודה: שוין בעסער אַ וועלט אינגאַנצן אָן געוויסן, איידער אַ וועלט מיט אַ געוויסן, וואָס כאַפּט זיך אויף גראָד ביי די אומפּאַסיקסטע געלעגנהייטן, וואָס האָט מער רחמנות אויפן מערדער, ווי אויף די דערמאָרדעטע.

* * *

די סקריפּענדיקע געוויסנס גרעגערן: „דאָס איז געטון געוואָרן אין דער צייט פון קריג און יעדער קריג איז גרויזאַם און אומגערעכט!״ אָבער צווישן דער גרויזאַמקייט פון גרויזאַמסטן קריג און דער גרויזאַמקייט פון די דייטשן אין דאָזיקן קריג ליגט דאָך אַ תהום! די דייטשע קריג־פירונג אין ערשטן וועלט־קריג איז אויך געווען נישט דער ערך גרויזאַמער פאַר דער קריג־פירונג פון אַנדערע קריגפירנדיקע לענדער, אָבער ווי הומאַניטאַר עס זענען דאַן געווען די דייטשן אין פאַרגלייך מיט היינט! קאַלטבלוטיק — נישט אין דער היץ פון פראָנט! — באַשטימען און אַדורכפירן די פאַרניכטונג פון אַ גאַנצן פאָלק, אַ שוצלאָזן, אַן אומבאַוואָפנטן, אַן אריינגעזועצטן אין געטאָס און אַן אויסגערויבטן ביזן לעצטן פאָדים, — אָבער ניין, מען קאָן נישט די גרוילִיקייט פון דער דאָזיקער זינד אַריינפּאַסן אין ווערטער, און ווען מען זאָל דאָס קאָנען און די פאַרשטעלונגס־קראַפט זאָל דאָס דערזען, וואָלט אוממעגלעך געווען צו לעבן.

„כי לא יראני האדם וחי״, האָט גאָט געזאָגט וועגן זיך, ווייל פאַרשטעלן זיך ווי געהעריק, דאָס הייסט זען דאָס אומ־

געהויער יראת־הרוממותדיקע, וואָס הייסט גאָט, הייסט אויס־ברענען אינגאַנצן אין איין מאָמענט, מער נישט קאָנען לעבן.

פונקט אַזוי איז אוממעגלעך פאַרצושטעלן זיך, דערזען דאָס אומגעהויער גרויליקע אין דעם ריכטיקן פאַרנעם און אין דער ריכטיקער געשטאַלט און נאָך קאָנען לעבן. קיינער קאָן נישט באַגרייפן אין איר גאַנצער מאָנסטראָזיטעט די זינד פון היטלער־דייטשלאַנד און בלייבן לעבן; אָבער אַ שטיקל באַגריף וועגן דער זינד שיינט פאַר אונז אויף פון דער ווייטן און מיר זאָגן מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט, מיט דער גרעסטער זיכערקייט, אַז מיר זענען גערעכט: דאָס דייטשע פאָלק דאַרף און מוז פאַרניכטעט ווערן!

„מען דאַרף נישט קיין נקמה!” שרייט אונז אַנטקעגן דער אומגעריכט אויפגעוואַכטער געוויסן. אָבער ווער רעדט וועגן נקמה? ביאַליק זאָגט אין זיין „שמים, בקשו רחמים עלי”, אַז עס איז נישטאָ קיין נקמה פאַרן מאָרד פון אַ קינד. טאָ ווי זאָל זיין אַ נקמה פאַר שלעפּן צו די קרעמאַטאָריומס מיליאָנען לעבעדיקע קינדער דורך הינטישע פּיסקעס?! אַ גאַנצע ליטעראַטור האָט באַזונגען די אָפּגעשניטענע האָר פון די יידישע מיידלעך פאַר זייער גיין צו דער חופּה; דאָס פאָלק האָט געפּיעסטעט זייער מיידלשן טרויער; טאָ וואָסער נקמה קאָן זיין פאַר פאַרשוועכער, וועלכע האָבן געשוירן די האָר פון מיליאָנען פרויען און מיידלעך — נישט פאַר דער חופּה! — נאָר פאַרן פירן זיי אין די גאַז־קאַמערן?! נישטאָ גאָר קיין גענוגנדיקע נקמה פאַר דעם אַלעם!

און עס איז בכלל נישטאָ קיין מעגלעכקייט פון נקמה פאַרן דערהויבענעם און ריינעם גייסט. ווי אַלדאָס ערדישע און גראָבע, ווי אַלע ערדישע און גראָבע געַנוסן, איז אויך דער זיסער גענוס פון נקמה בלויז פאַר די מגושמדיקע און גראָבע (איז דאָך די דייטשע בלוט־אָרגיע אַ נקמה פאַר דער מפּלה פון 1918!).

ווען דער שונא ליידט, הערט ער אויף פֿאַרן שיינעם גייסט צו זיין שונא און מערדער און ער ווערט — מענטש. ליידן פֿאַרמענטשלעכן אַפֿילו אַ חיה. דער דערהויבענער גייסט זעט דאָס מענטשלעכע און זעט די קליינלעכקייט פֿון נקמה, ווייל זי קאָן סיי ווי סיי נישט גוט מאַכן דאָס געשענע, די שרעקלעכע עוולה. די איינציקע מעגלעכע נקמה איז — ווען דער גרויזאַמער הויבט אָן זיך אַליין צו פּייניקן פֿאַר זיין גרויזאַמקייט.

אָבער דער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס די דייטשן זענען חיות, וואָס ווערן לחלוטין נישט פֿאַרמענטשלעכט אַפֿילו דורך ליידן. עס איז נישטאָ דער מינדסטער פֿאַרדאַכט, אַז זיי וועלן זיך ווען נישט איז אַליין נעמען מאָראַליש פּייניקן פֿאַר זייער גרויזאַמקייט. און הגם קיינער רעדט נישט וועגן נקמה, פֿלאַמט אָבער אונזער צאָרן: ווו איז די עטישע עמפּערונג, וואָס כאַפּט אימפּולסיוו דעם פֿאַרגוואַלטיקער און ברעכט אים דעם גניק אָן דעם מינדסטן געדאַנק וועגן נקמה? קיינער רעדט נישט וועגן קאַלטבלוטיקער נקמה, — אָבער ווו איז דער קאַכיקער אויפֿברויז קעגן זינד, וואָס וועלן נישט לאָזן שלאָפֿן מענטשן נאָך אין טויזנטער יאָרן אַרום? ווו איז ער — דער דאָזיקער אויפֿברויז, וואָס נאָר ער אַדלט דאָס לעבן?

נאָר איין זאַך קאָן אויב נישט אויסקויפֿן, איז, לכל הפּחות, פֿאַרווישן דייטשלאַנדס זינד: איר פֿולשטענדיקע פֿאַרניכטונג אַלס נאַציע. דאָס דאָזיקע פֿאָלק האָט נישט נאָר פֿאַרדינט די קאַפּיטאַלע שטראָף (נישטאָ פֿאַר דייטשלאַנד נישט קיין פֿאַרגעבונג און נישט קיין פֿאַרענטפֿערונג!), — נאָר זי האָט די דאָזיקע שטראָף געמאַכט פֿאַר אומפֿאַרמיידלעך: עס גייט נישט וועגן נקמה, נאָר וועגן דעם, ווער עס האָט מער רעכט צו לעבן: די מענטשהייט צי נאַצי־דייטשלאַנד. און אויב עס זענען ערגעץ ווו דאָ דייטשן, וואָס פֿילן און טראַכטן נישט ווי נאַצים, נאָר ווי מענטשן, וועלן זיי זיך נישט דערוועגן אַרויסצוטרעטן

קענען דאָזיקן אורטייל, — זיי וועלן אַליין מוזן זאָגן מיט אומ־ענדלעכן ווייטיק: „מיר פאַרדינען נישט צו לעבן אַלס נאַציע; די מענטשהייט מוז באַטראַכטן אונזער ווייטערדיקע עקזיסטענץ אַלס באַליידיקונג פון עלעמענטאַרסטן גערעכטיקייטס־געפיל".

עס איז לעבערלעך אין דאָזיקן פאַל די טריוויאַלע פאַר־ענטפערונג: נישט דאָס דייטשע פאָלק האָט דאָס געטון! אַ גרויסער טייל פון דייטשן פאָלק האָט דאָך צוערשט אָפּלאָ־דירט היטלערס קאַניבאַלישע פּראָגראַם און דאַן אַפּלאָדירט זיינע קאַניבאַלישע מעשים; אַ גרויסער טייל פון דייטשן פאָלק האָט געצויגן נוצן פון היטלערס מעשים, — מען האָט באַרויבט די דערמאָרדעטע און געשיקט פּעקלעך אַהיים. און דאָס גאַנצע פאָטערלאַנד האָט מיט נחת אויסגעפּאַקט די קליינע אָנצוגלעך און קליידעלעך, די קליינע מאַנטעלעך און שיכעלעך און גע־קליידט אין די דאָזיקע בלוט־אָנגעזאַפּטע בגדימלעך זייער היטלער־יוגנט, די וואַמפּירן פון אַ דור שפּעטער. זיי, די צוואַנ־ציק מיליאָן היטלעריסטישע שטימען, זענען דאָס דייטשע פאָלק, ווייל קיין אַנדער דייטש פאָלק איז נישטאָ: מען האָט עס נישט געזען אין משך פון די גאַנצע 12 יאָר פון היטלערס הערשאַפט. ווייזט מיר כאָטש צען זעלבסטמאָרדן פון דייטשן, באַגאַנגענע נישט צוליב פּערזענלעכע סיבות, נאָר צוליב מאָראַלישע ליידן פאַר זייער פאָלקס געזונקנקייט, און איך וועל אַביסל מילדערן מיין אורטייל איבערן דייטשן פאָלק. אָבער דאָס קאָן מיר קיי־נער נישט ווייזן — זיי זענען נישטאָ. דערפאַר אָבער זעען מיר, ווי אומעטום אין אויסלאַנד, וווּ די דייטשן וווינען שוין פון לאַנג, וואָס זייערע פאָלקס־ברידער האָבן אָפּגעטון, האָבן אַ טייל פון זיי אָנשטאָט געוויסנפּיין — האָפענונג אויף אַ באַ־נייאונג פון דריטן רייך; דער איצטיקער צושטאַנד איז פאַר זיי בלויז אַ פּויזע אין קאַמף. און די אַנדערע טייל שווייגט און וואַרט ווידער פּאַסיוו אויף דער אַקטיווער טייל, זי זאָל זיי פירן צו דער פאַרלוירענער גדולה. וואָרום איינס

איז זיכער: ווען היטלער זיגט, וואָלט די ווייט־גרעסטע טייל פון פאָלק מיט באַגייסטערונג געווען אָנגענומען די בלוטיקע וועלט־הערשאַפט, — כמעט אַלע דייטשן וואָלטן געווען שלום געמאַכט דערמיט.

ניין, א פאָלק, וואָס גיט ארויס אַזא קליקע, ווי היטלערס, און נעמט אָן זיין לערע און פירט אויס מיט אַזא טרייקייט זיינע באַפעלן אין קאַמף פאַר ז י י ן גאָט־ און מענטש־לעכטערנדיקן ציל, — אַזא פאָלק האָט לויט אַלע מענטשלעכע און געטלעכע געזעצן פאַרלוירן דאָס רעכט צו לעבן. אָבער דער פאַרדעכטיק־אויפגעוועקטער געוויסן פון דער וועלט האָט שוין, ווי עס שיינט, מער רחמנות מיטן מערדער, ווי מיט די דערמאָרדעטע, ווי אפילו מיט די אָפגעראַטעוועטע קרבנות, און בעת די היטלער־קרבנות הונגערן, פרירן און שטאַרבן אין די לאַגערן, איז דער ענגלישער פאַרלאַמענט עמפּערט פון דעם, וואָס דייטשע קינדער הונגערן (עס קאָנען נאָך אויס־פעלן אין א צוואַנציק יאָר ארום היטלער־זעלנער!), און פון גרויס רחמנות צום דאָזיקן אומגליקלעכן פאָלק, ווערט עס גע־לינגט שוין נישט צום צווייטן מאָל צו פאַרשקלאַפן די וועלט, וויל מען אים אָנשטאָט באַשטראָפן — דערציען.

די, וואָס רעדן אויפריכטיק, לשם מענטשלעכקייט, וועגן דערציען דאָס דייטשע פאָלק, ווייסן נישט וואָס זיי רעדן; אָבער די, וואָס רעדן דאָס נישט אויפריכטיק, נאָר לשם פּאָ־ליטיק, ווייסן שוין גראָד יאָ, וואָס זיי רעדן און טוען... דער־ציען דייטשלאַנד איז איצט אוממעגלעכער, ווי ווען נישט איז פריער. די חיה האָט אַזוי לאַנג געשפּירט דעם טעם פון אַזא פּאַרציע לעבעדיק פריש בלוט, אַז זי וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון דאָזיקן פאַר איר געשמאַקן ביסן. האָט אַ טיגער איינמאָל פאַרזוכט העם טעם פון אַ מענטשן, מוז מען אים הרגענען, ווייל ער וועט זיך שוין קיינמאָל מער נישט באַ־גנוגענען מיט בהמות. די דייטשע יוגנט, וועלכע מען שוינט,

וועלכע מען וויל איבערדערציען (די יוגנט, וואָס האָט אָנגע־הויבן מיט שענדן בית־עולמס, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו זינגען אין העלן טאָג, אַן חרפּה פאַר דער זון, „ווען יודענבלוט פּאָם מעסער שפּריצט, דאַן גייט׳ס דריי מאָל זאָ גוט” און וואָס האָט פאַרענדיקט — דערווייל — מיט טרעבלינקעס), — די דאָזיקע יוגנט וועט שוין קיינמאָל נישט מוותר זיין אויף דעם פאַרזוכטן טעם צו קאָנען פריי באַפרידיקן אַ ל ע אינ־סטינקטן, זיי וועלן נישט מוותר זיין אויפן רעכט פון אויבער־מענטשן, — וואָס איז זיי געשאָנקען געוואָרן דורכן פירער, — צו שענדן טויטע און לעבעדיקע, צו פאַרוואַנדלען די וועלט אין אַ גרויס גאַט־לעסטערנדיק שאַנד־הויז.

די דייטשן וועלן זיך נישט לאָזן דערציען. פּונקט ווי זיי האָבן נישט געקענט איינזען ביז אויפן היינטיקן טאָג, אַז ווערסאַל איז געווען אַן ע נ ט פ ע ר אויף בריסק און בוקאַ־רעשט, אַן ענטפער אויף זייער געפּלאַנטן פּאַריז, אַזוי וועלן זיי קיינמאָל נישט קאָנען איינזען, אַז דער איצטיקער שלום וועט זיין אַ רעזולטאַט פון זייער צעטרעטן יעדע מענטשלעכע און געטלעכע געזעצן. די דייטשן זענען און וועלן זיין איבער־צייגט, אַז זיי האָבן אַ רעכט צו הרגענען פינף טויזנט טשעכן, אויב אַ טשעך הרגעט אַ דייטש, וואָס האָט פאַרכאַפּט זייער לאַנד און פּייניקט עס, אָבער אַז די טשעכן האָבן דאָס רעכט צו שיסן די עקזעקוטאָרן פון די פינף טויזנט, — דאָס וועלן זיי קיינמאָל נישט איינזען און נישט אָנערקענען.

היטלער האָט איינגעפּלאַנצט אין דייטשן פאָלק דעם גלויבן, אַז מען איז אויף אים אָנגעפאַלן און עס האָט זיך געמוזט פאַרטיידיקן, אַז נישט זיי, נאָר די ענגלענדער האָבן צוערשט באָמבאַרדירט פרידלעכע שטעט, און והראיה, איר זעט דאָך: מען האָט אָקופּירט אונזער לאַנד, מען נעמט צו ביי אונז ערד, מען נעמט אונז אויף צוואַנגס־אַרבעט א. א. וו. — מיר מוזן נקמה נעמען. נישט וועגן חרטה וועט טראַכטן

דאָס דייטשע פאָלק, נאָר וועגן נקמה! נישט עס וועט לערנען צו פארשילטן היטלערן, נאָר עס וועט ווארטן אויף דעם צוריקקער פונם געהיימניספול פארשווונדענעם, ווי אויף דעם צוריקקער פון בארבאראָסאַן!

יעדער מענטש און יעדעס פאָלק זעט גיכער דאָס, וואָס אנדערע טוען אים, איידער דאָס, וואָס ער טוט אנדערע. אָבער די דייטשן ליידן אויף א היפערטראָפיע פון דער דאָזיקער אייגנשאפט. געבעלס, למשל, פלעגט פאר דער פגירה רעדן מיט שוים אויף די ליפּן וועגן יידישן אַלט־טעסטאמענטישן האָס צו דייטשלאַנד. און מיר האָבן טאקע אזא האָס. די נאַציס האָבן אזוי לאַנג געליגנערט, אז יידן ווילן אומברענגען דייטש־לאַנד, ביז זיי האָבן מיט זייערע מעשים קעגן יידן דערפירט דערצו, אז דער ליגן איז געוואָרן אַן אמת: מיר ווילן די פאַרניכטונג פון דייטשלאַנד, ווייל דייטשלאַנד וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פונם נאַצי־טרוים פון א וועלט־הערשאפט, וואָס זי האָט דערשפּירט און כמעט געזען פארווירקלעכט. מיר ווילן נישט, אז די נאָך איבערגעבליבענע קינדער און די, וואָס וועלן ביי אונז געבוירן ווערן, זאָלן געשלעפּט ווערן צו די אויוונס פון א קרעמאטאָריום ערגעץ־ווו אין א פאַר־פולקאָמטן נאַצי־לאַגער פון פערטן רייך!

מיר ווילן דייטשלאַנדס פאַרניכטונג, אָבער די דייטשן וועלן קיינמאָל נישט איינזען, אז אונזער — צום באַדויערן אומבאַהאָלפענער — פאַרניכטונגס־ט ר ו י ם איז בלויז א באַרעכטיקטער ענטפער אויף זייער פאַרניכטונגס־ט א ט. זיי קלאָגן פאטעטיש אָן אונזער באַרעכטיקטע שנאה, וואָס איז בלויז א קינד פון זייער נאָך גרעסערער שנאת חינם. זיי זעען בלויז, וואָס יידן ו ו י ל ן, אָבער נישט, וואָס זיי האָבן ג ע ט ו ן.

און פונקט אזוי וועלן זיי זען נאָר די אָקופּאַציע פון דייטשלאַנד, אָבער נישט די אומפּראָוואָצירטע אָקופּאַציע פון

אייראָפּע; זיי װעלן זען, אַז די פּאָליאַקן טרײַבן זיי אַרױס פון שלעזיע — אַז זיי האָבן אַרױסגעטריבן די פּאָליאַקן פון לאָדזש און פּױזן, װעלן זיי נישט געדענקען. און דער אײנ־ציקער אױספיר, װאָס זיי װעלן מאַכן, װעט זײַן הער פון 1918: זיי האָבן געמאַכט אַ פעלער, זיי זענען געװען צו הומאַ־ניטאַר, זיי האָבן באַדאַרפט פאַרניכטן גאַנץ פּױלן, גאַנץ פראַנקרײַך, גאַנץ יוגאָסלאַװיע א. א. װ., װי זיי האָבן פאַר־ניכטעט די יידן, דאַן װאָלט נישט געװען װער עס זאָל צוריק אָפּנעמען די דורך זיי אָקופּירטע לענדער. דאָס װײַטערדיקע מאָל, װעלן זיי טראַכטן מיט טעמפּן דײַטשן צאָרן, דאַרף מען טון בעסער די מלאכה. און װער קאָן זאָגן מיט זיכערקייט, אַז זיי װעלן נישט געפינען קיין װעג! מעגלעך, אַז זיי װעלן אױסנוצן די קריגס־דערגרײכונגען, מיט װעלכע די װעלט־מלחמה נומער צװיי האָט זיך פאַרענדיקט. די טעכניק האָט היינט אַזעלכע אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן! די צונױפּפּאָ־רונג פון טעכניק מיט געװיסנלאָזיקייט קאָן נאָך אַמאָל געבן זיי אַ שאַנס — ביי דער מיטהילף פון די אױסלאַנד־דײַטשן און אפשר פון אַן אומצופרידן פאַשיסטיש לאַנד, אױב מען לאָזט לעבן די נידערטרעכטיקע דײַטשע יוגנט. די אײנציקע דער־ציאונג, װאָס איז צוגענגלעך פאַרן נאַציזירטן דײַטשלאַנד — און דײַטשלאַנד איז נאָך היינט אויך נאַציזירט! — דאַרף באַשטיין אין פאַרניכטן די גאַנצע יונגע, דורך היטלערן אױס־געהאָדעװעטע גענעראַציע, מיט אַלע זײַערע לערערס, מיט אַלע מונדירטע אָנהענגער זײַנע, — ס. א., ס. ס., נאַצי־פּאַרטיי, אָפיצירן־קאָרפּוס, דיפּלאָמאַטן־קאָרפּוס, געשטאַפּאָ, — אַלץ, לחלוטין אַלץ, װאָס האָט געהאָלפן אײַנפלאַנצן אין דײַטשן פאָלק אַ קאַניבאַלישע אידעאָלאָגיע, אָנשטאָט זי טויט צו שלאָגן ביי איר ערשטן בלוט־דורשטיקן אױסגעשריי; פאַרניכטן אַלץ, װאָס האָט געלאָזט פאַרװירקלעכן די אידעאָלאָגיע, צוערשט אין קלײנעם מאַסשטאַב, װען זי האָט נאָך געהאַט בלויז אַ

פּאַרטיי־אַפּאַראַט אין אַ מלוכה, און דערנאָך אין וועלט־מאַס־שטאַב, נאָכן איבערגעבן די מאַכט איבער דער מלוכה אין די הענט פון די בעסטיעס. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז היט־לער האָט די מאַכט נישט פאַרכאַפּט, מען האָט זי אים פרײַ־וויליק איבערגעגעבן, וויסנדיק גאַנץ גוט, פון אַ צען־יאָריקער פּראַקטיק, ווער ער איז און וואָס זײַן באַוועגונג שטעלט מיט זיך פאָר.

געוויס, נישט אַלע 80 מיליאָן דײַטשן זענען בעסטיעס, אָבער די 80 מיליאָן דײַטשן זענען אַ פאָלק, וואָס געבווירט בעסטיעס און גיט זיי איבער די מאַכט איבער זיך. און ווען עס קומט צום דין־וחשבון, טענהן זיי: נישט דאָס דײַטשע פאָלק האָט דאָס געטון. אָ, צביעות אָן אַ גרענעץ! ווען אַ ייִד, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיטן ייִדישן כּלל, באַשווינדלט אַ דײַטש אויף אַ פּאָר פעניג, איז דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק שולדיק, אָבער ווען די אָרגאַניזירטע דײַטשע מלוכה אָרגאַני־זירט און פירט אויס מלוכהמעסיק די אויסראָטונג פון פעל־קער, איז שולדיק נישט דאָס דײַטשע פאָלק!

און די דײַטשן האָבן שוין ווידער געזיגט אין זייער ביטערער שפּיל. נישט נאָר דאָס גאַנצע דײַטשע פאָלק איז נישט שולדיק, — אפילו די תּלינים פון בעלזען זיצט מען זיבן מאָל איבער, טאָמער חס־ושלום טוט מען אַ קלענערן תּליון אַן עוולה. פערצן ווערן באַפרייט, אַ סך באַקומען קליינע שטראָפן. און מען פאַרטיידיקט זיי מיט אַלע מיטלען, — אויפן פּראָצעס קעגן די נאַציס פאַרטיידיקן זיי אַליאירטע אַד־וואָקאַטן מיט נאַצי־מיטלען. מאַיאָר אואינוווד האָט דערקלערט אויפן פּראָצעס, אַז די עקספּערימענטן פון די דײַטשע גע־לערנטע אין בעלזען (עקספּערימענטן אויף לעבעדיקע מענטשן!) קאָנען נאָך ברענגען גרויס נוצן דער מענטשהייט. און חוץ דעם זענען אַ טייל (נאָך גוט וואָס אַ טייל!) פון די בעלזען־געפאַנ־גענע געווען דער אָפּשוים פון די געטאָס. איך קאָן פאַרזיכערן

דעם דאָזיקן דזשענטעלמען, אַז הגם די יידישע געטאָס האָבן זיכער געהאַט אויך שמוציקע עלעמענטן, האָט זיך אָבער צווישן זיי נישט געפונען עפּעס ענלעכס צו אים. און דער גרעסטער שווינדלער פון אַלע געטאָס האָט קיינמאָל אַזוי נישט באַלייזדיקט גאָטס געשטאַלט אויף דער וועלט, ווי ער מיט זיין אומפאַרשעמטער רעדע.

איך וואָלט געוועז אַ בעלן צו זען, וואָס וואָלט אַזאַ אַדוואָקאַט געזאָגט, ווען מען מאַכט אויף אים לעבעדיקערהייט עקספּערימענטן לטובת דער מענטשהייט אָדער ווען מען באַרעכטיקט אַ בעלזען אויף ענגלענדער מיט דעם, וואָס דאָרטן געפינען זיך אויך נישט קיין אָנשטענדיקע עלעמענטן (איך רעכן, אַז אין ענגלאַנד געפינט זיך אויך אַביסל אָפּשוים פון דער געזעלשאַפט?!).

און מיט אַזעלכע פּראָצעסן וויל מען דערציען דאָס דייטשע פאָלק! ווייזן אים ווי יושרדיק מען באַציט זיך צו אים! דער רעזולטאַט וועט אָבער זיין, אַז מען וועט אפילו צעשטערן די גענגסטער־מאָראַל, וואָס איז נאָך אפשר פאַרבליבן ביים נאַצי־פאָלק. די דייטשן האָבן, ווי יעדע חיה, געפילט, אַז זיי האָבן עפּעס אָפּגעטון שלעכטס און זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, וואָס מען וועט זיי טון דערפאַר, און די דאָזיקע פאַרניכטונגספאַרשטעלונגען זענען אייגנטלעך געווען אַ פּסיכאָלאָגישע אורטייל־אַרויסטראָגונג איבער זיך אַליין. מען וועט זיי אומברענגען אינגאַנצן! — האָבן זיי זיך געשראָקן און געשריגן.

זיי האָבן דערוואַרט פאַרניכטונג. צום סוף זעען זיי, אַז מען צאַצקעט זיך מיט זיי, מען פאַרטיידיקט זיי מיט זייערע אייגענע אַרגומענטן (אַז די קרבנות זייערע זענען דאָס שמוץ פון דער מענטשהייט, אַז זייערע מעשים וועלן ברענגען נוצן דער מענטשהייט), און אַ ספק וועט זיך אַריינגנבענען אין זייערע פּרימיטיווע מוחות, צי זיי זענען בכלל באַגאַנגען פאַר־

ברעכנס. אויב מען באַציט זיך אַזוי מילד צו זיי — מסתמא זענען זיי פיינע לייט.

עס איז שרעקלעך צו זאָגן, אָבער דאָס מוז געזאָגט ווערן: עס איז שוין באַלד לייכטער צו זיצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אַלס „חיות פון בעלזען", ווי אַלס קרבנות פון די דאָזיקע חיות אין באַפרייטן בעלזען...

די דערציער זענען אַזוי בלינד, אַז זיי זעען נישט, דאָס צוויי מעגלעכקייטן זענען בלויז דאָ: אָדער די וועלט וועט פאַר־ניכטן דייטשלאַנד, אָדער דייטשלאַנד וועט פאַרניכטן די וועלט. די וועלט מעג טויזנט מאָל מוחל זיין דייטשלאַנד אירע גרויזאַמע זינד לגבי דער וועלט, אָבער דייטשלאַנד וועט קיינמאָל נישט מוחל זיין דער וועלט, וואָס זי האָט זיך נישט געלאָזט ענדגילטיק פאַרשקלאַפן.

איך וויים — און אַגב זעט מען עס שוין אויף טריט און שריט! — אַז די וועלט וועט פּונקט אַזוי ווייניק הערן אונזער געשריי אין 1945, ווי זי האָט אים געהערט אין 1933. פאַר נישט הערן אונזער וואָרנונג — פאַרניכטן היטלערן דאַן! — האָט די וועלט באַצאָלט מיט אַ 50 מיליאָן קרבנות, אויב נישט מיט מער. וויפל זי וועט באַצאָלן פאַר נישט הערן אונזער שטים איצט — צו פאַרניכטן היטלערס פאַרזיי! — וועט די צוקונפט ווייזן. איך בין יעדנפאַלס איבערצייגט, אַז די וועלט וועט פאַר איר לייכטזין אין 1945 באַצאָלן טייערער, ווי פאַרן לייכטזין אין 1918 און אין 1933.

* * *

איך האָב דאָס אויבנגעבראַכטע נישט געשריבן מיט אַ לייכט האַרץ. איך פיל און זע די גרויזאַמקייט פון פאַרניכטן אַ גאַנץ פאָלק; אָבער צי האָט אַ פאָלק דאָס רעכט צו לעבן נאָכדעם, ווי עס האָט אַרויסגעטראָגן און אויסגעפירט אַ פאַר־ניכטונגס־אורטייל איבער אַן אומשולדיק פאָלק? און די דייטשן זענען דאָס דאָזיקע פאַרברעכן באַגאַנגען. אויב עס זענען

פאַרבליבן אויף דער וועלט יידן, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל היטלערס האַנט איז געווען אַביסל צו קורץ — נישט אומעטום האָט זי געגרייכט, הגם געפּרוווט האָט זי דאָס. אפילו אין שאַנכיי האָבן מיר געפילט דעם דאָזיקן פּרווו. מען הרגעט אפילו אַ באַליבטן, טרייען הונט, ווען ער ווערט משוגע און געפערלעך, בפרט אַ משוגענע היענע.. און דאָס דייטשע פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ שמוציקע, משוגענע היענע. און ווער עס האָט רחמנות אויף איר, איז אכזריותדיק צו דער וועלט, האָט נישט קיין דרך־ארץ פאַר גערעכטיקייט. דאָס דייטשע פאָלק אַליין האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל איבער זיך — מען דאַרף אים בלויז אויספירן.

ווען די וועלט וואָלט נישט געווען אַזוי האָפנונגסלאָז טעמפּ און וואָלט געזען דעם מיליאָן קינדישע יידישע פּנימלעך אין טרעבלינקער גיהנום, וואָלט איר געוויסן נישט געסקריי־פּעט נישט אין דער ריכטיקער צייט, און זי וואָלט זיך נישט געשפּילט אין געריכטן און יורידישע עקרדיקע שפּיצלעך, נאָר וואָלט אין עטישע קאָנוווּלסיעס געווען געכאַפּט אַ געזונטע קלאָניצע און אַזוי לאַנג געקלאַפּט, ביז די היענע וואָלט אויס־געהויכט איר שמוציקן אָטעם.

איך ווייס: דאָס איז האַס. און איך בין מודה: אַלץ אין מיר איז חרוב און אויף מיינע חורבות בליען נאָר איין סאָרט בלומען — די בלומען פון אומפאַרגעסנדיקן, אומפאַר־געבנדיקן האַס. און יעדער טראָפּן פון חיות, וואָס איז גע־בליבן אין מיר, דינט אַלס טוי פאַר די דאָזיקע בלומען, זיי זאָלן בלייבן פריש און זיי זאָלן וואַקסן, וואַקסן. מיר קאָנען נישט און טאָרן נישט ברענגען אויף די אין פּיין (ס׳אַראַ שוואַך וואָרט!) געהייליקטע קרבנות אַנדערע בלומען, ווי נאָר די גיפטיקע בלומען פון האַס. פאַרשאָלטן זאָל ווערן יעדער איינער, וואָס וועט פאַרגעסן און וועט לייגן אַ ציגל אויפצו־בויען די בלוטיקסטע און שמוציקסטע טיראַניע אין דער

וועלט־געשיכטע. און געבענטשט זאָל זיין יעדער איינער, וואָס וועט אָפּגעבן זיינע גאַנצע כוחות אויף חרוב צו מאַכן דאָס פאַרבליבענע פונם פאַרטוויזנטפאַכן עמלק.

דאָס ערגסטע, וואָס אונזער גרעסטער פאַרפאָלגער האָט אונז געטון, באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס ער האָט אונז אויף אייביק פאַרסמט מיט שנאה.

אָבער נאָר זי קאָן אויפהאַלטן און באַרעכטיקן אונזער לעבן.

און אגב: אין דער דאָזיקער שנאה איז דאָ אויך אַ גרויסע ליבע: די ליבע צו די אומגעקומענע און די ליבע צו די, וואָס דאַרפן קומען. מיר ווילן זיך אָנזעטיקן מיט דער גאַנצער שנאה, כדי פאַר די קומענדיקע זאָל בלייבן אומגעטריבט דאָס, וואָס איז פאַר אונז מער נישט צוטריטלעך: די ליבע.

שאַנכיי, 11 סעפּטעמבער 1945.

דער אומגליק פון זיין גערעכט

אַ צושריפט צום אַרטיקל „אונזער הייליקער האַס"

מיט מיין אַרטיקל „אונזער הייליקער האַס", געשריבן דעם 11 סעפּטעמבער 1945 (און אָפּגעדרוקט אין עטלעכע חדשים אַרום מיט עטלעכע קליינע פאַקטן־הוספות), איז געשען דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס קאָן געשען אין אַזעלכע פאַלן: ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גערעכט. די פאַרביטערונג, וואָס האָט פון מיר אַרויסגערעדט אין אים, האָט גלייכצייטיק אָפּגעשפּיגלט די ווירקלעכקייט, — די ווירקלעכקייט פון דייטשן פאָלק און די ווירקלעכקייט פון דער וועלט.

ווען איך האָב פאַרגעלייענט מיין אַרטיקל פאַר עטלעכע פריינט, איז זייער ערשטע רעאַקציע געווען אַ „פּראָגרעסיווע": זוי קען מען פאָדערן די פאַרניכטונג פון אַ פאָלק? איז דען דאָס פאָלק שולדיק? און די וועלט איז אויך נישט אַזוי פינס־טער, ווי אין דאָזיקן אַרטיקל.

די פאַקטן, וואָס זענען זייט דאַן באַקאַנט געוואָרן און וואָס זענען זייט דאַן געשען, באַשטעטיקן און באַרעכטיקן נישט נאָר די מאַקסימאַלסטע באַהויפּטונגען און די מאַקסימאַלסטע פאָדערונגען פון מיין אַרטיקל, נאָר זיי שוואַכן אים אויך אָפּ: אַלץ, וואָס ווערט אין אים געזאָגט, און וואָס האָט דאַן, אין אָנהויב סעפּטעמבער 1945, אויסגעזען שיעור נישט ווי פּרינ־ציפּיעלער אָדער פּראָפעסיאָנעלער פּעסימיזם, איז שוין היינט, צום באַדויערן, אַ טראַפּאַרעטער אמת.

פאַר יעדן וואָרט, פאַר יעדער הנחה אין דאָזיקן אַרטיקל, קאָן מען פון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט צונויפנעמען הונדערטער, טויזנטער אילוסטרירנדיקע באַשטעטיקנדיקע פאַקטן. מען קאָן מיט זיי אָנפילן אַ גאַנצע ביבליאָטעק.

דאָס, וואָס איך האָב דאָס געוווּסט און פאָרויסגעשפּירט דאַן, כמעט מיט צוויי יאָר צוריק, האָט מיר לחלוטין נישט געמאַכט אימון לגבי דעם ווייטיק, וואָס די דאָזיקע פאַקטן ברענגען מיט זיך פאַר יעדן מענטשן, בפרט פאַר יעדן יידישן מענטשן. אויף צענדליקער פון די דאָזיקע פאַקטן האָב איך געענטפערט מיט אינסטינקטיווע אויסגע־שרייען (איך ברענג אַ טייל פון זיי אין דאָזיקן בוך אונטערן אַלגעמיינעם קעפּל „אַ משוגעים־הויז אָדער אַ פאַרברעכער־אַנשטאַלט“, ווייל די מערסטע פון זיי זענען געדרוקט געוועזן אין שאַנכייער אויסגאַבעס, וואָס זענען צו קיינעם נישט דער־גאַנגען), און מיט די איבעריקע הונדערטער און טויזנטער ראַנגל איך זיך טאָג ווי נאַכט, נישט קאָנענדיק שלום מאַכן מיט זיי אויף קיין איין מינוט, הגם איך ווייס, ווי הילפלאָז מיר זענען לגבי דעם ים געמיינקייט און נאַרישקייט פון דער דעגענערירטער וועלט. אָבער דער „געשריי אין דער נאַכט“ איז געווענדט נישט נאָר קעגן דער וועלט, נאָר אויך צום יידישן פאָלק, אין וועמען מען דאַרף וועקן — אין דער חלשות פון רעזיגנאַציע — טראָציקע שנאה און מוט פון פאַרביטערט־

קייט. מען שרייט נישט נאָר כדי אָפּצושרעקן דעם שונא אָדער צו דערוועקן אין אים רחמנות, — מען שרייט אויך כדי אויפֿצוּוועקן פֿון פֿאַרחלשטקייט דעם קרבן און אים טרייבן צו ווידערשטאַנד.

אין דער דאָזיקער „צושריפֿט" צו „מיין הייליקן האַס" וויל איך אויך ברענגען עטלעכע פֿאַקטן, וואָס זענען די בעסטע עדות פֿאַר דער ריכטיקייט פֿון מיין „הייליקן האַס" סיי בנוגע דייטשלאַנד, סיי בנוגע דער וועלט.

די „ניו־יאָרק טיימס" פֿון 12 מערץ 1944 ציטירט אַזאַ פּאָן שטילפּנאַגעלס (דעם מיליטערישן קאָמענדאַנט פֿון פּאַריז) „אַפֿאָריזמען":

„וואָס באַדייט פֿאַר אונז אַ צייטווייליקע מפּלה, אויב מיר האָבן באַוויזן צו פֿאַרניכטן אַזוי פֿיל מענטשן און מאַטעריאַלן אין שכנותדיקע לענדער, אַז מיר האָבן דערגרייכט נאָך אַ גרעסערע עקאָנאָמישע און צאָלנמעסיקע איבערוואָג, ווי אין 1939? די דעראָבערונג פֿון דער וועלט וועט פֿאָדערן צאָלרייכע עטאַפּן, אָבער דער עיקר איז, אַז דער סוף פֿון יעדן עטאַפּ זאָל אונז ברענגען אַ גרעסערן עקאָנאָמישן און צאָלנמעסיקן פּאָטענציאַל, ווי דער פֿון אונזערע שונאים. מיט דעם מלחמה־רויב, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט מיטן אָפּשוואַכן צוויי דורות פֿון אונזערע שכנים און מיטן פֿאַרניכטן זייער אינדוסטרי, וועלן מיר זיך געפֿינען אין אַ בעסערער לאַגע צו זיגן אין 25 יאָר אַרום, ווי אין 1939".

און אָט איז דעם מאַרשאַל גערד פֿאָן רונדשטעטס אינסטרוקציעס צו דער בערלינער מלחמה־אַקאַדעמיע, ציטירט דורך דער „ניו־יאָרק טיימס":

„די פֿאַרניכטונג פֿון די שכנותדיקע פֿעלקער און זייערע רייכטימער איז אַ נויטווענדיקייט פֿאַר אונזער זיג. איינער פֿון די גרויסע פֿעלערן פֿון 1918 איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן געשאָנעוועט די ציווילע באַפֿעלקערונג פֿון די

פּיינטלעכע לענדער, ווייל פאַר אונז, דייטשן, איז אומבאַדינגט נויטיק צו זיין, לכל הפּחות, טאָפּלט אין צאָל פאַר די פעלקער אין די שכנותדיקע לענדער. מיר זענען דעריבער געצוווּנגען צו פאַרניכטן זייערע איינוווינער. דער איינציקער מיטל איז — אָרגאַניזירטע אונטערדערנערונג, וואָס איז אין דאָזיקן פאַל נאָך בעסער פאַר קוילנוואַרפערס".

ווי מען זעט, האָב איך נישט איבערגעטריבן, ווען איך האָב געשריבן, אַז די דייטשן וועלן חרטה האָבן נישט אויף די פאַרברעכנס זייערע, נאָר אויף דעם, וואָס זיי זענען געווען צו מילד. עס זענען געווען בלויז שטילפּנאַגעלס און רונדשטעמפּס דאָזיקע ציטאַטן, כדי אָדער אַרויסטראָגן אַ טויט־אורטייל אויפן דייטשן פאָלק, אָדער אָנערקענען די וועלט פאַר משוגע.

ווי קלאָר און דייטלעך עס איז די פּאָליטיק פון די דייטשן אַרויסצוגיין נאָך יעדער מפּלה שטאַרקער ווי פריער! און די וועלט, אָנשטאָט אָנצווווענדן לגבי זיי די מיטלען פון פאַר־ניכטן זייער אינדוסטריע און זיי פאַרניכטן דורך אונטערדער־נערונג, שיקט זיי וויטאַמינען און שפּייז און זאָרגט פאַר זייער אינדוסטריע.

ווען מען לייענט שטילפּנאַגעלס און רונדשטעמפּס דער־קלערונגען, וווּנדערט מען זיך: ווי אַזוי האָבן זיי גאָרנישט מורא געהאַט צו דערקלערן דעם זין און דעם ציל פון זייערע פאַרברעכנס? אָבער ווייזט אויס, אַז זיי קענען די וועלט בע־סער, ווי די וועלט קען זיי: זיי זענען זיכער געווען, אַז די באַקומענע איבערמאַכט וועט אויך דאָס מאָל בלייבן זייערס, און זיי זענען גערעכט געווען מיט זייער זיכערקייט.

ווען זיי ווערן שטאַרק, פירן זיי מלחמה לויט אַ גרויזאַמען פּלאַן; ווען זיי קאָנען שוין מער נישט געווינען פון דער מלחמה, גיבן זיי זיך אונטער; דאַן מוזן דאָך שוין די „ריטער־לעכע" זיגער (ריטערלעך נאָר לגבי זיי) נעמען אין שוץ דעם באַזיגטן שונא, וואָס האָט קאַפּיטולירט; און אין 25 יאָר

אַרום גייען זיי אַרוים פון דער וועלטס סאַנאַטאָריע נאָך מער גרייט צום קריג, ווי פריער.

דער פּלאַן איז פּונקט אַזוי געניאַל, ווי פּשוט.

אָבער די דאָזיקע מלחמה האָט איבערגעלאָזן אויך אַנדערע דאָקומענטן, ווי שטילפּנאַגעלס און רונדשטעטס. אָט איז איינער פון זיי:

צוואה פון פופציק טויזנט קדושים

אין אַ קעלער פון אַ חורבה אין קאָוונע האָט מען געפונען אַ צוואה פון פופציק טויזנט אומגעקומענע אין קאָוונער געטאָ. די צוואה האָט אַנגעשריבן אויף אַ פּאָדער־בלעטל פון לער־מאַנטאָווס אַ לידער־בוך אַ 37־יאָריקער ייד מיטן נאָמען הירש צדוק.

די לעצטע זאַצן פון דעם טראַגישן דאָקומענט לייענען זיך אַזוי:

„ברידער, נעמט נקמה פאַר אונז! מיר זענען געווען פופציק טויזנט יידן אין קאָוונע און איצט איז געבליבן אַ הייפעלע. אויך מיר ריכטן זיך אויפן טויט. פאַרניכטעט זיי, עס זאָל קיין שריד ופליט נישט בלייבן פון די ווילדע רוצחים. ווייזט נישט אַרויס קיין רחמנות, ווי זיי האָבן אונז קיין רחמנות נישט אַרויסגעוויזן! מאַכט זיי באַצאָלן הונדערט מאָל אַזוי פיל פאַר יעדן פאַרברעכן זייערן, פאַר אַלע יעניקע, וועלכע זיי האָבן געמוטשעט און דערהרגעט. בלויז דאַן וועט די מענטשהייט באַפרייט ווערן פון די שרצים, וואָס רופן זיך „מענטשן".

„ברידער, נקמה — דאָס דאַרף ווערן דער הייליקער געבאָט פון אייער לעבן!

הירש צדוק".

עס ברענט אונז ווי סם דער וועלטס באַציאונג צו דייטש־לאַנד, אָבער מיר דאַרפן אָפּהיטן די דאָזיקע הייליקע צוואה

און קיינמאָל נישט לאָזן שוואַך ווערן אונזער הייליקן, טעטיקן האַס, ביז פון זיינע געדיכטע וואָלקנס וועט ענדלעך אַרויס־שלאָגן, ווי אַ טויטנדיקער בליץ, די גרויסע, די הייליקע יידישע נקמה.

מעלבורן, 14 אַפּריל 1947.

ח) קול קורא במדבר...

איז היטלער טויט אָדער נישט?

מעגלעך, אַז ער איז טויט, אָבער מען האָט זיין קערפּער פאַרניכטעט, כדי צו קאָנען שפּייזן דאָס נאַצי־פאָלק מיט דער לעגענדע פון זיין צוריקקער, עפּעס ענלעכעס צו דער קריסט־אָדער זאַראַטוסטראַ־לעגענדע.

אויף די נאַצים קאָן מען דאָס אויך גלויבן, — דאָס אַלץ, וואָס איז ביז איצט געוואַקסן אין דער געשיכטע ספּאָנ־טאַן — פאַרזייען די נאַצים מיט אַ כיוון. זיי עקספּלאָאַטירן וויסנשאַפטלעך אַלע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער פּסי־כיק און דעם מענטשנס פינסטערסטע אינסטינקטן.

און מיר זעען טאַקע, ווי גוט זיי קענען דעם מענטשן. אָט איז שוין דאָ אין ענגלאַנד אפילו אַ סעקטע, וואָס האַלט היטלערן פאַר אַ מין נייער אויפלאַגע פון קריסטוסן.

איז היטלער טויט אָדער נישט?

דאָס איז לחלוטין נישט וויכטיק אין פאַרגלייך מיט אַ צווייטער פראַגע: איז דער נ אַ צ י ז ם טויט אָדער נישט? און, ליידער, מוז מען ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע מיט אַ פולן „ניין!"

נאַצי־דייטשלאַנד לעבט. און נישט נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט עס נאָך נישט פאַרענדיקט טויטן, נאָר דערפאַר, ווייל עס הויבט ערשט אָן צו לעבן.

און דאָ מוז איך מאַכן אַ להבדיל־פאַרגלייך צווישן דעם גורל פון דעם יידישן פאָלק און דעם דייטשן.

מען האָט אָפט געמאַכט פּסיכאָלאָגישע און היסטאָריאָזאָפישע פאַרגלייכן צווישן די יידן און די דייטשן. מען האָט אויפגעוויזן, ווי ענלעך זיי זענען און דערמיט פּרובירט צו דערקלערן זייערע באַציאונגען — די קעגנזייטיקע צוציאונג און אָפּשטויסונג. איך ספק שטאַרק, צי אין די דאָזיקע פאַראלגעמיינערונגען איז געווען אַ סאָלידער קערן אמת. אָבער דערפאַר איז פאַר מיר קלאָר, אַז איצט הויבט דייטשלאַנד אָן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, וואָס איז ענלעך צו דער יידישער געשיכטע נישט לויטן מהות, נאָר לויט דער סבעמע: די דאָזיקע צוויי געשיכטעס גייען מיט אַנטקעגנגעזעצטע וועגן, אָבער דער גאַנג נעמט ווערן ענלעך.

די דאָזיקע ענלעכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט אין 1918 איבערגעלעבט דעם קאָנסאָלידירונגספּעריאָד פון אונזער גלות־בבל־עפּאָכע, להבדיל אלף הבדלות.

ווי דאָס זאָל נישט אויסזען ווילד אויפן ערשטן בליק, ווי דאָס זאָל נישט אויסזען קינסטלעך, בין איך איבערצייגט אין דעם ריכטיקייטס־קערן פון דאָזיקן פאַרגלייך.

פונקט ווי די וועלט האָט מיט קיין שום זאַך נישט געקאָנט פועלן ביי אונז נאָכן גלות־בבל, מיר זאָלן פאַרגעסן די עשרת־הדברות, אונזער תורה, אַזוי וועט דייטשלאַנד מער נישט פאַרגעסן זיין היטלער־תורה. די היטלער־באַוועגונג האָט דייטשלאַנד פאַרוואַנדלט אין אַן איינהייטלעכער נאַציע מיט אַן אויסגעשפּראָכענער תורה, ווי דאָס האָט געטון מיט אונז דער גלות־בבל.

די ווערסאַל־יאָרן פון 1918 — 1933 זענען געווען עפּעס ענלעכעס צו אונזער גלות־בבל־עפּאָכע; ערשט דאָרט זענען אונזערע אייגנשאַפטן און די אומפּאַרטיקע אידייען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָנאָליטער תורה פון אַ מאָנאָליטן

פאָלק; ערשט אין גלות־וערסאַל האָט דייטשלאַנד פאַרוואַנדלט אירע טרייטשקע־העגעל־אידייען און אייגנשאַפטן אין אַ מאָנאָ־ליטער תורה און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָנאָליטער נאַציע מיט אַן „אידייע”, מיט אַ תורה נישט נאָר פאַר דער קירכע, נאָר פאַרן לעבן. דאָס דייטשע פאָלק האָט גענומען לעבן לויט זיין תורה.

פאַרן גלות־בבל און בעתן גלות־בבל האָט מען נאָך גע־קאָנט פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק גייסטיק, — נאָך גלות־בבל איז דאָס געוואָרן אוממעגלעך.

בעת דער ווייִמאַר־רעפּובליק האָט מען נאָך געקאָנט אי־בערדערציִען די דייטשן און פאַרניכטן זייער פּרייסישן גייסט, — נאָך גלות־וערסאַל, נאָכן דריטן רייך, נאָכן צווייטן חורבן זייערן, איז דאָס געוואָרן אוממעגלעך.

דייטשלאַנד איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי איינ־הייטלעך, אַזוי דורכגעדרונגען פון אירע אידייען, ווי איצט. אויב דער וערסאַל־פּעריאָד איז געווען פאַר דייטשלאַנד איר גלות־בבל־פּעריאָד, איז די תקופה פון 1933 — 1945 געווען איר עזרה־נחמיה־פּעריאָד.

זאָל מען דאָס דייטשע פאָלק איצט פאַרטרייבן פון זיין לאַנד, וועט עס ארומוואַנדערן, ווי דאָס יידישע, אַלס מאָנאָליטער גייסט, אַלס אַנטיפּאָד אונזערער לויטן מהות, אָבער ווי אַ צווילינג לויט דער אומצעשטערבאַרקייט. אויב מיר זענען יאָר־הונדערטער, יאָר־טויזנטער געווען די פאַרקערפּערונג פון אַ מלכות־שמים אויף דער ערד, וואָלטן זיי געווען אין משך פון יאָרהונדערטער די פאַרקערפּערונג פון מלכות שטן אויף דער ערד.

וואָס האָט געטון דער גלות־בבל־פּעריאָד? ער האָט שטי־מונגען, געדאַנקען, לעבנס־מנהגים צוזאַמענגעפּרעסט אין איין קערן און אים פאַרהאַרטעוועט אויפן העכסטן גראַד; דאָס זעלביקע האָט געטון היטלער. אויב דער גלות־בבל האָט גע־

שאַפן פאַרן יידישן פאָלק אין אַ פּלאַסטישער פאָרם זיין אומ־שטערבלעכע וויזיע פון אַ פאָלק פון כהנים, האָט היטלער גע־שאַפן פאַרן דייטשן פאָלק אין אַ פּלאַסטישער פאָרם די נישט ווייניקער אומשטערבלעכע וויזיע פון אַ מלכות רויב־חיות. און פּונקט ווי דאָס יידישע פאָלק איז פאַרהיפּנאָטיזירט פון זיין געטלעכער וויזיע — איז געוואָרן אַ „באַזעסן" פאָלק, אַזוי איז היטלער־דייטשלאַנד, היפּנאָטיזירט דורך דער וויזיע פון אַב־סאָלוטן שלעכטס, — אויך געוואָרן אַ „באַזעסן" פאָלק. נאָכן גלות־בבל האָט דאָס יידישע פאָלק גענומען סיסטעמאַטיש צווי־מען אין זיך די חיה מיט די עשרת־הדברות, דערציען אין זיך דאָס מענטשלעך־געטלעכע; נאָכן גלות־ווערסאַל האָט דאָס דייטשע פאָלק גענומען סיסטעמאַטיש באַפרייען אין זיך די חיה פון די עשרת־הדברות און גענומען דערציען אין זיך די בעסטיע.

דעם יידישן פאָלק איז זיין שווערע הייליקע אויפגאַבע אין אַ גרויסער מאָס געלונגען, הגם ווייט נישט אינגאַנצן; דעם דייטשן פאָלק איז זיין גרויליקע אויפגאַבע אינגאַנצן געלונגען.

מיר האָבן די חיה אין זיך שווער פאַרוווּנדעט און אָפּ־געשוואַכט אויף אייביק איר קראַפט; די דייטשן האָבן דאָס געטלעכע אין זיך געטויט און זיך באַפרייט פון דעם אויף אייביק.

די, וועלכע רעדן וועגן איבערדערציען די נאַצים זענען אָדער שווינדלער אָדער נאַראָנים אָדער נאַאיווע מענטשן, וועל־כע האָבן קיין פּיצל אינטואיציע נישט צו שפּירן, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיטן דייטשן פאָלק.

אין גלות־בבל זענען די יידן געוואָרן אַ תורה־פאָלק; אין גלות־ווערסאַל זענען די דייטשן געוואָרן אַ נאַצי־פאָלק.

אויב דייטשלאַנד בלייבט עקזיסטירן — איז זי נאַצי־דייטשלאַנד אויף יאָר־הונדערטער. עס איז, צום גליק, געווען אַ קראַפט אויף דער וועלט, וואָס האָט פאַרניכטעט היטלערס

דריטע רייך, וועלכעס איז דורך אים באַשטימט געוואָרן צו דויערן אַ יאָר־טויזנט; עס איז דאָ אַ קראַפט אויף דער וועלט, וואָס קען פאַרניכטן דייטשלאַנד; אָבער עס איז נישטאָ קיין קראַפט אויף דער וועלט, וואָס זאָל דאָס דייטשע פאָלק, אויב עס בלייבט עקזיסטירן, אָפּווענדן פון זיין נאַצי־תורה און פון זיין נאַצי־וועג.

ווען דייטשלאַנד וועט ווידער אויפשטייגן צו מאַכט, ווייס איך נישט; אָבער ווען דאָס זאָל נישט געשען, וועט עס אויפשטיין אַלס נאַצי־דייטשלאַנד.

די עלעמענטן, פון וועלכע דער נאַציזם איז צוזאַמענגעשטעלט, זענען תמיד אין דייטשן פאָלק געווען שטאַרק, אָבער היטלער האָט זיי קאָנסאָלידירט, באַשטראַלט מיט אַ גלאָריע, און אַלע אַנדערע עלעמענטן אויסגעברענט, פאַרמיאוסט.

די יידן האָבן מקבל באהבה געווען אַלע ליידן אַ דאַנק זייער גלויבן, אַז דאָס איז אַ שטראָף פאַר נישט פאַרווירקלעכן זייער גלויבן, אַז דאָס איז אַ שטראָף פאַר נישט פאַרווירקלעכן געווען אַלע ליידן אַ דאַנק

דאָס דייטשע פאָלק האָט איבערגעלעבט זיין העכסטן געפיל פון מאַכט און גליק אַלס נאַצי־פאָלק, — און דאָס וועט זיין זיין נאַצי־טרוים, זיין נאַצי־בענקשאַפט, זיין אידעאַל.

אַך, ווען די וועלט וואָלט כאָטש פאַרפאָלגט דאָס נאַצי־דייטשלאַנד פאַר זיין מלכות־שטן־אידעאַל אַ צענט חלק פון דעם, וויפל זי האָט פאַרפאָלגט דאָס יידישע פאָלק פאַר זיין מלכות־שמים־אידעאַל.

* * *

מען זאָגט: מען טאָר נישט פאַרניכטן דאָס דייטשע פאָלק; דאָס וואָלט דעמאָראַליזירט די וועלט דורכן ביישפּיל, אַז מען קאָן אָפּטון אַזאַ זאַך, ווי פאַרניכטן אַ פאָלק. מען טאָר דער מענטשהייט נישט ווייזן אַזאַ זאַך.

און איך זאָג: אָט טאָקע דערפאַר מוז דאָס דייטשע פאָלק פאַרניכטעט ווערן. מען טאָר נישט ווייזן דער מענטשהייט, וואָס פאַרלירט אַזוי שנעל דאָס מאָראַלישע גלייכגעוויכט, אַז מען קאָן פאַרניכטן אַ פאָלק אומבאַשטראָפט. די פאַרניכטונג פון דייטשן פאָלק איז נישט קיין פאַרניכטונג פון דער מאָראַלישער דאַמבע ביי דער מענטשהייט, נאָר אדרבא, אַן אָנשפּאַר פאַר דער דאָזיקער מאָראַלישער דאַמבע.

מען טאָר נישט פאַרניכטן אַ פאָלק! ריכטיק, אָבער דייטשלאַנד האָט דאָך פאַרניכטעט אַ פאָלק, — און אויב עס ווערט נישט פאַרניכטעט, מעג מען, הייסט עס, פאַרניכטן אַ פאָלק.

פרויד שאַפט אין זיין „טאָטעם און טאַבו” אַ געוואַלדיקע היפּאָטעזע וועגן דער אַנטשטייאונג פון דעם שולד־געפיל ביים מענטשן, ד. ה. פון געוויסן, פון דער מאָראַל. די אור־האָרדע האָט געטויט דעם אור־פאָטער און די זעלישע אויפטרייסלונג פון דער דאָזיקער אומגעהויערער טאַט האָט אויסגעלייזט ביים מענטשן דאָס געפיל פון שולד.

דאָס פאַרניכטן דייטשלאַנד דאַרף אויסלייזן אין דער מענטשהייט אַ געוואַלדיק שולד־געפיל; די מענטשהייט וועט זען, אַז מען טאָר נישט אָפּטון אַזעלכע זאַכן, ווי דייטשלאַנד, אומבאַשטראָפט; אַז פאַר אַזאַ זינד קענען גאָט און מענטש קומט נאַציאָנאַלער כרת.

די מענטשהייט וועט אויפגעטרייסלט ווערן און עס וועט אויפסניי אַרויסשלאָגן אַ פאָנטאַן פון שולד־געפיל, פון מאָראַל.

אָבער אויב דייטשלאַנד בלייבט לעבן, וועט אויסרינען דאָס לעצטע ביסל מאָראַל ביי דער מאָראַל־אָרעמער מענטשהייט.

אין פוילן קומען פאַר פּאָגראָמען אויפן רעשטל יידן, — אויב דייטשלאַנד לעבט נאָך איז הפקר, הפקר, — אַלץ איז הפקר.

מען טאָר נישט פאַרניכטן קיין פאָלק? ריכטיק! אָבער טאָקע דערפאַר מוז דייטשלאַנד פאַרניכטעט ווערן.

ט) אַ משוגעים־הויז אָדער אַ פאַרברעכער־אַנשטאַלט?

נישט אַנדערש, די וועלט איז מאַזאָכיסטיש. די בייטש האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצופאַלן פון דעם נאַציזמס הענט, און מען שטופּט זי אים שוין צוריק מיט אַ קרענקלעך־תּאווה־דיקער צאַרטקייט: נאַ, מיין טייערער, שטאַרק זיך און שמייס!... אַך, ווי גוט עס איז געווען!...

און דער אויף איין מאָמענט אָפּהענטיק געוואָרענער נאַציזם ווערט פון מינוט צו מינוט האָפּערדיקער.

כדי צו צייכענען דאָס געשפּענסטישע בילד, וואָס די וועלט שטעלט היינט פאָר מיט זיך, וואָלט מען באַדאַרפט האָבן אַ צווייטן קאַרל קראַוז מיט זיין פליים און טאַלאַנט, וואָס זאָל שרייבן אַ צווייטע, טויזנטפאַך־פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון זיין געשפּענסטישן „די לעצטע טעג פון דער מענטשהייט".

אין לאָנדאָן איז פּאָפּולער דאָס לאָזונג־פּאַרל: „הייל מאָז־לעי! יהודה קרעפּיר!"

בערלין וועט מיט רעכט זיין אויפגערעגט: פאַרוואָס מעג מען אין לאָנדאָן דאָס, וואָס אין בערלין איז פאַרבאָטן?

און די גערעכטע מיליטער־הערשאַפט וועט זיכער אין גיכן פּסקענען: אויב דער זיג איבער היטלערס „יהודה, קרע־פּיר!" קאָן געפייערט ווערן אונטער די קלאַנגען פון מאָזלעיס „יהודה, קרעפּיר!", דאַרף דער „הייל היטלער!" צוריקגעגעבן ווערן דעם דייטשן פאָלק.

און דערווייל איבט זיך דאָס דייטשע פאָלק אָנצוהויבן צוריק די אַזוי ברוטאַל און אַנטי־דעמאָקראַטיש איבערגעריסענע אַרבעט. עס קלינגען דינאַמישע ווערטער: „עס מוז תּיכף צוריקגעשטעלט ווערן דייטשלאַנדס ווירטשאַפטלעכע איינהייט"; „דאָס דייטשע פאָלק איז גרייט צו באַזייטיקן אַלע שטערונגען, כדי צו דערגרייכן דאָס דאַזיקע ציל"; „יונאָ מוז געבן יעדע מעגלעכע סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע און פּאָ־ליטישע הילף" א. א. וו. דאָס איז אָפן, היינט שטעלט זיך

פאַר, וואָס עס טוט זיך אין געהיים אונטער דער דעמאָקראַטי־שער אַליאַירטער נאָז, פאַר וועלכער די דייטשן האָבן שוין איינמאָל אַזוי גוט אָרומגעפירט די זיגער.

דאָס איז אַ טייל פון דער דערציאונג, פון דער פרייער דערציאונג: מען וויל דייטשלאַנד ווייזן, ווי גוט דעמאָקראַטיע איז. און די דייטשן זעען טאַקע נאָכאַמאָל איין, ווי גוט דעמאָ־קראַטיע איז פאַר זיי, ווען זיי זענען שוואַך, כמעט אַזוי גוט ווי דיקטאַטור איז פאַר זיי, ווען די דעמאָקראַטיע מאַכט זיי שטאַרק.

מען דערציט די דייטשן צו היטלערס אידעאַל: דיקטאַטור פון דייטשלאַנד לגבי דער וועלט און דעמאָקראַטיע מצד דער וועלט לגבי דייטשלאַנד...

דער חנוכת־הבית פון פערטן רייך וועט נישט לאָזן אויף זיך לאַנג וואַרטן. און אויסגעשטאַט דורך „יונאָ" מיט אַלעם נויטיקן, וועלן די קליינע נאַציס אויסוויילן אַ גרויסן פירער און אַוועקלאָזן אַ טרעבלינקע אויף אַטאָם־ענערגיע.

און די גאַנצע וועלט וועט דאַן באַגרייפן, ווי גוט עס איז דעמאָקראַטיע אָנגעווענדט אויפן ריכטיקן פּלאַץ לגבי די ריכ־טיקע פּערזאָנען...

אָבער דערווייל באַגרייפט עס נאָך נישט די וועלט, און מען קאָן זי נאָך — אין דער צווישנצייט — פאַרפירן (ס'איז דאָ אין אונזער געבענטשטע וועלט אויך אַזאַ זאַך, ווי גיים־טיקער מאַזאָכיזם). און אין דער פאַרפירערישער סערענאַדע שפּילט אַ הויפּט־ראָל דער פּויפּסט מיט זיינע קאַרדינאַלן (אויך די דייטשע, וועלכע עפענען ברייט די אָרעמס פאַר די „קליי־נע" נאַציס אין זייערע קלעריקאַלע רייען, ווי די באָלשעוויקעס אין זייערע פּאָליטישע רייען). זיי קלאָגן אויפן גורל פון די דייטשן אין דער רוסישער זאָנע. פון צוויי ביז פיר טויזנט דייטשן שטאַרבן דאָרט וועכנטלעך אין די קאָנצענטראַציע־לאַ־גערן; הונדערטער טויזנטער — אויב נישט מיליאָנען — דייטשע

קריגס־געפאַנגענע ווערן געצוואונגען צו שקלאַפן־אַרבעט; פרויען און מיידלעך ווערן ברוטאַל פאַרגוואַלדיקט. און דער פּויפּסט איז מודה: „נאָר די קירכע האָט קראַפט אויפצוהויבן איר שטים פאַר דער וועלט".

אויב שוין יאָ אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָט די קירך נישט אויסגענוצט איר מעכטיקע שטים בעת הונדערטער טויזנטער פּוילישע אומקומען וועכנטלעך אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן? ווו איז געווען די קירך, ווען 8 מיליאָן יידן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן, וואָס די וועלט האָט אַזעלכע רעכטלאָזע נישט געזען אַפילו אין אַלטערטום ביי די ווילדסטע פעלקער?

איך ווייס נישט, צי דעם וואַטיקאַנס ציפערן און פאַקטן זענען ריכטיק, אָבער איין זאַך ווייס איך אויף זיכער, אַז די שטים, וואָס די קירך הויבט אויף, איז נישט די שטים פון באַרמהאַרציקייט און רעליגיעזער מסירת נפש, נאָר פון פּאָליטיק און צביעות. אויף צו מאָרדן אַביסיניער האָבן די זעלבע קאַר־דינאַלן געשענקט זייערע גאָלדענע קרייצן, ביים אויסמאָרדן דאָס יידישע פאָלק האָט די קירך געשוויגן (און זי פאַרגיט איצט די זינד פון אַלע קאַטוילישע נאַצים), אָבער איצט איז זי פול מיט רחמים צו די נאַצים. ניין, דאָס איז נישט פון צו פיל רחמנות, נאָר פון צו פיל נאַציזם.

וואָלטן די וואַטיקאַן־ידיעות געווען ריכטיק, וואָלט אַ יושר געווען איבערצוגעבן גאַנץ דייטשלאַנד אין די הענט פון די רוסן. זאָל כאָטש געטון ווערן איין פּראָצענט גערעכטיקייט... אָבער צום באַדויערן ספק איך אין די וואַטיקאַן־ידיעות: אויך די רוסן גלעטן די קליינע נאַצים...

אין זעלבן טאָג, אין וועלכן איך האָב געלייענט איליאַ ערענבורגס אָנגריף קעגן דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטש־לאַנד, ווו מען איז מילד צו די נאַצים, האָב איך אויך גע־לייענט אַ ציישונגס־ידיעה, אַז אין דער רוסישער זאָנע לאָדט

מען איין די „קליינע" נאַציס אַריינצוטרעטן אין דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי.

איך שטעל זיך פאָר ס'אַרא סאַרקאַסטיש־פאַרביקן אַר־טיקל איליאַ ערענבורג וואָלט געוועזן געשריבן, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין דער אַמעריקאַנער זאָנע וואָלט אַזוי אָפן און ברייט צעעפנט די אָרעמס פאַר די נאַציס, ווי דאָס טוט די קאָמוניסטישע אין דער רוסישער זאָנע. ס'אַרא בילד איליאַ ערענבורג וואָלט אונז געוועזן געגעבן מיט זיין וואונדערלעכער פּעדער, ווי מען שטייט מיט ריזיקע עמערס רויטע פאַרב און מען פאַרבט איבער פון ברוין אויף רויט און ווי די ביידע קאָלירן מישן זיך צונויף אין אַ חלשותדיקן ברוי־דיקן קאָליר...

און נאָך דער סצענע פון איבערפאַרבן וואָלט אונז נאָך דער מייסטער איליאַ ערענבורג געוועזן אָפּגעמאָלט אַ בילד, ווי אַזוי מען דעקט צו די סוואַסטיקע אין האַרצן מיט אַ סערפּ און האַמער אויף דער לאַץ.

אָבער די פאַרבעריי פון ברוין אויף רויט קומט פאָר אין דער רוסישער זאָנע אין דייטשלאַנד און מיר ווען דעריבער נישט האָבן קיין געלעגנהייט צו באַוווּנדערן נאָכאַמאָל ערענ־בורגס בלענדנדיקן סאַרקאַזם. אָנשטאָט דעם פאַרביקן אַרטיקל האָבן מיר בלויז אַ קאַזיאָנעם בייזערן זיך אויף אַמעריקעס מילדקייט. וואָס?! די אַמעריקאַנער האַקן נישט אָפּ די נאַצישע קעפּ...

אָבער צי דען ווייס נישט ערענבורג, אַז עס איז ווייניק אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ ביי אַ הידרע, ווייל זי וואַקסט איר אָן צוריק? מען מוז זי איינגאַנצן פאַרניכטן, צערייבן אויף אַש און שטויב קודם־כל איר גוף, דער קאָפּ זאָל נישט האָבן וווּ אָפּצוּוואַקסן...

אויב די רוסן זענען מקרב (אָנשטאָט מקבר צו זיין)

דעם פילמיליאָניקן הידרע־נאַצישן גוף, טאָ פאַרוואָס פאַרגינען זיי נישט די אַמעריקאַנער מקרב צו זיין דער הידרעס קאָפּ?

די אַמעריקאַנער ווילן אויך אַ חלק אין דער מצווה פון קריסטלעכער מחילה (פאַרווירקלעכט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון קריסטנטום לגבי דעם אַנטי־קריסט). פאַרוואָס קומט די מצווה נאָר די פּראַוואָסלאַוונע באָלשעווי־קעס?...

למען האמת מוז מען זאָגן, אַז אויך מיר זענען נישט אינגאַנצן ריין פון פאַרשוועכן די גערעכטיקייט און די מאָראַל.

אין „אונזער צייט" (ניו־יאָרק) פון פעברואַר 1946, אין עמנואל נאָוואָגרודסקיס אַרטיקל „די נייע אויסערן־פּאָליטיק פון סאָוויעט־רוסלאַנד", געפין איך עטלעכע סקאַנדאַליעזע שור־רות: „...הגם איך קען נישט רואיק הערן וועגן דייטשן און דייטשלאַנד..., ווייס איך אָבער, אַז דער אופן ווי אַזוי די זיגער האָבן זיך נוהג געווען לגבי דעם דייטשן פאָלק האָט נישט די מינדסטע שייכות מיט וועלכער נישט איז סאָציאַ־ליסטישער מאָראַל..."

ערשטנס, וואָס הייסט „סאָציאַליסטישע מאָראַל"? איז דען דאָ אַן אַנדערע מאָראַל? אפשר אַ קאַפּיטאַליסטיש־אימ־פּעריאַליסטישע? מיט וועלכער מאָראַל האָט די הנהגה פון די זיגער יאָ אַ שייכות? זי האָט נישט קיין שום שייכות מיט קיין שום מאָראַל, וואָס איז בלויז איינע!

עס איז נישט מאָראַליש, וואָס די באַזעצונג פון דייטש־לאַנד איז נישט באַגלייט געוואָרן דורך אַ רייניקונגס־פייער, וואָס זאָל צום יאָרטאָג פון היטלערס מפּלה האָבן באַפרייט די וועלט פון אַלע גרויסע און קליינע נאַצים, פון די דאָזיקע ווילד־געוואָרענע היענעס אין פּשוטסטן זין פון דאָזיקן וואָרט.

מיינען אַנדערש הייסט שענדן די מאָראַל. און כ'האָב מורא, אַז עמנואל נאָוואָגרודסקי מיינט אַנדערש. און דאָס עמפּערט ביי יעדן, בפרט ביי אַ יידן: וואָס האָבן די זיגער

געטון די דייטשן שלעכטס, וואָס דאָס שטימט נישט אַזש מיט דער סאָציאַליסטישער מאָראַל? פאָדערט טאַקע די סאָציאַליסטישע מאָראַל, אַז די נאַציס זאָלן ארויסגיין פון זייער פאַרשפּילטן אַלוועלטלעכן קאָפּ־פוטש אָן פאַרלוסטן, ווי זיי זענען אַרויס פונם פאַרשפּילטן לאָקאַל־דייטשן קאָפּ־פוטש?

די אויפפירונג לגבי די דייטשן איז נישט מאָראַליש, ווייל זי איז משונהדיק מילד. און פאָדערן שטרענגקייט איז אין הסכם מיט דער מאָראַל. זאָגן אַנדערש — הייסט גייסטיק קאַפּיטולירן פאַר די נאַציס. דאָס טוט דאָך שוין אָבער די גאַנצע וועלט — צו וואָס זאָלן מיר זיך אויך שטופּן אויפן דאָזיקן אַנטי־מאָראַלישן יאַריד?

און אַז מען האַלט שוין ביי יידישער היפּער־פיינקייט לוינט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן ערגסטן פאָרוואורף לגבי אונז אין דאָזיקן געביט.

שטרייכער האָט דערקלערט אין נירענבערג, אַז מען האָט אים געפּייניקט, און אַז צום פיינסטן האָבן זיך צו אים באַצויגן די יידישע אָפיצירן.

איך האָב מורא, און כ׳וויל האָפן, אַז שטרייכער זאָגט אויך דאָס מאָל ליגן. וואָס שייך פּייניקן אים, זאָגט ער, אַז מען האָט אים געטון דאָס, וואָס ער האָט געטון אַנדערע, און וואָס שייך די יידן, ווייל ער צום לעצטן מאָל אויסנוצן די געלעגנהייט, כדי זיי צו דערנידעריקן: נאָט זעט ס׳אַרא קנעכטישע נשמות יידן האָבן, אפילו אויף שטרייכערן האָבן זיי מיטלייד!

אויב אָבער ער זאָגט דאָס מאָל אמת, איז וואָס מען האָט אים געפּייניקט, זאָל אים ווייל באַקומען, דעם נאַצישן שטשור, אָבער דער יידישער רחמנות אויף שטרייכערן באַליידיקט מיך אַלס ייד און מענטש.

דאָס איז נישט קיין באַרמהאַרציקייט, נאָר קנעכטישער וועלן זיך אויסספּיינען, קנעכטישער שרעק אפילו פאַרן געפאַלענעם האַר.

בפרט, אַז דער האַר איז נאָך גאָר נישט געפאַלן. ער האָט זיך בלויז אַביסעלע אויסגעגליטשט און מען העלפט אים זיך שוין אויפהויבן פון אַלע זייטן, פון מערב און פון מזרח.

פון פראַנקפורט קומט די זיכערסטע ידיעה.

די דייטשן האָבן ווידער גענומען שענדן יידישע בית־עולמס.

אין 1924 איז געווען אַ כוואַליע פון בית־עולם־שענדונגען. אין ריגער „דאָס פאָלק" האָב איך דאַן געשריבן פאָלגנדעס (איך ציטיר פון זכרון): מענטשן, וואָס זענען פעאיק צו שענדן מתים, זענען אַזוי אומהיילבאַר פאַרווילדעוועט, אַז מען קאָן פון זיי דערוואַרטן אַ ל ץ. ווען די וועלט וואָלט נישט געהאַט פאַרלוירן איר ריכטיקן אינסטינקט, וואָלט זי דאָס מתים־שענדערישע דייטשלאַנד אַרומגענומען מיט אַ קאָרדאָן, ווי אַ טשאַטע משוגענע וועלף, און געשאָסן יעדן איינעם, וואָס וואָלט זיך דערוועגט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעבער וועלט.

די וועלט האָט אָבער נישט נאָר דאַן נישט געשפּירט, אַז די, וואָס שענדן מתים, מוזן לעבעדיקע, נאָר אויך היינט, נאָך דער גאַנצער דערפאַרונג, מאַכט זי זיך נישט ווי־סנדיק. אויך נאָך די היינטיקע מתים־שענדונגען וועט מען נישט שיסן. מען וויל די מתים־שענדער דערציען! און אפשר איז דאָס גאָר אַן אויסרייד פאַרן נישט שיסן. מען וויל דערציען מענטשן־היענעס צו דעמאָקראַטיע (ד. ה. צו מענטש־אַכטונג) דורך באַציען זיך דעמאָקראַטיש צו זייערע שענדונג־איבונגען!

דייטשן שענדן ווידער מתים! ציטער, אייראָפּע! ציטער, וועלט! די מענטשן־שענדער איבן זיך צו דער דריטער רונדע.

מען לאָזט זיי רואיק זיך איבן, ווייל דאָס זענען דאָך בלויז יידן־מתים! אָבער ווען די מתים־שענדער וועלן איבערגיין פון איבונגען אויסצואיבן זייער פאַך, וועלן זיי געפינען ווייניק יידן.

אנדערע וועלן זיי מוזן פאַרבייטן; ווייל די קרעמאַטאָריומס אין די מאַידאַנעקס וועלן נישט שטיין אויסגעלאָשן.

אָט איז אין אַ צייטונג געווען אַ ידיעה, אַז בעת מען האָט געוויזן אין אַ קינאָ אין דער ענגלישער זאָנע בילדער פון מאַי־דאַנעק (כדי איבערצודערציען די היענעס), האָבן זיך די היע־נעס אויפגעשטעלט (פאַר זייער אָפּגאָט — די מאַידאַנעק־פלאַמען) און געפּאַטשט בראַוואָ.

און אַ אייראָפּע, וואָס האָט נישט אַרומגערינגלט, לכל הפחות, דעם קינאָ, און נישט אוועקגעפירט די בראַוואָ־פּאַטשער קיין מאַידאַנעק, פאַרדינט דאָס, וואָס די יידן האָבן געהאַט נישט פאַרדינטערהייט.

פּאַטשן בראַוואָ ביים זען מאַידאַנעק און דערנאָך גיין אהיים און זיך קלאָגן אויף דער עוולה, וואָס מען גיט זיי ווייניק קאַלאָריעס!

אויב מען האָט זיי נישט געפירט קיין מאַידאַנעק, כדי צו זען ווי זיי פּאַטשן בראַוואָ דאָרט, אין די אויוונס, איז די וועלט באמת אָדער אַ משוגעים־הויז אָדער אַ פאַרברעכער־אַנשטאַלט.

די בראַוואָ־פּאַטשער זענען דאָך נאָך ערגער פאַר די מאַידאַנעק־הייצער!

און די, וואָס גלעטן די בראַוואָ־פּאַטשער, זענען ערגער פאַר זיי.

גאָט, ווו וועט דיין יידיש פאָלק נעמען כוח צו וועלן לעבן אין אַזאַ וועלט!?...

ווייל קיינער וועט אונז נישט איינרעדן, אַז דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די וועלט פאַרמאָגט אַ סך רחמנות; דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די וועלט פאַרמאָגט אַ סך נאַצים און אינדיפערענטע צו פאַרברעכנס, וועלכע מען באַגייט לגבי אַנ־דערע...

און כדי צו דערגאַנצן דאָס דאָזיקע בילד:

דאָס עסטרייכישע פֿאָלק, וואָס האָט זיך אַזוי שנעל אַריינגעפּאַסט אין דריטן רייך, אַז די יידן פֿון ווין האָבן מקנא געזוען די יידן פֿון בערלין, איז איצט זעלבשטענדיק. אויס כלה און ווידער מויד: אויס אַ שטיק מיאוס נאַצי־דייטשלאַנד, און ווידער אַ קריסטלעך־סאָציאַל לענדל מיט אַ פֿרום פּנימל און אַ טעווטאָניש פֿאַלש און אומפֿאַרשעמט האַרץ.

מען וואָלט געקאָנט אַ סך רעדן וועגן דעם דאָזיקן עסטרייכל, אָבער עס איז גענוג אַן „אומשולדיקער" קאָמוניקאַט פֿון דער עסטרייכישער רעגירונג.

די רעגירונג דערקלערט, אַז בימי היטלער האָט מען אין ווין צוגערויבט ביי יידן 60 טויזנט וווינונגען. כדי צו לייזן די וווינונגס־פּראָבלעם פֿון די פֿאַרבליבענע יידן, זענען נויטיק 1600 דירות. אָבער עס איז זיי שווער צו באַקומען און די יידן וווינען אין שרעקלעכע באַדינגונגען.

עד כאן דער לשון פֿונם קאָמוניקאַט.

פֿאַרענדיקן אים וועלן שוין מיר: צונעמען 60.000 דירות איז זיי לייכטער געווען, ווי אָפּצוגעבן 1600. גיי רייס אַרויס ביי אַ הונט אַ פּיצל פֿון אַ ביין, וואָס ער האָט אַ כאַפּ געטון.

עס איז גענוג איבערצולייענען דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן קאָמוניקאַט און זיך דערמאָנען, אגב, ווי זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן אַביסל מער קאַלאָריעס פֿאַר די יידן, ווי זייערע סאָציאַליסטן מאַכן אַ חשבון, אַז יידן האָבן פֿאַרלוירן בלויז אַ זעקסטל פֿון אַלע נאַצי־קרבנות, — כדי מען זאָל וועלן אַ טרעט טון אויפֿן דאָזיקן הויפֿן פֿרעכהייט און שאַנד און עס צעקוועטשן, ווי אַ גרויסע משפּחה וואַנצן.

פֿון 60 טויזנט דירות צוריקגעבן 1600 קענען זיי נישט, אָבער זייער געפֿיל פֿון גלייכהייט איז געקרענקט פֿון די פּאָר הונדערט קאַלאָריעס מער וואָס די יידן, — וועלכע זיי, די אַדאָלף דאָלפֿוסלעך, האָבן אויסגעהונגערט און אויסגערויבט און אויסגעמאָרדעט, — באַקומען פֿון דער „אונררא".

און צו אַזעלכע איז מען מילד. דאַקעגן צו די קרבנות, — די צופעליק געבליבענע — איז מען פול מיט מידת־הדין.

צוויי געראַטעוועטע פון מאַידאַנעק גיבן אַ קלאַפּ אַ דייטשקע — צו יאָר תפיסה; צוואַנציק יידן, וואָס האָבן געמאַכט אַ צו־זאַמענלויף ביי אַ קלאַנג, אַז דייטשן האָבן געהרגעט יידן (מען דאַרף דאָך זיי פאַרשטיין!) — צו יאָרן תפיסה. איז אַ ווונדער, וואָס אין די לאַגערן — אפילו אונטער דער ענגליש־אַמעריקאַ־נער הערשאַפט — זענען שוין פיל געמאָרדעט געוואָרן דורך אוקראַאינער, פּאָליאַקן און אַנדערע נאַצי־העלפער, ווי אויך דורך דער דייטשער פּאָליציי? און די דאָזיקע לעצטע מאָרדן זענען אויך געבליבן אומבאַשטראָפט: דאָס איז דאָך נישט אַ קלאַפּ טון אַ דייטשקע, דאָס איז דאָך נישט קיין צוזאַמענלויף קעגן די דייטשן אין לאַנדסבערג.

אַ משוגעים־הויז אָדער אַ פאַרברעכער־אַנשטאַלט?

אָרעמע מענטשהייט...

אויפן אוקציאָן פון די זאַכן פון דער דייטשער אַמבאַ־סאַדע אין לאָנדאָן, האָט איינער געקויפט דעם ביוסט פון אַדאָלף היטלער פאַר 500 ענגלישע פונט.

וויזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז נישט קיין פּריוואַטער משו־גענער, נאָר אַ מיטגליד פון אַ סעקטע, וואָס האַלט היטלערן שיעור נישט פאַר אַ צווייטן קריסטוס.

„פון יעזוס קריסטוס — האָט דער קויפער דערקלערט — האָט מען מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק אויך געחוזקט... אָבער היינט איז ער אַ לעבעדיקע קראַפט... דער ביוסט וועט זיך אפשר אומקערן צום דייטשן פאָלק אין אַ 25 יאָר אַרום".

צוויי זאַכן וואָלט מען געקאָנט זאָגן דעם דאָזיקן קאַפּיטאַן: ערשטנס, האָט נאָך קיינער קיינמאָל נישט געחוזקט פון קריס־טוסן, ווי ער מיט די דאָזיקע ווערטער; און צווייטנס, ווען קריסטוס וואָלט באמת געווען אַ לעבעדיקע קראַפט, וואָלטן

אויף דער מענטשהייט נישט געהאַט אזא מאַכט אַזעלכע באַ־צילן, ווי ער...

דער ענין מיטן ביוסט איז באַהאַנדלט געוואָרן נישט נאָר אין דער פּרעסע, נאָר אויך אין ענגלישן פּאַרלאַמענט. און אַ מיניסטער האָט זיך פּאַרענטפערט, אַז דעם קאַפּיטאַן און זיין סעקטע, וואָס מאַכן היטלערן שיעור נישט פאַר אַ קריסטוס, קאָן מען גאָרנישט טון: זיי ברעכן נישט קיין שום געזעץ.

אָרעמע מענטשהייט! דער נישטיקסטער אינפלאַציע־גראָשן האָט געזעצן, וואָס באַשיצן אים, אָבער שענדן די מענטשהייט און די מענטשלעכקייט קאָן מען אומבאַשטראָפט, נישטאָ קעגן דעם קיין געזעצן.

עס שטעלט זיך פאַר אונז די פראַגע: וואָס וואָלט מען געטון מיט אַ מענטשן, וואָס וואָלט עפנטלעך פאַרהערלעכט דזשעק דעם בויכשניידער נאָכן אַנטדעקן זיינע פאַרברעכנס?

און וואָס איז דזשעק דער בויכשניידער אין פאַרגלייך מיט אַ היטלער, דעם מערדער פון גאַנצע פעלקער (נישט פיגוראַ־טיוו, נאָר פשוטו כמשמעו)?

אָבער די, וואָס פאַרהערלעכן אים און זאָגן פאַרויס אַ היטלער־רעליגיע, ברעכן נישט קיין שום געזעצן: היטלער האָט נישט געגנבעט קיין לעבל ברויט, נאָר אַ פּופּציק מיליאָן לעבנס און אומצייליקע ביליאָנען.

וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון אַ מענטשהייט, וואָס פון איין זייט גיט זי אַרויס אַזעלכע סעקטעס, און פון דער צווייטער האָט זי נישט קיין געזעצן צו שיצן זיך קעגן זיי?

די וויימאַר־רעפּובליק האָט אויך נישט געהאַט קיין געזעצן צו קעמפן קעגן היטלערן, ווען ער האָט טעלעגראַפיש באַ־גריסט און פאַרהערלעכט זיינע פעמע־מערדער.

זאָל אים גאָט געבן לאַנגע יאָרן

אַ גוטע בשורה, יידן! איר מעגט שטאָלץ זיין!

אין ענגלאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אַ פרישע געזעל־

שאַפט צו ראַטעווען אייראָפּעאישע קינדער דורך לופט־טראַנס־פּאָרט. אַז מען זאָגט „אייראָפּעאישע", מיינט מען „דייטשע", לויט היטלערס ווערטער־בוך, וואָס פאַרטייטשט: „אייראָפּע" — „דייטשלאַנד".

הכלל, מען פאָדערט אַעראָפּלאַנען פאַר 10.000 דייטשע קינדער, וועלכע וועלן טראַנספּאָרטירט ווערן קיין ענגלאַנד אויף זעקס חדשים, זיי זאָלן נישט שטאַרבן, חס ושלום, פון הונגער און קעלט.

אָבער נישט דעם פאַקט גופא בין איך אויסן, — מיר זענען שוין געוווינט געוואָרן דעם לעצטן האַלבן יאָר, אַז דער רחמנות פון די גרויסע דעמאָקראַטיעס דערהיצט זיך נאָר פון דייטשע צרות. איך דערצייל דעם פאַקט דערפאַר, ווייל בראש פון דער נייער געזעלשאַפט שטייט אויך אַ ייד, דער יידישער פּסיכיאַטער ד"ר קאַרל קעניג, וועלכער וויל אַזוי אַרום אָפּדאַנקען דעם דייטשן פאָלק פאַרן אַרויסטרייבן אים פון דייטשלאַנד און אַזוי אַרום איז ער געבליבן לעבן. ער וויל ווייזן די דייטשן, אַז עס האָט זיך זיי געלוינט אים צו ראַטעווען.

איך ווינטש דעם נאָבעלן דאָקטאָר, ער זאָל לעבן לאַנגע יאָרן און ער זאָל נאָך האָבן די מעגלעכקייט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די קינדער, וועלכע ער ראַטעוועט איצט און וועלכע וועלן זיך מיט אים צערעכענען אַמאָל.

און וואָס שייך היטלערס ביוסט, דאַרף זיך דער ענגלישער קאַפּיטאַן נישט באַמיען צו היטן אים גאַנצע 25 יאָר. ער קאָן אים מיטשיקן קיין דייטשלאַנד אין זעקס חדשים אַרום, ווען די געראַטעוועטע קינדער פון יידישן דאָקטאָר וועלן זיך אומקערן אהיים. דער ביוסט וועט זיך געפינען אין גוטע הענט.

זאָלן געוויסע יידן זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר השכל...

קלאַוז מאַן, טאָמאַס מאַנס זון, האָט אין אָקטאָבער 1945 אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דייטשלאַנד נאָך אַ באַזוך אין זיין געוועזענעם פאָטערלאַנד. ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן די אַלע־

(אויך קענן געוויסע דייטשע פּליטים), וועלכע איבערשאַצן דאָס „אַנדערע דייטשלאַנד" און פאַדערן אַ מילדע באַציאונג צום דייטשן פאָלק און גלויבן אַזוי בלינד און ביליק אין זיין איבערדערציאונג. דערביי באַנוצט ער מוטיקע און ריכטיקע ווערטער:

„אַ רעאַליסטישע פּאָליטיק קאָן זיך נישט שטיצן אויף אַ מטושטשע און סענטימענטאַלע פאַנאַנדערטיילונג צווישן „גוטע דייטשן" און „שלעכטע נאַצים". די אַמעריקאַנער און בריטישע פאַרטיידיקער פון אַזאַ איידעלער פאַנאַנדערטיילונג, זענען נישט גוט אינפאָרמירט... וואָס שייך געוויסע אַנטי־נאַצישע פּליטים, וואָס הערן נישט אויף צו פאַרטיידיקן אָדער אפילו לויבן דאָס „אומשולדיקע" דייטשע פאָלק, ווייזן זיי, לויט מיין מיינונג, אַרויס אַ באַאומרואיקנדיקן און מאָדנעם מאַנגל פון פּאָליטישן טאַקט — אויב זיי זענען נישט קיין אַגענטן און פאַרלויפער פון אַ נייעם דייטשן נאַציאָנאַליזם. ווי וואַגן זיי צו זיין אַזוי טומלדיק באַזאָרגט וועגן וויל און ווירדע פונם קומענדיקן פערטן רייך? די גרעסטע מערהייט פון דייטשן פאָלק האָט אַרויסגעוויזן טאָג־איין טאָג־אויס זייער עקשנותדיקע לאָיאַליטעט צו דער הערשנדיקער קרימינעלער באַנדע; און געוויסע דייטשע פּאָליטיקער און פּובליציסטן הערן נישט אויף צו טענהן, אַז דייטשלאַנד דאַרף באַהאַנדלט ווערן מיט אַ ווייטגייענדיקער דע־ליקאַטקייט און דרך־ארץ, און ווער עס ספקט אין דעם, ווערט געשטעמפּלט ווי אַ „וואַנסיטאַרטיסט".

„איך בין קראַנק און מיד פון דעם אומזין... ווען איך וואָלט באַדאַרפט אויסוויילן צווישן אים (וואַנסיטאַרט)... און צווישן געוויסע שטאַנדפּונקטן פון אַ „פרייען דייטשלאַנד"..., וואָלט איך נישט וואַקלענדיק זיך איינגעשטעלט פאַרן סקעפּטישן לאָרד".

נישט נאָר קלאָוז מאַן איז קראַנק פון דאָזיקן אומזין. אויך

מיר, וואָס אונז קומט אוים צו הערן אפילו פון יידן וועגן אַ „פרייען דייטשלאַנד", זענען קראַנק פון אומזין און עקל.

צי וועלן דאָס פאַרשטיין אויך די, וועלכע קאָנען מאַכן דערפון די אויספירן?

דער בישאָף בראָמליי אָקסנאַם, דער פּרעזידענט פון „פעדעראַל קאָונסיל אָף דהי טשוירטשעס אָף קרייסט" אין אַמעריקע, דערציילט אינם אָקטאָבער־נומער פונם זשורנאַל „אַמעריקען", אַז בעת זיינעם אַ באַזוך אין דייטשלאַנד האָט ער גערעדט מיט אַ דריי הונדערט דייטשן:

„קיינער פון די דריי הונדערט האָט נישט ארויסגעוויזן קיין געפיל פון שולד צוליב די אכזריותן פון די נאַצים: די פיין־לאַגערן, דאָס אויסרויבן נייטראַלע פעלקער, די רדיפות אויף יידן... די איינציקע זאַך, וואָס זיי האָט פאַרדראָסן, איז דאָס פאַרלירן דעם קריג. אין עטישן זין זענען זיי גאָרנישט פאַלשס אינם נאַציזם. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אַ נאַצי אין אַמעריקע".

ווען דער בישאָף וואָלט געקאָנט רעדן נישט מיט 300 דייטשן, נאָר מיט 30 מיליאָן, וואָלט ער אויך נישט אַנטדעקט עפּעס אַנדערש. גיט זיי די קלענסטע מעגלעכקייט, גיט זיי די קלענסטע זיכערקייט פון זיג, וועלן זיי ווידער אָנהויבן אַלץ פון אָנהויב, לויט דער אַלטער פּראָגראַם, נאָר אין אַ פאַרבעסערטער אויפלאַגע.

צי וועט די וועלט, די וועלט פון די מעכטיקע, ענדלעך באַגרייפן, אַז דורך מאַכן עטלעכע פּראָצעסן, אַז דורך הענגען עטלעכע הונדערט נאַצים וועט מען די נאַצים, ד. ה. דאָס דייטשע פאָלק, נישט איבערדערציען? קאָן מען דען באַזייטיקן אַ מגפה דורך אויסהיילן עטלעכע צענדליק קראַנקע, בעת מען לאָזט פראַנק און פריי ארומלויפן מיליאָנען אָנגעשטעקטע מיט דער קראַנקהייט?

אַט דאָס איז דער אומגליק פון דער מענטשהייט: זי האָט אַ ריזיקן טאַלאַנט צו טעכניק, אפילו צו שאַפן אַן אַטאָם־באָמבע, אָבער אַזאַ קליינע אינטעליגענץ אויף צו באַגרייפן, וואָס אַ פאַרשווינט דייטשלאַנד איז פאַר דער צוקונפט.

דער סאָציאַליסטישער באַנדאַזש איז ווידער דאָ

אינם ביולעטין פונם פאָרשונגס־אינסטיטוט ביים יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט „פאַקטן און מיינונגען" (פון וואַנעט מיר האָבן גענומען די ציטאַטן פון קלאַוז מאַנס אַרטיקל און די ציטאַט פונם בישאָף) ווערט רעפערירט אויך אַ קענגנזעצלעכע מיינונג וועגן דייטשן פאָלק, פון ד"ר האַנס הענטינג, אַ געוועזענעם פּראָפעסאָר אין דייטשלאַנד, געדרוקט אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער „נייער פאָלקסצייטונג" אין אַמעריקע. „דער שרייבער גלויבט, — ווערט געבראַכט אינם ביולעטין, — אַז אין דייטשלאַנד וואַקסט פון די טיפענישן פון דער מפּלה, הונגער און אָנמאַכט — אַ נייע מאָראַלישע קראַפט און ער פאָדערט צו אָריענטירן זיך נישט אויף צוואַנגס־מיטלען, נאָר אויף אַט דער מאַכט".

דאָס זענען, נאַטירלעך, נאָר ווערטער, צי דער פּראָפעסאָר גלויבט אין זיי אָדער נישט. דאָס איינציקע, וואָס וואַקסט אין דייטשלאַנד פון דער מפּלה, איז דער ווילן צו רעוואַנש, פּונקט ווי פון הונגער וואַקסט אין איר דער ווילן צו נקמה און פון אָנמאַכט — דער ווילן צו מאַכט.

און דער בעסטער באַווייז — דער אויבנגעבראַכטער גבית עדות פונם בישאָף.

אין זעלבן נומער „פאַקטן און מיינונגען" ווערט אויך געבראַכט אַ שאַרפער אויסצוג פון ש. מענדעלסאָנס פּאָלעמיק מיט דער דערמאָנטער דייטשער „נייער פאָלקסצייטונג".

ש. מענדעלסאָן באַמערקט זייער ריכטיק: „דער עקזאַמען פון די דייטשע מאַסן איז געווען דעם 9־טן מאַי 1945, ד. ה.

א טאָג נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון היטלערן. דער... צושטאַנד, אין וועלכן דאָס געשלאָגענע דייטשלאַנד האָט זיך געפונען, איז געווען די פּאַסיקסטע אַרענע פאַרן אויסדרוק פון פאָלקס־צאָרן, פאַר דעם ערשטן חשבון מיט די נאַציס, געמאַכט דורך די ד י י ט ש ן אַליין... דיסציפּלין, „רואיקייט", „באַזאַכטקייט" פון די דייטשן איז אַ באַאומרואיקנדיקע דערשיינונג".

און עס איז אַ גרויסע עוולה, נאָך מער — אַ היסטאָרישער טעות, וועלכן עס באַגייען די דייטשע סאָציאַליסטן אין אַמע־ריקע, ווען זיי פּרוּוון צו פאַרענטפערן, צו רעכטפאַרטיקן דעם צושטאַנד...

„אַפילו דער „בוכענוואַלד מאַניפעסט" פון די דייטשע סאָציאַליסטן... קאָן בשום אופן נישט באַרואיקן... ער פאַר־שווייגט לחלוטין דעם גרויליקן אמת פון פ א ר ב ר ע כ נ ע ן ד א ס י י ד י ש ע פ אָ ל ק"...

צי דען ווייס נאָך נישט פּריינט ש. מענדעלסאָן, אַז די דייטשע סאָציאַליסטן נעמען ווידער שפּילן די ראָל פון אַ באַנ־דאַזש, געלייגט אויף דעם פאַרוואונדעטן קערפּער פון דייטשן נאַציזם, כדי ער זאָל זיך קאָנען אויסהיילן? און אַ באַנדאַזש טאָר נישט רייצן, נאָר פאַרדעקן און מילדערן, כדי דער פּאַציענט זאָל זיך בעסער פילן.

ווען דער פּאַציענט וועט געגעזן ווערן, וועט דער באַנדאַזש זיך אַראָפּגליטשן און די אויסגעהיילטע חיה וועט אַ שפּרונג טון...

אַן איינזייטיקע ליבע

אין זיין וווּנדערבאַרער פּאָעמע „די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך" האָט שלום עליכם אויסגעדריקט — אויף זיין אופן: שטיל — דעם איינגאַרטיקן וועלט־שמערץ פון יידישן פאָלק. ער קלאָגט זיך דאָרט אויף דעם, וואָס קאַסרילעווקע פילט די ליידן און ווייטיקן פון דער גאַנצער וועלט, אָבער קיינער אין דער וועלט פילט נישט די ליידן און ווייטיקן פון קאַסרי־

לעווקע. קאסרילעווקע, די אָרעמע, די דערשלאָגענע און פאַר־
וואָרלאָזטע קאסרילעווקע, געפינט צייט און געפיל מיטצולײדן
און מיטצופילן מיט אַלעמען, זי האָט ליב די גאַנצע וועלט,
אָבער מיט אַ טראַגישער ליבע: זי איז נישט קעגנזײטיק...

טאָג־טעגלעך ברענגען אונז די צײטונגען מאָומדיקע באַ־
ווייזן פאַר דער איינזייטיקייט פון אונזער ליבע צו דער וועלט.

אין פראַנקפורט האָט מען דעם 13 יאַנואַר געהאָנגען 3
ציווילים פאַר טויטן זעקס אַמעריקאַנער פליער.

נעבן ברעמען האָט מען אַרעסטירט 18 דייטשן, — ציווילע,
זעלנער און מאַטראָזן, — פאַר פאַרפייניקן צום טויט 7 אַמע־
ריקאַנער פליער.

ביי 2000 דייטשן זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר פייניקן
אָדער טויטן געפאַנגענע אַמעריקאַנער פליער. די גרעסטע טייל
פון די אַרעסטירטע מערדער און פייניקער זענען דייטשע ציווי־
ליסטן.

מען וואָלט די דאָזיקע רשימה געקאָנט פאַרגרעסערן אויך
פון יאַפּאַנישן קריגס־פאַרברעכערישן פראָנט: כמעט אומעטום
זוכט מען אויס יעדן מיליטערישן אָדער ציווילן קריגס־פאַר־
ברעכער, וואָס האָט געטויט אָדער געפייניקט וועלכן עס איז
מיטגליד פון די פאַרבינדעטע אַרמייען אָדער פון די פאַרבינ־
דעטע פעלקער.

און ביי יעדן באַריכט פון באַשטראָפונג האָבן מיר, יידן,
צוויי געפילן: פון איין זייט ווערט אונזער געפיל פון גערעכטי־
קייט באַפרידיקט, — גוט אַזוי, זאָל מען זיי אויסראָטן, די
דאָזיקע געמיינע פאַרברעכער־באַנדעס, וואָס האָבן זיך באַ־
טראַכט פאַר אויבער־מענטשן, פאַר וועלכע עס זענען נישט גילך
טיק קיין שום געטלעכע און מענטשלעכע געזעצן; אָבער פון
דער צווייטער זייט פלאַקערט אויף אין אונז אַ טראַגישער פראַ־
גע־צייכן: און ווו זענען די פּראָצעסן פון אונזערע פייניקער,
פון די ציווילע און מיליטערישע?

זייט סעפּטעמבער 1939 ביז מאַי 1945 זענען פאַרגעקומען

אומצייליקע פּאָגראָמען איבער 7 מיליאָן יידן, פון וועלכע 6 מיליאָן זענען פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט. נישט נאָר אין טרעבלינקע און אין מאַידאַנעק און אין די איבעריקע אָפּיציעלע טויטן־לאַגערס זענען די דאָזיקע 6 מיליאָן אומגעבראַכט געוואָרן. אין אומצייליקע שטעט און שטעטלעך האָט מען זיי אַרויסגעפירט אין מאַרק, אין וואַלד, אין פעלד צו די מאַסן־שחיטות, צו די מאַסן־טאָרטורן. דייטשע קאָמענדאַנטן, דייטשע אָפּטיילונגען האָבן אַרויסגעגעבן באַפעלן און האָבן די באַפעלן אויסגעפירט מיט אינדיווידועל־שעפערישן סאַדיזם, — וווּ־זשע זענען די פּראָצעסן פון די דאָזיקע מערדער? פון צווישן אַכציק מיליאָן אַקטיווע און פּאַסיווע מערדער קאָן מען אויסגעפינען 3 ציווילסטן, וועלכע האָבן געטויט אַמעריקאַנער פליערס, אָבער מען קאָן נישט געפינען די קאָמענדאַנטן פון שטעטלעך, וואָס זענען קאַלטבלוטיק אויסגעראָטן געוואָרן אַנגראַ?

מיר האָבן נישט אַליין קיין מאַכט אָנצונעמען די מערדער ביים קאָלנער, אָבער פון ווען אָן איז אַ מערדער פון אַן היימלאָזן, פון אַ יתום פריי פון שטראָף?

איך האָב געזען די יידישע יוגנט אין פּוילן אויף די פּאַרשטעלונגען פון „שריי, בינע!" און איך זאָג עדות: די אומגערעכטיקייט לגבי בינע האָט זיי געשניטן ווי אין אייגן לייב, — זיי האָבן פּערזענלעך מיטגעליטן; איך האָב געקענט יידן, וועלכע זענען וואָכן לאַנג נישט געשלאָפן צוליב דער יאַפּאַנישער באָמבאַרדירונג פון טשאַפּעי; איך האָב געקענט יידן, וועלכע זענען — נישט געקוקט אויף מינכען — אויפגעטרייסלט געווען פון קאָווענטרי; איך קען יידן, וועלכע האָבן געפילט אַ שטאָך אין הארצן ביים זען פאָטאָגראַפיעס פון דייטשע מאָגערע קינדער, וואָס זוכן עסנוואַרג אין אַ מיסט־קאַסטן (זיי האָבן זיך פאַרבאָטן מיטצולײַדן מיטן דאָזיקן פאַרשאָלטענעם זאָמען, אָבער זיי האָבן מיטגעליטן, זייער פילבאַר קאָסרילעווקע־האַרץ איז געווען שטאַרקער פאַר דער דעראַינערונג פון טרעבלינקע.

גאָט זאָל זיי מוחל זיין זייער פאַרברעכן), — אָבער ווו זענען די, אין דער ברייטער וועלט, וועלכע האָבן פּערזענלעך מיט־געליטן מיטן וואַרשעווער געטאָ אין זיינע לעצטע ראַנגלענישן, וועלכע האָבן מיטגעליטן מיט די יידישע קינדער, וועלכע הינט האָבן געשלעפּט צו די קרעמאַטאָריומס אין די אויגן פון די מאַמעס? ווען מען וואָלט דאָס מיטגעפילט, וואָלט מען דאָך געווען געזען אַ מעכטיקע רעאַקציע פון דער מעכטיקער וועלט, וואָלט מען דאָך געזוכט און געפונען די הונדערטער טויזנטער מערדער און פאַרפייניקער פון גאַנץ קאַסרילעווקע!

אָבער קיינער זוכט זיי נישט און קיינער האָט צו זיי נישט קיין ברענענדיקע טענות, — העכסטנס לאָזט מען פאַלן אַ נייט־ראַלן, אומעטיקן „טאַקע נישט פיין”, מען מוז דאָך יוצא זיין פאַרן געוויסן, וואָס אַפּיציעל געפינט ער זיך נאָך אויף דער רשימה פון די לעבעדיקע, אויך אין דער מעכטיקער וועלט.

פאַרוואָס, פאַרוואָס פילט קאַסרילעווקע יעדנס ווייטיק און קיינער, קיינער פילט נישט דעם ווייטיק פון קאַסרי־לעווקע?

אַלץ, אַלץ וואָס מאַכט דאָס לעבן דערטרעגלעכער אויף דער דאָזיקער וועלט, האָט דער גורל ביי אונז אָפּגענומען; און כדי צו קאָמפּענסירן אונז פאַר דער עוולה, האָט ער אונז געגעבן ניין צענטל פון דעם, וואָס קיינער וויל נישט און דאַרף נישט האָבן: געוויסן און מיטגעפיל.

ווען מתן תורה ווערט שוין דערציילט, אַז ווען קיינער האָט די תורה נישט געוואָלט אָננעמען, האָט מען זי אויף אונז אַרויפגעצוווּנגען. און דעריבער אפשר האָט מען ביי אונז אַלץ געמוזט אָפּנעמען, כדי מיר זאָלן זי ליב קריגן און האַלטן אין כבוד: ווייל די, וואָס האָבן אַלץ, האָבן קיין אָרט נישט פאַר איר...

י) פון אויסן און פון אינעווייניק*)

איך ווייס נישט, צי אין משך פון אונזער לאַנגער, פיינלעבער געשיכטע האָבן זיך יידן געפונען מער ווי אַ מאָל פירפינף אין אַזאַ מוראַדיקער לאַגע, ווי די איצטיקע. אפשר נאָכן ערשטן חורבן, נאָכן צווייטן חורבן, נאָך די קרייץ־צוגן, נאָך גירוש ספרד, נאָך גזירת ת״ח. אָבער שוין בעתן אויסרעכענען די ענלעכע מאָמענטן אין אונזער געשיכטע, איז מיר באַפאַלן אַ ספק, צי מען קאָן זיי שטעלן אין איין ריי מיט דעם, וואָס עס איז איצט געשען און עס געשעט נאָך יעדן טאָג. ווען מען טראַכט זיך גוט אַריין, ווילט זיך איבערלאָזן בלויז איין פאַרגלייך: דעם צווייטן חורבן.

יעדעס מאָל, ווען איך פלעג טראַכטן אָדער לייענען וועגן יענע טראַגישסטע מאָמענטן פון אונזער געשיכטע, פלעג איך בלייבן שטיין מיט יראת הכבוד נישט נאָר פאַר די, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם, נאָר אויך פאַר די, וועלכע האָבן געהאַט מוט און כוח צו בלייבן לעבן אויף קידוש־השם. עס זענען דאָ מאָמענטן, ווען עס איז אַ סך לייכטער אומצוקומען, ווי צו בלייבן לעבן. און אַזאַ מאָמענט באַהערשט איצט אונזער געשיכטע. אויב איך האָב דאָס דאָן נישט געקאָנט פאַר־

---

*) אין די ערשטע וואָכן פון דער „באַפרייאונג״, אין סעפּטעמבער 1945, האָב איך דעם דאָזיקן אַרטיקל נישט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעשריגן. אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען איך בין שוין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַמעריקע, האָב איך דעם אַרטיקל איבערגעשריבן — און ביים איבערשרייבן געמילדערט — און געשיקט קיין אַמעריקע. נישט מען האָט אים געדרוקט און נישט צוריקגעשיקט. היות ווי איך פיל אַ גרויסע אינערלעכע באַדערפעניש אים אָפּצודרוקן, האָב איך אים ווידער איבערגעשריבן — מיט קליינע קיצורים און מילדערונגען — און כ׳נעם אים אַריין אין מיין „געשריי אין דער נאַכט״, אַלס דאָקומענט פון דער צייט.

שטיין פון דער ווייטנס, קאָן איך דאָס איצט נאָך ווייניקער פאַרשטיין פון דער נאָענט: ווו נעמט מען מוט און כוח צו לעבן, צו טראָגן ווייטער אין דער טונקלסטער, אומזיכערסטער צוקונפט אַריין די צעבראָכענע געשיכטע פון אַ צעבראָכן פאָלק?

ר' ישמעאלס פאָרשלאַג, יידן זאָלן אויפהערן צו געבוירן קינדער און אַזוי אַרום אויסלייזן זיך פון גלות, וואָלט, דאַכט זיך, געווען אויפן אָרט איצט נאָך מער ווי דאַן.

און דאָך, און דאָך, איז אונזער ווילן צום לעבן נישט געבראָכן. נאָך מער, ווען דער עקל-געפיל צו דער וועלט פאַר־גיסט אונז, פאַרבליניעט אונז און דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג ווערט נייטראַליזירט און מיר בעטן אויף זיך דעם טויט, דעם נישט-זיין, דעם נישט-וויסן, די אַבסאָלוטע רו, די פאַרייניקונג מיט די אָוועקגעגאַנגענע, פילן מיר פּלוצלונג ווי עפּעס רייסט אונז צוריק אויף צום ווילן צו לעבן; ווי וויינענדיקע נאָענטע לאָזן נישט שטאַרבן דעם גוסס, וועלכער בענקט שוין נאָך רו, אַזוי שטייט אונז צו קאָפּנס דער שר פון אונזער אומה, דער צער פון אונזער אומה און מיר פילן, אַז מיר קאָנען נישט, אַז מיר טאָרן נישט שטאַרבן: ווי לאָזט מען איבער אַ פאָלק, וואָס יעדער פון אונז טראָגט אים אין זיך, אויף הפקר, אויפן באַראָט פון אַ וועלט, וואָס האָט פאַרלוירן די חרפה סיי פאַר גאָט, סיי פאַר לייט, סיי פאַר זיך אַליין?

אויב אַמאָל איז שרעקלעך געווען דער געדאַנק וועגן טויט צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון: מען האָט אַזוי ווייניק גענאָסן אָדער מען האָט אַזוי ווייניק אויפגעטאָן, — איז היינט שווער דער געדאַנק וועגן טויט צוליב נאַציאָנאַלע מאָטיוון: ווי לאָזט מען איבער אויף הפקר אַ פאָלק, דאָס אייגענע פאָלק, וואָס מען טראָגט אים אין זיך און וואָס מען לעבט נאָר אין אים?

נאָך קיינמאָל איז די לאַגע פון יידישן יחיד נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווי איצט. אַמאָל איז געווען שווער צו לעבן

אַלס ייד און צו שטאַרבן אַלס מענטש, היינט איז אפילו שווער צו שטאַרבן אַלס ייד.

עס איז שווער צו שטאַרבן און ס'איז שווער צו לעבן. און ס'איז אונז נאָך שווערער פאַר יענע פון די אַמאָליקע קאַפּיטאַלע יידישע חורבונות: יענע האָבן געהאַט אַ קאָנקרעטן גלויבן, אַנ־צושפּאַרן זיך אויף אים, אָבער מיר? וואָס האָבן מיר פאַר אַן אָנשפּאַר, ווען מיר מאַכן דעם חשבון הנפש פון אויסן און פון אינעווייניק?

* * *

פון אויסן...

די וועלט איז אַמאָל אויך נישט געווען בעסער צו אונז. זי האָט זיך קיינמאָל נישט געאײלט איבערצובינדן אונזערע וואונדן, שוין אָפּגערעדט וועגן איינשטעלן זיך פאַר אונז, מיר זאָלן זיי גאָר נישט באַקומען. אָבער דאָך זענען אונזערע קעגנ־זייטיקע באַציאונגען מיט דער וועלט געווען אַנדערש.

ערשטנס איז אַמאָל די וועלט געווען פאַר אונז סיי ענגער און סיי ברייטער. די וועלט איז אַמאָל נישט געווען אַזוי פאַר־בונדן צווישן זיך, יעדעס לאַנד איז געווען אָפּגעשלאָסענער פון צווייטן, ווי היינט. דאָס האָט געמאַכט פאַר אונז די וועלט ענגער, — די וועלט האָט דאַן באַדייט דאָס לאַנד, ווו מיר האָבן זיך געפונען און די נאָענטע גרענעץ־לענדער זיינע. אָבער זוי ענג עס איז אונז נישט געווען, האָבן מיר געהאַט אַ מעגנ־לעכקייט צו טראַכטן, צו טרוימען וועגן אַנטרונען ווערן ערגעץ־ווו. ווי ענג עס איז אונז נישט געווען, זענען אָבער אונזערע טענות אויך געווען ענגער.

אָבער היינט, ווען די וועלט איז אַן איינהייט, ווען אַלץ קומט פאַר פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, איז פאַר אונז די ברייטקייט נאָך ענגער, נאָך שטיקנדיקער, ווי די אַמאָ־ליקע ענגע האָריזאָנטן. מיר האָבן נישט דעם טרייסט פון די געפּייניקטע — די אילוזיע, דעם טרוים, אַז ווייטער פון די גרענעצן פון אומגליק — איז רו, איז אָנשטענדיקייט, איז מיט־

געפיל און ערלעכקייט. ווען מיר ווערן היינט פיזיש געשלאָגן אין איין לאַנד, ווערן מיר פסיכיש געשלאָגן אין דער גאַנצער וועלט. נישט נאָר די נאָענטע שכנים זענען שאָדנפרייִדיק און גלייכגילטיק — די גאַנצע וועלט!

און חוץ דעם: פון דער אמאָליקער ענגשאַפט פלעגט מען זיך טאַקע קאָנען ראַטעווען נישט נאָר אין טרוים, — אויך רעאַלע לענדער פלעגן האָבן אָפענע טירן און פלעגן אריינלאָזן, און אמאָל אויך — איינלאַדן. אָבער היינט, ווען די וועלט איז געוואָרן אַזוי רחבותדיק, איז אונז געוואָרן אַזוי ענג. בעת אַלע פריערדיקע גירושים האָבן מיר געפונען אַ מקום־מקלט, אָבער היינט? איז דען אמאָל עמיצן איינגעפאַלן אויפצוהענגען אַ שלאָס אויף לײדיקע קאָנטינענטן?

און נאָך עפּעס: אמאָל האָבן מיר נישט דערוואַרט גאָר־נישט פון דער דרויסנדיקער וועלט און מיר האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף איר. מיר האָבן געזוכט ביי איר אויסערלעכן שוץ, אויף וויפל אונז איז דאָס מעגלעך געווען צו באַקומען ביי איר, אָבער קיין אינערלעכן טרייסט האָבן מיר פון איר נישט דער־וואַרט. מיר האָבן געוווּסט, אַז די ישועה וועט קומען פון אויבן, דורך ביאת המשיח, און אויף אים האָבן מיר גע־וואַרט. היינט אָבער האָבן מיר משיחן אַראָפּגעבראַכט אויף דער ערד, אויף ד ע ר וועלט אין דער געשטאַלט פון פּראָגרעס, הומאַניזם, סאָציאַליזם, דעמאָקראַטיע, פעלקער־פאַרברידערונג. מיר האָבן גענומען דערוואַרטן אונזער ישועה פון דער וועלטס פאַרמענטשלעכונג, און איצט שטייען מיר פאַר אַ צעבראָכענער קאַריטע.

ווען אונזער וואַרטן אויף ביאת המשיח פלעגט אמאָל ווערן צו נישט, פלעגן מיר איבערלעבן אַ צייטווייליקע אַנטוישונג, — עס וואָלט בעסער געווען, אַז פריער, אָבער פאַרפאַלן, וועט עס זיין שפּעטער; ווען משיח פלעגט נישט קומען, פלעגן מיר באַשולדיקן נישט אים, נאָר אונזער טעות ביים אויסרעכענען דעם קץ. איצט אָבער איז גאָר עפּעס אַנדערש. מיר זענען עדות

פון אַ מענטשהייט־באַנקראָט, וואָס האָט קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע, ווייל נאָך קיינמאָל האָבן מיר דער מענטשהייט נישט געגעבן אַזאַ גרויסן קרעדיט און נאָך קיינמאָל האָט זי נישט אויסגעשטעלט אַזוי פיל וועקסלען. די מענטשהייט האָט דערגרייכט אַ פאַנטאַסטישע שטופע נישט נאָר פון טעכנישער שלימות, נאָר אויך פון גייסטיקן פראָגרעס: דער מענטש ווייס אַזוי פיל וועגן אמת, וועגן יושר, וועגן דעם, ווי אַזוי די וועלט דאַרף און מוז אויסזען, אָבער דערביי קאָן דער מענטש אָפטון דאָס ערגסטע, ער קאָן ווערן ערגער פון אַ חיה. דאָס, וואָס איז איצט געשען אין אייראָפּע לגבי אונז, סיי מצד די אַקטיווע דייטשן, פּאָליאַקן און אוקראַינער, סיי מצד די פּאַסיווע איבער־ריקע פעלקער (בעתן קריג און נאָך אים), איז אַזוי אומגע־הויער, איז אַזוי אומגלויבלעך געמיין, אַז מיר קאָנען מער נישט האָבן קיין אילוזיעס בנוגע דער מענטשהייט.

דאָס איז שוין נישט קיין פראַגע פון: „ס'איז נאָך נישט דער אמתער קץ!”, ווי דאָס איז געווען בעת יענעם קריג, בעת דער דייטשער רעוואָלוציע און דער דייטשער רעפּובליק, בעת דער פעלקער־ליגע. דאַן האָט מען נאָך געקאָנט זאָגן: די מענטש־הייט דאַרף זיך נאָך אַנטוויקלען, זי איז נאָך נישט דערוואַקסן צו עכטן סאָציאַליזם, צו עכטער דעמאָקראַטיע, צו עכטער פעל־קער־פאַרברידערונג. איצט אָבער, ווען די מענטשהייט האָט דאָס געקאָנט טון און צוזען און איבערגיין צום סדר־היום, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, — איצט איז שוין קלאָר, אַז די מאָראַלישע אַנטוויקלונג גייט נישט נאָר נישט פוס־טריט מיט דער מאַטעריעלער, נאָר פאַרקערט, וואָס מער די מענטשהייט געווינט אין פאַרשטאַנד, אַלץ מער פאַרלירט זי אין מאָראַל; וואָס מער זי ז ע ט א י י ן , אַלץ מער הערט זי אויף צו פ י ל ן .

כל־זמן מיר האָבן געשטעלט אויף דעם מיסטיש־רעליגיעזן משיח, האָט אונזער קאָרט קיינמאָל נישט געקאָנט ענדגילטיק געשלאָגן ווערן; אָבער איצט, ווען מיר האָבן געשטעלט אויף

דער קאַרט פון דער פּראָגרעסירנדיקער מענטשהייט, איז אונ־
זער קאַרט געשלאָגן געוואָרן. און נאָך ווי!

מיר שטייען פאַר אַ טאָפּלטן חורבן: מיר האָבן פאַרלוירן
צוויי פינפטל פון אונזער פאָלק און מיר האָבן פאַרלוירן דעם
גאַנצן גלויבן אין אונזער נייעם משיח — אין דער מענטשהייט.

און קיינער וועט אין אונז דעם דאָזיקן גלויבן מער נישט
ברענגען צום לעבן, — נאָך יאָרן מאַידאַנעק און טרעבלינקע,
נאָך דער געשיכטע פון די געטאָס אין פּוילן, נאָך די פּראָצעסן
קעגן די מערדער, נאָך דער כוואַליע פון מיטלייד און זאָרג מיט
און פאַר דעם דייטשן היענע־פאָלק, בעת די רעשטלעך פון אַ
פאָלק, וואָס מען האָט צופעליק נישט באַוויזן צו פאַרניכטן,
זיצן אין די לאַגערן און שטאַרבן אויס און ווערן מאָראַליש
פאַרניכטעט, — נאָך דעם אַלעם קאָנען מיר מער אין דער
מענטשהייט נישט גלויבן.

איך ווייס: דער דאָזיקער אומגלויבן אונזערער, — פּונקט
ווי אונזער פאַרניכטונג, — וועט די וועלט נישט אַרויסברענגען
פון גלייכגעוויכט; דער דאָזיקער אומגלויבן וועט שווער טרעפן
פסיכיש נאָר אונז (ווייל עס איז אַזוי שווער צו לעבן אָן אַ
גלויבן, אָן דעם איינציקן אָנהאַלט־פּונקט!), אָבער דאָס איז
נישט קיין פראַגע פון נוצלעכקייט און ישוב־הדעתדיקן אויס־
וואַל, — מיר קאָנען מער נישט גלויבן און מיר ווילן מער
נישט גלויבן.

אויב עס איז מעגלעך, אַז אין די נאַצי־לאַגערן זאָלן נאָך
פרירן און הונגערן די אומגליקלעכסטע פון אַלע היטלער־קרבנות
— די יידן, בעת די נאַציס, די פייניקער, גייען נאָך אָנגעטון אין
בגדים, צוגערויבטע ביי יידן; אויב עס איז מעגלעך, אַז די אומ־
גליקלעכסטע פון די נאַצי־קרבנות זאָלן נאָך „וווינען" אין קאָנ־
צענטראַציע־לאַגערן, געשאַפן דורך די נאַציס, בעת די דאָזיקע
לעצטע וווינען נאָך אין די יידישע אַפּאַרטמענטן, אָנגעפילט
מיט יידיש האָב און גוטס, — אויב די דאָזיקע קליינינקע
פאַקטן זענען אַ מעגלעכקייט (וועגן די גרעסערע רעד איך שוין

נישט), איז אַ סוף צו אַלע אילוזיעס, איז אויס מיטן גלויבן אין מענטשן. אויב עס האָט געקאָנט געשען דאָס, וואָס איז געשען, און די וועלט שלינגט עס אַראָפּ ווי קיינמאָל גאָרנישט, איז נישטאָ מער קיין גרענעץ, — מען קאָן מיט אונז טון אַלץ, אַלץ; מען קאָן אפילו אין דער נייער פעלקער־פאַריייני־קונג אַריינטראָגן אַ פּראָיעקט וועגן ענדיקן היטלערס אַרבעט אויסצוראָטן די יידן (צו „לייזן" די יידן־פראַגע). ווער וועט גאַראַנטירן מיט זיין קאָפּ, אַז אַזאַ געזעץ־פּראָיעקט האָט נישט קיין שאַנסן אָנגענומען צו ווערן לויט אַלע כּללים פון דעמאָ־קראַטישער געזעצגעבונג? איז דען דאָ אַזאַ הפקר־מענטש, וואָס וועט איינשטעלן זיין קאָפּ?...

און היות מיר ווילן פאָרט נישט אומקומען, היות אונזער פאָלקהאַפטיקייט אין אונז איז פול מיט לעבנס־אימפּולסן, מיט ווילן צו לעבן, שטייט אונז פאַר אַ לעבן, וואָס איז טויזנט מאָל ערגער ווי דאָס לעבן פון יידן אין מיטלאַלטער, אַ לעבן, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי מען האָט דאָס אַריבערגעטראָגן. דאַן איז דאָך געוועזן אַ גן־עדן אין פאַר־גלייך מיט היינט! מען האָט געלעבט אין אַן אייגענער סביבה, מען האָט געוואַרט אויף דער גאולה און דאָס האָט געהאַלטן גלייכגעוויכט דעם שווערן לעבן.

אָבער היינט? עס איז אוממעגלעך צו גלויבן אין דער גאולה דורך אַ מענטש־געוואָרענער מענטשהייט. און די היי־מישע סביבה איז צעשוווּמען און דורכגעפוילט; מען לעבט נישט נאָר אין אַ פיינטלעכער וועלט, פון וועלכער מען האָט גאָרנישט וואָס צו דערוואַרטן, נאָר אויך דאָס אייגענע הייזל, די אייגענע הייזקע איז אַ חורבה, אַ נוטה לנפול, — ווייל צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן: פון אינעווייניק איז אויך גאָר שטאַרק טרויעריק.

אָנשטאָט צו זיין אינערלעך שטאַרקער ווי אין מיטלאַל־טער, — ווייל די געפאַר איז גרעסער, — זענען מיר נישט דער ערך שוואַכער, ווי דאַן.

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

אַט אַזוי זעט אויס די וועלט. אָבער ווי זעט אויס ביי אונז אינעווייניק?

איך בין ביי אַ זעקס יאָר געווען אָפּגעריסן פון ברייטן יידישן לעבן. מען זאָגט, אַז פון דער ווייטנס, פון אַ זייט, זעט מען בעסער, אָבער איך האָב דעם דאָזיקן כּלל נישט געקאָנט אויסנוצן, ווייל איך האָב גאָרנישט געזען צוליבן געדיכטן רויך פון דער וועלט־שריפה. דערפאַר אָבער האָב איך געקאָנט באַ־אָבאַכטן דאָס יידישע לעבן פון דער נאָענט אין זיינער אַ מיניאַטור־פאָרם. פיר יאָר האָב איך געהאַט פאַר זיך דאָס יידישע לעבן בזעיר אנפּין, אין מיניאַטור, און איך האָב דאָס דאָזיקע יידישע לעבן געקאָנט זען בעסער ווי פאַרן קריג: אין דער מיניאַטור־פאָרם האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען עס פון אַלע זייטן, גענוי; ווען מען וויל עפּעס אויספאָרשן גענוי, מוז מען עס באַאָבאַכטן אין אַ קליינעם פאָרמאַט, אין אַ נישט־קאָמפּליצירטער פאָרם. איך האָב די געלעגנהייט דערצו געהאַט אין שאַנכיי.

עס פלעגט מיר פאָרקומען פאַנטאַסטיש: ווי עמיצער וואָלט מיט אַ כיוון אַראַנזשירט אַ ריזיקע פאָרשטעלונג פון אַ נייעם פאַרגרעסערטן וואַריאַנט פון פרצעס „בייגאַכט אויפן אַלטן מאַרק". ווי געשפּענסטיש עס איז פאַר מיר פאַרביי דאָס יידישע לעבן אויף דער סצענע פון שאַנכייער ברייטערן און שמאָלערן יידישן געטאָ! די פאָרשטעלונג איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַזוי וואַנזיניק־זינלאָז, אַז מען האָט נישט ווילנדיק געמוזט נעמען פאַרלירן דעם גלויבן אין יידישן לעבן. איך האָב שוין אפילו אויפגעהערט אויפצונעמען אינדיווידועל געוויסע נעגאַטיווע דערשיינונגען, — עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָ קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן קריטיק פון איינצלנע דערשיינונגען, ווייל נישט די איינצלנע אינדיווידועלע נעגאַטיווע דערשיינונגען און אייגנשאַפטן באַדראָען דאָס גאַנצע, שאַדענען דעם כּלל, נאָר פאַרקערט: די פּסיכאָ־פיזישע צעלייגונג פונם כּלל אַטאַקירט

און ליגט פסיכיש און מאָראַליש פאַנאַנדער די אינדיווידועלע טיילן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט צו זאָגן מוסר דעם פוילנדיקן גליד, בעת זיין פוילונג קומט נישט פון אים, נאָר פונם אומגעזונטן בלוט פון גאַנצן אָרגאַניזם? די יחידישע דערשיינונגען אין אונזער לעבן זענען נישט די ס י ב ה פון אונזער נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע, נאָר פאַרקערט: זיי זענען איר ר ע־ז ו ל ט אַ ט.

עס זענען דורכגעגאַנגען פאַר מיר אַלע סאָרטן יידן, — פון אַלע לענדער און אַלע פּאַרטייען, — און איך האָב זיך געפילט ווי פּרצעס בדחן „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". די גאַנצע אויסערלעכע און אינערלעכע האָפנונגסלאָזיקייט פון אונזער לעבן איז אָפּגעדעקט געוואָרן פאַר מיר מיט דער לעצטער נאַקעטקייט. איך האָב געזען ספרדישע יידן, וואָס האָבן, אין בעסטן פאַל, אַ שייכות מיט משיחן, אָבער נישט מיט זיינע, משיחס, יידן. איך האָב געזען די רוסישע יידן, וואָס האָבן שוין אין זיך אפילו נישט דעם דאָזיקן לעצטן פרומען פונק פון די ספרדים, — יידן, וואָס זענען מאָראַלישע קריפּלס, וועלכע פילן שוין גאָרנישט, נישט זייער פּערזענלעכע און נישט זייער נאַציאָנאַלע געפאַלנקייט. אין שאַנכיי, אין דער פרייסטער אינטערנאַציאָנאַלער שטאָט אין דער וועלט, ווו מען׳האָט פאַרן קריג באמת פריי געקאָנט זיין אַ ייד, האָבן זיי פון זייער אַמאָליקן יידישן לעבן אויפגעהיט בלויז די יידישע קנעכטישקייט: אין שאַנכיי זענען זיי געבליבן קנעכט פון די רוסישע שוואַרץ־מאַהניקעס, געטרויערט צוזאַמען מיט זיי אין טאָג פון ניקאָלאַי־דעם צווייטנס אומקום, געצאַלט זיי צינש, ווי אייביקע קנעכט. עס פלעגט זיך אָפּטמאָל דאַכטן, אַז די רוסישע שוואַרצע מאה האָט פון איר אַמאָליקער מאַכט אויפגעהיט אפילו אין ווייטן שאַנכיי די מאַכט איבער די יידן.

און איך האָב געזען אויפטרעטן אויך אַנדערע געשפּענסטער פון יידישן לעבן. שוין נענטערע, נאָך נישט קיין טויטע, אָבער דאָך נישט ווייניקער שרעקלעכע און דערדריקנדיקע.

נאָך 20 יאָר דערפאַרונג אין דער פּוילישער רעפּובליק, איז דאָס ביסל פּליטים אַריינגעפאַלן אין שאַנכיי אין די הענט פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם. די רוסישע יידן זענען כמעט פריוויליק געבליבן קנעכט ביי די קישענעווער פּאָגראָמשטשיקעס, און דאָס פּוילישע ביסל פּליטים האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער הערשאַפט פון די פּשיטיקער העלדן. און זיי, די פּשיטיקער העלדן, האָבן, נאַטירלעך, צוגעהאָלפן יידישע מאַשקעס פון כל המינים, פון היפּער־נאַציאָנאַלע דערנידעריקונג עם איז דאָ אין דעם! וויפל פאַלשקייט, וואָס פרעסט אויף די איידעלע געוועבן פון מענטשלעכן כאַראַקטער! אָבער צי דען איז דאָס געווען פערזענלעכע אויסגליטשונגען פון יחידים און גרופּעס? אין די דאָזיקע אקטן האָט זיך דאָך געשפּיגלט אין איר גאַנצער גרויליקייט דער יידישער אָביעקטיווער נאַציאָנאַלער גורל: דער שמוציקסטער, צעריסנסטער שטיוול טרעט נאָך אויף אונז מיט גאווה און פאַרשיכורט זיך נאָך מיט זיין מאַכט איבער אונז.

און נישט נאָר דאָס האָב איך געזען: די גאַנצע צעפאָרנקייט פון אונזער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן איז פאַרביי־געגאַנגען פאַרביי מיינע אויגן. כמעט אומעטום אין דער וועלט האָט דער יחיד מער פליכטן לגבי דעם כלל, ווי דער כלל לגבי דעם יחיד. און אין דעם באַשטייט דער זין פון די עכטע סאָציאַליסטישע פאָדערונגען: דער כלל זאָל זאָרגן פאַרן יחיד. אָבער נאָר ביי אונז, יידן, איז פאַרקערט: דער יחיד האָט כמעט קיין שום פליכטן נישט לגבי דעם כלל, — פאַרקערט, דער כלל האָט נאָר פליכטן לגבי דעם יחיד.

מיט וואָסער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, מיט וואָסער חוצפה עס האָבן געמאָנט און געפאָדערט הילף פון יידישן כלל

מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט אָנערקענט די קלענסטע פליכט לגבי אים. נאָך מער: אין שאַנכיי האָט מען זיך געשמדט בעתן נעמען יידישע הילף. איצט, ביים נעמען געלט, זענען זיי געווען יידישע פליטים, אָבער ווי נאָר די שלעכטע צייט וועט אַריבער, וועט מען שפּייען קלעק אויף יידן און קיין שום פליכט וועלן זיי נישט פילן צום יידישן כלל, אויף וועמעס קאַרק זיי וואַרפן אַרויף בלויז זייער יחידישן היזק, אָבער זיין, דעם כללס, פאָלקס־היזק ווילן זיי גאָרנישט העלפן דעקן.

איך רעד נישט וועגן דאָס אויסערלעך־קליינלעכע פון נע־מען אומבאַרעכטיקט שטיצע, — דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, אַ קאַפּיטל אין דער פליטימשער געשיכטע; איך רעד דאָ וועגן דער פילאָזאָפיע פון דער קליינלעכער פּראַקטיק: אַרויפוואַרפן פליכטן אויף אַ פאָלקס־כלל, לגבי וועלכן מען האָט נישט און מען אָנערקענט נישט קיין שום פליכטן.

און דאָס שרעקלעכסטע איז (ווידער נישט פון דער פּאַק־טישער זייט, וואָס גייט אויס צו אַ פּאָר דאָלאַר, נאָר פון דער פּרינציפּיעלער זייט), וואָס דאָס פאָלק איז אַזוי דעזאָרגאַני־זירט, אַזוי אומבאַהאָלפן צעשטויבט און אָן פאָלקס־באַוווסט־זיין, אַז עס אָנערקענט, לעגאַליזירט דעם דאָזיקן צושטאַנד: דאָס פאָלק גופא העלפט צו דעם שוידערלעכן פּראָצעס פון אַטאָמיזירונג, פון פאַנאַנדערפאַל.

און ס'איז געווען אַזוי שרעקלעך צו זען, ווי אַ פאָלק גיט געלט יונגעלייט צו שטודירן, וויסנדיק און זעענדיק, אַז מען האָדעוועט נישט פאַר זיך קיין אינטעליגענץ, נאָר אַסימיליאַטאָרן־קאַריעריסטן, צוקונפטיקע פאַררעטער־משומדים, און עס לאָזט אומקומען פון אויסשעפּונג די געטרייסטע זין זיינע, די, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט אים אויף לעבן און טויט.

מיר, יידן, האָבן טענות צו אַנדערע פעלקער, וועלכע טשעפּן נישט זייערע פאַררעטער, זייערע דעזערטירן, און מיר זעען נישט, אַז מיר גופא לאָזן נישט נאָר צו רו אונזערע דעזער־טירן, נאָר מיר זאָרגן נאָך פאַר זיי אין דער זעלבער מאָס,

ווי פאַר דער אַקטיווער אַרמיי, וואָס איז תמיד גרייט צו גיין אין קאַמף פאַר אים. און אָפּט מאָל זאָרגט מען נאָך פאַר די דעזערטירן מער.

און וואָלט דאָס געווען אַ מיסברויך, אַ פאַרראַט פון איינצלנע, וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, אָבער דאָס איז דאָך אַ סך ערגער: דאָס קומט דאָך פון נאַציאָנאַלער באַוווסטלאָזיקייט, פון נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע. איך האָב שוין געהערט פון „דזשאָינט"-פאָרשטייער סיי די דערקלערונגען: „דער „דזשאָינט" האָט מער פליכטן פאַר זיינע אָנגעשטעלטע, ווי פאַר דער יידישער ליטעראַטור", סיי די דערקלערונג: „פאַר אונז זענען אַלע גלייך".

די דאָזיקע תשובות זענען נישט שרעקלעך בלויז פאַרזענלעך, זיי זענען שרעקלעך פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, ווייל זיי ווייזן, ווי האָפנונגסלאָז דעגענערירט עס איז ביי אונז דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט פון ווילן צום לעבן...

פיר יאָר האָב איך זיך צוגעקוקט צו אַ געשפּענסטיקער פאָרשטעלונג פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". און נישט איינמאָל פלעג איך טראַכטן: אויב עס איז נויטיק געווען אַ באַוויז, ווי אומהיילבאַר קראַנק אונזער פאָלק איז, האָט אים מיר דאָס יידישע שאַנכיי געגעבן. ווי קלאָר דאָ ווערט, אַז מען מוז ענדערן דאָס גאַנצע לעבן, פון פונדאַמענט אויף, ווייל דאָ לאָזט זיך נישט פאַרריכטן, אויסבעסערן. מען מוז דאָס פאָלק איבערגיסן. אויב מיר טויגן נאָך אויף עפּעס, איז — אויף שמעלץ. פאַרוואָרצלען זיך אין אַ באָדן, פאַר וועלכן מיר מוזן קעמפן מיט ציין און נעגל, נעמען אויפגיין פונדאַסניי.

אָבער באַלד פלעגט קומען דער שרעקלעכסטער געדאַנק: אויב מען וועט אונז אפילו געבן אַ לאַנד (הגם דאָס איז כמעט אומגלויבלעך נאָך דער דערפאַרונג פון 1933—1945), — מיט וועמען וועלן מיר עס בויען? מיט די ספרדים, וואָס אויסער משיחן איז ביי זיי קיין יידישקייט נישטאָ? מיט די רוסישע „יידן", וואָס האָבן אפילו קיין געדולד נישט צו לייענען ווענן

קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ? מיט די אַסימילאַטאָרן, משומדים און ערב־משומדים? מיט די נאַציאָנאַלע גרופּירונגען, וואָס דער קוצו של יוד פון זייער פּראָגראַם איז פאַר זיי הייליקער — אפילו איצט, איצט, ווען אונזער הימל און אונזער ערד קראַכן אונטער אונזערע פיס און איבער אונזער קאָפּ! — פאַרן גורל פון יידישן פאָלק? מיט דער אָרטאָדאָקסיע, וואָס קאָן נישט מאַכן קיין ספּאָנטאַנע און אוממיטלבאַרע טרויער־ און פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון פּוילישן יידנטום און צו דער שאַנדע פון דער וועלטס פאַרברעכן, ווייל עס פעלט זיי דער מצות אנשים מלומדימדיקער „אל מלא רחמים”, פון וועלכן גאָט אַליין, אויב ער איז דאָ, וואָלט זיך געפילט, אויב נישט געלעסטערט, איז פאַראָדירט, אויסגעלאַכט?

מיט וועמען וועלן מיר בויען דאָס פאָלק, אויב נישט די טיילן אַליין זענען שולדיק, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק איז קראַנק, טויט־קראַנק?

בעת דער דאָזיקער גראַנדיעזער פאָרשטעלונג פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק”, פלעג איך נישט איינמאָל וועלן אָפּרייסן די אויגן און דאָס געמיט פון דאָזיקן בילד פון חורבן און פאָלקס־גסיסה און אויפהויבן די אויגן צום הימל, ווי טאָלערס הינקעמאַן, און שעפּן טרייסט אינם באַוווסטזיין: „איבער מיר — דער אייביקער הימל, איבער מיר — די אייביקע שטערן!” אָבער דאָס איז פאַר מיר שוין אויך נישט מעגלעך: מיינע אויגן און מיין געמיט זענען צוגעבונדן צו די וואַגאָנעס, אין וועלכע מיין פאָלק איז געפירט געוואָרן, ווי שאָף צו דער שחיטה, צו די טרעבלינקעס, און צו די גאַז־קאַמערן, וועלכע דייטשלאַנד האָט צוגעטראַכט און אייראָפּע האָט שטילשווייגנדיק גענומען צו קענטעניש.

וואָס גייט מיר אָן אַ הימל און שטערן, אונטער וועלכע עס קומט אַזעלכעס פאָר און גאָרנישט: מען שיינט ווידער, מען איז ווידער בלוי, אומשולדיק בלוי.

בלייבט אונז טאַקע בלויז איין „אויסוועג”: קלאַמערן זיך

אין ווילן צום לעבן און אָנהאַלטן אים אין אַ וועלט, צו וועל־כער מיר פילן אָדער שנאה , אָדער פאַראַכטונג, און לעבן בלויז מיט דער דעראינערונג פון די, וועלכע זענען געפאָרן קיין טרעבלינקע און זענען אויסגעגאַנגען משפּחהווייז, שטאָמ־ווייז אין די גאַז־קאַמערן, אין די טויט־שפּיטאָלן?

ווו איז דער אויסוועג, אויב עס איז אַזוי גרויליק סיי פון אויסנווייניק, סיי פון אינעווייניק?

פאַרטויבט פון אויסערלעכן און אינערלעכן שטורעם, באַרויבט פון גלויבן, אין טראַציקן נישט־וועלן־מער־גלויבן, צע־קריגט מיט גאָט, מיט דער וועלט און מיט זיך, ווייס איך נאָר פון אַן אויסוועג — אַן אייגן לאַנד — אָבער איך זע אים נישט; איך זע נישט פאַר זיך און פאַר אונז קיין קלאָרן וועג, אָבער איך פיל און דורך מיינע טונקעלע געפילן פליסט אומגעשטערט, ווי דער וואַרעמער גאָלף־שטראָם דורכן קאַלטן ים, אַ געפיל פון בענקשאַפט.

איך האָב געלייענט די פּוילישע צייטונג „ווידנאַקרענגי" (האָריזאָנטן), און די טרערן האָבן זיך גענומען גיסן, און דאָס האַרץ האָט גענומען קלעמען. דאָס, וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצן טויט אין מיר, האָט זיך דערוואָרעמט און האָט זיך אויפגע־לייזט אין וואַרעמע טרערן. אָט שרייבט איינער, אַ פּאָליאַק, ווי ער קערט זיך צוריק אום אין פּאַרוויסטן לאַנד, אין זיין פּוילן, ווי ער טרעפט אַ פּוילישן פּויער, ווי ער דערפרייט זיך מיט דאָס ווידער־באַגעגנטע היימישע. אַך, ווי איך בין אים מקנא. ווי עס ווילט זיך אומקערן אין אַן אייגן לאַנד — און זאָל זי זיין ווי פּאַרוויסט!, — טרעפן מענטשן, וואָס רעדן מיין לשון, וואָס האָבן מיינע דעראינערונגען און מיינע גלויבונגען, אין אַן אייגן לאַנד, ווו מען דאַרף נישט ברעכן דאָס לשון און דעם מאַרך און דעם געמיט, כדי צוצופּאַסן זיך צו אַנדערע. ווי דאָס ווילט זיך! ווי עס ווילט זיך זיין נאַטירלעך, אומ־מיטלבאַר, נישט צופּאַסן זיך צום פרעמדן פּאַטריאָטיזם, צו

פרעמדע יום־טובים, צו אַ פרעמדן ווילן, — מיט איין וואָרט, עס בענקט זיך אַזוי נאָך מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער אַנטשפּאַנונג.

און ווען איך האָב געלייענט אין די זעלבע „ווידנאָקרעגנגי" די שרעקלעכסטע ווערטער, וואָס איך האָב ווען געלייענט, ווענן די לעבן געבליבענע יידן, וועלכע קומען צוריק פון די באַהעלטעניש און זענען איינזאַם, ווי קיין שום מענטש נישט אויף דער וועלט, האָב איך דערפילט, אַז די דאָזיקע ווערטער זענען שרעקלעך נישט נאָר מיט זייער קאָנקרעטן מיין, נאָר אויך מיט זייער סימבאָלישן: אַלע יידן, וועלכע פילן זיך אַלס יידן, זענען איינזאַם מיט דער דאָזיקער איינזאַמקייט. ווי איינזאַם מיר זענען, מיר, די אמתע יידן, וואָס זענען עכט אין אונזער יידישקייט, אין אונזער אינערלעכן לעבן, אָבער מיר האָבן זיך נישט ווו אויסצולעבן אַלס אַזעלכע, ווייל אונזערע געטאָס אפילו זענען שוין נישט דאָס, ווייל אונזערע געטאָס אפילו קאָנען אויסזען, ווי דער שאַנכייער געטאָ.

ווי איינזאַם מיר זענען, — פיזיש, גייסטיק און אין געמיט.

און דער עיקר, וואָס איז אונז נויטיק, איז אַרויסגיין פון דער דאָזיקער איינזאַמקייט. אָבער ווי אַזוי? אַז פון אויסנווייניק דערלאַנגט קיינער נישט קיין האַנט פון הילף (אָדער מען דערלאַנגט מיט אַ מעסער) און אינעווייניק איז דער כוח געבראָכן און דער ווילן — געליימט.

וועלן מיר קאָנען אַרויסווייזן אַזוי פיל קידוש השם אין אונזער לעבן, ווי מיר ווייזן אַרוים ביים שטאַרבן?

קיין שום טויט האָט אונז ביז איצט קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון גיין אין אים אַלס יידן.

די איינציקע האָפנונג אונזערע איז, אַז קיין שום לעבן זאָל אונז נישט קאָנען אָפּהאַלטן פון לעבן אים אַלס יידן.

דאָס איז פאַר אונז אַ פראַגע פון זיין אָדער נישט זיין.

שאַנכיי, סוף 1945.

נאָכוואָרט

א גאַנץ לעבן האָב איך נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער מאַרקסיסטישער אקסיאָמע, אַז דער צושטאַנד פון דער פּראָדוקציע, פון דער ווירטשאַפט, באַשטימט דעם באַוווסטזיין, — דאָס הייסט, אַז דאָס חומרדיקע לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויף דאָס גייסטיקע. איך וויל נאָך איצט אויך נישט אָננעמען די דאָזיקע אקסיאָמע. אָבער דאָך מוז איך מודה זיין, אַז פּאַראַן פאַלן, ווען זי טריאומפירט. אַזוי, למשל, איז מיר באַקאַנט א פאַל, ווען א צייטונג איז רעדאַגירט געוואָרן דורך א מענטשן בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט זי געמוזט מאַכן קאַליגראַפיש, און ער, דער רעדאַקטאָר, האָט געהאַט א פיינע האַנטשריפט. היות ווי מען האָט געמוזט אָנקומען צו זיין הענטל, האָט ער געשטעלט אַן אולטימאַטום: אָדער מען שטעלט בראש פון דער צייטונג אויך זיין קעפּל, אַנישט — איז אויס צייטונג. אַזוי אַרום האָט די פּרימיטיווע פּראָדוקציע־פאָרם באַשטימט אויך די פּרימיטיווע רעדאַקציע־פאָרם.

אויך ביים אַריינפירן אין שייער פון דער יידישער ליטעראַטור מיין ערשטן שניט פון מיין צעטראַטעוועט פעלד, האָט די אויבנדערמאָנטע מאַרקסיסטישע טעאָריע געהאַט א פּראַקטישן זיג.

אמת, דאָ האָט נישט געווירקט דער פּרימיטיווער צושטאַנד פון דער פּראָדוקציע פון יידישן בוך, נאָר דער פּרימיטיווער צושטאַנד פון אונזער ליטעראַרישן פאַרדייאונגס־סיסטעם.

איך האָב צוערשט בדעה געהאַט אַרויסצוגעבן די „תנך־אימפּראָוויזאַציעס” באַזונדער און די „קליינע עסייען אויף

גרויסע טעמעס" באַזונדער און „דעם געשריי אין דער נאַכט" אוודאי און אוודאי באַזונדער, אָבער מענטשן האָבן מיך גענומען שרעקן:

— איר קענט נישט מעלבורן, איר קענט נישט דאָס יידישע אויסטראַליע... פּאַרקויפן אַ בוך איז דאָ שווערער פאַר קריעת ים־סוף. איז אַז איר וועט קומען צו זיי יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק מיט אַ בוך, וועט איר זיי דערפירן צו פאַרצווייפלונג. אמת, אַז איר וועט כורך ביחד זיין, ווי הלל פלעגט מאַכן מיטן מרור, וועט מען אויך נישט אויפנעמען אייער בוך, ווי אַ „קאַרד פּאַרטי", אָבער איינמאָל איז דאָך פּאָרט נישט קיין דריי מאָל. אלא וואָס, דאָס אַרויסגעבן איין בוך אַנשטאָט דריי ביכלעך וועט הויבן דעם פּרייז, איז פאַרפאַלן. אַראָפּשלינגען אַ יידיש בוך איז ביים אויסטראַליער יידישן לייענער ווי, להבדיל, אַראָפּשלינגען ריצנאייל. איז ווי איז דער דין מיט ריצנאייל? איר געדענקט? נאָר נישט אין קליינע דאָזעס, צו טיי־לעפעלע, — פאַראַמאָל אַ וואָס גרעסערע דאָזע, אַבי אַראָפּגעשלונגען, און פּטור אַן עסק...

איך וויל נישט זאָגן, אַז מיינע גוטע פריינט, די יועצים, האָבן גערעדט צו מיר ליטעראַריש מיט אַזעלכע נישט־ליטעראַרישע פאַרגלייכן, — דאָס האָט זיך דער תמצית פון זייערע רייד אַזוי אָפּגעגאָסן אין מיין ליטעראַרישן פורעם...

איך קאָן נישט זאָגן, די דאָזיקע לעקציע וועגן דער סטראַטעגיע פון אַרויסגעבן יידישע ביכער אין אויסטראַליע זאָל מיר האָבן פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן, אָבער געפאָלגט די עצה האָב איך דאָך.

דער אינהאַלט פון מיין בוך איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם פּרימיטיוון צושטאַנד פונם ליטעראַרישן פאַרדייאונגס־אַפּאַראַט פונם יידישן לייענער אין אויסטראַליע.

אָבער נאָר טיילווייז. עס זענען געווען נאָך מיטווירקנדיקע מאָמענטן.

אַט איז איינער פון זיי:

די מלחמה פון 1939 האָט מיך געטראָפן אין אַ מאָמענט, ווען איך האָב גענומען איינראַמען אין בוך־פאָרם דעם שניט פון צוואַנציק יאָר אַרבעט. דער גרויסער נישט בוך־געפורימטער געדרוקטער און נישט־געדרוקטער מאַטעריאַל האָט גענומען שטערן מיינע ליטעראַרישע באַוועגונגען. איך האָב געוואָלט אונטערפירן אַ סך־הכל פונם לאַנגן פעריאָד, אין וועלכן איך האָב אימפּרעסיאָניסטיש־אוממיטלבאַר, פּאָלעמיש־נערוועז רעאַגירט אויף ליטעראַרישע דערשיינונגען אין אונזער וועלט און אין דער דרויסנדיקער, און זיך פאַרנעמען מער מיט אַקאַדעמישע אַרבעטן. איך האָב אָנגעמערקט אַרויסצוגעבן אַ 8—10 בענדלעך „אויף די וועגן פון דער נייער אייראָפּעאישער ליטעראַטור", עטלעכע בענדער וועגן יידישע שרייבער „צווישן יאָ! און ניין!", צוויי גרויסע בענדער פּאָלעמישע אַרטיקלען און אַ באַנד פּובליציסטיק. און גלייכצייטיק מיטן אָפּשליסן אין פעריאָד, האָב איך אויפגעעפנט די טיר צו אַ צווייטן: איך האָב פאַרטיק געמאַכט די קאָנספּעקט־בראָשור „דער מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע", וועלכע האָט לייכט געקאָנט אָרגאַניש אַריינגעמען אין זיך דעם גרויסן געזאַמלטן מאַטעריאַל*).

איך האָב גענומען באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל וועגן די עקסטרעמע ריכטונגען אין דער מאָדערנער דיכטונג (וואָס האָט געדאַרפט אַנטהאַלטן אַ ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן דער יידישער מאָדערנער דיכטונג); איך האָב גענומען אַרבעטן איבער אַ טעאָרעטישער אַרבעט „וועגן קריטיק".

דאָס אַלץ איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן דעם 1 סעפּטעמבער 1939.

---

*) דער איינציקער לעבנגעבליבענער שרייבער, וואָס האָט געלייענט די דאָזיקע אַרבעט, איז משה גראָסמאַן.

איך האָב באַוויזן אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם בלויז דריי בענדלעך „אויף די וועגן פון דער נייער אייראָפּעאישער ליטע־ראַטור"; איין באַנד „צווישן יאָ! און ניין!". אַלע מאַנוסקריפּטן, דער גאַנצער געדרוקטער אַרכיוו, ווי אויך די מאַטריצן פון צוויי אויסגעזעצטע בענדער עסייען (אין שלמה שיינבערגס „אוניווערסאַל־פאַרלאַג") זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין וואַר־שע.

אויך אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן אין ווילנע זינט מיטן דעצעמבער 1939 ביז מיטן מאַי 1940 (און איך האָב דאָרט געשריבן פּראָפּאָרציאָנעל מער, ווי אין משך פון גאַנצן לעבן) איז פאַרבליבן אין ווילנע. דאָרט איז פאַרבליבן די מערהייט פון די אָנגעשריבענע 25 עסייען אויף ליטעראַר־טעאָרעטישע פראַגן, וואָס האָבן מיר געדאַרפט דינען אַלס ריכטונגס־ליניעס פאַר אַ בוך איבער וואָרט־שאַפונג (בלויז די ערשטע עטלעכע פון זיי זענען געדרוקט געווען אין קאָוונער „דאָס וואָרט" און אין דער ניו־יאָרקער „פרייע אַרבעטער־שטימע"); דאָרט איז פאַרבליבן דער אָנהויב פון אַ גרעסערער אַרבעט „צו דערפילט די יידישע ליטעראַטור איר אויפגאַבע"; עס זענען פאַרבליבן די ניי־געזאַמלטע מאַטעריאַלן (אין „ייוואָ" און אין ווילנער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק) וועגן מהות פון דיכטונג, ווי אויך די ערשטע צוויי קאַפּיטלען פון אַ פּרווו צו רעקאָנסטרואירן די אַרבעט „דער מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע" (אין שאַנכיי האָב איך אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אונטערן זעלבן נאָמען, אַ נישט־אינגאַנצן געלונגענער פּרווו צו רעקאָנסטרו־אירן פון זכרון דעם וואַרשעווער קאָנספּעקט).

קיין מעלבורן בין איך געקומען בלויז מיט דעם ליטע־ראַרישן באַגאַזש, וועלכן איך האָב דערוואָרבן אין שאַנכיי.

וועגן מיין ליטעראַרישער אַרבעט אין שאַנכיי וועל איך בענוויער ראַפּאָרטירן מיין אָנאָנימען יידישן לייענער אין מיין בוך וועגן שאַנכיי — „צווישן יידן — אין גלות".

דאָ וויל איך נאָר באַמערקן, אַז אין שאַנכיי האָב איך זיך געמוזט אומקערן צו מיין אימפּרעסיאָניסטיש-נערוועזן ליטעראַרישן שאַפן. ווי לאַנג איך האָב געקאָנט האַלטן — פיזיש און פּסיכיש — די פּעדער אין האַנט, האָב איך זי אויף קיין מינוט נישט אַרויסגעלאָזט.

איך האָב מיטגעבראַכט אַ שפּאָרן פאַרמעגן (אין כמות), ווען מען נעמט אין באַטראַכט די מאַטעריעלע, די פיזישע און די פּסיכישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז דאָרט אויסגעקומען צו אַרבעטן.

ווען איך האָב אין שאַנכיי אָוועקגעלייגט די פּעדער, איז דאָס געשען אונטערן דרוק פון פולשטענדיקער פיזישער און פּסיכישער אויסשעפּונג, פון וועלכער איך קאָן נאָך ביז היינט נישט אַנטרינען. און ווען מען קאָן נישט גיין פאָרויס, קוקט מען אויף צוריק: איך וויל איבערגיסן מיינע שאַנכייער אַרבעטן אין אַ בוך-פורעם, אויסלייזנדיק זיי איינצייטיק אויך פון זייער רוסישער פאָרם, וועלכע איך בין געצוואונגען געווען זיי צו געבן אין דער האָפנונג צו באַווירקן נאַציאָנאַל די שאַנכייער יידישע רוסיפיצירטע סביבה. און היות ווי איך וויל דאָס מאַכן וואָס שנעלער (ביז איך וועל באַקומען אַ טייל פון מיין געדרוקטן אַרכיוו, וועלכן מיינער אַ ברודער אין ארץ-ישראל האָט מיט פּיעטעט אויפגעהיט), האָב איך געפאָלגט די פּראַקטישע עצה פון עטלעכע מעלבורנער פריינט אַרויסצוגעבן אַ וואָס גרעבערן בוך. איך האָב דאָס געטון מיט דער אויסרע-כענונג (פשוטו כמשמעו), אַז דורך אַרויסגעבן דריי דיקע ביכער, וועל איך מיין שאַנכייער ליטעראַרישן פאַרמעגן שנעלער אינוועסטירן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי דורך אַרויס-געבן דריי דינע.

אַזוי אַרום, איז דער באַווסטזיין-אינהאַלט פון מיין בוך באַשטימט געוואָרן נישט נאָר דורך דער פּרימיטיווער ליטע-ראַרישער פאַרדייאונגס-סיסטעם פון אויסטראַלישן יידנטום,

נאָר אויך דורך מיין גרויסן, אפשר צו גרויסן — פאַר א גאַסט!
— ליטעראַרישן אַפּעטיט.

אויב עס איז שוין יאָ באַשערט עס זאָל קומען צו אַ קאָנפליקט צווישן מיין גרויסן ליטעראַרישן אַפּעטיט און דער קליינער אויסטראַליש־יידישער פּאַרדייאונגס־מעגלעכקייט, — זאָל ער שוין בעסער קומען דורך גרעסערע ביכער: דער עגמת־נפש מיינער וועט באַלאַנסירט ווערן דורך דער פרייד, וואָס איך האָב וואָס מער ליטעראַרישן מאַטעריאַל אַריבערגעראַטעוועט אין אַ בוך־פורעם.

* * *

איך האָב דעם לייענער געגעבן אַ שטיקל תשובה אויף זיין פראַגע (וועלכע ער וועט זיך שטעלן), פאַרוואָס זעט דאָס דאָזיקע בוך אויס אַנדערש, ווי אַנדערע ביכער: ווי אַ פּעקל, וואָס מען כאַפּט אויף דער גיך אַרויס פון אַ שריפה, און עס געפינט זיך אין אים אַלץ, וואָס קומט אונטער דער האַנט...

אָבער איצט, לאָמיר באַטראַכטן באַזונדער יעדע זאַך, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין פּעקל.

זאַכן, וואָס מען ראַטעוועט אַרויס פון אַ שריפה, ווערן צענפאַך טייער, זיי דערמאָנען אַ סך און וועקן אַ סך סענטימענטן.

די איינהייטלעכסטע אָפּטיילונג פון דאָזיקן בוך איז די ערשטע — די „תנך־אימפּראָוויזאַציעס".

צום תנך בין איך קיינמאָל נישט געווען גלייכגילטיק: אָדער ער פלעגט מיך צוציען אָדער אָפּשטויסן.

דער אופן, ווי מען פלעגט לערנען תנך אין חדר, האָט נישט געקאָנט צוציען צו זיך מיינע פריע ליטעראַרישע נייגונגען. פּונקט ווי דער תלמוד פלעגט ביי מיר מאָמענטנווייז רעהאַביליטירט ווערן דורך דער אגדתא, פלעגט אויך דער תנך ביי מיר רעהאַביליטירט ווערן דורך דער געשטאַלט פון אליהו

הנביא, דורך הבקוקס ברייט־אויפגעריסענע אויגן אין פּסוק: „טהור עינים מראות ברע" און ענלעכע.

שפּעטער האָב איך זיך גענומען ראַנגלען מיט דער ביבל־קריטיק. נישט צוליב רעליגיעזע מאָטיוון, נאָר צוליב ליטעראַרישע. דער תנך איז אונטער די הענט פון דער ביבל־קריטיק אַזוי צעשטיקלט געוואָרן, אַז צוליב די ביימער האָט מען אויפגעהערט צו זען דעם וואַלד. עס איז אוממעגלעך געוואָרן צו לייענען דעם תנך אוממיטלבאַר, — ביי יעדער שורה, שיעור נישט ביי יעדעס וואָרט האָט מען געמוזט אָדער אין זינען האָבן אַן אויסבעסערונג אָדער זי זוכן.

צוערשט האָט געכישופט דער געדאַנק פון קאָנען האָבן אַ קלאָרן, קריטיש־דורכגעזיפּטן טעקסט, אָבער דערנאָך איז קלאָר געוואָרן אַלץ מער און מער, אַז ביז מען וועט געאָלאָגיש גענוי אָפּשאַצן און צעגלידערן די לאַנדשאַפט, וועט איר גאַנצער צויבער פאַרשווינדן.

וואָס מער איך האָב געשטילט דעם אויפגעוואַכטן הונגער נאָך קריטיק, נאָך לאָגישער גלאַטקייט אין יעדן זאַץ, אַלץ מער בין איך הונגעריק געוואָרן נאָך דער אוממיטלבאַרער ליטעראַרישער שיינקייט פונם תנך. איך האָב גענומען פילן, אַז דאָס ביסל, וואָס דער רבי אין חדר האָט נישט באַוויזן צו צעשטערן, צעשטערט דער קאַלופּען זיך אין די אַלע קאָמענטאַרן, וואָס ווייסן כמעט גענוי, ווי אַזוי דער אָדער יענער נביא האָט גענוצט דאָס אָדער יענץ וואָרט.

עס איז מיר אַלץ מער און מער קלאָר געוואָרן, אַז סיי דער רעליגיעזער צוגאַנג צום תנך, סיי דער קריטיש־פילאָלאָגישער פאַרטונקלט די אוממיטלבאַרע שיינקייט פון דאָס דיכטערישע אין תנך. דער תנך, האָב איך דערפילט, איז אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט, און די וועלט קאָן מען נישט געניסן אין אַ גוט־איינגעאָרדנטן מוזעאום, וווּ אַלץ איז פּרעפּאַריר'ט, איינגעראַמט באַזונדער, נאָר אין פולקייט, מיט אַלע אירע סתירות

און די נישט־פּאַסיקע ראַמען. די שיינקייט פון בליץ מוז מען קאָנען אויפכאַפּן נישט נאָר אין אַ סטיליזירטער פאָרם, נאָר אויך אויפן פּאַן פון דער כמאַרע, פון רעגן, אַמאָל אויך אויסגענעצטערהייט.

שוין אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן האָב איך גע־נומען אַריינכאַפּן אַ שטיקל תנך אוממיטלבאַר, אָן די יידישע און אָן די גויאישע מפרשים. און ס'האָט זיך מיר פאַרוואָלט שפּאַצירן איבערן תנך אָן אַ אַדרעס־בוך, אָן אַ בעדעקער, און לאָזן אומבאַמערקט דאָס, וואָס רעדט נישט צו מיר אומ־מיטלבאַר, און זיך אָפּרופן מיטן פולן קול אויף דעם, וואָס רופט אַרויס אַנטציקונג.

די ערשטע תנך־נאָטיץ, וואָס עס האָט זיך מיר געוואָלט שרייבן, איז געווען וועגן אליהו הנביא און זיין שחיטה איבער די נביאי־הבעל. נישט איינמאָל פּלעגט זיך וועלן איבעררייסן אַ רעצענזיע און נעמען זיך צו אליהו הנביא. אָבער ערשט אין שאַנכיי, ווו די ליידנשאַפט פון אַ רעצענזענט האָט געמוזט אויסגעלאָשן ווערן, האָב איך געקאָנט אי מער לייענען דעם תנך, אי נעמען שרייבן די תנך־נאָטיצן.

כדי צו פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון די נאָטיצן, מוז דער לייענער וויסן, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געלייענט דעם תנך, כדי צו האָבן שטאָף פאַר נאָטיצן. עס וואָלט געווען נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז איך פלעג דעם תנך לייענען צוליב פאַרגעניגן וועגן, — אי די צייט איז געווען צו אומרואיק, אי דער תנך איז צו אומרואיק דערצו; איך האָב געלייענט דעם תנך צוליב אַ באַדערפעניש אַרויסצורייסן זיך פון די אייגענע שמאָלע גרענעצן, פון די שמאָלע גרענעצן פון שאַנכייער יידישן לעבן, פון די שמאָלע גרענעצן פון אַ פרייען קאָנצענטראַציע־לאַגער, און דאַן פון אַ האַלב־פרייער געטאָ. און ערשט אין שאַנכיי האָב איך דערפילט דעם אמתן טעם פון אַ דיכטונג,

וואָס איז תמיד היינטצייטיק אין בעסטן זין פון וואָרט, ווייל זי איז תמיד אייביק.

און נאָר דאַן, ווען איך פלעג לעבעדיק דערפילן אין תנך עפּעס אייביק־היינטצייטיקס; נאָר דאַן, ווען איך פלעג עפּעס שאַרף איבערלעבן אין תנך, דערזען אין אַ נייַ ליכט, פלעג איך דאָס פיקסירן אין אַ נאָטיץ. איך האָב אויף די דאָזיקע נאָטיצן קיינמאָל נישט געאַרבעט ליטעראַריש, — זיי פלעגן מוזן אַרויסשווימען פון מיין שטימונג פּאַרטיקע, ביז אין די קלענסטע פּרטים, כדי איך זאָל זיי פיקסירן.

אַן אויסנאַם איז בלויז מיין „ירמיה". איך האָב צוויי מאָל אין שאַנכיי געהאַט שאַרפע ירמיה־איבערלעבונגען: וועגן ירמיה אַלס דיכטער און וועגן ירמיה אַלס פּליט. ווי אַלע תנך־נאָטיצן, וואָס איך האָב געשריבן אין שאַנכיי, האָב איך אויך וועגן ירמיהן אָנגעהויבן צו שרייבן איין נאָטיץ אין רוסיש. אַ לאַנגע קראַנקהייט האָט מיר געשטערט צו פאַר־ענדיקן די דאָזיקע נאָטיץ. ערשט אין מעלבורן האָב איך גע־וואָלט פאַרענדיקן די ערשטע און אָנשרייבן די צווייטע נאָטיץ וועגן ירמיה. אָבער די צוויי וויזיעס וועגן ירמיה זענען גע־שטאַנען פאַר מיר פאַרגליווערטע, — ס'איז אוממעגלעך גע־ווען אַריינצוגיסן זיי אוממיטלבאַר אין אַ פורעם. און לאָזן ירמיהן אין אַ זייט איז מיר געווען אוממעגלעך. כ'האָב די נאָטיץ וועגן ירמיה אַלס דיכטער אויסגעאַרבעט און צוזאַמענ־געשמאָלצן מיט דער וויזיע וועגן ירמיה דעם פּליט אין מצרים. און ווען איך לייען די דאָזיקע נאָטיץ, פיל איך זי אַלס פרעמד־קערפּער צווישן אַלע נאָטיצן, — אַלע זענען געבוירן געוואָרן אָן מיין ווילן, אויף דער הייסער מינוט; די דאָזיקע האָב איך מיט געוואָלט אויפגעלעבט.

די תנך־אימפּראָוויזאַציעס זענען אי אַ פראַגמענט, אי אַ גאַנצקייט. אַ פראַגמענט אין דעם זין, וואָס בלויז 32 נאָ־טיצן זענען פיקסירט געוואָרן, בעת סיי אין שאַנכיי, סיי אין

מעלבורן האָבן פאַר מיר, ביים לייענען דעם תנך, פאַרגע־שוועבט א סך, א סך מער. אָבער זיי זענען אויך א גאַנצקייט, ווייל איך האָב קיינמאָל קיין פּלאַן נישט געמאַכט, לויט וועלכן אַזויפיל און אַזויפיל נאָטיצן אויף די און די טעמעס דאַרפן אָנגעשריבן ווערן. די תנך־אימפּראָוויזאַציעס וועלן בלייבן א פראַגמענט, אויב איך וועל אפילו צושרייבן מיט דער צייט נאָך הונדערט נאָטיצן, און זיי וואָלטן געווען א גאַנצקייט, ווען זיי האָבן מער נישט ווי איין נאָטיץ.

* * *

אַלע „קליינע עסייען אויף גרויסע טעמעס", וואָס ווערן אַריינגענומען אין דאָזיקן בוך, זענען געשריבן געוואָרן אין שאַנכיי. כמעט אַלע, א חוץ געציילטע, זענען געשריבן געוואָרן אין רוסיש פאַר דער דאָרטיקער „נאַשאַ זשיזן — אונזער לעבן" אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „פון מיין טאָג־בוך", און איך האָב איצט כמעט אַלע געמוזט איבערזעצן פון רוסיש. בלויז אייניקע זענען געדרוקט געווען אין דעם יידישן זייטל פון רוסיש־יידישן זשורנאַל. געציילטע זענען נישט געווען געדרוקט, הגם אָנגעשריבן, אין שאַנכיי.

דער דאָזיקער זשאַנר פון קורצע, בעליטאַרטיקע נאָטיצן איז מיר תמיד געווען נאָענט צום האַרצן. און ווען איך האָב ביי זיך מיין גאַנצן אַרכיוו, וואָלטן זיי געקאָנט אויספילן, אפילו ביי אַן אָפּקלייב, עטלעכע דיקע בענדער. אָבער אפילו פון די שאַנכייער נאָטיצן אַליין זענען נישט אַלע אַריינגענומען געוואָרן. א טייל וועלן אַריינגיין אין א ספּעציעלן באַנד וועגן שאַנכייער ענינים (אַלס הוספה־באַנד צו „צווישן יידן — אין גלות"), און א טייל — אין א באַנד „וועגן דיכטונג".

עטלעכע קליינע עסייען, וועלכע פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער דאָזיקער זאַמלונג זענען יאָ אַריינגענומען געוואָרן צוליב שטאַרקער צוגעבונדנקייט צו זיי, און עטלעכע, וואָס וואָלטן יאָ באַדאַרפט אַריינגענומען ווערן, זענען געבליבן פון דרויסן

צוליב צופעליקע סיבות: איך האָב זייערע יידישע איבערזעצונגען אוועקגעשיקט אין פאַרשידענע זשורנאַלן און נאָכאַמאָל זיי איבערזעצן האָב איך קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט.

* * *

וואָס שייך דער דריטער אָפּטיילונג פון בוך „אַ געשריי אין דער נאַכט", האָב איך איין פאַרענטפערונג פאַרוואָס איך האָב זי בכלל אריינגענומען און נאָך דערצו מיט אַ רעפּרעזענטאַנץ פון אַקטועלע, קורץ־אַטעמדיקע אויסגעשרייען: דאָס איז פאַר מיר אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט. די גרעסטע טייל פון די דאָזיקע געשרייען זענען נישט דערגאַנגען צום יידישן לייענער, ווייל זיי זענען געדרוקט געווען אין שאַנכייער יידישע אויסגאַבעס, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט פון אַ דרייסיק ביז אַ הונדערט פּופציק עקזעמפּלאַרן.

די דאָזיקע געשרייען, פון וועלכער זייט זיי זאָלן נישט קומען, זענען איצט דאָס וויכטיקסטע אין דער ממשלה פון אונזער געדרוקט וואָרט.

כ'האָב דאָס אפשר נישט געדאַרפט טון, אָבער כ'האָב דאָס געמוזט טון.

און אַז איך לייען זיך גוט אריין סיי אין די „תנך־אימפּראָוויזאַציעס", סיי אין די „קליינע עסייען אויף גרויסע טעמעס", דאַכט זיך מיר אַמאָל, אַז כמעט אַלץ, אַלץ, וואָס קומט אריין אין דאָזיקן בוך, איז „אַ געשריי אין דער נאַכט", צי אין דער נאַכט פון דער וועלט, צי אין דער נאַכט פון אונזער לעבן.

בלויז געציילטע, געציילטע נאָטיצן זענען ווי שטראַלן, וואָס פאַרבלאָנדזשען דורך געדיכטע וואָלקנס.

אפשר זענען **זיי** דאָ איבעריק?

י. ר.

מעלבורן, 30 אַפּריל, 1947.

אינהאלט

I תנך-אימפראָוויזאַציעס

א) וועגן תנך 5
ב) ביבל-קריטיק 11
ג) דער גורל פון יידישן פאָלק 14
ד) דאָס נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע 16
ה) די עפּאָפּייע פון טויזנט-יאָריקן קריג 22
ו) אליהו הנביא 27
ז) אוריה החתי און דוד המלך 34
ח) ירמיה 40
ט) אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן . . . 62
י) דער האַס פון תנך 72
י"א) די קלאַסישע געשיכטע פון קנעכטשאַפט . . . 78
י"ב) ס'איז אַזוי פּשוט 85
י"ג) יעקב און עשיו 87
י"ד) דער פּאַטאָס פון קנעכטשאַפט 92
ט"ו) די מענטשלעכע געשיכטע — אַ געשיכטע פון פייגנבלעטער 97
ט"ז) נישט קיין קוהלתדיקע געדאַנקען וועגן „קוהלת" . 100
י"ז) ביים לייענען „קוהלת" 104
י"ח) וועלט-שמערץ אין דער ביבל (איוב און קוהלת) . 109
י"ט) מגילת רות 115

כ) תנך־דיכטונג אלס געשיכטלעכע קוועלן 119
כ"א) דער תנך און זיינע מפרשים 123
כ"ב) אהיה אשר אהיה... 127
כ"ג) דער דור ־ הפלגה 129
כ"ד) דער ערשטער געבראכענער אפמאך 131
כ"ה) גאט פון אברהם... 133
כ"ו) קאמף פאר יידיש בלוט 135
כ"ז) די תוכחה 139
כ"ח) לויט זיין געשטאלט 140
כ"ט) דאס יובל־יאר 143
ל) פונקען 148
ל"א) מגילת אסתר (דער גלות אין תנך) 150
ל"ב) די שאנד־טאט פון גבעה 162

II קליינע עסייען אויף גרויסע טעמעס

א) וועגן דער פארביקייט פון אונזער געשיכטע . . 171
ב) וועגן דער מיסיע פון יידישן פאלק 175
ג) נאציאנאלע דעגענעראציע 179
ד) מען דארף אפבויען יבנה — אבער ווו? . . . 182
ה) ווער איז א גוטער ייד און וואס איז אזוינס יידישקייט 188
ו) צוריק צום אלטן סדר־היום? 197
ז) וועגן אנטיסעמיטיזם 202
ח) אויב דאס איז אנטיסעמיטיזם — בין איך אויך אן אנטיסעמיט 207
ט) וועגן יידישער אסימילאציע 210

י) די איינציקע עכטע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן . 213
י"א) וועגן דער קללה און ברכה פון אַרבעט 215
י"ב) ס'איז גאַנץ נאָרמאַל 219
י"ג) ביים לייענען הערצלען 221
י"ד) דאָסטאָיעווסקיס אַנטיסעמיטיזם 223
ט"ו) אין שייכות מיט מאַקס ריינהאַרדטס טויט . . . 231
ט"ז) לעגענדעס און דאָס חלומען אויף דער וואָר . . 253
י"ז) די אַנטוויקלונג פון קולטור — אַ זאַך פון
מעצענאַטן 258
י"ח) אברהם יוסף שטיבל און זיין פאַרלאַג 262
י"ט) דער גורל פון יידישן שרייבער 270
כ) דאָס געשריבענע און דאָס גערעדטע וואָרט . . . 276
כ"א) וואָרט־שענדער 278
כ"ב) דער „עם הספר" 281
כ"ג) קנאה 284
כ"ד) די פאָלקסטימלעכע באַוועגונג אין דער רוסישער
ליטעראַטור און אין דער יידישער 288
כ"ה) אַ סתירה 291
כ"ו) די „ירושה פון בלוט" 293
כ"ז) קולטור איז נישט קיין געשריבן בוך, נאָר
אַ געלעבט לעבן 299
כ"ח) די אייביקע טראַגעדיע 304
כ"ט) ציימן בייטן זיך 306
ל) אויף יענעמס חשבון 309
ל"א) די פולע געשיכטע פון דער מענטשהייט . . . 312
ל"ב) דער אייביקער קרייז 313

ל"ג) מיסברויכן 315
ל"ד) ווי־זשע אנדערש 318
ל"ה) ליטעראטור און לעבן 319
ל"ו) וועגן געשיכטע 320
ל"ז) א קורצער, אבער אויסשעפנדיקער דיאלאג . . . 323

III א געשריי אין דער נאכט

א) דאס בוך פון פוילישן יידנטום 327
ב) צום דריטן יארטאג פון סאמבערגס און שיפערס העלדישן טויט 334
ג) לאמיר ארויסרייסן ביי זיי אויך דעם דאזיקן זיג! . 341
ד) צום דריטן יארטאג פון געטא־אויפשטאנד . . . 348
ה) אן אפענער בריוו צו מרדכי שטריגלער . . . 353
ו) אן ענטפער אויף יוליאן טובימס „מיר, פוילישע יידן" 365
ז) אונזער הייליקער האס 374
ח) קול קורא במדבר... 394
ט) א משוגעים־הויז אדער א פארברעכער־אנשטאלט? 400
י) פון אויסן און פון אינעווייניק 419
נאכוואָרט 434